STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09615

ZIKHROYNES

Baruch Tsukerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך צוקערמאַן

זכרונות

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „אידישער קעמפער" און פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג

תשכ"ג ניו־יאָרק 1963

ZICHRONOS

(Memoirs)

By BARUCH ZUCKERMAN

Volume II

Copyright 1963 *by*
BARUCH ZUCKERMAN

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street, New York 3, N. Y.

253

אינהאַלט

אַריינפיר 9

אין די יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג.................... 13

דער פּרואוו פון דר. מאַגנעס צו שאַפן אַ קהילה אין ניו־יאָרק......... 28

אונזער ראָלע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג.................. 49

וויכטיקער בריוו־אויסטויש מיט לואי מאַרשאַל................ 77

אין פּיפּלס רעליף................................ 113

טיפע ענדערונגען אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום............ 146

באַזוכן אין איראָפּע אין פאַרבינדונג מיט דער רעליף־אַרבעט........ 159

אונזער ביישטייער צו דער ציוניסטישער אַרבעט אין צפון־אַמערקע.... 187

די באַוועגונג פאַרן אידישן לעגיאָן אין צפון־אַמעריקע............ 206

דער שאַרפער קאַמף אין דער פּאַרטיי וועגן דער שטעלונג צו דער מלחמה 231

די דערפאָלגרייכע אַרבעטן פונעם ספּעציעלן אַרבעטס־קאָמיטעט...... 250

בריוו וועגן דער פאַר־געשיכטע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין......... 285

די פּראָקלאַמירונג פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין.................. 304

דער כוח פון „מיזוג־ציוניזם"............................. 324

דער צווייטער באַנד פון מיינע זכרונות איז געווידמעט אויסשליסלעך מיין פרוי און חברטע

נינה אַברונין־צוקערמאַן

ווייל אין דעם באַנד דערצייל איך וועגן יענע איבער צוויי־צענדליק יאָר פון אונזער לעבן, ווען איך האָב מיך אינגאַנצן געווידמעט מיינע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעטן און זי האָט געטראָגן אויף זיך, אויסער דעם גזר פון עלנטקייט, אויך די הויפט־זאָרג פאַר דערציען אונזערע טעכטער און אָפטמאָל האָט זי אויך געטראָגן דעם עול פון פרנסה פאַר דער משפחה. אויב מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט געהאַט עפּעס אַ באַדייטונג, געהערט איר דער גאַנצער קרעדיט פאַר דעם.

אַריינפיר

איך רעכן, אַז דער בעסטער אַריינפיר צום צווייטן באַנד איז — דער ערשטער באַנד! פון די אָפּרופן פון חברים — און אויך פון דער קריטיק אין דער פרעסע — נעם איך אָן, אַז מיין באַשלוס צו שרייבן זכרונות איז געווען אַ באַרעכטיקטער. איך קען, נאַטירלעך, נישט וויסן וואָס פאַר אַ קבלת־פּנים דער צווייטער באַנד וועט באַקומען. אין ערשטן באַנד האָב איך דאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעגיסטרירן די צו־שאַרפע איינשטעלונג פון מיין זייט צו פערזענלעכקייטן און באַוועגונגען, קעגן וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו קעמפן. אמת, איך האָב דערציילט וועגן דער מלחמה וואָס אונז איז אויסגעקומען צו פירן קעגן דעם אופן, וויאַזוי די גרויסע אידייען פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם זיינען סערווירט געוואָרן דער אידישער אימיגראַנטן־מאַסע אין צפון־אַמעריקע; איך האָב אויך דערציילט ווי מיר האָבן געקעמפט קעגן דער גרינג־שעצונג, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפן צום ציוניזם, צו יעדער געדאַנק וועגן אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, צו דער אידישער קולטור און צו די אידישע צוקונפט־האָפענונגען. אָבער אויף אַט־די אַלע קאַמפן האָט נאָך געשוועבט די אומשולדיקע נאַאיוויטעט פון אונזערע גאַר־יונגע יאָרן. אין צווייטן באַנד דערצייל איך שוין וועגן אַ סך ערנסטערע צוזאַמענשטויסן, וואָס אונזער באַוועגונג בכלל, און איך בפרט, האָבן געהאַט מיט קעגנער פון פאַרשידענע ריכטונגען. איבער אַט־די צוזאַמענשטויסן האָט שוין מער נישט געשוועבט קיין אומשולדיקע נאַאיוויטעט — ווייל מיר האָבן געמוזט נעמען שטעלונג צו גרויס־היסטאָרישע דערשיינונגען אינעם אידישן לעבן פון דער גאָרער וועלט.

אויך ביים שרייבן דעם צווייטן באַנד האָב איך זיך באַמיט ווייטער צו בלייבן אַזוי ווייט אָביעקטיוו, ווי מיין געוויסן האָט מיר דיקטירט. איך בין אָבער נישט זיכער, אויב דאָס איז מיר אַזוי לייכט געלונגען, ווי אין ערשטן באַנד.

אין צווייטן באַנד דערצייל איך אויך וועגן געראַנגלען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פירן אַפילו מיט חברים אין דער אייגענער באַוועגונג. פאַרשווייגן זיי האָב איך נישט געטאָרט, ווייל דאָס וואָלט אַוודאי געווען אַ זינד קעגן דער אָביעקטיווקייט. צי האָט אָבער מיין עגאָ מיך נישט געשטרויכלט ביים מאָלן פּאָסירונגען? וועגן דעם קען איך נאָר באַהויפּטן, אַז איך האָב זיך באמת נישט צו זיין איינזייטיק. צי דאָס איז מיר לגמרי געלונגען, בין איך שוין גאָר נישט אַזוי זיכער. דאָס וועלן דאַרפן משפטן יענע חברים, וועלכע זיינען דאַן געווען פאַרמישט אין די ענינים און דער בורא עולם האָט זיי, אַזיוווי מיך, דערהאַלטן ביים לעבן.

* * *

שרייבנדיק מיינע זכרונות פאַרן צווייטן באַנד, איז מיר אויסגעקומען צו לייענען דאָס ספר „שדות ולב" פון חבר שמעון קושניר. דאָרט דערציילט חבר קושניר וועגן די קאָלאָסאַלע, מיט שטענדיקער מסירת-נפש-פאַרבונדענע אַקטיוויטעטן פון חבר אברהם הארצפעלד. האָב איך נישט איינמאָל אַוועקגעלייגט מיין פען אין מיטן שרייבן. מיך האָט פּשוט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל — איך שעם זיך נישט מודה צו זיין — פון קליינקייט: וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז דאָס וואָס איך האָב צו דערציילן, מיט דער עפּאָפּיי וואָס עס שילדערט אַזוי געלונגען חבר שמעון קושניר? וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צווישן מיין לעבן און דעם לעבן פון חבר אברהם הארצפעלד? זיינס איז געווען אַ לעבן, וואָס איז געווען כדאי! פון מיין הארץ האָט זיך געריסן אַ וואונטש, אַז זיי ביידן — סיי דעם חבר אברהם הארצפעלד, סיי דעם חבר שמעון קושניר; און די אַלע וואָס לעבן נאָך פון יענעם גרויסן דור — זאָל באַשערט זיין נאָך אַ סך יאָרן פון אַזעלכע התרוממות'דיקע אַקטיוויטעטן. אין פאַרגלייך מיט אַזאַ לעבן ווערט ממש פאַרבלאַסט אַלץ, וואָס אונז איז אויסגעקומען דורכצולעבן. דער דראַנג צו שרייבן ווייטער איז אין מיין געמיט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויב איך האָב אָבער פאָרט באַשלאָסן ווייטער צו שרייבן — איז עס צוליב עטלעכע מאָטיוון:

ערשטנס — זיינען פאָרט דאָ ענגע פאַרבינדונגען צווישן דעם, וואָס חבר קושניר דערציילט און דעם וואָס איך שרייב. מיר האָבן געהאַט פאַר זיך דעם זעלביקן ציל; זיי אין ארץ-ישראל און מיר אין צפון-אַמעריקע. „אַקערן מיטן נאָז" — ווי עס גייט דאָס פאָלקס-

ווערטל — האָבן מיר אין צפון־אַמעריקע געדאַרפט, פונקט ווי זיי אין ארץ־ישראל; און די ערד וואָס מיר האָבן געדאַרפט צעאַקערן איז געווען נישט ווייניקער פאַרדאַרט, פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטיי־נערט, ווי זייער ערד, אין ארץ־ישראל. אין זיינע גאָר־יונגע יאָרן, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיין אייגנאַרטיקע לעבנס־פרשה אין סיביר, איז חבר האַרצפעלדס וועג געגאַנגען דורך טייל ענלעכע סטאַציעס ווי מיין וועג; בעיקר טעלז און ווילנע.

צווייטנס — האָבן משפיע געווען די אָפטע דערמאָנונגען און דערמונטערונגען פון טייערן חבר שמואל באָנטשעק, אַז איך זאָל למען־השם שרייבן ווייטער.

דריטנס — די דערמוטיקונג וואָס איך האָב באַקומען פון מיין פרוי נינה און פון מיינע צוויי טעכטער אביבה און נעמי.

פערטנס — אַ גרויסע צאָל בריוו פון חברים, וואָס האָבן געבעטן, אַז איך זאָל ממשיך־זיין די ווייטערדיקע זכרונות. האָב איך גע־פאָלגט — און היינט, ערב ראש־השנה תשכ״ג, איז מיר ענדלעך געלונגען צו פאַרענדיקן דעם צווייטן באַנד.

* * *

די געשעענישן, וועגן וועלכע איך דערצייל דאָ, באַטראַכט איך ווי די וויכטיקסטע בלעטלעך, וואָס אונזער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע האָט אריינגעשריבן אינעם געשיכטלעכן סך־הכל, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע וועלט־באַוועגונג האָט צוגעטראָגן צו דער מאָדערנער אידישער געשיכטע; אַ סך־הכל, אין וועלכן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט דעם גרעסטן חלק. איך באַטראַכט זיי אויך ווי די וויכטיקסטע אַקטיוויטעטן פון מיין אייגן לעבן. איך פאַרענדיק אָט־דעם באַנד מיט דער אויפשטעלונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. אין עטלעכע ערטער פון אָט־דעם באַנד פרוביר איך דערקלערן פאַרוואָס איך באַטראַכט אָט־די דערגרייכונג אונזערע ווי די וויכטיקסטע. בעיקר דערצייל איך וועגן דעם אין קאַפּיטל „דער כוח פון ׳מיזוג ציוניזם׳״.

* * *

דער קבלת־פנים, וואָס אָט־דער צווייטער באַנד וועט באַקומען, וועט העלפן באַשטימען צי (און ווי שנעל) איך וועל קענען צוטרעטן שרייבן דעם דריטן באַנד. דערביי וויל איך אָנווייזן: סיי אינעם פעריאָד, וואָס ווערט באַשריבן אין ערשטן באַנד, סיי אינעם פעריאָד,

וואָס ווערט באַשריבן אין צווייטן באַנד, זיינען פאָרגעקומען וויכ־טיקע פּאַסירונגען, וועלכע איך האָב דורכגעלאָזן. זיי אַלע וועלן אַריינגעבראַכט ווערן אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל „דערגענצונגען", מיט וועלכן איך האָף אָנצוהויבן דעם דריטן באַנד. אינעם דריטן באַנד וועט אויך אַריינגעגעבן ווערן אַ „זוך־צעטל" פאַר אַלע דריי בענד. און נאָך עפּעס:

איך מיין, אַז שוין אין די ערשטע צוויי בענד איז געגעבן געוואָרן אַ גענוגנדיקער ענטפער אויף דער פראַגע וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געשטעלט וועגן מיר (זע „אַריינפיר" צום ערשטן באַנד זכרונות).

אַ גרויסער טייל פון די אַקטיוויטעטן וואָס ווערן באַשריבן אין אָט־די בענד, בעיקר אין צווייטן, האָבן צו טאָן מיט דער זאָרג פאַר די אידן אין גלות. זיי זיינען זיכער איינגעשלאָסן אין דעם טערמין וואָס חבר זשיטלאָווסקי האָט דאָן גענוצט — און מיר צוזאַמען מיט אים — „נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות". אויב מיר וועט באַשערט זיין אָנצושרייבן אויך דעם דריטן באַנד, וועט אָט־דער ענטפער נאָך ווערן אַ סך בולטער.

* * *

איך דריק אויס טיפע דאַנקבאַרקייט צו אַלע חברים — און צו מיין אייגענער משפּחה — וואָס האָבן מיך דערמוטיקט צו שרייבן דעם צווייטן באַנד. כ׳וויל אויך אויסדריקן מיין ספּעציעלע דאַנק־באַרקייט צו מיין חבר פאַר העכער 50 יאָר שמואל באַנטשעק און דעם יונגן חבר מרדכי שטריגלער. איך ווייס, אַז זיי האָבן נישט סובל געווען דעם אויסדרוק פון דאַנק צו זיי, וואָס איך האָב פאַר־צייכנט אין ערשטן באַנד זכרונות. אָבער מיין פליכט־געפיל זאָגט מיר, אַז נישט אויסדריקן זיי ווידעראַמאָל הארציקע אָנערקענונג פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן צו דערמעגלעכן, אַז דער צווייטער באַנד זכרונות זאָל דערשיינען, וואָלט געווען אַן אַקט פון אומגע־רעכטיקייט פון מיין זייט.

איז ווידעראַמאָל: מיין טיפסטער דאַנק זיי ביידן.

ברוך צוקערמאַן

ירושלים, ערב ראש־השנה, ה׳תשכ״ג

אין די יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג

א.

דעם ערשטן באַנד זכרונות האָב איך פאַרענדיקט מיטן יאָר 1911. איידער איך הויב אָן דערציילן וועגן אונזערע גרויסע פאַרמעסטן גלייך נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאַרף איך שילדערן בקיצור די געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען במשך די קאַרגע דריי יאָר: פון סוף זומער 1911 ביזן אויסברוך פון וועלט־קריג אין אויגוסט 1914. אין אָט־די יאָרן האָט די באַוועגונג אַדורכגעמאַכט אַ קריזיס, וואָס האָט זיך געצויגן קנאַפּע צוויי יאָר. ערשט אינעם סאַמע־לעצטן יאָר פאַר דער מלחמה האָט די באַוועגונג אָנגעהויבן שטייגן פונדאָסניי באַרג אַרויף.

דער קריזיס האָט זיך שוין באַוויזן זומער 1911. ער איז זייער קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר חבר הירש עהרענדרייך אויפן 6טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר („קאָנווענשאָן"), וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעטראָיט, אָקטאָבער 1911. איך בין דאַן נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון אונזער דריטער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווין, אויגוסט 1911 (זע אין ערשטן באַנד זכרונות, זייט 363 און ווייטער). איך בין דווקא געקומען אָנגעלאָדן מיט פרישער איבערגעגעבנקייט צו אונזער אידעאַל און מיט נייער ענערגיע זיך אַריינצוואַרפן אין דער אַרבעט. אָבער כ'האָב געטראָפן אונזערע בעסטע חברים אין אַ געדריקטער שטימונג, צוליב עטלעכע סיבות:

ערשטנס, האָט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג דאַן אַדורכגעמאַכט אַ ביטערע צייט. ס'איז שוין דאַן קלאָר געוואָרן, אַז דער ציוניזם קען פון דער נייער טערקישער רעגירונג נישט דערוואַרטן קיין בעסערע באַציאונג ווי די, וואָס ער האָט באַקומען פון אַבדול האַמיד; אפשר נאָך אַן ערגערע. דעם 10טן ציוניסטן־קאָנגרעס איז נישט געלונגען צו הויבן די שטימונג. פאַרקערט! עס האָט זיך פון יענעם קאָנגרעס אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון די פריערדיקע קאָנגרעסן. אמת, אויף אָט־דעם קאָנגרעס איז געשטאַרקט געוואָרן די פּאָזיציע פון די „פּראַקטישע" ציוניסטן (די וועלכע האָבן געוואָלט קאָנצענטרירן

דעם מאַקסימום ענערגיע אויף בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל און וואָס־וויי־ניקער זיך באַשעפטיקן מיט פּאָליטישע אוידיענציעס בחצרות מלכים). אָבער די דאָזיקע נייע ליניע האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצוטאָן עפּעס ממשות׳דיקס אין ארץ־ישראל. די גאַנץ־קליינע דערגרייכונגען האָבן זיכער נישט געקענט היילן די וואונדן, וואָס דער טויט פון ד״ר הערצל האָט געעפנט אינעם גאַנצן ציוניסטישן אָרגאַניזם. נאָך וויי־ניקער זיינען פאַרהיילט געוואָרן די וואונדן, וואָס די טרויעריקע אוגאַנדאַ־פּרשה האָט אַריינגעבראַכט אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג. דער מענטש פון גרויסער וויזיע און פּערזענלעכן גלאַנץ איז מער נישט געווען. דוד וואָלפסאָן איז געווען זייער אַ קאַראַקטער און אָנגענעמער מענטש. אָבער זיין היסטאָרישער גורל האָט אים אַרויפגעזעצט אויף הערצלס שטול, אָן הערצלס צויבער און אָן זיין חזון. נאַטירלעך האָט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג געפילט זייער דערשלאָגן; און מיט איר — אויך די פּועלי־ציון פון צפון־אַמעריקע.

ב.

די דעטראָיטער קאָנווענשאָן האָט ריכטיק אָפּגעשפּיגלט אָט־דעם געמיטס־צושטאַנד. עס איז אויך צוגעקומען אַ ספּעציעלער און אייגענער וויטיק: „דער אידישער קעמפער״ — דער שטאָלץ פון אונזער באַוועגונג — האָט געמוזט (צוליב געלט־מאַנגל) געשלאָסן ווערן. אַוודאי האָבן מיר אַלע געהאָפט, אַז דאָס וועט נאָר זיין צייטווייליק. אָבער אונזערע הערצער האָט געפּייניקט דער ספק, אויב מיר וועלן אים נאָך קענען באַנייען; און אַפילו ווען דאָס איז בלויז צייטווייליק — ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס וועט זיך ציען. אָט־דער פאַקט האָט נאָך פאַרשטאַרקט די געדריקטקייט פון אונזערע געמיטער. חבר עהרענרייך, וואָס האָט איבערגעגעבן דעם באַריכט וועגן דער לאַגע, האָט נישט געוואָלט פאַרבאַרגן קיין זאַך.

למען האמת דאַרפן צוגעגעבן ווערן נאָך צוויי סיבות פאַרן קריזיס, וואָס חבר עהרענרייך האָט נישט דערמאָנט: ערשטנס, טעאָרעטישע ספיקות. אין יענע יאָרן האָבן די אידישע אַרבעטער אין צפון־אַמעריקע אָנגעהויבן שטעלן ריזן־שריט. זייער צאָל האָט געהאַלטן אין שטענדיקן שטייגן. דווקא אין די יאָרן צווישן 1908 און 1911 האָבן זיי דורכגעמאַכט גרויסע און דערפאָלג־רייכע שטרייקן. דאָס האָט עפּעס נישט געשטימט מיט דער טעאָריע פון דעפּראָלעטאַריזאַציע (די טעאָריע, אַז אין גלות קענען די אידישע מאַסן זיך נישט פּראָלעטאַריזירן), וואָס אויף איר האָבן טייל חברים — געקומענע פון רוסלאַנד — באַזירט זייער פּועלי־ציוניזם (מיין אייגענע איינשטעלונג צו

אַט־דער דערשיינונג האָב איך דערקלערט אין ערשטן באַנד זכרונות, זייט 243 און ווייטער).

צווייטנס, אַ סך פון יענע חברים האָבן דאַן אָנגעהויבן אַדורכלעבן אַן אַנטוישונג, ווייל אין צפון־אַמעריקע האָט זיי געפעלט דער צויבער פון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין רוסלאַנד; און אַט־דער צויבער איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, וואָס האָט זיי בכלל אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. זיי האָבן דעריבער אָנגעהויבן פאַרלירן דעם אינטערעס אין דער פּאַרטיי און זיך גענומען אָפּגעבן מיט פּערזענלעכע קאַריערעס, פאַר וועלכע זיי האָבן פּלוצים דערזען גרויסע מעגלעכקייטן. אויך אַט־די סיבות האָבן געהאָלפן באַשאַפן אַ געדריקטע שטימונג אין דער פּאַרטיי. אַלע מיינע באַמיאונגען אויפצוהויבן די שטימונג פון די דעלעגאַטן, דורך מיין אָפּטימיסטישן באַריכט פון אונזער וועלט־קאָנפערענץ, האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן.

ג.

אַ רעכט ביסל פּעסימיזם האָט אויך צוגעטראָגן די געדריקטע שטימונג, וואָס האָט דאַן געהערשט אין דעטראָיט צוליב אַ שווערער איבערלעבונג, וואָס האָט אָנגעריירט די גאַנצע אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. היות ווי דעטראָיט איז געווען אַ שטאָט פון אַרבעטער (די גרעסטע טייל פון איר באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אמתע פּראָלעטאַריער), האָט די שווערע געשעעניש פאַרכאַפּט כמעט אַלעמען.

אין לאָס־אַנדזשעלעס איז דאַן פאַרגעקומען דער משפט איבער די מעק־נאַמאַראַ־ברידער. די מעקנאַמאַראַס זיינען געווען די אָנפירער פון אַ גרויסן שטרייק פון אייזנגיסער. זיי זיינען אויך געווען די וויכטיקסטע פירער פון דער לאָקאַלער אייזנגיסער־יוניאָן. דער שטרייק איז געווען זייער אַ פאַר־ביסענער פון ביידע צדדים. די בעלי־בתים זיינען געווען פון די סאַמע־רעאַקציאָנערסטע, וואָס די אַמעריקאַנער שווערע אינדוסטריע האָט געקענט. די אַרבעטער ווידער זיינען שוין דאַן געווען אַ רעכט ביסל אַדורכגענומען פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג אין דער נייער באַוועגונג פון די „אינ־דאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד“, כאָטש די אייזנגיסער־יוניאָן איז גע־ווען אַ באַנאַפידע יוניאָן פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר“. ס׳איז קיין שום ספק ניט, אַז די רעאַקציאָנערע באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן לגמרי די לאָקאַלע אייזנגיסער־יוניאָן. זיי האָט שטאַרק געהאָלפן, אין דער העצע קעגן דער יוניאָן און קעגן די שטרייקערס, דאָס גרויסע לאָקאַלע טאָגבלאַט „לאָס־אַנדזשעלעס־טיימס“. עטלעכע חדשים פאַר אונזער קאָנוועג־

שאָן אין דעטראָיט איז דאָס הויז פון דער „לאָס־אַנדזשעלעס־טיימס" אויפֿגעריסן געוואָרן פון אַ באָמבע. אינעם אויפרייס זיינען אומגעקומען 17 מענטשן. די בעלי־בתים האָבן באַשולדיקט די ברידער מעקנאַמאַראַ אין וואַרפן די באָמבע. אין זייער צאָרן האָבן זיי ממש פאַרלאָרן די קעפּ.

זיי האָבן מסתמא חושד געווען, אַז די ברידער מעקנאַמאַראַ וועלן אַנטלויפן פון לאָס־אַנדזשעלעס, האָבן זיי גענומען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט און האָבן ביידע ברידער פשוט געקידנעפּט. מען האָט זיי געשטעלט צום געריכט, וואָס האָט ביידן דערקלערט פאַר שולדיק. איינער פון זיי האָט באַקומען לעבנסלענגלעכע תפיסה און דער צווייטער — 15 יאָר.

ווען אונזער קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז פונקט פאָרגעקומען זייער משפט. דאָס גאַנצע לאַנד, בפרט די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט, האָט געשטורעמט. דער צאָרן איז בעיקר געווען קעגן דעם אופן ווי מען האָט זיי געבראַכט צום משפט — דורך קידנעפּן. אין דעטראָיט האָט מען ממש נישט געהערט פון קיין אַנדער שמועס, ווי נאָר וועגן די מעקנאַמאַראַ־ברידער. נאַטירלעך האָט עס אויך פאַרכאַפּט אונזערע חברים. איז שווער געווען צו קאָנצענטרירן זיך אויף עפּעס אַנדערש.

ד.

אין וויניקער ווי אַ האַלבן יאָר שפּעטער, אָנהויב אַפּריל 1912, איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט. חבר ה. עהרענרייך האָט אינפאָרמירט, אַז דער קריזיס אין דער פּאַרטיי האַלט נאָך אָן — הגם אייניקע פאַראייניגן, סיי אין ניו־יאָרק און סיי איבערן לאַנד, זיינען אַ ביסל שטאַרקער געוואָרן. אַ מער־ליכטיקן פונקט אויף אָט־דעם פּאַרטיי־ראַט האָט אַריינגעבראַכט דער באַריכט פון אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, וואָס זיין סעקרעטאַר איז שוין דאַן געווען חבר שמואל באַנטשעק. ער האָט אָנגעהויבן פירן די אַרבעט מיט אַ פיל־גרעסערן פאַרנעם ווי זי איז געפירט געוואָרן ביז דאַן. נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער, נישט־געהויבענער שטימונג, איז דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט געלונגען צו פאַרטאָפּלען זיינע הכנסות אין פאַרגלייך מיטן האַלבן יאָר פאַר דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן.

ה.

אַ צווייטער פּאַרטיי־ראַט — במקום אַ קאָנווענשאָן — איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע (סעפּטעמבער 1912). חבר עהרענרייך האָט איבערגעגעבן, אַז די פּאַרטיי האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון קריזיס. אמת,

ער האָט אָנגעוויזן אויף וויכטיקע אַרבעטן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן במשך דעם לעצטן האַלבן יאָר. כמעט אַלע פאַראייניגן אין לאַנד זיינען באַזוכט געוואָרן דורך מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, בכדי זיי צו העלפן באַפרייען זיך פון די קריזיס־שטימונגען. די באַזוכער זיינען געווען די חברים דוב אַבערסאָן, ישראל אַפּעלבוים, קלמן מרמר, קריטשמאַר־יזרעאלי (ער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אָנגעקומען פון ארץ־ישראל און פון טערקיי, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ צייט און האָט געהאָלפן די פאַרטרעטער פון דער דעמאָלטיקער ציוניסטיש־צענטראַלער דירעקציע אָנפירן איר אַרבעט, בעיקר מיט זיינע זשורנאַליסטישע אַקטיוויטעטן), חבר עהרענרייך אַליין און דער שרייבער פון אָט־די זכרונות. אַ קענטיקע אויפלעבונג מערקט זיך אומעטום, אָבער אין טייל פלעצער הערשט נאָך אַ רעכט־ביסל אַפּאַטיע.

אויך די באַריכטן פון ארץ־ישראל האָבן אָנגעהויבן ווערן מער אָפּטימיסטיש. די ביורא פון פאַלעסטינע אַרבעטער פאַנד (אין ארץ־ישראל האָט עס געהייסן „קפא״י״ — קופּת פועלי ארץ ישראל) האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן. זי האָט שוין באַוויזן אויפצושטעלן עטלעכע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. אין צפון־אַמעריקע האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן מעלדן אַ צאָל חברים, וועלכע האָבן געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אויך דאָס האָט געהאָלפן הויבן אַביסל די שטימונג. פונקט אַזוי האָט גוט געווירקט די מעלדונג וואָס איז געבראַכט געוואָרן צום פאַרטיי־ראַט, אַז גאָר אין גיכן וועט אונז באַזוכן חבר זרובבל פון ארץ־ישראל. ער איז טאַקע געקומען אין אָקטאָבער 1912. שוין דער קבלת־פּנים פאַר אים האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע שטימונג און געהויבן דעם מוט פון חברים. זיין טור איבערן לאַנד האָט צוגעהאָלפן פאַרטרייבן די לעצטע סימנים פונעם קריזיס. במשך פון קומענדיקן יאָר זיינען צוגעקומען נייע פאַראייניגן איבערן לאַנד; די אַרבעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוואַקסן; די אַרבעט אַרום אונזערע שולן האָט אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן אַ סך מער חברים און האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט אויך ניט־חברים; און טייל פון זיי זיינען דערנאָך אַריינגעטראָטן אָדער אין דער פאַרטיי, אָדער אין פאַרבאַנד.

אין אָקטאָבער 1913, ווען ס׳איז אין פּיטסבורג אָפּגעהאַלטן געוואָרן די 7טע קאָנווענשאָן פון דער פאַרטיי, האָט שוין געהערשט גאָר אַן אַנדער שטימונג.

ז.

שוין ביי דער דערעפענונג איז אָנגעשלאָגן געוואָרן דער ריכטיקער טאָן. דער פאָרזיצער איז געווען חבר ד״ר חיים פיינמאַן. ער האָט זיך נאָרוואָס

אומגעקומען פון דער 4טער פועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָר־געקומען מיט צוויי חדשים פריער (אין אויגוסט 1913) אין קראָקע. ד״ר פיינמאַן צוזאַמען מיט זיין פרוי סימע און חבר הירש עהרענרייך, האָבן דאָרט פאָרטראָטן די אַמעריקאַנער פועלי־ציון. חבר פיינמאַן האָט געעפנט די פאַרטיי־קאָנווענשאַן מיט אַ גאַנץ־אָפּטימיסטישן באַריכט פון דער וועלט־קאָנפערענץ. די פועלי־ציון פאַרטייען אין דער גאַרער וועלט זיינען זיך גאָר־פיין צעוואַקסן. אין רוסלאַנד און פוילן זיינען זיי געוואָרן אמת'ע מאַסן־באַוועגונגען; אויך אין גאַליציע און רומעניע האָבן די פועלי־ציון פאַרטייען פאַרנומען גאַנץ קענטיקע פּלעצער אינעם אידישן לעבן. אויך אין ארץ־ישראל האָט די פועלי־ציון פאַרטיי אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ מער־בולט'ן אָרט אין דער אַרבעטערשאַפט. די אַקטיוויטעטן פון דער ביוראָ פון פּאַלעסטינאַ־אַרבעטער פאָנד האָבן איר צוגעגעבן פּרעסטיזש. די פאַרטיי האָט אויך געהאַט אַ גאָר וויכטיקן חלק אין די ערשטע שריט פון „השומר״ אין ארץ־ישראל. די ערשטע העלדישע מעשים פון „השומר״ האָבן אָפּגעקלונגען אין גאַנץ ארץ־ישראל. דאָס האָט געבראַכט כבוד די פועלי־ציון אין לאַנד און אויך פאַרשאַפט גרויס כבוד די פועלי־ציון אין דער גאַנצער וועלט.

מיך האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטימט צו האַלטן די אָפיציעלע דערעפענונג־רעדע אין זיין נאָמען. די הויפּט־פּונקטן אין מיין רעדע זיינען גאָר געווען דריי אזכרות: א) אַן אזכרה אויף די 50 בולגאַרישע פועלי־ציון חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אינעם באַלקאַנישן קריג, דער „פאָרשפּיל״ צו דער ערשטער וועלט־מלחמה. ב) איך האָב מספיד געווען דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן פירער אויגוסט בעבעל, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ קורצער צייט פריער. איך האָב געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין פערזענלעכקייט — ווי ווייט זי איז מיר געווען באַקאַנט דורך זיינע שריפטן, וועלכע איך האָב באַוויזן צו לייענען. איך האָב גערעדט וועגן דער אבדה וואָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געליטן און וואָס האָט אויך פאַר'אבל'ט די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ג) איך האָב מזכיר געווען דעם אידישן פּאָעט אליקום צונזער, וואָס איז געשטאָרבן כמעט אין דער זעלביקער צייט. איך האָב גערעדט וועגן זיינע לידער, וואָס מיר האָבן אַלע געזונגען. זיי האָבן זיכער געהאָלפן פאַרמירן אונזער גייסטיק געמיט, וואָס האָט אונז געפירט צום פועלי־ציוניזם. איך האָב זיך טאַקע באַמיט צו געבן אַן איבער־בליק פון דער אידישער לאַגע אין דער גאַרער וועלט און בעיקר אַרויסגע־בראַכט צוויי געשעענישן, מיט וועלכע די נשמות פון אַלע אידן זיינען דאַן

געווען אַדורכגעדרונגען: דעם בלוט־בלבול קעגן מענדל בייליס און דער אַנטי־אידישער באָיקאָט אין פּוילן.

דעם באַריכט וועגן די טעטיקייטן אינעם אָפּגעלאָפענעם יאָר האָט גע־געבן דער גענעראַל־סעקרעטאַר חבר הירש עהרענרייך. ער האָט דערציילט וועגן די טעטיקייטן אויפן דערציאונגס־געביט; די צאָל שולן זיינען במשך פונעם יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן. דער וואוקס פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבע־טער־פאַרבאַנד איז אַ צופרידנשטעלנדיקער. ער האָט דערציילט וועגן דעם אָנטייל פון פּועלי־ציון אין סטרייק־אַקציעס איבערן לאַנד; וועגן דעם געלונ־גענעם טור פון חבר זרובבל; וועגן די באַזוכן אין לאַנד וואָס זיינען דורכ־געפירט געוואָרן דורך חבר ד״ר נחמן סירקין, ישראל אַפּעלבוים, מאיר בראון, ראובן קענדזשערסקי, חבר עהרענרייך אַליין און דער שרייבער פון אָט־די שורות. ביי דער געלעגנהייט האָט ער איבערגעגעבן, אַז מיין בראָשור „וועגן פּועלי־ציוניזם״ איז גוט פאַרשפּרייט געוואָרן. די דערפרייענדיקסטע ידיעה, וואָס ער האָט געבראַכט דער קאָנווענשאָן, איז געווען, אַז עס ווערן געמאַכט אַלע הכנות צו באַנייען דעם „אידישער קעמפער״.

זייער אַ פריילעכער באַריכט איז אָפּגעגעבן געוואָרן דורך חבר שמואל באַנטשעק וועגן דער אַרבעט פון דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. דאָס לעצטע יאָר האָט ווידער געבראַכט אַ באַדייטנדיקן אויפשטייג סיי אין הכנסות, סיי אין דער פאַראינטערעסירטקייט מצד וואָס־מער חברים און סימפּאַטיקער. ער האָט איבערגעגעבן פּרטים פון די פּראַקטישע אַרבעטן וואָס דער פּאַלעס־טינע־קאָמיטעט האָט דורכגעפירט אין פאַרבינדונג מיטן זרובבל־טור. ער האָט אויך דערציילט, אַז דער קאָמיטעט שטייט אין פאַרבינדונג מיט 68 שטעט אין צפון־אַמעריקע (איינשליסנדיק קאַנאַדע).

דער וויכוח אַרום די באַריכטן האָט באַרירט אַלע פּונקטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די רעדעס פון אַלע פיר חברים: חיים פיינמאַן, הירש עהרענרייך, שמואל באַנטשעק און מיין ווייניקייט. אַלע דעלעגאַטן האָבן אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט, וואָס אין דער פּאַרטיי הערשט ווידער אַן אָפּטימיסטישע שטימונג. אַלע פאָרשלאָגן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון די באַריכט־אָפּגעבער, זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. בלויז וועגן איין פּונקט איז פאָרגעקומען גאָר אַ שאַרפער וויכוח.

חבר עהרענרייך האָט אין זיין באַריכט פאָרגעשלאָגן, אַז דער קומענ־דיקער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל אויסקלייבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנהויבן פירן אונזער פּראָפּאַגאַנדע אויך אין דער ענגלישער שפּראַך. פאַרן פאָרשלאָג האָבן גערעדט, אויסער דעם חבר עהרענרייך, די חברים נחמן

סירקין, חיים פיינמאַן און דער שרייבער פון די שורות. קעגן דעם זיינען אַרויסגעטראָטן די חברים קלמן מרמר, ישראל אַפּעלבוים, מאיר בראַון און ה. באַזין. די אינטערעסאַנטסטע רעדע האָט געהאַלטן חבר באַזין. פון אים האָט אַרויסגערעדט די נשמה פון אַ פאָלקס־מענטש, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן אונזערע אייגענע קולטור־כלים; בעיקר צו דער אידישער שפּראַך. ער האָט געזאָגט: איך ווייס, אַז סוף־סוף וועלן מיר עס מוזן טאָן. אָבער לאָזט אונז דערווייל לעבן אין דער פּאַרטיי מיט אונזער אידיש. אוודאי דאַרפן מיר אַליין זאָרגן צו קענען העברעאיש און לערנען העברעאיש אונזערע קינדער. אַז זיי זאָלן קענען ענגליש — וועט שוין זאָרגן די אַמעריקאַנער פאָלקס־שול און דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער לעבן. מיר אַליין מוזן דערווייל ווידמען אונזערע הויפּט־כוחות דער אידישער שפּראַך.

דער פאָרשלאַג וועגן אַן ענגלישן פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געוויילט אַזאַ קאָמיסיע מיט חבר פיינמאַן ווי איר פאָרזיצער.

אויף דער גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג לכבוד דער קאָנווענשאָן האָבן גערעדט: ד״ר נחמן סירקין, פּראָפעסאָר פיינמאַן, קלמן מרמר, מאיר בראַון און איך. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען אויפגעטראָטן באַגריסער פון אַ ריי קערפּערשאַפטן: פון דער פּיטסבורגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון ברענטש 4 פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פון דער לאָקאַלער, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. עס זיינען אויך אויפגעטראָטן פאָרטרעטער פון דער שניידער־יוניאָן און פון דער קאַפּן־מאַכער יוניאָן. צוויי באַגריסונגען האָבן אַרויסגערופן שטאַרקע באַגייסטערונג: די ערשטע — פון דער סטאָגי מייקערס יוניאָן („סטאָגי״ איז אַזאַ מין לאַנגער, דינער סיגאַר, וואָס איז בעיקר פּראָדוצירט געוואָרן אין פּיטסבורג). דער פאָרטרעטער פון אָט־דער יוניאָן האָט באַגריסט די קאָנווענשאָן אין נאָמען פון צוויי טויזנט פאַך־אַרבעטער. ער האָט געדאַנקט די פּיטסבורגער פועלי־ציון פאַר דער הילף בעת זייער לעצטן סטרייק. די צווייטע באַגריסונג איז געקומען פונעם פאָרטרעטער פון פּיטסבורגער ברענטש פון אידיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, גענאָסע דזשוליוס ווייסבערג. ער האָט געענדיקט זיין באַגריסונג מיט דער האָפענונג, אַז אויף דער אידישער גאַס וועט פונקציאָנירן איין פאַראייניקטע אידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיינע „גענאָסן״ זיינען שפּעטער נישט געווען אַזוי צופרידן מיט זיין אויפטריט. אָבער ביי יענער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט ער אַרויסגערופן גרויס בייפאַל.

די אַלע באַגריסונגען האָבן פאַרוואַנדלט די גרויסע פאַרזאַמלונג אין אַ

גאַר־אימפּאָזאַנטער דעמאָנסטראַציע פאַר אונזערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאַלן און פאַר אונזערע אַקטיוויטעטן. די באַגייסטערונג האָט דערגרייכט דעם הויך־פּונקט ווען נאָך דער באַגריסונג פון דעם פאַרטרעטער פון אונזער פּיטסבורגער שול האָט חבר עהרענרייך פאָרגעלייענט די בריוו, וואָס אונזער „פאַרבאַנד" האָט באַקומען פון יצחק לייבוש פּרץ און יעקב דינעזאָן, באַגריסנ־דיק און בענטשנדיק דעם פאַרבאַנד פאַר די קינדער־ביכלעך וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן פאַר אונזערע קינדער־שולן. די בריוו האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ ברכה פאַר אונזער אַרבעט אויפן געביט פון אידישער דערציאונג.

ז.

די פּיטסבורגער קאָנווענשאָן האָט אַריינגעבראַכט נייע ענערגיע אין דער פּאַרטיי און האָט געגעבן גרויס דערמוטיקונג פאַר אונזערע אַקטיוויטעטן, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אינעם לעצטן יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך וועל פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ שילדערונג פון חבר עהרענרייך — וועגן מצב פון דער פּאַרטיי און פון דער באַוועגונג — אין אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אינעם נומער 20 פון דעם דאַנ־אַרויסגעגעבענעם פּועלי־ציון־בולעטין (דערשינען אין יוני 1914, פּונקט זעקס וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה). חבר עהרענרייך שרייבט:

„די פּאַרטיי איז לעצטנס רייכער געוואָרן מיט זעקס הונדערט נייע מיטגלידער. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן נייע צוועלף פאַראיינען; פינף פון זיי אין שטעט וואו ביז־איצט האָבן קיין פּאַרטיי־פאַראיינען נישט עקזיסטירט. 70 פּראָצענט פון די נייע חברים האָבן פריער צו קיין פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע נישט געהערט. די איבעריקע האָבן אַמאָל געהערט צו דער פּאַרטיי, אָבער צוליבן דורכגעלעבטן קריזיס האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן. איצט זיינען זיי צוריקגעקומען. צווישן די צוריקגעקומענע זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן געטראַכט, אַז דער „פאַרבאַנד" וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער פּאַרטיי. איצט ווילן זיי דאָס אַליין נישט. זיי בענקען נאָך דער פּאַרטיי און נאָך ספּעציעלער פּאַרטיי־טעטיקייט. אַ טייל פון די נייע חברים זיינען אַריבערגעקומענע פון אייראָפּע און זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פרישע באַגייסטערונג, וואָס ווירקט אויף אויך די אָפּגעשטאַנענע חברים.

„דער וואַנדער־שטראָם האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע צאָל יונגע מענטשן, וועלכע בענקען שטאַרק נאָך געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. זיי

האָבן דאָס געזוכט צו געפינען אין קולטורעלע, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קלובן; אָבער דאָס שטעלט זיי נישט צופרידן. די ניי־געקומענע זיינען ס'רוב נאַציאָנאַל־געשטימט און זיי ציען זיך צו די פועלי־ציון.

„כמעט אַלע פאַראיינען האָבן זיך פאַרגרעסערט. שיקאַגאָ האָט גובר געווען איר אינערלעכן קריזיס. אין ניו־יאָרק זיינען אַנטשטאַנען צוויי נייע פאַראיינען. כמעט אַלע פאַראיינען האָבן געפייערט דעם ערשטן מאַי, טיכטיק געאַרבעט פאַר די סטרייקנדיקע קוילן־גרעבער אין קאָלאָראַדאָ".

ח.

אַזוי איז געווען דער מצב אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל און אין דער פאַרטיי בפרט, ווען עס האָט אָפּגעהילכט אויף דער גאַנצער וועלט דער שאָס פון סאַראַיעוואָ, וואָס האָט דער'הרג'עט דעם עסטרייכישן קרוין־פּרינץ. עטלעכע וואָכן דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן די גרויסע אייראָפּעאישע מדינות האָבן נישט געבראַכט צו קיין אויסגלייך. דער אָנגעזאַמלטער פּאָליטישער דינאַמיט האָט אויפגעריסן און די מענטשהייט איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם בלוטיקסטן — ביז־דאַן — קאָנפליקט פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דער דאָזיקער בלוט־שטראָם, וואָס האָט דאַן אַרויסגעפּלאַצט, איז נאָך נישט פאַרהאַלטן געוואָרן אַפילו היינט, אין 1962, ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן. פאַרקערט; אויפן האַלז פון דער גאַנצער מענטשהייט הענגט איצט אַ פיל־שאַרפערער חלף, ווי אין 1914. דורך דער צייט האָט דער מענטשלעכער געניוס באַוויזן צו אַנטפּלעקן אַזעלכע מערדערלעכע וואָפן, וואָס אויב זיי זאָלן, חלילה, אַקטיוויזירט ווערן אין די קאָנפליקטן וואָס גייען נאָך אָן אין דער מענטשהייט, וועט די גאַנצע מענטשהייט, מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף אונזער ערד, חרוב ונחרב ווערן.

אָבער סיי די מענטשהייט, סיי דאָס אידישע פאָלק האָבן ממשיך געווען זייער לעבן צווישן 1914 און 1962. במשך אָט־דער צייט זיינען פאַרגעקומען, סיי אין דער מענטשהייט בכלל און סיי אין אידישן פאָלק בפרט, גרויסע, שטורמישע און רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אין זיי האָט אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג געשפּילט, אָפט אַ באַשיידענע, אָפט אַביסל אַ מער־קענטיקע ראָלע. מיט אָט־די טעטיקייטן בין איך געווען פאַרנומען די קומענדיקע פאַר צענדליק יאָר; און וועגן זיי וועט דערציילט ווערן אין די וויטערדיקע קאַפּיטלעך.

ט.

יעדער דענקענדיקער מענטש האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּנים פון דער גאַנצער מענטשהייט וועט געביטן ווערן, ווי אַ רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה. קיינער האָט נישט געקענט זאָגן פאָראויס, וויאַזוי דאָס נייע פּנים וועט אויסזען. עס איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז אַ סך פּראָבלעמען — וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער מענטשהייט, איידער דער קריג האָט אויסגעבראָכן, און די נייע גרויסע פּראָבלעמען, וואָס די מלחמה גופא וועט אַרויסברענגען — וועלן פאָדערן ענטפערס. פּונקט אַזוי איז פאַר טראַכטנדיקע אידן קלאָר געוואָרן, אַז סיי די שוין־פאַראַנענע אידישע פּראָבלעמען און סיי די נייע, וועלכע די מלחמה וועט ברענגען, וועלן פאָדערן אַ לייזונג.

מיט אַלע אונזערע חושים האָבן מיר דערפילט, אַז אַ נייע קאַטאַסטראָפע איז באַפאַלן די גאַנצע מענטשהייט. אויך דעם אידישן פאָלק וועט אויסקומען צו ראַנגלען זיך סיי פאַר זיין פיזישן, סיי פאַר זיין גייסטיקן קיום. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרטיפן אין דער לאַגע. די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען נאָך נישט געווען פאַרוויקלט אין קריג. ערגעצוואו האָט געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז מיר וועלן אין דער מלחמה נישט אַריינגעצויגן ווערן. מיר האָבן דעריבער גוט געוואוסט, אַז אַלע נאַציאָנאַל־אידישע פּראָבלעמען — וואָס די מלחמה וועט אָדער פאַרשאַרפן, אָדער אַליין אַרויסרופן — וועלן מיר דאַרפן באַגעגענען דאָ, אין אַמעריקע גופא. האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַרומ־קוקן; זען, וועלכע כוחות עס וועלן קענען מאָביליזירט ווערן פאַר דער צוקונפט. מיר האָבן אָנגעהויבן איבערקוקן אונזער אייגענעם מענטשלעכן פאַרמעגן און אויך גענומען טראַכטן וועגן אַריבערברענגען אַהער אונזערע פירנדיקע חברים פון אייראָפּע, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער מלחמה. מיר האָבן אַפילו געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט אַריבערצוברענגען פירנדיקע חברים פון ארץ־ישראל. וועגן אָט־די אַלע פראַגן האָבן מיר נישט אויפגעהערט טראַכטן במשך די וואָכן, וואָס די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען זיינען אָנגעגאַנגען. אָבער נאָך טיפער האָבן מיר זיך קאָנצענטרירט אַרום זיי נאָך יענעם פינסטערן טאָג, ווען מיר האָבן דערזען אויף די ערשטע זייטן פון אַלע צייטונגען איין שוואַרץ וואָרט פון דריי אותיות: WAR. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די טאָג־און־נאַכט זיצונגען פון אונזער צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן צוזאַמען נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונגען און בשותפות געזוכט וועגן, וועלכע זיינען פאַר אונז אָפן, בכדי מיטצואווירקן אין די אַנטוויקלונגען וואָס וועלן מוזן קומען.

די לאַגע אין אונזער אייראָפּעאישן פאַרבאַנדס־ביוראָ איז געווען אַזאַ:

דעם חבר שלמה קאַפּלאַנסקי האָט דער קריג־אויסברוך פאַרכאַפּט אין קעלן. ער איז אַנטלאָפן פון ווין, וואו די ביוראָ פון וועלט־פאַרבאַנד האָט פונקציאָנירט. ביים אַנטלויפן פון קעלן קיין האַאַג, האָט ער אויך געראַטעוועט אַ טייל פונעם מאַטעריאַל פון הויפּט־ביוראָ פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וואו ער איז דאַן געווען באַשעפטיקט. חבר כאַזאַנאָוויטש איז אַרעסטירט געוואָרן (ער איז שפּעטער באַפרייט געוואָרן נאָך אַן ענערגישער אינטערווענץ פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ווין. צו דערגרייכן די דאָזיקע אינטערווענץ האָט פיל מיט־געהאָלפן דער באַרימטער לואיס בראַנדייס, וואָס איז געווען זייער אָנגעזען אין סטייט־דעפּאַרטמענט). חבר בערל לאָקער איז געבליבן שטעקן אין לעמ־בערג, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן פון די רוסן און ער האָט זיך דאָרט נישט געפילט זייער גליקלעך פּאָליטיש. דערצו האָט ער געליטן הונגער און נויט. חבר באָראָכאָוו האָט זיך אין אויגוסט 1914 באַזעצט אין מילאַן, וואוהין ער האָט אַריבערגעטראָגן דעם אָפיס פון פאַרבאַנד־ביוראָ און פון פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד. חבר א. רעוואוצקי איז נאָך פריער אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. אין ווין איז בלויז געבליבן ד״ר האַהן און אַ פּאָר אַנדערע חברים. אַ סך חברים זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי; צווישן זיי חבר אַנשל רייס. דער „אידישער אַרבעטער״ — דער אָרגאַן פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון — איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. פון זיי אַלעמען איז געלונגען צו ברענגען קיין צפון־אַמעריקע די חברים שלמה קאַפּלאַנסקי — וואָס איז געקומען אין די אינטערעסן פון נאַציאָנאַל־פאָנד — און דעם חבר בער באָראָכאָוו. דער ערשטער איז געקומען חבר קאַפּלאַנסקי. חבר באָראָכאָוו האָט נאָך באַנוצט זיין בלייבן אין איטאַליע צו מאַכן אַ נסיעה פון אַ פּאָר וואָכן איבער די ביבליאָטעקן פון פּאַרמאַ און רוים, וואו עס געפינען זיך זייער וויכטיקע אַלט־אידישע כתבי־יד, וואָס זיינען נאָך פון קיינעם נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אים איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיינע וויסנשאַפטלעכע קאָ־לעקציעס, וואָס ער האָט פריער געמאַכט אין בריטישן מוזעאום, אין אָקספאָרד, אין האַמבורג, אין מינכען און ווין.

קומענדיק קיין ניו־יאָרק, זיינען ביידע חברים — באָראָכאָוו און קאַפּ־לאַנסקי — געוואָרן אַקטיוו אין דער פּאַרטיי. זיי האָבן זייער פיל מיטגעהאָלפן ביים אויסלייגן די וועגן, אויף וועלכע מיר זיינען באַלד אַרויפגעגאַנגען. חבר באָראָכאָוו איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער פּאַרטיי־פּרעסע און אין דער טעגלעכער צייטונג „די וואַרהייט״. ער האָט אויך ממשיך געווען זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

סוף דעצעמבער 1914 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די 8טע פּאַרטיי־קאָנווענשאָן

אין ראָטשעסטער, ניו־יאָרק. יענע קאָנווענשאָן האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וועגן וועלכער איך וועל באַלד דערציילן. אָבער איין באַשלוס פון אָט־דער קאָנווענשאָן האָט אויך אַ שייכות צום וועלט־פאַרבאַנד און וואָס מיט אים האָט פּאַסירט ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן — נאַטירלעך אין הסכם מיט די חברים פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צפון־אַמע־ריקע — אויפצושטעלן אין ניו־יאָרק אַ צייטווייליקע פאַרבאַנדס־ביוראָ. צו איר האָבן געהערט די חברים באַראָכאָוו, קאַפּלאַנסקי, ישראל אַפּעלבוים, ה. עהרענרייך און איך. די ביוראָ האָט נישט אַנטוויקלט קיין וויכטיקע אַקטי־וויטעטן, ווייל די באַוועגונג איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן פון יענע גרויסע אַרבעטן, וואָס וועגן זיי וועט באַלד דערציילט ווערן. דעריבער איז די פאַר־באַנדס־ביוראָ אַריבערגעפירט געוואָרן, אין מאַי 1915, קיין האַאַג, וואוהין עס איז געקומען דער חבר כאַזאַנאָוויטש. שפּעטער האָט זיך אַהין אויך אומגעקערט חבר קאַפּלאַנסקי, ווען ער האָט פאַרלאָזט אַמעריקע. חבר כאַזאַ־נאָוויטש איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנדס־ביוראָ.

אַ פּיל־גרעסערן מזל האָט געהאַט דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד. די וועלט־פאַרוואַלטונג פון פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד איז פאַרבליבן אין ניו־יאָרק. זי איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. דער סעקרעטאַר פון אָט־דעם קאָמיטעט איז געווען חבר שמואל באָנטשעק. די אַרבעט פון דעם קאָמיטעט איז זיך שטאַרק צעוואַקסן, בעיקר דאַן, ווען די חברים יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון זיינען אָנגעקומען קיין צפון־אַמעריקע.

י.

עס דאַרף דאָ נאָך פאַרצייכנט ווערן אַ פּרשה, וואָס האָט דאַן אויפגע־שטורעמט אונזער באַוועגונג, ביים סאַמע אָנהויב פון אונזערע אַקטיוויטעטן. די דאָזיקע פּרשה האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פרי ווי אין יאָר 1906. דאַן זיינען געגרינדעט געוואָרן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון פאַראיינען. זיי זיינען באַשטאַנען פון אַריבערגעקומענע חברים פון רוסלאַנד, פאַר וועמען די אַמע־ריקאַנער פּאַרטיי איז געווען נישט גענוג מאַרקסיסטיש. אין דער צייט, וועגן וועלכער מיר ריידן, האָבן פונקציאָנירט עטלעכע אַזעלכע פאַראיינען איבערן לאַנד. די וויכטיקסטע אידייען־חילוקים צווישן זיי און דער מאַיאָריטעט פון דער פּאַרטיי זיינען געווען, ערשטנס, בנוגע דער שפּראַכן־פראַגע. אין די אידייען־פּראָגראַמען פון אָט־די פאַראיינען איז דערקלערט געוואָרן, אַז זיי

זעען אין אידיש אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. אָבער די אָפיציעלע שטעלונג פון דער פּאַרטיי וואָלט געקענט אויסגעדריקט ווערן אַזוי: אין ארץ־ישראל איז און בלייבט העברעאיש די נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין גלות האָבן מיר צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן. צווייטנס — און דאָס איז געווען שוין אַ פּיל־טיפּערער סכסוך — האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. זיי האָבן געוואָלט די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד דערקלערן ווי אַ רשות און נישט ווי אַ חוב: ווער עס וויל, מעג אַרבעטן פאַר אַט־דעם פאָנד; ווער עס וויל נישט, דאַרף נישט אַרבעטן פאַר אים. זייער פאָנד איז דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד. דער אידעאָלאָג פון אַט־דער איינשטעלונג איז געווען חבר ראובן קענדזשערסקי. זיכער איז אין דעם געלעגן איינער פון די פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות צוליב וועלכע די פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג איז געשפּאָלטן געוואָרן אין יאָר 1920.

ווען חבר באַראָכאָוו איז געקומען קיין צפון־אַמעריקע, האָט ער אַ געוויסע צייט געהערט צו אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַראיין. דאָס האָט זיי גע־געבן באַדייטנדיקן פּרעסטיזש און האָט פאַרשטאַרקט זייער עקשנות, בעיקר אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַל־פאָנד (אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1916, האָט חבר באַראָכאָוו זיך אָפּגעזאָגט פון אַט־דער איינשטעלונג. אָבער דאָס געהערט נישט צו אונזער איצטיק קאַפּיטל). איין פאַראיין איז דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. חבר באַראָכאָוו האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דעם אויסגעשלאָסענעם פאַראיין און דערקלערט, אַז ער באַטראַכט אויך זיך פאַר אויסגעשלאָסן פון צענטראַל־קאָמיטעט. ער האָט אַפילו פאַרעפנטלעכט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" אַרטיקלען וועגן „צוויי שטרעמונגען אין פּועלי־ציוניזם". דער קאָנפליקט האָט אונז פאַרשאַפט זייער אַ סך עגמת־נפש. באַשולדיקונגען און קעגן־באַשולדיקונגען זיינען גע־קומען פוןביידע זייטן.

דער אינצידענט איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יולי 1915, ווען די באַוועגונג איז שוין געווען זייער שטאַרק אַנגאַזשירט אין גרויסע אַרבעטן; בעיקר אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די חברים קאַפּלאַנסקי און כאַזאַנאָוויטש האָבן דאַן געשריבן צו באַראָכאָוון, אין אַ בריוו, אַט־דעם פּאַראַגראַף: „מיר בעטן דיך, אין נאָמען פון אונזערע בשותפות'דיקע אידעאַלן, אָפּצולייגן אַלע דעבאַטן אויף אַ מער־פּאַסיקער צייט... און קאָנצענטרירן דיין גאַנצע אומשאַצבאַרע קראַפט אויף דער גרויסער אַרבעט, וואָס די היסטאָרישע צייט פאָדערט פון אונז". דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַראיין איז צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי און חבר באַראָכאָוו איז צוריק אַריין אין צענטראַל־קאָמיטעט. דעם

גאַנצן, שווערן יאָך מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אין אָט־דער ביטערער פרשה, האָט אויף זיך געטראָגן דער גענעראַל־סעקרעטאַר חבר עהרענרייך. איך האָב אים בלויז אַביסל מיטגעהאָלפן, ווייל איך בין שוין דאַן ראשי ורובי געווען אַריינגעטאָן אין אונזערע גרעסערע פאַרמעסטן.

יא.

די דריי גרויסע אַרבעטס־שטחים, צו וועלכע איך קום איצט, זיינען אָנגעגאַנגען כמעט אין איין און דער זעלבער צייט. איך קען דעריבער נישט געבן כראָנאָלאָגיש מיינע ווייטערדיקע שילדערונגען. איך מוז זיי געבן אין באַזונדערע קאַפּיטלען. יעדעס קאַפּיטל באַזונדער וועט אַוודאי דערציילט ווערן כראָנאָלאָגיש. איך הויב אָן מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג, ווייל זי האָט זיך אָנגעהויבן בערך מיט אַ יאָר פריער ווי די רעליף־אַרבעט. אונזער ספּעציעלע ציוניסטישע אַרבעט, וואָס האָט זיך בעיקר דאַן קאָנצענטרירט אַרום דער לעגיאָן־באַוועגונג, האָט זיך אָנגעהויבן בערך צוויי יאָר שפּעטער. ווי געזאָגט, זיינען זיי אָבער געפירט געוואָרן כמעט פּאַראַלעל, אין דער זעל־ביקער צייט. די פירערשאַפט פון דער באַוועגונג האָט שטענדיק געמוזט האָבן אין חשבון אַלע אַרבעטן, אַפילו דאַן, ווען זי האָט זיך געדאַרפט פאַרטיפן אין איינער פון זיי. איך קום דעריבער צום קאַפּיטל „קאָנגרעס־באַוועגונג“, וואָס איך הויב אָן מיטן קאַמף פאַר אַ פאַראייניקטער אידישער קהילה אין ניו־יאָרק.

דער פרואוו פון דר. מאַגנעס צו שאַפן אַ קהילה אין ניו־יאָרק

א.

ביט צופעליק עפן איך דאָס קאַפּיטל פון מיינע זכרונות וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג מיט דער פרשה: ד״ר מאַגנעס׳ קהילה־פּאַרזוך אין ניו־יאָרק. אַוודאי איז נישט ריכטיק די מיינונג, וואָס איך האָב אָפט געהערט, אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג איז געווען אַ מין המשך פון יענעם נישט־געלונגענעם קהילה־פּאַרזוך. נייך, אַזאַ באַוואוסטזיניקע פאַרבינדונג צווישןביידע איז זיכער נישט געווען. די קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זיך אַזויווי אַרויסגעריסן פון האַרץ פון דער אידישער באַפעלקערונג ווי אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך קען אַלע מענטשן — און אַלע מאָמענטן — וואָס האָבן אין דעם געשפּילט אַ ראָלע, ווי איך וועל עס באַלד דערציילן. קיינער פון די איניציאַטאָרן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט דאַן נישט געהאַט אין זינען די ערשטע קהילה־פּאַרזוכן אין ניו־יאָרק. דאָך איז בלי־ספק געווען אַ פּסיכישע פאַרבינדונג צווישן אָט־די צוויי געשעענישן. דער הויפּט־עלעמענט וואָס האָט באַווירקט אַ סך פון אונז צו באַטייליקן זיך אין ביידע — איז געווען דער ווילן אַריינצוברענגען אָרגאַניזירטע אחריות אין אונזער אידיש־געזעל־שאַפטלעכן לעבן. אין אייניקע מאָמענטן, פון דער שפּעטערדיקער קאָנגרעס־באַוועגונג, זיינען אויפגעקומען אין גרויסן פאָרמאַט די זעלביקע סתירות צווישן די דייטשע יאָהודים און אונזער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך שוין אַנטפּלעקט אין מיניאַטור בעת דעם געראַנגל אויף די ערשטע קהילה־קאָנפערענצן אין ניו־יאָרק.

ב.

מיין ערשטן באַנד זכרונות האָב איך פאַרענדיקט מיטן יאָר 1911. אין יענעם יאָר האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשלאָסן דער ערשטער פּעריאָד אַקטיווי־טעטן פון אונזער באַוועגונג און, נאַטירלעך, אויך מיין עסקנות אין און דורך

דער באַוועגונג. אָבער אין זעלביקן יאָר 1911 האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער פעריאָד פון אונזער געזעלשאַפטלעכן געראַנגל; און אויך מיין חלק אין אים.

אינעם ערשטן פעריאָד זיינען אונזערע אַקטיוויטעטן און אונזער געראַנגל געווען באַגרענעצט צו אַ באַשטימטן סעקטאָר פון דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער אידנטום, דעם סעקטאָר פון אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, מערסטנס ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, ווי מיר אַליין זיינען געווען. מיר האָבן זיך באַטראַכט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אָט־דעם סעקטאָר. מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן אים צו געווינען פאַר אונזערע אידייען. מיר האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז אָט־דעם סעקטאָר קענען מיר איבערצייגן. מיר דאַרפן נאָר זען, אַז ער׳זאָל זיך באַפרייען פון אַ גייסטיקן אָנוואוקס, וואָס איז לגמרי ניט וועזנטלעך — נישט פאַר זיינעווירטשאַפטלעכע אינטערעסן און נישט פאַר זיינע נשמה־דיקע אינטערעסן. דער דאָזיקער אָנוואוקס איז געווען: די פאַרגיפטעטע אַנטי־אידישע און אומקולטורעלע „אויפקלערונג״, וואָס ער האָט באַקומען מצד יענע, וועלכע האָבן אים געוואָלט דערפירן צו די גרויסע אידייען פון סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם. צווייטנס, האָבן מיר שוין דאַן געשפירט, אַז אויב מיר וועלן אָט־דעם סעקטאָר אַריבערגעווינען צו אונז, וועלן מיר שפּעטער — צוזאַמען מיט אים — אַריינברענגען אין גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום יענע ענדערונגען, וועלכע מיר האָבן דאַן באַטראַכט ווי נויטיק און געזונט.

ווי איך האָב דערציילט אין מיין ערשטן באַנד זכרונות, זיינען אין אָט־דעם סעקטאָר גופא פאַרגעקומען וויכטיקע געראַנגלען. צום ביישפּיל: דער סאַמע־ערשטער געראַנגל אַרום דעם קישינעווער פּאָגראָם, נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאַן האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן ריכטיק פאַרטייטשן און ציען די ריכטיקע מסקנות פון דער קישינעווער קאַטאַסטראָפע. די יונגע גרופּע פועלי־ציון (קיין סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַ־ליסטן זיינען דאַן נאָך נישט געווען אין אַמעריקע) האָבן דעם קישינעווער פּאָגראָם באַטראַכט ווי אַ רעזולטאַט פון צוויי ווילקיר־כוחות וואָס ווירקן אויף אונזער לעבן: דער ערשטער — דער ווילקיר פון גלות און דאַן דער ווילקיר פון צאַריזם. די נישט־ציוניסטישע עלעמענטן — מיר האָבן זיי באַצייכנט מיטן אַלגעמיינעם נאָמען די „גענאָסן״ (אַזוי האָבן זיי זיך גערופן איינע די אַנדערע, אָנשטאָט דעם טערמין „חבר״ מיט וועלכן מיר האָבן גערופן איינער דעם צווייטן), אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעשלאָסן סיי סאָציאַליסטן און סיי אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן נישט אָנגענומען דעם ציוניזם, האָבן בעיקר אונטערגעשטראָכן איין ווילקיר־כוח — דעם צאַריזם. זיי האָבן זיך איינגע־

רעדט און געוואַלט אַלעמען איינריידן, אַז ווען רוסלאַנד וועט באַפרייט ווערן פון צאַריזם, וועלן אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס מער נישט מעגלעך זיין.

דער יונגער פועלי־ציון גרופּע איז דאַן געלונגען צוצוציען צו זייער צד אייניקע יחידים, ווי ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו, משה קאַץ פון די אַנאַרכיסטן און יוסף באַראָנדעס, וואָס איז דאַן געווען אַ זייער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער פירער (זיינע אַקטיוויטעטן זיינען דאַן קאָנצענטרירט געוואָרן אין דער יונגער קלאָוקמאַכער־יוניאָן). זיי האָבן אויך דעם ווילקיר פון גלות אונטערגעשטראָכן אין זייערע דעמאָלטיקע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. בעיקר האָט עס געטאָן ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו. די גרויסע מאַסן געגנאָסן זיינען אָבער געבליבן ביי זייער איינשטעלונג. אמת, אַב. קאַהאַן אַליין, וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם וויכטיקסטן רעפּרעזענטאַנט פון דער גאַנצער מחנה געגנאָסן, האָט אַפילו אין די ערשטע אַרויסטרעטונגען דעמאָנסטרירט אַ געוואַלטיקע צעטומלונג, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון אַ וואַרעם, פאַרוואונדעט אידיש האַרץ; אָבער גאָר שנעל האָט ער צוריק־באַקומען זיין גייסטיקע גלייכגעוויכט און האָט אָנגעהויבן ווערן דער הויפּט־וואָרענער צו די געגנאָסן, זיי זאָלן נישט צופיל פאַרלירן זייער סאָציאַליסטישע אָנשויאונג צוליב דעם קישינעווער פּאָגראָם. אַן ענלעכע גייסטיקע טראַנספאָרמאַציע האָט דורכגעמאַכט דער געגנאָסע ד״ר ש. פּעסקין. סייווי: אָט־דער געראַנגל איז אויסגעפאָכטן געוואָרן אין די ראַמען פון דעם דערמאָנטן סעקטאָר — אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

אַ פיל־שאַרפערן געראַנגל האָבן מיר געהאַט מיט די געגנאָסן נאָך דער פּטירה פון ד״ר הערצל. דאַן בין איך שוין אויך געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָב מיך אין אָט־דעם געראַנגל זייער שטאַרק באַטייליקט. אין אָט־דעם געראַנגל איז אונז געגאַנגען אין אָפּרייניקן דעם נאָמען פון אונזער גרויסן מנהיג פון דער בלאָטע, וואָס געוויסע זשורנאַליסטן פון די געגנאָסן האָבן געוואָרפן אויף זיין נאָך־כמעט־אָפענעם קבר. אויך דער געראַנגל איז אויסגעפאָכטן געוואָרן אין דער ראַם פון דעם זעלביקן סעקטאָר.

אַרום צוויי יאָר שפּעטער, אין 1906, האָבן מיר זיך נאָך שאַרפער צוזאַמענגעשטויסן מיט די געגנאָסן אין דער טרויעריק־באַרימטער „מאַקסים״־פּרשה. אין אָט־דעם געראַנגל האָבן די פועלי־ציון געהאַט שותפים אין די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָרגאַניזירט. אויף אונזער צד האָבן זיך אויך געשטעלט דער דאַן זייער אַקטיווער לואיס מילער, דער רעדאַקטאָר פון טאָגבלאַט „וואַרהייט״, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן דערשיינען ווי אַ קאָנקורענט צום „פאָרווערטס״, וועלכער איז געווען דער אָרגאַן

פון די גענאָסן. עס האָבן דאַן גענומען אַ שטעלונג פאַר אונזער צד און קעגן מאַקסימען, אייניקע גאָר בכבודיקע פערזענלעכקייטן פון דער גענאָסן־מחנה, בראש מיט דעם באַרימטן פּאָעט און שאַרפן פּעליעטאָניסט מאָריס ווינטשעווסקי.

געווען נאָך אַזעלכע וויכטיקע און ווייניקער־וויכטיקע געראַנגלען און צוזאַמענשטויסן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אָבער אַלע — בלויז אין דער באַגרענעצטער ראַם פון דעם אַרבעטער־ און פאָלקס־מענטשן־סעקטאָר; אינעם סעקטאָר פון די נייע אימיגראַנטן.

מיינע ערשטע אַקטיוויטעטן מחוץ פון אָט־דעם סעקטאָר זיינען געווען: מיין באַטייליקן זיך ווי אַ דעלעגאַט צום 10טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל און צו דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון, אָפּגעהאַלטן דעם זעלבן יאָר, 1911, אין ווין. איז דער צווייטער וועלט־כינוס דאָך געווען אינ־גאַנצן אַן אייגענער. דער 10טער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס איז שוין אַוודאי געווען אַ גאָר ברייטע אידישע וועלט־טריבונע. אָבער אויף יענער טריבונע האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אויפצוטרעטן; איך בין גאָר געווען גליקלעך פון דעם, וואָס די געלעגנהייט איז פון מיר אַוועקגענומען געוואָרן, ווייל די אימתא דציבורא האָט מיך געהאַלטן אין אירע צוואַנגען די גאַנצע צייט, ווען איך האָב געמיינט, אַז איך וועל יאָ דאַרפן אויפטרעטן (אויספירלעכער וועגן אָט־די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע פּונקטן האָב איך געשריבן אין מיין ערשטן באַנד „זכרונות", זייט 359).

אָבער אין זעלביקן יאָר (1911) איז מיר באַשערט געווען יאָ אויפצוטרעטן אויף אַ פיל־ברייטערער טריבונע, וואָס האָט רעפּרעזענטירט פאַרשידענע שיכטן פון ניו־יאָרקער אידנטום. איך האָב אין זינען די קאָנפערענץ וואָס דער באַרימטער ד"ר י. ל. מאַגנעס האָט צוזאַמענגערופן בכדי צו גרינדן אַ אידישע קהילה אין ניו־יאָרק. טאַקע אויף אָט־דער טריבונע איז פאָרגעקומען מיין ערשטער צוזאַמענשטויס מיט דעם גרויסן אַמעריקאַניש־אידישן פירער לואי מאַרשאַל.

ג.

דער פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ קהילה אין ניו־יאָרק האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פרי ווי אין מיטן אָקטאָבער 1908. דאַן האָט ד"ר יהודה־לייב מאַגנעס צוזאַמענגערופן אַן ענגערע קאָנפערענץ מיט אַ צאָל פון דורך־אים־איינגעלאַ־דענע יחידים, מיין ווייניקייט צווישן זיי. ביי אָט־דער ערשטער באַגעגעניש זיינען קיין שום חילוקי־דעות נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. די פראַגע איז פון ד"ר מאַגנעס אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין פּרינציפּ: צי עס איז נויטיק

און מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַ אידישע קהילה אין ניו־יאָרק. די נויטיקייט האָט קיינער נישט אָפּגעפרעגט. וועגן דער מעגלעכקייט האָבן כמעט אַלע זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף פּרובירן. ערשט דאַן וועט מען קענען זען, צי עס איז מעגלעך. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָט שוין ביי דער ערשטער באַראַטונג אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דעם אַרבעטס־פּראָגראַם פון דער קהילה, אויב זי וועט אויפגעשטעלט ווערן.

איך האָב געהאַט פאַר מיין אויג די אידישע קהילה אין ווילנע, ווי איך האָב זי געזען פונקציאָנירן. איך האָב געפּרואווט אויסרעכענען די פּאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן פון דער ווילנער אידישער קהילה. קיינער האָט מיט מיר נישט דעבאַטירט וועגן די אַלע אַרויסגעבראַכטע אַקטיוויטעטן. ד״ר מאַגנעס אויך נישט. יענע באַראַטונג האָט נאָר באַשלאָסן, אַז עס דאַרף גערופן ווערן אַ ברייטערע קאָנפערענץ מיט דירעקטע פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אָרגאַ־ניזאַציעס. ד״ר מאַגנעס האָט צוגעזאָגט, אַז אַזאַ קאָנפערענץ וועט גערופן ווערן און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. ד״ר מאַגנעס האָט מיך פאַרהאַלטן ביז די איבעריקע זיינען שוין נישט געווען אין צימער. דאַן האָט ער מיר געזאָגט: מר. צוקערמאַן, איך וויל אייך דערמאָנען אַן אַלטע, קלוגע עצה פון אונזערע אַמאָליקע חכמים: „תפשת מרובה לא תפשת״. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט געווען שטאַרק צופרידן מיט מיינע דערוואַר־טונגען, אַז די ניו־יאָרקער קהילה זאָל זיך אַזוי ברייט פאַרנעמען ווי די ווילנער. דערמיט האָב איך מיך צעשיידט פון אים. איך האָב נאָר פאַרלאַנגט פון אים, אַז פאַר דער צווייטער קאָנפערענץ זאָל ער צוגרייטן אַן אַרבעטס־פּראָגראַם פאַר דער קהילה, בכדי די קאָנפערענץ זאָל קענען פאַרהאַנדלען פּראַקטישע פּלענער און נישט סתם דעבאַטירן, צי מען דאַרף און צי עס איז מעגלעך צו גרינדן אַ קהילה אין ניו־יאָרק. ער מוז גלייך ביים עפענען די ברייטערע קאָנפערענץ אָננעמען די הנחה, אַז מען דאַרף און מען קען זי אָרגאַניזירן. איך האָב אויסגעדריקט מיין איבערצייגונג, אַז עס וועלן זיך דאַן געפינען זייער ווייניק דעלעגאַטן פון אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן עס אָפּפרעגן. כשאני לעצמי, האָט מיך שטאַרק באַאומרואיקט זיין לעצטע באַמערקונג. איך האָב דאַן נישט געקענט אַריינדרינגען אין דער טיף פון זיין געדאַנק: וואָס פאַרא קאָמפּעטענצן וואָלט ער געוואָלט געבן דער געפּלאַנטער קהילה? ווען איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן וועגן רעזולטאַט פון דער ערשטער באַגעגעניש, האָב איך אויסגעדריקט מיין פאַרגעפיל, אַז מיר וועלן דאָ דאַרפן פירן אַ שאַרפן געראַנגל פאַר אַ קהילה, וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דאַן פאָרמולירט אייניקע הויפּט־געדאַנקען וועגן קהילה־פּראָגראַם. זיי האָבן איינגעשלאָסן, ערשטנס, די פראַגע פון אידישער דערציאונג, וואָס האָט אונז דאַן שטאַרק באַשעפטיקט; די פראַגע פון זאָרגן פאַר אַרבעטסלאָזע, וועמענס צאָל איז אין 1908 געוועזן זייער גרויס, ווי אַ רעזולטאַט פון גרויסן קריזיס פון 1907. נאַטירלעך האָבן מיר אויך איינגעשלאָסן די נויטיקייט אַריינצוטראָגן אַביסל סדר אין אַלע רעליגיעזע הצטרכותן פון דער באַפעלקערונג; אַ שטח אין וועלכן עס האָט ממש געהערשט אַ כאַאָס. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן זיך צוזאַמענצורײדן מיט די פּועלי־ציון, בכדי צוזאַמען אויסאַרבעטן אַ שטעלונג צו דער פראַגע פון דער קהילה ביי דער צווייטער קאָנפערענץ. מיך האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַאויפטראַגט צו אָרגאַניזירן אונזערע פאַרטרעטער אויף אָט־דער קאָנפערענץ, מיטן צוועק דורכצופירן די ריכט־ליניעס וואָס דער צ. ק. האָט אָנגעצייכנט.

ד.

די ברייטערע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען סוף פעברואַר 1909. אין איר האָבן זיך באַטייליקט אַרום 300 דעלעגאַטן פון 122 אָרגאַניזאַציעס.

ד״ר מאַגנעס האָט צו אָט־דער קאָנפערענץ שוין געבראַכט אַן אָנוואורף פון אַן אַרבעטס־פּלאַן. דער פּלאַן האָט איינגעשלאָסן דאָס אויפשטעלן פון ספּעציעלע קאָמיסיעס פאַר פאָלגנדיקע אַרבעטן: אַ קאָמיסיע פון רבנים, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף די אינטערעסן פון די רבנים און אויסאַרבעטן פּלענער וויאַזוי צוצוגרייטן רבנים פאַר דער גרויסער צאָל אידישע קאָנגרעגאַציעס, וועלכע האָבן געהאַלטן אין שטענדיקן וואַקסן; אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וואָס זאָל זאָרגן פאַר שמירת שבת און אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אַריינ־ברענגען סדר אין דעם ענין פון כשרות. דערצו האָט ער געבראַכט נאָך אַ פאָרשלאַג: די קאָנפערענץ קלייבט אויס אַן עקזעקוטיווע פון 25 מענטשן, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער טעטיקייט. דערביי האָט ער צוגעגעבן: אָט־די 25 זאָלן גלייכצייטיק דערקלערט ווערן ווי מיטגלידער פון דער „אַמע־ריקאַן דזשואיש קאָמיטע״ און זאָלן בילדן אירס אַ ספּעציעלע סעקציע אין ניו־יאָרק. און נאָך האָט ער צוגעגעבן: דאָס וועט זיין די 12טע סעקציע פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״, וועלכע האָט שוין אויפגעשטעלט אַזעלכע סעקציעס אירע אין עלף אַנדערע שטעט.

נו, אויף אָט־דער קאָנפערענץ זיינען שוין יאָ פאָרגעקומען וויכוחים. איך האָב אַריינגעטראָגן אונזערע פאָרשלאַגן: אַז עס זאָלן אויסגעקליבן ווערן נאָך צוויי ספּעציעלע קאָמיסיעס: איינע פאַר אידישער דערציאונג און די

צווייטע זאָל זיך אָפּגעבן מיט געפינען אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע. דערביי האָב איך, נאַטירלעך, אויך געשטיצט די פאָרשלאָגן וועגן די קאָמיסיעס פאַר רעליגיעזע הצטרכותן. די מערסטע דעלעגאַטן האָבן פאָרטראָטן קאָנגרעגאַציעס, אָדער קאָנסערוואַטיווע לאָדזשעס. זיי האָבן מער אונטערגעשטראָכן די רעליגיעזע פונקטן. אָבער אויך זיי האָבן אָנגענומען מיינע פאָרשלאָגן.

בעת די קאָנפערענץ איז צוגעטראָטן אויסצוקלייבן די עקזעקוטיווע, האָט זיך שוין אָנגעהויבן, ווי דער שטייגער, אַן אויפרודערונג אין זאַל. יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געוואָלט האָבן איר פאָרטרעטער אין דער עקזעקוטיווע. אָבער די צאָל מיטגלידער אין דער עקזעקוטיווע, איז באַשלאָסן געוואָרן, זאָל זיין 25 און אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען, ווי אויבן געזאָגט, 122. האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פון „קאָקוסן". קאָנגרעגאַציעס באַזונדער, לאָדזשעס באַזונדער. אונזער „קאָקוס" איז באַשטאַנען פון די פועלי־ציון און ס. ט.־דעלעגאַטן. צו אים זיינען צוגעשטאַנען דעלעגאַטן פון איניקע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, בעיקר צוויי לאַנדסלייט־פאַראיינען, איינער אַ ווילנער און דער צווייטער אַ רומענישער. מיר האָבן געהאַט צוזאַמען אַרום 12 דעלעגאַטן. אונזער „קאָקוס" האָט באַשלאָסן צו נאָמינירן צוויי פאָרטרעטער אין דער עקזעקוטיווע. איינער איז געווען אַ גוט־באַקאַנטער און זייער פּאָפּולערער איד אין זיינע קרייזן. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט. ער האָט אַפילו שוין דאַן באַוויזן אויסגעווילט צו ווערן ווי אַ פאָרטרעטער פון דעם דיסטריקט, אין וועלכן ער האָט געוואוינט, צו דער אַסעמבלי פון ניו־יאָרק־שטאַט אין אָלבאַני. דער צווייטער קאַנדידאַט בין איך געווען, ווייל מיר מיט די פועלי־ציון זיינען געווען די מאַיאָריטעט צווישן די 12 דעלעגאַטן פון אונזער „קאָקוס".

אויף די „קאָקוסן" האָט מען אויך פאַרהאַנדלט דעם אויסוואַל פון אַ פאָרזיצער פון דער קהילה. כמעט אַלע גרופּירונגען — הגם זיי האָבן זיך פריער נישט צוזאַמענגערעדט — האָבן פאָרגעשלאָגן אויסצוקלייבן ד״ר מאַג־נעס אַלס יושב־ראש. און ער איז טאַקע איינשטימיק אויסגעווילט געוואָרן. עס זיינען אויך נישט געווען קיין שוועריקייטן ביים וויילן די 25 מיט־גלידער פון דער עקזעקוטיווע. יעדער „קאָקוס" האָט פאָרגעשלאָגן זיינע קאַנדידאַטן און זיי זיינען אַלע אויסגעקליבן געוואָרן. איך האָב מיט מיין קאַנדידאַטור געמאַכט אַן אויסנאַם. ווען ד״ר מאַגנעס האָט אויסגערופן מיין נאָ־מען, האָב איך געבעטן ס׳וואָרט צו מאַכן אַ קורצע דערקלערונג. איך האָב מודיע געווען, אַז איידער איך קען ווערן אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער געפּלאַנטער קהילה, מוז איך ברענגען צו מיינע חברים די פראַגע וועגן דער פאַרבינדונג פון דער צוקונפטיקער קהילה מיט דער „אַמעריקאַן דזשואיש

קאָמיטע״. פּערזענלעך בין איך קעגן דעם, אַז די קהילה זאָל ווערן אַ סעקציע פון דער „קאָמיטע״. עס קען זיין, אַז מיינע חברים וועלן נישט מסכים זיין מיט מיין שטעלונג. אָבער איך בין דאָ נישט קיין יחיד. איך פאַרטרעט אַ באַוועגונג, וואָס האָט איר איינשטעלונג אויך וועגן דער פראַגע: וויאַזוי דאַרפן די אַמעריקאַנער אידן אָרגאַניזירן זייערע קהילות?

איך בין נישט זיכער, אַז מיין דערקלערונג האָט געפונען חן אין די אויגן פון די הונדערטער דעלעגאַטן. אַ סך פון זיי וואָלטן אַוודאי זיך געפילט גליקלעך, ווען זיי ווערן מיטגלידער פון אַן עקזעקוטיווע, וועלכע ווערט אַ טייל פון דער „קאָמיטע״, וואָס באַשטייט פון די באַרימטסטע אידישע פּערזענלעכקייטן פון יענעם פּעריאָד. איך האָב מורא, אַז ד״ר מאַגנעס איז נישט געווען צו־שטאַרק צופרידן מיט מיין דערקלערונג. אָבער ס׳איז געבליבן, אַז איך וועל אין עטלעכע וואָכן אַרום מודיע זיין, צי איך טרעט אַריין אין דער עקזעקוטיווע אָדער נישט.

דערמיט האָט זיך יענע קאָנפערענץ געענדיקט: אַן אָנהויב פון אַן אַרבעטס־פּלאַן אָנגעצייכנט; אַ פאַרזיצער אויסגעקליבן (און זייער אַ פּאַסיקן!) און אויך אַן עקזעקוטיווע איז אויסגעקליבן געוואָרן. עס איז זיכער, אַז אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן זיינען אַוועק פון יענער קאָנפערענץ מיט אַ סאַטיס־פאַקציע: עס איז געלייגט געוואָרן אַ יסוד פאַר אַ אידישער קהילה אין ניו־יאָרק.

ה.

אין אונזער אייגענעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אַנטוויקלט זייער אַ שאַרפער וויכוח. געווען אַן עקסטרעמע איינשטעלונג, אַז מיר האָבן נישט קיין סיבה ווייטער צו זיין פאַרבונדן מיט אָט־דער קהילה. ערשטנס: די לפי־ערכ׳דיקע גרויסע געוויכט, וואָס דאַרף געלייגט ווערן אויף רעליגיעזע ענינים. געווען צווישן די חברים אויך אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען אומצופרידן מיט מיין פּאָזיטיווער שטעלונג וואָס איך האָב גענומען אין דער פראַגע פון אויפ־שטעלן אַזויפיל קאָמיסיעס פאַר רעליגיעזע ענינים. די מערסטע חברים האָבן בנוגע דעם פּונקט מסכים געווען מיט מיין שטעלונג. זיי זיינען געווען פאַר דעם, אַז מיר זאָלן בלייבן אין דער קהילה און מיטאַרבעטן מיט איר. מיר האָבן אויסגעשטעלט זייער פיל אויף דער פּערזענלעכקייט פון ד״ר מאַגנעס, וועמען אַלע פון אונז האָבן זייער הויך געשעצט. אָבער כמעט אַלעמען פון אונזערע חברים איז געווען דערווידער די פאַרבינדונג פון דער קהילה מיט דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״.

אונזער וויזיע איז געווען: אַן אויפגעשטעלטע נעץ פון דעמאָקראַטיש־

געוויילטע, אידישע קהילות און זיי זאָלן שפּעטער אויסקלייבן פון זיך אַן אַל־אַמעריקאַנישע אידישע רעפּרעזענטאַנץ. אונזער חבר ד״ר נחמן סירקין איז געגאַנגען ווייטער: ער האָט מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק פון אַ אידישער וועלט־רעפּרעזענטאַנץ, וואָס זאָל זיין אויפגעבויט אויפן יסוד פון לאַנדס־קאָנגרעסן פון די אידישע קהילות אין יעדן לאַנד. סוף־כל־סוף איז ביי אונז קריסטאַליזירט געוואָרן אַ טאַקטיק: מיר גייען ווייטער אין דער קהילה, אָבער מיר קעמפן קעגן איר פאַרבינדונג מיט דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״, וואָס האָט אין אונזערע אויגן פאַרטראָטן בלויז די דייטשע יאַהודים און וועמענס ציל עס איז געווען — ווי איך האָב שוין אַרויסגעבראַכט אין פריערדיקן באַנד זכרונות — וואָס מער צו פאַרטושן דאָס אייגנאַרטיקע אין דעם אידישן מענטש; און מיר ווילן בלייבן אַזעלכע אידן ווי מיר זיינען, ווי מיר זיינען געווען אין אייראָפּע.

אין יענער צייט האָבן מיר שוין געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די פּועלי־ציון וועגן פאַראייניקונג. מיר האָבן מיט זיי זיך אויך פאַרשטענדיקט בנוגע דער קהילה־פראַגע. אויך זיי האָבן מסכים געווען צו די אָקאָרשט־פאַרמולירטע שטעלונגען. איך מיין, אַז בנוגע דער „קאָמיטע״ איז אונזער געמיינשאַפטלעכע שטעלונג קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אין אַ קורצן לייט־אַרטיקל אין „אידישער קעמפער״: „עס איז דאָך פּשוט אַ קאָמעדיע. פריער באַשטימט מען אַ קערפּערשאַפט וועלכע דאַרף רעפּרעזענטירן (דאָס הייסט — די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע) און דערנאָך באַשאַפט מען די קערפּערשאַפטן (די קהילות) וועמען מען דאַרף רעפּרעזענטירן״.

מיר האָבן זיך דעריבער געגומען גרייטן צו די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אויף אָט־דעם געביט. די דאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן געפירט צו דער דריטער קאָנפערענץ וועגן דער קהילה, וואָס איז דאָסמאָל שוין גערופן געוואָרן אין נאָמען פון דער גאַנצער עקזעקוטיווע און איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ערשט אין מערץ 1911. אויף אָט־דער קאָנפערענץ האָב איך שוין פאַרטראָטן די פאַר־אייניקטע פּועלי־ציון און ערשט דאָרט איז עס געקומען צו מיין שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט לואי מאַרשאַל.

ו.

במשך אָט־די צוויי יאָר האָבן מיר אָנגעפירט אַ ברייטע אויפקלערונג וועגן אונזער שטעלונג צו דער ניו־יאָרקער קהילה. אונזער געביט פאַר אָט־דער טעטיקייט זיינען בעיקר געווען די לאַנדסמאַנשאַפטן און די לאָדזשן פון די גרויסע אידישע אָרדנס. מער דערפאָלג האָבן מיר געהאַט אין די ערשטע.

זייער מיטגלידערשאַפט איז מערסטנס באַשטאַנען פון אידן פון ליטע, אוקראַינע, גאַליציע און ווייס־רוסלאַנד. טיילווייז אויך פון רומענישע אידן. די מיטגלי־דערשאַפט פון די אָרדנס איז מערסטנס באַשטאַנען פון אונגאַרישע אידן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שווערער געקענט צוזאַמענריידן. צווישן די ערשטע האָבן מיר אָבער באַגעגנט גרייטקייט אויפצונעמען אונזער שטאַנדפּונקט; און אויף דער דריטער קאָנפערענץ האָבן מיר געהאַט אַן ערך הונדערט דעלע־גאַטן, וואָס זיינען געווען גרייט צו גיין מיט אונז.

דאָס האָט נאָך אַלץ אויסגעמאַכט נישט מער ווי אַרום 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער קאָנפערענץ. צו איר האָבן געשיקט פאַרטרעטער 161 קאָנ־גרעגאַציעס און 505 פאַרשידענע חברה׳ס און פאַראיינען. צוזאַמען זיינען געווען העכער טויזנט דעלעגאַטן.

ד״ר מאַגנעס האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט פון צוויי יאָר אַרבעט. אינעם באַריכט זיינען געווען אויסגערעכנט די פאַרזוכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן רעליגיעזן געביט. ער האָט דערציילט וועגן דער אַרבעטס־פאַרמיטלונג־ביוראָ וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן און זי האָט פאַרזאָרגט אַרבעט פאַר הונדערטער אַרבעטס־זוכער; ער האָט דערציילט וועגן דער אויפגעשטעלטער ביוראָ פאַר אידישער דערציאונג, מיט דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג ד״ר ש. בענ־דערלי ווי דער מנהל פון דער ביוראָ.

דער באַריכט פון ד״ר מאַגנעס האָט דווקא אַרויסגערופן אַ גוט געפיל ביי דער גרויסער צאָל דעלעגאַטן. אונזער גרופּע איז אַוודאי געווען צופרידן. אידישע דערציאונג און סאָציאַלע באַזאָרגונג האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין זיין באַריכט. אינעם וויכוח איבער זיין באַריכט האָבן אַלע, אויך איך בתוכם, אויסגעדריקט אונזער באַפרידיקונג מיט דער אָפּגעטוענער אַרבעט. דער ערשטער טאָג פון דער קאָנפערענץ איז, בכן, אַריבער אין גאָר אַ גע־הויבענער שטימונג.

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן אויפן צווייטן טאָג פון דער קאָנפערענץ, ווען מען איז צוגעקומען צום פּונקט וועגן דער פאַרבינדונג פון דער קהילה מיט דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״. וועגן אָט־דעם פּונקט האָט ד״ר מאַגנעס איינגעלאַדן דעם פּרעזידענט פון דער „קאָמיטע״, הער לואי מאַרשאַל, ער אַליין זאָל רעפערירן. ווי עס שיינט, האָט אים ד״ר מאַגנעס אינפאָרמירט וועגן דער דערקלערונג, וואו איך האָב אויסגעדריקט מיין קעגנערשאַפט צו דער פאַרבינדונג מיט דער „קאָמיטע״. מאַרשאַל׳ס גאַנצע רעדע איז געווען אַ שאַרף־פּאָלעמישע קעגן יענע וואָס „פאַרשטייען נישט דעם גייסט פון אַמעריקע און ווילן זיך אַפילו נישט לאָזן לערנען וועגן דעם פון מענטשן

וועלכע זיינען דאָ געבוירן געוואָרן און ווייסן דעריבער בעסער, ווי די נייגעקומענע, וויאַזוי דאָס אידישע לעבן דאַרף אָרגאַניזירט ווערן״. דאַן האָט ער גערעדט וועגן דער „קאָמיטע״, פון וועמען זי איז צוזאַמענגעשטעלט און וועגן איר גרייטקייט צו ווערן די אָנפירערין פון אַלע אַמעריקאַנער אידן, דורך אָרגאַניזירן קהילות אין אַלע שטעט, וואו עס לעבן אַ גענוגנדיקע צאָל אידן און מאַכן אָט־די קהילות פאַר סעקציעס פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָמיטע.

ז.

ווען ער האָט געענדיקט זיין רעפעראַט, האָב איך זיך געמאָלדן צום וואָרט. איך האָב זיך בעיקר אָפּגעשטעלט אויף דער אומלאָגישקייט פון זיין מעטאָדע ווי צו אָרגאַניזירן אידן. איך האָב געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג דאַרף מען קודם־כל אָרגאַניזירן די קהילות; ערשט נאָכדעם ווי עס וועלן פונקציאָנירן אַ צענדליק קהילות אין לאַנד — זאָלן זיי שיקן פאָרטרעטער צו אַן אַל־קהילות צוזאַמענפאָר און דאָרט זאָל אויסגעוויילט ווערן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיי אַלעמען רעפּרעזענטירן. ערשט אַזאַ קערפּערשאַפט וועט האָבן דאָס רעכט צו ריידן אין אונזער אַלעמענס נאָמען. אָט־דער אויפטריט איז דווקא אויפגענומען געוואָרן מיט אַ גאָר־שטאַרקן בייפאַל פון אַ גרויסן טייל דעלעגאַטן. אַפילו אַסעמבלימאַן סאָלאָמאָן סאָפּרין פון דעם רומענישן פאַרבאַנד (שפּעטער וועט קלאָר ווערן פאַרוואָס איך באַנוץ דאָס וואָרט „אַפילו״) איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און אויסגעדריקט צופרידנקייט סיי מיטן תוכן און סיי מיטן טאָן פון מיין רעדע.

נאָך מיין רעדע האָב איך געבעטן דעם פּרעזידענט ד״ר מאַגנעס, אַז ער זאָל מיר דערלויבן צו ברענגען קאָנקרעטע פאָרשלאָגן. ער האָט עס מיר דערלויבט. מיין ערשטער פאָרשלאָג איז געווען, אַז די קהילה זאָל אויפגעבן איר פאַרבינדונג מיט דער „קאָמיטע״. תיכף נאָכדעם ווי איך האָב אָט־דעם פאָרשלאָג אַרויסגעזאָגט, איז לואי מאַרשאַל אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע און האָט פאַרנומען אַן אָרט אין מיטן זאַל צווישן די דעלעגאַטן. ד״ר מאַגנעס האָט דאַן דערקלערט, אַז מיין פאָרשלאָג איז נישט קאָנסטיטוציאָנעל. איך האָב עס תיכף אָפּגעפרעגט. איך האָב גע׳טענה׳ט, אַז די קהילה האָט נאָך דערווייל נישט קיין קאָנסטיטוציע; אַז אָט־די וויכוחים וואָס מיר פירן איצט אַן, וועלן ערשט דאַרפן דערפירן צו דער פאָרמולירונג פון אַ קאָנסטיטוציע. איך האָב דאַן פאַרזוכט אַרויסצוברענגען מיינע נייע פאָרשלאָגן. בעיקר האָב איך געזוכט אַ קאָמפּראָמיס, לויט וועלכן עס זאָל יאָ איבערגעלאָזט ווערן אַ לויזע פאַרבינדונג מיט דער „קאָמיטע״, אָבער בשום אופן זאָל די קהילה

נישט דערקלערט ווערן ווי אירס אַ סעקציע. אויך אַלע נייע פֿאָרשלאָגן האָט ד״ר מאַגנעס דערקלערט פֿאַר נישט־קאָנסטיטוציאָנעל.

במשך דער צייט, וואָס מיר איז אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט ד״ר מאַגנעס וועגן מיין רעכט צו ברענגען מיינע פֿאָרשלאָגן צו דער קאָנפֿערענץ, איז אין דעם צירקל דעלעגאַטן — צווישן וועלכע מאַרשאַל איז געזעסן — אָנגעגאַנגען אַ שטילער, אָבער שאַרפֿער וויכוח. איך האָב פֿון וויטן נישט געקענט הערן, וועגן וואָס מען איז זיך דאָרט מתווכח; איך האָב נאָר באַמערקט, אַז מאַרשאַל רעדט מיט כעס און צאָרן. פּלוצים האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און האָט גענומען דעמאָנסטראַטיוו פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ. דאַן האָט שוין דער חצוף אין מיין אייגענעם געמיט גענומען די אויבערהאַנט — און איך האָב אים, פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע, צוגעוואָרפֿן די פֿראַגע:

— הער מאַרשאַל, צי וואָלט איר אויך אַזוי געהאַנדלט אויף אַ קאָנפֿע־רענץ פֿון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אויב עמעצער וואָלט נישט מסכים געווען מיט אייך אין אַ געוויסן פּונקט?

הער מאַרשאַל האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער פּלאַטפֿאָרם; זיין קוק האָט אויסגעדריקט אַ געפֿיל פֿון אַ באַליידיקטן און מיט גיכע טריט האָט ער פֿאַרלאָזט דעם זאַל. ד״ר מאַגנעס האָט זיך דאַן געווענדעט צו מיר מיט אַ שאַרפֿן פֿאָרוואורף: „יו העוו דאַן אינאַוו, מיסטער צוקערמאַן, ווהאַט דו יו אינטענד טו דו פֿורטהער?״ (איר האָט שוין גענוג אָפּגעטאָן, הער צוקערמאַן, וואָס דענקט איר וויטער צו טאָן?). איך אַליין בין אויך גענוג צעטומלט געוואָרן פֿון דעם אינצידענט. איך האָב דערשפּירט, אַז איך האָב צו־שטאַרק איבערגעצויגן דאָס שטריקל. איך האָב זיך באַמיט צו באַרעכטיקן מיין האַנדלונג דערמיט, וואָס איך האָב נישט געוואוסט, אַז הער מאַרשאַל קען ווערן אַזוי אויפֿגערעגט, ווען מען זאָגט אַרויס אַ מיינונג קעגן זיינער. צום עצם ענין האָב איך געזאָגט, אַז איך בלייב ביי מיינע פֿאָרשלאָגן. אָבער איך בין דאָ נישט ווי אַ יחיד. איך פֿאַרטרעט דאָ אַ גרופּע, וואָס איז באַרעכ־טיקט צו האָבן איר מיינונג וועגן דעם ווי צו אָרגאַניזירן קהילות אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אויב איר, הער פֿאָרזיצער, דערקלערט מיינע פֿאָר־שלאָגן פֿאַר נישט־קאָנסטיטוציאָנעל, בלייבט מיר נישט קיין אנדער וועג, ווי צו דערקלערן, אַז איך וועל דאָס באַריכטן צו מיינע חברים און מיר וועלן דאַן באַשליסן, צי מיר זאָלן זיך וויטער באַטייליקן אין דער קהילה, אָדער נישט.

ה.

ד״ר מאַגנעס האָט נאָך אָט־דעם אינצידענט דערקלערט, אַז דער סדר־

היום איז אויסגעשעפּט און ער האָט די רעזולטאַטן פון דער דריטער קאָנפערענץ אַזוי סומירט: איך נעם אָן, אַז אַלע דעלעגאַטן זיינען איינשטימיק מיט דער אַרבעט וואָס די קהילה האָט אָנגעפירט די לעצטע צוויי יאָר און אַז אַלע דעלעגאַטן, מיטן אויסנאַם פון די פּועלי־ציון, זיינען אויך מסכים מיטן רעפעראַט פון הער לואי מאַרשאַל — אַז די ניו־יאָרקער אידישע קהילה איז ווילּיק צו זיין אַ סעקציע פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. איך בין געבליבן זיצן אויף דער פּלאַטפאָרמע. אַ סך דעלעגאַטן זיינען פאַרבייגעגאַנגען און איך קען נישט זאָגן, אַז זיי האָבן מיר געשאָנקען זייער־פריינטלעכע בליקן. בלויז צוויי־דריי דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק מיך צו דערמונטערן. מיינע אייגענע מיט־דעלעגאַטן פון די פּועלי־ציון זיינען אויך נישט געווען זיכער, אויב איך האָב ריכטיק געהאַנדלט. אַפילו איך אַליין האָב געהאַט ספיקות וועגן דעם. מיין געמיט איז געווען זייער דערדריקט.

ווען דער דערמאָנטער אַדוואָקאַט, אַסעמבלימאַן סאָלאָמאָן סאָפּרין פון דעם רומענישן פאַרבאַנד, איז צוגעקומען צו מיר, האָט ער מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן מיין האַנדלונג. ער האָט מיך נאָר איינגעלאַדן צו קומען, דעם זעלביקן אָוונט, צו אַ באַראַטונג פון די דעלעגאַטן פון זיין רומענישן פאַרבאַנד. זיי זיינען פאַראינטערעסירט צו וויסן מער וועגן דעם, וואָס די פּועלי־ציון טראַכטן בנוגע דער וויטערדיקער אַרבעט פון דער קהילה. איך האָב, נאַטירלעך, אָנגענומען די איינלאַדונג. איך בין געווען זיכער, אַז וואָס די שטעלונג פון די פּועלי־ציון זאָל נישט זיין, נאָכדעם ווי זיי וועלן אויסהערן מיין באַריכט, וועלן אָבער אַלע זיין פאַראינטערעסירט צו געווינען פריינט פאַר אונזער טאַקטיק. איך האָב געהאָפט, אַז פון אָט־דער איינלאַדונג וועלן אונז צוקומען אַזעלכע פריינט.

ט.

אַדוואָקאַט סאָלאָמאָן סאָפּרין איז, ווי געזאָגט, געווען זייער אַ פּאָפּולערע און באַליבטע פיגור צווישן אַ טייל פון דער ניו־יאָרקער, אידישער באַפעלקערונג; בעיקר ביי די, וואָס זיינען געקומען, ווי ער אַליין, פון רומעניע עטלעכע יאָר פריער פאַר די מערסטע פון אונז. ער האָט שוין דאַן געמוזט זיין אַ צוויי־צענדליק יאָר אין אַמעריקע. ער האָט שוין באַוויזן צו ענדיקן אַדוואָקאַטור און זיך אויך דערשלאָגן צו אַ וויכטיקער, פּאָליטישער פּאָזיציע. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז דער הערשנדיקער פּאָליטישער כוח אין שטאָט ניו־יאָרק איז געווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס אַלע האָבן זי געקענט

אונטערן נאָמען „טאַמאַני האָל״. זי האָט געהאַט אויסגעשפּרייט איר האַנט אויך אויף דער אידישער באַפעלקערונג. עטלעכע פון אירע יונגע אַדוואָקאַטן האָט זי געהאָלפן דערגרייכן פּאָליטישע פּאָזיציעס אין דער אַסעמבלי, אָדער אין סענאַט פון דעם ניו־יאָרקער שטאַט. די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז געווען אין שטאַט ניו־יאָרק גאַנץ שוואַך. פונדעסטוועגן איז דעם אַדוואָקאַט סאַלאָמאָן סאָפּרין געלונגען צוויי מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעוויילט צו ווערן צו דער אַסעמבלי אין אָלבאַני, אין אַ דיסטריקט, וואָס די מאַיאָריטעט פון זיינע בירגער זיינען געווען אידישע אימיגראַנטן. דאָס אַליין באַווייזט זיין פּאָפּולאַריטעט און דורכדעם האָט ער טאַקע אויך פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין די העכערע רעפּובליקאַנישע קרייזן פון שטאַט ניו־יאָרק. מיין אַריינשלעפּן די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי אין מיין שאַרפער ווענדונג צו הער מאַרשאַל האָט אים, סאָפּרינען, (מילד גערעדט) שאָקירט.

ביי אונזער באַגעגעניש אין אָוונט, האָט ער אָנגעהויבן דעם שמועס. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן דערמיט, אַז איך האָב נישט געדאַרפט אַריינשלעפּן די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין אונזערס אַן אינעווייניקסטן ענין. ער האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דעם קאַמף וואָס ציוניסטן (ער האָט זיך אַליין דערקלערט ווי אַ ציוניסט) דאַרפן פירן אינעם אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס הויבט אָן פאָרמולירן זיין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן פּרצוף. זיין טעאָריע איז געווען, אַז אויב מיר ווילן, אַז אידן זאָלן ווען־עס־איז שפּילן אַ ראָלע אינעם פּאָליטישן לעבן פון אַמעריקע, דאַרפן מיר נישט אַזוי בולט אַרויסשטעלן אונזער ציוניזם. מיר דאַרפן זיין גרייט אָנצונעמען די פירערשאַפט פון לואי מאַרשאַל און זיין גרופּע. ער האָט עס באַגרינדעט מיט צוויי אַרגומענטן: ערשטנס, פאַרמאָגן נישט די ציוניסטן אַזעלכע פעאיקע און וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, ווי עס פאַרמאָגט די „קאָמיטע״. ער האָט באַצייכנט מאַרשאַלן ווי אַ גרויסן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט. ער איז מסופק, אויב אָט־די זעלבע נישט־אידן וועלן קענען האָבן צוטרוי צו אַ ציוניסט, וועלכער פּרעדיקט, אַז אידן דאַרפן גאָר פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט אונטערגעשטראָכן די השפּעה וואָס לואי מאַרשאַל איבט שוין אויס אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף אַנדערע באַוואוסטע אידן, נישט־ציוניסטן, וועלכע פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיין מסקנא איז דעריבער געווען, אַז מיר דאַרפן אָננעמען מיט שמחה די פירערשאַפט פון אָט־דער גרופּע אידן.

זיינע רייד האָבן אַרויסגערופן דעם הסכם פון די אַנדערע דריי פאַר־

טרעטער פון רומענישן פאַרבאַנד, וועלכע זיינען געווען מיט אונז ביי דער באַגעגעניש.

איך האָב זיין טעאָריע נישט אָנגענומען. מיין איינשטעלונג איז געווען, אַז ציוניסטן מוזן דווקא זאָרגן דערפאַר, אַז די נישט־אידן זאָלן איינזען, אַז אַ איד קען זיין אַ ציוניסט און גלייכצייטיק אַ גרויסער פּאַטריאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר מוזן עס טאָן צוליבן ציוניזם, ווייל אויב עס זאָל בלייבן דער איינדרוק אַז עס איז דאָ אַ סתירה צווישן זיין אַ ציוניסט און אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, דאַן וועט דער ציוניסטישער געדאַנק זיך נישט קענען אַנטוויקלען אין אַמעריקאַנער אידנטום. איך האָב אויך אַרויסגעבראַכט אַ צווייטן פונקט: אויב מיר וועלן זיך פירן לויט הער סאָפּרינ׳ס טעאָריע, וועט זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז אויך מיר, אידן וואָס שטאַמען פון מזרח־אייראָפּע, זעען בלויז אין די דייטשע יאַהודים אונזערע איינציקע מנהיגים. דאָס וועט שטערן אַ סך פון אונזערע אידן — מיט פעאיקייט צו פאַרנעמען פּאָליטישע פּאָזיציעס אין אַמעריקע — ווען עס איז צו דערגרייכן זייער ציל.

קיין ביישפּיל פון אַ גרויסן ציוניסט, וואָס איז גלייכצייטיק אָנערקענט ווי אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, האָט זיך נאָך דאַן נישט געפונען. דעריבער האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דער פיגור פון מרדכי עמנואל נח. איך האָב אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז שוין מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק האָט געלעבט אַ איד, אַ גרויסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט — וואָס די דעמאָלטיקע אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אים אַפילו אָנפאַרטרויט צו זיין איר קאָנסול אין טוניס — און ער איז גלייכצייטיק שוין דאַן געווען אַ ציוניסט; כאָטש די ציוניסטישע באַוועגונג איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

סאָלאָמאָן סאָפּרין איז מיר אָבער נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. ער האָט תיכף אַרגומענטירט, אַז מרדכי עמנואל נח האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ אידישע מדינה אין אַמעריקע גופא. דאָס איז גאַנץ אַנדערש ווי ציוניזם, וועלכער וויל גאָר אַז אידן זאָלן פאַרלאָזן אַמעריקע.

מיר האָט זיך דאַן געבאָמבלט אין מוח, אַז ערגעץ־וואו האָב איך אויך געלייענט: מרדכי עמנואל נח זאָל האָבן דערקלערט, אַז זיין צוועק איז צו קאָנצענטרירן אידן אין דער געפּלאַנטער מדינה אויפן אינזל וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן אררט, אָבער שפּעטער זאָלן זיי פון דאָרט אַריבער קיין ארץ־ישראל. אין אררט וועלן זיי זיך בלויז צוגרייטן צו פירן אַן אייגענע מדינה. זיכער בין איך אָבער אין דעם נישט געווען. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך האָב איבערגעטראָגן דעם געדאַנק פון ד״ר מאַקס נאָרדוי וועגן אַ „נאַכט־אַזיל״ אין אוגאַנדאַ אויף דער אררט־פּרשה פון מרדכי עמנואל נח.

איך האָב זיי דערציילט וואָס עס באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ און געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען אַ צווייטן מאָל, בכדי איך זאָל דערווייל קענען פעסטשטעלן צי איך בין גערעכט, אָדער נישט. אויך מיינע מיטשמועסער האָבן געוואָלט אַ המשך פון אָט־דעם געשפּרעך. בעיקר האָט עס געוואָלט סאַפּרין אַליין, וועלכער איז באמת פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דעם גאַנצן ענין.

בין איך אויף מאָרגן אַוועק אין אַסטאָר־לייברערי און געבעטן דעם ביבליאָטעקאַר הער פריידוס (וועגן וועמען איך האָב דערציילט אין ערשטן באַנד זכרונות), ער זאָל מיר געבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס ער פאַרמאָגט וועגן מרדכי עמנואל נח. ער האָט עס מיר באַלד געבראַכט און איך האָב אָנגעהויבן נישטערן דעם מאַטעריאַל. סוף־כל־סוף האָב איך געפונען וואָס איך האָב געזוכט. דאָס וואָס איך האָב געפונען, האָט מיך ממש דערשטוינט: באמת, דער פולער „נאַכט־אזיל"־געדאַנק איז אַרויסגעבראַכט אין יאָר 1825 — מיט 80 יאָר פריער, איידער די פרשה אוגאַנדאַ איז אויפגעקומען אין אונזער געשיכטע. יענע דאָקומענטן האָב איך איצט נישט פאַר זיך. אָבער דער גרויסער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט עס פאַר מיר צוגעגרייט און נחום שטיף האָט עס שוין איבערגעזעצט אין אידיש. אינעם 9טן באַנד פון דובנאָוו'ס געשיכטע (אין אידישער איבערזעצונג), אין 32טן קאַפּיטל, אויף זייט 133 ווערט איבערגעגעבן ווערטערלעך דער מאַניפעסט, וואָס מרדכי עמנואל נח האָט אַרויסגעשיקט צו דער גאַנצער אידישער וועלט אין סעפּטעמבער 1825. דער מאַניפעסט לייענט זיך:

„איך, מרדכי עמנואל נח, בירגער פון צפון־אַמעריקאַנער פאַר־אייניקטע שטאַטן, פריער קאָנסול אין טוניס, איצט שעריף אין ניו־יאָרק און מיט גאָטס גנאָד רעגירער און שופט אין ישראל, מעלד מיט דעם די אידן אויף דער גאָרער וועלט, אַז ס'איז צוגעגרייט אַ זיכער אָרט, דאָרט וועלן זיי געניסן שלום, טרייסט און גליק, וואָס אומטאָלע־ראַנץ און פאַראורטיילן האָבן דאָס פון זיי אַוועקגערויבט אין די פריער־דיקע צייטן, אַ זיכער אָרט אין אַ פריי, שטאַרק לאַנד, וואו זיי, זייער פאַרמעגן און רעליגיעזע מנהגים זיינען גאָר געזיכערט... אונזער פאָלק זאָל זיך אויסלערנען רעגירן, אויפגעקלערט ווערן מיט וויסנשאַפט און ציוויליזאַציע און אַזוי אַרום זיך גרייטן צוריק אויפבויען זיין אַלטע היים (פאַלעסטינע), וואָס דאַרף אין גיכן פאַרקומען, ווי מיר האָבן אויף דעם צייכנס, היינטיקע צייט" (**אונטערגעשטראָכן פון מיר, ב. צ.**).

י.

פאַר דער צווייטער באַגעגעניש האָב איך צוגעגרייט אַ גאַנצע לעקציע וועגן מרדכי עמנואל נח; ווי ער האָט אַדורכגעפירט אַ גרויסן יום־טוב ביים לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַררט; ווי אין דער נאָענטער שטאָט באָפאַלאָ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פאַרבעטענע געסט, וועלכע זיינען געקומען זען מיט די אייגענע אויגן אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע פאַסירונג; ווי מרדכי עמנואל נח אַליין, אָנגעטאָן אין אַ רויטן מאַנטל, אויסגעפוצט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, האָט געפירט אַ פּראָצעסיע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל־גענומען אַ סך קריסטלעכע גייסטלעכע און מיטגלידער פון די מאַסאָנען־לאָדזשען; ווי ער האָט זיי אַריינגעפירט מיט מוזיק און געזאַנג אין אַ קירך (קיין אידישע סינאַגאָגע איז נאָך דאַן אין באָפאַלאָ נישט געווען). אין קירך איז שוין געווען צוגעגרייט אַ גרויסער שטיין פאַרן פונדאַמענט. אויפן שטיין זיינען געווען אויסגעקריצט די פאָלגנדיקע ווערטער:

שמע ישראל, ה׳ אלוקינו, ה׳ אחד. אררט, אַ עיר מקלט פאַר אידן, וואָס מרדכי עמנואל נח האָט געגרינדעט חודש תשרי דאָס יאָר ה׳תקפ״ו, דאָס פופציקסטע יאָר פון אַמעריקאַנער פרייהייט.

איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם רושם וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף דער גאַנצער וועלט — אידן און נישט־אידן — בכלל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן בפרט. איך האָב זיי איבערגעגעבן, אַז אָט־דער פונדאַמענט־שטיין ליגט ביז היינט אין מוזיי פון באָפאַלאָ, אַ זכר פון אַ חלום, וואָס איז נישט רעאַליזירט געוואָרן.

אָבער בעיקר האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויפן פאַקט, וואָס אַ גרויסער איד, אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, האָט נישט געפונען קיין סתירה צווישן זיין אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם און זיינע ציוניסטישע חלומות. ער האָט דורכדעם נישט אָנגעוואוירן זיין אָנזען אין די אויגן פון די נישט־אידן. פאַרקערט, זיין חשיבות איז אין זייערע אויגן גאָר געוואָקסן. מיר דאַרפן נעמען אים, מרדכי עמנואל נח, ווי אונזער ביישפּיל. מיר מוזן זיך פאַרלאָזן אויף דעם, אַז אויך די איצטיקע נישט־אידן וועלן פאַר אונז קריגן מער רעספּעקט, ווען מיר וועלן דווקא אונטערשטרייכן אונזערע בענקשאַפטן צו שיבת ציון. די מאַרשאַל־גרופּע גייט נישט אויף אָט־דעם וועג. מיר טאָרן דעריבער נישט זען אין זיי אונזערע באַרופענע פירער.

די גאַנצע גרופּע איז ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גראַנדיעזער פאַסי־רונג, פונקט ווי איך אַליין בין דורכדעם פאַרכאַפּט געוואָרן. עס האָט זיך דעריבער איינגעשטעלט אַ וואַרעמע קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן אונז (דאָס

איז אונז שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען, ווען מיר האָבן געפירט דעם קאַמף פאַרן אידישן קאָנגרעס, וועגן וועלכן עס וועט שפּעטער דערציילט ווערן). בנוגע דער שטעלונג צו דער קהילה, האָט עס זיי נישט באַוואויגן צו גיין אינגאַנצן מיט אונז. סייווי האָט עס שוין נישט געהאַט פאַר אונז קיין באַלדיקע פּראַקטישע באַדייטונג, ווייל מיר האָבן באַשלאָסן אינגאַנצן אַרויסצוטרעטן פון דער קהילה. אַט־אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ אַ פאַרזוך, וואָס איינער פון די אידעאַליסטישסטע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום — ד״ר יהודה לייב מאַגנעס — האָט געמאַכט: צו גרינדן אַ קהילה אין ניו־יאָרק.

יא.

ווי ווייט אונזער האַנדלונג האָט מיטגעווירקט צו אַט־דער פיאַסקאָ, דאַרפן באַשטימען אָביעקטיווע היסטאָריקער, נישט איך. פּערזענלעך בין איך איבער־צייגט, אַז די הויפּט־סיבה איז געלעגן אין דעם, וואָס דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט צו דער אידישער עדה איז נאָך דאַן נישט געווען גענוג אַנטוויקלט אַפילו ביי אונזערע בעסטע. מען קען עס אַרויסזען כאָטש פון איין פאַרגלייך. אין ניו־יאָרק האָט דער אַרבעטער־רינג, צום ביישפּיל, זיך לגמרי אָפּגעזאָגט פון באַטייליקן זיך אין דער קהילה. זיי האָבן אויף דער זייער־האַרציקער איינלאַדונג פון ד״ר מאַגנעס געענטפערט, אַז זיי האָבן אין דער קהילה גאָרנישט וואָס צו זוכן. דאַקעגן ווייס איך זייער גוט, אַז צו דער ווילנער אידישער קהילה האָבן געהערט אַלע ראַדיקאַלע ריכטונגען, אַפילו די אידישע קאָמוניסטן, איידער די יעווסעקציע האָט איבערגענומען די תורה, אַז אידן זיינען קיין פאָלק נישט, זייער קולטור איז קיין קולטור נישט און האָבן אָנגעהויבן ברעכן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן זעלבסטשטענדיקן אידישן לעבן.

אָבער דאָס געהערט שוין נישט צו מיינע זכרונות. איך האָב נאָר געוואָלט דערציילן, וויאַזוי עס איז פאָרגעקומען מיין ערשטער צוזאַמענשטויס מיט דעם גרויסן אידישן פירער לואי מאַרשאַל, אין פאַרבינדונג מיטן פאַרזוך אויפ־צושטעלן אַ אידישע קהילה אין ניו־יאָרק. וועגן אַנדערע צוזאַמענשטויסן מיט אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן. כמעט ביי יעדע פון זיי האָב איך געהאַנדלט חוצפה׳דיק — כאָטש איך מיין אויך היינט, אַז אין תוך בין איך, ביי די מערסטע צוזאַמענשטויסן, געווען גערעכט — און נאָך יעדן צוזאַמענשטויס בין איך געבליבן מיט אַ דערדריקט געמיט.

ווען דער דערמאָנטער סאָלאָמאָן סאָפרין האָט מיר, מיט וואָכן שפּעטער,

דערציילט, אַז לואי מאַרשאַל פילט זיך נאָך אַלץ ווי אַ באַליידיקטער — האָט עס מיר זייער שטאַרק ווײ געטאָן. סאַפּרין האָט מיר צוגעזאָגט צו ריידן מיט לואי מאַרשאַל און אים פאַרזיכערן, אַז איך האָב בשום אופן, מיט מיין אַרויסטריט, אים פערזענלעך נישט געוואָלט באַליידיקן. מיין איינדרוק איז, אַז סאַפּרין האָט געהאַלטן זיין צוזאָג. כאָטש קיין וועזנטלעכן חילוק אין מאַרשאַל׳ס באַציאונג צו מיר האָב איך — אויף ווי ווייט איך האָב אים באַגעגנט — נישט געשפּירט. אַן ענדערונג איז ערשט געקומען אין די ציימן פון דער גרויסער רעליף־אַקציע פון די שפּעטערדיקע יאָרן.

יב.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז ביים איבערגיין דובנאָוו׳ס געשיכטע נאָכאַמאָל און ביים צוקומען צו דער פרשה פון מרדכי עמנואל נח, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך אַ היסטאָרישן פאַקט, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ חידוש: אין יאָר 1840, פופצן יאָר נאָך דער מרדכי עמנואל נח־פרשה, איז אין בערלין דערשינען אַ בראָשור אין דייטש, אונטערן מערקווירדיקן נאָמען „ניו יודעאַ״, וואָס רופט אידן, אַז זיי זאָלן זיך דערוואָרבן גרויסע שטחים באַדן אין יענע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, וואָס זיינען ווייניק באַזעצט: מיזורי, מישיגען, אַרקאַנזעס און אַנדערע, בכדי איינצואָרדענען דאָרט אויטאָ־נאָמע אידישע מלוכות (דער זעלביקער באַנד 9, דובנאָוו, זייט 244. ב. צ.). ווען איך האָב דאָס געלייענט, האָב איך געטראַכט: געווען אַזעלכע פאַנטאַזיאָרן ווי איך (אין פאַרבינדונג מיטן גאַלוועסטאָן־פּלאַן. זע מיין ערשטן באַנד זכרונות, זייט 238 און ווייטער). און איך בין מודה, אַז מיין בושה, וואָס איך האָב אין זיך געטראָגן פאַר אָט־יענער פאַנטאַזיע, איז באַדייטנדיק שוואַכער געוואָרן *).

*) נאָך שוואַכער איז מיין בושה געוואָרן, ווען איך האָב, לייענענדיק דעם זייער־וויכטיקן ספר פון דעם באַקאַנטן היסטאָריקער ד״ר ישראל קלויזנער, „בהתעורר עם״ (ירושלים, תשכ״ב), אויף זייטן 112 און ווייטער, זיך דערוואוסט, אַז פאַר דעם געדאַנק אויפצובויען אַ אידישע טעריטאָריע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן זיך איינגעשטעלט, אין יאָר 1881, אַזעלכע באַרימטע העברעאישע שרייבער און דיכטער, ווי שפ״ר (שאול־פּנחס ראַבינאָוויץ), יהל״ל (יהודה־לייב לעווין) און אַפילו דער גרעסטער העברעאישער פּאָעט פון יענער עפּאָכע — יל״ג (יהודה־לייב גאָרדאָן). אויף זייטן 137־138 פון זעלביקן ספר ווערט דערציילט, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז שאַרף פאַרטיידיקט געוואָרן דורך מאַרק זאַמענהאָף (פאָטער פון בעל ה„עספּעראַנטאָ״, לודוויג) אין דער רוסישער צייטונג „ראַזסוויעט״ און פון ד״ר ד. פליספּעדער פון קישינעוו, אין אַ ספּעציעלן בוך (רוסיש, פעברואַר 1882), וועגן „די אידישע פראַגע פאַר דעם משפט פון דער היסטאָריע״.

אמת, כמעט אַלע זיינען שפּעטער אַריבער צו חיבת ציון און צו ארץ־ישראל; איז דאָך דאָס זעלביקע אויך מיט מיר געשען.

אמת, די אידישע געשיכטע האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און איז אַוועק אויף איר היסטאָרישן וועג קיין ארץ־ישראל. מיין באַוועגונג האָט נאָך דערביי מיטגעהאָלפן מיר צוצוטראָגן דעם „שפּיצל", פאַר וועלכער איך בין איר אַוודאי דאַנקבאַר. אָבער דעם זעלביקן שפּיצל האָט די מאַדאַם געשיכטע אויך אָפּגעטאָן צו מרדכי עמנואל נח, דעם אַנאָנימען מחבר פון דער אָקאָרשט־ציטירטער בראָשור און אַלע אויסגערעכנטע אין דער נאָטיץ פון אונטן. געפין איך מיך אין גאָר אַ געהויבענער געזעלשאַפט.

יג.

איך קען נישט אָפּשליסן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל און נישט צוגעבן: אין שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכדעם ווי דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט שוין עקזיסטירט אַ פּאָר צענדליק יאָר, האָב איך מיך נישט איינמאָל פאַרטראַכט וועגן אונזער האַנדלונג אויף יענע קהילה־קאָנפערענצן, וואָס ד"ר יהודה־לייב מאַגנעס האָט דאַן צוזאַמענגערופן. די רעזולטאַטן, צו וועלכע אָט־די מחשבות האָבן מיר דערפירט, האָבן אַרויסגערופן אַ זייער שאַרפע חרטה אויף דער האַנדלונג פון אונזער באַוועגונג; נאָך מער האָב איך געהאַט חרטה אויף מיינע אייגענע האַנדלונגען, ווייל איך בין געווען דער עקסטרעמסטער קעמפער פאַר אונזער דעמאָלטיקער טאַקטיק. היינט בין איך גאָר נישט זיכער, אויב סיי לואי מאַרשאַל, סיי ד"ר מאַגנעס זיינען געווען אומגערעכט, ווען זיי האָבן געוואָלט פאַרבינדן די ניו־יאָרקער קהילה — און אויך די קהילות אין אַנדערע שטעט — מיט דער „אַמעריקאַן דזשוּאיש קאָמיטע".

ערשטנס — טראַכט איך היינט — אַז די „קאָמיטע" אַליין וואָלט זיך אַנטוויקלט אויף גאָר אַנדערע וועגן, ווען זי וואָלט געווען געבויט אויף קהילות. איר כאַראַקטער וואָלט געמוזט ווערן מער דעמאָקראַטיש. צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר! — מיר וואָלטן אפשר דאַן פאַרמאָגט אין אַמעריקאַנער אידנטום אַ ריכטיקע געאייניקטע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס היינט פאַרמאָגן מיר זי נישט. דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס איז רעדוצירט געוואָרן צו דער מדרגה פון איין אידישע אָרגאַניזאַציע צווישן אַ סך אַזעלכע; און דער קאָנגרעס איז ווייט נישט די וויכטיקסטע פון זיי. און קיין אַל־אידישע רעפּרעזענטאַנץ, אָנערקענט פון אַלע טיילן פון אַמעריקאַנער אידנטום, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט.

אַזוי האָט — ווי איך זע די זאַך איצט — אונזער עקשנות אונטערגעגראָבן דעם סאַמע־ציל, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט אויף אָט־דעם שטח: אויפצו־שטעלן אַן איין־איינציקע, פון אַלעמען־אָנערקענטע רעפּרעזענטאַנץ פון אַמע־

ריקאַנער אידנטום. און ווען איך פיר פאַרביי דורך מיין מחשבה די אַלע וויכטיקע געשעענישן אין אַמעריקאַנער אידנטום, וואו דער מאַנגל פון אַזאַ רעפּרעזענטאַנץ האָט אונז געבראַכט גרויס שאָדן, פיל איך, אַז אונזערע הענט זיינען נישט ריין פון דער אחריות, וואָס אַזאַ שאַנס — אפשר דער איינציקער וואָס מיר האָבן געהאַט — איז דורך אונזערע האַנדלונגען פאַר־שפּילט געוואָרן.

אָבער איך מוז זיך אומקערן צו דערציילן וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג. מיין איצטיקע חרטה קען שוין די פּאַסירונגען נישט ענדערן.

אונזער ראָלע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג

א.

איך קום איצט צו אַ געשיכטלעך קאַפּיטל, וואָס האָט מער ווי אַלע ביז־איצטיקע געשעענישן אין אַמעריקאַנער אידנטום אַרויסגערופן אַ שטור־רעם. דאָס קאַפּיטל האָט גאָר בולט אַרויסגעבראַכט די פאַרשידענע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע, חילוקי־דעות אין אַמעריקאַנער אידנטום — וואָס האָט זיך דאַן נאָך אַלץ געהאַלטן אין אויספורעמען. איך מיין דאָ די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום דעם געדאַנק פון צוזאַמען־רופן אַן אַל־אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס.

די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען פול מיט אַזויפיל שפּאַנונגען; אַנגעלאָדן מיט אַזויפיל שוואונג און אויסגעשפּרייט אויף אַזאַ ברייטן שטח, אַז זי פאַרדינט אַ באַזונדער אויספאָרשונג. בלויז אַ גרויסע אַרבעט קען אַרויס־ברענגען אַלע אירע פּרטים און איבערלאָזן אַ ווערק, וואָס זאָל קענען שטודירט ווערן פון קומענדיקע דורות. מיט דעם דאַרף זיך אָפּגעבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פאָרשערס. האָפנטלעך וועט עס געטאָן ווערן וואָס שנעלער, ווייל אַ סך מאַטעריאַלן וועגן אָט־דער גרויסער פּרשה קענען מיט דער צייט פאַרלוירן גיין. אַפילו אונזער ראָלע אין אָט־דער באַוועגונג פאַרדינט אויך אַן אויסשעפּנדיקע פאָרשונג און מער פּרטים ווי איך קען דאָ געבן. איך מוז מיך באַגרענעצן צו די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג און צום חלק וואָס מיר האָבן צוגעטראָגן. איך בין איבערצייגט, אַז קיינער וועט נישט זען קיין איינריידעניש פון אַ פּאַרטיי־מאַן אין מיין פעסטשטעלונג — אַז אויך אונזער ראָלע אין איר איז געווען פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט. זיכער וועלן אין דעם נישט צווייפלען די אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אָט־דער אַרבעט און דער רבונו של עולם האָט זיי דערהאַלטןביים לעבן. זיי וויסן זיכער, אַז עס איז כמעט נישט געווען קיין איין שריט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, קיין איין ענדערונג אין איר אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואו זי האָט נישט געשפּירט אין זיך די ווירקונג און אַרום זיך דאָס שטענדיק־וואַכזאַמע אויג פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

איך בין גליקלעך צו פאַרצייכענען, אַז דער מענטש וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס — און וואָס האָט אַליין צוגעטראָגן גאָר אַ גרויסן חלק צו דער מערקווירדיקער קאָנגרעס־באַוועגונג — בערנאַרד דזשי ריטשאַרדס, האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן (אין אַ צאָל עסייען וואָס ער האָט געשריבן וועגן דער באַוועגונג) שטאַרק אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן ביישטייער וואָס די פּועלי־ציון האָבן צוגע־טראָגן צו אָט־דער באַוועגונג. אָבער אויך זיינע עסייען שעפּן נישט אויס, נישט אונזער חלק און אַוודאי נישט די גאַנצע פּרשה — די קאָנגרעס־באַוועגונג. ביז היינט איז זי נאָך אַלץ פאַרבליבן די וויכטיקסטע פּרשה אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום. צו דער אויספאָרשונג פון אָט־דער פּרשה, וואָלט דער הער בערנאַרד דזשי ריטשאַרדס נאָך איצט געקענט צוטראָגן אַ זייער וויכטיקן ביישטייער. ער האָט דורכגעלעבט אַלע אירע פאַזן; דערצו פאַרמאָגט ער אַ געבענטשטע פּען, וואָס ער האָט זי באַנוצט מיט טאַלענט ביים שרייבן אין ענגליש זיינע דערציילונגען פון מזרח־אייראָפּע.

נאָכדעם ווי די הויפּט־מאָמענטן וועלן דערציילט ווערן, וויל איך אָפּשליסן דאָס קאַפּיטל מיטן איבערגעבן אַ טעקסט פון אַ בריוו־אויסטויש צווישן דעם באַרימטן אַמעריקאַנער אידישן פירער לואי מאַרשאַל און מיר. אין אָט־דעם בריוו־אויסטויש ווערט געגעבן דער תמצית פון די חילוקי־דעות, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין אַמעריקאַנער אידנטום, סיי וועגן אַמעריקאַנער אידנטום אַליין, סיי בנוגע די וויכטיקסטע פראַגן וועלכע האָבן דאַן געמאָטערט דאָס אידנטום פון דער גאָרער וועלט.

אינעם בריוו־אויסטויש ווערן אויך באַרירט פראַגן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער רעליף־אַרבעט, וועלכער איך ווידמע אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם באַנד זכרונות. אָבער די עיקר׳דיקע פונקטן געהערן כמעט דירעקט צו דער קאָנגרעס־באַוועגונג. און היות ווי אַרום איר וועבן זיך שוין לעגענדעס, האַלט איך פאַר נויטיק צו דערציילן וויאַזוי זי האָט זיך אָנגעהויבן.

ב.

ד״ר שמריהו לעווין איז עטלעכע טעג פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעפאָרן פון ניו־יאָרק אויף זיין וועג קיין אַרגענטינע. די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווען ער איז געווען אויף דער שיף — און זי האָט זיך געמוזט אומקערן קיין ניו־יאָרק. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין גאַנץ אייראָפּע געווען אין מלחמה־פלאַקער. די ציוניסטישע וועלט־פירער־שאַפט איז דורך דעם צעריסן געוואָרן. די מערהייט פון אירע מיטגלידער

איז געווען אין דייטשלאַנד. אייניקע זיינען געווען אין לאָנדאָן און אין אַנדערע לענדער. ד״ר לעווין האָט גערופן אַ קאָנפערענץ — סוף אויגוסט 1914 — מיטן צוועק אויפצושטעלן אין אַמעריקע אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל ראַטעווען וואָס עס וועט זיך לאָזן פון דער צעבראָכענער, ציוניסטישער פירערשאַפט. גלייכצייטיק זאָל זי אויך זאָרגן פאַרן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

נאָטירלעך, האָט ד״ר לעווין אויך איינגעלאַדן פאַרטרעטער פון די פועלי־ציון. נאָך אַ לאַנגער, ערנסטער באַטראַכטונג איז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פועלי־ציון געקומען צום באַשלוס, אַז מען טאָר די גערופענע קאָנפערענץ נישט באַגרענעצן בלויז צו די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ארץ־ישראל׳דיקן ישוב; אַז מען דאַרף צו דער קאָנפערענץ ברענגען אַ פאָרשלאַג וועגן אַנהויבן צוגרייטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו אַלע פּראָבלעמען פונעם אידישן פאָלק. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל אָרגאַניזירטערהייט פאָרמולירן די דאָזיקע פּראָבלעמען, אויסאַרבעטן די לייזונגען און אויפשטעלן אָרגאַנען, וואָס זאָלן זיי אַדורכפירן אין לעבן. דער ערשטער שריט מוז זיין: צוזאַמענרופן אַ דעמאָקראַטיש־געווילטן, אַל־אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. ד״ר נחמן סירקין און איך זיינען געשיקט געוואָרן פון צענטראַל־קאָמיטעט צו אָט־דער קאָנפערענץ. איך האָב געבראַכט אונזער פאָרשלאַג און ד״ר סירקין האָט אים אונטערשטיצט.

מען קען נישט זאָגן, אַז ד״ר לעווין האָט אויפגענומען דעם פאָרשלאַג בסבר פנים יפות. ער איז געווען זייער שטאַרק פאַרן געדאַנק פון קאָנגרעס, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז די קאָנפערענץ איז נישט די פּאַסיקע קערפּערשאַפט צו באַהאַנדלען און באַשטימען וועגן דעם. אַנדערע ציוניסטן זיינען געווען קעגן דעם עצם געדאַנק *).

יענע קאָנפערענץ האָט קיין ענדגילטיקן באַשלוס וועגן דער פראַגע נישט

---

*) אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, וויאַזוי עס האָט אויפן פאָרשלאַג רעאַגירט דער באַקאַנטער ד״ר י. ל. מאַגנעס, וואָס האָט זיך אויך באַטייליקט אין יענער קאָנפערענץ. ער האָט אונז צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט פאָלגנדיקן העברעאישן טעקסט: „אַל תקרא קונגרס אלא קונפרנץ״. אין אָט־דעם קליינעם צעטעלע איז שוין געלעגן דער טיפער חילוק צווישן דעם בליק פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן אויף אידישע אַרויסטרעטונגען און דעם בליק פון ציוניסטן פון דעם מאַגנעס־טיפּ. מיר האָבן זיך געריסן צו אַ וואָס־גרעסערער עפנטלעכקייט, מיט וואָס־ברייטערן שוואונג; צו וואָס־מער אימפּאָזאַנטע, אַפילו רייך־דעמאָנסטראַטיווע אַרויסטרעטונגען. ד״ר מאַגנעס האָט זיך פאַר אַזאַ פאַרנעם איבערגעשראָקן: נאָר נישט צו הויך פליען! נאָר וואָס וויניקער וואַרפן זיך אין די אויגן! איך בין איבערצייגט, אַז ד״ר מאַגנעס איז געווען זייער ווייט פון דעם טיפּ פחד־אידן. אָבער ער האָט שוין, גלייך ביים אָנהויב, דערשפּירט וויאַזוי אַזאַ פאָרשלאַג וועט באַגעגנט ווערן פון די פירער פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״. האָט ער געוואָלט, לויט זיין שיטה, געפינען אַ פאָרמולע, וואָס אויך זיי זאָלן קענען אָננעמען. ב. צ.

אָנגענומען. אַלץ, וואָס מיר האָבן גע׳פועל׳ט, איז געווען — איבערצוגעבן דעם גאַנצן ענין צו דער נייער קערפּערשאַפט, וואָס די קאָנפערענץ האָט באַשאַפן: דעם פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט. ווי פאָרזיצער פונעם נייעם קאָמיטעט איז אויסגעקליבן געוואָרן לואיס ד. בראַנדייס. אָט־די נייע קערפּערשאַפט איז אינסטרואירט געוואָרן פון דער קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען און ענדגילטיק באַשליסן וועגן דער קאָנגרעס־פראַגע.

אין דעצעמבער 1914 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די יערלעכע קאָנווענשאָן פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין ראָטשעסטער. דאָרט האָט די קאָנגרעס־פראַגע נאַטירלעך פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן. געווען קעגנער אויך ביי אונז. שטאַרקער ווי אַלע האָט קעגן דעם געקעמפט חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אַמעריקע. ער איז דאַן געווען דער וויכטיקסטער אייראָפּעאישער פירער פון דער פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג. זיין וואָרט האָט געהאַט וואָג אויף דער קאָנווענשאָן. אָבער דעם רעזולטאַט האָט ער נישט געקענט ענדערן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן דורכגעדרונגען מיטן קאָנגרעס־געדאַנק; און די קאָנווענשאָן האָט בלויז געגעבן די אָפיציעלע באַשטעטיקונג. פון יענעם באַשלוס אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די ציוניסטן־סאָציאַליסטן דער וויכטיקסטער קאַפּיטל פון זייער השפּעה אין אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען דער קאַמף פאַרן אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. יעדע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין אַמעריקע האָט בוכשטעבלעך געמוזט איינגענומען ווערן פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק.

קודם־כל, די ציוניסטישע פּאָזיציע: אינעם אויבנדערמאָנטן פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער געראַנגל אַרום דער פראַגע כמעט אַ גאַנצן יאָר נאָכאַנאַנד. לואיס ד. בראַנדייס האָט אַרויסגעבראַכט שאַרפע, נעגאַטיווע מאָמענטן. ערשטנס — די געפאַר, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן זיך נישט־צופיל אינטערעסירן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג. זי קען אונז, בכן, ברענגען מער אַנטוישונג ווי הילף. צווייטנס — די געפאַר, טאָמער וועט דער קאָנגרעס גופא זיין דערפּאַלגרייך, אָבער ער וועט נישט אויפנעמען אויף אַ געהעריקן אופן דעם ארץ־ישראל־פּונקט. דריטנס — די געפאַר, אַז אויב דער קאָנגרעס זאָל יאָ אָננעמען אַ פולע פּרינציפּיעל־ציוניסטישע איינשטעלונג בנוגע ארץ־ישראל, וועט ער מאַכן איבעריק די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. קיינער האָט, נאַטירלעך, נישט געהאַט קיין ווערסלען אין קעשענע, וואָס זאָלן פאַרזיכערן קעגן אָט־די געפאַרן. אונז איז בלויז געבליבן אַרויסצושטעלן, קעגן די אַלע חששות,

אונזער טיפּן צוטרוי צו די אידישע מאַסן אין אַמעריקע: אַז זיי וועלן זיך יאָ פּאַראינטערעסירן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, אַז זיי וועלן יאָ אָננעמען אונזער ציוניסטישן בליק בנוגע ארץ־ישראל און אַז זיי וועלן גוט פאַרשטיין די באַדייטונג פון אויפהאַלטן די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס ד״ר הערצל האָט אויפגעבויט — דעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס און זיינע אָפּטיילונגען אין אַלע לענדער — פאַר דער דורכפירונג פון די ציוניסטישע צילן. עס זיינען געווען ביי אונז אויך אַזעלכע עקסטרעמיסטן (איך צווישן זיי) וועלכע האָבן געטראַכט: אויב אַן אַלוועלטלעך־אָרגאַניזירט אידנטום, געשטיצט אויף אידישע לאַנד־קאָנגרעסן, וועט איבערנעמען דעם ארץ־ישראל־פּונקט — אין פולן הסכם מיטן ציוניסטישן פּרינציפּ — דאַרף מען זיך דאַן גאָרנישט איינשטעלן פאַר דער אויפהאַלטונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס. אָבער אַפילו די דאָזיקע עקסטרעמיסטן האָבן נישט געגלויבט, אַז אַזאַ ברייטע אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ וועט קענען אויפגעבויט ווערן תיכף נאָך דער מלחמה. זיי האָבן דערפאַר נישט געזען קיין סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט, איינגעשלאָסן אַמעריקע.

דער געראַנגל אין דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין זומער פון 1915. סוף־כל־סוף האָבן די פּראָ־קאָנגרעסיסטן מנצח געווען. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אָפיציעל דערקלערט פאַרן קאָנגרעס. בראַנדייס האָט זיך דאַן אַריינגעוואָרפן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג מיט זיין גאַנצן אייפער און זיין גרויסן טאַלאַנט. ער האָט אַן ספק געגעבן דער קאָנגרעס־באַוועגונג אַ גרויסן שטויס פאָרויס.

ג.

די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן זיך אָבער נישט צופרידן־געשטעלט בלויז מיטן אינערלעכן קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. זי האָט אַרומגענומען כמעט יעדע אידישע גרופּע, וואָס האָט נאָר געהאַט וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער אידישער גאַס. זי האָט נישט דורכגעלאָזט קיין אָרגאַניזאַציע, קיין לאַנדסמאַנשאַפט, קיין שול, קיין יוניאָן. אַ ספּעציעלע אידישע „עמאַנציפּאַציע־ליגע" — וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ווינטער פון 1914־1915 דורך ד״ר י. קרימסקי, ב. ג. ריטשאַרדס, ד״ר גירזשדאַנסקי און נאָך אַ גרופּע יחידים — האָט שטאַרק געהאָלפן דעם פּראָצעס פון גיין „אין פאָלק אַריין" און טראָגן דאָרט דעם קאָנגרעס־געדאַנק. דאָס פאָלק האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך גענומען גוט צוהערן צו דעם, וואָס די נייע באַוועגונג ברענגט מיט זיך.

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג קאָנצענטרירט אַרום די אידישע אַרבעטער־מאַסן. דורך אַ ריי לאָקאַלע און נאַציאָנאַל־אידישע אַרבעטער־קאָנפערענצן, איז דער דאָזיקער קאַמף דורכגעפירט געוואָרן. אויך דאָס קאַפּיטל מוז נאָך וואַרטן אויף אַ פול־שטענדיקע אויספאָרשונג. דערווייל איז גענוג צו פאַרצייכענען, אַז אויף דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס — וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 5טן—6טן סעפּטעמבער 1915 — האָבן זיך ענדגילטיק פאַרמאָסטן מיט די כוחות די אָנהענגער און די קעגנער פונעם קאָנגרעס־געדאַנק. די קעגנער זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דעם דעמאָלט־עקזיסטירנדיקן „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט״, באַהערשט פון אַ גרופּע בונדישע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין יענע יאָרן. די אָנהענגער פונעם קאָנגרעס־געדאַנק האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן*) קאָמיטעט, וואָס איז, נאַטירלעך, באַהערשט געוואָרן פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָמיטעט האָבן געהערט די פאַרבליבענע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן; די זשיטלאָווסקיאַנער, וועלכע זיינען אין דער פּאַרטיי נישט אַריין; איינצלנע קלענערע אידישע יוניאָנס און אַפילו עטלעכע ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג.

אויך אויף דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנפערענץ האָט געזיגט די פּראָ־קאָנגרעס־איינשטעלונג. די קאָנפערענץ האָט אָבער געמאַכט אַ טעות דערמיט, וואָס זי האָט אויסגעקליבן אַ מאַיאָריטעט פון אַנטי־קאָנגרעסיסטן אין דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט דורכפירן אירע באַשלוסן. דעם טעות האָט מען ערשט דערזען שפּעטער. אָבער אין פּרינציפּ האָט אויך צווישן די אידישע אַרבעטער געזיגט דער קאָנגרעס־געדאַנק.

צווישן פאָלק גופא האָט די קאָנגרעס־באַוועגונג ממש אָנגעצונדן האָפענונגען. אַפילו מיר, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּן, האָבן נישט איינמאָל געזינדיקט קעגן פאָלק מיט אומצוטרוי צו זיינע געזונטע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן און צו זיין פּאָליטישן שכל־הישר. ווען נאָר מיר האָבן, אין אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס, זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף די פאָלקס־מאַסן, האָבן זיך אַפילו צווישן אונז געפונען פּעסימיסטן; אונטערשעצער פונעם פאָלקס־אינסטינקט. מיר זיינען אָבער אַלע מאָל אָנגענעם איבערראַשט געוואָרן.

*) די היטלעריסטישע באַוועגונג האָט, ליידער, מטמא געווען דעם נאָמען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וועלכן אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט דאַן געטראָגן. דער זעלביקער היטלעריזם האָט אָבער דעם „בונד״ אויך נישט געשאַנעוועט. דעם נאָמען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָבן די היטלעריסטן מטמא געווען אַלוועלטלעך. דעם נאָמען „בונד״ — בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָ האָבן זיי געגרינדעט אַ „היטלער־בונד״.

שטענדיק האָט זיך דאָס פאָלק אַרויסגעוויזן געזונט און וויטאַליטעט און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניק. אַזוי איז עס געווען אין אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּן אַרויסזאָגן; אַזוי אויך אין די אַנדערע אידישע פאָלקס־שיכטן. יעדער צוזאַמענשטויס האָט געצונדן אין אונזערע גרופּן דעם קאַמפּס־פונק און די טיפע אמונה אין אונזער וועג, וועלכן מיר האָבן, נאַטירלעך, צוריק אַריינגעטראָגן אין פאָלק׳ס אָרגאַניזם. מיר האָבן זיך דורך דעם ענג צוזאַמענגעגאָסן מיט גרויסע אידישע פאָלקס־מאַסן.

אויך די קעגנער האָבן נישט געריט. דורך אַ סיסטעם פון אומאָפיציעלע פאַרהאַנדלונגען — וואָס זיינען געפירט געוואָרן מיט וויכטיקע פירער פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״ — האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אָפּציענישן און אָפּלייגונגען. נישט נאָר יעדער געזעלשאַפטלעכער כוח האָט געדאַרפט גענומען ווערן מיט קאַמף, נאָר יעדער חודש אָפּלייגונג האָט גע־דאַרפט באַגעגנט ווערן מיט קאַמף. אָט־דער כסדר׳דיקער, אינערלעכער געראַנגל איז געטראָגן געוואָרן פון קאָנגרעס־צד אָן אַ צענטראַלער פירער־שאַפט. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז די איינציקע קראַפט, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן געפירט די אַרבעט אָרגאַניזירט און קאָנ־צענטרירט, איז געווען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דער דאָזיקער פאַקט האָט געגעבן דער באַוועגונג די מעגלעכקייט, אַז די אידישע פאָלקס־מאַסן זאָלן אין איר זען דעם וויכטיקסטן כוח, וואָס אַרבעט פאַר צוזאַמענרופן דעם אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע.

דאָס ערשטע קאַפּיטל פון אָט־דער באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט דער „קאָנגרעס־פאַר־קאָנפערענץ״ אין פילאַדעלפיע, סוף מערץ 1916. אַלע פּראָ־קאָנגרעס־כוחות זיינען דאָרט צוזאַמענגעשמידט געוואָרן אין איין צענ־טראַלע. די וויכטיקסטע באַשלוסן פון יענער פאַר־קאָנפערענץ זיינען געווען:

1) דער קאָנגרעס זאָל גערופן ווערן נישט שפּעטער ווי דעם 31טן דעצעמבער 1916. עס איז דערביי בפירוש דערקלערט געוואָרן, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַשטיין פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן זיין גרייט צו באַטייליקן זיך אין אים. דאָס איז געווען אַ באַוואָרעניש: טאָמער וועלן זיך אייניקע אָרגאַניזאַציעס נישט וועלן באַטייליקן, רופט מען דעם קאָנגרעס אָן זיי. 2) דער קאָנגרעס זאָל פּראָקלאַמירן די פאָדערונג פון פולער בירגערלע־כער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן אין דער אַלטער וועלט. 3) בנוגע ארץ־ישראל בלייבט דער וועג פריי צו פאָרמולירן די פּאָליטישע פאָדערונגען פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס איז געווען אַ באַוואָרעניש קעגן די, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר אַ קלאָרער ציוניסטי־

שער פאָדערונג און האָבן געוואָלט באַגרענעצן אין פאָרויס דעם קאָנגרעס אויף דעם געביט. 4) דער קאָנגרעס נעמט אַריין אין זיין פראָגראַם פראַגן פון אימיגראַציע און קאָנסטרוקטיווער הילף. 5) די פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ ווילט אויס אַ ספּעציעלן קאָנגרעס־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע עס זאָל זיין: צוזאַמענרופן דעם קאָנגרעס אויף די אָנגעצייכנטע יסודות.

ה.

ס׳איז נישט באַשערט געווען, אַז די ספּעציפישע ראָלע פון דער ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג זאָל זיך דערמיט האָבן פאַרענדיקט. ערשט נאָך דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַרפסטער קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג און די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן געמוזט אויסאיבן זייער שטאַרקסטן איינפלוס, בכדי אָפּצוהיטן די נשמה פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

גלייך נאָכן פילאַדעלפיער צוזאַמענפאָר האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנפערענצן צווישן דער פילאַדעלפיער קאָנגרעס־עקזעקוטיווע און די פאָרשטייער פון „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״, מיט וועמען די פאָרשטייער פונעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיך פאַרבונדן. די דאָזיקע קאָנפערענצן האָבן דער־פירט צו אַ „שלום״־אָפּמאַך, קעגן וועלכן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן ווידער געמוזט אָנהויבן אַ קאַמף; דאָס מאָל שוין נישט נאָר קעגן די קאָמ־בינירטע כוחות פון אַנטי־קאָנגרעסיסטן, נאָר בעיקר קעגן יענע, וועלכע האָבן אין נאָמען פון אַלע פּראָ־קאָנגרעסיסטן אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך. אַמבעסטן וועט אַרויסגעבראַכט ווערן אונזער דעמאָלטיקע שטעלונג דורכן איבערגעבן אייניקע ציטאַטן פון אַן אויפרוף, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע באַוועגונג האָט פאַרעפנטלעכט קעגן דעם שלום־אָפּמאַך אין מיטן אויגוסט 1916.

נאָכדעם ווי דער אויפרוף צייכנט אָן אייניקע געשיכטלעכע עטאַפּן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג; נאָכדעם ווי די באַוועגונג ווערט כאַראַקטעריזירט ווי אַ פאַרזוך צו מאַכן דאָס אידישע פאָלק פאַרן בעל־הבית פון זיין אייגענעם גורל; נאָכדעם ווי עס ווערט דערציילט וועגן די אינטריגעס קעגן דער דאָזיקער באַוועגונג פון יענע גרופּן, וועלכע האָבן דווקא געוואָלט בלייבן לעולם ועד די איינציקע אידישע פאָרשטייערשאַפט אין אַ כאַאָטישן, נישט־אָרגאַניזירטן אידנטום — דערמאָנט דער אויפרוף די באַשלוסן, צו וועלכע די פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ איז געקומען, און זאָגט:

דער קאָנגרעס־קאָמיטעט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט דעם אויסדריקלעכן

און אויסשליסלעכן פּאָזיטיוון צוועק צו אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס, האָט ניט געהאַט קיין רעכט זיך אַריינצולאָזן אין פאַרהאַנדלונגען בנוגע פונקטן, וואָס זיינען סותר די פילאַדעלפיער החלטות; ער האָט ניט געטאָרט צושטימען צו אַן אָפּמאַך, וואָס ליקווידירט די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ; ער האָט ניט געטאָרט קאַפּיטולירן פאַר די קאָנגרעס־קעגנער און, שטעלנדיק די קאָנגרעס־באַוועגונג פאַר אַ פאַרטיקן פאַקט, לאַחר המעשה, פאַרלאַנגען די סאַנקציע פון די יעניקע, וועלכע זיינען געווען אויף דער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ. דאָס גאַנצע איז בכן פון אָנהויב ביזן סוף אַ קייט פון אומגעזעצלעכע האַנדלונגען.

דאַן ווערן אויסגערעכנט די וויכטיקסטע איינצלנע פונקטן, מיט וועלכע די מערהייט פון דער עקזעקוטיווע האָט פאַרבראָכן קעגן דער פילאַדעלפיער פראָגראַם. דער ערשטער פונקט איז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט.

די פילאַדעלפיער רעזאָלוציע האָט בפירוש געזאָגט: „דער קאָנגרעס זאָל באַהאַנדלען די פראַגע פון פאַרזיכערן די אידן נאַציאָנאַלע רעכט אין יענע לענדער, וואו די נאַציאָנאַלע רעכט זיינען אָנערקענט אָדער ווערן אָדער דאַרפן ווערן אָנערקענט". אָנשטאָט דעם האָט זיך די קאָנגרעס־עקזעקוטיווע געלאָזט איבעררײדן צוצושטימען צו דער פאַרשוואומענער פאָרמולע פון „גרופּן־רעכט". וועלכע רעגירונג אין דער וועלט וועט נעמען ערנסט די אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, ווען מיר אַליין זאָלן מורא האָבן פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַל", ווען דער אידישער קאָנגרעס אַליין זאָל ניט האָבן דעם מוט צו פאָרמולירן די אידישע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, ווען ער זאָל זי אַרויסריידן מיט אַ האַלבן מויל און ציטערנדיקע קני, ווען ער זאָל זי שעמעוודיק צודעקן מיט אַ פייגנבלאַט פון אַ ניי־דערפונדענעם, לעכערלעכן טערמין? מען וויל אונז איינריידן, אַז גרופּן־רעכט מיינט נאַציאָנאַלע רעכט. אויב דאָס איז טאַקע די כוונה, טאָ פאַרוואָס זאָל מען עס ניט זאָגן אָפן און ערלעך? די פחדנותדיקע לאָזונג פון „גרופּן־רעכט" וועט מאַכן די אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען צו שפּאָט און געלעכטער אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

בנוגע דעם פונקט ארץ־ישראל ווערט אין דעם אויפרוף געזאָגט:

די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, „דער קאָנגרעס זאָל באַהאַנדלען די פראָבלעם פון אידישער אַנטוויקלונג אין פּאַלעסטינע אין אַלע פאַזן זיינע". דער שלום־אָפּמאַך פאַרלייקנט אָבער אָט־דעם באַשלוס. ער באַשטימט אָנצוטאָן דעם קאָנגרעס אַ שלאָס אויפן מויל און באַשרענקט די פאָדערונג בנוגע ארץ־ישראל אויף דעם טונקעלן און גאָרניט־זאָגנדיקן אויסדרוק „אידישע רעכט". די פאָדערונג פון פרייער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פון פּאַלעסטינישן אידנטום, וואָס איז אויך איינשטימיק פראָקלאַמירט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן, איז פולשטענדיק איגנאָרירט געוואָרן.

דער אויפרוף דערקלערט ווייטער:

די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן: „דער קאָנגרעס באַהאַנדלט די פראָבלעם פון קאָנסטרוקטיווער הילפס־אַרבעט אין די לענדער, וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן פון דער מלחמה. דער קאָנגרעס זאָל באַהאַנדלען אַלזייטיק די פראָבלעם פון אידישער איינוואַנדערונג אין אַלע הינזיכטן". דער שלום־אָפּמאַך האָט אויסגעשלאָסן פון קאָנגרעס־פּראָגראַם די פראַגן פון קאָנסטרוקטיווער רעליף און אימיגראַציע.

די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן: „דער קאָנגרעס זאָל באַהאַנדלען די ראַטזאַמקייט פון איינאָרדענען דעם קאָנגרעס אַלס אַ שטענדיקע אינסטיטוציע". לויטן שלום־אָפּמאַך, טאָר מען די פראַגע אַפילו ניט באַרירן.

אַזוי ווייט וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן. דאַן גייט דער אויפרוף אַריבער צו אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן און ער זאָגט:

> די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישן וואַל־רעכט בנוגע דעם אידישן קאָנגרעס און די וואַלן צו אים. „יעדער איד, מאַן אָדער פרוי, וואָס געהערט צו אַ לאָקאַלער אידישער אָרגאַניזאַציע, האָט אַ רעכט צו שטימען דורך זיין אָרגאַניזאַציע. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו געפינען ווי אַזוי מעגלעך צו מאַכן, אַז יעדער איד, מאַן אָדער פרוי, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט קיין לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע, זאָל זיך אויך קענען באַטייליקן אין די וואַלן". דער גאַנצער פּלאַן איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די הויפּט־געוויכט איז, לויטן שלום־אָפּמאַך, געלייגט געוואָרן אויף פאַרטרעטערשאַפט פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ניט באַשרענקענדיק אַפילו זייער צאָל לגבי די דירעקט געוויילטע דעלעגאַטן.

און אויסרעכענענדיק נאָך אַנדערע פּונקטן, וואָס באַצוועקן צו רעדוצירן די באַדייטונג פון קאָנגרעס און זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, זאָגט דער אויפרוף:

> ווען מען נעמט צונויף אַלע פּונקטן פונעם שלום־אָפּמאַך, קען מען ניט קומען צו קיין אַנדער רעזולטאַט ווי, אַז דער קאָנגרעס־קאָמיטעט האָט פולשטענדיק קאַפּיטולירט פאַר די קאָנגרעס־פיינט; אַז ער האָט איינגעוויליקט, מיסברויכנדיק זיין מאַנדאַט, צו ליקווידירן די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ, וואָס די זעלביקע מענטשן האָבן פּראָקלאַמירט אַלס אַ מין „אידישע דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס", אַלס דעם „אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע". קענען אַזעלכע אומלעגאַלע האַנדלונגען געווינען די צושטימונג פון פאָלק?...
>
> וואָס איז דען נאָך אָט־דעם אָפּמאַך געבליבן פון געפּלאַנטן אידישן קאָנגרעס, אַחוץ דעם נאָמען? אומדעמאָקראַטיש צונויפגעשטעלט, געבונדן הענט און פיס, מיט אַ שלאָס אויפן מויל, קען אַזאַ קאָנגרעס זיין נאָר אַ פּאָליטישער פּורים־שפּיל, אַן עלנדע קאָמעדיע, אַ פּוסטע דעמאָנסטראַציע. אַ צוזאַמענקונפט, וואָס טאָר קיין בויענדיקע אַרבעט אין קיין באַציאונג ניט אויפטאָן, וואָס טאָר ניט פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פון אידישן פאָלק צו לעבן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע נאַציע צווישן די פעלקער פון דער וועלט; אַ צוזאַמענקונפט, וואָס האָט נאָר אַ רעכט צו אַפּלאָדירן דאָס, וואָס אַן ענגע קליקע האָט אין פאָרויס באַשטימט, — אַזאַ צוזאַמענקונפט טאָר ניט טראָגן דעם ערלעכן נאָמען פון אַ אידישן קאָנגרעס. קעגן דרויסן וועט דער קאָנגרעס־מאַסקאַראַד דעם אידישן פאָלק אפשר ווייניקער נוצן ווי שאַדן. אינעווייניק אָבער וועט ער נאָך פאַרשטאַרקן די מאַכט פון אונזער אַבסאָלוטיסטישער, אַנטי־נאַציאָנאַלער פּלוטאָקראַטיע און שתדלנות־פּאָליטיקער. דער איינציקער ממשות'דיקער רעזולטאַט פון אַזאַ קאָנגרעס־קאַריקאַטור קען נאָר זיין, אַז די יעניקע, וועלכע זיינען ביז אַהער געוועזן די פּרעטענדענטן אויף דעם אידישן כתר־מלכות, וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אונזערע לעגיטימע קעניגן. זאָל דאָס זיין דער סוף פון דער גרויסער קאָנגרעס־באַוועגונג?

דער אויפרוף ענדיקט דאַן:

> וואַרפט אָפּ דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אויף אַן אומגעזעצלעכן וועג! וואַרפט אָפּ אַ שלום, וואָס איז קעגן די אויסדריקלעכע אינסטרוקציעס פון דער אָרגאַניזירטער אידישער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע. דער אידישער קאָנגרעס קען נאָר זיין אַ פרייער און אַ דעמאָקראַטישער. דער אידישער קאָנגרעס קען נאָר זיין אַ נאַציאָנאַלער.

דער מחבר פון אָט־דעם אויפרוף איז געווען חבר ד״ר נחמן סירקין. אַ רעדאַקציע־קאָמיטעט פון פינף חברים, איינשליסנדיק מיין ווייניקייט, האָט פעסטגעשטעלט דעם ענדגילטיקן טעקסט.

ו.

דאָס מאָל איז אונזער קאַמף בעיקר געווען געווענדעט קעגן די ציוניסטן. זיי האָבן אויף זיך געטראָגן די אַחריות פאַר דער מערהייט פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס. זיי האָבן עס אָנגענומען אַזאַ שלום־אָפּמאַך מיט אַזאַ גאָרנישט־זאָגנדיקן פּאָליטישן אויסדרוק, אַפילו אין דעם ארץ־ישראל־פּונקט. אונזער פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דעם שלום־אָפּמאַך האָט זיך פונאַנדער־געפלאַקערט. דעם 19טן אויגוסט, 1916, איז אין קופּער יוניאָן פאָרגעקומען אַ שטורעמדיקע דעמאָנסטראַציע קעגן אָפּמאַך. אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן אָפּמאַך איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג. אַן אָנהויב פון אַ קאַמפּס־פאָנד פאַר אַן אמת׳ן קאָנגרעס איז געעפנט געוואָרן און ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אומפּאַרטייאיש־אידישע קאָנגרעס־ליגע, אין וועלכער די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, באַטירלעך, האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, אָנצופירן דעם דאָזיקן קאַמף.

און דאָס איז געווען אַ שווערער קאַמף. כמעט די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט אַגיטירט פאַרן שלום־אָפּמאַך. זי האָט אין דעם געזען דעם איינציקן וועג פון אידישער אַחדות. די ציוניסטישע פירערשאַפט האָט געקעמפט פאַר דעם. די מאַיאָריטעט פון דער קאָנגרעס־עקזעקוטיווע האָט אַוועקגעלייגט איר גאַנצע וואָג אויף דער זייט פונעם שלום־אָפּמאַך. מיר האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אויב דער שלום־אָפּמאַך ווערט אָפּגעוואָרפן, נעמען מיר אויף זיך די אַחריות אויפצובויען פונדאַסניי די כמעט־חרוב־געוואָרענע קאָנגרעס־באַוועגונג. די באַהויפּטונג, אַז אויב דער שלום־אָפּמאַך ווערט אָפּגעוואָרפן, ווערט צעבראָכן לעולם ועד די אידישע אַחדות, האָט אונז דווקא נישט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַזוי ווייט וועט עס נישט גיין. אָבער אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג וועט דאַרפן דורכמאַכן פונדאַסניי אַ פּראָצעס פון אויפלעבונג — דאָס האָבן מיר גאַנץ גוט געוואוסט. אָבער האַנדלען אַנדערש האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט. מיר האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון אַמעריקאַנער אידנטום אויסצושרייען זיין צער און צאָרן און פונאַנדערװיקלען זיינע צוקונפטס־האָפענונגען אָפן און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן געזוכט אויפצוהויבן דעם כבוד פונעם אידישן פאָלק. און קוקנדיק צוריק אויף כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, דוכט זיך, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט צו

באַהויפּטן, אַז מיר האָבן דאָן צוגעטראָפן צום האַרץ פון די אידישע מאַסן. דער בעסטער באַווייז איז געווען דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן, דעם 15טן סעפּטעמבער 1916, צווישן די דעלעגאַטן צו דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ.

ז.

איידער איך וועל איבערגעבן די רעזולטאַטן פון אָט־דער וויכטיקער אָפּשטימונג, האַלט איך עס פאַר מיין חוב צו פאַרצייכענען עטלעכע פריער־דיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן בלי־ספק משפיע געווען אויף דער אָפּשטימונג.

אין מאַי 1915 זיינען געקומען קיין צפון־אַמעריקע די צוויי אַרויסגעשיקטע חברים פון ארץ־ישראל, יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז נאָך אין 1914 זיינען געקומען צו אונז די חברים בער באָראָכאָוו און שלמה קאַפּלאַנסקי. אָנהויב יוני 1915 איז געקומען קיין אַמעריקע פּנחס רוטענבערג. פון אָט־די אַלע פינף חברים איז חבר קאַפּלאַנסקי געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט ספיקות בנוגע דעם קאָנגרעס־געדאַנק. זיין חלק אין דער באַוועגונג איז אויף אונזער ראָטשעסטער־קאָנווענשאָן געווען, ווי דערציילט, אַ נעגאַטיווער. אָבער תיכף נאָך דער קאָנווענשאָן האָט ער צוזאַמענגערופן אַ באַראַטונג פון אידישע אַרבעטער־פירער, וועגן צוזאַמענ־רופן אַ אידישע אַרבעטער־קאָנפערענץ, וואָס זאָל באַהאַנדלען די אידיש־פּאָליטישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען. די באַראַטונג האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ד״ר נחמן סירקין, אברהם ליעסין, מאיר לאָנדאָן און יוסף שלאָסבערג. דער דאָזיקער קאָמיטעט איז געווען אינסטרומענטאַל אין העלפן צוזאַמענרופן דעם גרויסן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 5טן און 6טן סעפּטעמבער 1915, וועגן וועלכן איך האָב אויבן דערציילט.

אָבער די אַקטיוויטעטן פון די אַנדערע פיר חברים (בעיקר פון חבר פּנחס רוטענבערג) אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, זיינען געווען פון גאָר גרויסער באַדייטונג. אויסער דעם האָבן זיי געוואַלטיק דערמוטיקט אונז אַלעמען אין דער אַרבעט; און מיר האָבן זיך דערין שטאַרק גענויטיקט, מחמת דעם כוח וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט קעגן דעם קאָנגרעס.

דריי פון די חברים זיינען געקומען קיין צפון־אַמעריקע גאָר מיט אַנדערע צילן. די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען געקומען בשייכות מיט דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. וועגן זיי וועט מיר אויסקומען צו דערציילן גענויער, ווען מיר וועלן קומען צום קאַפּיטל פון ציוניסטישער טעטיקייט. חבר פּנחס

רוטענבערג איז געקומען אין פֿאַרבינדונג מיטן לעגיאָן־געדאַנק, וואָס האָט דאַן אויפגעטויכט; בעיקר דורך חבר וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, אין לאָנדאָן. פּרטים וועגן דעם וועלן דערציילט ווערן, ווען איך וועל קומען צו דער פּרשה וועגן אידישן לעגיאָן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט די אַחריות צו באַוועגן די דריי חברים, אַז זיי זאָלן אָפּוואַרטן מיט זייערע צילן און זיך דערווייל ווידמען דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וועלכע מיר האָבן דאַן באַטראַכט פֿאַר דער וויכטיקסטער פּאָליטישער אויפגאַבע. צום קרעדיט פֿון אַלע דריי חברים דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן, אַז זיי האָבן שנעל איינגעזען די ריכטיקייט פֿון אונזער שטאַנדפּונקט און האָבן אָפּגעגעבן אַ גרויסן טייל פֿון זייער געבענטשטער ענערגיע צו אָט־דער אַרבעט.

חבר רוטענבערג האָט שנעל דערשפּירט, אַז אָט־די באַוועגונג האָט פּיל מער שאַנסן אויף ממשות׳דיקע דערגרייכונגען, ווי דער קאָמיטעט „פּראָקאַוואַ העברעאיקא״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער שווייץ — קורצע טעג איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע — פֿון וועלכן ער, רוטענבערג, איז געווען אַ מיטגליד.

חבר באָראָכאָוו האָט ניט געדאַרפֿט וואַרטן אויף מיינע אויפקלערונגען. נאָך זייענדיק אין מילאַן, איטאַליע, האָט ער אַדורכגעפֿירט אין וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון די פּועלי־ציון אַ באַשלוס לטובת צונויפרופֿן אַ אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע און אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס.

ווי שוין דערמאָנט, איז די גאַנצע אידישע פּרעסע אַרויסגעטראָטן פֿאַרן שלום־אַפּמאַך. די לאַסט צו פֿירן דעם קאַמף קעגן דעם אָפּמאַך איז דאַן געפֿאַלן אויסשליסלעך אויף דער פּאַרטיי־פּרעסע, וועלכע האָט זיך דאַן, ווי זייער אָפּט פֿריער, געפֿונען אין אַ פֿינאַנציעלן קריזיס. אין דער פּאַרטיי־פּרעסע האָב איך געדאַרפֿט „שטיין אויף דער וואַך״ פֿון די אינטערעסן פֿון דער קאָנגרעס־באַוועגונג און אָפּשלאָגן אַלע אַטאַקעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף איר — איצט שוין אין נאָמען פֿון אידישער אחדות. דאַן האָט פּנחס רוטענבערג געגרינדעט אַ ספּעציעלע וואָכן־שריפֿט „דער אידישער קאָנגרעס״ און זי איז געוואָרן אונזער וויכטיקסטע טריבונע. אַלע אונזערע חברים מיט אַ פּען אין האַנט האָבן זיך אין איר באַטייליקט. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 6טן אויגוסט 1915. גאַר שנעל איז „דער אידישער קאָנגרעס״ געוואָרן שטאַרק פֿאַרשפּרייט און באַליבט ביים עולם. דאָס האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין ברייטערע קרייזן מיט אונ־זערע באַגרינדונגען פֿון אַלע פּונקטן, וועגן וועלכע דער רעפֿערענדום האָט געדאַרפֿט באַשליסן.

מיר האָבן אויך באַקומען פאַרשטאַרקונג מצד אייניקע אָרגאַניזירט־אידישע קערפּערשאַפטן מחוץ פון אונזער באַוועגונג. וואָס שייך אונזער אָרגאַניזירטע באַוועגונג, איז זי אין כמות גאָר נישט געווען אַזוי גרויס. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אין סעפּטעמבער 1916 (צו דער צייט פון זיין דעטראָיטער קאָנווענשאָן) בסך־הכל געציילט 4,400 מיטגלידער. די פּאַרטיי האָט נאָך דאַן צו קיין דריי טויזנט מיטגלידערשאַפט נישט דער־גרייכט. דאָס איז געווען אונזער גאַנצער אָרגאַניזירטער כוח. אָבער אַזעלכע צוויי גרויסע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער אידן און דער פאַרבאַנד פון רומענישע אידן, האָבן אין יענע גורל'דיקע חדשים זייער אָפט דעמאָנסטרירט זייער סימפּאַטיע פאַר אונז. דאָס האָט אונז שטאַרק דער־מוטיקט. מיר האָבן באַקומען זייער שטיצע אַ דאַנק אונזערע פריערדיקע קאָנטאַקטן מיט די אָנפירער פון אָט־די צוויי גרויסע פאָלקס־קערפּערשאַפטן. בעיקר האָבן די אָנפירער פון רומענישן פאַרבאַנד זיך געהאַלטן נאָענט צו אונז, זינט די טעג פון דעם קהילה־פּאַרזוך, וואָס ד״ר יהודה־לייב מאַגנעס האָט געמאַכט אין די יאָרן 11־1908. פאַרטרעטער פון אָט־די צוויי אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פילאַדעלפיער קאָנגרעס־קאָנפערענץ און האָבן זיך נאַטירלעך באַטייליקט אין די אָפּשטימונגען.

עס איז נישט גרינג אויסצורעכענען אַלע אַקטיוויטעטן, גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, ממש הונדערטער קלענערע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען פאָר־געקומען במשך די יאָרן 1915 און 1916, אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג. עס איז אויך נישט מעגלעך אויסצורעכענען די אַקטיוויטעטן פון די קעגנער, אויף וועלכע מען האָט געמוזט האַלטן אַן אויג.

צווישן דעם 18טן אויגוסט 1916 — ווען מיר זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שלום־אָפּמאַך — ביזן 15טן סעפּטעמבער 1916, ווען אונטער אונזער דרוק זיינען די פאַרשידענע פּונקטן פון אָפּמאַך געשטעלט געוואָרן צו אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג צווישן אַלע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פילאַדעלפיער קאָנגרעס־קאָנפערענץ — במשך פון דעם איינציקן חודש האָבן אונזערע אַקטיוויסטן זיך פּאַקטיש באַגעגנט מיט יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו שטימען אינעם רעפערענדום. כמעט יעדער איינער איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אָרגאַניזאַציע, אין וועמענס נאָמען ער האָט געהאַנדלט אין אָט־דער פראַגע. האָט מען געמוזט אויפטרעטן ביי די פאַרזאַמלונגען פון אָט־די אַלע פאַראיינען. מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלן וויפל ענערגיע מיר האָבן געמוזט אינוועסטירן אין אָט־דעם פּאַרזוך. איצט קען איך איבערגעבן די רעזולטאַטן פון אָט־דעם אייגנאַרטיקן רעפערענדום,

וואָס איז ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם אַמעריקאַנער אידנטום. מען קען זייער אַ סך לערנען פון די דאָזיקע רעזולטאַטן.

ח.

וועגן די פּרינציפּיעלע פּונקטן — די באַגרענעצונגען פונעם קאָנגרעס־פּראָגראַם סיי בנוגע ארץ־ישראל, סיי בנוגע וואַנדערונג און קאָנסטרוקטיווער הילף און די פראַזע „גרופּן־רעכט״ — די אַלע פּונקטן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 127 שטימען קעגן 116. דער נישט־דעמאָקראַטישער וואַל־פּלאַן איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 129 שטימען קעגן 113. דאָס זיינען, נאַטירלעך, געווען די צוויי וויכטיקסטע קאַמף־פּונקטן, קעגן וועלכע אונזער אַגיטאַציע איז געווען געצילט. עס זיינען אָפּגעשטימט געוואָרן נאָך צוויי פּונקטן אין דעם דאָזיקן רעפערענדום. די פראַגע וועגן דער צייט, ווען דער קאָנגרעס זאָל צונויפגערופן ווערן, און די פראַגע פון דער פאַרטרעטערשאַפט פונעם צווייטן צד אין דער פאַראייניקטער עקזעקוטיווע, וואָס דאַרף צוגרייטן דעם קאָנגרעס. מיר האָבן פאַרלאַנגט אַ פעסטגעשטעלטע דאַטע פאַר די וואַלן צום קאָנגרעס און פאַר דער צייט, ווען דער קאָנגרעס גופא זאָל פאָרקומען. דער אָפּמאַך, דאַקעגן, האָט געזאָגט, אַז די עקזעקוטיווע האָט די פרייהייט צו באַשטימען די צייט, סיי פון די וואַלן, סיי פון קאָנגרעס גופא; בתנאי, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען פאַרן פרידנס־קאָנגרעס. דעם פּונקט האָבן מיר פאַרלוירן. מיט 150 שטימען קעגן 87 איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג פון שלום־אָפּמאַך.

וועגן צווייטן פּונקט האָבן מיר גע׳טענה׳ט, אַז דער צד, וואָס האָט אַרויס־געוויזן אַזויפיל קעגנערשאַפט צום עצם קאָנגרעס־געדאַנק, טאָר נישט קריגן קיין גלייכע פאַרטרעטערשאַפט אין דער צוגרייטונגס־עקזעקוטיווע מיט די קאָנגרעס־אָנהענגער. דער שלום־אָפּמאַך האָט זיי געגעבן אַ גלייכע פאַרטרע־טערשאַפט. דער רעפערענדום האָט מיט 126 פאַר און 114 קעגן געשטימט פאַר אַ גלייכער פאַרטרעטערשאַפט.

אינעם גאַנצן רעפערענדום ווערט זייער בולט דער פאַקט, אַז דאָרט, וואו מיר האָבן געקעמפט פאַר פּרינציפּן, האָבן מיר געזיגט. דאָרט אָבער, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּראַקטישע פראַגן, האָט די מערהייט פון די אָנטייל־נעמער אינעם רעפערענדום געשטימט, אַז אין די פּונקטן זאָל מען נאָכגעבן, צוליב דער מעגלעכקייט פון אָנהאַלטן שלום אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

דאָס וואָס די יאַ־זאָגער האָבן כסדר אַלעמען געשראָקן, אַז אויב מען וואַרפט אָפּ דעם אָפּמאַך, צעברעכט מען די מעגלעכקייט פאַר אַן איינהייטלעכן

אַרויסטריט פון אַמעריקאַנער אידנטום, איז, נאַטירלעך, נישט געשען. תיכף נאָך דער רעפערענדום־אָפּשטימונג האָבן זיך אָנגעהויבן נייע פאַרהאַנדלונגען — און שוין דעם 2טן אָקטאָבער, 1916, איז פאָרמולירט געוואָרן אַ נייער שלום־אָפּמאַך.

ט.

מען קען נישט זאָגן, אַז דער נייער אָפּמאַך האָט אונז לגמרי צופרידן־געשטעלט. דאָס וואָס דער אָפּמאַך האָט אויסגעשלאָסן די וואַנדערונגס־פראַגע און האָט אין פאַרויס באַשלאָסן, אַז דער קאָנגרעס טאָר נישט זיין פערמאַנענט, האָט בלי־ספק רעדוצירט זיין באַדייטונג. אַ באַזונדערס־שלעכט מזל האָט געהאַט די פראַגע, צי דער קאָנגרעס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט די פּראָבלעמען פון קאָנסטרוקטיווע רעליף. דער נייער אָפּמאַך האָט איבער־געגעבן דער 140ער קאָמיטע, זי זאָל וועגן דעם באַשליסן. די לעצטע האָט דווקא איבערגעלאָזט די פראַגע פריי פאַרן קאָנגרעס אַליין צו באַשטימען זיין שטעלונג. אָבער אויפן קאָנגרעס גופא איז די רעליף־פראַגע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון סדר־היום. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אין דעם שטאַרק אַרויסגעהאָלפן (אַ סך האָבן באַהויפּטעט, אַז די ציוניסטן האָבן וועגן דעם געהאַט אַ פריערדיקע פאַרשטענדיקונג מיט די מיטגלידער פון דער „אַמע־ריקאַן דזשואיש קאָמיטע"). דאָס האָט אָן ספק געפירט צו דער העגעמאָניע, וואָס דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" האָט זיך דערוואָרבן אין גאַנצן אידישן לעבן דורכן פון־אים־קאָנטראָלירטן „דזשאָינט". דאָס האָט אויך געפירט דערצו, אַז אַפילו אין ציוניזם גופא זאָל זיך זייער ווירקונג אַריינ־רייסן, און שטענדיק זוכן זיי צו ווירקן פאַר מינימאַלע ארץ־ישראל־פאָדע־רונגען, נישט פאַר מאַקסימאַלע. אָבער, מיט אָט־די אויסנאַמען, איז דער קאָנגרעס אַליין געווען פיל, פיל בעסער, ווי די ראַם, אין וועלכער אַפילו דער נייער שלום־אָפּמאַך האָט אים געוואָלט איינפּאַסן. דער קאָנגרעס איז ענדלעך אָפּגעהאַלטן געוואָרן. ער איז געווען אַ פרייער (מיט די אויבן־דערמאָנטע אויסנאַמען). ער איז געווען אַ דעמאָקראַטישער (ווען אַפילו בלויז אויף 75 פּראָצענט, ווייל דער ענדגילטיקער אָפּמאַך האָט פעסטגעשטעלט, אַז דורך דירעקטע וואַלן דאַרפן אויסגעקליבן ווערן 300 דעלעגאַטן און די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן שיקן הונדערט דעלעגאַטן). ער איז געווען אַ נאַציאָ־נאַלער: זיין ארץ־ישראל־פּראָגראַם איז געווען פולשטענדיק אין ציוניסטישן זין. מען האָט אויך געפונען אַן אויסדרוק פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות. עס האָט געהייסן באַזונדערע „פאָלקס־רעכט" אָנשטאָט דעם פריער־

דיקן אויסדרוק „גרופן־רעכט״ (אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אומעטום אָנגענומען געוואָרן דער אויסדרוק „מינאָריטעטן״־רעכט). די רעזאָלוציעס וועגן אָט־די וויכטיקסטע פּונקטן זיינען אָנגענומען געוואָרן איינהייטלעך פון גאַנצן קאָנגרעס. די פריערדיקע קעגנער, בעיקר לואי מאַרשאַל, האָבן פאַר־טיידיקט מיט גרויס טאַלאַנט ביי׳ם פרידנס־קאָנגרעס די איינשטימיק־אָנגע־נומענע באַשלוסן פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אין היסטאָרישן זין איז דער קאָנגרעס אַפילו געווען אַ קאָנסטרוקטיווער. טראָץ די אַנטוישונגען, וואָס דער נאָך־מלחמה־קורס האָט געבראַכט אויף דער וועלט, האָט אָבער די קאָנ־גרעס־באַוועגונג ווי אַזעלכע — און דער ערשטער קאָנגרעס בפרט — געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָלע, סיי אין געבן דעם אידישן פאָלק די מעג־לעכקייט, אַז אַן איינהייטלעכע פאַרטרעטערשאַפט זיינע זאָל אויפטרעטן פאַר די אָרגאַנען פון דעם פרידנס־קאָנגרעס, סיי אין אַריינשרייבן אין די אינטער־נאַציאָנאַלע טראַקטאַטן נייע באַציאונגען צו מינאָריטעטן. אויב אַפילו די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען נאָך ביז היינט נישט דורכגעפירט געוואָרן, האָבן זיי נאָך זייער לעצט וואָרט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט נישט געזאָגט. עס וועלן קומען ליכטיקערע טעג און די וועלט וועט זיך דאַן אומקערן צו אָט־די פּרינציפּן. אין אַלגעמיין גענומען, האָט דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע פאַרשאַפט אומגעהויער־גרויסן כבוד דעם אידישן פאָלק.

אונזער קאַמף אַרום דעם פּונקט האָט בכן געבראַכט אומגעהויערע נוצן און מיט רעכט האָט דאָס לייט־אַרטיקל פון „אידישער קעמפער״, אונטער־ציענדיק די אונטערשטע שורה נאָך דער רעפערענדום־אַפּשטימונג, געזאָגט:

> פאַר די קומענדיקע אידישע דורות אין אַמעריקע וועט דער „ניין״ — אונזער „ניין״, וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט קעגן „גרופּן־רעכט״ — קלינגען ווי אַ געבאָט ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אונזער אייגענעם איך אונטער קיינע אומשטענדן.

י.

אָבער נישט אַזוי שנעל און נישט אַזוי גרינג האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו די אויבן־אָנגעצייכנטע רעזולטאַטן. די עפּאָכע צווישן דער רעפערענדום־אָפּשטימונג און די ווייטערדיקע צוגרייטונגען צום קאָנגרעס ביז דער אָפּהאַל־טונג פון קאָנגרעס גופא, האָבן געהאַט צו באַצייכענען עליות און ירידות אין דער גאַנצער קאָנגרעס־באַוועגונג. די הויפּט־צרות האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פּלוצלונג דער־קלערט, אַז היות ווי די פאַרהאַנדלונגען ציען זיך אַזוי לאַנג — איז ער מיד

פון גאַנצן ענין. מיר האָבן געוואוסט, וואוהין אַזאַ דערקלערונג צילט. מיר האָבן דאַן אויפגעקלערט דעם כאַראַקטער פון די האַנדלונגען פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז ווען ער וואָלט ווירקלעך גע־וואָלט אַדורכפירן די באַשלוסן — וועלכע דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס פון אָנהויב סעפּטעמבער 1915 האָט אָנגענומען — האָט דער נאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט געקענט שפּילן תיכף נאָך דער רעפערענדום־אָפּשטימונג זייער אַ באַדייטנדיקע ראָלע. ער האָט געקענט פאָרשלאָגן ביידע צדדים זיין פּראָגראַם, דאָס פּראָגראַם פונעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס, די קלאָרע פאָרמולירונג בנוגע ארץ־ישראל, וואָס האָט פאַרלאַנגט פרייע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַרן פּאַלעסטינישן אידנטום. וואָלטן די פירער פונעם אַרבעטער־קאָמיטעט ערנסט געוואָלט אַדורכפירן די דאָזיקע קלאָרע אינסטרוק־ציעס, האָבן זיי געקענט ברענגען זייער פּראָגראַם צו ביידע צדדים, און דאָס דאָזיקע פּראָגראַם וואָלט געקענט ווערן די באַזע פאַר אַ נייעם, פּיל־געזינטערן שלום־אָפּמאַך. די פירער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן אָבער בכלל געוואָלט פּטור ווערן פון דער גאַנצער קאָפּ־דרייעניש, וואָס הייסט „קאָנגרעס־באַוועגונג". האָבן זיי דעריבער געטאָן אַלץ אין דער וועלט, בכדי זי אונטערצוגראָבן. דעם 11טן און 12טן פעברואַר, 1917, האָבן זיי אָפּגע־האַלטן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנווענשאָן. די ציוניסטיש־ סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג האָבן זיי נישט צוגעלאָזט צו דער קאָנווענשאָן. אויף דער קאָנווענשאָן האָבן זיי נאָך נישט געוואַגט צו מאַכן דעם לעצטן שריט און איבעררייסן מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער פאַקט, וואָס איינער פון די הויפּט־געסט ביי דער קאָנווענשאָן (נישט קיין אַנדערער ווי דער שפּעטערדיקער וועלט־באַוואוסטער לעאָן טראָצקי) האָט אין זיין רעדע אויף דער קאָנווענשאָן געפונען פאַר נויטיק חוזק צו מאַכן סיי פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, סיי פון אידיש־נאַציאָנאַלע האָפענונגען בכלל.

דעם ענדגילטיקן שריט האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט געמאַכט אַ פּאָר טעג פאַר די קאָנווענשאָנס, צו נאָמינירן קאַנדידאַטן פאַר דעלעגאַטן צום אידישן קאָנגרעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פון 13טן ביזן 20טן מאַי 1917. ערשט דאַן האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פלוצלונג דערקלערט, אַז ער באַטייליקט זיך נישט אין די וואַלן און ציט זיך צוריק פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די אָפיציעלע באַגרינדונג איז געווען: ערשטנס, אַז די וואַלן זיינען נישט גענוג דעמאָקראַטיש פאַר אים (וויאַזוי ער האָט געהאָלפן אין קאַמף פאַר אמת'ע דעמאָקראַטישע וואַלן, האָט מען

געקענט זען דערפון, וואָס ער איז שטענדיק געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״, באַקעמפנדיק יעדן שריט פאַר אמת׳ער דעמאָקראַטיע אין אידישן לעבן). צווייטנס, די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעברואַר און מערץ 1917, האָט פאַרן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט שוין געלייזט די אידן־פראַגע. דריטנס, האָט מען געגעבן אָנצו־הערעניש, אַז דער קאָנגרעס וועט מאַיאָריזירט ווערן פון די ציוניסטן. האָבן זיי געפונען דעם „העלדישן״ אויסוועג: אַנטלויפן פון אַן אָפענעם צוזאַמענ־שטויס מיט די פאַרהאַסטע ציוניסטן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען תירוצים, וועלכע מען האָט באַנוצט, בכדי פטור צו ווערן פונעם גאַנצן קאָנגרעס־„אומגליק״.

יא.

דער געראַנגל אין דער אַרבעטערשאַפט האָט ווידער־אַמאָל אַרויפגעלייגט דעם הויפּט־עול אויף דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ווי אַן ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן פון פעברואַר, האָבן מיר גערופן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן. זי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 24טן און 25טן מערץ 1917. דאָס איז נאָך געווען אידער דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דער דערפאָלג פון דער קאָנווענשאָן האָט איבער־געשטיגן אַפילו אונזערע אייגענע דערוואַרטונגען. די אָפּרייטערס און די קאַטערס פון די קלאָוקמאַכער, לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד, די אידישע בעקער־יוניאָנס, די פּיינטער־יוניאָנס, די שריפטזעצער און נאָך אַנדערע יוניאָנס, האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנווענשאָן. אַזוי אויך אַ גרויסע צאָל צווייגן פון אַרבעטער־רינג. דער קאַמף אַרום דער באַטייליקונג אין אונזער קאָנווענשאָן האָט געפלאַקערט אין יעדער אידישער אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציע, אַפילו אויך אין יענע, וועלכע האָבן נישט געפונען אין זיך גענוג מוט אַרויסצורייסן זיך פון דער אָפיציעלער ראַם פונעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. יענע עטלעכע וואָכן האָט קיין איין מיטגליד פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ טאָג נישט גערוט. דער אַלטער פּראָטעסט קעגן דער איינריידעניש, אַז די אַנטי־ציוניסטישע אַרבעטער־גרופּירונגען זיינען די איינציקע פאָרשטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, איז אַמשטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק. דער סימן מובהק פון אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע — איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט — האָט זיך פאַרנומען מיטן גרעסטן שוואונג און מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אומגע־

הויערן נצחון. די באַטייליקונג אין דער קאָנווענשאָן — זייער און זייער אַ גרויסע. די קלאָרע פּראָגראַם, מיט וועלכער מיר זיינען געגאַנגען צו דער קאָנווענשאָן, איז פון איר אָנגענומען געוואָרן און, אָנגעפילט מיט אָט־דער שטימונג, האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן צו די וואַלן צום קאָנגרעס. זיכער איז, אַז אָט־די דעמאָנסטראַציע פון אינערלעכן כוח פון אונזער באַוועגונג איז געווען איינע פון די סיבות, הלמאי די גאָלדפאַרבס, די אָלגינס און די אַנדערע דעמאָלטיקע פירער פונעם אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיך איבערגעשראָקן. דאָס האָט צוגעהאָלפן צו זייער ויברח פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

דעם שאַרפסטן פאַרמעסט מיט זיי האָבן מיר אָבער געהאַט אין די וואַלן גופא. מיר האָבן געזוכט אַריינצוציען וואָס מער אידישע אַרבעטער־כוחות אין די וואַלן פון קאָנגרעס. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געקעמפט קעגן דעם. אָבער די אידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן אין די צענדליקער טויזנטער זיך באַטייליקט אין די וואַלן, וואָס זיינען סוף־כל־סוף דורכגעפירט געוואָרן דעם 10טן יוני 1917.

יב.

אַ קורצער אַנאַליז פון די וואַל־רעזולטאַטן צום ערשטן קאָנגרעס באַווייזט עס אויסער יעדן ספק. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער צעטל האָט געצויגן אַרום 75,000 שטימען פון אַן אַלגעמיינער צאָל פון 325,000. די 75,000 זיינען געווען די צאָל, וואָס אונזערע דורכשניטס־קאַנדידאַטן האָבן באַקומען. ווען מען זאָל צונויפרעכענען די צאָל שטימען, וואָס עס האָט געצויגן די מער־באַקאַנטע קאַנדידאַטן אונזערע, האָט עס וויית איבערגעשטיגן די 100,000. ווער האָט פאַר אונז געשטימט? די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געהאַט זייער אייגענע רשימה. די רעליגיעזע אידן זייער רשימה. די אידן פון פאָלקס־אָרדנס זייערע אייגענע רשימות. אַלע פאַרשידענע רשימות האָבן שטאַרק געקעמפט איינע קעגן די אַנדערע און אַלע פון זיי קעגן אונזער רשימה. די 75,000, וואָס האָבן געשטימט פאַר אונז, זיינען אין זייער גרויסער מאַיאָריטעט געווען אידישע אַרבעטער.

ווי אויבן־געזאָגט, האָט די צאָל פון אונזערע אָרגאַניזירטע חברים דער־גרייכט מאַקסימום 7,500. דאָס הייסט, אַז אויף יעדן אָרגאַניזירטן חבר האָבן פאַר אונזער רשימה געשטימט נאָך 9 אידישע אַרבעטער.

דערביי דאַרף מען אויך געדענקען, אַז ניט נאָר אונזער רשימה האָט געצויגן אַרבעטער־שטימען. טויזנטער אידישע אַרבעטער, מיטגלידער פון יוניאָנס, האָבן געשטימט פאַר רבנים, ווייל די דאָזיקע אידישע אַרבעטער

זיינען גלייכצייטיק געווען מיטגלידער פון שולן און בתי־מדרשים. טויזנטער אַרבעטער האָבן געשטימט פאַר לאָדזשן־פירער, ווייל זיי זיינען אויך געווען מיטגלידער פון די דאָזיקע לאָדזשן. ווייניקסטנס 125,000 אידישע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. דער נצחון פון דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג איז געווען אומגעהויער. אַזוי אומגעהויער איז אויך געווען די מפלה פונעם דעמאָלטיקן אַרבעטער־קאָמיטעט.

די וואַלן גופא האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אין גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום. אַ געפיל פון קדושה האָט אַרומגענומען גרויסע אידישע מאַסן אין יענעם טאָג. דערמאָנט מען זיך נאָך, אַז האַרט פאַר די וואַלן איז אַ גרופּע ראַבינער פון סינסינעטי־טיפּ אַרויס מיט טענות, אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג איז אַ באַוועגונג פון אומטרייהייט צו די פאַראייניקטע שטאַטן, און זיי האָבן דעריבער אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף איר; אַז אייניקע אָנגעזעענע מיטגלידער פון „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" — הויפּטזעכלעך ד"ר סיירוס אַדלער — האָבן נישט געקענט איבערטראָגן די „חוצפה" פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וועלכע האָט „פאַרכאַפּט" אַמעריקע און זי צעטיילט אין אייגענע נייע קאָנגרעס־דיסטריקטן; דערמאָנט מען זיך אין אַלע שטערונגען, וואָס די קאָנגרעס־באַוועגונג האָט געמוזט באַזייטיקן ביז די וואַלן. דאַרף דער 10טער יוני, 1917, פאַרצייכנט ווערן ווי די וויכטיקסטע דאַטע אין דער ביז־איצטיקער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום.

יג.

מיט די וואַלן האָט זיך געענדיקט דאָס צווייטע קאַפּיטל פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וואָס איז זיכער געווען דאָס לעבעדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע. אָבער נאָכדעם הויבט זיך אָן די ירידה פון דער באַוועגונג. זי האָט נאָר אויפגעלויכטן אַ קורצע צייט פאַרן קאָנגרעס און נאָכאַמאָל אויף דעם קאָנגרעס גופא סוף 1918. אָבער פון דעם 10טן יוני 1917 ביז סוף 1918 איז געווען אַ שטילשטאַנד אין דער גאַנצער קאָנגרעס־באַוועגונג.

אָנגעהויבן האָט זיך דער פּראָצעס פון דער ירידה תיכף נאָך די וואַלן. אין וואַשינגטאָן איז דאַן געזעסן אַ איד, אַן אַסימילאַטאָר, סיימאָן וואולף; ער איז געווען איינער פון די פירער פון דער „יוניאָן אָוו דזשואיש קאָנגרע־גיישאָנס". פון אַ טייל אַזעלכע ראַבאַיס פון אָט־די קאָנגרעגיישאָנס איז עס אַרויסגעוואַקסן דער אויבנדערמאָנטער חרם אויף דער קאָנגרעס־באַוועגונג פאַר די וואַלן. אין „דזשואיש קאָמענט" פון סוף יוני, 1917, ווערט דערציילט, אַז דעם 14טן יוני האָט דער טעלעפאָן פון ווייסן הויז אינפאָרמירט מר. וואולף, אַז אָפּהאַלטן דעם אידישן קאָנגרעס אין איצטיקן קריזיס וואָלט געווען ניט ראַטזאַם.

וויאַזוי פּרעזידענט ווילסאָן האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן ריידן צו מר. וואולף וועגן אידישן קאָנגרעס, איז נישט דערציילט געוואָרן. וואָס מר. וואולף האָט געטאָן, בכדי צו קריגן אַזאַ טעלעפאָן, איז אויך נישט איבער־געגעבן געוואָרן. פון וואַנען די דאָזיקע אינטריגע קעגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זיך דאַן אָנגעהויבן, איז נאָך עד היום נישט אויפגעקלערט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. פאַראַן אייניקע מענטשן, וועלכע וויסן עפּעס מער וועגן דעם. זיי דערציילן אָבער נישט.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ווידער דערקלערט אַ קאַמף, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר קיין נצחון נישט אָפּגעהאַלטן. אין דעם פּונקט האָט די גאַנצע דעמאָלטיקע אַלגעמיין־ציוניסטישע קראַפט זיך געשטעלט קעגן אונז. בראַנדייס איז שוין דאַן נישט געווען פשוט לואי בראַנדייס, נאָר ריכטער לואי בראַנדייס. ער אַליין האָט זיך שוין אין עפנטלעכע אַסיפות נישט באַ־טייליקט און צו געשלאָסענע זיצונגען איז ער אויך נישט געקומען. מען האָט שוין גערעדט בלויז אין זיין נאָמען. און דעם 8טן יולי 1917, אַ קאַרגן חודש נאָך די וואַלן, איז אויף אַ זיצונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט — וועלכער האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם קאָנגרעס — דערשינען רבי וויז און האָט אין בראַנדייס׳ נאָמען און אויך אין זיין אייגענעם נאָמען (ער האָט וועגן דעם געהאַט אַ ספּעציעלן געשפּרעך מיט פּרעזידענט ווילסאָן, כאָטש קיינער האָט אים צו אַזאַ שמועס נישט אינסטרואירט) איבערגעגעבן, אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז קעגן דעם, אַז דער אידישער קאָנגרעס זאָל אָפּגע־האַלטן ווערן אין דער פריער־באַשטימטער דאַטע, דעם 2טן סעפּטעמבער 1917.

אונזערע פּראָטעסטן האָבן נישט געהאָלפן. געזיגט האָבן די אָנהענגער פון אָפּלייגן דעם קאָנגרעס. געהייסן האָט עס אויף יענער זיצונג, אַז דער קאָנגרעס ווערט אָפּגעלייגט אויף צוויי חדשים און אַז ער וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 18טן נאָוועמבער 1917. אַרויסגעוויזן האָט זיך, ווי אונזערע פאַר־טרעטער האָבן טאַקע גלייך אָנגעוויזן, אַז אויב מען הויבט אָן אָפּלייגן, איז דער צווייטער טערמין אויך נישט זיכער. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

יד.

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער קאָמיטעט האָט דאַן צונויפגערופן אַ זיצונג פון אַלע ניו־יאָרקער געוויילטע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. די זיצונג האָט אָנגענומען אַ זייער העפטיקן פּראָטעסט קעגן דעם אָפּלייגן און האָט געוואָרנט דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט קעגן ווייטערדיקע אָפּלייגונגען. אין זעלבן זין האָט רעאַגירט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון אין

אַ שאַרפֿן רוף צום אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט און צו דער אידישער עפֿנט־לעכקייט. קיין זאַך האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. אויף אַ זיצונג פֿון דער גאַנצער 140ער קאָמיטע איז סוף־כל־סוף באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם קאָנגרעס ביז: „פֿרידנס־פֿאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״.

דער אויסדרוק: „ביז פֿרידנס־פֿאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״ איז נישט געווען קיין צופֿעליקער; פּונקט ווי עס זיינען נישט געווען צופֿעליק די אַלע אַנדערע אויסדרוקן, קעגן וועלכע מיר האָבן געדאַרפֿט פֿירן אַ העפֿטיקן קאַמף, ביז מיר האָבן זיי אָפּגעשריגן. דער אויסדרוק: „גרופּן־רעכט״ אַנשטאָט „נאַציאָנאַלע רעכט״, דער נאָמען „קאָנפֿערענץ״ אַנשטאָט „קאָנגרעס״ — דאָס זיינען אַלץ געווען אויסדרוקן, וועלכע זיינען פֿאָרמולירט געוואָרן אין די קרייזן פֿון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״. אַזוי אויך דער אויסדרוק „ביז פֿרידנס־פֿאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״, וואָס האָט געצילט אָפּצולייגן דעם קאָנגרעס אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. נאָך אין נאָוועמבער 1915 האָט די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״ אויף איר יערלעכער זיצונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג. זי האָט זיך דאַן שוין געמוזט צוריקציען פֿון איר פֿריערדיקער שטעלונג, אַז מען מוז רופֿן בלויז אַ קאָנפֿערענץ און נישט חלילה קיין קאָנגרעס. איר רעזאָלוציע האָט געזאָגט, אַז אַ קאָנפֿערענץ דאַרף מען רופֿן שוין, און אויף דער קאָנפֿערענץ זאָלן, צווישן אַנדערע זאַכן, אויסגעאַרבעט ווערן פּלענער אויף צוזאַמענרופֿן אַ קאָנגרעס "After the termination of hostilities".

די 140ער קאָמיטע האָט בכן זיך דערשמועסט צו אַ פֿאָרמולירונג, וואָס אַנטהאַלט דעם זעלביקן געדאַנק, נאָר מער פֿאַרשוואומען; מיט מער מעגלעכקייטן פֿאַר ווייטערדיקע אָפּלייגענישן.

די הויפּט־סיבה פֿאַר דעם איז געווען: פּחד! אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה און די אַלטע אידישע אַסימילאַציע, האַנט־אין־האַנט מיט דעם אידישן אינפֿעריאָריטעט־קאָמפּלעקס — וואָס האָט בכלל מורא צו ריידן וועגן אייגענע אינטערעסן — האָט גענומען די אויבערהאַנט. ריידן וועגן אידישע ענינים, אַזוי לאַנג ווי די מלחמה גייט נאָך אָן — אַ שוידער האָט אַרומגענומען די פּחד־אידן! און דער פּחד־קאָמפּלעקס האָט מנצח געווען. דער קאָנגרעס איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

פֿון צייט צו צייט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג דערמאָנט דער 140ער קאָמיטע, אַז 300 דעלעגאַטן האָבן געקראָגן זייערע מאַנדאַטן זיך צוזאַמענצוקלייבן און באַהאַנדלען אידישע פּראָבלעמען; אַז עס איז אַן אַקט פֿון דער גרעסטער געזעלשאַפֿטלעכער דעמאָראַליזאַציע מבטל צו מאַכן דעם

ווילן פון הונדערטער טויזנטער אידן, וועלכע מיר האָבן גערופן צו די וואַלן. עס האָט אונז אָבער נישט געהאָלפן. מען מוז מודה זיין: אויך מיר זיינען אויף אַ צייט מיד געוואָרן. דאָס ערגסטע אין דער לאַגע איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטן אַדרעס, צו וועמען צו אַפּעלירן קעגן די האַנדלונגען פון דער 140ער קאָמיטע. נאָך דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ האָבן מיר געקענט צווינגען דעם דעמאָלטיקן קאָנגרעס־קאָמיטעט דורכצופירן דעם רעפערענדום צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ. נאָך די וואַלן איז אָבער נישט געבליבן צו וועמען צו אַפּעלירן. די איינציקע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געהאַט די יורידישע רעכט צוזאַמענצורופן דעם קאָנגרעס, איז געווען די 140ער קאָמיטע, און אין דער קאָמיטע זיינען מיר געבליבן אין אַ קליינער מינאָריטעט, ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די מענטשן פון „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע". אַפּילו אַפּעלירן צו די געוויילטע קאָנגרעס־לייט האָבן מיר פאָרמעל נישט געקענט; און די קאָנגרעס־באַוועגונג איז דורך מאַנגל אין טעטיקייט פאַרשלאָפט געוואָרן און איינגעשלאָפן.

טו.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד. ערשט אין מיטן זומער 1918, ווען די הינדענבורג־ליניע האָט אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע סימנים פון אָפּשוואַכונג — וואָס האָט געפירט צום פולשטענדיקן צוזאַמענפאַל פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין — האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צוזאַמענצורופן דעם קאָנגרעס. מען האָט אָנגעהויבן שפּירן, אַז „פרידנס־פאַרהאַנדלונגען זיינען שוין אין אויסזיכט". ערשט דאַן האָט אונזער דרוק אויף דער 140ער קאָמיטע צוריק אָנגעהויבן געווינען קראַפט. אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט די קאָנגרעס־שטימונג — און דער אינטערעס אין אידישן קאָנגרעס — ווידער גענומען שטייגן.

אויך אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן אויפוואַכן דער אינטערעס צום אידישן קאָנגרעס. די ערלעכע קאָנגרעס־אָנהענגער צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אין וועלכן טעמפּן ווינקל די דעמאָלטיקע פירער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיי אַריינגעשטויסן. עס האָט פיל פון זיי זייער שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די וואַלן. מיר, פון אונזער זייט, האָבן כסדר פאַרלאַנגט, אַז דער 140ער קאָמיטעט זאָל פונדאָסניי אָנהויבן פאַרהאַנדלען מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט. דער דאָזיקער צווייפאַכער דרוק האָט געפירט דערצו, אַז סוף־כל־סוף האָט

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט ווידער־אַמאָל געענדערט זיין שטעלונג און באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין קאָנגרעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע שקלא־וטריא וועגן דער צאָל דעלעגאַטן, וואָס זאָל אויסגעטיילט ווערן צום אַרבעטער־קאָמיטעט פון יענע הונדערט, וועלכע האָבן געדאַרפט געשיקט ווערן פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ענדלעך האָבן ביידע צדדים מסכים געווען צו געבן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט 20 דעלעגאַטן. איז אַזוי געשען, אַז דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע האָט אין דער ווירקלעכקייט פאַרטראָטן אַלע אידישע ריכטונגען; מיטן אויסנאַם פון די גאַר־עקסטרעמע יחידים־אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן קיין מגע־ומשא נישט געוואָלט האָבן מיט וועלכן עס איז ספּעציפיש־אידישן אַרויסטריט אין אַמעריקע.

אין די זיצונגען פון קאָנגרעס גופא האָט אייגנטלעך קיין בייעס נישט געקענט פּאַסירן. אַלע קאַמפן אַרום פּרינציפּיעלע פּונקטן זיינען שוין פריער אויסגעפאָכטן געוואָרן. אַלע פאָרמולעס זיינען כמעט ווי פעסטגעשטעלט געוואָרן. די לעצטע רעדאַקציע פון די דאָזיקע פאָרמולעס זיינען אין די קאָנגרעס־טעג בעיקר געמאַכט געוואָרן פון לואי מאַרשאַל. אַז ער האָט געוואוסט, ווי צו פאָרמולירן פּאָליטישע פאָדערונגען, איז איבעריק צו באַצייכענען. אַז ער האָט זיך געהאַלטן אין פולן זין לויט די דערגרייכטע פאַרשטענדיקונגען, איז אויך זעלבסטפאַרשטענדלעך. נישט נאָר דערפאַר, ווייל ווען ער פאָרמולירט אַנדערש, וואָלט ער געמוזט באַגעגענען אַ העפטיקן קאַמף אין קאָנגרעס גופא — נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל מאַרשאַל האָט פאַרמאָגט די ערנהאַפטע באַציאונג צו אַן אָפּמאַך, ווען אַפילו ער האָט נישט מסכים געווען מיט אַלע פּרטים. דאָס קען, לייד, נישט געזאָגט ווערן וועגן אַלע מיטגלידער פון דער דעמאָלטיקער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״. אייניקע פון זיי האָבן נישט געקענט איבערטראָגן דעם נצחון פון נאַציאָנאַלן אידנטום. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן פון בריטישן און פראַנצויזישן אידנטום און האָבן געזוכט אָפּצושוואַכן די איינהייטלעכע אַרויסטרעטונג פון אַמעריקאַנער אידנטום דורך דעם געאייניקטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אויפן קאָנגרעס גופא זיינען אָבער יענע עלעמענטן נישט געקומען צום אויסדרוק.

אין די פאַרשידענע קאָמיסיעס פון קאָנגרעס זיינען, נאַטירלעך, פאָרגעקומען הייסע דעבאַטן. אייניקע פון די ניי־צוגעקומענע פאַרטרעטער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו דינגען זיך איבער פאַרשידענע אויסדרוקן. הויפּטזעכלעך האָבן זיי נישט געקענט אַראָפּשלינגען די קלאָרע ארץ־ישראל־רעזאָלוציע פון קאָנגרעס. עס האָבן זיך אַפילו

געפונען צוויי דעלעגאַטן, וואָס האָבן ביים קאָנגרעס גופא געשטימט קעגן דער איינשטימיק־פאַרגעשלאָגענער פּאָליטישער פּראָגראַם. זיי האָבן אָבער דורכדעם נאָך בולט׳ער געמאַכט די כמעט־פולסטע איינשטימיקייט פון גאַנצן קאָנגרעס, וואָס האָט פאַרטראַטן דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידנטום, אין די וויכטיקסטע פּאָליטישע פאָדערונגען.

טז.

בלויז ביי דער דערעפענונג־זיצונג איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, אין וועלכן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן האָבן ווידער־אַמאָל גע־מוזט, דורך אַ שאַרפן קאַמף, אָפּהיטן דעם קאָנגרעס פון אַ נאַציאָנאַלן בלאַמאַזש. דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט אַ פּאָר טעג נאָכן פּאָגראָם אין לעמבערג. די ידיעות וועגן פּאָגראָם האָבן דערגרייכט די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דעלעגאַציע האָט געפאָדערט, אַז די ערשטע האַנד־לונג פון אידישן קאָנגרעס זאָל זיין — אַ שאַרפע פאַרדאַמונג קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. לואי מאַרשאַל, צוזאַמען מיטן ציוניסט ריכטער יוליאַן מעק, האָבן דערצו נישט געוואָלט דערלאָזן. מאַרשאַל האָט גע׳טענה׳ט, אַז עס פעלן קלאָרע באַשטעטיקונגען פון דעם, וואָס עס האָט באמת פּאַסירט אין לעמבערג. איך וויל איצט נישט זיין קיין פּוסק־אחרון איבערן צוזאַמענשטויס. אפשר האָט די מער־פאָרזיכטיקע דיפּלאָמאַטיע געפאָדערט אָפּצוּוואַרטן, ביז עס וועלן קומען גענויערע ידיעות. אין אונז האָט אָבער געברויזט דער פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געריסן פון יסורים־דורכגעווייטיקטע הערצער. מיר האָבן פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין, אויף וואָס נאָך מען דאַרף וואַרטן. די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פאַר די אַליאירטע. די האָפענונג אויף אַ נייער וועלט־דעמאָקראַטיע איז געשטיגן זייער הויך און דאָ באַגעגנט מען דאָס אידישע פאָלק מיטן ערשטן נאָך־מלחמה־פּאָגראָם! ווי קען אַ אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע רואיק אַנגיין מיט זיינע געשעפטן, איידער ער דריקט אויס דעם צער און צאָרן קעגן דעם בלוטיקן פּאַטש אין פּנים, וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט דאַן געקראָגן?

ביים אַדורכלעבן איצט נאָכאַמאָל יענעם מאָמענט, ווייס איך נישט, צי מיר וואָלטן אין דעם צוזאַמענשטויס אַרויס די זיגער, ווען ער וואָלט פאָר־געקומען אויף אַ געאָרדנטער זיצונג פון קאָנגרעס, מיט דער באַטייליקונג פון בלויז דעלעגאַטן. צו דער דערעפענונג זיינען אָבער געקומען עטלעכע טויזנט פילאַדעלפיער אידן, וועלכע האָבן אָנגעפּאַקט דעם טעאַטער. דער גאַנצער

עולם האָט, ווי איין מענטש, אויפגענומען אונזער אַרויסטריט און ער האָט שוין נישט געלאָזט אַריבערגיין צום סדר־היום איבער דער פראַגע. די מענטשן אויף דער בינע האָבן זיך גע׳כעס׳ט. מאַרשאַל אַליין איז אַ פּאָר מאָל אַפילו אַוועק הינטער די קוליסן אין פּראָטעסט קעגן דער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. אָבער מנצח געווען האָבן מיר. אייגנטלעך, דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק. דער פּראָטעסט איז אָנגענומען געוואָרן. דער רעגולערער גאַנג פון קאָנגרעס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן. איך האָב שוין אויבן כאַראַקטעריזירט, וואָס דער קאָנגרעס איז געווען. דאָ און דאָרט האָט ער שטאַרק געליטן פון די באַגרענעצטע ראַמען, אין וועלכע די פריערדיקע פאַרהאַנדלונגען האָבן אים איינגעצוימט. אָבער אין די מערסטע פאַלן האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון די ראַמען. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אימפּאָזאַנטסטער דעמאָנסטראַציע פונעם גע־אייניקטן ווילן ביים אַמעריקאַנער אידנטום. זיין היסטאָרישע באַדייטונג דאַרף איך נאָכאַמאָל נישט אונטערשטרייכן.

יז.

די ווירקונג פון די באַגרענעצטע ראַמען האָט מען ערשט בולט דערזען אויף דער צווייטער צוזאַמענקונפט פון זעלביקן קאָנגרעס אין מיטן זומער 1920. די דעלעגאַציע, וואָס דער קאָנגרעס האָט געשיקט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט. די צווייטע צוזאַמענקונפט איז גערופן געוואָרן, בכדי די דעלעגאַציע זאָל דאָרט אָפּגעבן איר באַריכט. מען האָט אָבער געוואוסט, אַז לויטן פריער־דיקן אָפּמאַך מוז דער קאָנגרעס זיך אויפלייזן תיכף נאָכן דערהאַלטן און באַהאַנדלען דעם באַריכט. נאַטירלעך, האָט די שטימונג נישט געקענט זיין קיין געהויבענע. אמת, די אָנהענגער פון אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס — און אַוודאי מיר אויך בתוכם — זיינען געקומען צוגעגרייט און אַנטשלאָסן תיכף צו עפענען אַ נייע זיצונג פון דעם פּערמאַ־נענטן קאָנגרעס דורך יענער מערהייט דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען פאַר אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס. אָבער דער גלאַנץ פון אַן אמת׳ער פאַראייניקונג פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך אָפּגעטאָן פון קאָנגרעס. אַזוי ווי איך שרייב נישט די געשיכטע פון קאָנגרעס, מוז איך זיך דאָ אָפּשטעלן. די הויפּט־פונקטן, וואָס איך פּרוביר אַרויסהויבן, זיינען די ווירקונגען פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פליגל. דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן בלויז נאָך איין שאַרפער צוזאַמענשטויס, טאַקע אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר אין זומער פון 1920.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראַקציע האָט אַרויסגעבראַכט איר קריטיק

קעגן דער דעלעגאַציע. די קריטיק איז געווען זייער אַ שאַרפע *). הויפּט־זעכלעך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט טאַקע אויף דעם, וואָס וויכטיקע מיטגלידער פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״ — וועלכע האָבן זיך אָפיציעל באַטייליקט אין קאָנגרעס — האָבן זיך פאַרבונדן מיט עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן און געזוכט אונטערצוגראָבן דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון דער איינהייט־לעכער אַמעריקאַנער אידישער רעפּרעזענטאַנץ און די געזונטע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנץ האָט פאַרטראָטן. מיט דער הילף פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט דער קאָנגרעס פאַרמשפּט צום באַהאַלטן דעם געלייענטן דאָקומענט פון דער ציוניסטישער פּראַקציע. מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן. מען האָט מן הסתם גע־גלויבט, אַז דערמיט האַלט מען הויך דעם פּרעסטיזש פון דער דעמאָקראַטישער אידישער אַסיפה. מיר זיינען דאַן געווען זיכער (און איך בין נאָך אויך היינט זיכער), אַז דערמיט האָט מען רעדוצירט די באַדייטונג פון דער אַסיפה. אַן אמת־דעמאָקראַטישע אַסיפה האָט נישט קיין סיבה מורא צו האָבן פאַר אָפענער קריטיק, ווי שאַרף זי זאָל נישט זיין. און אפשר האָט מען בכלל גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם פּרעסטיזש פון דער אַסיפה? ווייל אַן אמת׳ן דעמאָקראַ־טישן פּערמאַנענטן קאָנגרעס, וועמענס פּרעסטיזש מען דאַרף היטן, האָט געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, אַן זייטיקע פּניות, נאָר די ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע באַוועגונג. געווען פיל, פיל אידישע יחידים, וואָס האָבן עס געוואָלט. געווען באַזונדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עס געוואָלט. געווען צווישן מזרחי אַ טייל, וואָס האָט עס זייער שטאַרק געוואָלט. די אַנדערע אָרגאַניזירטע כוחות — ליידער, אויך דער סתם־ציוניסטישער אָרגאַניזירטער כוח — האָבן זיך נישט שטאַרק געזאָרגט, וואָס פונעם קאָנגרעס וועט ווערן.

דעם אידישן קאָנגרעס, ווי אַן אָרגאַניזירט־פּערמאַנענטן כוח אין אַמע־ריקאַנער אידישן לעבן, האָבן די אָריגינעלע קעגנער טאַקע באַדייטנדיק אָפּ־געשוואַכט. אָבער די געשיכטלעכע באַדייטונג פון קאָנגרעס, סיי פאַר יענעם צייט־אָפּשניט, סיי אויך ווי אַ יסוד פאַר דער צוקונפט, האָבן זיי שוין נישט געקענט רעדוצירן; און אין אָט־דעם געשיכטלעכן פּראָצעס האָט עס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַריינגעגעבן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלו־ציאָנערן אימפּעט. דערמיט האָט זי געהאָלפן אַריינשרייבן אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום דאָס גרעסטע, וואָגיק־פּאָליטישע קאַפּיטל, וואָס איז ביז היינט געשריבן געוואָרן.

*) דער פולער דאָקומענט ווערט איבערגעגעבן אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל, ווען איך דערצייל וועגן דעם בריוו־אויסטויש צווישן לואי מאַרשאַל און מיר.

וויכטיקער בריוו־אויסטויש מיט לואי מאַרשאַל

איך גלויב, אַז אין אָט־דעם בריוו־אויסטויש מיטן גרויסן אידישן פירער לואי מאַרשאַל, ווערט אַמ׳בולט׳סטן איבערגעגעבן דער תמצית פון דעם געראַנגל אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג און מיט וואָס ער האָט זיך געענדיקט. אין אים ווערט אויך אַמקלאָרסטן געגעבן דער סך־הכול פון דער ראָלע וואָס עס האָבן געשפּילט אין אָט־דער גרויסער פּרשה אונזער ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג בכלל און מיין באַשיידענער טייל אין דעם בפרט.

אינעם בריוו־אויסטויש ווערט אויך איבערגעגעבן וועגן מיין פּערזענלעכן צוזאַמענשטויס מיט אָט־דעם גרויסן אידישן פירער. מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו האָבן מיט אים חילוקי־דעות, אָבער דאָס איז געווען די שאַפּסטע און שווערסטע. וועגן דעם סאַמע ערשטן צוזאַמענשטויס האָב איך דערציילט אין דעם קאַפּיטל וועגן ד״ר יהודה־לייב מאַגנעסעס קהילה־פּאַרזוך אין ניו־יאָרק. וועגן אַנדערע צוזאַמענשטויסן מיט אים האָב איך דערציילט אין מיין בוך „אויפן וועג״ אינעם ספּעציעלן קאַפּיטל „וועגן 40 יאָר ׳דזשאָינט׳״ (דאָס בוך איז דערשינען אין ניו־יאָרק, 1956). אין יענעם קאַפּיטל האָב איך דערציילט וועגן עטלעכע קלענערע און גרעסערע צוזאַמענשטויסן צווישן לואי מאַרשאַל און מיר. פאַרענדיקט האָב איך יענע דערציילונגען מיטן „פּאַרהער״, וואָס איז געפירט געוואָרן אין פּאַריז בנוגע דער פּינסקער שחיטה. צו אָט־דעם „פּאַרהער״ בין איך געשטעלט געוואָרן און לואי מאַרשאַל האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע, ווי מיין אויספרעגער. דעם דאָזיקן „פּאַר־הער״, אין מאַי 1919, באַטראַכט איך ווי איינע פון מיינע טיפסטע איבער־לעבונגען, ווי איך באַטראַכט דעם גאַנצן טראַגישן קאַפּיטל פון דער פּינסקער שחיטה. דעריבער געהערט אָט־דער קאַפּיטל צו מיינע זכרונות. ווער עס לייענט אָט־די שורות און איז פאַראינטערעסירט אין מיינע זכרונות, ראַט איך צו לייענען יענע אַרבעט אין מיין בוך „אויפן וועג״.

נאָכן „פּאַרהער״ איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ כמעט־פריינטלעכע באַצי־אונג צו מיר מצד לואי מאַרשאַל. ס׳איז אָבער נישט באַשערט געווען, אַז

די פריינטלעכקייט זאָל לאַנג אָנהאַלטן. די שולד פאַר דעם מוז איך נעמען אויף זיך. פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונגען האָבן מיך ווייטער געצוואונגען אַרויסצוטרעטן קעגן אים און זיין גרופּע. דאָס האָט דערפירט צו אַ בריוו־אויסטויש צווישן אונז.

ב.

איך האָב געהאַט גרויסע ספיקות, אויב איך זאָל די בריוו פאַרעפנטלעכן. עס קען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ מין גרויסן־זיך מיט באַקומען אַ וויכטיקן בריוו פון אַ פּערזענלעכקייט פון מאַרשאַל׳ס שיעור קומה. קריג איך אָבער אין דעם בריוו אַ חלק מיט וועלכן עס איז נישטאָ זיך וואָס צו באַרימען. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אומפּאַרטייאישע מענטשן וועלן אויך היינט געפינען, אַז מיין טאָן איז געווען אַ רעכט ביסל צו־געוואַגט, אפשר אַפילו חוצפה׳דיק. בין איך גרייט צו נעמען אויף זיך יעדן פּסק פון אומפּאַרטייאישע מענטשן, אָבער דאָס טאָר מיך נישט אָפּהאַלטן פון פאַרעפנטלעכן דעם בריוו־אויסטויש.

איין מאָטיוו איז אַן עגאָאיסטישער. די אַרכיוון פון מר. מאַרשאַל וועלן דאָך אַמאָל געפאָרשט ווערן. זיי פאַרדינען זיכער געפאָרשט צו ווערן. דער דאָזיקער בריוו־אויסטויש וועט דאָך דאָרט געפונען ווערן. וויל איך זיי אַליין פאַרעפנטלעכן, בכדי אַ קומענדיקער פאָרשער זאָל אויך מיין קוק אויף זיי נעמען אין באַטראַכט.

דער וויכטיקסטער מאָטיוו איז אָבער דער: דער תוכן פון די בריוו רירט אָן אַ ריי געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע דאָס אידישע פאָלק בכלל און דאָס אַמעריקאַנער אידנטום בפרט האָט זיך געראַנגלט. דער בריוו־אויסטויש ברענגט אַרויס דעם אינערלעכן געראַנגל צווישן פאַרשידענע אידישע קרייזן אין אַמעריקע אין אַן עפּאָכע, וואָס וועט פאַרנעמען אַ גאָר־וויכטיקן אָרט אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום. זיי מוזן דעריבער פאַרעפנטלעכט ווערן, ווען זיי זאָלן פּערזענלעך נישט באַרירן.

בכדי ריכטיק צו פאַרשטיין אַלע פּונקטן וואָס ווערן באַרירט אין ביידע בריוו, מוז איך — צוזאַמען מיט די בריוו — אויך פאַרעפנטלעכן נאָך דריי דאָקומענטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין די בריוו. ערשטנס — אַן אַרטיקל וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין „קעמפער״ פון 12טן סעפּטעמבער 1919; צווייטנס — די „קאָנפיסקירטע״ דעקלאַראַציע וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד פאָרצולייענען ביי דער צווייטער — און לעצטער — סעסיע פון דעם ערשטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע, דעם 10טן מאַי 1920. די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין

„קעמפּער“ פון 4טן יוני 1920; דריטנס — אַן אויסצוג פון אַ בריוו וואָס איך האָב געשריבן צו הער לואי מאַרשאַל דעם 5טן יוני 1923, און ווי אַן ענטפער אויף דעם איז געקומען זיין תיכף׳דיקער ענטפער פון 6טן יוני 1923. זיין בריוו ווערט איבערגעגעבן אין פּולן, קודם אין אָריגינאַל און ווערט תיכף איבערגעזעצט אין אידיש. איצט קען איך איבערגעבן די דאָקומענטן אין זייער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג.

ג.

אין דעם שאַרפן אַרטיקל פון 12טן סעפּטעמבער 1919 טרעט איך אַרויס קעגן דעם, וואָס אַן אַמעריקאַנער אידישע גרופּע, מיט לואי מאַרשאַל בראש, האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט דעם פאַרטרעטער פון קאָלטשאַקן אין אַמעריקע. די וואָס זיינען נישט באַקאַנט מיט די פּאַסירונגען אין רוסלאַנד פון יענער צייט און ווייסן אפשר נישט ווער קאָלטשאַק איז געווען, וועלן זיך עס דערוויסן פון די קומענדיקע ציטאַטן. איך האָב געשריבן:

> ...איר מאַרשאַלס, שיפס, שטראַוסעס און אייערס גלייכן, וואָס טוט איר?
>
> איר פירט אַן פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרטרעטער פון קאָלטשאַקס רעגירונג אין אַמעריקע. איר קניפּט אַן פאַרבינדונגען מיט אַ מעטראָפּאָליט, אַן אַנטי־סעמיט. איר גיט דעם מעטראָפּאָליס פאַרזיכערונגען אין נאָמען פון די רוסישע אידן. איר גיט אים פאַרזיכערונגען אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער אידן. איר קריגט גוטע פאָלירטע ווערטער פון אים. ער זאָגט אייך צו אין נאָמען פון קאָלטשאַקן הרים וגבעות. איר נעמט עס אָן פאַר תורת משה — האָט איר אויף אַ מינוט זיך פאַרטראַכט צו וועלכע רעזולטאַטן אייערע האַנדלונגען פירן?
>
> אָנגענומען, אַז אין דער אידן־פריינטלעכקייט פון קאָלטשאַק, דעניקין און אַפילו פון מיטראָפּאָליט אַליין קאָן קיין ברעקל ספק ניט זיין. אָנגענומען, אַז אויף די ידיעות פון קאָלטשאַקס פרעסע אַגענטן פאַרלאָזט איר זיך מער ווי אויף די ידיעות פון אידישע קאָמיטעטן, פון וועלכע איר זייט אַליין מיטגלידער. אָנגענומען, אַז איר אַליין גלויבט באמונה שלמה אַז אַן אמתע דעמאָקראַטישע רעגירונג פאַר רוסלאַנד קאָן אויפגעבויט ווערן נאָר דורך קאָלטשאַקן און זיין גלייכן. פרעג איך אייך אַלץ: האָט איר פאַרגעסן וואָס עס האָט געטראָפן און עס טרעפט טאָג טעגלעך אין פּוילן און אוקראַאינע? האָט איר פאַרגעסן, אַז טראָץ די אָפטע פּראָקלאַמאַציעס פון דער שוין־אָנערקענטער פּוילישער רעגירונג צו דער באַפעלקערונג זיינען אין פּוילן פאָרגעקומען די אַלע לעצטע שוידערלעכסטע פּאָגראָמען? האָט ניט פּעטלוראַ מיט זיינע באַנדעס אין אוקראַאינע פאַרשפּראָכן די זעלביקע הרים וגבעות? האָט ער דען פאַקטיש ניט געגעבן די אידן פיל מער ווי אייערע קאָלטשאַקס אַגענטן וועלן אַפילו וואַגן צו פאַר־שפּרעכן? איז אים געלונגען אָפּצוהאַלטן די אוקראַאינער אויסשלאַכטונגען — די שוידערלעכסטע וואָס אונז האָט געטראָפן אַפילו אין דער איצטיקער צייט פון בלוט און פייער?
>
> וואָס פאַר אַ באַדייטונג קען אַלזאָ האָבן קאָלטשאַקס פאַרשפּרעכן? ווי אַזוי וועט ער זיין פאַרשפּרעכן קאָנען ווען עס איז דערפילן? נאָכדעם ווי אייערע פאַרזיכערונגען צו אים וועלן פון אים גוט אויסגענוצט ווערן, וואָס וועט בלייבן פון זיינע פאַרשפּרעכונגען צו אייך? — — —

ווי אויבערפלעכלעך איר נעמט אויף די גאַנצע אידישע פראַגע אין מזרח־אייראָפּע, ווען איר מיינט, אַז דורך אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען קאָנט איר ראַטעווען אַפילו איין איד. אַוודאי וועלן די קאָלטשאַקס און זייערע אַגענטן זיך איצט אָנכאַפּן אין דעם. און אויב זיי וועלן ווען קומען צו מאַכט, און נייע הונדערטער אידישע שטעט און שטעטלעך וועלן דורכמאַכן דעם זעלביקן פּראָצעס וואָס פּראָסקוראָוו און פעלטשין, וואָס פּינסק און מינסק, וועט דער תירוץ זיין אָנגעגרייט: וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז מיר קאָנען ניט קאָנטראָלירן אונזערע מאַסן? וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז די אידן האָבן זיך פאָרט אַזוי פאַרהאַסט געמאַכט ביים המון?

איר פאַרזיכערט אייער מיטראַפּאָליט אַז די מערהייט פון די אידן אין רוסלאַנד זיינען קעגנער פון די באָלשעוויקעס. איך פרעג אייך, מיט וועלכער רעכט טוט איר עס? האָט איר זיי געפרעגט? האָבן די רוסישע אידן אייך געבעטן עס צו דערקלערן אין זייער נאָמען? איך פרעג עס אייך ניט בלויז צוליב דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע.

אויב איר אַליין נעמט אייערע אייגענע ווערטער ערנסט, און אויב איר ווילט, אַז אַנדערע זאָלן אייך אויך נעמען ערנסט, פאַרוואָס רעכנט איר ניט אויס, אַז אויך די רוסישע באָלשעוויקעס וועלן נעמען ערנסט אייערע ווערטער? און דערוויל, האָבן זיי דאָך די מאַכט. און איר גלויב דאָך אָן ספק, אַז זיי הרגענען און קוילענען אַלע זייערע קעגנער. טאָ מיט וועלכן רעכט האָט איר אויף זיך גענומען איינצושטעלן דאָס לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד, דורך דעם וואָס איר פאַר׳מסר׳ט זיי, אַז זיי זיינען קעגן דער איצטיקער רעגירונג, צוליב אַ צווייפלהאַפטער אויסרעכענונג, אַז אפשר וועט קאָלטשאַק ווערן דער מאַן פון מאַכט מאָרגן און מען דאַרף זען אַז ער זאָל ניט קוילענען די אידן? איך גיי ווייטער:

איך פרעג אייך, פאַרוואָס האָבן די אידן פון רוסלאַנד ניט דאָס רעכט צו זייערע אייגענע פּאָליטישע איבערצייגונגען? לאָמיר זאָגן אַז מען הרגעט דער־פאַר. פרעג איך אייך: אויב די אידן דאָרטן זיינען גרייט זייער אייגענעם לעבן איינצושטעלן פאַר אַ זאַך אין וועלכער זיי גלויבן — טאָ ווער בעט אייך צו זיין זייערע אַדוואָקאַטן?

איך וואָלט כאָטש פאַרשטאַנען, ווען איר אַגיטירט צווישן די אידן פּאָליטישע נייטראַליטעט. זיינען דאָך אונזערע אידן דער קרבן פון יעדער נייער אָריענטאַציע, פון יעדער נייער ענדערונג; וואָלט איך פאַרשטאַנען, אַז איר זאָלט זיי ראַטן ניט צו מישן זיך אין דעם פּראַקטיאַנעלן קאַמף, כדי קיין צד זאָל ניט האָבן קיין אויסרייד קעגן זיי. אָבער פאַר קאָלטשאַקס צד? איר אַגיטירט זיי צו נעמען אירגענד וועלכן צד? איר פאַרבינדט זיי מיט קאָלטשאַקן? ווייסט איר מיט וואָס דאָס שמעקט?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז קאָלטשאַק זיגט און ראַטעוועט טאַקע באמת די רוסישע דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי איר גלויבט. פון וואַנען זיינט איר זיכער, אַז דאָס וועט זיין דער לעצטער קאַפּיטל פון רוסישער פּאָליטישער געשיכטע? פון וואַנען ווייסט איר, אַז אויף מאָרגן נאָך קאָלטשאַקס נצחון וועלן זיך ניט אויפשטעלן די אָנהענגער פון צאַריזם און וועלן ניט אָנפאַנגען אַ מלחמה קעגן קאָלטשאַקן און וועלן ניט שרייען, אַז קאָלטשאַק איז געוווען געשטיצט פון די אידן, און דערפאַר דאַרף מען אויסקוילענען אידן? איז דאָס אַבסאָלוט אויס־געשלאָסן? וועט ניט אייער מיטראַפּאָליט אַליין ווערט איינער פון די אָנפירער פון אַזאַ נייער באַוועגונג פאַר „מאַטושקאַ ראַסיאַ״? דענקט איר באמת, אַז עס זיינען שוין אויסגעשטאָרבן אין גאַנצן די צאַריסטישע עלעמענטן? — — —

און זייט איר אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, אַז ווען אייך וועט אַפילו געלינגען צו מאַכן גלויבן דער וועלט אַז די אידן זיינען ניט קיין באָלשעוויקעס, אַז דאַן

וועלן זיך אָפּשטעלן די שחיטות אויף אידן? האָט דען דער הער פּאַדערעווסקי, מיט וועמען איר האָט אַמאָל אויך אונטערגעהאַנדלט, ניט אויסגעפונען אַ נייע סיבה פאַרוואָס מען זאָל שלאָגן אידן, האָט ער דען ניט בפירוש געזאָגט אַז די אידן העלפן דייטשלאַנד זיך אויסשפּרייטן? פּלאַפּלען דען ניט נאָך דעם שקר די פּוילישע סאָציאַליסטן, די זעלביקע וועלכע האָבן מיט אייניקע יאָר צוריק געשיקט אַהער די האַוזנערס און חבריא צו מאַכן דאָ דייטשע אָריענטאַציע, ווייל זיי האָבן דאַן געגלויבט, אַז דייטשלאַנד וועט מנצח זיין, און פּוילן וועט דאַרפן קלייבן ברעקלעך פון דייטשן טיש? און אויב ניט דייטשע אויספּריי־טונג, וועלן די שונאי ישראל ניט געפינען אַן אַנדער אויסרייד? ווייסט איר עס ניט פּונקט אַזוי גוט ווי איך?

אמת, ווען איר וועט מיך פרעגן וואָס מען זאָל טאָן — קאָן איך אייך קיין קאָנקרעטן ענטפער ניט געבן. וויסנדיק דאָס אידישע לעבן, און וויסנדיק ווי ווייט די וועלט — אַפילו די באָלשעוויסטישע — איז נאָך פון אמת און יושר, איז פאַר מיר ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז מען זאָל נאָך ווען עס איז ניט אויפבויען טעמפּלען אויף טראָצקיס נאָמען און מען זאָל פון יענע טעמפּלען, אין נאָמען פון טראָצקין, ניט אַגיטירן צו פאַרטיליקן די אידן, פּונקט ווי עס טוען עס די פּוילישע קירכן אין נאָמען פון „אונזער״ יעזוס. איך קאָן מיט קיין ריינעם געוויסן ניט ראַטן די אידן פון אַמעריקע צו שטיצן די אָדער יענע רעגירונג אין רוסלאַנד. וואָלט מעגלעך געווען, אַז רוסלאַנד זאָל רעגירט ווערן פון אַ קאָמבינאַציע פון אַלע סאָציאַליסטישע קרעפטן און אין דער זעלביקער צייט אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער אַנטאַנט, וואָלט עס פאַר די אידן געווען אַמבעסטן. אָבער צי קאָנען מיר האָפן אויף דעם? צי קאָנען מיר דורך אונזער ענערגיע פירן דערצו? דאָס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק — דערפאַר רייד איך ניט. דערפאַר טאָר קיינער פון אונז זיך ניט מישן. דערפאַר מוזן מיר די רוסישע אידן, אויף ווי ווייט עס האָט צו טאָן מיט דעם רוסישן בירגער־קריג, צורו לאָזן. אָבער פאַרהאַנדלען מיט קאָלטשאַקן? אָפּנאַרן זיך און דער אידישער וועלט מיט פאַלשע האָפנונגען, אַז פון קאָלטשאַק וועט קומען די גאולה — דאָס איז אַ פאַרברעכן.

צו מאַרשאַלן האָב איך נאָך געהאַט אַ באַזונדער טענה: פאַרוואָס ער האָט זיך וועגן אַזאַ וויכטיקער פראַגע נישט מיישב געווען מיט דער פירער־שאַפט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, פון וועלכן ער איז דאַן שוין געווען אַ מיטגליד.

קיין רעאַגירונג אויף יענעם אַרטיקל איז אין דער עפנטלעכקייט נישט געווען. וואָס די דאָזיקע גרופּע האָט גערעדט צווישן זיך, ווייס איך נישט. די באַציאונג אין „דזשאָינט״ צו מיר איז געווען פאָרמעל אַ קאָרעקטע מיט ברוגזן מצד אייניקע.

דאַן איז געקומען די צווייטע סעסיע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס מיט דעם „קאָנפיסקירטן״ דאָקומענט.

ד.

די שטורעמדיקע עפּאָכע פון דער באַוועגונג פאַר אַן אַל־אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס האָט זיך געצויגן פון סוף אויגוסט 1914 ביז דעם 10טן

מאַי 1920. זי האָט זיך אָנגעהויבן, ווי איך האָב אויבן דערציילט, אויף אַ ציוניסטישער עמוירדזשענסי־קאָנפערענץ — וואָס ד״ר שמריהו לעווין האָט צוזאַמענגערופן תיכף נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — און האָט זיך געענדיקט מיט דער דערמאָנטער צווייטער סעסיע פון דעם ערשטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אויף דער דאָזיקער סעסיע האָט די אַמעריקאַנער אידישע דעלעגאַציע צום פרידנס־קאָנגרעס, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער ערשטער סעסיע פון זעלביקן קאָנגרעס, אָפּגעגעבן איר באַריכט. האָב איך אין פריערדיקן קאַפּיטל געשריבן וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג, סיי וועגן אירע עליות, סיי וועגן אירע ירידות. דאָס מאָל דאַרף איך בלויז פאַרעפנטלעכן דעם דאָקומענט, וואָס איז נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן אין די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן פון דער צווייטער קאָנגרעס־סעסיע. מען האָט דעם דאָקומענט פשוט דן געווען לגניזה. אַזאַ צאָרן האָט ער אַרויסגערופן ביי דער מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטן. דער פאָרשלאָג, מען זאָל דעם דאָקומענט נישט אַריינלאָזן אין די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן, איז געקומען פון די פאַרטרעטער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אונזער גרופּע איז געבליבן כמעט איזאָלירט.

אַזוי ווי איך בין געווען סיי דער מחבר, סיי דער לייענער פון דעם דאָקומענט אויף יענער סעסיע, קען איך נישט דיסקוטירן, צי ער האָט פאַרדינט „קאָנפיסקירט" צו ווערן. אויך צווישן אייגענע חברים האָבן אייניקע געדענקט, אַז זיין טאָן איז צו־שאַרף. דעם ענדגילטיקן פּסק־דין איבער דעם זאָלן אַנדערע אַרויסטראָגן.

און אָט איז דער דאָקומענט:

געערטער קאָנגרעס:

צו דער אַרבעט פון דער דעלעגאַציע צום פרידנס־קאָנגרעס ווי אויך צום באַריכט פון דער „קאָמיטע אָוו אָפיסערס" האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער בלאָק צו מאַכן פאָלגנדע דערקלערונג:

מיר געפינען, אַז מען דאַרף קלאָר אונטערשיידן צווישן דער פּאָליטישער באַדייטונג וואָס אונזער קאָנגרעס אַליין האָט אויסגעאיבט דורך דעם פאַקט גופא וואָס ער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן און האָט פאָרמולירט אונזערע פאָדערונגען, און צווישן דער אַרבעט פון דער דעלעגאַציע און די „קאָמיטע אָוו אָפיסערס", וועלכע האָבן געדאַרפט דורכפירן דעם ווילן פון קאָנגרעס.

די אויפטואונגען פון קאָנגרעס גופא זיינען געווען פון גרויסער באַדייטונג. פיל שפּעטערדיקע פאַקטן האָבן פעסטגעשטעלט אַז ווען ניט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, וואָלטן אין די טראַקטאַטן פון די ניי־געשאַפענע אָדער פאַרגרעסערטע שטאַטן קיינמאָל ניט אַריינגעקומען די גאַראַנטיע פון מינאָריטעטן־רעכט און עס זיינען דאָ גענוג גרונדן צו גלויבן, אַז די באַשטעטיקונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע דורך סאַן רעמאָ איז אויך אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, וועלכער האָט קלאָר אַרויסגעשטעלט די־

פֿאָדערונג פֿון אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל אין נאָמען פֿון אַלע אידן אין אַמעריקע.

עס איז ניט איצט די צייט און ניט דאָ איז דער פּלאַץ גרינטלעך צו באַהאַנדלען די פֿראַגע, צי האָבן אַפֿילו די אויפֿטואונגען פֿון קאָנגרעס גופֿא אַ באַלדיקן ממשות׳דיקן ווערט. מיר, סאָציאַליסטן, האָבן גרויסע ספֿיקות אין די פֿאַרשפּרעכונגען פֿון די פֿאָרשטייער פֿון דער אַנטאַנט, ווי בכלל פֿון בירגערלעכע רעגירונגען. נאָך מער ספֿיקות האָבן מיר אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון די ניי־באַשאַפֿענע אָדער פֿאַרגרעסערטע שטאַטן אָפּצוהיטן סיי דעם בוכשטאַב, סיי דעם זין פֿון זייערע טראַקטאַטן. מיר האָבן אָבער קיין ספֿק ניט, אַז פֿון געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט האָבן די אָפּמאַכונגען און די צושטימונגען פֿון די נייע אָדער פֿאַרגרעסערטע שטאַטן אַ זייער גרויסע באַדייטונג, ווייל פֿון דער גאַראַנטיע פֿון מינאָריטעטן־רעכט ווערט פֿעסטגעשטעלט דער אמת פֿון דעם פּרינציפּ, אַז קיין נאַציע האָט ניט קיין רעכט צו אונטערדריקן אָדער איינצושלינגען אַ צווייטע נאַציע ווען זי איז אַפֿילו שוואַך, און מיט דעם באַשלוס פֿון סאַן רעמאָ בנוגע ארץ ישראל ווערט פֿעסטגעשטעלט, אַז עס מוז פֿאַר יעדער נאַציע באַשאַפֿן ווערן גלייכע מעגלעכקייט פֿאַר איר עקזיסטענץ. און מעגן זיך געפֿינען אַפֿילו צווישן די פּאָליטישע כוחות, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן פּרינציפּ אונטערגעשריבן, אַזעלכע פֿאַרטרעטער פֿון בירגערלעכע רעגירונגען, וועלכע, סיי זיי ווי יחידים, סיי די רעגירונגען וועלכע זיי פֿאַרטרעטן, פֿאַרלעצן ביי זיך אין דער היים און אין זייערע קאָלאָניעס דעם זעלביקן פּרינציפּ, וועלכן זיי האָבן דאָ אָנערקענט, האָט אָבער דער פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענער היסטאָרישער אמת, ווען אַרויסגערעדט פֿאַר דער וועלטס עפֿנטלעכקייט, אַזאַ כח, אַז ער איז זיך סוף־כל־סוף נוקם אָן די וועלכע זינדיקן קעגן אים.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס גופֿא האָט אַלזאָ אויפֿגעטאָן זייער אַ וויכטיקע אַרבעט דערמיט, וואָס ער האָט אויך מיט זיין כח געהאָלפֿן אויסקעמפֿן דעם היסטאָרישן פּרינציפּ.

ליידער קאָנען מיר דאָס זעלביקע ניט זאָגן וועגן דער אַרבעט פֿון דער דעלעגאַציע און די „קאָמיטע אָוו אָפּיסערס”, וועלכע האָבן געדאַרפֿט דעם ווילן פֿון קאָנגרעס אויסדריקן. מיר האָבן קעגן דער דעלעגאַציע און „קאָמיטע אָוו אָפּיסערס” פֿאָלגנדעס:

ערשטנס: דער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסן דעם 18טן דעצעמבער 1918. ער איז דעמאָלט, נאָך לאַנגער אָפּציעניש, פּלוצלונג צוזאַמענגערופֿן געוואָרן צוליב דעם איינציקן גרונד, כדי אונזערע דעלעגאַטן זאָלן קאָנען קומען אין צייט צום פֿרידנס־קאָנגרעס. ניט נאָר וואָכן, נאָר מאָנאַטן זיינען אַוועקגעגאַנגען, און די דעלעגאַטן האָבן זיך פֿון אָרט ניט גערירט. נאָך מער — איינער פֿון דער דעלעגאַציע האָט דורך קייבעלס פֿון יענער זייט ים געזוכט אָפּצוהאַלטן די גאַנצע דעלעגאַציע פֿון פֿאָרן וואָס שנעלער. דאָס וואָלט אפֿשר געווען ניט מער ווי אַ טעכנישער פּונקט, ווען עס וואָלט ניט געפֿירט צו זייער אַ וויכטיקן רעזולטאַט.

אונזער קאָנגרעס האָט טראָץ דעם זאָגענאַנטן אַגרימענט, לויט וועלכן די ארץ־ישראל פֿראַגע האָט בלויז געדאַרפֿט פֿאָרמולירט ווערן אין די ראַמען פֿון פֿאַרזיכערן און פֿאַרטיידיקן אידישע רעכט אין פּאַלעסטינע, אָנגענומען כמעט איינשטימיק, מיט בלויז צוויי שטימען קעגן, צו פֿאָדערן אַ אידיש היימלאַנד. דער קאָנגרעס האָט דעם פּונקט באַטראַכט אַלס איינעם פֿון די צוויי וויכטיקסטע פּונקטן זיינע. דער צווייטער פּונקט איז געווען די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט.

אונזער דעלעגאַציע האָט דעם פּונקט פֿאַרברעכעריש פֿאַרנאַכלעסיקט. דעם 28סטן פֿעברואַר, 1919, איבער צוויי מאָנאַט נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט זיך

געשלאָסן, איז פאַרן העכסטן ראַט פון פרידנס קאָנגרעס דערשינען דער ציוניס־טישער קאָמיטעט. דאָרטן איז קיין פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנ־גרעס ניט געווען צוליב דער נאָכלעסיקייט פון אונזער דעלעגאַציע צו קומען אין צייט. דערמיט האָט אונזער אייגענע דעלעגאַציע אונטערגעגראָבן איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, צוליב וועלכע דער קאָנגרעס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן. די אידישע מאַסן האָבן, דורך דעם קאָנגרעס, געוואָלט זאָגן דער וועלט, אַז ארץ־ישראל פאַרן אידישן פאָלק איז ניט בלויז די פאָדערונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר די פאָדערונג פון גאַנצן אידישן פאָלק. די־דאָזיקע אויפגאַבע איז פון אונזער דעלעגאַציע ניט אויסגעפירט געוואָרן.

2. מאָנאַטן און מאָנאַטן זיינען נאָכדעם אַוועקגעגאַנגען און דער פרידנס־קאָנגרעס האָט אַלץ נישט געהערט קיין וואָרט וועגן די פאָדערונגען פון דעם אידישן פאָלק. אַלע אונזערע פאָדערונגען האָבן דערגרייכט געוויסע מיטגלידער פון פרידנס־קאָנגרעס דורך הינטער־טירן. די אַלטע שתדלנות איז, צו אונזער שאַנדע, ווידער גענוצט געוואָרן. און דער עפנטלעכער מעמאָראַנדום, טראָץ דעם וואָס אויף אים שטייט דער דאַטום פון 10טן מאַי — וואָס דאָס איז שוין שפּעט גענוג — איז אָבער איבערגעגעבן געוואָרן דעם פרידנס קאָנגרעס פיל שפּעטער. אין דעם, שטעלן מיר פעסט, זיינען געווען שולדיק די פירנדיקע מיטגלידער פון אונזער דעלעגאַציע, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אינגאַנצן צושטעלן קיין מעמאָראַנדום און באַנוגענען זיך מיט זייערע שתדלנות. אַזוי האָט פּאַסירט, אַז נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס אַליין האָט זיין וואָרט געזאָגט, אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט אָבער אונזער דעלעגאַציע רעדוצירט דעם ווירדיקן אופן פון אונזער פּאָליטישער אַקציע און האָט באַנוצט די הינטער־איוון פּאָליטיק.

3. גע׳חתמ׳עט אויף דעם מעמאָראַנדום זיינען די אידישע קאָנגרעסן און אידישע נאַציאָנאַל־ראַטן פון די פאַרשידענע לענדער. מיר פרעגן: צו וואָס האָבן זיך נאָך דאָרט אונטערגעשריבן איינצלנע אָרגאַניזאַציעס? מיר פאַרשטייען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דער בני ברית האָבן נאָך אַ באַרעכטיקונג, ווייל זיי זיינען אַלוועלטלעכע קערפּערשאַפטן. אָבער די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, וואָס האָט זי דאָרטן געהאַט צו טאָן? איז זי ניט געווען אַ טייל פון קאָנגרעס? מיט וואָס איז זי וויכטיקער ווי דער אינד. אָרדען ברית אברהם, למשל? אפשר דערפאַר, ווייל דער לעצטער ציילט מיטגלידער אין די הונדערטער טויזנטער, און די ערשטע איז צוזאַמענגעשטעלט פון יחידים?

4. ווי אַזוי האָט די דעלעגאַציע אונזערע בכלל רעאַגירט אויף דער מאָדנער שטעלונג פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע צום קאָנגרעס? זי האָט זיך באַטייליקט אין קאָנגרעס און זי האָט אונטערגעשריבן דעם מעמאָראַנדום. סיי איפן קאָנגרעס און סיי אינעם מעמאָראַנדום ווערט קלאָר און דייטלעך געפאָדערט נאַציאָנאַלע רעכט. מר. מאַרשאַל, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, איז געווען איינער פון אונזער דעלעגאַציע, וועלכע האָט די פאָדערונג אַרויסגעשטעלט. טאָ ווי קומט עס, אַז די זעלביקע אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָט געשיקט איר אייגענע פאַרטרעטערשאַפט אין פּאַריז און די דאָזיקע פאַר־טרעטערשאַפט האָט זיך גאַנץ אַקטיוו באַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציע פון יענער קערפּערשאַפט, מיט וועלכער די אידישע דעלעגאַציעס האָבן זיך געדאַרפט דינגען און געזוכט צו מאַכן קאָמפּראָמיסן, ווייל די דאָזיקע קערפּערשאַפט, מיט דעם אָנטייל פון אַ פאַרטרעטערשאַפט פון דער זעלביקער אַמעריקען דזשו־איש קאָמיטע, האָט געקעמפט קעגן דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט? מיט וואָס פאַר אַ נאָמען קאָן מען אָנרופן אַזאַ מין פּאָליטיק: דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע באַטייליקט זיך אין דער דעלעגאַציע פון קאָנגרעס, וואָס פאָדערט אין נאָמען פון קאָנגרעס נאַציאָנאַלע רעכט, און די זעלביקע קאָמיטע שיקט אַ פאַרטרעטערשאַפט צו קעמפן קעגן נאַציאָנאַלע רעכט?

5. מיר פרעגן ווייטער: פאַרוואָס האָט די דעלעגאַציע מיט דער „קאָמיטע אָוו אָפּיסערס״ אַזוי שנעל אָפּגעריסן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער „קאָמיטע פון אידישע דעלעגאַציעס״ אין פּאַריז? פאַרוואָס האָבן אונזערע פאַרטרעטער געפירט אַזאַ מאָדנע פּאָליטיק פון אָפּטיילן זיך פון דער גאַנצער קאָמיטע נאָך איידער אָפּילו אַלע טראַקטאַטן זיינען אונטערגעשריבן געוואָרן? שוין ניט רײדנדיק וועגן דעם, וואָס אָפּילו נאָכן אונטערשרייבן פון די טראַקטאַטן דאַרף נאָך די אידישע דעלעגאַציע אָנפירן איר קאַמף קעגן יענע שטאַטן, וועלכע האָבן שוין געבראָכן זייער אונטערגעשריבענעם אַגרימענט און אַכטונג געבן, אַז דאָס זעלביקע זאָל ניט פּאַסירן אין אַנדערע לענדער. בפרט איצט, ווען דער גאַנצער ליג אָוו ניישאַנס, אויף וועלכער אַלע פאָדערונגען האָבן זיך געשטיצט, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ פּיקציע — איצט מוז דאָך זיין אַ אידישע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל שטיין אויף דער וואַך פון אונזערע אינטערעסן. אין אַזאַ צייט האָט אונזער דעלעגאַציע איבערגעלאָזן דער קאָמיטע פון אידישע דעלעגאַציעס אַליין.

6. דער קאָנגרעס האָט אויף זיין ערשטער זיצונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פאַר אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס און האָט אינסטרואירט די דעלעגאַציע נאָך פּאַריז צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע פאַראַלעלע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער, מיטן צוועק צוזאַמענצורופן אַ וועלט־קאָנגרעס. פאַרוואָס איז וועגן דעם גאָרנישט געטאָן געוואָרן?

7. אין דער צווישנצייט פון דער ערשטער זיצונג ביז איצט איז דאָס אידישע פאָלק פאַרפלייצט געוואָרן פון דעם אייגענעם בלוט־ים, דעם ערגסטן פון איר געשיכטע. דאָס האַרץ פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך געריסן צו פּראָטעסט. אויב ניט מיט מעשים, ווייניקסטנס מיט איר הייסער טרער, אויסצודריקן איר מיטגעפיל מיט דעם צער און צאָרן פון גאַנצן פאָלק. אין אַמעריקע איז געווען די „קאָמיטע אָוו אָפּיסערס״, וועלכע האָט פאַרטראָטן אַלע אַמעריקאַנער אידן. פאַרוואָס האָט דער קאָמיטעט פאַרשוויגן דעם גאַנצן אידישן ווייטיק? מיט וועלכן רעכט האָט דער קאָמיטעט, אַליין גאָרנישט טוענדיק, זיך נאָך געשטעלט אין וועג פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן געוואָלט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פאַר אַן אַקציע?

8. פאַרוואָס האָט די „קאָמיטע אָוו אָפּיסערס״ אַזוי לאַנג פאַרצויגן דאָס צוזאַמענרופן פון דער דאָזיקער זיצונג, אין אַ צייט ווען אַזויפיל אידישע פראַגן וואַרטן אויף זייער ענטפער?

דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער בלאָק פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנ־גרעס זעט אין די אַלע אויבן־געבראַכטע פאַקטן ניט קיין צופאַל, נאָר אַ סיסטעמאַטישן פאַרזוך מצד די פירער פון דער דעלעגאַציע אונטערצוגראָבן די עקזיסטענץ פון קאָנגרעס. דערמיט דערקלערן מיר אויך דעם פאַקט, וואָס אויף די אויפנאַמען, וואָס די דעלעגאַציעס האָבן געהאַט ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָבן אייניקע פון זיי אָפּילו מיט אַ וואָרט נישט דערמאָנט דעם קאָנגרעס, איבערלאָזנדיק דערמיט דעם איינדרוק, אַז אַלץ וואָס איז יאָ דערגרייכט געוואָרן איז עס געווען דורך זייער פּערזענלעכן איינפלוס. מיר זעען אין די אויבן־געבראַכטע פאַקטן אַ פאַרזוך צו באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז מען דאַרף קיין קאָנגרעס בכלל ניט. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער איבערטריבענער איינדרוק, אַז אַלץ וואָס דער ערשטער אידישער קאָנגרעס האָט געפאָדערט איז שוין דערגרייכט געוואָרן, בעת אין דער אמת'ן זיינען מיר נאָך זייער ווייט דערפון.

מיר זעען אין די אויבן־געבראַכטע פאַקטן אַ פאַרזוך פּטור צו ווערן פון דער לעגיטימער אידישער פאַרטרעטערשאַפט, וועלכע האָט געצוואונגען אייניקע פירער צו בויגן זיך צו איר ווילן. מיר זעען אין דעם אַ פאַרזוך צוריק

פעסטצושטעלן די מאַכט פון דער אוזורפּאַטאָרישער אַמעריקען דזשואיש קאָמי־טע. מיר זעען אין דעם אַ פּאַרזוך מצד מאַנכע פירער פּטור צו ווערן פון קאָנגרעס כדי צו בלייבן די אַליינהערשער אין דער ארץ ישראל אַרבעט.

דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער בלאָק, וועלכער איז שטענדיק געשטאַנען פאַר אַן אָרגאַניזירטן אידישן לעבן, פאַר אַ פּערמאַנענטער לעגיטים־אויסגע־וויילטער אידישער אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער וועלט, און וועלכער איז איבערצייגט, אַז איצט איז אַזאַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט נאָך נויטיקער ווי ווען עס איז, פּראָטעסטירט העפטיק קעגן די האַנדלונגען פון דער דעלעגאַציע נאָך אייראָפּע און פון דער „קאָמיטע אָוו אָפיסערס", און מיר שלאָגן פאָר דעם קאָנגרעס אויסצודריקן אונזער אומצופרידנקייט מיט דער אַרבעט פון די דאָזיקע ביידע קערפּערשאַפטן, אונזער דעלעגאַציע און די „קאָמיטע אָוו אָפיסערס".

ה.

וואָס עס איז געוואָרן פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס נאָך דער 2טער סעסיע, געהערט נישט צו דעם היינטיקן ענין. די השפּעה פון יענעם דאָקומענט האָט זיך אָבער אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער שטח, אויפן שטח פון דער רעליף־אַרבעט. איך בין דאַן געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „דזשאָינט", פאַרטרעטנדיק דאָרטן דעם פּיפּלס־רעליף. צוזאַמען מיט מיר זיינען אויך געווען אין „דזשאָינט" אַנדערע מיטגלידער פון פּיפּלס־רעליף. וויל איך ברענגען אייניקע ציטאַטן פון אַ בריוו וואָס איך האָב געשריבן צו לואיס מאַרשאַל דעם 5טן יוני 1923. דאָס וועט דערקלערן פאַרוואָס מאַרשאַל האָט פּלוצלונג צו מיר געשריבן אַזאַ לאַנגן און שאַרפן בריוו:

אין „דזשאָינט" האָט זיך, נאָך דער דאָזיקער קאָנגרעס־סעסיע, די באַ־ציאונג צו מיר געביטן אַזוי, אַז אַ שאַרפער כעס האָט אַרויסגערעדט פון אייניקע „דזשאָינט"־פירער. דאָס האָט געמאַכט אומאַנגענעם אויך די פּאָזיציע פון די אַנדערע פּיפּלס־רעליף פאַרטרעטער אין „דזשאָינט". די קומענדיקע ציטאַטן פון מיין בריוו צו מאַרשאַלן, געשריבן דעם 5טן יוני 1923, וועלן עס קלאָר אַרויסברענגען. איך האָב אים געשריבן:

> מיין אויפמערקזאַמקייט איז געצויגן געוואָרן דורך די הערן אַלעקסאַנדער קאַהאַן און מאַקס פּיין צו אַן אויסדרוק פון אייערן אַ געפיל, אַז אויף דער צווייטער סעסיע פון דעם אידישן קאָנגרעס האָב איך גענוצט אַ שפּראַך וואָס האָט אייך באַשולדיקט אין פאַרראַט צום אידישן פאָלק.
>
> דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געהערט אַזאַ באַהויפּטונג. איך האָב עס אויך געהערט אין פאַרבינדונג מיט הער נייטן שטראַוס, דר. סיירוס אַדלער און אַנדערע מיטגלידער פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. דר. אַדלער איז אַפילו געגאַנגען אַזוי וויט זיך אָפּצוזאָגן אָנטייל צו נעמען אין אַ זיצונג פון אַ סוב־קאָמיטעט פונעם „דזשאָינט", אויב איך וועל דאָרט אָנוועזנדיק זיין.
>
> איך האָב ביז איצט איגנאָרירט די דאָזיקע באַהויפּטונגען. איך האָב געוואוסט, אַז די דאָזיקע באַהויפּטונגען באַזירן זיך אויף מיסרעפּרעזענטאַציע

און איך קען ניט באַקעמפן מיסרעפּרעזענטאַציע אין קרייזן צו וועלכע איך האָב ניט קיין צוטריט. אָבער ווען פּריינט פון פּיפּלס רעליף זיינען דערפון באַ־אומרואיקט שיינט מיר, אַז איך בין באַרעכטיקט צו פּרובירן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפקלערן דעם ענין.

דאַן זאָג איך אים, אַז דאָס איינציקע מאָל וואָס איך האָב גערעדט אויף יענער סעסיע איז געווען, ווען איך האָב געלייענט די דערקלערונג אין נאָמען פון אונזער בלאָק. איך האָב אים צוגעשיקט אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דעם דאָקומענט. איך זאָג אויך, אַז איך האָב דעם דאָקומענט געלייענט אין נאָמען פון דער גאַנצער פראַקציע; אָבער איך וויל דורכדעם נישט אָפּוואַרפן פון זיך די אחריות פאַרן דאָקומענט. פאַרקערט, איך נעם אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל איך האָב דעם דאָקומענט געשריבן. איך בעט אים צו לייענען דעם דאָקומענט און זען צי איז דאָ אין אים די באַרעכטיקונג צוצושרייבן צו מיר אַ באַהויפּטונג אַז ער, אָדער ד״ר אַדלער, זיינען פאַר־רעטער פון אידישן פאָלק.

איך זאָג ווייטער, אַז איך בין געבליבן, ווי געווען, אַ קעגנער פון די מעטאָדן פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע״. פונעם דאָקומענט גופא צי איך ניט צוריק קיין איין וואָרט, מיט דעם אויסנאָם פון איין אויסדרוק: „פאַרברעכעריש פאַרנאַכלעסיקט״. אַלץ וואָס דער סטייטמענט האָט אַרויס־געבראַכט איז באַזירט אויף פאַקטן. ביז וואַנעט די פאַקטן וועלן קענען אָפּגעלייקנט ווערן בלייב איך אַלץ ביים דאָקומענט.

איך פרעג אים נאָכדעם, צי דענקט ער, אַז אויף אַ דעמאָקראַטישער פאַרזאַמלונג קען אויסגעשלאָסן ווערן קריטיק; איך ווייז אָן, אַז אונזער באַשולדיקונג איז געווען, אַז די דעלעגאַציע און די „קאָמיטע אָוו אָפּיסערס״ האָט געזוכט אונטערצוגראָבן דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; אַז זיין קעגן קאָנגרעס מיינט בשום אופן נישט פאַרראַט צום אידישן פאָלק, און אַז מיר נעמען אָן אַז זיי, די קעגנער פון קאָנגרעס, זיינען פונקט אַזוי באַרעכ־טיקט צו זייער מיינונג, אַז דער קאָנגרעס קען שעדיקן די אינטערעסן פון אידישן פאָלק, ווי מיר, די אָנהענגער פון קאָנגרעס צו אונזערער, אַז דער קאָנגרעס וועט ברענגען אידן נוצן. דאַן זאָג איך:

איך וואָלט אפשר איגנאָרירט דעם גאַנצן ענין. איך האָב ניט קיינע פּערזענ־לעכע מאָטיוון אין שרייבן אָט דעם בריוו... איך טו עס אָבער דערפאַר, ווייל מיין לאַגע אין דער רעליף־אַרבעט ווערט כמעט אוממעגלעך. איך קען אויסשטיין קעגנערשאַפט. איך קען זיין אין אַ מינאָריטעט, אָבער אַ שנאה־באַציאונג צו מיר, בפרט ווען דאָס איז באַזירט אויף מיסרעפּרעזענטאַציע, דאָס קען איך ניט דערלויבן.

איך ענדיק מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל באַקומען פון אים אַן

ענטפער. איך האָב נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. אין צווי טעג אַרום איז זיין ענטפער געקומען. און אָט איז זיין ענטפער:

GUGGENHEIMER, UNTERMYER & MARSHALL
120 BROADWAY, NEW YORK

June 6, 1923.

Dear Sir:

I am in receipt of yours of the 5th instant, in which you seek to convince me that you never accused me of being a traitor to the Jewish people or of betraying their interests before the peace Conference in Paris.

While I do not regard it as profitable to waste valuable time in such discussion as you have invited, I nevertheless welcome this opportunity of showing how ill-informed you and your associates have been regarding the occurrences in Paris and with respect to the action of the Committee of Jewish Delegations.

In the first place, let me suggest that you examine the files of the Yiddish newspaper which was edited by you and Mr. Pinsky. You will there find an article, which I understood was written by you, in which, in so many words, you made against me the charge to which I have referred.

In the next place, referring to the statement which you read at the second session of the Jewish Congress held in Philadelphia and of which you have sent me a copy in Yiddish and what purports to be a translation, I call your attention to the numerous statements and insinuations made against me in that document, which are not susceptible of any other interpretation than that which was given to it by those who heard you read the statement. Judge Mack, who was then in the chair, took you to

task for the charges that were therein contained and gave his personal testimony to the fact that they were untruthful and unwarranted; that so far as contending for national rights was concerned, I fought for them long after everybody else on the delegation recognized the fact that it would be impossible to secure them. Yet your document, in unqualified terms, states that I undermined the action of the Jewish Congress, that as President of the American Jewish Committee I participated in the councils of the delegations at the Congress which demanded national rights, and that I sent a representative to Paris to fight against such national rights. Let me further say to you, that the representative to whom you refer, Dr. Cyrus Adler, did not fight against national rights. Let me further say to you, that the representative to whom you refer, Dr. Cyrus Adler, did not fight against national rights. He did not believe it to be wise to contend for them, but for the purpose of securing unity he made every possible effort, in cooperation with me, to persuade the delegation from Great Britain and the representatives of the Alliance Israelite Universelle to refrain from making a contest against the conferring of national rights, and, if possible, to induce them to advocate the securing of such rights. As a matter of fact we prevented those delegations from taking a position to that of the Committe of Jewish Delegations.

You refer to the fact that the American Jewish Committee signed the communication addressed to the Peace Conference in conjunction with the Committee of Jewish Delegations, the Zionist Organization and the B'nai B'rith. That was done on the insistence of the members of the Committee of Jewish Delegations, not at my instance or that of the American Jewish Committee.

It was believed by the membership of the Committee of the Jewish Delegations that it would be helpful to secure the signatures of these several organizations. It was equally at their instance that I acquiesced.

You charge the delegates from the American Jewish Congress with criminal negligence in not appearing before a committee of the Peace Conference in support of the resolution regarding Palestine that had been adopted at the Jewish Congress held in Philadelphia. Let me refresh your recollection and inform you of some interesting facts. At a meeting of the delegation held shortly after the Congress had adjourned, it was decided that the various members should go abroad at their earliest convenience, but in view of the fact that President Wilson was expected to return to the United States for a short period it was desirable that Judge Mack and I should not go abroad until we had an opportunity to present to him the proper memorials setting forth the terms of the resolutions adopted by the Congress and giving our reasons in support of them. As a matter of face that program was carried out. The President gave us an opportunity to appear before him. In view of the fact that I had personally formulated the demand for minority rights which was adopted at the Congress, I was requested also to prepare the memorial which was to accompany the presentation of the resolutions to the President. I did so, and that memorial was submitted to and left with the President. Although I am not a Zionist, I nevertheless prepared the memorial which accompanied the resolution regarding Palestine which was likewise submitted to President Wilson. It was at his suggestion, as I learned, that this method of submission was adopted.

Within a very few days thereafter Judge Mack sailed for Europe, and I followed as soon as

I could get a steamer. I remained in Paris for four and a half months and devoted every moment of my time, sometimes eighteen hours a day, to this work. Judge Mack returned to this country about the middle of May. I did not leave until the latter part of July.

When I arrived in Paris the Committee of Jewish Delegations had been formed. I found that they were at daggers drawn with the French and English representatives, and that the latter had refused to join the Committee. My first effort was an attempt to secure harmonious relations between the various committees and united action, if possible. At my instance a number of meetings took place in the consistoire of the Synagogue on the Rue de la Victoire, where all concerned had an opportunity to express their views.
A committee was appointed representing the various interests, in order to arrive at a program which would be mutually satisfactory, and recognizing Dr. Adler's thorough understanding of the subject I named him as a member of the committee, of which I acted as chairman, and upon which the Committee of Jewish Delegations, the Alliance and the English societies were represented. As I have already stated, although there was no actual agreement there resulted an amicable understanding which prevented open rupture, which would have been most unfortunate.

Before Judge Mack and I arrived there had been a hearing on the Palestinian question before a committee of the peace conference. Mr. Sokolov represented, very ably, as I was informed, the position taken by the Jewish Congress which had convened in Philadelphia, as well as that of the Zionist Organization. His action was approved by the delegations from the various East European countries who were then present in Paris.

From the time that I arrived in Paris until

a few days before I left, I was never consulted by the members of the Jewish Dlegations, although I was the chairman of that committee, with regard to Palestinian affairs. That subject was always discussed at meetings of the Zionist Organization, to which I was not invited and of whose actions I was kept in profound ignorance. Before I left for America, however, I asked why it was that the Palestinian subject was not presented before the Delegations, and I was given to undrstand that the sole reason was that I was regarded as a non-Zionist and, with the exception of Dr. Filderman, of Bucharest, the only non-Zionist on the Committee of Jewish Delegations. I thereupon stated that I did not understand why that should make any difference in view of the fact that I held a mandate from the Jewish Congress held in Philadelphia, and whether I approved of the program outlined or not was immaterial, because, holding the mandate, I regarded the Jewish Congress as my client and I therefore considered it to be my duty, so far as it lay in my power, to carry out the instructions that were given to the delegation which it had sent to Paris. I then informed the members of the Committee that I had formulated the memorial on the Palestinian subject which had been submitted to President Wilson, and that I was prepared to stand by that memorial and to submit a petition to the peace Conference asking for the adoption of the program therein set forth. In a very shame-faced manner my associates expressed their astonishment at the attitude which I took - believed it almost incredible that anybody should entertain such dispassionate views with regard to complying with the mandate which had been issued by the constituency that had sent me to Europe. Thereupon a document was prepared, for submission to the Peace Conference, upon the subject of Palestine, which I signed on behalf of the Committee of

Jewish Delegations, and, if I am not mistaken, also on behalf of the American Jewish Committee.
I may add, however, for your information, that it was never filed by Mr. Motzkin, the Secretary of the Committee of Jewish Delegations, or by Mr. Sokolov, who succeeded me as chairman, until about a year thereafter. In the meantime, after my return to America, I made inquiries as to what had been done, but never succeeded in obtaining any definite information.

So much for the subject of my undermining the action of the American Jewish Congress with regard to Palestine.

I have already referred to my attitude with regard to national rights and to the testimony given on that point by Judge Mack, and which could be supplemented by that of every member of the Committee of Jewish Delegations.

In the statement of the National Socialistic Bloc which you have handed to me you arrogate to the American Jewish Congress the credit for what has been done with regard to the securing of minority rights. To those who know, your statement is most amusing. In the first place, there was nothing but confusion at the Congress with regard to what should be said and what should not be said, on the subject of minority rights. More than a year before the Congress was held the American Jewish Committee had formulated its views on the subject. Seven committees, as I recollect it, were appointed by the Congress to deal with the subject of Jewish rights in the various countries of Europe, one committee for Russia, one for Poland, one for Galicia, one for Roumania, etc. Not a single one of these committees had an idea as to what was desirable or what principles to advocate. I was appointed on the Russian Committee, as I recollect. The members of my committee had nothing to suggest. I was called to New York, and when I returned, after a day's

absence, I found that everything was at a standstill. I then suggested that the seven committees should sit together as one, and at a session which lasted almost an entire night I presented the program which I had prepared and which was accepted with the amendment, to which I acquiesced, in which a demand was to be made for national rights. I presented the report to the Congress. It was adopted by acclamation and with enthusiasm. That is the history of the action of the American Jewish Congress with regard to minority rights.

I was not a candidate for appointment as a member of the delegation which the Congress was to send to Paris. I spoke to nobody on the subject, but I was chosen. I can say to you, as I afterwards said to others, that if the American Jewish Congress did not desire to send me as a delegate, I would have gone to Paris as the representative of the American Jewish Committee, which had given careful study to the problem for years, which knew what it was about, and had an idea of how to accomplish what had been agreed upon. When we arrived in Paris nobody knew how to secure a hearing from the Peace Conference. As a matter of fact sessions of that body were few and far between, and all of its powers were practically vested in the Council of Five, who dealt with every question as to which action was to be taken. As soon as we arrived the delegates of the American Jewish Congress appeared before Mr. Lansing, Col. House, Gen. Bliss and Mr. White, who, with President Wilson, were the American representatives on the Peace Conference. I presented the resolution adopted by the American Jewish Congress and the memorials which I had prepared, which had been previously presented to President Wilson. From then on I exhausted every possible method of securing action by the Committee of Jewish Delegations with regard to the program that had been agreed upon by the

Philadelphia Congress. We met day after day and night after night. None of our European friends had the slightest idea of what to do or how to do anything. They could not agree among themselves on any subject. The representatives from Roumania and from Galicia and from Poland were not in agreement among themselves on any subject. In the meantime Judge Mack and I began to confer with Col. House and others, and were put in communication with the legal advisers of the Council of Five. After Judge Mack left I continued these conferences alone for weeks and months, presenting the resolutions with regard to minority rights which had been adopted by the Philadelphia Congress and discussing from their legal and political standpoint the various problems involved. I prepared a multitude of briefs and written arguments with regard to the various phases of the subject. I conferred not only with the representatives of the United States, but also with those of Great Britain and of France, in order to convince them of the justice of our contentions. On June 28, 1919, the Treaty with Poland containing this formulation of minority rights was signed at Versailles, and at the same time the Treaty with Germany, which provided for such a treaty, was likewise signed.

Now we come to the humor of the situation. Up to this time the Committee of Jewish Delegations had not come to an agreement with regard to the formulation of their demands, and as a matter of fact the treaties had been completed before the official communication which bears date May 10, 1919, was filed in the Secretariat of the Peace Conference. And you, my dear sir, have the hardihood to speak sneeringly of shtadlones, of back-door influences, in the face of such startling ineptitude, and charge me with undermining the American Jewish Congress and with betraying the interests of the Jewish people,

as you did in your newspaper and as everybody who was present at the Second Philadelphia Congress understood you to intend to impute to me and my associates.

In the meantime the American Jewish Congress did not supply the funds necessary to keep open the office of the Committee of Jewish Delgations in Paris. I paid my own expenses. The American Jewish Committee paid those of Dr. Adler. Personally I paid $5,000 of my own funds into the treasury of the Committee of Jewish Delegations in order that they might have a roof over their heads and funds enough to pay for the incompetent clerical force which they employed; and I secured likewise from the American Jewish Committee a further contribution to the funds with which to keep alive the Committee of Jewish Delegations.

When I returned from Paris I asked for no reception or dinner. I knew nothing about it. In the speech which I delivered at Carnegie Hall I stated the facts, just as I stated them in the report of the delegates of the American Jewish Congress which was presented at the second session of the Congress held in Philadelphia, when you denounced us.

Under the circumstances I decided that I had performed my duty as a delegate to the utmost of my ability, and that thenceforth I would have nothing more to do with any American Jewish Congress, and especially not with the Committee of Jewish Delegations, which was doing nothing but harm and which has done nothing but make blunders since the day that I left Paris. I will not go into details. All that I desire you to know is that I have tried to speak with as much restraint as possible in the face of the falsehoods that are contained in the statement of the National Socialist Bloc which you read with gusto at th last meeting of the American Jewish

Congress. I believe in free speech, so long as it is based on truth. I am prepared for the give and take of argument, so long as it is honest. But when written statements are made which are devoid of truth, of honesty, and of common decency, I feel that I can use my time to better advantage than to continue my association with men who permit themselves to indulge in conduct which cannot be tolerated by men who have the slightest sense of justice and propriety.

Very truly yours,
LOUIS MARSHALL

B. ZUCKERMAN, Esq.
Care Jewish Peoples Relief Committee
175 East Broadway, New York City

P.S. I might remind you of the fact that on your return after your unfortunate visit to Pinsk I met you in Paris and informed you of many of these facts.

דעם 6טן יוני 1923.

ליבער הער:

איך האָב באַקומען אייער בריוו פון דעם פינפטן פון דעם חודש אין וועלכן איר זוכט מיך איבערצוצייגן, אַז איר האָט מיך קיינמאָל ניט באַשולדיקט אין פאַרראַט צום אידישן פאָלק, אָדער אין פאַרראַטן זיינע אינטערעסן ביים פרידנס־קאָנגרעס אין פאַריז.

הגם איך באַטראַכט עס ניט פאַר נוצלעך צו פאַרשווענדן ווערטפולע צייט אין אַזאַ דיסקוסיע ווי איר האָט אַרויסגערופן, בין איך פונדעסטוועגן צופרידן פון דער געלעגנהייט אייך צו באַווייזן, ווי שלעכט אינפאָרמירט איר און אייערע מיטאַרבעטער זיינען געווען, בנוגע די פאַסירונגען אין פאַריז און וועגן די האַנדלונגען פון דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס.

ערשטנס, שלאָג איך אייך פאָר צו עקזאַמינירן די אַרכיוון פון דער אידישער צייטונג וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורך אייך און דורך מר. פינסקי. איר וועט דאָרטן געפינען אַן אַרטיקל, וועלכן איר האָט, ווי איך פאַרשטיי, געשריבן, אין וועלכן איר מאַכט קעגן מיר, אין אַזוי פיל ווערטער, די באַשולדיקונג אויף וועלכער איך האָב אָנגעוויזן.

צווייטנס, בנוגע צום סטייטמענט וועלכן איר האָט געליינט צו דער צווייטער סעסיע פון דעם אידישן קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע, פון וועלכן איר האָט מיר געשיקט אַ קאָפּיע אין אידיש צוזאַמען מיט וואָס ס'איז געמיינט צו זיין אַן איבערזעצונג, צי איך אייער אויפמערקזאַמקייט צו די פילע סטייטמענטס און אינסינואַציעס וואָס זיינען דאָרט געמאַכט אַנטקעגן מיר, וועלכע קענען

אַנדערש ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי דעם פּירוש וועלכן עס האָבן זיי געגעבן יענע, וועלכע האָבן אייך געהערט לייענען דעם סטייטמענט. ריכטער מעק, וועלכער איז געווען דאַן פּאָרזיצער, האָט אייך שטאַרק אויסגערעדט פאַר די באַשולדיקונגען אין דעם דאָקומענט און האָט געגעבן זיין פערזענלעך עדות־זאָגן צום פאַקט, אַז די באַשולדיקונגען זיינען געווען אומריכטיק און אומבאַרעכטיקט ; אַז ווי ווייט עס איז געווען נוגע דעם געראַנגל פאַר נאַציאָנאַלע רעכט האָב איך געקעמפט פאַר דעם לאַנג נאָכדעם, ווי אַלע אַנדערע פון דער דעלעגאַציע האָבן אָנערקענט דעם פאַקט, אַז עס וועט זיין אוממעגלעך עס צו דערגרייכן. דאָך באַהויפּטעט אייער דאָקומענט, אין ווערטער וואָס קענען אַנדערש ניט פאַרשטאַנען ווערן, אַז איך האָב אונטערגעמינעווערט די אַרבעט פון קאָנגרעס ; אַז ווי דער פרעזידענט פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָב איך זיך באַטייליקט אין די באַראַטונגען פון די דעלעגאַציעס פון קאָנגרעס, וועלכע האָבן געפאָדערט נאַציאָנאַלע רעכט און איך האָב געשיקט אַ פאַרטרעטער קיין פאַריז צו קעמפן קעגן נאַציאָנאַלע רעכט. לאָמיר אייך ווייטער זאָגן, אַז דער פאַרטרעטער וועלכן איר ווייזט אָן, דר. סיירוס אַדלער, האָט ניט געקעמפט קעגן נאַציאָנאַלע רעכט. ער האָט ניט געגלויבט אַז עס איז קלוג צו קעמפן פאַר זיי, אָבער כדי צו דערגרייכן אייניקייט, האָט ער געמאַכט אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, אין קאָאָפּעראַציע מיט מיר, איבערצוגעווינען די בריטישע דעלעגאַציע און די פאַרטרעטער פון דער אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל, צוריקצוהאַלטן זיך פון מאַכן אַ קאָנטעסט קעגן די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע רעכט. פאַקטיש האָבן מיר פאַרמיטן אַז יענע דעלעגאַציעס זאָלן נעמען אַ שטעלונג אין קעגנערשאַפט צו דער שטעלונג פון דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס.

איר באַציט זיך צום פאַקט, וואָס די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָט גע׳חתמ׳עט דעם קאָמוניקאַט וואָס איז אַדרעסירט געוואָרן צום פרידנס־קאָנגרעס, צוזאַמען מיט דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און בני ברית. אויף דעם זיינען באַשטאַנען די מיטגלידער פון די אידישע דעלעגאַציעס. ניט איך און ניט די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע זיינען אויף דעם באַשטאַנען. די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס האָבן געגלויבט, אַז די חתימות פון אָט־די אָרגאַניזאַציעס וועלן ברענגען נוצן. ווען זיי זיינען אויף דעם באַשטאַנען האָבן מיר צוגעשטימט.

איר באַשולדיקט די דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אין קרימינעלער פאַרנאַכלעסיקונג ווייל זי איז ניט דערשינען פאַר אַ קאָמיסיע פון פרידנס־קאָנגרעס צו אונטערשטיצן די פאַלעסטינע רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן אידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע. דערלויבט מיר אָפּפרישן אייער זכרון און אינפאָרמירן אייך וועגן אייניקע אינטערעסאַנטע פאַקטן. אויף אַ זיצונג פון דער דעלעגאַציע, אָפּגעהאַלטן באַלד ווי די זיצונגען פון קאָנגרעס האָבן זיך געענדיקט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פאַרשידענע מיטגלידער זאָלן פאָרן קיין פאַריז אַזוי שנעל ווי זיי קענען. נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, וואָס מען האָט דערוואַרטעט אַז פרעזידענט ווילסאָן זאָל זיך פאַר אַ קורצער צייט אומקערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז עס געווען געוואונטשן, אַז ריכטער מעק און איך זאָלן ניט פאָרן ביז מיר וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו פרעזענטירן צו פרעזידענט ווילסאָן פאַסיקע מעמאָריאַלן, איבערגעבנדיק אים דעם נוסח פון די רעזאָלוציעס וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען און געבנדיק אים די באַגרינדונגען פאַר זיי. די דאָזיקע פראָגראַם איז פאַקטיש דורכגעפירט געוואָרן. דער פרעזידענט האָט אונז געגעבן אַ געלעגנהייט צו דערשיינען פאַר אים. אַזוי ווי איך האָב פערזענלעך פאָרמולירט די פאָדערונג פאַר מינאָריטעטן־רעכט וועלכע דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען, איז פאַרלאַנגט געוואָרן פון מיר צוצוגרייטן דעם מעמאָראַנדום וואָס האָט געדאַרפט באַגלייטן

די רעזאָלוציע. איך האָב אַזוי געטאָן און דער מעמאָראַנדום איז איבערגעגעבן געוואָרן צו פּרעזידענט ווילסאָן. כאָטש איך בין ניט קיין ציוניסט, האָב איך פונדעסטוועגן אויך צוגעגרייט דעם מעמאָראַנדום אין באַגלייטונג צו דער פּאַלעסטינע־רעזאָלוציע, וואָס איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן צו פּרעזידענט ווילסאָן. ווי איך האָב זיך דערוואוסט, איז דער אופן פון איבערגעבן די מאַטעריאַלן צו פּרעזידענט ווילסאָן, דורכגעפירט געוואָרן אויף זיין אָנווייזונג.

אין זייער ווייניקע טעג נאָכדעם איז ריכטער מעק אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע. איך האָב אים נאָכגעפאָלגט אַזוי שנעל ווי איך האָב געקענט באַקומען אַ שיף. איך בין געבליבן אין פּאַריז 4 און אַ האַלבן מאָנאַט און געווידמעט יעדע מינוט פון מיין צייט, אָפטמאָל 18 שעה אַ טאָג, צו אָט דער אַרבעט. ריכטער מעק איז צוריקגעקומען אין אַמעריקע אַרום מיטן מאַי. איך האָב ניט פאַרלאָזן אייראָפּע ביז דעם לעצטן טייל פון יולי.

ווען איך בין אָנגעקומען אין פּאַריז איז פאַרמירט געוואָרן דער קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס. איך האָב געפונען, אַז זייער באַציאונג מיט די פראַנצויזישע און בריטישע דעלעגאַציעס איז ווי שווערדן וואָלטן געווען צווישן זיי געצויגן. די לעצטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצושליסן אין דעם קאָמיטעט. מיין ערשטע אַרבעט איז געווען אַ פאַרזוך איינצושטעלן האַרמאָנישע באַציאונגען צווישן די פאַרשידענע גרופּן און, ווען מעגלעך, פאַראייניקטע אַקציעס. אויף מיין איינשטעלונג זיינען פאַרגעקומען אַ צאָל מיטינגען אין דער קאָנסיסטואַר פון דער סינאַגאָגע אויף רי דע־לאַ־וויקטואַר, וואו אַלע פאַראינטערעסירטע האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצודריקן זייערע שטאַנדפּונקטן. אַ קאָמיטעט, רעפּרעזענטירנדיק אַלע פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן, איז באַשטימט געוואָרן כדי צו דערגרייכן צו אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין צופרידנשטעלנדיק פאַר אַלעמען. אָנערקענענדיק דר. אַדלערס טיפן פאַרשטיין פון די פּראָגן, האָב איך אים נאָמינירט אַלס מיטגליד פון דעם קאָמיטעט פון וועלכן איך בין געווען טשערמאַן און אין וועלכן דער קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס, די אַליאַנס און די ענגלישע פאַראיינען זיינען געווען פאַרטראָטן. טראָץ דעם וואָס צו קיין אַקטועלן הסכם איז מען נישט געקומען, איז דער רעזולטאַט געווען אַ פריינטלעכע פאַרשטענדיקונג, וואָס האָט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אויסגעמיטן אַן אָפענעם ריס, וואָס וואָלט געווען זייער באַדויערנסווערט.

איידער ריכטער מעק און איך זיינען אָנגעקומען איז פאָרגעקומען אַ פאַרהער וועגן דער פּאַלעסטינע־פּראַגע פאַר אַ קאָמיטעט פון פרידנס־קאָנפערענץ. מר. סאָקאָלאָוו האָט, ווי איך בין אינפאָרמירט געוואָרן, זייער פעאיק פאַרטראָטן די פּאָזיציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן סיי אויפן אידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע, סיי ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיין האַנדלונג איז גוט־געהייסן געוואָרן ביי די אידישע דעלעגאַציעס פון די פאַרשידענע מזרח־איראָפּעאישע לענדער, וואָס זיינען דאַן געווען אין פּאַריז.

פון דעם טאָג וואָס איך בין געקומען קיין פּאַריז ביז אַ פּאָר טעג איידער איך האָב זי פאַרלאָזן, האָבן די מיטגלידער פון די אידישע דעלעגאַציעס קיינמאָל מיט מיר זיך ניט באַראָטן וועגן דעם פּאַלעסטינע־ענין, טראָצדעם וואָס איך בין געווען דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט. די דאָזיקע פראַגע איז אַלעמאָל דיסקוטירט געוואָרן ביי זיצונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכע איך בין ניט איינגעלאַדן געוואָרן, און וועגן וועמעס האַנדלונג מען האָט מיך געהאַלטן אין טיפן אומוויסן. איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע האָב איך פונדעסטוועגן געפּרעגט פאַרוואָס דער פּאַלעסטינע־ענין איז ניט געבראַכט געוואָרן צו דעם קאָמיטעט פון דעלעגאַציעס. האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די איינציקע סיבה איז, וואָס איך ווער באַטראַכט ווי אַ ניט־ציוניסט

און — מיט דעם אויסנאַם פון דר. פילדערמאַן פון בוקאַרעשט — בין איך דער איינציקער ניט־ציוניסט אינעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס. אויף דעם האָב איך דערקלערט, אַז איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס דאָס מאַכט אַזאַ אונטערשיד ווען, אין פאַקט, האָב איך אַ מאַנדאַט פון דעם אידישן קאָנגרעס, אָפגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע, און צי איך בין מסכים מיט דעם פראָגראַם אָדער ניט איז אומוויכטיק, ווייל האָבנדיק אַזאַ מאַנדאַט האָב איך באַטראַכט דעם אידישן קאָנגרעס ווי מיין קליענט און איך האָב עס דעריבער באַטראַכט ווי מיין פליכט, ווי ווייט דאָס איז אין מיינע כחות, אויסצופירן די אינסטרוקציעס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו דער דעלעגאַציע וואָס דער קאָנגרעס האָט געשיקט קיין פאַריז. איך האָב זיי דאַן אינפאָרמירט, אַז איך האָב פאָרמולירט דעם מעמאָראַנדום וועגן פאַלעסטינע וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו פרעזידענט ווילסאָן, און אַז איך בין געווען גרייט צו שטיין ביי דעם מעמאָראַנדום און דערלאַנגען אַ פעטיציע צו דער פרידנס־קאָנפערענץ פאַרלאַנגענדיק, אַז דאָס דאָזיקע פראָגראַם זאָל אָנגענומען ווערן. אין אַ זייער פאַרשעמטן אופן האָבן די מיטגלידער אויסגעדריקט זייער איבערראַשונג מיט דער שטעלונג וואָס איך האָב אָנגענומען; זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז כמעט אומגלויבלעך, אַז ווער־עס־איז זאָל אָננעמען אַזאַ אָביעקטיוון שטאַנדפונקט וועגן דורכפירן אַ מאַנדאַט וואָס איז מיר אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער קערפערשאַפט וואָס האָט מיך געשיקט קיין אייראָפע. דאַן ערשט איז צוגעגרייט געוואָרן אַ דאָקומענט איבערצוגעבן צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, וועגן דעם פאַלעסטיגע־ענין, וועלכן איך האָב גע׳חתמ׳עט אין נאָמען פון דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס און, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, אויך אין נאָמען פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. איך קען פונדעסטוועגן, פאַר אייער אינפאָרמאַציע צוגעבן, אַז דער דאָקומענט איז ניט געפיילט געוואָרן ביי מר. מאָצקין, דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט פון דעלעגאַציעס, אָדער ביי מר. סאָקאָלאָוו, וואָס האָט פאַרנומען מיין פלאַץ ווי דער פאָרזיצער, ביז אַרום אַ יאָר שפעטער. אינצווישן האָב איך, נאָך מיין צוריקקער קיין אַמעריקע, געמאַכט אָנפראַגן וואָס עס איז וועגן דעם געטאָן געוואָרן. אָבער עס איז מיר קיינמאָל ניט געלונגען צו באַקומען דעפיניטיווע אינפאָרמאַציע.

אַזוי ווייט וועגן מיין אונטערמינעווען די אַרבעט פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס בנוגע פאַלעסטינע. איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף מיין האַנדלונג בנוגע נאַציאָנאַלע רעכט און צום עדות־זאָגן וועגן דעם ביי ריכטער מעק, וואָס קען סופלעמענטירט ווערן דורך יעדער מיטגליד פון קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס.

אין דעם סטייטמענט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן בלאָק, וועלכן איר האָט מיר איבערגעגעבן, שרייבט איר צו דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס דעם קרעדיט פאַר דעם, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן בנוגע מינאָריטעטן־רעכט. פאַר די וואָס וויסן, איז אייער סטייטמענט געווען זייער אַמוזירנדיק. ערשטנס,ביים קאָנגרעס איז מער ווי קאָנפוזיע ניט געווען וועגן דעם וואָס עס זאָל יאָ געזאָגט ווערן און וואָס עס זאָל ניט געזאָגט ווערן וועגן מינאָריטעטן־רעכט. מער ווי אַ יאָר איידער דער קאָנגרעס איז אָפגעהאַלטן געוואָרן האָט די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע פאָרמולירט איר שטאַנדפונקט וועגן דעם. ווי ווייט איך געדענק, זיינען זיבן קאָמיטעס באַשטימט געוואָרן ביים קאָנגרעס צו באַהאַנדלען די פראַגן פון אידישע רעכט אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראָפע. איין קאָמיטע וועגן רוסלאַנד, אַן אַנדערע וועגן פוילן, אַ דריטע וועגן גאַליציע, אַ פערטע וועגן רומעניע און אַזוי ווייטער. קיין איינע פון די קאָמיטעס האָט ניט געהאַט קיין אידייע וואָס עס איז ווינטשנסווערט, אָדער וועלכע פרינציפן צו פאַרטיידיקן. איך בין, ווי איך געדענק, באַשטימט געוואָרן אין דער קאָמיטע וועגן רוסלאַנד. די מיטגלידער פון מיין קאָמיטע האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס

פאַרצושלאָגן. איך בין אַרויסגערופן געוואָרן קיין ניו־יאָרק און ווען, נאָך אַ טאָג זיין אַפּוועזנד, איך בין צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיע, האָב איך געפונען, אַז אַלץ איז אין אַ שטילשטאַנד. איך האָב דאַן פאָרגעשלאָגן, אַז די זיבן קאָמיטעס זאָלן זיצן צוזאַמען ווי איינס און אויף אַ זיצונג וואָס האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצע נאַכט האָב איך פאָרגעשלאָגן די פּראָגראַם וואָס איך האָב צוגעגרייט. די פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַן אַמענדעמענט צו וועלכן איך האָב מסכים געווען, לויט וועלכן אַ פאָדערונג זאָל אַרויסגעשטעלט ווערן פאַר נאַציאָנאַלע רעכט. די פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק און מיט ענטוזיאַזם. דאָס איז די געשיכטע פון דער אַקציע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס וועגן מינאָריטעטן־רעכט.

איך בין ניט געווען קיין קאַנדידאַט באַשטימט צו ווערן אַלס מיטגליד פון דער דעלעגאַציע וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך געגרייט צו שיקן קיין פּאַריז. איך האָב צו קיינעם וועגן דעם ניט גערעדט, אָבער איך בין אויסגעקליבן געוואָרן. איך קען אייך זאָגן, ווי איך האָב עס געזאָגט שפּעטער צו אַנדערע, אַז ווען דער קאָנגרעס וואָלט ניט געוואָלט מיך שיקן ווי אַ דעלעגאַט, וואָלט איך געפאָרן קיין פּאַריז ווי אַ פאַרטרעטער פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, וועלכע האָט פאַרזיכטיק שטודירט די פּראָבלעם יאָרן־לאַנג, וועלכע האָט געוואוסט וואָס די פּראָבלעם מיינט, און האָט אויך געהאַט אַ פאָרשטעלונג ווי צו דערגרייכן דאָס אויף וועלכן מען האָט זיך געאייניקט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז האָט קיינער ניט געוואוסט ווי אַזוי צו באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסגעהערט צו ווערן פון דער פרידנס־קאָנפערענץ. פּאַקטיש זיינען זייער ווייניק זיצונגען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון דעם קאָמיטעט פון דעלעגאַציעס און צווישן איין זיצונג און אַ צווייטער איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. אַלע רעכטן פון קאָמיטעט זיינען פּאַקטיש אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו אַ קאָמיטעט פון פינף, וועלכער האָט פאַרהאַנדלט וואָס צו טאָן וועגן יעדער פראַגע. אַזוי שנעל ווי מיר זיינען אָנגעקומען זיינען די דעלעגאַטן פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס דערשינען פאַר מר. לאַנסינג, קאָלאָנעל האוז, גענעראַל בליס און מר. ווהייט. זיי פיר, צוזאַמען מיט פּרעזידענט ווילסאָן, זיינען געווען די אַמעריקאַנער פאַרטרעטער צו דער פרידנס־קאָנפערענץ. איך האָב פּרעזענטירט די רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן ביים אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און די מעמאָראַנדומס וועלכע איך האָב צוגעגרייט און וועלכע זיינען פריער פּרעזענטירט געוואָרן צו פּרעזידענט ווילסאָן. פון דאַן אָן האָב איך אויסגעשעפּט יעדע מעגלעכע מעטאָדע כדי פאַרזיכערן אַקציע מצד דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס בנוגע דעם פּראָגראַם אויף וועלכן מען האָט זיך געאייניקט אויפן פילאַדעלפיער קאָנגרעס. מיר זיינען געזעסן טאָג נאָך טאָג און נאַכט נאָך נאַכט. קיינער פון אונזערע אייראָפּעאישע פריינט האָט ניט געהאַט די מינדסטע אידייע וואָס צו טאָן און ווי אַזוי עפּעס צו טאָן. זיי האָבן ניט געקענט איינשטימען צווישן זיך וועגן קיין ענין. די פאַרטרעטער פון רומעניע, פון גאַליציע און פון פּוילן האָבן ניט מסכים געווען צווישן זיך וועגן קיין ענין. אינצווישן האָבן ריכטער מעק און איך אָנגעהויבן קאָנפערירן מיט קאָל. האוז און אַנדערע, וועלכע האָבן אונז געבראַכט אין פאַרבינדונג מיט די לעגאַלע ראַט־געבער פון דעם ראַט פון פינף פון דער פרידנס־קאָנפערענץ. ווען ריכטער מעק איז אָפּגעפאָרן האָב איך אַליין פאָרגעזעצט די קאָנפערענצן פאַר וואָכן און מאָנאַטן, פּרעזענטירנדיק די רעזאָלוציעס וועגן מינאָריטעטן־רעכט, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן פילאַדעלפיער קאָנגרעס און דיסקוטירנדיק, פון לעגאַלן שטאַנדפּונקט, די פאַרשידענע פּראָבלעמען וואָס זיינען מיט דעם פאַרוויקלט. איך האָב צוגעגרייט אַן אומגעהויערע צאָל פון „בריעפס” און געשריבענע אַרגומענטן

וועגן די פאַרשידענע פאַזן פון אָט דעם ענין. איך האָב קאָנפערירט ניט בלויז מיט די פאַרטרעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אויך מיט פאַרטרעטער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, כדי אויך זיי איבערצוציַיגן וועגן דער גערעכטיקייט פון אונזערע פאָרלאַנגען. דעם 28טן יוני 1919 איז גע׳חתמ׳עט געוואָרן די „טריטי״ מיט פוילן, וואָס האָט אַנטהאַלטן די פאָרמולירונג פון מינאָריטעטן־רעכט. גלייכצייטיק איז גע׳חתמ׳עט געוואָרן די „טריטי״ מיט דייטשלאַנד, וועלכע האָט פאָרגעשריבן, אַז אַזעלכע „טריטיס״ מיטן פונקט פון מינאָריטעטן־רעכט זאָלן אונטערגעשריבן ווערן.

איצט קומען מיר צום הומאָר פון דער סיטואַציע. ביז צו דער דאָזיקער צייט האָט דער קאָמיטעט פון די אידישע דעלעגאַציעס זיך ניט געאייניקט וועגן דער פאָרמולירונג פון זייערע פאָדערונגען. פאַקטיש זיינען די טריטיס פאַר־ענדיקט געוואָרן איידער דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט (פון די אידישע דעלעגאַ־ציעס — ב. צ.), וועלכער איז דאַטירט געוואָרן דעם 10טן מאַי 1919, איז געפיילט געוואָרן מיט דעם סעקרעטאַריאַט פון דער פרידנס־קאָנפערענץ. און איר, מיין ליבער הער, האָט די עזות צו ריידן מיט פאַראַכטונג וועגן שתדלנות, וועגן הינטערטיר איינפלוסן אין אַנגעזיכט פון אַזאַ אַלאַרמירנדיקער אומפעאיקייט און באַשולדיקן מיך אין אונטערמינעווען דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און אין פאַרראַטן די אינטערעסן פון אידישן פאָלק, ווי איר האָט עס געטאָן אין אייער צייטונג און ווי יעדער איינער וואָס איז ביַיגעווען די צווייטע קאָנגרעס־סעסיע אין פילאַדעלפיע האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען אייער אַבזיכט מיר און מיינע מיטאַרבעטער צוצושרייבן?

דערוויַיל האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס ניט צוגעשטעלט די פאָנדן וואָס זיינען געווען נויטיק אָפּן צו האַלטן די ביוראָ פון דעם קאָמיטעט פון די אידישע דעלעגאַציעס אין פאַריז. איך האָב באַצאָלט מיינע אייגענע הוצאות. די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָט באַצאָלט דר. אַדלערס הוצאות. פּערזענלעך האָב איך אַליין איינגעצאָלט מיינע אייגענע 5,000 דאָלאַר אין דער קאַסע פון דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס, כדי זיי זאָלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און גענוג געלט צו באַצאָלן זייער אומפעאיקן שטאָב וואָס זיי האָבן באַשעפטיקט. איך האָב אויך באַקומען פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע נאָך אַ קאָנטריבוציע צו די פאָנדן מיט וועלכע צו האַלטן לעבעדיק דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס.

אומקערנדיק זיך פון פאַריז האָב איך ניט פאַרלאַנגט קיין קבלת־פנים אָדער אַ „דינער״; איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם. אין מיין רעדע אין קאַרנעגי האָל האָב איך איבערגעגעבן די פאַקטן פונקט ווי איך האָב זיי איבערגעגעבן אין דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע, וואָס איז פאָרגעבראַכט געוואָרן צו דער צווייטער קאָנגרעס־סעסיע אין פילאַדעלפיע, ווען איר האָט מיך דענונצירט.

אונטער די אומשטענדן האָב איך באַשלאָסן, אַז איך האָב דורכגעפירט מיין פליכט ווי אַ דעלעגאַט ביזן מאַקסימום פון מיינע פעאיקייטן, און אַז פון דאַן אָן און ווייטער וועל איך מער גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט עפּעס אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און ספּעציעל מיט דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס, וואָס האָט נאָר געבראַכט שאָדן און וואָס האָט כסדר געמאַכט „בלאָנדערס״ זינט דעם טאָג וואָס איך האָב פאַרלאָזן פאַריז. איך וועל ניט אַריינגיין אין דעטאַלן. אַלץ וואָס איך וויל איר זאָלט וויסן איז, אַז איך האָב מיך באַמיט צו ריידן מיט אַזויפיל צוריקגעהאַלטנקייט ווי נאָר מעגלעך אין אַנבאַטראַכט פון די פאַלש־קייטן וואָס זיינען אַנטהאַלטן אין דעם סטייטמענט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן בלאָק, וואָס איר האָט געלייענט מיט איבערגעטריבענעם ענטוזיאַזם ביי דער לעצטער זיצונג פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. איך גלויב אין פרייע רעדע

אַזוי לאַנג ווי עס באַזירט זיך אויף אמת. איך בין גרייט פאַר אַ „גיוו־ענד־טעיק" אַרגומענט אַזוי לאַנג ווי דאָס איז ערלעך. אָבער ווען געשריבענע סטייטמענטס ווערן געמאַכט, וועלכע זיינען אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פון פשוטער אָנשטענדיקייט, פיל איך, אַז איך קען מיין צייט באַנוצן פאַר בעסערע אַרבעטן ווי פאַרצוזעצן מיין אַסאָציאַציע מיט מענטשן וועלכע דערלויבן זיך אַריינצולאָזן אין האַנדלונגען, וואָס קענען ניט טאָלערירט ווערן ביי מענטשן וואָס האָבן דעם מינדסטן זין פאַר גערעכטיקייט און קאַרעקטער אויפפירונג.

נאָך מאַרשאַל׳ס חתימה קומט אַ צוגאָב:

פּ. ס. איך מעג אייך דערמאָנען דעם פאַקט, אַז ווען איר האָט זיך אומגעקערט פון אייער אומגליקלעכן באַזוך אין פינסק, האָב איך אייך באַגעגנט אין פּאַריז און אייך אינפאָרמירט וועגן אַ סך פון די דאָזיקע פאַקטן.

ו.

דערהאַלטנדיק אָט דעם בריוו, האָב איך אים נאַטירלעך געוויזן צו אייניקע פריינט פון פיפּלס רעליף. אייניקע פון זיי זיינען באַשטאַנען, אַז איך זאָל מער נישט שרייבן צו אים, ווייל די לאַגע פון פיפּלס־רעליף אין „דזשאָינט" ווערט דורכדעם פאַרשאַרפט. איך האָב אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין דערצו. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אויב עס איז פאַר פיפּלס־רעליף אומאָנגענעם — בין איך גרייט צו רעזיגנירן פון פיפּלס־רעליף, אָבער איבערלאָזן אַזאַ בריוו אָן אַן ענטפער קען איך נישט. דעם 11טן יוני 1923 האָב איך געשיקט אַ קורצע באַשטעטיקונג אויף זיין בריוו און דעם 21טן יוני האָב איך אָפּגעשיקט מיין לענגערן ענטפער. איך האָב אים געשריבן:

מיין טייערער מר. מאַרשאַל:

איך האָף, אַז איר וועט געפינען צייט צו לייענען וואָס איך גרייט זיך אייך צו שרייבן. כאָטש עס זעט אויס, אַז עס וועט ווידער זיין אַ לאַנגער בריוו. ווי איך האָב געשריבן אין מיין בריוו פון דעם 11טן יוני, וואָלט איך עס באַטראַכט פאַר אַ כבוד, אויב איר וועט מיר באַוויליקן אַן ענטפער. אָבער אויב אייער צייט דערלויבט אייך ניט אַריינצוטרעטן אין אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ, וועל איך זיך באַנוגענען מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז איר האָט מיין בריוו דערהאַלטן.

איידער איך הויב אָן שרייבן, וויל איך נאָכאַמאָל אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק פאַר אייער שנעלן ענטפער (אויף מיין בריוו פון 5טן יוני — ב. צ.), טראָץ דעם וואָס אייער בריוו אַנטהאַלט אייניקע אויסדרוקן וואָס טוען מיר וויי. איך נעם אין באַטראַכט אייער שטאַנדפּונקט, אייער איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פון אידישן פאָלק און אייער ניט־ריכטיקן אויסטייטשן פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט. אַלע אָט די פאַקטאָרן צוזאַמען האָבן געהאָלפן באַשאַפן אַזאַ באַציאונג צו מיר. וואָס איך פאַרלאַנג איצט איז, אַז איר זאָלט נעמען אין באַטראַכט מיין שטאַנדפּונקט און דאַן זען צי איר זייט געווען פולקאָם באַרעכטיקט אין באַשרייבן דעם סטייטמענט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן בלאָק ווי „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פון פשוטער אָנשטענדיקייט".

כדי קלאָר צו זען אונזער שטאַנדפּונקט דאַרף מען האָבן אין זינען דריי פאַקטאָרן:

א. דעם קאַמף פֿון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע קעגן אידישן קאָנגרעס.

ב. די שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע צו דער פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט איידער דער פֿילאַדעלפֿיער קאָנגרעס האָט פֿאָרמולירט דעם הסכם.

ג. די באַציאונג פֿון אַ געוויסער צאָל דעמאָלטיקע ציוניסטישע פֿירער צום קאָנגרעס.

די דריי פֿאַקטאָרן זיינען געווען הויפּטזעכלעך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם פֿרע־קאָנגרעס געראַנגל אין אַמעריקאַנער אידנטום. איך דאַרף ניט ווידער דער־מאָנען די ראָלע וואָס אונזערע עלעמענטן האָבן געשפּילט אין אָט דעם געראַנגל. האָבנדיק אין זינען אָט די ערב־קאָנגרעס אַטמאָספֿערע, שיינט מיר, אַז אונזער סטייטמענט ביי דער לעצטער קאָנגרעס־סעסיע איז געווען ניט נאָר באַרעכטיקט, נאָר אויך גערעכט.

אין אייער בריוו באַציט איר זיך צו אַן אַרטיקל וואָס איך האָב געשריבן, אין וועלכן איך זאָל האָבן אייך באַשולדיקט, אַז איר האָט פֿאַרראַטן דאָס אידישע פֿאָלק. איך האָב אויסגעפֿאָלגט אייער עצה. איך בין דורכגעגאַנגען די פֿיילס פֿון אונזער צייטונג און דעם שאַרפֿסטן אַרטיקל קעגן אייך און אייער גרופּע וואָס איך האָב געקענט געפֿינען איז די קאָפּיע וואָס איר געפֿינט דאָ איינגעשלאָסן. דאָס מאָל וועל איך נישט פֿאַרלירן קיין צייט אויף איבערזעצן דעם אַרטיקל. איך ווייס ניט צי איר אַליין לייענט אידיש, איך בין זיכער, אַז איר וועט געפֿינען עמעצן וואָס זאָל עס פֿאַר אייך פֿאַרלייענען. אמת, דער דאָזיקער אַרטיקל איז סיי אין שפּראַך, סיי אין טאָן זייער אַגרעסיוו. אָבער אַפֿילו אין אָט דעם אַגרעסיווסטן, וואָס איך האָב ווען ס'איז געשריבן קעגן אייך, איז ניטאָ קיין וואָרט וועגן פֿאַרראַט. דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אויפֿן באַזיס פֿון אַ ידיעה אין דער אידישער פּרעסע וועגן פֿאַרהאַנדלונגען וואָס איר האָט אָנגעהויבן צו פֿירן מיט אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער קאָלטשאַק־רעגירונג. מיר שיינט, אַז איצט, כמעט פֿיר יאָר נאָכדעם ווי דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, האָט די געשיכטע באַשטעטיקט אַז מיין שטעלונג, וואָס איז שייך דעם פּרינציפּ פֿון אַזעלכע פֿאַרהאַנדלונגען, איז געווען די ריכטיקע. מיט דער אויסנאַם פֿון יענעם טייל, אין וועלכן איך באַצי זיך צום אידישן קאָנגרעס, וואָג איך צו מיינען, אַז איר אַליין האָט גאָרנישט קעגן דעם פּרינציפּ וואָס איז אויסגעדריקט אין יענעם אַרטיקל. דער טאָן און די שפּראַך זיינען דאַן דיקטירט געוואָרן דורך די זייער ערנסטע און געפֿערלעכע באַדינגונגען פֿון יענער צייט, ווי ווייט איך האָב זיי געזען. אָבער אַפֿילו אין יענעם געפֿערלעכן פּעריאָד האָט ניט מיין געדאַנק און ניט מיין פּען אַרויסגעבראַכט קעגן אייך אַזאַ וואָרט ווי פֿאַרראַט.

איך ווייס נאָך עד היום ניט דעם אינהאַלט פֿון אייערע פֿאַרהאַנדלונגען מיט קאָלטשאַקס פֿאַרטרעטער. עס איז אַפֿילו מעגלעך, אַז אַזעלכע פֿאַרהאַנד־לונגען זיינען גאָר ניט פֿאָרגעקומען. אויב דאָס איז דער פֿאַל, איז עס, ווי מיר שיינט, געווען אייער פֿליכט אָפּצולייקענען די ידיעה וואָס איז דערשינען אין דער אידישער פּרעסע (צי די דאָזיקע ידיעה איז אויך דערשינען אין דער ניט־אידישער פּרעסע ווייס איך ניט). אָן אַזאַ אָפּלייקענונג מצד אייער גרופּע ווייס איך ניט וויאַזוי אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער אידישער זשורנאַליסט האָט אין אַזאַ וויכטיקן ענין געקענט בלייבן שטיל.

דאָס איז וועגן דעם הויפּט־ציל פֿון יענעם אַרטיקל. איך באַריר דאָרטן אויך די קאָנגרעס־פֿראַגע, וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן דעם וועל איך זאָגן אין פֿאַרבינדונג מיט אונזער סטייטמענט.

איר זאָגט, אַז דער דאָקומענט וואָס איך האָב געלייענט האָט אַנטהאַלטן „פֿילע סטייטמענטס און אינסינואַציעס" קעגן אייך „וועלכע קענען אַנדערש ניט

אויסגעטייטשט ווערן ווי דעם פירוש וועלכע עס האָבן געגעבן יענע וועלכע האָבן אייך געהערט לייענען דעם סטייטמענט״. דער דאָזיקער סטייטמענט האָט אַנטהאַלטן אַכט פאָלגנדיקע קלאָרע טענות:

די ערשטע טענה איז, אַז אונזער דעלעגאַציע איז ניט געווען רעפּרעזענטירט אין דער צייט ווען די ציוניסטישע דעלעגאַציע איז דערשינען פאַר דעם הויכן ראַט פון פרידנס־קאָנפערענץ. איך זאָג אַפילו אין דעם סטייטמענט, אַז די סיבה פאַרוואָס אונזער דעלעגאַציע איז ניט געפאָרן תיכף קיין פּאַריז האָט געקענט פאַראורזאַכט ווערן דורך טעכנישע שוועריקייטן. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז זי איז ניט דערשינען פאַר דער פרידנס־קאָנפערענץ, ווען די פּאַלעס־טינע־פראַגע איז פאָרגעבראַכט געוואָרן. ריכטער מעק אין זיין ענטפער צו אונז, וואָס איר דערמאָנט, האָט אָנגעוויזן אויף דער רעזאָלוציע פון קאָנגרעס, אין וועלכער די דעלעגאַציע איז אינסטרואירט געוואָרן צו קאָאָפּערירן מיט אַלע אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, און ספּעציעל מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, כדי צו דערפירן דערצו, אַז די פרידנס־קאָנפערענץ זאָל אָנערקענען אירע אַספּיראַציעס.

דער דאָזיקער ענטפער באַגעגנט כלל ניט אונזער טענה. אַוודאי האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן, אַז זיין דעלעגאַציע זאָל קאָאָפּערירן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; דער קאָנגרעס האָט אָבער קיינמאָל ניט געמיינט, ווי ווייט איך בין פעאיק אויסצוטייטשן זיינע וואונטשן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן אַ מאָנאָפּאָל איבער דער פּאַלעסטינע־פראַגע. דער קאָנגרעס האָט דווקא געוואָלט, אַז אַלע אידישע כחות זאָלן שטיין הינטער דער דאָזיקער פאָדערונג. אין אייער בריוו צו מיר זאָגט איר אַליין, אַז מען האָט זיך מיט אייך וועגן פּאַלעסטינע־ענין אַפילו ניט באַראַטן; אַז די דאָזיקע פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרן אויף זיצונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו וועלכע איר זייט ניט איינגעלאַדן געוואָרן. אָט דאָס איז דאָך אונזער טענה געווען קעגן דער דעלעגאַציע. אויב איר וועט איבערלייענען נאָך אַמאָל דעם פּאַראַגראַף מיט דער דאָזיקער טענה וועט איר זען, אַז דאָרטן איז ניטאָ קיין איין וואָרט קעגן אייך, נאָר קעגן דער גאַנצער דעלעגאַציע. און דער תוכן פון אונזער טענה איז געווען טאַקע דאָס, וואָס איר שרייבט אין אייער בריוו צו מיר.

קענט איר באַצייכענען אָט די טענה: „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פון פּשוטער אָנשטענדיקייט״?

די צווייטע טענה באַרירט די פראַגע פון שתדלנות. איר וועט מיר דערלויבן צו דיסקוטירן אָט די פראַגע נאָכדעם ווי איך וועל האָבן באַרירט אַלע איבעריקע פראַגן. איך גיי טאַקע איבער צו דער דריטער טענה.

די דריטע טענה האָט צו טאָן מיט די חתימות אויף די מעמאָראַנדומס. מיר פרעגן אָפּ אין אונזער דריטער טענה דאָס רעכט פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע צו חתמענען דעם מעמאָראַנדום, נאָכדעם ווי דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, פון וועלכן די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע איז אַ טייל, האָט דעם מעמאָראַנדום אונטערגעשריבן. אויף דעם זאָגט איר, אַז די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס, און ניט איר, זיינען באַשטאַנען אויף דעם. דער דאָזיקער ענטפער רייניקט אָפּ דעם אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע פון אונזער אומדירעקטער באַשולדיקונג (ווייל בפירוש האָבן מיר עס אין דאָקומענט ניט געזאָגט), אַז זי האָט ניט געוואָלט זיך באַטראַכטן ווי אַ טייל פון אידישן קאָנגרעס. אַזוי ווייט גיב איך צו. אָבער אַפילו דאַן פאַרדינט ניט די דאָזיקע טענה באַצייכנט צו ווערן: „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פון פּשוטער אָנשטענדיקייט״. קיינער פון אונז האָט ניט געוואוסט ווער עס איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע זאָל באַזונדער

חתמענען דעם מעמאָראַנדום. איר וועט צוגעבן, אַז די עצם פּראָצעדור איז ניט רעגולער, אַז זייענדיק אַ טייל פון קאָנגרעס זאָל איין אָרגאַניזאַציע באַזונדער חתמענען. מיר האָבן געצויגן אויפמערקזאַמקייט צו אָט דער ניט־רעגולעריש־קייט. ווען מען האָט נאָך דערביי אין זינען דעם פּרע־קאָנגרעס געראַנגל, די באַציאונג פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע צום קאָנגרעס און אונזער באַציאונג צו אים, קען מען דאַן פאַרשטיין, אַז זעענדיק אָט די ניט־רעגולע־רישקייט, זיינען מיר געווען באַרעכטיקט צו ציען אויפמערקזאַמקייט צו דעם און אַפילו אָנצואווינקען, אַז די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע וויל זיך באַטראַכטן איבער דעם קאָנגרעס, אָדער וויניקסטנס גלייך מיט אים, אָבער ניט בלויז אַ טייל פון אים.

אונזער פערטע טענה, יענע וואָס עס זעט אויס צו האָבן געווען די שטאַרקסטע אַרויסצורופן אייער כעס צו מיר, באַציט זיך צום דר. סיירוס אַדלער אינצידענט. דאָ האָבן מיר ווידער געזען אַ ניט־רעגולערע פּראָצעדור. די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע איז אַ טייל פון קאָנגרעס. איינער פון אירע מיטגלידער איז איינשטימיק געוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון קאָנגרעס־דעלעגאַציע. איך וואָלט געוואָלט, מר. מאַרשאַל, אונטערשטרייכן די דאָזיקע איינשטימיקייט. ווייל דאָס דאַרף אונז רייניקן פון דער באַשולדיקונג וואָס איז אָנגעוואונקען אין אייער בריוו צו מיר, אַז מיר האָבן געצילט אונזערע אַטאַקעס קעגן אייך פּערזענלעך. אמת, מיר האָבן געקעמפט קעגן אייך אין פּרינציפּיעלע פראַגן, אָבער ווען עס איז געקומען צום אויסוואַל פון אַ דעלע־גאַציע איז ניט געווען קיין איינציקער צווישן אונז וואָס האָט ניט ענטוזיאַסטיש געשטימט פאַר דעם, אַז איר זאָלט געשטעלט ווערן אין שפּיץ פון דער קאָנגרעס־דעלעגאַציע. אָבער די ניט־רעגולערישקייט, אַז די זעלביקע אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע זאָל שיקן אַ ספּעציעלן דעלעגאַט — איינעם וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט דעם קאָנגרעס — איז אַזוי קענטיק, אַז איך דאַרף עס ווייטער גאָר ניט דיסקוטירן.

וועגן איין פּונקט אין אָט דער טענה זיינען מיר געווען פאַרפירט, וועגן דר. אַדלער׳ס באַציאונג צו דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט. אָבער אַפילו וועגן דעם פּונקט, ווען איינער וועט געדענקען אונזער שטאַנדפּונקט און וועט אויך געדענקען אַז מיר זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט אַלע דעטאַלן וואָס זיינען דאָרטן פאָרגעקומען, וועט ער קענען איינזען פאָלגנדיקס:

קיינער האָט ניט באַצווייפלט דעם פאַקט, אַז די קאָמיטע פון אידישע דעלעגאַציעס, פון וועלכער דער קאָנגרעס איז געווען אַ טייל, האָט געהאַט אייניקע געמיינשאַפטלעכע זיצונגען מיט די פאַרטרעטער פון דער בריטישער דעלעגאַציע און מיט פאַרטרעטער פון „אַליאַנס״, אויף וועלכע די פראַגע פון נאַציאָנאַלע רעכט איז דיסקוטירט געוואָרן; אַז די בריטישע דעלעגאַציע און מיטגלידער פון אַליאַנס האַלטן ביים אָנהויבן אַ קאַמף קעגן דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט; אַז דר. אַדלער איז געווען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די בריטישע און אַליאַנס. ווען מען גיט נאָך דערצו דאָס, וואָס אַלע האָבן געוואוסט דר. אַדלער׳ס פּערזענלעכע מיינונג וועגן נאַציאָנאַלע רעכט, קען מען זען דעם קלימאַט וועלכער האָט געפירט צו אונזער טענה. פרעג איך אייך, מר. מאַרשאַל, אויב, ווען מען וויל אויך פאַרשטיין אונזער שטאַנדפּונקט, אַפילו אָט די טענה אונזערע פאַרדינט באַצייכנט צו ווערן „אויסגעלייגט פון אמת, ערלעכקייט און פון פשוטער אָנשטענדיקייט״? אויב אין אונזער טענה איז עפּעס געווען ניט רעגולער, איז עס געווען באַזירט אויף מאַנגל אין אינפאָרמאַציע. אַזאַ אינפאָרמאַציע האָט געדאַרפט קומען אָדער פון דר. אַדלערן, אָדער פון דעם אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אָן אַזאַ אינפאָרמאַציע האָט די ניט־רעגולערישקייט פון דר. אַדלער׳ס ראָלע, גענומען אין ליכט פון דעם פּרע־קאָנגרעס קאַמף.

באַרעכטיקט אונזער אינטערפעלאַציע צו פאַרלאַנגען אַ דערקלערונג פון דער דעלעגאַציע.

אונזער פינפטע טענה פרעגט, פאַרוואָס אונזער דעלעגאַציע האָט אָפגעבראָכן פאַרבינדונגען מיט דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס אין פאַריז. ריכטער מעק האָט אין זיין ענטפער אויף דער סעסיע די דאָזיקע פראַגע ניט באַרירט. אין אייער בריוו ענטפערט איר יאָ אויף איר. אָננעמענדיק אַפילו יעדער וואָרט וואָס איר זאָגט וועגן דער קאָמיטע פון אידישע דעלעגאַציעס, שיינט מיר, אַז אונזער אינטערפעלאַציע איז אַלץ באַרעכטיקט. דווקא דערפאַר וואָס דעלעגאַציעס פון די אייראָפעאישע לענדער זיינען געווען אַזוי כאַאָטיש, איז עס געווען די פליכט פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע צו האַלטן זיי צוזאַמען, טראָץ אַלע שוועריקייטן. מיר שיינט דעריבער, אַז אונזער פינפטע טענה ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך די פאַקטן וואָס איר דערציילט אין אייער בריוו. די קאָמיטע פון אידישע דעלעגאַציעס האָט זיך ניט אויפגעלייזט. זי האָט פונקציאָנירט כאַאָטיש. זי האָט פרעזענטירט וועלט־אידנטום אין פאַרשידענע וויכטיקע פאַלן. וואָס גרעסער דער כאַאָס צווישן זיי, אַלץ גרעסער איז געווען די אחריות פון דער אַמעריקאַנער אידישער דעלעגאַציע צו פירן זיי און האַלטן זיי צוזאַמען. ווען אונזער דעלעגאַציע האָט עס ניט געטאָן, האָט זי פאַרפעלט צו דירעגירן יענע, אין וועמעס הענט עניינים פון אינטערעס פון וועלט־אידנטום זיינען איבערגעגעבן געוואָרן. איך קען דעריבער ניט זען פאַרוואָס אַזאַ טענה זאָל באַצייכנט ווערן: „אויסגעליידיקט פון אמת, ערלעכקייט און פשוטער אָנשטענדיקייט".

אונזער זעקסטע טענה האָט זיך באַצויגן צו אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס. אַ רעזאָלוציע פאַר אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער סעסיע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אונזער דעלעגאַציע איז אינסטרואירט געוואָרן צו פאַרהאַנדלען מיט אַנדערע פאַראַלעלע אָרגאַניזאַציעס. פאַרוואָס איז עס געווען „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פשוטער אָנשטענדיקייט" צו אינטערפעלירן אונזער דעלעגאַציע, ביי דער צווייטער סעסיע, פאַרוואָס זי האָט גאָרנישט געטאָן אויסצופירן אָט די אינסטרוקציע?

די זיבעטע טענה האָט אינגאַנצן אַ שייכות בלויז צו דער „קאָמיטע אָוו אָפיסערס" און ניט צו דער דעלעגאַציע. זי טרעט אַרויס קעגן דער באַציאונג פון דער „קאָמיטע אָוו אָפיסערס" צו די פאַרזוכן וואָס אַמעריקאַנער אידן האָבן געמאַכט אויסצודריקן זייער פראָטעסט קעגן די פוילישע און אוקראַאינישע פאָגראָמען. ניט ריכטער מעק, ניט איר אין אייער בריוו האָבן באַרירט דעם פונקט. דער פאַקט בלייבט דאָך אָבער, אַז די „קאָמיטע אָוו אָפיסערס" איז געווען קעגן אַזעלכע פראָטעסטן, טאָ פאַרוואָס איז עס „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פשוטער אָנשטענדיקייט" צו אינטערפעלירן דער קאָמיטע אָוו אָפיסערס, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך צום קאָנגרעס, צו דערקלערן איר האַנדלונג?

די אַכטע און די לעצטע טענה איז געווען וועגן דער צייט ווען די צווייטע סעסיע איז צוזאַמענגערופן געוואָרן. אין פשוטער שפראַך פרעגן מיר, פאַרוואָס די קאָמיטע אָוו אָפיסערס האָט פאַר אַזאַ לאַנגע צייט אָפגעלייגט דאָס צוזאַמענרופן די סעסיע, ווען אַזויפיל אידישע פראַגן האָבן געזוכט ענטפערס. פרעג איך אייך ווידער, מר. מאַרשאַל, פאַרוואָס איז אַזאַ פראַגע, געשטעלט אויף אַן אָפענער זיצונג פון קאָנגרעס, אויסגעליידיקט פון אמת, ערלעכקייט און פשוטער אָנשטענדיקייט?

אויסער די אַכט טענות בלייבן נאָך דער אַריינפיר און די רעזומע. כדי צו פאַרשטיין אונזער רעזומע האָב איך אין אָנהויב געבראַכט די דריי פאַקטאָרן פון דער פאַר־קאָנגרעס געשיכטע. מיר זאָגן אין אונזער רעזומע, אַז מיר זעען אין די אויסגערעכנטע פאַקטן אַ פאַרזוך אונטערצומינעווען דעם קאָנגרעס. איך האָב שוין געשריבן אין מיין ערשטן בריוו, אַז קיינער באַצווייפלט ניט

די מאַטיוון. אַלע האָבן געוואוסט, אַז אייערע עלעמענטן זיינען געווען קעגן קאָנגרעס, ווייל זיי האָבן אים באַטראַכט ווי שעדלעך פאַרן אידישן פאָלק. מיר האָבן געהאַלטן, און האַלטן אויך איצט, פונקט אַ פאַרקערטע מיינונג. נעמענדיק די גאַנצע פאַר־קאָנגרעס אַטמאָספערע אין באַטראַכט, קען יעדער איינער איינזען, פאַרוואָס מיר האָבן געמיינט, אַז יענע וועלכע זיינען געווען קעגן קאָנגרעס ווילן איצט פון אים פטור ווערן. מיר זאָגן בפירוש, אַז אין דעם באַשולדיקן מיר ניט נאָר די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, נאָר אויך אייניקע פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן דעם מאָנאָפּאָל איבער דעם גאַנצן פּאַלעסטינע־ענין.

דערמיט דערקלערן זיך אויך די שאַרפע ווערטער וועלכע איך האָב באַנוצט אין דעם איינגעשלאָסענעם אַרטיקל. האָבנדיק געוואוסט, אַז אַן אַמעריקאַנער קאָנגרעס פונקציאָנירט, אַז זיין אויפגאַבע איז צו זאָרגן פאַר דעם פּאָליטישן וואוילזיין פון אידן אין דער גאַנצער וועלט, האָב איך אייערע באַזונדערע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם פאַרטרעטער פון קאָלטשאַקן אויך באַטראַכט ווי אַ פאַרזונד קעגן קאָנגרעס.

דער אַריינפיר רעכנט בלויז אויס די דערגרייכונגען פון קאָנגרעס. וועגן דעם זאָגט איר פאָלגנדיקס: „פאַר די וואָס וויסן איז אייער סטייטמענט געווען זייער אַמוזירנדיק: ערשטנס, ביים קאָנגרעס איז מער ווי קאָנפוזיע ניט געווען וועגן וואָס עס זאָל יאָ געזאָגט ווערן און וואָס עס זאָל ניט געזאָגט ווערן וועגן דעם ענין פון מינאָריטעטן־רעכט". דערלויבט מיר אייך צו דערמאָנען, אַז לאַנג איידער אייער קאָמיטעט האָט באַריכטעט צום קאָנגרעס, האָבן אייניקע „סטענדינג קאָמיטעס", וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ, לאַנג פאַר דער ערשטער סעסיע פון קאָנגרעס, אין וועלכער אייערע עלעמענטן האָבן זיך ניט באַטייליקט, באַריכטעט צו דער ערשטער סעסיע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. איך האָב ניט פאַר זיך די פּראָטאָקאָלן פון דער ערשטער סעסיע, אָבער איך געדענק זייער קלאָר, אַז אין דעם באַריכט פון דעם קאָמיטעט וועגן רומעניע איז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט שוין דאַן קלאָר פאָרמולירט געוואָרן. אמת איז, אַז אייער פאָרמולירונג איז געווען מער שטאַטמענעריש, אויסגעדריקט אין פאַסיקע פּאָליטישע טערמינען און האָט באַגעגנט די צושטימונג פון יעדן דעלעגאַט וואָס האָט זיך באַטייליקט אין קאָנגרעס. אָבער ווי אַ פּרינציפּ האָט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין די געדאַנקען פון יעדן דעלעגאַט. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז דיסקוטירט געוואָרן סיי אין דער פרעסע, סיי אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, יאָרן איידער דער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט.

איר זאָגט, אַז העכער אַ יאָר איידער דער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן האָט די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע פאָרמולירט איר קוק אין דער דאָזיקער פראַגע. איך קען דערצו צוגעבן, אַז ענדע 1914 איז צו אַ פועלי־ציון קאָנווענשאַן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ראָטשעסטער, פון אייניקע דעלעגאַטן, איינשליסנדיק מיך, געבראַכט געוואָרן די פאָרמולע פון נאַציאָנאַלע רעכט. אין אָקטאָבער 1915 איז ווידער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פועלי־ציון קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד. דאָרטן איז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן. דאָס באַצוועקט בלויז צו באַווייזן, אַז אויסער דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע זיינען געווען אַנדערע קערפּערשאַפטן וואָס האָבן נאָך פריער דיסקוטירט דעם ענין און פאָרמולירט רעזאָלוציעס. אייניקע פון זיי זיינען טאַקע דאַן צוגעקומען צו דער פאָרמולע פון נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס איז סוף־כל־סוף אָנגענומען געוואָרן דורך דעם גאַנצן קאָנגרעס. איז עס אָבער ניט אַ פאַקט, אַז די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע איז אין דעם פאַר־קאָנגרעס געראַנגל געווען קעגן אַזאַ פאָרמולע? איז עס „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און

פון פשוטער אָנשטענדיקייט" צו טראַכטן, אַז ווען ניט דער אידישער קאָנגרעס, וואָלט די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, ווען די גאַנצע פראַגע וואָלט איבער־געלאָזן געוואָרן צו איר, קיינמאָל ניט געגאַנגען אַזוי ווייט אין פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט פאַר מינאָריטעטן ?

אָט דאָס האָט אונזער אַריינפּיר געמיינט. דאָס און נאָך עפּעס. ווען אַפילו אַלע קאָמיטעס וואָלטן, יעדערע באַזונדער, געקומען צו די זעלביקע פאָדערונגען וואָס דער קאָנגרעס, וואָלט עס קיינמאָל ניט געקענט האָבן אָט דעם איינפלוס, וואָס דער קאָנגרעס האָט אויסגעאיבט אויף דער גאַנצער וועלט. איז עס ניט אַ פאַקט, אַז אין אייערע פאַרהאַנדלונגען אין פּאַריז האָט דער עצם־פאַקט, וואָס איר רעפּרעזענטירט דעם גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום דורכן קאָנגרעס, געגעבן אייך קראַפט און געמאַכט מעגלעך איר זאָלט קענען באַקעמפן די קעגנערשאַפט צו דעם מינאָריטעטן־רעכט־פּונקט מצד אַזעלכע וויכטיקע פּאָליטישע פאַקטאָרן ווי פּוילן און רומעניע, בעת די גאָר מעכטיקע פעלקער זיינען, צום אַלעם בעסטן, געווען גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין ?

דאָס איז, וואָס מיר האָבן געמיינט מיטן אַריינפּיר און פּונקט דאָס האָבן מיר געזאָגט. איך זע דעריבער ניט איין, פאַרוואָס דאָס איז געווען אַזוי „אַמוזירנדיק". אַפילו ווען די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע וואָלט געווען די איינציקע צו פאָרמולירן איר קוק פאַרן קאָנגרעס, וואָלט דער פאַקט וואָס אַ גאַנצער קאָנגרעס, אין אַן אָפענער סעסיע, האָט עס באַשטעטיקט צוגעגעבן וואָג צו אַזאַ רעזאָלוציע. די פאַקטן זיינען דאָך אָבער אַזוי געווען : די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָט פאָרמולירט איר נוסח, די פּועלי־ציון — ווי דער צווייטער עקסטרעם — זייער נוסח. אַ צאָל אַנדערע קאָמיטעס וואָס זיינען פּלוצים אויס־געוואָקסן האָבן פאָרמולירט זייערע נוסחאות. אַנדערע עקזיסטירנדיקע קער־פּערשאַפטן האָבן דאָס זעלביקע געטאָן. אַלע צוזאַמען האָבן מיטגעווירקט צו דעם, אַז אַ לעצטער נוסח איז פאָרמולירט געוואָרן דורך דעם קאָנגרעס. מיר שיינט דעריבער, אַז אויך דער טייל פון אונזער סטייטמענט איז געווען אַ ריכטיקער.

איצט וועגן אונזער צוגאַנג צו שתדלנות. עס איז אמת, אַז די וועלט־פּאָליטיק פון די לעצטע צייטן און דער וועג ווי זי ווערט אָנגעפירט אַפילו דורך אָפיציעל־אָנערקענטע רעגירונגען, האָבן אָפּגעשוואַכט מיין אָפּאָזיציע צו שתדלנות. איך ווייס ניט ווי דאָס האָט באַאיינפלוסט אַנדערע דעלעגאַטן פון אונזער דעמאָלטיקן בלאָק. דאָך שיינט מיר, אַז אַפילו דער פּאַראַגראַף וועגן שתדלנות פאַרדינט ניט באַצייכנט צו ווערן „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכקייט און פשוטער אָנשטענדיקייט". וואָס מיר האָבן דערמיט געמיינט איז געווען, אַז אונזערע פאָדערונגען האָבן געדאַרפט געבראַכט ווערן אָפן פאַרן הויכן טריבונאַל, פּונקט ווי די ציוניסטישע פאָדערונג איז געבראַכט געוואָרן, אָדער ווי דער קאָנגרעס אַליין האָט עס געבראַכט פאַר דער וועלט. מיר שיינט, אַז אַפילו פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט וואָלט עס געהאַט גרויס באַדייטונג, ווייל דאָס וואָלט אונזערע וואונטשן געבראַכט פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. עס וואָלט ניט באַשאַפן דעם איינדרוק פון געהיימער דיפּלאָמאַטיע. איז ניט אָפענע דיפּלאָמאַטיע די מאָטאָ פון גרויסע פירערס פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק ? האָט ניט פּרעזידענט ווילסאָן אַליין אויפגעהויבן זיין מעכטיקע שטימע אַזויפיל מאָל קעגן געהיימער דיפּלאָמאַטיע ?

איך האָב געזאָגט, אַז מיין קעגנערשאַפט צו שתדלנות איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איך ווייס זייער גוט, אַז מען קען ניט פאַרגלייכן אונזערס אַ דעלעגאַציע צו אַ פאַרטרעטערשאַפט פון אַ רעגירונג. אונזער דעלעגאַציע פאַרמאָגט בלויז מאָראַלע קראַפט הינטער זיך. איך בין גרייט צוצוגעבן, אַז פאַראַן פאַלן ווען מען איז געצוואונגען צו באַנוצן די מעטאָדע פון שתדלנות.

דאַך וואָלט איך אויך היינט אינטערפּעלירט אונזער דעלעגאַציע פאַרוואָס זי האָט גענוצט אַזאַ מעטאָדע און האָט ניט געפּרובירט אויסצונוצן די מאָראַלע קראַפט, וואָס באַגלייט אַ פאָדערונג, וועלכע ווערט אַרויסגעשטעלט אָפן פאַר אַ הויכן טריבונאַל ווי דער איצטיקער פעלקער־בונד, אָדער ווי עס איז דאַן געווען די פרידנס־קאָנפערענץ.

פאַרוואָס אונזער באַציאונג צו שתדלנות זאָל האָבן אויפגערעגט אייך און אייער גרופּע קען איך ניט פאַרשטיין. אויך אין דעם פּונקט, ווען איר לייענט נאָכאַמאָל אונזער טענה וועט איר אויסגעפינען, אַז קיין פּערזענלעכקייט איז ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז אונזער קריטיק איז געווענדעט געוואָרן קעגן דער דעלעגאַציע ווי אַזעלכע.

ריכטער מעק איז אין זיין ענטפער וואַרשיינלעך אויפגערעגט געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער קעגנערשאַפט וואָס אונזער סטייטמענט האָט אַרויסגערופן. ער האָט באַנוצט אַ שפּראַך וועלכע, איך מיין, מיר האָבן ניט פאַרדינט. איך שרייב צו זיין באַציאונג צו דער זעלבער ניט ריכטיקער אויפפאַסונג פון וואָס עס איז אין סטייטמענט געזאָגט געוואָרן. פּונקט ווי אייער באַציאונג איז אַזוי באַאיינפלוסט געוואָרן. אין אייער בריוו באַזירט איר אייער באַציאונג אויפן פּירוש וואָס דער סטייטמענט האָט באַקומען פון יענע וואָס האָבן עס געהערט. דערלויבט מיר עפּעס צו זאָגן וועגן דעם.

איך בין אַפילו היינט איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער פּירוש איז ניט פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דעם אינהאַלט פון אונזער סטייטמענט, נאָר דורך דעם פּחד, אַז מענטשן פון אַזאַ הויכער שטעלונג ווי איר, ריכטער מעק און אַנדערע פון אייער גרופּע וועלן זיך פילן באַליידיקט און אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס. דער דאָזיקער פּחד אַליין דעמאָנסטרירט די אומרייפקייט פון דעם קאָנגרעס. מיט אַזאַ באַציאונג צו קריטיק פון אַן אָפּאָזיציע קען קיין קערפּערשאַפט ניט פונקציאָנירן. איך באַטראַכט אונזער סטייטמענט אין די גרענעצן פון דעם וואָס איר רופט אָן אַ „גיוו־און־טייק"־אַרגומענט. ווען ניט אָט־דער פּחד, וואָלט געגעבן געוואָרן אַן ענטפער מיט אויפקלערונגען וועגן אונזערע טענות, אַזוי ווי איר האָט געטאָן אין אייער בריוו צו מיר. דער ענין וואָלט מיט דעם געווען פאַרענדיקט און קיין שנאה־געפיל וואָלט ניט אַרויסגערופן געוואָרן. דעם סטייטמענט האָט מען ערשט דאַן צוגעשריבן אַזאַ געפערלעכן כאַראַקטער, נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן אים אויסצומעקן פון די פּראָטאָקאָלן. אויך די דאָזיקע האַנדלונג איז דיקטירט געוואָרן דורך דעם זעלביקן פּחד, וואָס איז באַפאַלן די מאַיאָריטעט פון די קאָנגרעס־דעלעגאַטן.

ווען מען פאַרגלייכט אייער ענטפער צו מיר מיט דעם ענטפער פון ריכטער מעק, ווי ער איז פאַרעפנטלעכט אין די פּראָטאָקאָלן פון דער צווייטער סעסיע, קען מען זען דעם אונטערשיד צווישן אַן ענטפער וואָס איז דורכגעדרונגען מיט כעס און אַן ענטפער וואָס איז געגעבן געוואָרן עטלעכע יאָר שפּעטער, מיט צוריקגעהאַלטנקייט, ווי איר אַליין באַצייכנט אייער בריוו. גיב איך צו, אַז ניט אַלץ וואָס איר שרייבט אין אייער בריוו האָט געקענט אָפן געזאָגט ווערן ביים קאָנגרעס. עס זיינען אָבער דאָ אַ צאָל פּונקטן אין אייער בריוו וואָס זיינען פון אַן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער, וואָס האָט געקענט אַרויסגעבראַכט ווערן, אָן צאָרן, ווי אַן ענטפער אויף אונזערע אינטערפּעלאַציעס. אָנשטאָט דעם האָט דער קאָנגרעס אַנדערש געהאַנדלט.

איך האָב אַרויסגעבראַכט מיין צד, ווי איך זע עס איצט, דריי יאָר נאָכדעם ווי דער סטייטמענט איז געלייענט געוואָרן. איך האָב אָפן צוגעגעבן די פּונקטן אין וועלכע מיר זיינען געווען ניט ריכטיק אינפאָרמירט. איך באַהויפּט אָבער אַלץ, אַז דער סטייטמענט איז געווען אַ גערעכטער דאָקומענט, באַזירט אויף אינפאָרמאַציעס, וועלכע מיר האָבן דאַן פאַרמאָגט, מיט אימפּליקאַציעס אין

וועלכע מיר האָבן ערלעך געגלויבט. איך מיין, אַז קיין אומפּאַרטייאישער געריכט וואָלט עס ניט באַצייכנט ווי אַ פאַלשקייט, אָדער „אויסגעליידיקט פון ערלעכקייט".

איך בין גרייט צו באַטראַכטן דעם ענין ווי געשלאָסן, אויב איר ווילט אַזוי. איך וואָלט פונדעסטוועגן געוועון זייער גליקלעך אַז ער זאָל נאָך ניט באַטראַכט ווערן ווי געשלאָסן און עס זאָל מיר געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט, אפשר אין אַ וויכוח פּנים אל פּנים, צו פאַרטיידיקן די ערלעכקייט און באַרעכטיקונג פון דעם סטייטמענט. איך באַטראַכט ניט דעם סטייטמענט פון געשיכטלעכער באַדייטונג, מיר שיינט אָבער, אַז איך בין פּערזענלעך באַרעכטיקט צו זוכן אַ מעגלעכקייט פאַר אַזאַ וויכוח. קיין מענטש, פון וועלכער געזעלשאַפטלעכער מדרגה ער זאָל ניט זיין, וואָס נעמט ערנסט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, קען ניט בלייבן שווייגנדיק, ווען אַ דאָקומענט וואָס ער האָט געלייענט פאַר אַן עפנטלעכער סעסיע ווערט באַצייכנט ווי „אויסגעליידיקט פון אמת, פון ערלעכ־קייט און פשוטער אַנשטענדיקייט".

איך באַגרייף אָבער, אַז אייער צייט קען באַנוצט ווערן מיט בעסערע רעזול־טאַטן פאַר די אינטערעסן פון אידישן פאָלק, ווי דורך אָפּגעבן זי פאַר אַזאַ וויכוח. אויב איר באַשליסט אַזוי, וועל איך זיין צופרידן ווען איך וועל בלויז באַקומען אַ באַשטעטיקונג אַז איר האָט דערהאַלטן אָט דעם בריוו.

פּ. ס. איך געדענק זייער גוט די אינפאָרמאַציע וואָס איר זייט געוועזן פריינטלעך מיר צו געבן, ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. זי האָט זיך באַצויגן בלויז צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די פאַרשידענע דעלעגאַציעס, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס. ווי איך האָב אויבן געזאָגט, האָט דווקא אָט די אינפאָרמאַציע געשטאַרקט אין מיר די מיינונג, אַז די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט מיט דעם, וואָס זי האָט אָפּגעבראָכן די באַציאונגען מיט דעם קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס.

קיין ענטפער אויף מיין בריוו האָב איך ניט באַקומען. קיין באַשטעטיקונג אויך ניט. פּיפּלס־רעליף האָט זיך סיי־ווי דאַן געפונען אין אַ באַרג־אַראָפּ סטאַדיע. אַ יאָר שפּעטער איז פּיפּלס־רעליף געשלאָסן געוואָרן. אָבער איין רעזולטאַט קען מען דאָך פאַרצייכענען:

אין 1924 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ „דזשאָינט"־קאָנפערענץ אין שיקאַ־גאָ. צווישן אַנדערע פּונקטן איז דאָרטן אויך דורכגעפירט געוואָרן די רע־אָרגאַניזאַציע פון דער „דזשאָינט"־עקזעקוטיווע. אַלע פריערדיקע פאַרטרע־טער פון פּיפּלס־רעליף זיינען פון דאָס ניי אַריינגענומען געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע. נייע פּיפּלס־רעליף מענטשן זיינען אַריינגענומען געוואָרן. דער איינציקער אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן מיט מיר. מעגלעך, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס וועלן מיינען, אַז איך האָב אַזאַ פּסק פאַרדינט. אפשר זיינען זיי טאַקע גערעכט.

בנוגע מאַרשאַל'ס שאַרף־נעגאַטיווער אָפּשאַצונג פון דער דעמאָלטיקער „קאָמיטע פון אידישע דעלעגאַציעס", רעקאָמענדיר איך אַלע פאַראינטערע־סירטע, צו לייענען דאָס בוך פון דעם נישט־לאַנג־פאַרשטאָרבענעם ד"ר יוסף

טענענבוים, „צווישן מלחמה און שלום", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1956. ד"ר טענענבוים איז אַליין געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דעם „קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס". זיין הויכע אָפּשאַצונג פון לואי מאַרשאַל'ס ראָלע אין דעם אידישן געראַנגל ביים ווערסאַיער שלום־קאָנפערענץ, דריקט ער אויס אויף זייט 204 פון זיין בוך. אָבער אינעם גאַנצן בוך גיט ער איבער בפרוטרוט וועגן דער אַרבעט פון דעם „קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס". ער דערציילט אויך וועגן די צוזאַמענשטויסן וואָס דער „קאָמיטעט" האָט געהאַט מיט די צוויי הויפּט־פּאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער אידנטום, לואי מאַרשאַל און דזשוליען וו. מעק. ער דערציילט אויך וועגן די אַרבעטן פון ד"ר סיירוס אַדלער. דאָס בוך איז אָן ספק אַ וויכטיקער שטייער צו דער אויפקלערונג פון דעם שווערן געראַנגל פון אידישן פאָלק פאַר זיינע רעכט. און ווען מען לייענט איבער דאָס גאַנצע בוך מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז הער מאַרשאַל'ס שאַרף־נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פונעם „קאָמיטעט פון אידישע דעלעגאַציעס" איז ווייט נישט קיין באַרעכטיקטע. בכלל דאַרף יעדער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע, לייענען דאָס בוך פון ד"ר יוסף טענענבוים ע"ה. איך אַליין האָף זיך נאָך אומקערן צו די אויבנגעבראַכטע דאָקומענטן. מען דאַרף פּרובירן באַטראַכטן זיי אין ליכט פון די אַנטוויקלונגען אין אידישן לעבן זינט זיי זיינען געשריבן געוואָרן — מיט כמעט פערציק יאָר צוריק.

אין פיפלס רעליף

א.

די אַמעריקאַנער אידן האָבן אָן ספק אַריינגעשריבן אין זייער אייגענער געשיכטע אַ זייער וויכטיק קאַפּיטל, וואָס וועט טראָגן דעם באַשיידענעם נאָמען: „רעליף". די צייט ווען די דאָזיקע אַקטיוויטעט איז געפירט געוואָרן פאַלט כמעט צוזאַמען מיט דער צייט, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג פונקציאָנירט אין אַמעריקע. אונזער באַוועגונג האָט זיך באַטייליקט אין דער רעליף־אַרבעט אויף אַ גאַנץ־געהעריקן אופן און מיר האָבן בייגע־טראָגן עפּעס ספּעציפישס צו דער דאָזיקער אַקטיוויטעט. דאָס איז נישט באַשטאַנען אין דער גרויס פון אונזערע בייגעשטייערטע סכומים. טאָ וואָס איז געווען אונזער ספּעציפישער חלק?

שוין דער אָנהויב פון אָרגאַניזירטער הילפס־אַרבעט באַווייזט, אַז מיר, אידן, האָבן אין „רעליף" אַ דערשיינונג פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער. די ערשטע אָרגאַניזירטע אידישע רעליף־אַרבעט איז דאָ געפירט געוואָרן תיכף נאָכן ערשטן קישינעווער פּאָגראָם. דאָס איז געווען אַן ענטפער פון אַמע־ריקאַנער אידנטום אויף דער אכזריות'דיקער אַטאַקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף קישינעווער אידן, אָבער זי איז געצילט געווען קעגן גאַנצן רוסישן אידנטום — וואָס איז דאַן געווען דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק. די אידישע געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע אַטאַקעס אויף אונזער פאָלק. אויך דאָס רוסישע אידנטום האָט נישט איינמאָל געשפּירט אַזעלכע אַטאַקעס אויף זיין לייב־און־לעבן. אָבער ביז 1903 האָט נאָך דאָס אַמעריקאַנער אידנטום נישט געפילט, אַז עס איז מחויב צו ענטפערן אויף אַזאַ אַטאַקע. מען קען באַהויפּטן, אַז דורך דער הילפס־אַרבעט פאַר די קרבנות פון ערשטן קישינעווער פּאָגראָם איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צום ערשטן מאָל אַרויף אויף דער אַרענע פון דער אידישער געשיכטע, ווי אַן אָרגאַניזירט־אידישער קאָלעקטיוו. נישט צופעליק איז פון דער זעלביקער גרופּע, וואָס האָט אָנגע־פירט די אַקציע פאַר די קישינעווער פּאָגראָם־קרבנות, אין אַ פּאָר יאָר שפּע־טער אַרויסגעוואַקסן די איצט־גוט־באַקאַנטע „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע".

אויך די אַזוי־גערופענע „יאַהודים" האָבן דאַן אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז זיי האָבן זיך דאָ באַגעגנט מיט אַ נאַציאָנאַלער באַגלייט־דערשיינונג פון אידישן גלות־לעבן; און נישט בלויז מיט אַן איינמאָליקן אומגליק, וואָס ענדיקט זיך, ווי נאָר מען האָט געגעבן „די טויטע אויף תכריכים, די לעבעדיקע — ברויט". די פירער פון קאָמיטעט האָבן דערפילט, אַז זיי דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אויף אַ פּערמאַנענטער באַזע. אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די באַדייטונג פון דער הילפס־אַרבעט אומגעהויער אויסגעוואַקסן. די אַרבעט איז אויך אָנגעגאַנגען כמעט די גאַנצע צייט צווישןביידע וועלט־מלחמות. נאָך וויכטיקער איז די דאָזיקע אַרבעט געוואָרן דורכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געשעענישן פון וועלט־פאַרנעם האָבן דעם רעליף־ענין אפשר דער־הויבן צו דער וויכטיקסטער איינצל־אַקציע, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט ביז איצט געפירט. דער רעליף־געביט איז דעריבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די וויכטיקסטע שטחים, אויף וועלכן עס זיינען אויפ־געטראָטן אין אַ געראַנגל די אידייאישע איינשטעלן פון די פאַרשידענע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. מיר, פון אַרבעטער־ציוניזם, זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך געקומען אַהין מיט אונזער אייגנאַרטיקן אידייאישן פּרצוף־פּנים. לויט אונזערע כוחות, זיכער מער ווי לויט אונזער כמות, האָבן מיר געפּרואווט אַרויפלייגן אונזער חותם אויף דער דאָזיקער אַרבעט.

ביז קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אונזער ווירקונג געגאַנגען בלויז דורך דער פּאַרטיי. אַ פּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט געגרינדעט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד. פון דאַן אָן גייען ביידע קערפּערשאַפטן געשלאָסן אין דער הילפס־אַרבעט, ווי אין אַנדערע אידיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן. וואָס מיר האָבן דערגרייכט אויף דעם געביט וועט אפשר אַמאָל דאַרפן אָפּשאַצן אַן אָביעקטיווער היסטאָריקער. וואָס מיר האָבן געזוכט צו דערגרייכן מעגן מיר אַליין פּרואוון צו פאַרצייכענען.

ב.

שוין אין פאַרבינדונג מיט דער אַקציע פאַר די קרבנות פון קישינעווער פּאָגראָם האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן די קאָנטורן פון די פאַרשידענע ריכטונגען. די איניציאַטאָרן פון דער אַרבעט זיינען געווען אידן פון דעם דעמאָלט־אָנגערופענעם „יאַהודים"־טיפּ. דער נפש־החיה אין דער אַרבעט איז געווען אונזער באַקאַנטער ד"ר יהודה לייב מאַגנעס. ער האָט דאַן גע־

שמ׳ט ווי אַ רעבעל קעגן דער יאַהודישער אַנטי־נאַציאָנאַלער „פילאָזאָפיע״. ער האָט אויך געהאַנדלט ווי אַ רעבעל. אָבער זיין דירעקטער ווירקונגס־קרייז איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די אידישע גביר׳אָקראַטיע. צוליב געשיכט־לעכע אַנטוויקלונגען האָט דער דאָזיקער עלעמענט — אידן, געקומענע פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע — אויסגעאיבט אַ השפעה אין דעם דעמאָלטיקן אידישן לעבן ווייט איבער זייער קרייז; ווייט מער ווי זייער צאָל. דער ערשטער דור מזרח־אייראָפּעאישע אידישע אימיגראַנטן האָבן פאַסיוו אָנגענומען אָט־דעם צושטאַנד (ניט דאָ איז דאָס אָרט צו דערקלערן פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי גרינג דאַן אונטערגעגעבן די השפעה פון די יאַהודים). אידיש־געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו איז דאַן מערסטנס אַרויסגעקומען פון יענע קרייזן. אַזוי אויך די איניציאַטיוו פון דער אַקציע פאַר די קישינעווער פאָגראָם־קרבנות.

מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פחד־קאָמפּלעקס פון דער אידישער אַסי־מילאַציע, האָבן זיך אַ סך פון די „יאַהודים״ באַלד איבערגעשראָקן פאַר די קאָנסעקווענצן פון זייער דעמאָלטיקער ספּאָנטאַן־אינסטינקטיווער האַנדלונג. ניט אַלע פון זיי זיינען דעריבער מיטגעגאַנגען דעם וועג פון גרינדן אַ פּערמאַנענטע „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״. די מערסטע פון די, וואָס זיינען יאָ געגאַנגען אויף דעם וועג, האָבן לכתחילה געוואָלט אויפהאַלטן פאַר זייער קאָמיטעט אַ ריין־פילאַנטראָפּישן הילפס־כאַראַקטער. ווייטערדיקע וועלט־אַנטוויקלונגען האָבן אָבער געצוואונגען די „קאָמיטע״ צו ווערן די פּאָליטישע אויסדריקערין פון די איינשטעלונגען ביי יענעם שיכט פון אַמעריקאַנער אידן. זיי האָבן דעריבער — ביים אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג — איבערגעשריבן די ריין־פילאַנטראָפּישע הילפס־אַרבעט אויף אַן אַנדער פירמע. נאַטירלעך, האָבן זיי אויך געזאָרגט, אַז די השפעה אויף דער אַרבעט זאָל בלייבן אין זייערע אייגענע הענט. אָט אַזוי איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אונז־באַקאַנטע „דזשאָינט״־פירמע. דער אינערלעכער געראַנגל צווישן די פאַרשידענע ריכ־טונגען אין אַמעריקאַנער אידנטום האָט געהאַלטן אין איין שטייגן אין די קאָרגע 10 יאָר, צווישן דער גרינדונג פון דער „קאָמיטע״ און דער גרינדונג פון „דזשאָינט״. די צעטיילונג איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ בולטער: פון איין זייט אַ אידישע פאָלקס־מאַסע מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם שטאָלץ־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם ווילן פאַר נאַציאָ־נאַלן המשך אויך דאָ אין אַמעריקע; פון דער אַנדערער זייט — אַ גרופּע אידן־בני־דת־משה לויט אַ ספּעציעלן אַמעריקאַנער נוסח. שוין אין און אַרום דער „קאָמיטע״ האָט מען געקענט זען די דאָזיקע צעטיילונג. נאָך שאַרפער איז

זי אויפגעטראָטן אין און אַרום „דזשאָינט". אונזער באַוועגונג האָט, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, פאַרנומען איר פּלאַץ אין די רייען פון קלאָר־אויסגעשפּראָ־כענעם נאַציאָנאַלן צד.

אין דער צייט פון פאָרמירן די „קאָמיטע" איז דער קאַמף געפירט געוואָרן אַרום דעם ענין פון העלפן דער אידישער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד. אין די אויגן פון געוויסע פּחד־אידן האָט די אידישע זעלבסטשוץ פאַרמאָגט גאַנצע דריי „אומבאַקוועמע" אייגנשאַפטן: זי איז, ערשטנס, געווען אומלעגאַל. צווייטנס, איז זי געווען צו ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די דריטע צווי „אומבאַקוועמע" אייגנשאַפטן האָט מען נאָך געקענט ווי עס איז איבערטראָגן, ווייל די אַקציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן אין יענע יאָרן אָנגעהויבן שטייגן צווישן אַלע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער נישט־אידישער באַפעלקערונג. פּחד־אידן האָבן די טבע צו פאַרלירן אַביסל פון זייער פּחד, אויב אַן ענין ווערט כשר אין די אויגן פון גוטע און פרומע בירגערלעכע נישט־אידן. אָבער די דריטע „אומבאַקוועמ־לעכקייט" איז שוין געווען פון אַן אַנדער כאַראַקטער: אידישע זעלבסטשוץ איז געווען צופיל באַצייכנט מיטן ספּעציעלן איד־שטעמפּל. עס האָט פון איר אַרויסגערעדט אידישער אויפשטאַנד, אידישע גבורה, כמעט אַ אידישע מלחמה. און דאָס איז פאַר יענע אידן נישט גרינג געווען אַראָפּצושלינגען.

צום גליק האָבן זיך אין זעלבסטשוץ אָנגעהויבן באַווייזן אויך נישט־אידן. גרופּן נישט־אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך באַטייליקט אין זעלבסט־שוץ. אין אייניקע פּונקטן האָבן נישט־אידישע מיט־פּאַרטיידיקער באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז: זיי זיינען געפאַלן אין די דאָזיקע שלאַכטן. דורכדעם איז דער ספּעציעל־אידישער כאַראַקטער געמילדערט געוואָרן. ד״ר מאַגנעס, פון זיין זייט — מיט גרויס השפּעה צווישן יענע קרייזן — האָט געדריקט, אַז מען זאָל העלפן דער זעלבסטשוץ. אין צוגאָב צו זיין דרוק האָט יענע גרופּע דערהערט אַ נייעם טאָן: די אידישע גאַס האָט אָנגעהויבן ריידן. עס האָבן גענומען ריידן אַריבערגעקומענע מיטגלידער פון די פאַרשידענע רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען. אויך אונזער, דעמאָלט־יונגע און קליינע, באַוועגונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן. אַ סך פון אונזער גרופּע האָבן געהאָט אין רוסישן זעלבסטשוץ פאַרזענלעכע חברים. אין דעם האָמלער פּאָגראָם פון 1905 איז דער איינציקער קרבן פון יענער זעלבסטשוץ — כהנסקי — געווען אַ חבר פון די פּועלי־ציון. ספּעציעלע לידער זיינען דאַן צו אונז אָנגעקומען וועגן דעם יונגן כהנסקי, וואָס חברים האָבן צווישן זיך געזונגען. יונג איז מען געווען. ברען האָט מען פאַרמאָגט. ד״ר מאַגנעס אַליין האָט

דעמאָלט פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע מאָס פון סימפּאַטיע פאַר אונזער יונגער באַוועגונג. האָבן מיר, נאַטירלעך, אויך געהאָלפן אַריבערוועגן אויף דער זייט פון שטאָלצן נאַציאָנאַלן אידנטום; און צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן זיינען דעמאָלט אָפּגעשיקט געוואָרן פאַר דער זעלבסטשוץ־אַרבעט.

נאָך אַ רעזולטאַט פון יענעם געראַנגל איז געווען דאָס, וואָס אַמעריקאַנער אידן זיינען נעענטער באַקאַנט געוואָרן מיט די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן אינעם רוסיש־אידישן לעבן ביים סוף פון לעצטן און אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט. אַ סך פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט פון אידישן „בונד" אָדער פון אידן, וואָס געהערן צו אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. נאָך מער פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט פון אַזאַ טיפּ איד, וואָס איז אי אַ ציוניסט, אי אַ סאָציאַליסט. האָט מען זיך פאַרקוקט אויף די דאָזיקע דערשיינונגען, פאַרקוקט און פאַרטראַכט. זיינען אייניקע ווי אַ רעזולטאַט פון זיך פאַרטראַכטן אָנגעפילט געוואָרן מיט סימפּאַטיע און אַפילו מיט באַוואונדערונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידישער יוגנט. אַנ־דערע דאָקעגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט נאָך גרעסערן פּחד: ווער ווייסט, וואָס אָט־די נייע פייגל זאָגן־אָן פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום? ווער קען וויסן, צי די שטורעמס, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, טראָגן ניט אָן קיין סכנה פאַר דער רו און איינגעזעסנקייט פון די אַמעריקאַנער אידן? אויך אויף דער פראַגע וועלן צוקונפטיקע געשיכטע־פאָרשער דאַרפן געבן דעם ענטפער: וואָס האָבן די אידן־רעוואָלוציאָנערן ווירקלעך געבראַכט קיין אַמעריקע? זייער ווירקונג האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן. נאָך אַלערליי ירידות און עליות האַלט די ווירקונג נאָך איצט אָן. דערוויל איז גענוג אונטערצושטרייכן, אַז פאַר אידישער זעלבסטשוץ האָבן די אידן־רעוואָלוציאָנערן מכל המינים — און מיר אויך בתוכם — געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג.

ג.

כדי קלאָר צו מאַכן, פאַרוואָס איך האָב אָנגעהויבן מיטן קאַפּיטל פון הילף פאַר אידישער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד, וויל איך דאָ אַרויסברענגען אונזער קוק אויף רעליף־אַרבעט. מיר האָבן די רעליף־אַרבעט קיינמאָל נישט באַטראַכט ווי אַן אַקט פון בלויז פילאַנטראָפּיע. איך פאַרנעם זיך דאָ נישט אָפּצושאַצן די מעלות און חסרונות פון פילאַנטראָפּיע; איך בין אַפילו גרייט מודה צו זיין, אַז אין אונזער אַבסאָלוט־נעגאַטיווער באַציאונג צום ענין־פילאַנטראָפּיע זיינען מיר ביז גאָר אַ גרויסער מאָס געווען אומגערעכט. פילאַנטראָפּיע האָט אויך פּאָזיטיווע ווערטן. אָבער מיר האָבן גאָרנישט אויף

וואָס חרטה צו האָבן, ווען מיר באַטראַכטן אונזער עצם באַציאונג צום רעליף־פּראָבלעם. אַפילו ווען פילאַנטראָפּיע פאַרמאָגט אויך פּאָזיטיווע עלעמענטן, איז „רעליף" אין דעם אידישן לעבן געווען און געבליבן אַן אַרבעט פון אַ סך אַ העכערער און נאַציאָנאַל־וויכטיקערער מדרגה. דער עלעמענט פון פילאַנטראָפּיע, וואָס איז סיי־ווי־סיי פאַראַן אין רעליף, ווערט דאָך פון אים נישט אַוועקגענומען דורכדעם, וואָס מען דערהויבט די רעליף־אַרבעט צו אַ הויכער נאַציאָנאַלער פליכט.

דעריבער איז זעלבסטשוץ אַ לעגיטימער ברודער פון אַזאַ רעליף־אַרבעט. זיי טראָגן ביידע אין זיך אַ גרויסע מאָס פון נאַציאָנאַלער פליכט: קאַמף פאַרן כבוד, פאַרן האָב־און־גוטס און פאַרן סאַמע לייב־און־לעבן פון אידן ווי אידן און פון אידישן פאָלק ווי אַ פאָלק. הילף פאַר אידישער זעלבסטשוץ געהערט דעריבער צו אונזערע איצטיקע באַטראַכטונגען. נישט צופעליק זיינען די שפּעטערדיקע גרויסע הילפס־קערפּערשאַפטן אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון די ערשטע געזעלשאַפטלעכע צעלן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער הילפס־אַרבעט פאַר זעלבסטשוץ. מיר פון אונזער זייט, האָבן ביי די סאַמע ערשטע שריט פון דער גרויסער הילפס־אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויסגעאיבט אונזער השפּעה אויף צו געבן דער הילפס־אַרבעט דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן כאַראַקטער, להיפּוך צו דעם ריין־פילאַנטראָפּישן, וואָס אַנדער׳ע עלעמענטן האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן. און געשען איז עס אַזוי:

ד.

די ערשטע גרופּע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט פאַר הילפס־אַרבעט תיכף ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז געווען די אידישע אָרטאָדאָקסיע. דעם 28טן סעפּטעמבער 1914 האָט די עקזעקוטיווע פון דער יוניאָן פון אָרטאָדאָקסיש־אידישע קאָנגרעגאַציעס אָרגאַניזירט אַ צייטווייליקע הילפס־גרופּע, פון וועלכער עס האָט זיך אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אויסקריסטאַליזירט די „סענטראַל רעליף קאָמיטע". אין אָנהויב פון סענטראַל רעליף קאָמיטע האָבן אויך נישט־אָרטאָדאָקסן זיך אָנגעשלאָסן אין איר. צווישן זיי — אויך אייניקע חברים. אָבער שפּעטער איז די דיפערענץ געוואָרן בולטער, און „סענטראַל רעליף" איז געוואָרן די פאַרטרעטערין פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום אויפן הילפס־געביט. דעם 20טן אָקטאָבער 1914 האָט די דאָזיקע גרופּע שוין אָפּגעשיקט די ערשטע 10 טויזנט דאָלאַר פאַר רעליף. דערפון איז פינף טויזנט געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל און פינף טויזנט קיין ווין.

דעם 25טן אָקטאָבער 1914 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ברייטערע קאָנ־פערענץ, גערופן פון די פירער פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע". אויף דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע". אין דער קאָמיטע זיינען פון אָנהויב אויך געווען אָפיציעל פאַר־טראָטן אונזערע פאַראיינען, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. אין דער שפּעטערדיקער דיפערענצירונג איז אָבער די „אַמע־ריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע" געוואָרן די פאַרטרעטערין אויף רעליף־געביט פון דעם זעלביקן עלעמענט, וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" אויפן פּאָליטישן געביט. די דאָזיקע קאָמיטע האָט, וואָס שייך סכומים, צוגעטראָגן דעם גרעסטן טייל צו דער רעליף־אַרבעט פון אַמעריקאַנער אידנטום.

דעם 27טן נאָוועמבער 1914 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" — איצט באַקאַנט אונטערן קורצן נאָמען: „דזשאָינט" — פון פאַרטרעטער פון דיביידע אויבנדערמאָנטע קאָמיטעס. דער צוועק פון דעם נייעם קאָמיטעט איז געלעגן אין זיין נאָמען: דאָס געלט זאַמלט יעדער קאָמיטעט באַזונדער; ווי צו צעטיילן דאָס געלט באַשטימט די „דזשאָינט"־קאָמיטע.

ה.

חדשים נאָכאַנאַנד איז די הילפס־אַרבעט געפירט געוואָרן דורך די צוויי קאָמיטעס. אונזער באַוועגונג האָט זיך אין יענע חדשים מער באַשעפטיקט מיט די אָנהויבן פון דער פּאָליטישער קאָנגרעס־באַוועגונג, ווי מיט דער הילפס־אַרבעט. די גאַנצע אידישע גאַס, מיטן אויסנאַם פון די אָרטאָדאָקסן און דער גרופּע אַרום דער אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע, האָט זיך נאָך דאַן נישט צעוואָרעמט אין דער רעליף־אַרבעט. וויסנדיק, אַז צוויי קאָמיטעס באַשעפטיקן זיך מיט דער הילפס־אַרבעט; אַז אייניקע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אידישע יוניאָנס און פּשוטע אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס זיינען אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין די צוויי קאָמיטעטן; אַז אייניקע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געזאַמלט צווישן זייערע מיטגלידער פאַר די רעליף־פאָנדן און עס איבערגעשיקט צו איינער פון די צוויי עקזיסטירנדיקע קאָמיטעס — האָט מען זיך דערמיט באַגנוגנט. אין ווינטער פון 1914־15 איז דעריבער נישט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך אויפצובויען אַ זעלבסטשטענדיקע רעליף־אָרגאַניזאַציע צווישן די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. אַ סך יחידים האָבן אָבער גענומען שפּירן, אַז די לאַגע איז נישט קיין געזונטע. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך, ווי געזאָגט, געזאַמלט אַרום דעם סענטראַל־רעליף.

געווען אויך צווישן זיי אייניקע, וואָס האָבן, נאָך דער גרינדונג פון דער „אַמעריקען דזשוּאיש רעליף קאָמיטע״, געהאַלטן, אַז די סענטראַל־רעליף דאַרף זיך אויפלייזן. גערעכט זיינען זיכער געווען די קעגנער פון אויפלייזונג. די ספּעציעלע קאָמיטעס האָבן סטימולירט די זאַמלונגען אין זייערע קרייזן. זיי האָבן דורך זייער זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ געהאַט אַ בעסערע מעגלעכקייט משפּיע צו זיין אויף דעם אופן, ווי דאָס געלט איז צעטיילט געוואָרן. דער דאָזיקער ענין איז גאָר גיך געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע קאַמפּס־פּונקטן אין דער הילפס־אַרבעט. די אָרטאָדאָקסישע אידן האָבן בכן גלייך פון אָנהויב אי אַליין געזאַמלט געלט, אי געהאַט אַ דעה אין דער צעטיילונג. די נישט־אָרטאָדאָקסיש־אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אין די ערשטע דריי־פערטל יאָר פון דער מלחמה בלויז דערפילט זייער חוב צו דער הילפס־אַרבעט אין אַ זייער קליינער מאָס. קיין דעה אויף דער צעטיילונג האָבן זיי לחלוטין נישט געהאַט.

די אומצופרידנקייט מיט דער לאַגע איז געשטאַרקט געוואָרן דורכדעם, וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן די נויגונגען פון די „דזשאָינט״־פירער — אייגנטלעך די זעלביקע פירער פון דער אַמעריקען דזשוּאיש רעליף קאָמיטע — צו באַהערשן די גאַנצע הילפס־אַרבעט. בעיקר האָט געהאַלטן אין שטייגן די אומצופרידנקייט איבער דעם, וואָס „דזשאָינט״ האָט — אין זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם אייראָפּעאישן אידנטום — אַרויסגעוויזן אַלץ מער די נויגונג איבערצוגעבן די דעה אויף דער צעטיילונג פון די רעליף־געלטער די עקסטרעמע אידישע אַסימילאַנטן אין דייטשלאַנד און עסטרייך. די הויפּט־הילפס־אַרבעט האָט מיט יעדן חודש אַלץ מער געדאַרפט געפירט ווערן דורך דייטשלאַנד און עסטרייך, ווייל זייערע אַרמייען האָבן כסדר געהאַלטן אין איין פאַרנעמען וואָס־גרעסערע טיילן פון דעם אידישן תחום־המושב פון פריערדיקן רוסלאַנד. דער „דזשאָינט״ האָט זיך פאַרבונדן מיטן דייטשן הילפס־פאַראיין אין בערלין און מיט דער אָפּטיילונג פון „אַליאַנס איזראַעליט״ אין ווין — ביידע באַהערשט פון עקסטרעמע אַסימילאַנטן. עס איז דעריבער צייטיק געוואָרן דער דראַנג אין דער אידישער דעמאָקראַטיע סיי צו טאָן מער פאַר רעליף און סיי משפּיע צו זיין אויף דער געלט־צעטיילונג.

ז.

די איניציאַטיוו צו גרינדן די פאָלקס־הילף קאָמיטע — וואוהין אונזער השפּעה האָט זיך נאָכדעם אינגאַנצן אַריבערגעטראָגן — האָט גענומען אויף זיך אונזער חבר יואל ענטין. ער האָט אין מאַי 1915 צוזאַמענגערופן אַ גרופּע

פון אידישע אַרבעטער־פירער און פערזענלעכקייטן פון דער אידישער „איסט־סייד", דער הויט־השדרה פון דעם דעמאָלטיקן פאָלקס־אידנטום. די ערשטע זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הויז פון דעם דעמאָלט זייער אַקטיוון ד"ר ש. עלסבערג, וואָס האָט אויך געהערט צו אונזער באַוועגונג. פון דער התחלה איז אַרויסגעקומען די ערשטע גרעסערע צוזאַמענקונפט, אָפּגעהאַלטן אָנהויב יוני 1915. אויף דער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען די הויפּט־דיסקוסיע, צי מען זאָל בכלל גרינדן אַ באַזונדערן פאָלקס־הילף קאָמיטעט. דער הויפּט־קעגנער פון דעם געדאַנק איז געווען ד"ר י. ל. מאַגנעס. ביי יענער זיצונג איז פאָרגעקומען זייער אַ העפטיקער וואָרט־געראַנגל צווישן אים — מאַגנעסן — און שלום אַשן, וועלכער איז געווען פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ קאָמיטעט. דעם נאָמען „פאָלקס־הילף־קאָמיטעט" האָט טאַקע שלום אַש פאָרגעשלאָגן. דער וואָרט־געראַנגל איז פאָרגעקומען צוליב נישט־העפלעכע ווערטער, וואָס מאַגנעס האָט אַדרעסירט אויפן חשבון פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע, צוליב איר גלייכגילטיקייט צו דער רעליף־אַרבעט. מאַגנעס האָט שפּעטער צוריקגעצויגן די ווערטער. ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם קאָמיטעט, האָט מאַגנעס גלייך אויפן אָרט דערקלערט זיין גרייטקייט מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט. ער האָט טאַקע געהאַלטן זיין וואָרט. ער האָט שפּעטער זייער פיל געהאָלפן דער פּיפּלס־רעליף.

אַ דריטע זיצונג, אין וועלכער עס האָבן שוין אָנטייל־גענומען איבער הונדערט פּראָמינענטע אידן פון דער „איסט־סייד", איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מיטן יוני. דאָרטן איז די אָרגאַניזאַציע ענדגילטיק געגרינדעט געוואָרן מיט אונזער חבר עלסבערג ווי צייטווייליקער פאָרזיצער און מיט אונזער חבר יואל ענטין ווי צייטווייליקער סעקרעטאַר. פאַרשידענע פּלענער זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן, וויאַזוי אָנצוגיין מיט דער פּאַקטישער זאַמל־אַרבעט. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג צוזאַמענצורופן אַ ברייטע פאָלקס־קאָנפערענץ פון אַלע ניו־יאָרקער אידישע אָרגאַניזאַציעס, בכדי צו געבן דער אַרבעט דעם נויטיקן פאַרנעם.

ז.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 8טן אויגוסט 1915. צווישן די 110 אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין דער קאָנפערענץ, זיינען שוין געווען דרייצן צווייגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. אויך די פּאַרטיי־פאַראיינען האָבן זיך, נאַטירלעך, באַטייליקט. איינעקע אונזערע חברים זיינען געקומען ווי פאַרטרעטער פון פאַרשידענע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. עטלעכע דעלעגאַטן האָבן מיר געהאַט ווי פאַרטרעטער פון יוניאָנס. מיר האָבן

בכן פאַרמאָגט אַ גאַנץ אַנגעזועענעם כוח אויף דער קאָנפערענץ. די מאַיאָריטעט דעלעגאַטן זיינען אָבער געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דעם דעמאָלט זייער־איינפלוסרייכן אַנטי־ציוניסטישן בלאָק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבע־טער־רינג, דער גרויסער מאַיאָריטעט אידישע טרייד־יוניאָן־פירער, דער אידי־שער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע (איצט — „אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד") און דעם „פאָרווערטס". טראָץ דעם, וואָס די קאָנפערענץ האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט פּראַקטישע פראַגן, איז שוין אָבער אויף איר פאָרגעקומען אַ זייער העפטיקער קאַמף צווישן אונזער ריכטונג און דער מאַיאָריטעט.

שלום אַש האָט פאָרגעשלאָגן אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם כאַראַקטער פון דער הילפס־אַרבעט. דער זין פון דער דעקלאַראַציע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער צווייטער יערלעכער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויגוסט 1916. נאָך קלאָרער איז דער דאָזיקער זין אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער ערשטער נאַציאָנאַלער דעקלאַראַציע פון פיפּלס־רעליף, אויף איר ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין מיטן נאָוועמבער 1916 אין באָסטאָן. אָבער אויף דער ערשטער קאָנפערענץ, אָנהויב אויגוסט 1915, האָט די מאַיאָריטעט אָפּגעוואָרפן די פאָרגעשלאָגענע דעקלאַראַציע פון שלום אַשן. אונזער בלאָק האָט געפירט דעם קאַמף פאַר דער דעקלאַראַציע.

ח.

שוין דאַן איז געקומען צום אויסדרוק אונזער שטעלונג צום גאַנצן וועזן פון רעליף. אונזערע קעגנער האָבן אונז באַשולדיקט, אַז מיר זוכן אויסצו־שפּילן פאַרטיי־פּאָליטיק. די דאָזיקע באַשולדיקונג האָבן מיר אָפט געהערט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן קעגן אונזער טאַקטיק אין דער הילפס־אַרבעט. אויב דאָס ריכטיקע פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון אַ היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע איז געווען פאַרטיי־פּאָליטיק, נעמען מיר אָן דעם פאָרוואורף פון אונזערע קעגנער. אויב אַ פאַרזוך צו געבן דער רעליף־אַרבעט די געהע־ריקע נאַציאָנאַלע־פּאָליטישע באַזע; נישט אויסשליסן דעם רעליף־פּראָבלעם פון אַלע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע נויטן פון אידישן פאָלק; באַשטיין אויף דעם, אַז די הילפס־אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין די אינ־טערעסן פון נאַציאָנאַלן המשך, פון ראַטעווען דאָס גאַנצע פאָלק און נישט בלויז ראַטעווען אידישע יחידים — אויב דאָס איז עס, וואָס אונזערע קעגנער האָבן אונז געוואָלט פאָרוואַרפן, מעגן מיר דעם פאָרוואורף אָננעמען. מיר האָבן דערפון קיינמאָל קיין סוד נישט געמאַכט. איבערגייענדיק אין געדאַנק

די פאַרשידענע עפּאָכן פון דער הילפס־אַרבעט, דוכט זיך מיר, אַז מען קען פעסטשטעלן אַ ריכט־ליניע, לויט וועלכער עס זיינען געגאַנגען אירע עליות און אירע ירידות: ווען די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין ליכט פון די נאַציאָנאַלע צילן פון אידישן המשך, און אין פאַרבינדונג מיט זיי, איז געווען ברכה אין דער אַרבעט. און אַז עס איז געווען ברכה, זיינען אוודאי געווען גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר דער פשוטער רעטונגס־אַרבעט פון אידישע לעבנס. די רעליף־אַרבעט איז דעמאָלט אויך געוואָרן אַן אַנשפּאַר פאַר אידיש־פּאָליטישע אינטערעסן. טאָמער איז די אַרבעט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער גאַנצער ראָם פון אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אידיש־פּאָליטישע המשך־פּראָב־לעמען — און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער באַזע פון בלויז הילף פאַר אידישע יחידים — דעמאָלט איז רעדוצירט געוואָרן די מאָס פון פשוטער רעטונגס־אַרבעט. די רעליף־אָרגאַנען זיינען דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין אויפן וועג פון אידיש־נאַציאָנאַלע צילן.

קלאָרער ווי אין אַנדערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס איז עס בולט געוואָרן אין פיפּלס־רעליף. זי איז באַשטאַנען פון פאָלקס־מאַסן. אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן באַגריפן די קאָלאָסאַלקייט פון דער הילפס־אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַלן המשך, פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון גאַנצן אידישן פאָלק — פון וועלכן זיי זיינען אַליין אַ טייל — אין דער דאָזיקער מאָס האָבן זיי אַריינגעלייגט ענערגיע אין דער אַרבעט און טאַקע אַליין בייגעשטייערט. אויב דער דאָזיקער באַ־וואוסטזיין איז געשטיגן, איז די אַרבעט געשטיגן; איז ער געפאַלן, איז די אַרבעט געפאַלן.

אָבער אונזערע קעגנער האָבן דעם שטאַנדפּונקט נישט געוואָלט אָננעמען. זיי האָבן געזאָגט פשוט: מיר גייען זאַמלען געלט צו העלפן אידישע מלחמה־קרבנות. אַנדערע זאַכן אינטערעסירן אונז ניט... און אויף דער ערשטער קאָנפערענץ האָט דער ריין־פילאַנטראָפּישער צוגאַנג, געשטיצט פון מאַנגל אין גלויבן אין די פאָלקס־כוחות, מנצח געווען.

ט.

אַנדערש איז עס אָבער געווען אַ יאָר שפּעטער, ביי דער צווייטער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ, דעם 4טן אויגוסט 1916. דורך דעם יאָר האָט דער פיפּלס־רעליף דורכגעפירט זייער באַדייטנדיקע אַרבעטן. אין משך פון דעם יאָר האָט זיך גענומען שרייבן דאָס שענסטע קאַפּיטל אין רעליף־בוך: די אַרמיי פון וואָלונטירן. זייער צאָל האָט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט דערגרייכט אַ סך טויזנטער. וואָך־איין, וואָך־אויס זיינען זיי אַרומ־

געגאַנגען אין דער אידישער גאַס, געקלאַפּט אין אַלע טירן, געמאָנט דעם חוב פון יעדן אידן און נישט געלאָזט איינשלאָפן דאָס געוויסן פון דער אידישער באַפעלקערונג. גרויסע סכומים זיינען דירעקט דורך זיי געזאַמלט געוואָרן. גרויס כבוד האָבן זיי פאַרשאַפט דעם אַמעריקאַנער אידנטום. ווען זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון דער אידישער אָרעמקייט, האָבן זיי אויך געקלאַפּט אין די הערצער פון אידישע גבירים. סיי דער ווען פון דער הילפס־אַרבעט, סיי די ממשות׳דיקע סכומים זיינען דורך זיי באַדייטנדיק אויפגעהויבן געוואָרן.

דער ערשטער וויכטיקער אַרויסטריט פון דער וואָלונטירן־אַרמיי איז פאָר־געקומען דעם 29טן דעצעמבער 1915. יענעם טאָג האָט די פּיפּלס־רעליף באַשטימט דורכצופירן אַ טעג־טאָג אין ניו־יאָרק. יענעם טאָג האָט אי געשנייט, אי גערעגנט. עס איז פשוט געווען סכנות־נפשות אַרויסצוגיין אין גאַס. מר. פעליקס וואַרבורג, דער פאָרזיצער פון „דזשאָינט״, האָט טעלעפאָנירט ד״ר עלסבערגן, דעם פאָרזיצער פון טעג־טאָג־קאָמיטעט, און אים געבעטן אָפּצו־שטעלן די אַרבעט, ווייל עס איז געווען אַ סכנה אַרויסצושיקן מענטשן אין גאַס. ד״ר עלסבערג האָט אים געענטפערט, אַז די וואָלונטירן זיינען שוין אויף די באַשטימטע ערטער; אַז אַליין, וואָס ער קען טאָן, איז אַרויספאָרן אין די פאַרשידענע באַשטימטע וואָלונטיר־סטאַנציעס און זיי איבערגעבן זיין — וואַרבורגס — מיינונג. עלסבערג האָט טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער קיין איינ־ציקער וואָלונטיר האָט נישט אויפגעגעבן די אַרבעט. הונדערטער פון זיי האָבן יענעם טאָג אָנגעפילט די גאַסן פון ניו־יאָרק. מר. וואַרבורגס וואָרענונג האָט זיך, ליידער, אַרויסגעוויזן באַרעכטיקט. צענדליקער וואָלונטירן זיינען יענעם טאָג קראַנק געוואָרן. צוויי זיינען נאָכדעם געשטאָרבן. אָבער זייער שליחות האָבן זיי דורכגעפירט. די געלט־זאַמלונג אַליין איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דורך ניקלס און דיימס זיינען אין ניו־יאָרק געזאַמלט געוואָרן 25 טויזנט דאָלאַר. אָבער נישט אין דעם איז באַשטאַנען די הויפּט־באַדייטונג פון יענעם טאָג. דאָס רעליף־פּראָבלעם איז דורך יענעם טעג־טאָג אַריינגע־שטויסן געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אין האַרץ און מוח פון ניו־יאָרקער אידנטום. פון דאָרטן איז עס אַריבער צו אַלע אידן פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

איין חודש שפּעטער האָט די וואָלונטירן־אַרמיי געהאַט נאָך אַ בעסערע געלעגנהייט צו באַווייזן איר אַרבעט און דערגרייכונגס־פעאיקייטן. דורך באַ־מיאונגען פון פאָרשטייער פון סענטראַל־רעליף האָט פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן דעם 12טן יאַנואַר 1916 אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט דעם 27טן יאַנואַר 1916 ווי אַ ספּעציעלן

טאָג פאַר אידישן רעליף *). יענער טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פאַרן אידישן פאָלק און זיינע ליידן. ער האָט זיך טאָקע גערופן „דער אידן־טאָג“. אויסער דעם זיינען טאָקע געזאַמלט געוואָרן גרויסע סכומים סיי דורך אידן, סיי דורך נישט־אידן. אונזער וואָלונטירן־אַרמיי האָט זיך ווידער געלאָזט שטאַרק פילן. דורך איר אַליין איז געזאַמלט געוואָרן 59 טויזנט דאָלאַר, וואָס איז אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ קאָלאָסאַלן סכום, וויסנדיק, אַז די ביישטייערונגען זיינען געווען ניקלס און דאַימס.

עטלעכע וואָכן נאָכן „אידן־טאָג“ איז אין ניו־יאָרק דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסער באַזאַר פאַר פיפּלס־רעליף. דער ריינער ריווח פאַרן רעליף איז געווען אַרום הונדערט טויזנט דאָלאַר. אָבער ווידער אַמאָל איז דער עיקר געווען: די פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן די וואָלונטירן געזאַמלט די סחורה. אין אַלע גאַסן פון ניו־יאָרק האָט מען באַגעגנט די ספּעציעלע וועגענער מיט די וואָלונטירן. דער באַזאַר אַליין האָט פיל בייגע־טראָגן צום פּראָצעס פון ווייטער וועקן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז, ווידער אַמאָל דורך די וואָלונטירן, דורכגעפירט געוואָרן דער ספּעציעלער י. ל. פּרץ־„באָטן־טאָג“; אַ זאַמלונג ספּעציעל פאַר די אידישע קינדער־שולן און קינדער־היימען אין די מלחמה־לענדער. אין דער אַרבעט האָט זיך שוין באַטייליקט דאָס גאַנצע לאַנד, ווייל במשך פון די עטלעכע חדשים זיינען אויסגעוואַקסן פאָלקס־הילף־קאָמיטעטן אין די וויכטיקסטע שטעט אין אַמעריקע. פיפּלס־רעליף האָט דעריבער געמוזט אויפשטעלן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אָנצופירן די אַרבעט אין דער פּראָווינץ. ד״ר עלסבערג האָט מיך דאַן אַרויסגענומען פון דער „גרייזעל פּרעס“, וואו איך האָב געאַרבעט ווי אַ קאָרעקטור־לייענער, און האָט מיך באַשטימט אָנצופירן מיט אָט־דעם דעפּאַרטמענט. פון דאַן אָן ווער איך פּערזענלעך פאַרבונדן מיט פיפּלס־רעליף. אין פעברואַר 1916 האָט די דאָזיקע אָפּטיילונג שוין פונקציאָנירט. דער פּרץ־„באָטן־טאָג“ איז דורכגעפירט געוואָרן אין מיטן אַפּריל 1916, צום ערשטן יאָרצייט פון יצחק לייבוש פּרץ. און די וואָלונטירן האָבן ווידער זיך געלאָזט אין די אידישע גאַסן. דעם 25טן יוני 1916 איז דורכגעפירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד אַ ספּעציעלער בלומען־טאָג. פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק, אין די

*) דער פולער טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע איז אָפּגעדרוקט אין בוך „פיפּלס־רעליף אין אַמעריקע“, זייט 371. לײַדער איז דאָס־דאָזיקע בוך איצט אַ יקר־המציאות. איך ווייס נישט, אויב עס געפינט זיך נאָך ערגעץ ביי עמעצן דאָס בוך, אויסער די צוויי עקזעמפּליאַרן וואָס איך, ווי דער שרייבער פון בוך, האָב אָפּגעהיט. איך מאַך באַמיאונגען צו מאַכן מיקראָ־פילמען פון דעם בוך, וויניקסטנס פאַר ביבליאָטעקן. ב. צ.

פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, האָבן די וואָלונטירן ווידער געקלאַפּט סיי אין די טירן, סיי אין די הערצער פון אַמעריקאַנער אידן. אויסער די אַלע ספּעציעלע זאַמלונגען, האָבן די וואָלונטירן יעדן זונטיק נישט פאַרנאַכלעסיקט זייער חוב. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. די הילפס־אַרבעט האָט מיט זיך דאַן פאַרגעשטעלט אַ פאָלקס־באַוועגונג אין אמתן זין פון וואָרט. שפּעטער־צו האָבן די קאַמפּאַניעס פאַר רעליף זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ מער־מעכאַנישן פּראָצעס. עקספּערטן האָבן געגומען צוגרייטן מער פּראַק־טיש־אויסגעפּלאַנטע קאַמפּיינען. די נשמה האָט אָבער אָנגעהויבן אויסוועפּן פון דער אַרבעט. צי האָט די הילפס־אַרבעט יאָ אָדער נישט געדאַרפט אַראָפּגיין פון יענעם וועג — פון אַ פאָלקס־באַוועגונג — דיסקוטיר איך דאָ נישט. איך שטעל נאָר פעסט, אַז די שפּעטערדיקע, מער־פּראַקטישע, מעטאָדן וואָלטן בשום־אופן נישט מעגלעך געווען, ווען נישט די עטלעכע יאָר וואָלונטירן־אַרבעט, וועלכע האָט אַזוי טיף אַריינגעוואָרצלט אין האַרץ פון אַמעריקאַנער אידנטום זיין פליכט צום אידישן פאָלק בכלל און צו דער הילפס־אַרבעט בפרט.

אונזער באַוועגונג האָט צוגעשטעלט דער אַרמיי פון וואָלונטירן אַ צאָל מיטגלידער; פילפאַך מער ווי דער פּראָצענט וואָס מיר האָבן אויסגעמאַכט צווישן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געקליבן אַרום פיפּלס־רעליף. האָבן אונזערע חברים דען פאַרמאָגט אַ גרעסערע מאָס פון סתם מענטשלעכקייט, פון סתם רחמנות? ניין! נאָר דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג צום הילפס־פּראָבלעם האָט אין זיי אַרויסגערופן אַ טיפערן אַחריות־געפיל. דערפאַר האָבן זיי זיך אָפּגערופן אין אַ פיל גרעסערער צאָל, ווי נאָר פיפּלס־רעליף האָט באַשאַפן פאַר זיי די מעגלעכקייט פון דירעקטער באַטייליקונג. דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג איז בכן געווען נישט נאָר טעאָרעטיש ריכטיק. ער האָט אויך פּראַקטיש געבראַכט גרויס נוצן דער הילפס־אַרבעט.

ווי אַ רעזולטאַט פון אָט־די אַלע דערשיינונגען איז אין פיפּלס־רעליף מער צייטיק געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג פאַר אונזער איינשטעלונג אין דער הילפס־אַרבעט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז נישט אַ פּאַרטיי־עקשנות רעדט פון אונז אַרויס, נאָר אַ טיפע, אינערלעכע איבערצייגונג. די קעגנער זיינען דורכדעם נישט ווייכער געוואָרן. פאַרקערט, זיי זיינען נאָך מער פאַר־עקשנט געוואָרן קעגן אונז. אָבער יענע, וואָס האָבן פריער נישט געגלויבט אין די פאָלקס־כוחות, האָבן באַקומען מער פעסטקייט. די פאָרטרעטער פון די אומפּאַרטייאישע אידישע פאָלקס־מאַסן אין פיפּלס־רעליף האָבן זיך גענומען ערנסטער צוהערן צו אונז.

י.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אויף דער צווייטער קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אין אויגוסט 1916, איז אָנגענומען געוואָרן די דעקלאַראַציע, וואָס די ערשטע ניו־יאָרק־קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן. און אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין באָסטאָן אין נאָוועמבער 1916, איז די דעקלאַראַציע נאָך קלאָרער אַרויסגעבראַכט געוואָרן. די דאָזיקע קורצע דעקלאַראַציע פאַרדינט זיכער דאָ געבראַכט צו ווערן. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אידייאישן צוגאַנג צו דער הילפס־אַרבעט, פאַר וועלכער אונזער באַוועגונג האָט אַזוי העפטיק געקעמפט. די דעקלאַראַציע לייענט זיך:

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון פאָלקס־הילף־קאָמיטעט, פאַרזאַמלט אין באָסטאָן, דערקלערט:

די הילף, וואָס ווערט געזאַמלט צווישן אידישן פאָלק אין די נייטראַלע לענדער פאַר דעם אידישן פאָלק אין די מלחמה־לענדער, איז בשום־אופן נישט קיין קיצבה, קיין צדקה, קיין פילאַנטראָפּיע; עס איז נישט די שטיצע, וואָס ווערט פון אַ יחיד צוגעטיילט אַ יחיד, נאָר די נאַטירלעכע און אָרגאַנישע אָנ־שטרענגונג פון איין טייל פון אידישן פאָלק פאַרן צווייטן, פאַר דער היסטאָרישער דערהאַלטונג און קיום פון דער גאַנצער אידישער נאַציע;

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער פאָלקס־הילף־קאָמיטע דערקלערט ווייטער, אַז די הילף, וואָס ווערט געזאַמלט פאַר דעם אידישן פאָלק אין די מלחמה־לענדער, האָט נישט בלויז דעם צוועק צו דערהאַלטן די פּשוטע פיזישע עקזיס־טענץ, נאָר אויך צו דערהאַלטן ביים לעבן דעם גייסט פון דעם רואינירטן פאָלק, צו דערהאַלטן ביים לעבן די אידישע קולטור, צו געבן דעם געפּייניקטן פאָלק די מעגלעכקייט צו דערציען דעם יונגן דור אין איינקלאַנג מיט דעם ווּאונטש פון די אידן אין די פאַרשידענע ערטער;

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן דערקלערט אויך, אַז די הילף פאַר די אידן אין די מלחמה־לענדער טאָר נישט זיין בלויז אַ דערוויילִיקע, נאָר אויך אַ דויערהאַפ־טע. זי מוז העלפן די רואינירטע אידן סיי אין די אַלטע ערטער, סיי אין די נייע ווי אַמשנעלסטן צוריקצוגעווינען זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, זיי זאָלן זיך מער נישט נויטיקן אין הילף;

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן ווענדעט זיך מיט דער פייערלעכסטער אויפפאָ־דערונג און פליכט־דערמאָנונג צו אַלע אידן פון אַמעריקע, אַז זיי מוזן זיך מיטן פולן האַרצן אַריינוואַרפן אין דער רעליף־אַרבעט, סיי מיט זייער געלט, סיי מיט זייער מי און באַגייסטערונג. איבערהויפּט פאָדערט די קאָנווענשאָן אויף די אידישע יוגנט אין אַמעריקע, זי זאָל באַצאָלן איר פאָלק דעם זעלבן חוב, וועלכן די יוגנט פון אַנדערע פעלקער באַצאָלט צו זייערע פעלקער אין צייט פון נאַציאָ־נאַלן אומגליק און נאַציאָנאַלער סכנה;

אידן אין אַמעריקע! געדענקט דעם איצטיקן מאָמענט! געדענקט אייער איצטיקע היסטאָרישע פליכט! די ווירדע פון דעם אַמעריקאַנער אידן און די טראַגיק פון דעם איצטיקן מאָמענט פאָדערן פון אונז די גרעסטע קרבנות און די פולסטע האַרמאָניע פאַר דער רעטונג און זעלבסט־דערהאַלטונג פון אונזער פאָלק.

דער מחבר פון אָט־דער דעקלאַראַציע איז טאַקע געוועזן דער שרייבער פון

אַט־די שורות. דער ענדגילטיקער נוסח אירער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון אַ רעדאַקציע אין באַשטאַנד פון פנחס רוטענבערג, יואל ענטין און מיר.

יא.

אַ ריי איינצלנע עפּיזאָדן אין דער רעליף־אַרבעט האָבן אונז כסדר גע־האָלפן אַרויסברענגען אונזער שטעלונג אין דער הילפס־אַרבעט. נישט אַלע פון זיי קענען אויסגערעכנט ווערן. די וויכטיקסטע פון זיי דאַרפן אָבער פאַר־צייכנט ווערן; בעיקר טאַקע יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו אונזער אינעווייניקסטן קאַמף אין דער רעליף־אַרבעט פאַר אַ געזונטן נאַציאָ־נאַלן בליק. אין אַ סך פון די עפּיזאָדן איז אויך געווען פאַרוועבט אונזער שטעלונג צום „דזשאָינט״.

איינער אַזאַ וויכטיקער עפּיזאָד האָט פּאַסירט אין דער אויבן־געשילדער־טער צייט, נאָך פאַר דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאַן. פּיפּלס־רעליף איז שוין דאַן געווען אָנגעשלאָסן אין „דזשאָינט״. אַרום עצם־אָנשלוס איז אויך פאָרגעקומען אַ שאַרפער געראַנגל. אונזער צד איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער צוזאַמענשטעל פון „דזשאָינט״ זאָל זיין באַגרינדעט אויף פּאַריטעט: אַלע דריי קערפּערשאַפטן זאָלן זיין פאַרטראָטן דורך גלייכע צאָלן מיטגלידער. די פריערדיקע פּראַקטיק איז געווען, אַז די צוויי רעליף־קערפּערשאַפטן האָבן אין „דזשאָינט״ געהאַט צו פיר פאַרטרעטער, אָבער אַט־די אַכט פלעגן אָפּהאַלטן זיצונגען צוזאַמען מיט דער גאַנצער עקזעקוטיווע פון דער „אַמעריקען דזשויש רעליף קאָמיטע״. אויף די דאָזיקע זיצונגען זיינען עס אָנגענומען געוואָרן די באַשלוסן, וויאַזוי דאָס געלט זאָל צעטיילט ווערן אין די מלחמה־לענדער, און מיט וועלכע עלעמענטן דער „דזשאָינט״ אין אייראָפּע זאָל זיך פאַרבינדן. די דאָזיקע פּראַקטיק האָט אויך אָנגעהאַלטן במשך אַ לאַנגער צייט נאָכדעם ווי פּיפּלס־רעליף איז שוין אויך געווען אָנגעשלאָסן. דעם פּיפּלס־רעליף איז אָנגעג־באָטן געוואָרן דריי פאַרטרעטער אין „דזשאָינט״. פאַרוואָס דריי? ווייל דער דעמאָלטיקער טשערמאַן פון פּיפּלס־רעליף — קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן — איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע״. האָט ער זיך דאָך סיי־ווי באַטייליקט אין די זיצונגען, ווען די צעטיילונג פון געלט איז באַשלאָסן געוואָרן. האָט מען אים פאַררעכנט אויפן חשבון פון פּיפּלס־רעליף. מען האָט אָבער נישט פאַררעכנט אויפן חשבון פון אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע די איבער צוואַנציק אַנדערע מיטגלידער פון איר עקזעקוטיווע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע מיטינגען. געזיגט האָט דעמאָלט אין פּיפּלס־רעליף יענער צד, וואָס

איז געווען גרייט אַלץ אָנצונעמען פון די דעמאָלטיקע פירער פון „דזשאָינט״. פּיפּלס־רעליף האָט זיך באַגנוגנט מיט דריי פאַרטרעטער. זיי זיינען געווען: שלום אַש, ד״ר פּאָול קאַפּלאַן און מאָריס ראָטענבערג *).

אַ קורצע צייט נאָך אונזער אָנשלוס האָט פּאַסירט פאָלגנדיקס: דער „דזשאָינט״ האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין אייראָפּע אויסצופאָרשן די אידישע לאַגע און אויסצוגעפינען, וויאַזוי די הילפס־געלטער קענען אַם־בעסטן פאַרווענדעט ווערן. לכתחילה האָט „דזשאָינט״ געוואָלט שיקן נאָר איין מענטש. נאָך אַ געראַנגל מיט די קאָמיטעס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דעלעגאַציע זאָל באַשטיין פון עטלעכע מיטגלידער און אַז איינער פון זיי זאָל געווילט ווערן פון פּיפּלס־רעליף. האָט אונזער צד אַרויסגעשטעלט די קאַנדי־דאַטור פון יצחק אייזיק הורוויטש און דער צד שכנגד (דאָס הייסט: דער אַנטי־ציוניסטישער בלאָק) האָט אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון אַדוואָקאַט דזשעיקאָב פענקין. דער טשערמאַן פון דער גאַנצן קאָמיטעט איז שוין געווען אויסגעקליבן: ד״ר י. ל. מאַגנעס.

דער דאָזיקער געראַנגל איז געווען זייער אַ פאַרביטערטער. אונזער צד האָט ווידער פאַרלוירן. די קעגנער האָבן מאָביליזירט אַלע כוחות. זיי איז געגאַנגען אין פּרעסטיזש פון זייער באַוועגונג, וועלכע איז דאַן געווען די שטאַרקסטע אין דער אידישער גאַס. פּאַקטיש האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז פענקין איז אויך נישט געפאָרן. געפאָרן איז בלויז ד״ר מאַגנעס. אויף די פאַרשידענע אינטערפּעלאַציעס, וואָס זיינען פון פּיפּלס־רעליף געמאַכט געוואָרן, איז געקו־מען דער ענטפער: די אַנדערע מיטגלידער, אויסער מאַגנעס, זיינען געבוירענע פון רוסלאַנד. מען האָט דעריבער נישט געקענט קריגן פאַר זיי קיין פּאַספּאָרטן.

דער דאָזיקער געראַנגל האָט חדשים נאָכאַנאַנד, סיי פאַר די וואַלן און סיי נאָך די וואַלן, צעטיילט דעם פּיפּלס־רעליף אויף צוויי באַזונדערע קעגנערישע מחנות. מיר האָבן, נאָך אונזער דורכפאַל, זיך געמוזט פאַרפאַנצערן מיט אַ סך כוח, בכדי צו בלייבן אין פּיפּלס־רעליף. מיר האָבן געזען אין דעם דורכפאַל אַ קלאַפּ קעגן אונזער איינשטעלונג, ווייל פענקין איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעמפער קעגן איר. בלויז דאָס טיפע אַחריות־געפיל האָט אונז איינגעהאַלטן אין פּיפּלס־רעליף.

---

*) אין 1916 און 1917 זיינען פאָרגעקומען רעאָרגאַניזאַציעס אין „דזשאָינט״. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז פּיפּלס־רעליף האָט באַקומען פינף פאַרטרעטער. די פּערמאַנענטע פינף פאַרטרעטער זיינען געווען: שלום אַש (מיט אַ הפסקה אויף אַ קורצער צייט אין 1917), אַלעקסאַנדער קאַהאַן, מאָריס ראָטענבערג, מאיר גיליס און דער שרייבער פון די שורות. ד״ר פּאָול קאַפּלאַן איז ליידער געשטאָרבן אין מיטן דער אַרבעט. אַ קורצע צייט איז אויך לואי ליפּסקי געווען אַ פאַרטרעטער פון פּיפּלס־רעליף אין „דזשאָינט״.

יב.

אַ צווייטער עפּיזאָד, נאָך אַ פּיל ביטערער פאַר אונז, איז פאָרגעקומען אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן גופא. קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנ־דאָן, דער טשערמאַן פון פּיפּלס־רעליף, האָט ביי דער גרויסער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג לכבוד דער קאָנווענשאָן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויסגעלאַכט אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע איינשטעלונגען אין דער רעליף־אַרבעט. די רעדע האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג. איך, רעדנדיק אויף יענער גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג ווי אַ פאַרטרעטער פון אונזער צד, האָב פאָרמולירט אונזער צוגאַנג צום רעליף־פּראָבלעם. קעגן דעם איז געווען געוועגדעט די שאַרפע רעדע פון מאיר לאָנדאָן. פּנחס רוטענבערג, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צו יענער קאָנווענשאָן, האָט אויף מאָרגן געוואָלט פאָר־לייענען אַ דערקלערונג וועגן לאָנדאָנ׳ס רעדע. מיט 52 שטימען קעגן 43 איז רוטענבערג׳ס פאָרלאַנג אָפּגעוואָרפן געוואָרן. רוטענבערג׳ס דערקלערונג איז געווען אַ שריפטלעכע. זי פאַרדינט דאָ איבערגעגעבן צו ווערן:

> טויזנטער אידן זיינען געקומען צום נעכטיקן ריזיקן מאַסן־מיטינג און דורך דער ערנסטער און פייערלעכער שטימונג אויסגעדריקט זייער נאַציאָנאַלע סאָלי־דאַריטעט מיט די אידישע מלחמה־קרבנות אין אייראָפּע.
>
> דער טשערמאַן פון פּיפּלס־רעליף, האָנאָראַבל קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, האָט אין זיין שלוס־רעדע געמאַכט צו שפּאַט די שטימונג און אינהאַלט פון די פריערדיקע רעדנער און האָט גערופן „אויפצוהערן בלאָפן וועגן דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און זיך נאַריש מאַכן וועגן דער אידישער צוקונפט״.
>
> דער גאַנצער טאָן און אינהאַלט פון זיין רעדע זיינען געווען נישט אויפן אָרט אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג און האָבן צעשטערט די נאַציאָנאַל־ברידערלעכע שטימונג וואָס האָט אין איר געהערשט.
>
> דער כבוד פון אידישן פאָלק און פון די אידישע אַרבעטער איז מיין כבוד און אייער כבוד. אַלס איד און אַלס סאָציאַליסט פּראָטעסטיר איך קעגן דער רעדע פון מאיר לאָנדאָן אויף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג און שלאָג אייך פאָר, אויב איר וועט געפינען פאַר פּאַסיק, אָן דיסקוסיעס, בכדי נישט צו פאַרלירן אונזער צייט, אויסצודריקן אייער באַדויערונג וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

ס׳איז איבעריק צו פאַרצייכענען, ווי גרויס עס איז געווען אונזער פאַרביטערונג, ווען רוטענבערג׳ס פאָרלאַנג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אונזער געפיל פון אַחריות האָט אונז אָבער אויך דאָ געהייסן אָפּהיטן די גאַנצקייט און אַרבעטס־פעאיקייט פון פּיפּלס־רעליף. פּנחס רוטענבערג אַליין, נאָכדעם ווי זיין פאָרלאַנג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט געבראַכט פאַר דער קאָנ־ווענשאָן אַ גאַנצע ריי פאָרשלאַגן וועגן נייע אַרבעטס־פּלענער פאַר רעליף. ערשט ביי די וואַלן פאַר אַ נייעם טשערמאַן איז די פאַרביטערונג טיילווייז אויסגעדריקט געוואָרן. מאיר לאָנדאָן איז ווידער געווען דער קאַנדידאַט. און טראָץ דעם, וואָס לאָנדאָנ׳ס פריינט האָבן אין זיין נאָמען פאַרזיכערט, אַז ער

האַט נישט געמיינט דאָס, וואָס מען האָט אַריינגעטייטשט אין זיין רעדע, האָבן אַ פּאָר צענדליק דעלעגאַטן געפונען פאַר נויטיק צו רעגיסטרירן און פאַר־פּראָטאָקאָלירן זייערע שטימען קעגן מאיר לאַנדאַן. צווישן זיי איז אויך געווען אונזער דוד בן־גוריון, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער פּיפּלס־רעליף־קאָנווענשאַן.

יג.

אויף יענער ערשטער קאָנווענשאַן האָבן מיר אָבער געהאַט נישט בלויז עגמת־נפש. מיר האָבן אויך געהאַט גרויס נחת־רוח. אויסער דער אויבן־געבראַכטער דעקלאַראַציע, וואָס איז אויף איר אָנגענומען געוואָרן, זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָך דריי וויכטיקע באַשלוסן, וואָס דאַרפן באַצייכנט ווערן ווי נצחונות פון אונזער שטאַנדפּונקט.

עס איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען דער העפטיקער קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג. אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אַ ראַנגלעריי, צי דער ענין רעליף זאָל יאָ אָדער נישט פאַרהאַנדלט ווערן אויפן קאָנגרעס. מיר זיינען, נאַטירלעך, געווען פאַר דעם. מיר האָבן געוואָלט, אַז דער קאָנגרעס זאָל אַריינגעמען אַלע אידישע פּראָבלעמען. אונזערע הויפּט־קעגנער אין פּיפּלס רעליף זיינען געווען די זעלביקע כוחות, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דעם עצם־געדאַנק פון אַ אידישן קאָנגרעס. די קאָנווענשאַן פון פּיפּלס־רעליף האָט אָבער אָנגענומען צוויי באַשלוסן וועגן דעם, ביידע אין אונזער זין.

דער ערשטער באַשלוס איז געווען: „די קאָנווענשאַן רעקאָמענדירט דער נייער 140 קאָמיטע (דאָס איז געווען דער קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט צוזאַמענרופן דעם קאָנגרעס), זי זאָל אַרויפשטעלן אויפן טאָג־אָרדענונג פון קאָנגרעס די פראַגע פון קאָנסטרוקטיווער רעליף און אין פאַרבינדונג מיט דעם באַטראַכטן די פראַגע פון אַ נאַציאָנאַלער הלוואה".

דער צווייטער באַשלוס, פאָרגעשלאָגן פון שלום אַשן, האָט געזאָגט: „אויב דער אידישער קאָנגרעס וועט איבערנעמען די רעליף־אַרבעט... זאָל די נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונג (פון פּיפּלס־רעליף) צושטימען צו אַ געמיינשאַפט־לעכן טרעזשורער".

אַ דריטע פראַגע, וואָס איז שטאַרק דעבאַטירט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאַן, האָט זיך באַשעפטיקט מיטן פּראָבלעם פון אַריינציען נייע אַרבעטער און פאָלקס־כוחות אין אַ ספּעציעלן צעטיילונגס־אָרגאַן, וואָס „דזשאָינט" האָט אויפגעשטעלט אין בערלין. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן צוגעצויגן ווערן צום קאָמיטעט. די קאָנווענשאַן האָט זיך אָבער שאַרף צעטיילט אין דער פראַגע וועגן דעם טיפּ אידישע סאָציאַל־

דעמאָקראַטן. אונזער באַוועגונג איז געשטאַנען פאַר דעם, אַז נאָר אַזעלכע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען פאַר דער פאָדערונג פון אידישע נאַציאָנאַלע רעכט, זאָלן צוגעצויגן ווערן. שטאַרק געהאָלפן אין דעם האָט אונז ד״ר לעאָן מאָצקין, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער פיפּלס־רעליף־קאָנווענשאָן. דעם פּונקט האָבן מיר אויך געוואונען.

אין דעם פּונקט איז מיט אונז מיטגעגאַנגען אַ גרופּע בונדיסטן — מיט א. ליטוואַק׳ן בראש — וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער קוואַליפיקאַציע. דאַקעגן אַ גרופּע אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף נישט אַריינפירן קיין שום פּאָליטישע פראַגן אין דער הילפס־אַרבעט. ד״ר מאָצקין האָט זיי געענטפערט אויף דער טענה, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן: ווען דער פּאָליטישער מאָמענט וועט קומען, וועט מען ביי די, וועמען מיר האָבן געשענקט אונזער צוטרוי אין דער הילפס־אַרבעט, שטאַרק פרעגן אויך וועגן אונזערע פּאָליטישע פראַגן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער נייער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געוויילט געוואָרן אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס גענעראַל־פּאַרוואַלטער פון פּיפּלס־רעליף, וואָס איך בין געבליבן ביז פּיפּלס־רעליף איז געשלאָסן געוואָרן.

יד.

כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אין נאָך איין מאָמענט אין דער רעליף־אַרבעט האָבן זיך אונזערע וועגן צוזאַמענגעטראָפן מיט די בונדישע פירער, וואָס האָבן דאָ אויך געפירט די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. אויף דעם 4טן צוזאַמענפאָר פון פּיפּלס־רעליף (אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע אין מיטן נאָוועמבער 1920) איז עס געקומען צו אַ זייער שאַרפן צוזאַמענשטויס וועגן אונזער פאַרבינדונג מיטן „דזשאָינט״. מיר האָבן דעמאָלט געפאָדערט אַ באַלדיקן אַרויסטריט פון „דזשאָינט״. די טענה דעמאָלט*) איז געווען,

*) צוזאַמענשטויסן בנוגע באַציאונג מיטן „דזשאָינט״ זיינען פאָרגעקומען זייער אָפט אין פּיפּלס־רעליף. נישט איינמאָל האָט עס דערפירט צו פאָרשלאַגן וועגן אַרויסטריט. נישט אַלעמאָל זיינען אַזעלכע פאָרשלאַגן געקומען פון אונז. אויף אַ זיצונג פון פּיפּלס־רעליף, אָפּגעהאַלטן דעם 19טן אָקטאָבער 1917, האָט שלום אַש געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג. שלום אַש איז נישט געווען אין אונזער גרופּע. ער איז בכלל געווען מחוץ פון יעדער גרופּע. אין זיין נאַציאָנאַלער אויסטייטשונג פון דער רעליף־אַרבעט איז ער אונז אַלעמאָל געווען נאָענט. זיין פאָרשלאַג איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער „דזשאָינט״ האָט מיט עטלעכע טעג פריער באַשלאָסן, אַז דער רעליף־קאַמפּיין זאָל געפירט ווערן צוזאַמען מיטן קאַמפּיין פאַר דעם „דזשואיש וועלפעיר באָאַרד״ (אַ קאָמיטעט, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו זאָרגן פאַר די אידישע סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי). פּיפּלס־רעליף

אַז „דזשאָינט" רעכנט זיך נישט מיט די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער און אַז זיינע אַרבעטס־מעטאָדן זיינען בכלל נישט צוגעפּאַסט צו די אמתע נויטן פון די אידישע מאַסן. אונזער באַוועגונג, וואָס האָט שטענדיק פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון מער זעלבסטשטענדיקייט פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן און וויניקער נאָכגיביקייט דער אידישער גבירה׳קראַטיע, האָט דעמאָלט צוגעקראָגן די הילף פון די בונ־דישע פירער. צו אַן ענדגילטיקן אַרויסטריט האָבן מיר נישט געקענט ברענגען. מיר האָבן זיך בלויז דערשלאָגן צו אַ טיילווייזער זעלבסטשטענדיקייט: די פּיפּלס־רעליף האָט אויף יענער קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז „אַ פּראָצענט פון די געלטער, וואָס ווערן געזאַמלט פון פּיפּלס־רעליף־קאָמיטעט, סיי דירעקט, סיי דורך די „דזשאָינט"־דראַיווס, זאָל פאַרברויכט ווערן, לויט דער אָנווייזונג פון פּיפּלס־רעליף, צו העלפן די אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין די מלחמה־לענדער, דורך די פאַראייניקטע אַרבעטער־רעליף־קאָמיטעטן אין אייראָפּע". דאָס איז געווען דער קאָמפּראָמיס. ביים אָפּשטימען האָט אונזער בלאָק געשטימט קעגן דעם קאָמפּראָמיס, די בונדישע גרופּע — פאַר.

כאַראַקטעריסטיש איז דערביי געווען די שלוס־רעדע פון דעם באַקאַנטן בונדיסט צביון. ער האָט געזאָגט:

„עס איז מיין ערשטע דערפאַרונג צו זיין אין אַ בלאָק מיט די פּועלי־ציון. מיין שטימונג איז נישט קיין געהויבענע, ווי נאָך אַ קאָמפּראָמיס. מיר איז זעלטן אויסגעקומען צו זיין אין אַ מאַיאָריטעט, און טאָמער האָט זיך מיר געטראָפן ביי אָט־דער קאָנווענשאָן יאָ צו זיין אין אַ מאַיאָריטעט, האָב איך זיך אַליין דערשראָקן זיך צו באַנוצן דערמיט. איך האָב מקנא געווען די פּועלי־ציון דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין דער מינאָריטעט און האָבן געקענט שטימען קעגן דער קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע. איך פיל זיך געשלאָגן דורכן קאָמפּראָמיס".

צביון׳ס טעות איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז אונזער גרופּע האָט געשטימט קעגן קאָמפּראָמיס נאָר דערפאַר, ווייל מיר זיינען געווען אין דער מינאָריטעט. אונזער חשבון מיט „דזשאָינט" האָבן מיר די גאַנצע צייט געהאַט. מיר האָבן קיין סוד נישט געמאַכט, אַז מיר האָבן געזען אַ גרויסע סכנה אין דעם, וואָס „דזשאָינט" האָט מאָנאָפּאָליזירט די הילפס־אַרבעט. פאַר אונז איז דאָס נישט בלויז געווען אַ פראַגע פון יענעם

איז געווען דורכאויס קעגן צוזאַמענמישן די צוויי פונקציעס אינאיינעם. ווי אַ פּראָטעסט קעגן „דזשאָינט" פאַר דעם באַשלוס, האָט שלום אַש געבראַכט זיין פאָרשלאַג, וועלכער איז אויך נישט אָנגענומען געוואָרן.

מאָמענט־אינטערעס, אַז אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע זאָלן נישט דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויפן חסד פון „דזשאָינט״־פאַרטרעטער. פאַר אונז איז „דזשאָינט׳ס״ אַרויסשיילן די רעליף־אַרבעט פון גאַנצן קאָמפּלעקס פון אידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן; זיין נישט וועלן זיין פאַר־בונדן מיט אַן אָרגאַניזירטן וועלט־פאָלק, ביי וועמען רעליף איז בלויז איינע פון זיינע פּראָבלעמען; דעם „דזשאָינט׳ס״ אויסגעוואָקסענע השפעה צוליב זיין מאָנאָפּאָל אויף אידישע רעליף־פאָנדן — אַ השפּעה, וואָס ער נוצט אויס פאַר דער פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון זיינע עלעמענטן אין אידישן פאָלק — אָט די אַלע אונזערע איינשטעלונגען קעגן „דזשאָינט״, וואָס זיינען אַרויסגע־וואַקסן פון אונזער נאַציאָנאַלן צוגאַנג צו דער רעליף־אַרבעט, האָבן אונז נישט געלאָזט אָננעמען קיין קאָמפּראָמיסן. דערפאַר זיינען אַזוי זעלטן געווען די פאַלן, ווען מענטשן פון צביון׳ס איינשטעלונג זיינען געגאַנגען מיט אונז קעגן „דזשאָינט״. אין די מערסטע פאַלן זיינען זיי געגאַנגען מיטן „דזשאָינט״ קעגן דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אין דער הילפס־אַרבעט.

יד.

די באַציאונג צו ארץ־ישראל איז גאַנץ אָפט פאַרהאַנדלט געוואָרן אין דעם פיפּלס־רעליף. ארץ־ישראל, דאַרף מען געדענקען, איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ דירעקט מלחמה־לאַנד מיט אַ סך מלחמה־קרבנות. די אַרבעט פון „דזשאָינט״ האָט זיך בכן געדאַרפט אָפט באַשעפטיקן מיט ארץ־ישראל. די פאַרטרעטער פון פיפּלס־רעליף האָבן דאָרט געדאַרפט נעמען אַ שטעלונג. אויסער דעם האָט פיפּלס־רעליף אַליין באַשטימט סכומים פאַר אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין אַלע מלחמה־לענדער. מען האָט דעריבער געמוזט באַשליסן אויך וועגן די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין ארץ־ישראל. דער קאַמף פאַר ארץ־ישראל אינעם רעליף־געביט איז בכן געוואָרן איינע פון די באַדייטנדיקסטע אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג. אין די ערשטע יאָרן פון פיפּלס־רעליף איז אונזער קאַמף פאַר אָנערקענען ארץ־ישראל געווען זייער אַ שווערער. מיט יעדן יאָר ווייטער אין דער אַרבעט, איז אונזער קאַמף געוואָרן אַלץ גרינגער. ארץ־ישראל האָט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַראינ־טערעסירט אידישע אַרבעטער־פירער און פאַרשטייער פון אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. פון די קולטור־פאָנדן פון פיפּלס־רעליף האָט זיך ביסלעכוויין איינגעשטעלט אַ פעסטע פּראָפּאָרציע: 10 פּראָצענט פון אַלע געלטער, וואָס פיפּלס־רעליף האָט געשיקט פאַר אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין אַלע מלחמה־לענדער, איז געשיקט געוואָרן פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן פון דער

אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. אונזער פאַרזוך צו פאַרגרעסערן דעם פּראַצענט — ווייל די קולטור־אינסטיטוציעס פון אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן — איז אונז נישט געלונגען. אַ וויכטיקערע זאַך: אידישע אַרבעטער־פירער האָבן געמאַכט זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל דורך פיפּלס־רעליף. וואָס נעענטער זיי האָבן זיך באַקענט, אַלץ טיפער איז געוועז זייער פאַראינטערעסירטקייט. ביז דער באַדן איז, דורך פּיפּלס־רעליף, צייטיק געוואָרן פאַר די מאַקס פּיינס, די שיפּליאַקאָווס, די מאַקס צוקערמאַנס, די דזשעיקאָב גאָלדשטיינס און אַ סך אַנדערע צו ווערן די ערשטע בויער פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל. וועגן דעם וועט דערציילט ווערן אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען.

טו.

די באַציאונג צו קולטור־אַנשטאַלטן און צום גאַנצן קולטור־וועזן איז אויך געווען אַ פּונקט פון אינערלעכן קאַמף אין דער רעליף־אַרבעט. אונזער באַוועגונג האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם באַשלוס פון פּיפּלס־רעליף איינצושליסן קולטור־אַרבעט אין הילפס־געביט. געווען אויך אין פּיפּלס־רעליף אייניקע קעגנער. דעם הויפּט־קאַמף פאַר איינשליסן הילף פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן אין דער אַלגעמיינער הילפס־אַרבעט האָבן מיר אָבער געדאַרפט פירן אין „דזשאָינט" *). נישט קיין קלענערע פיגור ווי לואי מאַרשאַל איז נאָך סוף זומער 1919 העפטיק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג אין האָטעל אַסטאָר — וואָס „דזשאָינט" האָט צוזאַמענגערופן אין אויגוסט 1919, אויסצוהערן אַ באַריכט פון אירע דעלעגאַציעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון איראָפּע — האָט אויסגעבראָכן דער דאָזיקער העפטיקער

---

*) דער ערשטער קאַמף פאַר איינשליסן קולטור־אַנשטאַלטן צווישן די, וואָס באַקומען געלט פון די רעליף־פאָנדן, איז פאָרגעקומען אַזוי פרי ווי דעצעמבער 1916. פּיפּלס־רעליף האָט פאָרגעשלאָגן אין „דזשאָינט" אָפּצושיקן 10 טויזנט דאָלאַר קיין וואַרשע צום דינעזאָן, מעדעם און רייכמאַן־קאָמיטעט (אַ קאָמיטעט פאַר דער גרינדונג פון אידישע שולן און קינדער־היימען אין פּוילן. דינעזאָן האָט פאַרטראָטן די אידישע שרייבער, מעדעם — דעם „בונד" און רייכמאַן — די פּועלי־ציון). „דזשאָינט" האָט אָפּגעזאָגט. פּיפּלס־רעליף האָט דאַן רעוואָל־טירט און אַליין, פון אירע געלטער, אָפּגעשיקט די 10 טויזנט דאָלאַר. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוברייטערן איבער גאַנץ פּוילן די אַרבעט פון דעם דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט.

אין פּיפּלס־רעליף איז דערפון געוואָרן אַ ביטערע שטימונג קעגן „דזשאָינט". דעם 21טן דעצעמבער 1916 ווערט אַפילו אויסגעקליבן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס זאָל ערנסט באַטראַכטן אונזערע וויטערדיקע באַציאונגען מיט „דזשאָינט". קיין ראַדיקאַלע ענדערונג איז דערפון אויך נישט אַרויסגעקומען.

קאַמף. פון דער זייט פון פיפּלס־רעליף איז דער קאַמף געפירט געוואָרן דורך שלום אַשן און דעם שרייבער פון די שורות. לואי מאַרשאַל האָט זיך בעיקר געשטיצט אויף באַריכטן פון דזשעיקאָב ביליקאָף, וואָס האָט געוואָרנט דעם „דזשאָינט" נישט איינצושליסן די זאָרג פאַר קולטור־אַנשטאַלטן אין זיין אַרבעטס־פעלד. פיפּלס־רעליף איז אַרויס פון יענער זיצונג מיט אַ גרויסן נצחון. די הילף פאַר קולטור־אַנשטאַלטן איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער הילפס־טעטיקייט.

דערביי האָט זיך אָבער אַרויסגעוויקלט אַ מאָדנע דערשיינונג. דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט אַ געוויסן סכום יערלעך פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן. ער האָט אויך באַשטימט דעם פּראָצענט, וואָס דאַרף אויסגעגעבן ווערן פאַר די אָרטאָדאָקסישע קולטור־אַנשטאַלטן, פאַר די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן און פאַר סתם אידישע קולטור־אַנשטאַלטן. די השגחה איבער די אָרטאָדאָקסישע קולטור־אַנשטאַלטן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענטראַל־רעליף. ער האָט באַשטימט, וויפל צו שיקן אין יעדן לאַנד און צו וועמען עס צו שיקן. דער פיפּלס־רעליף האָט באַקומען די זעלביקע רעכט פאַר די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן. די סתם־אידישע קולטור־אַנשטאַלטן זיינען געבליבן אונטער דער השגחה פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע". אין איר „יוריסדיקציע" זיינען בכן אַריינגעקומען אַלע אַנשטאַלטן פון דער גרויסער העברעאישער „תרבות"־באַוועגונג. אַזוי ווי די פירער פון „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע" האָבן צום גאַנצן ענין געהאַט נישט קיין זייער פּאָזיטיווע באַציאונג, זיינען די העברעאישע קולטור־אַנשטאַלטן געוואַלדיק געקריוודעט געוואָרן. אונזער באַוועגונג האָט וועגן דעם נישט איינמאָל אינטערפּעלירט אין „פיפּלס רעליף קאָמיטע". אונז איז אָבער נישט געלונגען צו ענדערן דעם צושטאַנד.

דער ספּעציעלער אינטערעס פון אונזער באַוועגונג אין דער קולטור־אַרבעט האָט זיך אויסגעדריקט נישט בלויז אין פּרינציפּיעלן קאַמף פאַר דעם. אין מיטן זומער 1917 איז דורך די צוויגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און די פּועלי־ציון דורכגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלער טעג־טאָג פאַר די אידישע קינדער־שולן אין אַלע מלחמה־לענדער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט שיינע עטלעכע טויזנט דאָלאַר *).

*) דאָס איז, אַגב, נישט געווען די איינציקע אַרבעט אָנגעפירט דירעקט פון אונזער באַוועגונג. אין 1921 האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד דורכגעפירט אַן אייגענעם טעג־טאָג פאַר רעליף, וואָס האָט אַריינגעבראַכט 10 טויזנט דאָלאַר. איך שטעל אָבער בעיקר דעם טראָפּ אויף אונזער השפּעה וועגן דעם מהות פון דער רעליף־אַרבעט. דערפאַר רעכן איך נישט אויס די באַזונדערע געלט־אַקציעס פון אונזער באַוועגונג.

טז.

נאָך אַ פּונקט פון אומגעהויערער באַדייטונג איז געווען די באַציאונג צום גאַנצן ענין פון קאָנסטרוקטיווער רעליף. איך האָב שוין ציטירט די דעקלאַראַציעס וועגן דעם ביי די קאָנווענשאָנס פון פּיפּלס־רעליף. אונזער באַוועגונג האָט געוואונען אין דעם פּונקט. כאָטש אַזוי שפּעט ווי אין 1922־3 וואַרפן אונז נאָך פאַר באַדייטנדיקע פירער פון פּיפּלס־רעליף קאָמיטע, אַז מיר זוכן אַרויפצוצווינגען אויף די רעליף־אָרגאַנען מלוכה־אויפגאַבן, איז אָבער אָפיציעל פּיפּלס־רעליף פון אָנהויב אָן געווען פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. אויף דער צווייטער נאַציאָנאַלער פּיפּלס־רעליף־קאָנווענשאָן (אָפּגעהאַלטן אין קליוולאַנד אין מאַי 1918) איז דורך אונזערע חברים געבראַכט געוואָרן אַ דעטאַלירטער פּלאַן וועגן קאָנסטרוקטיווער אַרבעט און אַ פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, צו רעקאָמענדירן „דזשאָינט", ער זאָל אָפּטיילן אַ געוויסן פּראָצענט פון זיינע הכנסות ווי אַ רעזערוו־פאָנד פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט נאָך דער מלחמה. ווען די פאַרטרעטער פון פּיפּלס־רעליף זיינען געקומען מיט אָט־די פאָרשלאָגן צום „דזשאָינט", האָט לואי מאַרשאַל, אויף אַ גאַנץ הויכן קול, אָנגעשריען אויף אונזער איינציקן חבר, וועלכן מיר האָבן געהאַט אין „דזשאָינט" און וועלכער האָט אין נאָמען פון פּיפּלס־רעליף געבראַכט די דאָזיקע פּלענער צום „דזשאָינט". דאָס איז געווען דער שרייבער פון אָט־די שורות. מאַרשאַל'ס הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז קאָנסטרוקטיווע רעליף קען נאָר זיין אַן אויפגאַבע פאַר מלוכות. עס מוז דאָ אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז עטלעכע יאָר שפּעטער, אויף אַ ברייטער זיצונג פון „דזשאָינט" אין שיקאַגאָ, האָט מאַרשאַל אַליין שטאַרק געלויבט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פון „דזשאָינט", וועלכע ער האָט סוף־כל־סוף דאָך אונטערגענומען. די דאָזיקע לויב איז אָן ספק געווען אַ פאַרדינסטע. אונטערן פאָרזיץ פון שפּעטערדיקן גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק, הערבערט לעהמאַן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון „דזשאָינט" פאַר קאָנסטרוקטיווע פּלענער. אַ גרויסער טייל פון די פריער־פאַרוואָרפענע פּלענער פון פּיפּלס־רעליף האָבן געקראָגן זייער תיקון. אויף דעם געביט, שיינט מיר, האָט „דזשאָינט" די גרעסטע פאַרדינסטן.

די גרייטקייט פון לואי מאַרשאַל איינצושטעלן זיך, אויף אַן אמתן מאַרשאַל־אופן, פאַר מיינונגען און פּרינציפּן, וואָס ער האָט פריער פון זיי נישט שטאַרק, אָדער גאָר אינגאַנצן נישט געהאַלטן, האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זייער אָפט געזען. אַמשאַרפּסטן האָט מען עס טאַקע געזען אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג און אין דעם אופן, ווי ער האָט פאַרטראָטן אין ווערסאַי די פאָרמולירטע פּרינציפּן פון דעם ערשטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. עס איז

אָבער כדאַי צו פֿאַרצייכענען אַ וויכטיקן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אויפֿן רעליף־שטח.

יז.

דאָס איז געווען אינעם סאַמע־ברען פֿון דעם קאַמף אַרום דער פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר אידן אין די ניי־אויפֿגעשטעלטע אָדער פֿאַרגרע־סערטע איראָפּעאישע לענדער (אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל ווערט דערציילט וועגן יענעם קאַמף, און וואָס פֿאַר אַ שטעלונג די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", אונטער מאַרשאַל'ס פֿירערשאַפֿט, האָט צו דעם קאַמף גענומען). אין דער שטאָט בענגאָר פֿון שטאָט מעין איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ סטייט־צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע אידישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס פֿאַר די מלחמה־קרבנות. לואי מאַרשאַל איז געווען דער הויפּט־גאַסט פֿון יענער קאָנפֿערענץ. דער שרייבער פֿון די שורות איז אַהין דעלעגירט געוואָרן פֿון פּיפּלס־רעליף־קאָמיטעט. זונטיק ביינאַכט — די פּינקטלעכע דאַטע געדענק איך נישט, אָבער דאָס איז פֿאָרגעקומען עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי אַמעריקע איז אַריינ־געטראָטן אין דער מלחמה — איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מיטאָג לכבוד דער קאָנפֿערענץ. אינעם מיטאָג האָבן זיך באַטייליקט: דער גאָווערנאָר פֿון שטאָט מעין, דער מעיאָר פֿון דער שטאָט בענגאָר און נאָך אַנדערע געסט, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער פּרעזיצער פֿון בענגאָרער האַנדלס־קאַמער. אַלע האָבן, נאַטירלעך, באַגריסט. צווישן זיי אויך דער לעצט־דערמאָנטער. ער האָט אין זיין באַגריסונג דערציילט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין בענגאָר אַ גרויסע אַקציע פֿאַר „ליבערטע לאָונס" און די אידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַקציע. ער האָט זייער געלויבט זייער פּאַטריאָטיזם און פֿאַרענדיקט מיט פֿאָלגנדיקן זאַץ:

"I hope that as a result of this war we will all forget our ancestries, we will all forget our previous ties and we will become a homogeneous American nation."

(אין אידיש: איך האָף, אַז ווי אַ רעזולטאַט פֿון אָט־דער מלחמה וועלן מיר אַלע פֿאַרגעסן אונזער אָפּשטאַם, מיר וועלן פֿאַרגעסן אונזערע פֿריערדיקע פֿאַרבינדונגען און מיר וועלן ווערן אַ האָמאָגענע אַמעריקאַנער נאַציע).

לואי מאַרשאַל האָט געענטפֿערט אין נאָמען פֿון דער קאָנפֿערענץ אויף די אַלע באַגריסונגען. ווי דער צווייטער ניו־יאָרקער גאַסט בין איך געזעסן לינקס פֿון אים. ווען ער איז, אין זיין ענטפֿער, צוגעקומען צום אויבן־ציטירטן זאַץ, האָב איך דערשפּירט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט אים דורכגענומען. זיין לייבן־שטימע איז געוואָרן ברומענדיקער. מיט שטאָלץ און

ווירדע, צו וועלכער ער האָט זיך אַלעמאָל דערהויבן, ווען ער האָט גערעדט וועגן ענינים, וואָס האָבן טיף באַרירט זיין נשמה, האָט ער אויסגערופן:

"To forget our ancestries—under no circumstances!"

און ער האָט קלאָר און דייטלעך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק: אויב אַפילו אַנדערע עטנישע גרופן קענען אָננעמען אַזאַ עצה, קענען און טאָרן אידן בשום אופן דאָס נישט טאָן, ווייל אידן זיינען אין גאָר אַן אַנדער לאַגע. דער איטאַליענער, דער דייטש, דער פראַנצויז, דער מיטגליד פון יעדער אַנדערער עטנישער גרופע, וואָס לעבט אין אַמעריקע, ווען ער נעמט אָן אַזאַ עצה, ווייסט ער זייער גוט, אַז די קאָנטינואיטעט פון זיין אייגנאַרטיקער קולטור און פון זיין אייגנאַרטיקן לעבן איז פאַרזיכערט. אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך איז פאַרוואָרצלט און פאַרזיכערט דער המשך פון אָט־די באַזונדערע פעלקער. אויב אָבער דער אַמעריקאַנער איד וועט אָננעמען אַזאַ עצה, דאַרף דער איד אין פוילן, דער איד אין רומעניע, דער איד אין ענגלאַנד, דער איד אומעטום, וואו ער געפינט זיך, אויך אָננעמען אַזאַ עצה, ווייל אומעטום זיינען מיר דאָך מינאָריטעטן, אומעטום הייסט מען אונז פאַרגעסן אונזער אָפּשטאַם און אונזער אייגנאַרט — וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון דער קאָנטינואיטעט פון אידישן פאָלק? (ער האָט כסדר באַנוצט דעם טערמין „דזשואיש פיפל"). וויאַזוי קענען מיר זיך באַטייליקן אין אַ פּראָצעס, וואָס מוז פירן צום אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק?

דער איינדרוק פון זיין רעדע אויף דער גאַנצער פאַרזאַמלונג איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. מיר איז אָבער באַשערט געווען צו זיין אַן עדות פון אַ צווייטן עפּיזאָד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן ערשטן. צו דער רעכטער זייט פון לואי מאַרשאַל איז געזעסן דער גאָווערנאָר פון סטייט. צו מיין לינקער זייט איז געזעסן דער מעיאָר פון בענגאָר. הינטער אונזערע פּלייצעס האָבן זיי איינער צום אַנדערן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג וועגן מאַרשאַל'ס רעדע. איינער האָט קלאָר אויסגעדריקט דעם געדאַנק:

"He is absolutely right! We never looked upon it from this angle. How can a people undermine its own continiuty and efface itself entirely?"

(אין אידיש: ער איז פולשטענדיק גערעכט! מיר האָבן עס קיינמאָל נישט באַטראַכט פון אָט־דעם קוק־ווינקל. ווי קען טאָקע אַ פאָלק אונטערגראָבן זיין אייגענע קאָנטינואיטעט און זיך אינגאַנצן אַליין אָפּמעקן?)

דער צווייטער האָט דערצו מסכים געווען.

דער דאָזיקער וויכטיקער פּאָליטישער אינצידענט איז פאָרגעקומען אויפן

שטח פון דער רעליף־אַרבעט. דערפאַר געהערט ער צו דעם קאַפּיטל. ער געהערט אויך אַהער, ווייל אונזער באַוועגונג האָט זיכער בייגעטראָגן איר חלק צו דעם, אַז מאַרשאַל זאָל פאָרמולירן אַזאַ שטעלונג. עס איז אָבער אויך כדאי, אַז היינטיקע אַמעריקאַנער אידישע פאָרשטייער — צווישן זיי אויך טייל ציוניסטן — זאָלן זיך דערמאָנען, אַז דער „אַסימילאַטאָר" מאַרשאַל האָט געהאַט דעם מוט אָפּן אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז די אַמעריקאַנער אידן מעגן, אין ענינים פון אידישקייט, אַנדערש האַנדלען, אַפילו ווי אַנדערע מינאָריטעט־גרופּן אין אַמעריקע; ווייל אידן זיינען אומעטום אַ מינאָריטעט און זייער קיום שטייט אין אַ גרעסערער געפאַר, ווי דער קיום פון וועלכער ס'איז אַנדערער נאַציאָנאַלער מינאָריטעט. יענע גרופּע, וואָס מיינט, אַז זי איז ממשיך די טראַדיציע פון לואי מאַרשאַל, מעג אַוודאי זיך עס גוט אַריינ־נעמען אין זינען. אפשר וועט עס איר העלפן זיך באַפרייען פון איר כסדר־דיקן פחד־קאָמפּלעקס צו האַנדלען ווי באַוואוסטזיניקע שטאָלצע אידן אין אמתן הסכם מיט דער לואי מאַרשאַל־טראַדיציע.

יח.

אונזער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלן איינשטעל אין דער רעליף־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך אין דעם גרויסן געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּיפּלס־רעליף אַרום דער הילפס־אַרבעט אין רוסלאַנד, נאָך דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע. אין דעם קנויל פון פראַגן זיינען געווען אַריינגע־וויקלט, סיי די שטעלונג צום נייעם רעזשים אין רוסלאַנד, סיי די שטעלונג צו דער טרויעריק־באַקאַנטער אידישער יעווסעקציע און סיי אויך צום פּרינ־ציפּ פון אַ ספּעציעל־אידישער רעליף־אַקציע — להיפּוך צו דער איינשטעלונג פון אַ סך „דזשאָינט"־פירער און אויך אייניקע פּיפּלס־רעליף־מענטשן, אַז די אַרבעט זאָל געפירט ווערן דורך דער אַמעריקאַנער הואווער־אַדמיניסטראַציע. ווער עס וויל זיך באַקאַנען מיט אַלע פּרטים פון אָט־דעם געראַנגל, זאָל לייענען דאָס ספּעציעלע קאַפּיטל וועגן רוסלאַנד אין דעם אויבן־דערמאָנטן בוך „פּיפּלס רעליף אין אַמעריקע". פאַר דער גאַנצקייט פון דעם איצטיקן קאַפּיטל איז נאָר נויטיק אָנצוצייכענען, אַז וואָס איז שייך דעם קנויל פראַגן פון באַציאונג צום דעמאָלט־נייעם רעזשים און צו דער יעווסעקציע, זיינען אין אונזער באַוועגונג גופא געווען מיינונגס־פאַרשידנקייטן. וואָס איז אָבער שייך צו דעם פאַרזוך, אַז פּיפּלס־רעליף זאָל פירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַקציע אין רוסלאַנד, נישט דווקא דורך „דזשאָינט" (און זיכער נישט דורך דער הואווער־אַדמיניסטראַציע), וועגן דעם איז אונזער שטעלונג געווען אַן אייג־

הייטלעכע. מיר האָבן אויף דעם געביט אָפּגעהאַלטן אַ פאָרמעלן נצחון: פּיפּלס־רעליף האָט זיך געשטעלט אויף אונזער שטאַנדפּונקט. אַן אָנהויב פאַר אַזאַ זעלבסטשטענדיקער אַקציע איז געמאַכט געוואָרן. איך אַליין האָב געהאַט דעם כבוד געווײלט צו ווערן ווי דער איינשטעלער און אָנפירער פון דער זעלבסטשטענדיקער אַקציע. כ׳בין שוין געווען אין בערלין און געפירט די לעצטע פאַרהאַנדלונגען מיט פאָרשטייער פון רוסישן אידגעזקאָם (ראשי־תיבות פון „אידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט״). אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדענונג, ביז דער פּיפּלס־רעליף אין ניו־יאָרק האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט דעם פאַרטרעטער פון אידגעזקאָם אין אַמעריקע, ד״ר דובראָווסקי. דעמאָלט האָט מען מיר אין בערלין געמאָלדן, אַז אויב איך וויל אַרײנפאָרן ווי אַ פּריוואַט־פּערזאָן קיין רוסלאַנד, איז מיין וויזע גרייט. אויב איך באַשטיי אָבער צו פאָרן ווי אַ פאַרטרעטער פון פּיפּלס־רעליף, מוז מיין וויזע צוריק־געצויגן ווערן. נאַטירלעך, האָב איך די פּערזענלעכע אײנלאַדונג נישט אָנגענומען. מיין שליחות איז געווען צו פירן הילפס־אַרבעט צווישן די רוסישע אידן, און נישט סתם מאַכן זיי אַ באַזוך.

יט.

אין דער צווישן־צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די שפּאַלטונגען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג דורך די אידישע קאָמוניסטן. אַ טייל האָבן פאַרלאָזט דעם פּיפּלס־רעליף. די נייע רוסישע רעגירונג פון איר זייט האָט בכלל אַלץ מער אָנגענומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו רעליף־אַרבעט פון אויסלענדישע קערפּערשאַפטן. זי האָט בלויז דערלויבט ד״ר יוסף ראָזען, דעם פאַרטרעטער פון „דזשאָינט״, צו העלפן פירן די פאַרשידענע אידישע קאָלאָניזאַציע־פּלענער אין רוסלאַנד. פּיפּלס־רעליף האָט דעמאָלט בכלל אָנגעהויבן ווערן אַלץ שוואַכער. דער הויפּט־געוויכט פון זאַמלען געלט איז איבער־געטראָגן געוואָרן אויף די (דורך עקספּערטן) גוט־געפּלאַנטע בשותפותדיקע קאַמפּאַניעס. די ספּעציעלע נוצלעכקייט פון פּיפּלס־רעליף איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ קלענער. ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו פאַראייניקן זיך מיט „אָרט״. פאַרזוכן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן, אַז פּיפּלס־רעליף זאָל ווערן אַ קערפּערשאַפט בלויז פאַר העלפן די קולטור־אינסטיטוציעס. דער גלאַנץ פון די ערשטע יאָרן איז אַראָפּ. ביז פּיפּלס־רעליף האָט אָפיציעל באַשלאָסן זיך צו ליקווידירן.

געבליבן איז, אויסער דער אָפּגעטוענער אַרבעט, בלויז איין ירושה: די פאַרטרעטער פון פּיפּלס־רעליף זיינען געבליבן פּערמאַנענטע מיטגלידער

אין „דזשאָינט״, אַפילו נאָך דער ליקווידאַציע פון פּיפּלס־רעליף. „דזשאָינט״ איז געוואָרן נישט קיין פאַרטרעטער פון באַזונדערע קאָמיטעטן, נאָר אַ קאָמי־טעט, וואָס קלייבט זיך אַליין אויס און קאָאָפּטירט אַמאָל וועמען ער וויל. די פריערדיקע פּיפּלס־רעליף־פאַרטרעטער זיינען אויך „פּאַראייביקט״ געבליבן אין „דזשאָינט״. איין איינציקן אויסנאַם האָבן זיי געמאַכט אין דער „רעאָרגאַניזאַציע״: דעם איינציקן פאַרטרעטער פון אונזער באַוועגונג אין „דזשאָינט״ האָט מען אין דער נייער „רעאָרגאַניזאַציע״ נישט אַריינגענומען. דאָס איז סימבאָליש: איז די הילפס־אַרבעט געוואָרן אויס פאָלקס־באַוועגונג, האָט דאַרט טאַקע אונזערס אַ פאַרטרעטער נישט וואָס צו טאָן. אונזערס אַ חבר קען אין אַזאַ קערפּערשאַפט זיין נאָר ווי אַ שליח פון אַ באַוועגונג. פאַר אונ־זערס אַ מענטש קען די הילפס־אַרבעט נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יחידישן ענין.

כ.

נאָך איין שאַרפער געראַנגל דאַרף פאַרצייכנט ווערן: די קאַרלסבאַדער וועלט־הילף־קאָנפערענץ פון 1920. דעם פּלאַן צו מאַכן פון הילפס־פּראָבלעם אַ אידישע וועלט־אויפגאַבע — דורך דער אויפשטעלונג פון אַ וועלט־הילף־אָרגאַניזאַציע — האָט פאָרגעשלאָגן דער שוין אויבן־דערמאָנטער ד״ר לעאָן מאָצקין. אונזער באַוועגונג האָט דעם פּלאַן געשטיצט. אין פּיפּלס־רעליף האָבן מיר פאַרצייכנט אַ נצחון. טראָץ דעם באַשלוס פון „דזשאָינט״ זיך נישט צו באַטייליקן אין דער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ, האָט פּיפּלס־רעליף געוואָגט צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק. זי האָט יאָ געשיקט אַ דעלעגאַציע. מיט אָט־דער מאָס פון זעלבסטשטענדיקייט האָט זיך אָבער איר מוט אויסגעשעפּט. אירע געזאַמלטע געלטער האָט זי נישט געשיקט צו די אָרגאַנען פון דער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ. זי איז אַלץ געבליבן פאַרבונדן מיט „דזשאָינט״. אין דעם קאַמף האָבן אונז די בונדיסטיש־איינגעשטעלטע מיטגלידער אין פּיפּלס־רעליף נישט געהאָלפן. זיינען דעריבער די סכומים, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט געזאַמלט פאַר רעליף־צוועקן, נישט אַריינגעגאָסן געוואָרן אין דער וועלט־אָרגאַניזאַציע. וועלט־רעליף — דער פאַרקירצטער נאָמען פון וועלט־רעליף — האָט בכן געפירט אַ זייער אָרעמע עקזיסטענץ. אַמעריקאַנער אידישע איזאָלאַציע האָט אויך דאָ געקראָגן איר פונט פלייש: אַ גרויסער געדאַנק מיט אַ געוואַגטן אָנהויב איז דורכגעפאַלן. „דזשאָינט״־מאַנאָפּאָל האָט טריאומפירט.

כא.

מען מוז זאָגן דעם אמת: ווען די הילפס־אַקציע איז געווען אַ פאָלקס־

באַוועגונג, ווען זי האָטווירקלעך פאַרמאָגט נשמה, האָבן מיר זי געקענט באַאײַנפלוסן. אויך שפּעטער האָט אונזער באַוועגונג אויסגעאיבט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַקציע, וואו נאָר זי איז באמת געפירט געוואָרן צווישן אידישע מאַסן. אין אַרגענטינע און אין טשילי, אין בראַזיל און אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער איז אונזער השפּעה געווען גאָר־גאָר אַ באַ־דייטנדיקע. דאָרט האָט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס אָנגעהויבן די אַקציע און געפירט זי במשך פון זיבן יאָר. נישט אַזוי אָבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

ווען דער צווייטער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן, האָבן מיר געמאַכט עטלעכע פאַרזוכן אויפצולעבן אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע, ווי די געוועזענע פאָלקס־הילף. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פאַרטיי און אַלע אַנדערע צווייגן אונזערע זײַנען געווען גרייט דערצו. מיר האָבן זיך געווענדעט צו אונזערע נאַטירלעכע שותפים אויף דעם געביט, צו די אָרגאַני־זאַציעס, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אין דער אַלטער פאָלקס־הילף האָבן מיר זיך מיט זיי זייער אָפט געקריגט. אָבער מיר האָבן שטענדיק געפילט, אַז מיר אַלע געהערן צו דער אידישער פאָלקס־מאַסע; און אַ אידישע מאַסן־הילפס־טעטיקייט דאַרף אײַנשליסן אַלע אונזערע און אַלע זייערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק אויפצולעבן די פאָלקס־הילף־אָרגאַניזאַציע.

זיי, וואָס האָבן אונז אין די פריערדיקע צײַטן פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס מיר טיילן נישט אָפּ רעליף פון פּאָליטישע פראַגן, האָבן איצט אָנגענומען אַ שטע־לונג, אַז סיי זייער רעליף־אַקטיוויטעט, סיי זייערע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן מוזן זײַן אײַנגעשלאָסן אין איין־און־דער זעלביקער אָרגאַניזאַציע — אין אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. זיי האָבן זיך דערקלערט גרייט צו גיין מיט אונז צוזאַמען נאָר דורכן אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און מיר מוזן צוליב דעם איבעררײַסן אונזערע אַפיליאַציעס מיט אַנדערע אידיש־פּאָליטישע קערפּערשאַפטן. אונזער באַוועגונג האָט דעם דאָזיקן אולטימאַטום נישט געוואָלט אָננעמען. מיר זײַנען אין אַרבעטער־קאָמיטעט נישט אַרײַן. דורכ־דעם זײַנען מיר געבליבן מחוץ פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט. קיין אײַנ־פלוס אויף דער גאַנצער הילפס־פּאָליטיק האָבן מיר שוין מער נישט אויס־געאיבט.

ווען דאָס, וואָס מיר האָבן נישט קיין אײַנפלוס אויף דער הילפס־אַרבעט, וואָלט געקענט בלײַבן נישט מער ווי אונזערס אַן אייגענער ווייטיק, וואָלט דאָן קיין גרויס אומגליק נישט געווען. פאַר אונזער באַוועגונג איז אַוודאי

אַזאַ לאַגע געווען זייער־זייער נישט באַקוועם. אָבער דאָס אידישע פאָלק וואָלט געמעגט אַריבערגיין איבער אונזער אומבאַקוועמלעכקייט צום סדר־היום. איז אָבער די צרה, וואָס די דאָזיקע דערשיינונג איז בלויז אַ סימפּטאָם פון דער גאַנצער קראַנקער לאַגע, אין וועלכער די הילפס־אַרבעט געפינט זיך נאָך עד היום הזה.

כב.

איך גלויב נישט, אַז עס געפינען זיך נאָך איצט אַזעלכע נאַאיווע מענטשן, וואָס גלויבן נאָך אַלץ, אַז די הילפס־אַרבעט האָט געקענט אָפּגעריסן ווערן פון גאַנצן שטח פון אידישע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע נויטן. איך גלויב נישט, אַז עס געפינען זיך נאָך איצט אַזעלכע חסידים פון „דזשאָינט", וואָס מיינען באמת, אַז די פירער פון „דזשאָינט" האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּאָליטישע אויסרעכענונגען אין זייערע אַרבעטן. דער שטאַרקסטער פּאָליטישער כוח, וואָס האָט נישט דערלאָזט אויפצובויען אַן אמתע אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ און וואָס האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער אַלע אַזעלכע פאַרזוכן, איז געווען דער כוח פון „דזשאָינט". זיינע מענטשן האָבן אין 1937 געטאָן אַלץ בכדי נישט צו דערלאָזן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזירונג פון פּוילישן אידנטום, ווי אַ טייל פון אַן אָרגאַניזירטן וועלט־פאָלק. זיינע מענטשן האָבן געטאָן אַלץ אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער קעגן דעם געדאַנק פון אויפשטעלן אַזאַ אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ, כאָטש דער געדאַנק האָט דאָרטן געשלאָגן טיפע וואָרצלען. אַוודאי האָבן זיי געדענקט, אַז אַזאַ אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ איז געפערלעך. אַוודאי זיינען זיי באַרעכטיקט צו אַזאַ מיינונג. אָבער דאָס איז שוין אַ פּאָליטישע מיינונג. און אויב זיי גיבן אויס געלט און ענערגיע, אויב זיי נוצן אויס דעם צוטרוי, וואָס אידן פון צפון־אַמעריקע האָבן זיי געשענקט אויפן רעליף־געביט, בכדי צו קעמפן פאַר זייערס אַ פּאָליטישער איינשטעלונג, האָבן נישט זיי און נישט זייערע פאַרטיידיקער געהאַט דאָס רעכט איבערצוחזרן די זעלביקע נאַאיוויטעט, אַז רעליף מיט פּאָליטיק טאָרן נישט געמישט ווערן. יעדע רעליף־אַרבעט האָט איר פּאָליטישע באַדייטונג און איר פּאָליטישע אויסווירקונג. מיט דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט צום „דזשאָינט" דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם הילפס־געביט, האָבן מיר אים געגעבן אַן אומגעהויערן כוח. ווי האָט אונז געוואָרנט ד״ר לעאָן מאָצקין אַזוי פרי ווי אין יאָר 1916: צו ווען מיר פאַרטרויען אונזער רעליף־בודזשעט, זיי וועט מען אויך פרעגן, צו זיי וועט מען זיך אויך צוהערן, ווען אונזערע פּאָליטישע אינטערעסן וועלן דאַרפן באַשלאָסן ווערן.

דאָך האָט דער „דזשאָינט" אויסגעפילט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע

אין אונזער לעבן; אָפטמאָל אַפילו קעגן די אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען פון זיינע הויפּט־אָנפירער. מיין אָפּשאַצונג וועגן דער געשיכטלעכער ראָלע פון „דזשאָינט״ האָב איך געגעבן אין מיין אַרבעט ״40 יאָר דזשאָינט״, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מיין בוך „אויפן וועג״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1956 אין ניו־יאָרק.

איך האָב דערמיט נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט דאָס קאַפּיטל „פיפלס־רעליף״. בפרט האָב איך נישט דערציילט וועגן אייניקע פּאַסירונגען אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. צו אָט־די פּאַסי־רונגען קער איך מיר איצט אום. דערביי ווייס איך, אַז אויסשעפּן דאָס גאַנצע קאַפּיטל וועל איך אויך נישט קענען, אַפילו ווען איך וועל האָבן דערציילט וועגן יענע פּאַסירונגען, צו וועלכע איך טרעט איצט צו. אויסגעשעפּט דאָס קאַפּיטל פיפלס־רעליף און די ראָלע אין אים פון אונזער גאַנצער באַוועגונג בכלל און מיין באַשיידענעם חלק בפרט, האָב איך אין דעם פריער־דערמאָנטן בוך „פיפלס־רעליף אין אַמעריקע״, וואָס איך האָב אָנגעשריבן און אים אַרויסגעגעבן אין יאָר 1925, כמעט אַ יאָר נאָכדעם ווי דער פיפלס־רעליף האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט. ווי געזאָגט אין אַ „פוס־באַמערקונג״ פריער, האָף איך צו קענען דערפירן דערצו, אַז פון יענעם בוך זאָלן געמאַכט ווערן מיקראָפילמען, בכדי ער זאָל זיך געפינען אין אַלע ביבליאָטעקן און זאָל דורכדעם זיין צוגענגלעך צו די אַלע וואָס ווילן מער לערנען וועגן יענער גרויסער פּרשה.

טיפּע ענדערונגען אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום

א.

מיין אַרבעט אין פּיפּלס־רעליף האָט מיך מחייב געווען צו מאַכן אַ סך רייזעס איבער אידישע קהילות, סיי אין צפון־אַמעריקע, סיי אין אייראָפּע. דערציילן וועגן אַלע איז אי נישט מעגלעך, אי נישט נויטיק. אָבער מיט איניקע פון אָט־די באַזוכן זיינען פאַרבונדן פּאַסירונגען, וואָס דאַרפן פאַר־צייכנט ווערן. וויניקער אַזעלכע זיינען געווען אין צפון־אַמעריקע און פיל מער אין אייראָפּע. וועל איך דאָס איצטיקע קאַפּיטל ווידמען צפון־אַמעריקע און דאָס קומענדיקע — צו אייראָפּע. אין ערשטן קאַפּיטל וויל איך בעיקר אונטערשטרייכן די ענדערונגען אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום במשך דער צייט זינט מיינע באַזוכן אין די יאָרן 8־1907 (דערציילט וועגן זיי אין ערשטן באַנד זכרונות, זייט 231 און ווייטער) און די באַזוכן במשך די יאָרן 24־1916. אָבער איידער איך גיי אַריבער צו אָט־די ענדערונגען, איז כדאי צו פאַר־צייכענען איניקע עפּיזאָדן פון דער פּיפּלס־רעליף אַרבעט אין דער פּראָווינץ. זיי קענען זיין אַ פּאַסיקער אַריינפיר צו דער טעמע וואָס איך וויל דאָ, ווייטער, באַהאַנדלען.

ב.

אין עטלעכע שטעט איז די גרינדונג פון פּיפּלס־רעליף צווייגן נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג. איך וועל נאָר ברענגען דריי ביישפּילן: ניו־הייוון, שיקאַגאָ און מינעאַפּאָליס. אָבער ענלעכע עפּיזאָדן זיינען פאָרגעקומען אין צענדליקער אַנדערע שטעט.

אין ניו־הייוון, קאָנעקטיקוט, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַ לאָקאַלן פּיפּלס־רעליף זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפער קעגנערשאַפט מצד צוויי גרופּן. די ווירטיקסטע אידישע משפחה אין ניו־הייוון אין יענער צייט, אין 1916, איז געווען די אולמאַן־משפחה. איר הויפּט, אולמאַן, איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַן דזשואיש רעליף קאָמיטע. ווי נאָר די ערשטע ידיעה וועגן דער גרינדונג פון אַ צווייג פון פּיפּלס־רעליף אין ניו־הייוון איז באַקאַנט געוואָרן, האָט אולמאַן פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז נאָר די אַמעריקאַן

דזשואיש רעליף קאָמיטע איז אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע קאָמיטע וואָס פּאַרדינט צוטרוי; אַז צו קיין אַנדער קאָמיטע זאָל קיין געלט נישט געגעבן ווערן. די הויפּט־ביוראָ פון פּיפּלס־רעליף אין ניו־יאָרק איז געווען געצוואונגען צו פּאַרעפנטלעכן אַ ספּעציעלן צירקולאַר, ווי אַן ענטפער אויף דער אולמאַן־אַטאַקע.

ווען די ווירקונג פון אַט־דער אַטאַקע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די אַרבעט האָט זיך ווידער איינגעשטעלט, איז געקומען אַ צווייטער מכשול. דאָס מאָל פון רעליגיעזע אידן. זיי האָבן פּשוט באַשולדיקט דעם פּיפּלס־רעליף, אַז דאָס געלט וואָס ער זאַמלט ווערט באַנוצט פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן, נישט פאַר רעליף. די הויפּט־ביוראָ האָט דאָס מאָל זיך שוין נישט באַגרענעצט צום צעטיילן אַ צירקולאַר צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין ניו־היווון, נאָר זי האָט וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע, בכדי אויך אין אַנדערע שטעט זאָלן זיך נישט איבערחזרן אַזעלכע באַשולדיקונגען קעגן פּיפּלס־רעליף.

דער ניו־היווענער צווייג פון פּיפּלס־רעליף האָט אויף דער נייער אַטאַקע געענטפערט מיט אַ „טעג־טאָג" פאַר פּיפּלס־רעליף, וואָס האָט אַריינגעבראַכט בערך איבער טויזנט דאָלאַר. דאָס האָט די טויער שטאַרק דערמוטיקט און זיי זיינען אָנגעגאַנגען מיט ווייטערדיקער דערפאָלגרייכער אַרבעט.

אין שיקאַגאָ איז די לאַגע געווען אַביסל אַנדערש. דאָרט האָבן זיך די רייכע אידן, ביים אָנהויב פון לאָקאַלן פּיפּלס־רעליף, נאָך נישט געהאַט אָרגאַניזירט פאַר דער רעליף־אַרבעט. עס האָט דווקא עקזיסטירט אַ רעליף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַמעריקאַן דזשואיש רעליף קאָמיטע", אָבער זי איז באַשטאַנען פון רעליגיעזע אידן און סתם אידישע בעלי־בתים. אַ גרויסע השפּעה האָט אויף איר אויסגעאיבט דאָס שיקאַגער טאָגבלאַט „דער אידישער קוריער". דער וויכטיקסטער שטריך פון אָט־די שיקאַגער געזעלשאַפטלעכע עסקנים איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן געוואָלט זיין אַבסאָלוט זעלבסטשטענדיק פון ניו־יאָרק אין אַלע זייערע אַקטיוויטעטן. זייער אומצופרידנקייט מיט די איניציאַטאָרן פון לאָקאַלן פּיפּלס־רעליף איז באַשטאַנען דערין, וואָס די לעצטע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נאַציאָנאַלער פּיפּלס־רעליף קאָמיטע, וואָס פונקציאָנירט אין ניו־יאָרק.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער עפּיזאָד: די לאָקאַלע פּיפּלס־רעליף איניציאַטאָרן האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ פון לאָקאַלע אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס צו פאַרשטאַרקן זייערע טעטיקייטן. די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן אויף דעם 21סטן נאָוועמבער 1915. אויפן פאַרלאַנג פון די שיקאַגער

איניציאַטאָרן האָט די צענטראַלע ביוראָ פון פיפּלס־רעליף זיך געווענדעט צום שיקאַגער „קוריער״, בעטנדיק אים צו העלפן אונזערע לאָקאַלע טוער דורכ־צופירן דערפאָלגרייך די קאָנפערענץ. אין אָט־דערווענדונג איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער הילף וואָס די ניו־יאָרקער אידישע צייטונגען גיבן דעם פיפּלס־רעליף. אויף דעם איז אָנגעקומען זייער אַ כאַראַקטעריסטישער ענטפער פון דעם דעמאָלטיקן מענעדזשינג־עדיטאָר פון „קוריער״, א. פּ. באַיאַרסקי. ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן:

„אייער צושריפט, מיטן אַרטיקל וועגן פּיפּלס־רעליף וואָס גרינדעט זיך אין שיקאַגאָ, איז איבערגעגעבן געוואָרן צום שרייבער פון אָט־די שורות — און איך הויב נישט אָן צו וויסן פון דעם ענין. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז ווען אַזאַ באַוועגונג וואָלט געווען אין שיקאַגאָ, וואָלט אונזער אָפיס זיכער געוואוסט דערפון. איך האָב מורא, אַז עפּעס אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער מאַן וויל אייך אַריינקיבעצן. ווי ווייט איך ווייס, איז דאָ אין שיקאַגאָ אַ לאָקאַלע הילפס־קאָמיטע וואָס טוט זייער גוטע אַרבעט; און שיקאַגער פאָלקס־מאַסן טוען זייער פליכט ווי ווייט נאָר זיי קענען. בעמענדיק אין באַטראַכט די אידישע באַפעלקערונג אין שיקאַגאָ, איז דאָ געשאַפן געוואָרן מער געלט ווי אין ניו־יאָרק״. ער ענדיקט דעם בריוו מיט דער בקשה אים צו טעלעגראַפירן ווער עס זיינען די שיקאַגער איניציאַטאָרן און „אויב זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען וועלן מיר זיי העלפן מיט וואָס מיר קענען״.

דער הויפּט־אָפיס האָט נאַטירלעך גלייך אינפאָרמירט דעם „קוריער״ ווער עס זיינען די איניציאַטאָרן. דער צייטווייליקער סעקרעטאַר פון דער איניציאַטאָרן־קאָמיטע איז געווען דווקא אַ גוט־באַוואוסטער אידישער כלל־טוער אין שיקאַגאָ, י. יורי. ער האָט באַקומען פון הויפּט־ביוראָ אַ קאָפּיע פון דעם „קוריער״־בריוו און ער איז גלייך, מיט נאָך צוויי חברים, אַוועק צו באַיאַרסקי׳ן, וואָס האָט זיי שטאַרק פאַרגעוואָרפן, הלמאי זיי האָבן זיך נישט געווענדעט גלייך צו אים דירעקט, נישט דורך ניו־יאָרק. ער האָט זיי געלערנט אַ פּרק, אַז שיקאַגאָ מוז אַליין אָנפירן מיט אירע אָנגעלעגנהייטן און נישט קריגן דירעקטיוון פון ניו־יאָרק. דערצו האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז נישט נויטיק צו גרינדן אַ נייע רעליף־אָרגאַניזאַציע. אַלע רעליף־טעטיקייטן דאַרפן געפירט ווערן אונטער דער אויפזיכט פון דער לאָקאַלער אַמעריקאַן דזשואיש רעליף קאָמיטע. אַלע געזאַמלטע געלט מוזן אַריינגעבראַכט ווערן אין דער שיקאַגער טרעזשורי. ער האָט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט צו דרוקן דאָס מינדסטע וועגן דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז נישט געווען זייער דערפאָלגרייך. זי האָט אָבער

אויסגעוויילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אָנגיין מיט דער אַרבעט. עטלעכע וואָכן זיינען אַריבער אין וויכוחים וויאַזוי צו פירן די אַרבעט. בעיקר איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע, אויב זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט דער לאָקאַלער אַמעריקאַן דזשואיש רעליף קאָמיטע — וועלכע האָט, אַ דאַנק דער קאָנפערענץ פון פּיפּלס־רעליף, אָנגעהויבן אַרבעטן מיט מער ענערגיע. זי האָט צוזאַמענגערופן אויף דעם 16טן יאַנואַר 1916 אַן אייגענעם רעליף־קאָנפערענץ. אַהין זיינען געקומען אַלע „גרויס־מאַסטערס" פון די גרויסע אָרדנס, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אין שיקאַגאָ אַ סך טויזנטער מיטגלידער. אייניקע פון די פּיפּלס־רעליף איניציאַטאָרן האָבן אַפילו אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַריינטרעטן אין יענער קאָמיטע און אויפגעבן זייערע געפּלאַנטע זעלבסט־שטענדיקע רעליף־אַקטיוויטעטן. איז אָבער פּונקט דאַן דורכגעפירט געוואָרן די גרויסע אַקציע איבערן לאַנד אין פאַרבינדונג מיט דעם „אידן־טאָג", וואָס פּרעזידענט ווילסאָן האָט פּראָקלאַמירט. אונזערע שיקאַגער וואָלונטירן האָבן דערשפּירט, אַז אין דער אַקציע קענען זיי אויפטאָן אַ סך און זיי האָבן זיך איר איבערגעגעבן מיט פולן ברען. דורך דעם „טעג־טאָג" איז דורך אונזערע וואָלונטירן אין שיקאַגאָ געזאַמלט געוואָרן איבער 11 טויזנט דאָלאַר. דאָס איז ממש געווען אַ פענאָמענאַלער דערפאָלג. די גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן נישט דערוואַרט צו זאַמלען מער ווי צוויי טויזנט דאָלאַר. (איך דאַרף כסדר אונטערשטרייכן, אַז די סכומים וואָס מענטשן האָבן בייגעשטייערט דורך די „טעג־טאָג" זיינען געווען פון אַן איינציקער פעני, ביז העכסטנס אַ קוואָטער, אַ פערטל דאָלאַר!) די פירער פון דער לאָקאַלער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע האָבן נישט געגלויבט, אַז דער „טעג־טאָג" וועט אַריינברענגען אַפילו איין (1) טויזנט דאָלאַר.

אָט־דער דערפאָלג האָט געוואַלטיק דערמוטיקט די טוער פון שיקאַגער פּיפּלס־רעליף. זיי האָבן באַלד נאָכדעם אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז אויפגעטראָטן דער באַקאַנטער זשורנאַליסט מאַרק רעגאַלסקי (שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון דער וויכטיקסטער אידישער טאָג־צייטונג אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע), וואָס האָט דאַן געלעבט אין שיקאַגאָ. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען 1,200 מענטשן. דאָס האָט נאָך מער באַפעסטיקט דעם פּיפּלס־רעליף אין שיקאַגאָ. און די שטאָט האָט אַריינגעשריבן אַ זייער־וויכטיק קאַפּיטל אין דעם פּיפּלס־רעליף בוך. אויך אין די ווייטערדיקע פּראָבלעמען, וואָס פּיפּלס־רעליף האָט באַגעגנט אויפן וועג, האָט שיקאַגאָ געהאַט איר גרויסן חלק. פּרטים וועגן דעם קען מען געפינען אין דערמאָנטן בוך „פּיפּלס־רעליף".

ג.

מיט די גרעסטע שוועריקייטן האָבן זיך באַגעגנט די איניציאַטאָרן פון פּיפּלס־רעליף אין מינעאַפּאָליס, מינעסאָטאַ.

איך וועל זיך באַגרענעצן צום איבערגעבן דעם נוסח פון אַ צירקולאַר וואָס אַן אָרטאָדאָקסישער רב, הרב סילווער (נישט צו פאַרמישן מיט הרב אליעזר סילווער, וואָס איז פריער געווען רב אין העריסבורג, שפּעטער אין ספּרינגפילד, מאַסס. און די לענגסטע צייט רב אין סינסינאַטי). אים, דעם מינעאַפּאָליסער הרב סילווער, איז שטאַרק נישט געווען צום האַרצן וואָס די אידישע ראַדיקאַלע עלעמענטן אין זיין קהילה האָבן דורך זייער רעליף־אַרבעט, בעיקר דורך דער אַרבעט פון זייערע וואָלונטירן, באַקומען אַ השפּעה אויף דער אידישער באַפעלקערונג. האָט ער פאַרעפנטלעכט און פאַרשפּרייט אַ צירקולאַר בזה הלשון:

„מי לה' אלי" — האָט אויסגעשריען משה רבינו אין דער צייט ווען די אידן האָבן געגעבן גאָלד צום עגל.

מיט טרערן אין די אויגן און מיט בלוט פון האַרצן מוזן מיר שרייען צו אייך, אידן פון מינעאַפּאָליס, די זעלבע ווערטער.

ווער עס איז פאַר דער אידישער נאַציאָן, אַז זי זאָל חס־ושלום ניט אונטער־גיין פון אייגענע שונאים, די העלעניסטן; און יעדער איד, וואָס דער כבוד און האָפענונג פון אידישן פאָלק איז ביי אים טייער, וואָס אונזערע עלטערן האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר דעם און וואָס איר אַליין האָט געטראָגן די צרות, נאָר צוליב דעם, וואָס איר זייט אידן, מוזן מיר אייך זאָגן דעם ריינעם אמת — גיט ניט אַ סענט צו די באָיס (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל), וואָס גייען קאָלעקטן מיט רעסיטלעך פון די פּיפּלס רעליף. דאָס איז ניט פאָלקס הילף, פאַרקערט! איר פאַרשטאַרקט אייער שונא, וואָס ברענגט אונטער דאָס אידישע פאָלק.

אונזערע טוער אין מינעאַפּאָליס האָבן זיך אַוודאי נישט אָפּגעשראָקן פונעם צירקולאַר. זיי האָבן ממשיך געווען די אַרבעט. מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען צו באַזוכן מינעאַפּאָליס עטלעכע מאָל און אויפמונטערן אונזערע טוער. אָבער קיין געזונט איז נישט צוגעקומען פון אַזעלכע אַטאַקעס אויף אונזער אַרבעט; בפרט אויף די וואָלונטירן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן מיט זיך סימ־באָליזירט דעם גרויסן כוח וואָס האָט געלעבט אין אידישן פאָלק פאַר ווייטער־דיקן המשך און קיום, טראָץ די גרויסע אומגליקן, וואָס זיינען אים באַפאַלן שוין אין פאַרבינדונג מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ד.

איך מיין, אַז אָט־די דריי ביישפּילן גיבן אַ בילד פון די שוועריקייטן מיט וועלכע פּיפּלס־רעליף האָט געדאַרפט קעמפן אין אָנהויב פון זיין אַרבעט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט נאָך גרעסערע שוועריקייטן, וואָס זיינען אַרויסגעוואָקסן סיי פון אינערלעכע אַנט־וויקלונגען אינעם אַמעריקאַנער אידנטום, סיי פון אַנטוויקלונגען אין דער גאַנצער וועלט. אויסרעכענען זיי אַלע איז נישט מעגלעך. איך וועל נאָר אָנצייכענען די וויכטיקסטע:

א) די קאַמפּן אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וואָס האָבן זיך געפירט בוכשטעבלעך אין יעדער אידישער קהילה. אומעטום זיינען אין די לאָקאַלע פּיפּלס־רעליף קערפּערשאַפטן געווען אָנהענגער און קעגנער פון קאָנגרעס, וואָס דאָס האָט געמוזט משפיע זיין נעגאַטיוו אויף דער רעליף־אַרבעט.

ב) דאָס אַריבערגיין צו „דזשאָינט־דרייווס" פאַר רעליף, וואָס האָט אָפּגע־שוואַכט דעם פּיפּלס־רעליף סיי דורכדעם, וואָס די ראָלע פון די וואָלונטירן איז באַדייטנדיק קלענער געוואָרן, סיי דורכדעם, וואָס די זעלבסטשטענדיקייט פון פּיפּלס־רעליף איז רעדוצירט געוואָרן ביזן מינימום.

ג) דאָס אַנטשטיין פון די „דזשואיש וועלפעיר באָאַרדס" אין כמעט אַלע אידישע קהילות. די דאָזיקע „באָאַרדס" האָבן לכתחילה געהאַט, ווי זייער שפּיגל־אַרבעט, די זאָרג פאַר די אידישע סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אָט־די אַרבעט האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אינטערעס און אפילו באַגייסטערונג ביי אַלע טיילן פון אַמעריקאַנער אידנטום. אָבער ווען די רעליף־אַרבעט איז אַריבער צו „דזשאָינט־דרייווס" (דאָס הייסט: די באַזונדערע רע־ליף־קערפּערשאַפטן האָבן קיין זעלבסטשטענדיקע קאַמפּיינס נישט געקענט פירן). אַ געוויסע צייט איז געמאַכט געוואָרן פאַר פּיפּלס־רעליף אַן אויסנאַם. עס איז דערלויבט געוואָרן די ספּעציעלע אַרבעט פון די וואָלונטירן. אָבער אויך דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן), האָבן די „דזשאָינט־דרייווס" פאַר רעליף זיך ביסלעכווייז אויך פאַרבונדן מיט די דזשואיש וועלפעיר באָאַרדס. ווען מען קוקט אויף דעם איצט, כמעט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, קען מען זען, אַז אַנדערש האָט זיך אפשר נישט געקענט אַנטוויקלען די געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייטן אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום. אָבער דאַן האָט פּיפּלס־רעליף זיך געזוכט איינצושטעלן קעגן אָט־דעם פּראָצעס. וואָס מער אָט־דער פּראָצעס האָט זיך פאַרשטאַרקט, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן די פּאָזיציע פון פּיפּלס־רעליף, ווייל דער געביט פון זיין זעלבסטשטענדיקער אַרבעט איז כסדר פאַרקלענערט געוואָרן.

ד) גאָר שנעל האָט זיך אָנגעהויבן די מגפה פון די „לינקע", וועלכע האָבן פאַרזוכט צו באַהערשן די גאַנצע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. אָט־דער קאַמף איז זייער טיף אַריינגעדרונגען אין פּיפּלס־רעליף.

אויסער דעם, וואָס דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די כוחות פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין צפון־אַמעריקע — וועלכע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם סאַמע חוט־השדרה פון פיפּלס־רעליף — האָט עס נאָך געפירט צו שפּאַלטונגען אין די רייען פון די טוער פון פיפּלס־רעליף איבערן גאַנצן לאַנד.

ה) נאָך שאַרפער איז דער קאַמף געוואָרן אַרום די פאַרזוכן צו פירן ספּעציעלע רעליף־אַקטיוויטעטן פאַר די אידן אין רוסלאַנד. ווער עס איז פאַראינטערעסירט אין אָט־דער פראַגע, קען געפינען זייער וויכטיקן היסטאָרישן מאַטעריאַלן וועגן דעם, אין שוין־דערמאָנטן בוך „פּיפּלס־רעליף".

אָט־די אַלע און אַ ריי אַנדערע, נישט־אויסגערעכנטע, שוועריקייטן האָבן אָפּט דווקא אויפגעהויבן דעם אינטערעס פון די טוערס זיך צו פאַרמעסטן מיט די שטערונגען; אָבער זיי האָבן זיכער נישט געהאָלפן דער רעליף־אַרבעט גופא. סוף־כל־סוף האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון באַרג־אַראָפּ, ביז עס האָט דערפירט צו דער ליקווידירונג פון פּיפּלס־רעליף, נאָך 9 יאָר פון גאָר־באַדייטנדיקער אַרבעט און וויכטיקע דערגרייכונגען. די דאָזיקע אַרבעטן האָבן איינגעשלאָסן אייניקע באַזונדערע קאַמפּיינס, וועלכע איך קען דאָ בלויז אויסרעכענען: א) די יתומים־אַקציע, אין וועלכער די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט דער אַקטיווער פּיפּלס־רעליף טוער פון מאָנטרעאָל, חבר הערשמאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין אוקראַינע און האָט אַריבערגעבראַכט קיין צפון־אַמעריקע אַ סך צענדליקער יתומים; ב) אַ ספּעציעלע אַקציע צו זאַמלען קליידער פאַר די מלחמה־קרבנות; ג) אַ ספּעציעלער געצייג־קאַמפּיין פאַר די אידן אין רוסלאַנד; ד) אַ ספּעציעלע אַקציע צו זאַמלען ביכער, וואָס זיינען בעיקר איבערגעשיקט געוואָרן צו די קולטור־אינסטיטוציעס פון די אידישע אַרבעטער אין פּוילן; ה) אַ פאַרצווייגטע אַרבעט איבערצושיקן געלט אין פּעקלעך פון אַמעריקאַנער אידן צו זייערע קרובים אין די מלחמה־לענדער. דאָס האָט אויך איינגעשלאָסן די אַרבעט צווישן די הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטן אַריבערצושיקן דירעקטע הילף אין די קהילות פון וועלכע זיי האָבן אָפּגעשטאַמט. דאָס אויבנדערמאָנטע בוך דערציילט אויספירלעך אויך וועגן אָט־די אַלע אַרבעטן.

ה.

איך קען שוין איצט אַריבערגיין צו באַצייכענען די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום אין די 15 יאָר, צווישן 1908 און 1923, ווען די פּיפּלס־רעליף אַקטיוויטעטן האָבן זיך געענדיקט. איך קען וועגן דעם געבן בלויז ראשי־פּרקים — און אַפילו די ראשי־פּרקים

וועל איך געבן בלויז פון די הויפּט־ענדערונגען, ווייל בכדי אויסצושעפּן די גאַנצע טעמע פֿאָדערן זיך יאָרן פון פאָרשונג־אַרבעט. די וויכטיקסטע ענדע־רונגען זיינען געווען:

א) דער פריערדיקער אימיגראַנט האָט באַקומען מער סטאַביליטעט, מער פאַרוואָרצלונג. דער דערדריקנדיקער פרעמדקייט־געפיל, וואָס האָט אַמאָל באַהערשט דעם אימיגראַנט, איז כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשוואונדן. דערצו האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן דערוואַקסענע קינדער, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט נאָך מער געפילן פון פאַרפעסטיקטער היימישקייט אין יעדער אידישער משפחה. אַוודאי זיינען צוזאַמען דערמיט אויסגעוואַקסן נייע פּראָבלעמען, אָבער אויך זיי זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דעם פּראָצעס פון טיפער איינבירגערן זיך און נישט פון דעם פריערדיקן אימיגראַנטן־געפיל. אין די יאָרן 8־1907 איז דאָס שאַרפסטע פּראָבלעם פון כמעט־יעדער משפחה (און שפּעטער פון יעדן איינצל־נעם אימיגראַנט) געווען די זאָרג פון אַריבערברענגען יענע טייל פון די משפחות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אייראָפּע. עס איז כמעט נישט געווען קיין איינציקע משפחה, וועלכע האָט נישט געהאַלטן אין אויסצאָלן פאַר שיפס־קאַרטן וואָס זיי האָבן געקויפט „אויף אינסטאַלמענט“, בכדי צו שיקן עס צו פאַרבליבענע משפחה־מיטגלידער „אין דער אַלטער היים“. במקום דעם פּראָבלעם האָט אמשאַרפסטן אָנגעהויבן מאַטערן די זאָרג פאַר אידישער דערציאונג, ווייל די סימנים פון אַסימילאַציע האָבן אָנגעהויבן ווערן זייער בולט. יעדע אָרגאַניזירט־אידישע קהילה האָט במשך די יאָרן פון 23־1915 אַריינגעלייגט אַ סך ענערגיע אין קאַמף קעגן אָט־די פּראָצעסן. ביים אַרומ־פאָרן איבער די אידישע קהילות, אין פאַרבינדונג מיט דער רעליף־אַרבעט, האָב איך מיט גרויס סאַטיספאַקציע דערשפּירט, אַז די פריער־צעשטויבטע און כמעט־הילפלאָזע אידישע אימיגראַנטן־מאַסע, הויבט אָן דערגיין צו געזעל־שאַפטלעכער רייפקייט. אַמעריקאַנער אידן הויבן אָן אַלץ מער צו דערפילן, אַז אויף זיי האָט די אידישע געשיכטע אַרויפגעלייגט גרויס אחריות פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. זיי האָבן זיך גענומען גרייטן צו אָט־דער אחריות. אויך די אָרגאַניזירונג פון די „דזשוּאיש וועלפעיר באָאַרדס“ — וועגן וועלכע איך האָב פריער דערציילט — איז אַרויסגעוואַקסן פון אָט־דעם אחריות־געפיל, וואָס דאָס צפון־אַמעריקאַנער אידנטום האָט עס אָנגעהויבן אַנטוויקלען ביי זיך — סיי צוליב דער אייגענער צוקונפט אין דעם נייעם גרויסן לאַנד, סיי צוליב זיין ראָלע אין זאָרגן פאַרן פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון גאַנצן אידישן פאָלק.

ב) ענדערונגען אין עקאָנאָמישן מצב. במשך אָט־דער צייט איז שטאַרק

אויסגעוואַקסן דער פּראָצענט פון אידן אין מסחר — פון פּעדלערײַ ביז גרויסע „דעפּאַרטאַמענט־סטאָרס". די צאָל פון אידישע אַרבעטער, וואָס האָט אין די יאָרן פון 1907 ביז 1914 געהאַלטן אין כסדר'דיקן שטײַגן, איז — מיטן אַרײַנטריט פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — כמעט ווי פאַרבליבן אײַנגעפראָרן. אין די לעצטע יאָרן האָט געגומען קלאָרער ווערן, אַז אידישע אַרבעטער ברענגען זייערע קינדער נישט אַרײַן אין די אַזוי־גערופענע „אידישע פאַכן"; בעיקר אין דער נאָדל־אינדוסטריע. גלײַכצײַטיק איז אָבער במשך די יאָרן צווישן 1908 און 1923 שטאַרק אויסגעוואַקסן דער כוח פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט. עס זײַנען אין יענע יאָרן דורכגעפירט געוואָרן אומגעהויער־גרויסע סטרײַקן אין די אידישע פאַכן, וועלכע האָבן דערפירט צום אויפבוי פון די גרויסע אידישע טרייד־יוניאָנס. די דאָזיקע אידישע טרייד־יוניאָנס האָבן גאָר גיך פאַרנומען אַ זייער אָנגעזען אָרט אין דער אַלגעמיינער טרייד־יוניאָן באַוועגונג פון אַמעריקע. אָט־דאָס אָרט פאַרנעמען נאָך די אידישע טרייד־יוניאָנס אויך הײַנט, אין יאָר 1962. זייער אָנהויב איז אָבער געווען אין די יאָרן צווישן 1908 און 1923. נאַטירלעך האָט אָט־דער גרויסער סעקטאָר אין אַמעריקאַנער אידנטום נאָך בולטער אַרויסגעבראַכט זײַן סטאַביליטעט און פאַרוואָרצלונג אין צפון־אַמעריקע.

ג) אין דער גרויסער אידישער פּראָווינץ זײַנען במשך אָט־די 15 יאָר אויסגעוואַקסן נײַע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון עטלעכע פאַקטאָרן: ערשטנס — האָט די קאָנגרעס־באַוועגונג אַרויסגערופן מכוח אל הפועל נײַע כוחות; צווייטנס — האָט די וואַנדערונג פון מזרח (דאָס הייסט — פון ניו־יאָרק, פּענסילווייניאַ און די נײַ־ענגלאַנד־שטאַטן) צום גרויסן און ברייטן מערב און אויך צום דרום אַרײַנגעבראַכט אַ סך נײַע כוחות אין דער פּראָווינץ; דריטנס — האָט די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג צו סטאַביליטעט און פאַרוואָרצלונג אויך נישט אויסגעמיטן די פּראָווינץ; פערטנס — האָט די אימיגראַציע בשעת (און נאָכמער גלײַך נאָך) דער ערשטער וועלט־מלחמה, געבראַכט אַ נײַעם טיפּ אימיגראַנטן. דאָס איז שוין געווען אַן עלעמענט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אומגעהויערע קאַטאַסטראָפעס און האָט געבראַכט מיט זיך פיל נײַע לעבנס־דערפאַרונגען. אַ טייל פון אָט דעם שטראָם האָט זיך אויך געצויגן צו דער פּראָווינץ. אין די מיטל־מערב'דיקע שטאַטן זײַנען דורכדעם, במשך אָט־דער צײַט, אויסגעוואַקסן זייער גרויסע און שטאַרקע אידישע קהילות.

ו.

ד) אָבער די וויכטיקסטע ענדערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן

אויפֿן שטח פֿון אידישן אָרגאַניזאַציע־לעבן אין צפֿון־אַמעריקע. די גרויסע אָרדנס, וואָס האָבן פֿונקציאָנירט אין ערשטן צענדליק פֿון אונזער יאָרהונדערט (דער אָרדן „ברית אברהם" און דער „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם", וואָס האָבן געציילט הונדערטער־טויזנטער מיטגלידער), האָבן אָנגעהויבן איינגעשרומפּן ווערן. אַזוי איז עס אויך, פּראָפּאָרציאָנעל, געשען מיט די קלענערע אָרדנס (אָרדן „ברית שלום" און אַנדערע), וואָס זייער מיטגלידערשאַפֿט האָט דערגרייכט צו צענדליקער־טויזנטער. די דאָזיקע אָרדנס האָבן בשעתּם אויסגעפֿילט אַ טאָפּלטע פֿונקציע: באַזאָרגן זייערע מיטגלידער מיט קראַנקן־ און טויטן־בענעפֿיט און געבן זיי מעגלעכקייטן פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער אויסלעבונג. אָט־די ביידע פֿונקציעס זיינען שנעל געוואָרן איבעריק. די בענעפֿיטן האָבן צוגעשטעלט די אַלגעמיינע גרויסע לעבנס־פֿאַרזיכערונג־קערפּערשאַפֿטן, וועלכע האָבן אויך פֿאַרזיכערט קעגן קראַנקייטן. וואָס שייך געזעלשאַפֿטלעכער אויסלעבונג, האָבן די מאַסן דאָס אָנגעהויבן צו זוכן אין די גרויסע לאַנדסמאַנשאַפֿט־פֿאַרבאַנדן; בעיקר אין גאַליציאַנער פֿאַרבאַנד און רומענישן פֿאַרבאַנד, וועלכע האָבן עס געגעבן זייערע מיטגלידער מיט פֿיל מער פֿעאיקייט, ווי די גרויסע אָרדנס ווען זיי האָבן כמעט ווי גע'ירשנ'ט.

בלויז דריי אָרדנס זיינען געבליבן פֿעסט — און דווקא געהאַלטן אין כסדר'דיקן וואַקסן: די צוויי אַרבעטער־אָרדנס („אַרבעטער רינג" און דער „אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַרבאַנד") און דער אָרדן „בני ברית". די ערשטע צוויי האָבן ממשיך געווען זייער וואוקס, נישט צוליב די בענעפֿיטן — וואָס זיי האַלטן, אגב, נאָך אָן עד היום — נאָר צוליב די גרויסע אידייען וואָס זיי פֿריידיקן. גאָר אַן אויסעראָרדנטלעכע דערשיינונג שטעלט מיט זיך פֿאָר דער אָרדן „בני ברית". ווי ווייט איך ווייס, האָט ער זיך מיט בענעפֿיטן קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן. קיין ספּעציעלע אידייע האָט ער אויך קיינמאָל נישט געפּריידיקט. דאָך האָט ער געהאַלטן אין שטענדיקן וואַקסן און פֿאַראינטערעסירן וואָס מער אידישע מאַסן. מיט וואָס דערקלערט זיך עס? איך מיין, אַז גרויסע אידישע מאַסן אין אַמעריקע האָבן אין אים, אין „בני ברית", מער ווי אין אַלע אַנדערע אָרדנס, געזען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שפּיגלט אָפּ די ענדערונגען וואָס קומען פֿאָר אין זייערע נשמות, אין פּראָצעס פֿון זייער אַריינוואָרצלען זיך אין דעם נייעם לאַנד. די פֿירערשאַפֿט פֿון „בני ברית" איז אַלעמאָל מיטגעגאַנגען מיט די דאָזיקע ענדערונגען און האָט זיך אַליין, די אייגענע אידעאָלאָגיע — אַזוי צו זאָגן — צוגעפּאַסט דערצו. דער דאָזיקער פּונקט פֿאַרדינט זיכער אַ טיפֿערע אויפֿקלערונג.

פּרוביר איך דורכפֿירן אין מיין מחשבה די גייסטיקע ענדערונגען

וואָס דער אָרדן „בני ברית" איז דורכגעגאַנגען במשך די כמעט 60 יאָר, וואָס איך האָב אים נאָכגעפאָלגט, זע איך זיי בולט אין דריי פון זיינע גרענד־מאַסטערס: דער ערשטער איז אַדאָלף קראַוז, דער צווייטער איז הענרי מאָנסקי און דער דריטער — אים צו לאַנגע יאָר — לייבל קאַץ. זיי רעפּרעזענטירן דריי גאַנץ־אַנדערשדיקע סטאַנציעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַציאונג פון „בני ברית" צום פּראָבלעם פון אידישן קיום און המשך. אַדאָלף קראַוז איז געווען אַן עקסטרעמער אַסימילאַטאָר. ער איז געווען פיל עקסטרעמער אין אָט־דעם געדאַנקען־גאַנג, ווי די אַנדערע פירער, פון דעם טיפּ לואיס מאַרשאַל, אָדער פעליקס וואָרבורג. אָבער אָט־די אידעאָלאָגיע האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן אין „בני ברית". דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן אין דער ריכטונג פון זאָרג פאַרן אידישן קיום. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט נישט געמאַכט קיין שום שאַרפע שפּרונגען. ער האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם, אָבער זיכער; און די פירער פון „בני ברית", נאָך אַדאָלף קראַוז, זיינען מיטגעגאַנגען מיט אָט־דעם פּראָצעס. מען קען זאָגן, אַז ווען מען וואָלט געדאַרפט, אין אַ געוויסער צייט, מעסטן די נאַציאָנאַלע טעמפּעראַטור פון אַמעריקאַנער אידנטום — וואָלט מען עס געקענט באַשטימען דורך דער באַציאונג פון „בני ברית" אין יענער צייט צו דער זאָרג פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קיום.

אַ שאַרפן שפּרונג האָט „בני ברית" געמאַכט מיט דער דערשיינונג פון הענרי מאָנסקי. אָבער ער האָט נאָר בולט אַרויסגעבראַכט די נייע טענדענצן אין „בני ברית", וואָס האָבן זיך במשך דער צייט פאַרמירט, דורך דער אויפ־זאַמלונג פון מער אידיש־נאַציאָנאַלע בענקשאַפטן אין דער מערהייט פון אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס „בני ברית" האָט צו יעדער צייט רעפלעקטירט. הענרי מאָנסקי׳ס דערשיינונג איז בכן געווען אַ רעזולטאַט פון פריערדיקע אַנטוויקלונגען. אַוודאי האָט מאָנסקי געגעבן אָט־די אַנטוויקלונגען אַ נייעם גייסטיקן שטויס צו נאָך גרעסערער פאַראינטערעסירטקייט אין גורל פון דער אידישער צוקונפט אין דער גאָרער וועלט. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג איז געגאַנגען לויט אָט־דעם גייסטיקן שטויס און האָט זיך אויפגעהויבן אויף נאָך העכערע שטאַפּלען פון נאַציאָנאַל־אידישן אינטערעס. ביז דער „בני־ברית" איז געבראַכט געוואָרן צו זיין היינטיקן מצב, וואָס ווערט (אין זיין גייסטיקן אינהאַלט) אַזוי ריכטיק סימבאָלירט דורך דער פּערזענלעכקייט פון לייבל קאַץ. ער איז די פיגור וואָס איז מער אָנגעזאַפּט מיט געזונטער אידישקייט איידער יעדער אַנדערער, אַנערקענטער מנהיג, וואָס די „בני־ברית" האָט ווען עס איז געהאַט. אָט־די אַנטוויקלונג האָט דערפירט דעם אָרדן „בני־ברית" צו ווערן

די באַפּעסטיקטסטע און איינפלוסרייכסטע קערפּערשאַפט, וואָס דאָס צפון־אַמעריקאַנישע אידנטום פאַרמאָגט איצט.

זאָל ביי דער געלעגנהייט רעגיסטרירט ווערן אַ פאַקט, מיט וועלכן איך נעם מיך שטאַרק איבער. בעת איינעם פון מיינע באַזוכן אין די אינטערעסן פון פּיפּלס־רעליף אין אָמאַהאַ (וואו העגרי מאָנסקי האָט דאַן געלעבט), האָב איך געהאַט דעם כבוד, וואָס ער איז געקומען צו אַלע מיינע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. איינע אַזאַ פאַרזאַמלונג איז פאַר מיר צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם אָמאַהאַער צווייג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. געוויינטלעך פלעג איך ביי אַזעלכע פאַרזאַמלונגען אַריינ׳גנב׳ענען אַ ביסל פּועלי־ציוניסטישע אידעאָלאָגיע. העגרי מאָנסקי האָט זיך אין דעם שטאַרק פאַראינטערעסירט. נאָך דער פאַרזאַמלונג פלעגט מען אָפט אַריינגיין מיט חברים אין אַ רעסטאָראַן און פאַרברענגען ביז די שפּעטסטע שעהן פון דער נאַכט. יענעם אָוונט איז העגרי מאָנסקי אויך געווען מיט אונז. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַר אינטער־רעסאַנטער געשפּרעך וועגן די צילן פון אונזער „פאַרבאַנד“. מאָנסקי האָט דערקלערט, אַז ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם און האָט אויסגע־דריקט זיין וואונטש זיך אַנצושליסן אין פאַרבאַנד. מיינע חברים האָבן זיך זייער שטאַרק דערפריידט. העגרי מאָנסקי׳ס פּרעסטיזש האָט זיך שוין דאַן אַנגעהויבן אויסשפּרייטן אויך מחוץ פון זיין שטאָט, אָמאַהאַ. אַוודאי האָבן די חברים זיך שוין פאַרגעשטעלט וואָס פאַר אַ גוטן רושם עס וואָלט געמאַכט אין שטאָט און ווי דאָס וואָלט אַרויסגעהאָלפן דעם לאָקאַלן צווייג פון „פאַר־באַנד“.

ווי פאַרוואונדערט זיינען זיי אָבער געוואָרן, ווען איך האָב דאָרט אַרויס־געזאָגט מיין מיינונג בזה הלשון: אַוודאי וואָלט עס פאַר אונזער „פאַרבאַנד“ געווען אַ גאַר גרויסע דערגרייכונג. אָבער איך רעכן, אַז די אַקטיוויטעטן פון העגרי מאָנסקי דאַרפן אַריינגעגאָסן ווערן אין קאַנאַלן, וואו ער קען ברענגען דעם מאַקסימום נוצן פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום און אַפילו פאַר אונזערע אידייען. דער פּאַסיקסטער קאַנאַל פאַר אים איז, לויט מיין מיינונג, דער אָרדן „בני־ברית“. מיינע חברים האָבן וועגן דעם געשריבן צו דער הויפּט־פירערשאַפט פון אונזער „פאַרבאַנד“ אין ניו־יאָרק. אויך פון איר האָב איך קיין קניפּ אין בעקל פאַר דעם נישט באַקומען. אָבער איך אַליין האָב זיך אין עטלעכע יאָר אַרום געפילט זייער שטאַרק צופרידן: ביסלעכווייז האָט העגרי מאָנסקי׳ס שטערן געגומען אויפשיינען אויפן האָריזאָנט פון „בני־ברית“ און דורך דעם — אויפן האָריזאָנט פון גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום.

ז.

עס איז פאַר מיר פאַרבליבן אָנצוצייכענען בקיצור נאָך אייניקע ענדערונגען וואָס, זיינען פאָרגעקומען אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום במשך די יאָרן צווישן 1908 און 1923 : אויפן קולטורעלן געביט איז זיך זייער שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן די אידישע פרעסע, סיי די טעגלעכע, סיי די וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע. אַן אומגעהויערן וואוקס האָט דורכגעמאַכט די אידישע ליטעראַטור. גרויסע אוצרות פון שעפערישקייט האָבן זיך גענומען באַוויזן. די וויכטיקסטע וואָרט־קינסטלער פון צפון־אַמעריקאַנער אידנטום האָבן דאַן דערגרייכט זייער רייפקייט. דער אידישער טעאַטער האָט אין די יאָרן דערגרייכט זיינע העכסטע קינסטלערישע מדרגות.

די ציוניסטישע באַוועגונג, סיי די אַלגעמיינע און סיי די רעליגיעזע, האָט זיך במשך פון אָט־די יאָרן שטאַרק באַפעסטיקט. די רעליגיעזע ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן צוטראָגן זייער ספּעציעלן ביישטייער צו דער אידישער דערציאונג לויט זייער נוסח. עס זיינען אויפגעקומען אַ גרויסע צאָל מחנכים, וואָס זיינען נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום פּאַרטיי. אידישע דערציאונג־אינסטיטוציעס האָבן אָנגעהויבן אויפקומען אין יעדער אידישער וויכטיקער קהילה.

אונזער אייגענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז במשך אָט־די יאָרן געוואַקסן אין אַ פיל גרעסערער פּראָפּאָרציע ווי די אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען. דאָס האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען אונזער בולטע ראָלע סיי אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, סיי אין דער רעליף־אַקציע. מיר זיינען אויך געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם וואוקס פון אונזער אייגענער דערציאונגס־אַרבעט, וואָס האָט געזאַמלט אַרום זיך אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן פריער צו אונז נישט געהערט. גאָר אַ גרויסן חלק צו אונזער גרעסערן, פּראָפּאָרציאָנעלן, וואוקס האָט צוגעטראָגן אונזער אַרבעט פאַר דער לעגיאָן־באַוועגונג בפרט און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל.

דער סך־הכל איז געווען, אַז במשך 15 יאָר צייט איז דאָס צפון־אַמעריקאַנער אידנטום שטאַרק אויסגעוואַקסן, סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיק. עס זיינען במשך אָט־די יאָרן קענטיק געוואָרן, אַז דעם אידישן פאָלק איז צוגעקומען אַן אומגעהויער־גרויסער כוח, וואָס וועט נאָך שרייבן וויכטיקע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון גאַנצן אידישן פאָלק.

באַזוכן אין אייראָפּע אין פֿאַרבינדונג מיט דער רעליף־אַרבעט

א.

אויך ביים איבערגיין צו מיינע באַזוכן וואָס איך האָב געמאַכט אין אייראָפּע — אין פֿאַרבינדונג מיט מיין רעליף־אַרבעט — וועל איך זיך מוזן באַגרענעצן מיט געציילטע עפּיזאָדן. דאָס קאַפּיטל נויטיקט זיך נישט אין קיין באַזונדערע פֿאַרשונגען — ווי די ענדערונגען אין צפון־אַמעריקאַנער אידנטום — ווייל אַלץ איז שוין וועגן דעם דערציילט געוואָרן אין דעם „פּיפּלס־רעליף" בוך. אייניקע פֿון אָט־די עפּיזאָדן האָבן זיך אָבער אַזוי טיף אַריינגעקריצט אין מיין גאַנצן לעבן און אין מיין געמיט, אַז איך קען זיי נישט אויסלאָזן פֿון מיינע זכרונות. זיי זיינען כראָנאָלאָגיש: א) וועגן דער פּינסקער שחיטה; ב) וועגן מיינע באַזוכן אין רומעניען און בעסאַראַביען; ג) וועגן דער וועלט־הילף־קאָנפֿערענץ אין קאַרלסבאַד; ד) וועגן ספּעציעלע באַזוכן אין ווילנע, וואַרשע און ריגע און צום סוף עטלעכע ווערטער וועגן דעם ספּעציעלן פּלאַץ, וואָס איך האָב פֿערזענלעך פֿאַרנומען אין פּיפּלס־רעליף.

ב.

בנוגע דעם קאַפּיטל פּינסק (און מיין ראָלע אין איר) מוז איך אָפּשיקן די פֿאַראינטערעסירטע צו צוויי אַנדערע ביכער: אַלע פּרטים האָב איך געשילדערט אין מיין בוך „אויפֿן וועג", וואָס איז (אין יאָר 1956) דערשינען אין ניו־יאָרק, אין דער שוין־דערמאָנטער אַרבעט „40 יאָר דזשאָינט", וואָס באַשעפֿטיקט זיך בעיקר מיט דער פּרשה פּינסק. די וואָס וועלן עס לייענען האָב איך שוין אויבן געבעטן צו באַטראַכטן עס ווי אַן אָרגאַנישן טייל פֿון מיינע זכרונות, ווייל דאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר איינע פֿון די שאַרפֿסטע געשעענישן אין מיין לעבן, וואָס איז עד־היום פֿאַרבליבן לעבעדיק אין מיין גאַנצן געמיט.

מער פּרטים וועגן דער אידישער לאַגע וואָס איך האָב, האַרט פֿאַר דער

פינסקער שחיטה, געטראָפן סיי אין פינסק, סיי אין די אַרומיקע שטעט וועלן די פאַראינטערעסירטע קענען געפינען אין דעם שוין פיל־מאָל־דערמאָנטן „פיפּלס־רעליף־בוך", וואָס איז דערשינען באַלד נאָכדעם ווי פּיפּלס־רעליף האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין יאָר 1924. דאָ וויל איך נאָר געבן אַ בליק אויף צוריק, וויאַזוי איך זע היינט, 43 יאָר נאָך יענע שוידערלעכע איבערלעבונגען, די גאַנצע פּרשה פינסק און וויאַזוי זי פּאַסט זיך אַריין אין די שפּעטערדיקע גרעסערע חורבנות.

ג.

די פינסקער שחיטה איז פאָרגעקומען דעם 5טן אַפּריל 1919 (שבת הגדול תרע"ט). שרייבנדיק איצט, האָב איך גענומען זוכן אין מיין אייגענעם זכרון און זיך אויך אַרויסגעהאָלפן מיט מיין אַרכיוו. איך בין אין דער מחשבה דורכגעגאַנגען בילדער און פּאַסירונגען וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענעם האַלב־יאָר. נאָך אַזאַ לאַנגע צייט דוכט זיך מיר, אַז איצט האָב איך יענע געשעענישן באַגריפן אַ סך טיפער. איך פיל, אַז יענע צייט קען איך איצט באַטראַכטן מיט אַ היסטאָרישן בליק.

וועגן דער פינסקער שחיטה האָב איך נישט איינמאָל געשריבן. איך האָב פּרובירט אויפדעקן די פּאָליטישע סיבות, וואָס האָבן צו איר געפירט. היות ווי איך גופא בין געווען פערזענלעך פאַרפלאָכטן אין אָט־דער שרעקלע־כער געשעעניש, איז זי פאַר מיר דאַן געוואָרן אַן אָפּגעזונדערטע קאַטאַסטראָפע. איך האָב גוט געוואוסט, אַז אַפילו נאָענט צו פינסק זיינען פאָרגעקומען אַנדערע שחיטות אויף אידן. איך האָב אָבער דאַן נישט פאַרמאָגט די פּסיכישע מעגלעכקייט צו פאַרבינדן אַלע געשעענישן צוזאַמען — און אַוודאי האָב איך זיי דאַן נישט געקענט פאַרבינדן מיט יענע אַנטוויקלונגען, וועלכע האָבן דערפירט צום היטלעריזם. איצט זע איך די פאַרבינדונג צווישן די באַלאַ־כאָוויטשעס און אַנדערע ווייס־רוסישע גענעראַלן, וועלכע האָבן געשאָכטן אידן אין פּאָלעסיע און אין גאַנץ ווייס־רוסלאַנד; די פּעטליוראַס וועלכע האָבן געמאָרדעט אין אוקראַינע; די האַלערטשיקעס (אויפן נאָמען פון אַן אַמערי־קאַניש־פּוילישן גענעראַל יוזעף האַלער) — וועלכע האָבן פּאָגראָמירט אין פּוילן און אין ליטע — און די האָרדעס פון פּאַשיזם, וועלכע האָבן אָנגעהויבן בושעווען אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע. היינט זע איך קלאָר זייער פאַר־בינדונג מיט די אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געפירט צום היטלעריזם.

די וואונדן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָלטן אפשר מיט דער צייט אויסגעהיילט געוואָרן, ווי עס זיינען אויסגעהיילט געוואָרן די וואונדן פון די פריערדיקע מלחמות. האָט אָבער די ערשטע וועלט־מלחמה פון 1914־18

איבערגעלאָזט דער מענטשהייט אַ ירושה — די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. מיליאָנען מענטשן אין און מחוץ רוסלאַנד האָבן ערנסט געהאָפט, אַז זי וועט זיין דער אָנהויב פון אַ באַנייטער, פרייער מענטשהייט. אָבער געשען איז דאָס וואָס מיר אַלע ווייסן:

די לענין־סטאַלין דיקטאַטור האָט אַרויסגערופן דעם פאַשיזם. דער פאַשיזם האָט זיך דערקייקלט צום היסטלעריסטישן נאַציזם און דער בלוט־ים — וואָס האָט אָנגעהויבן שטראָמען אין 1914 — ציט זיך, דורך די קאַנאַלן פון באָלשעוויזם, נאַציזם און פאַשיזם, ביזן היינטיקן טאָג. זיינע כוואַליעס האָבן געבראַכט צעטומלונג און סאָציאַלע משוגעת אויף דער גאַנצער מענטשהייט. פאַר די שוידערן וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט האָט נאָך קיין מענטשלעכע שפּראַך עד־היום קיין אויסדרוק נישט געפונען.

די גרויסע שמחה מיטן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַלעמען אַזוי פאַר׳שיכור׳ט, אַז מען האָט נישט געשענקט קיין אויפמערק־זאַמקייט צו די פינסטערע וואָלקנס וואָס האָבן פון דאָסניי זיך גענומען קלייבן. מען האָט זיך נישט צוגעהערט צו די וואָרענונגען וואָס זיי האָבן אין זיך פאַרמאָגט. אין יענעם יאָר — וועגן וועלכן מיר ריידן איצט, דאָס ערשטע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז די וועלט געוואָרנט געוואָרן, אַז דער מין מענטש ווערט פאַר׳חיה׳שט; אין יענעם יאָר איז דאָס אידישע פאָלק געוואָרנט געוואָרן, אַז אָט־די מענטשלעכע פאַרווילדונג וועט זיך אויס־לאָזן צו זיין לייב און לעבן; אין יענעם יאָר האָט אָנגעהויבן בולט ווערן די פאַרשטיינערטקייט פון מענטשלעכע הערצער צו די ליידן פון אַנדערע מענטשן בכלל און צו די ליידן פון דעם אידישן מענטש בפרט. צו אונזער גרעסטן אומגליק איז די פירערשאַפט פון אַלע פעלקער — די אידישע פירער־שאַפט בתוכם — געשלאָגן געוואָרן מיט פאַרבלענדעניש. זיי האָבן נישט געזען דעם „מנא מנא תקל ופרסין“, וואָס האָט זיך שוין דאַן געצייכנט אויפן לוח פון דער מענטשלעכער געשיכטע בכלל און דער אידישער געשיכטע בפרט. ווען נישט אָט־די פאַרבלענדעניש, ווער ווייסט? — אפשר וואָלטן מיר אויסגעמיטן דעם חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ד.

איך ווייס, אַז די געשעענישן אין דער צייט פון דער היטלער־מגיפה שטייגן איבער יעדע מענטשלעכע פאַנטאַזיע. ווען מען באַקענט זיך אָבער נענטער מיט די פּאַסירונגען פון 1919, זעט מען גלייך עטלעכע זאַכן. ערשטנס: די פסיכישע צוגרייטונגען פון דער גאַנצער מענטשהייט, צו פאַרגעסן דעם

זאָג „לא תעמוד על דם רעך״, זיינען שוין דאַן געמאַכט געוואָרן. צווייטנס: דאָס פסיכישע צוגעוואוינען זיך צום געדאַנק, אַז אידיש בלוט איז הפקר, איז שוין דאַן פאָרגעקומען. דריטנס: אַז די שפּעטערדיקע גרייטקייט מצד די פּאָלאַקן, אוקראַינער, ווייס־רוסן, לעטן, ליטווינער און אַנדערע פעלקער־שאַפטן מיטצואַרבעטן מיט היטלערן איז שוין דאַן דעמאַנסטרירט געוואָרן.

די דאָזיקע לאַגע האָב איך דאַן געשילדערט אין אַ בריוו צו מיין פרוי, וואָס איז געשריבן געוואָרן פּונקט אַ חודש נאָך דער שחיטה. ס׳איז כדאי צו ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פון אָט־דעם בריוו:

„איך וויל דיר איבערגעבן דעם חורבן פון איין שטאָט — פּינסק. אָבער דאָס וואָס איך דערציי באַציט זיך אויך צו דער אידישער לאַגע פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך, נישט אַזוי אין פּוילן גופא, ווי אין יענע שטעט פון ליטע, ווייס־רוסלאַנד און גאַליציע, וועלכע ליגן ביים קריגס־פראָנט. די גאַנצע קריגס־ליניע האָט זיך געצויגן איבער דער חוט־השדרה פונעם אידישן לעבן און האָט אָנגעריִרט דעם נערוון־סיסטעם פון דער גאַנצער אידישער באַפעל־קערונג. וואָס האָב איך מיט מיינע אויגן געזען? — הער:

„פאַראַן — בעסער געזאָגט, געווען — אין פּינסק אַ אידישע פאָלקס־קיך. דער מאַגיסטראַט פון שטאָט האָט פאַר איר אויסגעטיילט טויזנט פּאָרציעס שפּייז. אַ פּאָרציע באַשטייט פון אַ טעלער זופּ. די זופּ פאַרמאָגט אַביסל הייסע וואַסער און אַ מין געמיש פון מעל און בלאָטע, צו מאַכן זי געדיכטער. לכתחילה האָט מען אָפט צוגעגעבן אַ פערטל פון אַ מיטלמעסיקער קאַרטאָפל. אָבער ווען איך בין דאָרט געווען, האָט מען קיין קאַרטאָפל נישט געקענט קריגן. האָט מען זיך באַנוגנט מיטן ביסל מעל און בלאָטע. איך האָב די זופּ פאַרזוכט. דו ווייסט, אַז צו קיין פריצישן טיש בין איך נישט געוואוינט געוואָרן. כ׳האָב אין מיין לעבן געוואוסט וואָס עס הייסט צוהונגערן. אָבער אַראָפּשלינגען די זופּ האָב איך נישט געקענט. דער טעם איז מיר וואָכן נאָכאַנאַנד פאַרבליבן אין מויל און פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט צו אַלע שפּייזן.

„פאַראַן אויך אַ פּוילישע קיך. אויך אַהין גיט דער מאַגיסטראַט טויזנט פּאָרציעס. אָבער דאָרטן האָבן זיי אַפילו נישט קיין פינף הונדערט, וואָס דאַרפן אָנקומען צו הילף. גיט דעריבער די קיך אַ זופּ פון ריינערע מעל. ס׳קומט טאַקע אויס ווייניקער פּאָרציעס, אָבער זיי דאַרפן נישט מער. שטעל זיך אָבער פאָר, אַז אָט־די פּאָרציע דאַרף מען צעטיילן אויף דריי חלקים, בכדי צו קענען עס צעטיילן לפּחות צו דריי טויזנט מענטשן! שטעל זיך נאָך פאָר, אַז אַפילו דאַן בלייבן יעדן טאָג דריי טויזנט וואָס באַקומען גאָרנישט און דו וועסט האָבן אַ בלאַס בילד פון דעם וואָס פּאַסירט באמת.

„וויאַזוי אַרבעט עס זיך אויס אין דער פּראַקטיק? — הער: די שפּייז צעטיילט מען פון צוועלף ביז דריי בייטאָג. אַז איך בין געקומען 6 אין דער פרי איז שוין געשטאַנען אַ גרויסע ריי מענטשן. מענטשן? — ניין! לעבעדיקע ברואים, וואָס דער צלם אלקים איז שוין פון זיי אַוועק. מיט יעדער מינוט איז די ריי גרעסער געוואָרן. און וואָס די ריי ווערט גרעסער — אַלץ אומ־רואיקער ווערט זי. ביסלעכווייז דערגייט עס צו געשלעגן. די ווייבער — אַמאָליקע אידיש־צניעות׳דיקע בעל־הבית׳טעס (פיל פון זיי געוועזענע אידישע גבירה׳טעס) נעמען זיך רייסן איינע די אַנדערע פאַר די געבליבענע, צע־פּאַטלטע, פאַרנאַכלעסיקטע, שמוציקע, פאַרלויזיקטע האָר. איינע די אַנדערע שלעפּן זיי אַזוי, בכדי צו פאַרנעמען אַ נענטער אָרט אין דער ריי; בכדי פון דעם ביסל בלאָטע עפּעס צו באַקומען; בכדי צו באַנעצן דערמיט די ליפּן פון אַ פאַרשמאַכטן קינד; בכדי אַליין צו געניסן פון דער וואַרעמער בלאָטע. זיי שלאָגן איינע די אַנדערע, זיי שעלטן איינע די אַנדערע און שליידערן זיך צו דער ערד. אַזוי יעדן טאָג. אַזוי כסדר, שעה נאָך שעה. אַזוי כסדר ביז 12 בייטאָג. אַזוי כסדר און נאָכמער נאָך 12 בייטאָג, בעיקר צווישן 12 און דריי, ווען אַ סך הויבן אָן איינזען, אַז צו זייער ריי וועט עס נישט קומען. און דאָס שוידערלעכסטע, דאָס אוממענטשלעכסטע קומט ערשט, ווען דאָס טירעלע, דורך וועלכן מען גיט אַרויס דעם פאַרשאָלטענעם מאָלצייט, ווערט געשלאָסן: די געוויינען, די יללות, די קללות אויף די באַאַמטע פון פאָלקס־קיך (אַליין פאַרהונגערטע און מאַרטירער), דער געמיש פון אומ־מענטשלעכע קללות פון טויזנטער מענטשלעכע ברואים — דער טייוול אַליין האָט עס קיינמאָל נישט געקענט אויסטראַכטן".

דאָ ברענג איך אַ צווייט בילד. דאָס מאָל אין אַ קינדער־היים:

„אַ וואונדערבאַרע אינסטיטוציע. וואָס פאַראַ כוח עס איז פאַרבאָרגן אין דער אידישער נשמה! אין אַזאַ אומגליק קלייבן זיך צוזאַמען קינדער, לערנען — לערנען אידיש, לערנען העברעאיש, לערנען אידישע געשיכטע. און לערער און לערערקעס, הונגעריקע אידישע בחורים און מיידלעך, קוויקן זיך מיט דער שולע, שטילן זייער אייגענעם הונגער דורך דער טיפער איבערגעגעבנקייט צו די קינדערלעך, וועבן אַרום די קינדערשע נשמה׳לעך מיט אַ געוועב פון ליבע צום מין מענטש, מיט האָפענונג און בטחון. די לערער מיט די קינדער גיסן זיך צוזאַמען אין איין גרויס, גייסטיק בילד, וואָס דעמאָנסטרירט פאַר דער וועלט דעם אַלטן אידישן פּרינציפּ, אַז דאָס מאַטעריעלע לעבן איז גאָרנישט ווערט; אַז דער עיקר איז די אויסאיידלונג פון דער נשמה.

„נאָך איצט קלינגען מיר אין די אויערן די קולות פון די קינדער. נאָך איצט קען איך נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון איינעם פון די לערער, אַ 27־יאָריקער יונגערמאַן, וואָס איז געוואָרן גרוי ווי אַ טויב פון הונגער און נויט. נאָך איצט קלינגט מיר אין די אויערן אַ פּרק־מעשה׳לע, וואָס אַ קינד האָט דערציילט, איינע פון זיינע פאָלקס־מעשה׳לעך וואָס באַווייזט, אַז אַ מענטש טאָר קיינמאָל דעם בטחון נישט פאַרלירן.

„אָבער אויך דאָ דערמאָנט דיך באַלד די נויט. דאַן איז שוין אָנגעקומען קיין פינסק אַביסל אַמעריקאַנער מעל, נישט דאָס מעל וואָס דער „דזשאָינט" האָט געשיקט, נאָר אַמעריקאַנער ווייצן־מעל, וואָס די אַמעריקאַנער אַדמי־ניסטראַציע האָט צוגעשיקט אַהער. דאָס קינדערהיים האָט אָנגעהויבן טיילן די קינדער אַלע טאָג אַ פערטל פונט ווייסן ברויט. שוין יאָרן אַז די קינדער האָבן עס אין די אויגן נישט געזען. די לערער אויך נישט. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

„די גאַסן־קינדער, די וועלכע האָבן נישט געהאָט דאָס גליק אַריינגענומען צו ווערן אין דער קינדערהיים, האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען טיילט ברויט. זיינען זיי אָנגעלאָפן אַרום דער קינדערהיים. איבער הונדערט זיינען זיי געווען. לכתחילה האָבן זיי בלויז געקוקט מיט אַזעלכע זשעדנע, פון הונגער־רייץ, אָנגעצונדענע אויגן, אַז דאָס אַליין האָט געקענט דורכלעכערן די נשמה. לכתחילה האָבן זיי גענומען בעטן. שפּעטער האָבן זיי פּרובירט מיט געוואַלט. האָסטו געדאַרפט צוקוקן ווי די לערערקעס, אַליין הונגעריקע, האָבן געזוכט צו פאַרטרייבן די גאַסן־קינדער, בכדי צו ראַטעווען די שטיקלעך ברויט פאַר „זייערע" קינדער. ווען דאָס האַרץ איז אַפילו פון אייזן, מוז עס דאָך פּלאַצן".

איך דערצייל דאַן, אַז איך האָב באַזוכט אויך אַנדערע אינסטיטוציעס און שטעל זיך אָפּ אויף אַ בית־יתומים. וואָס האָב איך דאָרטן געזען?

„עס זיצט אין אַ בעט אַ מיידעלע, 7 יאָר איז זי אַלט. גרויס איז זי ווי אַ צוויי־יאָריק קינד. די גלידער אירע זיינען אַזוי צעדרייט, אַז עס באַפאַלט אַן אימה אַ קוק צו טאָן. די דיק פון אירס אַ פיסל איז נישט מער ווי דער פינגער פון דער האַנט פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן. קיין מוסקול איז אויף דערויף נישטאָ. אַפילו דער ביין איז אַן איינגעדאַרטער. ריידן רעדט זי נאָך נישט. די אויגן — אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אידישע אויגן. און אַ פּנימל וואָס איז, דוכט זיך, קלענער פאַר די אויגן. אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן מוז זי דורכפירן אין בעט. דער דאָקטאָר וואָס באַגלייט מיך פאַרזיכערט, אַז זי קען לעבן. וואָלט נישט פאַר איר בעסער געווען דער טויט? איך גיי פון איין קינד צום צווייטן און טראַכט: דאָס זיינען דאָך מענטשלעכע ברואים.

אַמאָל האָבן דאָך טאַטע־מאַמע דערפון נחת געהאַט; האָבן אויף דעם האָפע־נונגען געלייגט, האָבן עס געצערטלט, האָבן זייערע האַרציקסטע ליבע־געפילן אין דעם קינד קאָנצענטרירט. און איצט? — איך זאָג דיר: איך קען נישט דעם טאַטן אָדער דער מאַמען, וועלכע זאָלן אויפן אָרט נישט משוגע ווערן ביים געדאַנק, אַז זייער קינד מוז קומען צו אַזאַ מדרגה".

איך דערצייל דאָן וועגן באַזוכן אין פריוואַטע הייזער — און עס קומט אַזאַ בילד:

„שטעל זיך פאָר אַ צימער, אַזוי גרויס ווי אונזער שלאָפצימער און האַלב פון „דיינינג־רום". נאַטירלעך איז עס דאָס גאַנצע הויז. נאַטירלעך איז נישטאָ קיין פאָדלאָגע. נאַטירלעך איז אַלץ שמוציק און עקלדיק. אין אַזעלכע צימערן געפינען זיך צווישן 4 ביז 9 פערזאָן. אַלע ליגן אָדער אין די בעטן, אָדער אויף דער ערד. אַלע מוטער־נאַקעטע. אַלע צוזאַמען: מענער, פרויען, קינדער, אַלטע, יונגע. אַלע ליגן, ווייל קיין קליידער זיינען נישטאָ און ווייל ליגנדיק מוטשעט נישט דער הונגער אַזוי שטאַרק. צוגעדעקט זיינען זיי מיט אַזעלכע שמאַטעס, וואָס אַמאָל זיינען זיי אפשר געווען קאָלדרעס. גייסט אַריין און דו באַגעגנסט דאָרט אַן אויסגעדאַרט, אַרויסגעשטאַרט, ביינערדיק פנים מיט אָנגעצונדענע אויגן פון הונגער. ווען דו זעסט אַ האַנט, אָדער אַן אַנדער טייל פון קערפער, איז עס אינגאַנצן געשוואָלן און פול מיט אייטערדיקע וואונדן. ריידן קענען זיי נישט. פרעגסט זיי עפּעס — און זיי קוקן אויף דיינע הענט, אויב דו האָסט זיי עפּעס געבראַכט. ברענגט עמעצער עפּעס — כאַפּט מען עס אַרויס ביי אים שנעל. ברענגט מען נישט, ליגן זיי ווייטער אַן האָפענונג. אַזוי ציען זיך טעג און וואָכן. פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האָבן בוכשטעבלעך אַ וואָך נאָכאַנאַנד קיין זאַך אין מויל נישט געהאַט. אפילו די שטאַרקערע — פרעגסט זיי: ווי רופט מען דיך? ענטפערן זיי: אַ שטיקעלע ברויט. פרעגסט זיי: ווי לאַנג ליגן זיי אַזוי? ענטפערן זיי: אַ שטיקעלע ברויט. פרעגסט זיי, אויב זיי האָבן קרובים אין אַמעריקע? ענטפערן זיי: אַ שטיקעלע ברויט. קיין אַנדער וואָרט קען עס נישט. קיין אַנדער געדאַנק גייט אין זייערע מוחות נישט אַריין.

„אַזוי ציען זיך הייזער נאָך הייזער. דערפון דער שרעקלעכער פלעק־טיפוס. ער פליט פון איינעם צום צווייטן. דו גייסט פון הויז צו הויז, ביז וואַנען דו טרעפסט אין איינעם אַ בילד וואָס צעברעכט דיך אויף שטיקלעך און מאַכט דיך אומפעאיק ווייטער צו גיין.

„גייסט אַריין אין אַ הויז. זעסט פון ווייטן צוויי פרויען ליגן אין אַ בעט. גייסט צו נענטער — דוכט זיך דיר, אַז איינע אָטעמט נישט. קוקסט זיך

נענטער צו, זעסטו אַז זי איז טויט. די צווייטע, די לעבעדיקע, אַ טאָכטער פון דער טויטער, דערציילט אַזוי קאַלטבלוטיק, פונקט ווי זי וואָלט גערעדט וועגן אַ פליג, אַז שוין באַלד צוויי מעת־לעת ווי די מאַמע איז געשטאָרבן און קיינער איז אין הויז נישט אַריינגעקומען. זי, די טאָכטער, איז מוטער־נאַקעט. אַראָפּצוגיין האָט זי קיין כוח נישט; ליגט זי מיטן טויטן קערפּער פון איר מאַמען אין איין בעט כמעט צוויי מעת־לעת!

„איך קען מער וועגן אַזעלכע בילדער נישט שרייבן. גענוג צו געבן דיר דעם סך־הכל: פון די 23 טויזנט אידן אין פּינסק זיינען 15 טויזנט הונ־געריק. אַרום 8 טויזנט פון זיי גייען נאָך אַרום. בערך 7 טויזנט ליגן הונגעריקע אין די הייזער. דאָס איבעריקע קענסטו שוין אַליין פאַרשטיין.

„הייגט שטעל זיך פאָר, אַז נאָכדעם ווי דו ביזט אָפּ פיר מעת־לעת אין דער שטאָט, האָסטו זיך אָנגעטרונקען מיט דעם גאַנצן כוס פון צער און ווייטיק; האָסט ווי עס איז צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון די פאַרבליבענע געזונטע אידן פון שטאָט, דורכצופירן די נויטיקע הילפס־אַרבעט; האָסט געהאָלפן זיי עפענען נאָך צוויי קיכן אין שטאָט; האָסט געהאָלפן אַוועקשטעלן אויף אַ שטאַנד די אַנדערע אינסטיטוציעס; האָסט געהאָלפן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן וויאַזוי באַלד צו קומען צו הילף די וואָס ליגן אין די הייזער; האָסט איבער־געגעבן די אַרבעט אין די הענט פון הייליקע, איבערגעגעבענע מאַרטירער־אידעאַליסטן פון אַלע ריכטונגען; פאַרסט אַוועק מיטן באַוואוסטזיין, אַז ווען דיין קומען אַהער וואָלט נישט מער געבראַכט ווי אָט־די אַרבעט אין פּינסק — איז שוין דיין גאַנצע מי כדאי געוועז — און אויף מאָרגן דערוויסטו זיך, אַז כמעט אַלע טיכטיקסטע, הייליקע יונגעלייט האָט מען פון בית־עם אַרויס־געשלעפּט און זיי אַלעמען דערשאָסן!"

דער בריוו גייט דאַן אַריבער צו דער פּאָליטישער זייט. כדאי צו ברענגען אויך פון דעם טייל אַ פּאָר ציטאַטן:

„איך גיי אַריבער צו אַן אַנדער צעוויטיקטן פונקט אין דער סיטואַציע: די מיליטערישע שחיטות, מיט דער פּרעטענזיע, אַז מען קעמפט קעגן באָל־שעוויקעס. נישט בלויז אין פּינסק. אויך אין לידע האָט מען דערשאָסן 35 אידן; אין ווילנע וויניקסטנס 50 און אין וואָלקאָוויסק זיצן עטלעכע הונדערט אידן פאַרשפּאַרט ווי באָלשעוויקעס, צווישן זיי — אַזעלכע וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די בתי־מדרשים. זיי אַלע זיינען קרבנות פון דעם גרויסן שקר וואָס הייסט „די פּוילישע מדינה", וועלכע וויל זיך אויספּיינען פאַר דער וועלט און דערציילט אַלץ, אַז זי שיסט באָלשעוויקעס. פאַר די פּאָליאַקן איז פאַראַן איצט איין „אידעאַל": פּוילן זאָל ווערן אידן־ריין. זיי מאַכן דאָס לעבן

פון די אידן אַזוי ביטער, אַז זיי וועלן מוזן אַנטלויפן. מיט אָט־דעם „אידעאַל" איז דורכגעפּרעסן גאַנץ פּוילן, סאָציאַליסטן איינגעשלאָסן.

„די גאַנצע פּרעסע וואַרפט זיך אַרויף אויף יעדער געלעגנהייט צו פירן אידן־העצעס. אויב די פרידנס־קאָנפערענץ באַשליסט, אַז דאַנציק זאָל נישט געהערן צו פּוילן — איז גלייך אַ בילעריי אין דער פּרעסע, אַז אידן זיינען אין דעם שולדיק; אַז לאָיד־דזשאָרדזש וויל נישט נאָכטאָנצן דעם פייפל פון די צעשפּילטע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן פונעם צעפּוילטן פּוילישן שליאַכ־טיץ, ווערן באַשאַפן אין דער פּרעסע לעגענדעס, אַז לאָיד־דזשאָרדזש האָט אַ אידישע געליבטע. זיינען ווידער די אידן שולדיק. אָט־די אַלע לעגענדעס עסן זיך איין אין דעם פּוילישן המון און ביי יעדער געלעגנהייט פאָדערט ער אַ חשבון פון די אידן. פּאָגראָמען קומען פאָר אין גאַנצן לאַנד. דאָרטן וואו עס ווערן קיין מענטשן נישט דער'הרג'עט — רעכנט מען שוין נישט. אָט האָט אין וואַרשע אָנגעהאַלטן אַ פּאָגראָם דריי טעג נאָכאַנאַנד, עס זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן פיל אידן; צעראַבירט זיינען געוואָרן הונדערטער משפחות. דאָס האָבן געטאָן פּוילישע זעלנער, ווייל מען האָט פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז אידן האָבן פאַר'סמ'ט זעקס סאָלדאַטן. די לעגענדע האָבן די פּוילישע צייטונגען צעטראָגן אומעטום. אַז דאָס איז אַ ליגן — האָבן זיי נישט געפונען פאַר נויטיק צו דערציילן. אין דער פאַנטאַזיע פון המון איז עס אַזוי געבליבן. אָבער אַפילו די וואַרשעווער אידן האָבן מורא עס אָנצורופן אַ פּאָגראָם".

דער פולער נוסח פון אָט־דעם בריוו איז אָפּגעדרוקט אין דעם „פּיפּלס־רעליף בוך". דאָ האָב איך נאָר געבראַכט קורצע ציטאַטן פון אים. די דאָזיקע ציטאַטן מאַכן בולט די פאַרבינדונג צווישן יענע פּאַסירונגען און דעם היטלעריזם, אויף וועלכן זיי האָבן מרמז געווען. אָבער ווייניק מענטשן האָבן אָט־דעם רמז באַמערקט.

ה.

איך האָב געלייענט זייער אַ סך פון דער חורבן־ליטעראַטור. יעדעס שרעק־בילד, וואָס די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אַרויסגערופן, האָט מיך דער־מאָנט דעם שוידער פון פּינסק. איך קען אַפילו נישט זאָגן, אַז דער שוידער פון פּינסק איז געווען בזעיר אַנפּין אין פאַרגלייך צו די היטלעריסטישע שוידערן, וועלכע זיינען געווען באַנפּין רברבין. ערשטנס, איז פאַר דעם קרבן גופא נישט שייך אָנצוּוואוענדן די כמות־מאָס, וויפל נאָך זיינען מיט אים אומגעקומען. דאָס זעלבע איז אויך אמת פאַר דעם מענטש, וועלכער ראַנגלט זיך יאָרן מיט הונגער און פאַלט אַליין אַריין אין דער מדרגה פון אַ

צערייצטער און צעוויטיקטער חיה. צוויטנס, איז אין יעדער איינצל־דערשיינונג אין פּינסק שוין געלעגן די זריעה פון די פילפאַכיקע דערשיינונגען אין די היטלער־טעג. בעיקר דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז די אַלע דריי אויבן־אָנגעצייכנטע, פסיכישע צוגרייטונגען — פאַרגעסן דעם „לא תעמוד על דם רעך״, דאָס באַטראַכטן ווי הפקר אידיש בלוט און די גרייטקייט פון כמעט־אַלע פעלקער מיטצואַרבעטן מיט היטלערן — די דאָזיקע שטריכן, וואָס זיינען די סימנים מובהקים פון דער גאַנצער היטלער־וואַקכאַנאַליע, זיינען שוין געווען טיף פאַרוואָרצלט אין די געשעענישן פון דער איינציקער שטאָט — פּינסק. בולטע סימנים האָט מען אויך געדאַרפט זען — אָבער מען האָט נישט געזען — אין איינצל־פּאַסירונגען פון יענע טעג אין אַנדערע שטעט.

דער חילוק פון דער לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג מיט דער נישט־אידישער, האָט שוין דאַן געדאַרפט אויפרייסן די אויגן. די לעצטע האָבן אויך געגוג געליטן, לעבנדיק אין די זעלביקע שטעט און שטעטלעך וואו די מלחמה איז געפירט געוואָרן. בעיקר זיינען די ליידן געווען גרויס אין שטעט וועלכע זיינען — ווי פּינסק — איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל פון איין קריגס־צד צום צווייטן. אָבער שוין פון דעם פאַרגלייך, וואָס איך האָב פאַרצייכנט צווישן דער פּוילישער פאָלקס־קיך און דער אידישער אינעם זעלביקן פּינסק, קוקט אַרויס די געוואַלטיקע אומגלייכקייט אַפילו אין ליידן.

נעמען מיר דעם פאַל, וואָס איז אין די זעלביקע טעג געשען אין ווילנע. איך האָב אין זינען די דערמאָרדונג פונעם אידישן פּאָעט א. וויטער, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט די פאַרשטאָרבענע אידישע פּערזענלעכקייטן, שמואל ניגער און לייב יפה, זכרונם לברכה. די לעצטע צוויי זיינען, דורך אָנשטרענגונגען פון אידן אין אויסלאַנד, אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון די נעגל פון די פּוילישע „געריכטן״. זייער רעטונג איז געווען אַ פּשוטער נס. דער „נאָרמאַלער״ פּראָצעס האָט אויך זיי געדאַרפט דערמאָרדן, ווי עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן צענדליקער אַנדערע ווילנער אידן אין יענע טעג. איז דען אין דעם נישט געלעגן דער קערן פון שפּעטערדיקע מאָרדן מצד היטלערס תלינים, מיט דער הילף פון פּאָליאַקן, אוקראַינער און אַנדערע, די „נכבדי העיר״ פון אַזויפיל שטעט און שטעטלעך?

און דער איינצלנער פאַל פון דער על־פּי־נס רעטונג פון ש. ניגער און ל. יפה, צי דערציילט ער אונז גאָרנישט? זינט דעם אָפּשלוס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז די געשעענישן אין פּינסק, ווילנע און אַנדערע שטעט זיינען אָפּגעלאָפן עטלעכע חדשים. במשך יענע חדשים זיינען אומגעפאָרן אין יענעם

פֿאַרשאָלטענעם שטח די קאָרעספּאָנדענטן פון גרויסע צייטונגען, פֿאַרטרעטער פון דאָן־מעכטיקע רעגירונגען, פֿאַרטרעטער פון פּאַרטייען — סאָציאַליסטן בתוכם — ווי קומט עס וואָס די וועלט איז נישט אויפגעשטורעמט געוואָרן פון אַזאַ לאַגע?

ווען איז זי יאָ אויפגעשטורעמט געוואָרן? ווען די נייעס וועגן דער טויט־סכנה איבער די צוויי באַוואוסטע פּערזענלעכקייטן, שמואל ניגער און לייב יפה, האָט זיך דורכגעריסן דורך די נאָך־מלחמה־אויפגעשטעלטע צענזאָר־ווענט. דאָן האָבן זיך וועלט־כוחות אַריינגעמישט און געראַטעוועט די צוויי טייערע אידישע לעבנס. אָבער דווקא דער פֿאַקט אונטערשטרייכט דאָך, אַז ווען דאָס געוויסן פון אייניקע פירער פון גרויסע פעלקער האָט אויף אַ וויַיל אויפגעוואַכט, איז זיי געלונגען אַרויסצורייסן פון מלאך־המות צוויי אידישע לעבנס. ווערט דאָך נאָך בולטער די פראַגע: וואו איז דאָס דאָזיקע געוויסן געווען לגבי די צענדליקער־טויזנטער אַנדערע קרבנות?

און אַפילו דער ענין פינסק — ווען איז די וועלט אויפגעשטורעמט געוואָרן? ערשט ווען עס זיינען דערשאָסן געוואָרן די 37 אידן. די טיפע טראַגעדיע פון 15 טויזנט לעבעדיקע מתים, וועלכע האָבן חדשים נאָכאַנאַנד געפירט אַזאַ גיהנום־עקזיסטענץ, האָט נישט דערגרייכט די הערצער פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן אַליין געלעבט אין נאָרמאַל־מענטשלעכע באַדינגונגען. ערשט די ביקס פון אַ פּוילישן מאַיאָר, מיט דער אונטערשטיצונג פון אַן אַמעריקאַנער פּאָליאַק, פראַנטשאַק — ערשט די דאָזיקע ביקס האָט אַביסל אויפגערודערט די עפנטלעכקייט אין פאַרשידענע לענדער. אַפילו אָט־די ביקס וואָלט אויך נישט אַרויסגערופן דאָס ביסל אויפמערקזאַמקייט, ווען אַרום אָט־דער שחיטה זאָל נישט געווען פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן שאַרפע חילוקי־דעות וועגן אירע סיבות. אויך דאָס איז געווען בלויז אַ צופאַל, וואָס אַן אַמעריקאַנער איד (טאַקע דער שרייבער פון אָט־די שורות) האָט נישט דער־לאָזט, אַז די סיבות פון דער שחיטה זאָלן געפעלשט ווערן. והא ראיה: אַנדערע שחיטות — אַפילו מיט אַ גרעסערער צאָל קרבנות ווי פינסק — האָבן אַפילו צו אַזאַ אויפמערקזאַמקייט נישט זוכה געווען.

דאָס ערגסטע איז, וואָס די פירער פון דער מענטשהייט האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס אָט־די שחיטות באַדייטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און וואוהין זיי מוזן סוף־כל־סוף דערפירן.

ז.

איך לאָז אַדורך די שוידער־בילדער פון אַנדערע שטעט אין וויַיס־רוסלאַנד,

ליטע און פוילן, וואָס איך האָב דאַן באַזוכט; איך לאָז אַדורך די לאַגע פון אידן אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע האַפן־שטעט, וועלכע איך האָב באַזוכט אויפן וועג פון פוילן, דורך פראַנקרייך, קיין רומעניע. אין די דאָזיקע האַפן־שטעט זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן צענדליקער־טויזנטער געראַטעוועטע אידן פון די מלחמה־געביטן. זיי האָבן געהאָפט, אַז פון דאָרטן וועט זיי געלינגען צו דערשלאָגן זיך צו אַ מקום מנוחה. די פאַרשלאָסענע טויערן פון כמעט אַלע לענדער האָבן זיי געצוואונגען דאָרט צו פאַרבלייבן. זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פיזישן און גייסטיקן הפקר, וואָס האָט רואינירט סיי זייער לייב־און־לעבן, סיי זייערע עטיש־מאָראַלישע זיטן. אויך דאָ זיינען זיי אויסגעטיילט געוואָרן צום שלעכטן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מלחמה־פּליטים. איך לאָז אַדורך די שוידער־באַדינגונגען פון אידישן לעבן אין רומעניע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע. אַלע באַריכטן זיינען אָפּגעדרוקט אין דעם אויספירלעכן בוך „פּיפּלס רעליף". מער פּרטים געפינען זיך אין די אַרכיוון פון „דזשאָינט". די אַלע געשעענישן באַשטעטיקן די פריערדיקע באַהויפּטונגען וועגן די סיבות פון די ספּעציעלע שחיטות אויף אידן. איך האַלט אָבער פאַר נויטיק אַרויסצונעמען צוויי ציטאַטן פון אַ רעדע־באַריכט, וואָס איך האָב געהאַלטן סוף אויגוסט 1919 אין מאַנהעטן אָפּערע־הויז אין ניו־יאָרק.

איך האָב דאַן דערציילט וועגן מיין באַזוך אין סאַדעגערע, אַ שטעטל וואָס איז געווען דער צענטער פון אַ חסידישן בוים, וואָס האָט זיך אויסגעצווייגט איבער דער בוקאָווינע, איבער גאַליציע, פּאָדאָליע און אַפילו איבער אַלט־רומעניע:

„דער חסידישער הויף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רומענישער קאַזאַרמע. אַנשטאָט די אַלטע, חסידישע געזאַנגען הערט מען איצט דאָרט דאָס ווילדע ברומען פון רומענישע סאָלדאַטן און זייער זיג־געשריי איבער דער שוואַכער אידישער באַפעלקערונג. אויף דעם סאַדעגערער בית־עולם איז געשטאַנען אַ קבר. אין יענעם קבר־מויערל זיינען נקבר געוואָרן דורות פון חסידישע רביים. נקבר צו ווערן אויפן סאַדעגערער בית־עולם איז געווען דאָס רעליגיעזע שטרעבן פון הונדערטער, אפשר טויזנטער אידן, ווייל זיי האָבן געוואָלט ליגן אויף דעם דאָזיקן שטיקל ערד, וואו עס האָבן גערוט די קערפּערס פון די רביאיש־חסידישע אידישע מנהיגים. אין יענעם קליינעם בנין האָבן אידישע פרויען אויסגעגאָסן זייערע הערצער אין שטילן געבעט. יעדעס צוזאַמענגעפּרעסטע, פרום־אידישע האַרץ איז אַהין אַוועק, איבערגעלאָזט אַ קוויטל און באַפרייט זיך פון שמערץ, אין טיפן גלויבן, אַז די נשמה פון רבי'ן וועט די בקשה ברענגען פאַר גאָט.

„ביי יענעם קבר איז מיר אויסגעקומען צו שטיין מינוטן־לאַנג און צוזען מיט מיינע אויגן ווי קריסטלעכע שקצים האָבן דאָרט געטאָן מיאוסע זאַכן. אויפן גראָז וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף די קברים, וואו עס זיינען אַמאָל באַהאַלטן געוואָרן די אָנגעשריבענע בקשות פון צניעות'דיקע, אידישע פרויען, האָבן זיך געפיטערט חזירים".

ווען איך האָב געענדיקט די שילדערונגען סיי פון פוילן און סיי פון רומעניע, האָב איך דאַן צוגעגעבן:

„דו מיינסט, אַז דו האָסט אויסגעטרונקען דעם בעכער ביזן דעק; אַז ערגער קען שוין נישט זיין — ביז וואַנען דו קומסט צוריק אין טשערנאָוויץ און עס קומט צו דיר אַריין אַ איד מיט אַ הדרת־פנים, וואָס איז זעלטן צו געפינען אַפילו צווישן דעם רבנישן אידנטום. ער איז אַ רב פון אַ קליין שטעטל. פון זיינע אויגן קען זיך, דוכט זיך, קיינמאָל נישט אויסשעפּן דער אומעט און שרעק וואָס די לעצטע פּאַסירונגען אין אוקראַינע האָבן אין זיי אַריינגעיאָגט. יענע רבנישע ליכטיקע אויגן, וואָס פלעגן אַריינקוקן מיט אַזויפיל קינדערשער ליבע אין יעדן מענטשלעכן וועזן — יענע אויגן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געמיש פון שרעק און האַס, וואָס מאַכן דעם מענטש אויסזען ווי אַ געיאָגטע חיה, וואָס האָט קיין כוח מער נישט צו אַנטקעגנשטעלן זיך די יעגער און פילט, אַז דער טויט מוז קומען.

„אייניקע מינוטן פאַרשווינדן ביז וואַנען עטוואָס פון דער שרעק גייט אַוועק; ביז וואַנען דער מענטש קריגט צוטרוי. שטילערהייט ציט ער אַרויס אַ פּאַפּיר פון קעשענע — אַ נייע קינה אויף אַ נייעם חורבן, וואָס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען און וואָס האָט נאָך נישט אויפגעהערט. איין גאָט ווייסט, ווען דער חורבן וועט זיך אָפּשטעלן.

„אָקאָרשט פון אוקראַינע איז דער איד געקומען; מיט סכנת־נפשות זיך אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ, מיט סכנת־נפשות אַהער אין טשערנאָוויץ אָנגעקומען. וואָרעם יעדער איד, וואָס זוכט אַריבערצוכאַפּן זיך די גרענעץ, איז דאָך אַ באָלשעוויק. און אַ באָלשעוויק איז דאָך אַ מצוה צו דערשיסן. און נישט קיין גרויסע העלדישקייט איז דער איד באַגאַנגען. וואָרעם דאָרט, פון וואַנען ער איז געקומען, איז זיין לעבן געווען נאָך אין אַ גרעסערער סכנה. דאָ איז ער שוין מער־ווייניק רואיק. ער הויבט אָן דערציילן פון שטעט און שטעטלעך פון וואַנען ער איז געקומען. איבערדערציילן עס איז אוממעגלעך, ווייל עס איז נישט מעגלעך איבערצולעבן נאָכאַמאָל יענע שרעקן. גענוג צו זאָגן, אַז במשך פון זעקס חדשים צייט האָבן די ווילדע באַנדעס היידאַמאַקעס, וואָס קעמפן אונטער פאַרשידענע בלוט־דורשטיקע פירער, אויסגעשאָכטן 120

טויזנט אידן. געגעגוג צו זאָגן, אַז אין דער איינער שטאָט פּראָסקוראָוו האָט מען אויסגעשאָכטן 15 הונדערט אידישע חדר־קינדער, אַ חוץ די 2500 דער־וואַקסענע מענטשן. געגעגוג צו זאָגן, אַז ביי יעדער שטאָט און שטעטל וואַלגערן זיך גאַנצע הורבעס אידישע מתים, וועלכע די כוליגאַנעס לאָזן אַפילו נישט ברענגען צו קבר ישראל. געגעגוג צו דערציילן, אַז אויך איצט, אין דער מינוט וואָס מיר זיינען דאָ, היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן, מוזן זיך איבערחזרן די זעלביקע אומגליקן. יעדער טאָג — נייע הונדערטער קרבנות. פאַר די באַנדעס וואָס קעמפן צווישן זיך פאַר מאַכט איז אויסשלאַכטן אידן געוואָרן אַ צייט־פאַרטרייב. מיר מוזן דעריבער פאַרשטיין, אַז יעדער טאָג וואָס גייט אַריבער און מיר האָבן גאָרנישט געטאָן צו העלפן יענע אידן, זיינען מיר שותפים אין זייער אויסמאָרדונג און עס איז נישטאָ פאַר אונז קיין סליחה ומחילה״.

ז.

אין יולי 1919 האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּאַריז פון מיין באַזוך אין רומעניע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, אָנגעלאָדן מיט אַלע ידיעות וועגן דער קאַטאַסטראָפע וואָס איז באַפאַלן די אוקראַינישע אידן. איך האָב מיך געטראָפן מיט ד״ר לעאָן מאָצקין און אים איבערגעגעבן אָט־די אַלע ידיעות. אויף זיין עצה האָב איך דאַן אָפּגעשיקט צו ד״ר חיים וויצמאַן קיין לאָנדאָן דעם פאָלגנדיקן בריוו, דאַטירט דעם 22טן יולי 1919:

„טייערער ד״ר וויצמאַן,

„איך האָב איבערגעגעבן ד״ר מאָצקינען אייניקע דאָקומענטן וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע. איך ווייס, אַז די צאָל פון פּאָגראָמירטע אידן וואָס איז אָנגעגעבן אין איינעם פון די דאָקומענטן זעט אויס צו זיין איבערגעטריבן. איך וויל דעריבער צוגעבן אינפאָרמאַציע, וואָס איך האָב געזאַמלט בעל־פּה.

„ביי מיר איז נישטאָ קיין ברעקל ספק, אַז דאָס זיינען אַבסאָלוטע פאַקטן. וויסנדיק, אַז זעלטן־ווען איז אַ שטאָט געראַטעוועט געוואָרן פון די הענט פון די קעמפנדיקע באַנדעס, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז די צאָל פון 120 טויזנט דער׳הרג׳עטע אידן, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין דעם ציטירטן דאָקומענט, איז גאָר נישט איבערגעטריבן.

„ד״ר קערן און זיין פרוי, וועמען איך האָב באַגעגנט אויף מיין וועג פון טשערנאָוויץ קיין כאָטין, זיינען אָנגעקומען אין פּראָסקוראָוו גלייך נאָכן פּאָגראָם. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע:

„די צאָל דער׳הרג׳עטע אין פּראָסקוראָוו איז 3964. די צאָל פאַרוואונדעטע איז 2014. אָט־די ציפערן שליסן בלויז איין די שטענדיקע איינוואוינער

פון פּראָסקוראָוו. אַ חוץ זיי זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן פיל אורחים, וועלכע זיינען גראָד געווען אין פּראָסקוראָוו אין די שרעקלעכע טעג פונעם 15טן ביזן 18טן פעברואַר, 1919.

„דער אופן, מיט וועלכן אַט־דער פּאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן, איז אַזוי טייוליש, אַז עס איז אים נישט מעגלעך צו באַשרייבן. באַלד נאָכ־דעם ווי פּעטלוראַ׳ס באַנדעס זיינען אַריין אין שטאָט, האָט דער קאָמאַנדיר צוזאַמענגעקליבן זיינע באַנדעס הייזדאַמאַקן און געגומען פון זיי אַ שבועה נישט צו טשעפּען קיין אידיש אייגנטום, זיי אַפילו נישט צו דערשיסן, נאָר זיי פּשוט דערמאָרדן און צערייסן אויף שטיקער. דאָס איז געווען שבת, דעם 15טן פעברואַר. 150 אידן זיינען דאַן געווען פאַרזאַמלט אין באַצעליער רבי׳נס שול. אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אַרויס פון שול זיינען זיי אַלע דער־מאָרדעט געוואָרן. די מערסטע פון זיי זיינען צעשניטן געוואָרן אין דריי שטיקער. דעם רבי׳נס אייניקלעך זיינען אויך דער׳הרג׳עט געוואָרן. דערביי האָט מען געצוואונגען זייער מוטער דאָס צוצוזען. נאָכדעם איז זי אַליין צעשניטן געוואָרן אויף דעם זעלביקן אופן ווי די איבעריקע אידן.

„אַט־די שחיטה האָט אָנגעהאַלטן שבת, זונטיק און מאָנטיק. דורך דער צייט זיינען 1500 שול־קינדער דערשלאָגן געוואָרן ביז טויט דורך דעם זעלביקן בלוט־דורשטיקן המון. די טויטע קערפּערס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אין די גאַסן 4 טעג נאָכאַנאַנד. חזירים האָבן זיי געפרעסן. מיטוואָך אין דער פרי זיינען אייניקע אידן אַרויסגעגאַנגען פון זייערע באַהאַלטענע פּלעצער און האָבן געוואָלט מקבר זיין די מתים. צען פון זיי זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן דורך דער באַנדע און זיינען תיכף דערשאָסן געוואָרן.

„אויף מאָרגן האָט מען געצוואונגען די אידן צו עפענען זייערע געשעפטן. די פירנדיקע אידן פון שטאָט האָט מען געצוואונגען אונטערצושרייבן אַ פּאַפּיר, אַז בלויז 50 אידן זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן, און אַז די אידן אַליין זיינען געווען שולדיק.

„פאַראַן אַ שטעטל פעלשטין, אַרום 20 קילאָמעטער פון פּראָסקוראָוו. די זעלביקע באַנדע איז אַוועק קיין פעלשטין. דער רב, צוזאַמען מיט אַ גרופּע אידן, האָבן באַגעגנט די באַנדע מיט אַ ספר־תורה; אַ כבוד, וואָס אידן גיבן נאָר אָפּ צו זייער־הויכע באַאַמטע. די פירער פון דער באַנדע האָבן צוגעזאָגט נישט צו טאָן קיין שלעכטס די אידן. דעם ערשטן טאָג האָבן זיי בלויז ראַבירט אידישע געשעפטן. אויף מאָרגן, דאָנערשטיק, דעם 20טן פעב־רואַר, האָבן זיי אויסגעשאָכטן כמעט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג. פון 1.100 אידישע משפחות, וואָס האָבן געציילט אַן ערך 5,000 נפשות, זיינען

בלויז פופציק פאַמיליעס געבליבן לעבן. די איבעריקע זיינען אַלע אויס־גע׳הרג׳עט געוואָרן. אויך דאָ איז דער אופן פון דער שחיטה געווען ערגער ווי טייוולאָניש. פריער האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן פון די קרבנות, שפעטער האָט מען זיי אָפּגעשניטן די אויערן און גאָר צום סוף האָט מען אַרויסגעשלאָגן זייער מאַרך.

„איך גיב אייך בלויז צוויי ביישפילן, אָבער איך האָב דאָקומענטן וואָס באַווייזן, אַז אין אַנדערע שטעט האָט אויך דאָס זעלביקע פּאַסירט, כּמעט נישט מיט אַזויפיל פאַרלוסטן פון מענטשלעכע לעבנס.

„וועגן די אויבנדערמאָנטע צוויי שטעט האָבן מיר ד״ר און פרוי קערן געגעבן אַלע פּרטים. מען האָט מיר אויך אינפאָרמירט, ווען איך בין געווען אין כאָטין, אַז אין דער שטאָט אומאַן זיינען טויזנט אידישע פאַמיליעס אויסגעשאָכטן געוואָרן. אויסער דער צאָל פון שטעט, וואָס איך האָב איבער־געגעבן צו ד״ר מאָצקין, דאַרפן נאָך צוגערעכנט ווערן פאָלגנדיקע צו דער רשימה פון פּאָגראָמירטע שטעט: באַלטע, קרישטאָפּאָל, לאַפּניאַק, קראַטי, טעפּליק, באַבאַקריטשע, גראַסערלא און אַ סך אַנדערע.

„פון באַלטע האָב איך מיט מיר אַ געשריבענעם דאָקומענט וועגן די ביידע פּאָגראָמען, וואָס זיינען דאָרטן פאָרגעקומען. איך קען באַהויפּטן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז אָט־די רשימה — צוגעגעבן צו דער רשימה פון אַנדערע שטעט, וואָס זיינען דערמאָנט אין די דאָקומענטן — שטעלט מיט זיך בלויז פאָר אַ קליינעם טייל פון דעם חרוב־געמאַכטן שטח און פאַרלוירענע לעבנס. איך קען אויך מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז יעדער נייער טאָג ברענגט נייע הונדערטער אידישע קרבנות און אויב עפּעס וועט נישט געטאָן ווערן תיכף — איז דאָס לעבן פונעם גאַנצן מיליאָן אידן, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון פּעטלוראַ׳ן, און די אידן פון דרום־אוקראַינע, וואו די באַנדעס פון גריגאָריעוו, זעליאָנאָוו און אַנדערע אַטאַמאַנען קעמפן פאַר הערשאַפט — אין סכנה. זיי וועלן אויסגעשאָכטן ווערן אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים. די אַלע באַנדעס זיינען פול מיט בלוט־דורשט. זיי זיינען אַזוי צוגעוואוינט צו מאָרדן איינע די אַנדערע, אַז אויסקוילענען אידן איז פאַר זיי נישט מער ווי אַ צייט־פאַרטרייב.

„איך האָף, טייערער דאָקטאָר, אַז אייך וועט געלינגען אויסצוגעפינען אייער וועג, וויאַזוי צו ראַטעווען די שארית־הפליטה פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע.

„מיין האַרץ וואָלט פול געוואָרן מיט פרייד, ווען איך וואָלט געווען אין דער לאַגע צו שרייבן אייך, אַז די צאָל פון דער׳הרג׳עטע אידן, ווי אָנגעגעבן

אין די דאָקומענטן, איז שטאַרק איבערגעטריבן. אָבער ווי וויטיקלעך עס זאָל נישט זיין, מוזן מיר קוקן דעם אמת פנים אל פנים.

„האָפנדיק אין גיכן צו הערן, אַז אַ גרויסע אַקציע ווערט אונטערגענומען צו ראַטעווען אונזערע ברידער, בלייב איך, אייער

ברוך צוקערמאַן"

ח.

קיין רעטונגס־אַקציע איז, לײדער, נישט אונטערגענומען געוואָרן. דאָס איינציקע, וואָס האָט דאַן געקענט העלפן, וואָלט געווען — ווען די אַנטאַנט שיקט אַהין אַ פלאָט, וואָס זאָל אַריבערנעמען די אידן פון אוקראַינע קיין ארץ־ישראל. איך האָב אָט־דעם געדאַנק איבערגעגעבן ד״ר מאַצקין, פאַר־שלאָגנדיק, ער זאָל וועגן דעם, אויב ער איז מסכים, שרייבן צו ד״ר וויצמאַן, וואָס ער האָט אויך געטאָן. גיי איך היינט נישט דערקלערן און אַוודאי נישט באַרעכטיקן דאָס, וואָס קיין אַקציע איז נישט אונטערגענומען געוואָרן. די פירער פון די אַנטאַנט־מלוכות האָבן גאָרנישט געטאָן, ווייל שוין דאַן איז אידיש בלוט געווען הפקר. קיין תירוצים האָבן אַוודאי נישט געפעלט בכדי זיך אַרויסצודרייען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. צי די אידישע פירער האָבן זיך דאַן דערהויבן צו דער הויך פון זייער אחריות — קען אויך מיט זיכערקייט נישט באַהויפּטעט ווערן. די פירער פון דער וועלט זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט פאַרהאַרטעוועטע הערצער — און אונזערע פירער, אַפילו די בעסטע צווישן זיי, האָבן זיך געפונען אין אַ לאַגע פון הילפלאָזיקייט. אייניקע אידישע פירער זיינען אַפילו געשלאָגן געוואָרן מיט פאַרבלענדעניש.

ט.

די דאָזיקע פאַרבלענדעניש האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביי אייניקע דעמאָלטיקע אידישע פירער. די העכסטע מאָס פון אַזאַ פאַרבלענדעניש זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן. זי איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אַפילו אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1932. איך האָב זיך דאַן אומגעקערט פון אַן אַנדער רייזע איבער אייראָפּע קיין אַמעריקע. דער היטלעריזם האָט שוין אָנגעהויבן זיין אַקציע צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין דייטשלאַנד. איך האָב זיך דאַן געטראָפן מיט דעם שפּעטער־דערמאָרדעטן חבר ד״ר חיים אַרלאָזאָראָוו סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין פוילן. אים איז געלונגען צו באַקומען אַ קאָפּיע פון אַ געהיימען צירקולאַר, וואָס די נאַצי־פירערשאַפט האָט צעשיקט צו אירע פאַרשידענע גרופּן. דאָרט איז אָנגעצייכנט געוואָרן אַ פּראָגראַם ווי צו „פאַרענטפערן" די אידן־פראַגע,

ווען היטלער וועט באַקומען די מאַכט. דער וויכטיקסטער פּונקט אין אָט־דעם פּראָגראַם איז געווען, אַז אידישע זכרים וועלן קאַסטרירט ווערן. קומענ־דיק צוריק קיין אַמעריקע, האָב איך פאַר אַן ענגן קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיעה. די פירער פון קאָנגרעס זיינען אויפגעשווידערט געוואָרן. עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ באַראַטונג וועגן דעם ענין מיט פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע. פון דער קאָנגרעס־זייט זיינען געגאַנגען, אויסער ד״ר סטיפען וויז ע״ה, אויך — אים צו לאַנגע יאָר — בערנאַרד ריטשאַרדס, וואָס איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון קאָנגרעס. איך בין מיטגעגאַנגען מיט זיי, בכדי צו דערציילן וואָס איך האָב זיך דערוואוסט זייענדיק אין בערלין. האָב איך מצד צוויי פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע (באַטייליקט האָבן זיך פינף פאַרטרעטער פון דער קאָמיטע, די אַנדערע האָבן געשוויגן) באַקומען אַ נישקשה׳דיקע פּאַרציע פאַרן ברענגען אַזעלכע ידיעות, באַגלייט ממש מיט אַ לעקציע וועגן דער לאַגע, ווי זיי האָבן זי אויפגעפאַסט. די לעקציע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע טעזיסן:

א) דאָס דייטשע פאָלק איז הויך־קולטורעל און וועט נישט דערלאָזן, אַז היטלער זאָל איבערנעמען די מאַכט; ב) אַפילו ווען היטלער וועט יאָ איבער־נעמען די מאַכט, וועט ער נישט וואַגן אָנצונעמען אַזעלכע דראַסטישע מיטלען, שטיצנדיק זיך ווידעראַמאָל אויף דער הויכער קולטור־מדרגה פונעם דייטשן פאָלק; ג) אַז פאַרשפּרייטן אַזעלכע ידיעות ברענגט אידן נאָר שאָדן.

נו, היינט ווייסן מיר אַלע, וויאַזוי די קולטורעלקייט פון דייטשן פאָלק האָט געצוימט היטלערן, דורכצופירן פיל דראַסטישערע פאַרניכטונגס־מיטלען ווי קאַסטרירן. היינט, איבער 40 יאָר נאָכדעם ווי עס האָבן פּאַסירט די שחיטות אין פוילן און אין אוקראַינע, קענען מיר נאָר פאַרצייכענען דעם גרויסן אומגליק, ווייל מיר האָבן נישט געשענקט גענוג אויפמערקזאַמקייט די וואָרע־נונגען פון די פינסקער און פּראָסקוראָווער שחיטות און די אידן־שחיטות אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

י.

ווען איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מיין באַזוך אין רומעניע, בעסאַ־ראַביע און בוקאָווינע, האָט נאַטירלעך קודם־כל און בעיקר אויפגעטויכט אין מיין זכרון די לאַגע פון די אוקראַינישע אידן אין יענער צייט. דעריבער האָב איך געבראַכט די פריערדיקע שורות. אָבער איך האָב דאָרטן אויך דורכגעפירט די געוויינטלעכע הילפס־אַרבעט. איך האָב באַזוכט כמעט אַלע שטעט און

שטעטלעך; זיך באַגעגנט אומעטום מיט די לאָקאַלע פירער; באַזוכט צוזאַמען מיט זיי זייערע אינסטיטוציעס; צוזאַמען מיט זיי באַשלאָסן וואָס עס איז דאָס נויטיקסטע וואָס דאַרף פאַר זיי געטאָן ווערן. דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָב איך איבערגעשיקט צו דער פאַריזער ביוראָ פון „דזשאָינט", וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער זייער טיכטיקער און פעאיקער פרוי הערייעט לאונשטיין. איך בין זיכער, אַז אין די אַרכיוון פון „דזשאָינט" געפינט זיך סיי דער מאַטעריאַל, סיי דאָס וואָס „דזשאָינט" האָט געטאָן בכדי צו באַפרידיקן די פאַרשידענע פאָדערונגען. אויסער דעם האָב איך דורכגעפירט גאָר אַ ספּעציעלע אַרבעט במשך די עטלעכע וואָכן וואָס איך האָב דאָרט פאַרוויילט. קיין דירעקטע הילף האָב איך דאָרטן נישט צעטיילט. איך האָב גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צוריק צו פאַרבינדן די מלחמה־קרבנות מיט זייערע קרובים אין צפון־אַמעריקע, פון וועמען זיי האָבן, צוליב דער מלחמה, נישט געהערט איבער פיר יאָר נאָכאַנאַנד. מיר איז דאָן געלונגען אויפצוקלייבן איבער 30 טויזנט בריוו אַזעלכע.

די מעטאָדע פון אָט־דער אַרבעט איז געווען אַזאַ: אַ קאָמיטעט פון לאָקאַלע אידן האָבן באַזוכט אַלע הייזער און האָבן רעגיסטרירט יענע, וועלכע ווילן שיקן בריוו צו זייערע קרובים אין אַמעריקע. יעדער איינער האָט, צוזאַמען מיטן אָנגעשריבענעם בריוו, אויך איבערגעגעבן דעם לעצטן אַדרעס וואָס זיי האָבן געהאַט פון זייערע קרובים. פון די פאַרשידענע שטעט האָב איך אַליין מיטגענומען מיט זיך זייערע בריוו קיין בוקאַרעשט. פון דאָרט האָב איך די בריוו, אין פאַר'חתמ'עטע פּאַקעטן, אַריבערגעשיקט צו פרוי לאונשטיין און זי האָט עס אָפּגעשיקט קיין ניו־יאָרק, וואו דער „דזשאָינט" האָט אויפגע־שטעלט אַ קליינעם אַפּאַראַט, וועמעס צוועק איז געווען אויפצוזוכן די קרובים. וויל איך פאַרצייכענען צוויי עפּיזאָדן, וואָס האָבן פּאַסירט אין פאַרבינדונג מיט אָט־דער אַרבעט.

אין טשערנאָוויץ האָט צו יענער צייט עקזיסטירט אַן אָרגאַניזירטע אידישע קהילה, וואָס האָט געהאַט צוויי פּרעזידענטן: דער ציוניסט ד״ר מאיר עבנער און דער סאָציאַליסט ד״ר פּיסטינער. ביידע זיינען געווען שטאַרק־איבער־געגעבענע עסקנים, וועלכע האָבן זייער פיל געהאָלפן דער גאַנצער לאָקאַלער אידישער באַפעלקערונג. זייערע אַקטיוויטעטן האָבן זיי אויך אויסגעשפּרייט אויף די אַנדערע אידישע קהילות אין בוקאָווינע. מיין אַרבעט פון אויפזאַמלען בריוו איז זיי גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן באַשטימט אַ קאָמיטעט פון דריי אידן, וואָס זאָלן אויפזאַמלען אָט־די בריוו. דעם לעצטן אָוונט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין טשערנאָוויץ האָבן פּיסטינער און עבנער אָרגאַניזירט

אַ מסיבה אינעם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען — „דער שוואַרצער אָדלער". צו דער מסיבה האָבן זיך פאַרזאַמלט די וויכטיקסטע פירער פון שטאָט. אין מיטן דער מסיבה זיינען אַריינגעקומען רומעניש פּאָליציסטן, האָבן אַרעסטירט די גאַנצע פאַרזאַמלונג און אַוועקגעפירט אין פּאָליציי. דאָרטן האָט מען אַלעמען אויסגעפרעגט. אויך מיך. מיר האָבן דערציילט, נאַטירלעך, דעם פולן אמת, וואָס איך האָב געטאָן אין טשערנאָוויץ. אַלע זיינען באַפרייט געוואָרן, נאָר מיך האָט דער הויפּט־פירער — גענעראַל צאַדיק האָט ער, דוכט זיך, געהייסן — פאַרבעטן צו קומען צו אים מאָרגן פאַרמיטאָג אין זיין ביוראָ.

ער אַליין האָט מיך ווידעראַמאָל אויסגעפרעגט וועגן מיין אַרבעט; ער האָט דורכגעקוקט אַלע מיינע פּאַפּירן, איינשליסנדיק, נאַטירלעך, אַ ספּעציעלן דאָקומענט פון „דזשאָינט", וואָס באַפולמעכטיקט מיך צו פירן די הילפס־אַרבעט. דערנאָך האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס עס שרייבן די טשערנאָוויצער אידן צו זייערע קרובים אין אַמעריקע. איך האָב אים אינפאָרמירט, אַז אַלץ וואָס זיי זוכן איז צו באַקומען מאַטעריעלע הילף פון זייערע קרובים. איך האָב נאָך דערביי באַנוצט דעם אַרגומענט, אַז דורכדעם וועט אַביסל לייכטער ווערן זייער לאַגע און די מאַכט וועט האָבן וויניקער זאָרג. ער האָט מיט מיר נישט אַרגומענטירט. נאָך עטלעכע מינוט שווייגן האָט ער בלויז געזאָגט: „איך ראָט אייך צו פאַרלאָזן טשערנאָוויץ מיט דעם צוג וואָס גייט אָפּ קיין בוקאַרעשט מאָרגן אין־דער־פרי". ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָפט, אַז איך וועל זיין אויף יענעם צוג.

איך בין אַוועק צוריק אין האָטעל. דאָרטן האָבן שוין אויף מיר געוואַרט ד"ר עבנער און ד"ר פּיסטינער. צוזאַמען מיט זיי זיינען אויך געוועזן צוויי בוקאַרעשטער אידישע סוחרים, וואָס זיינען געקומען צוליב פּריוואַטע געשעפטן קיין טשערנאָוויץ און זיינען אויך געשטאַנען אין דעם זעלביקן האָטעל. איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם תוכן פון דעם געשפּרעך מיטן גענעראַל. נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל נישט וואַרטן ביז מאָרגן, איך זאָל נישט פאָרן אויף יענעם צוג אויף וועלכן דער גענעראַל האָט אָנגעוויזן, נאָר איך זאָל נעמען נאָך היינט דעם נאַכט־צוג, וואָס גייט קיין בוקאַרעשט. די פּאַקעטן מיט די בריוו זאָל איך מיט זיך נישט פירן. די בוקאַרעשטער אידן האָבן דערציילט ווי מען נישטערט און מען זוכט אויף דער באַן, בעיקר אויף דער סטאַנציע פאַר דער גרענעץ פון בוקאָווינע און רומעניע. מיין אַמעריקאַנער פּאַס וועט מיר קיין סך נישט העלפן. דווקא אויף אַזעלכע איז דאָ אַ חשד, אַז זיי שמוגלען. אָפטמאָל רייסן־אויף די באַן־באַאַמטע אַפילו פאַר־חתמ'עטע פּאַקעטן. די צוויי בוקאַרעשטער אידן האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז איינער

פון זיי וועט מיטנעמען די פּאַקעטן קיין בוקאַרעשט. זיי זיינען באַקאַנטע סוחרים, וואָס פאָרן זייער אָפט אויף די באַנען און די באַן־באַאַמטע קענען זיי גוט. אַזוי האָבן מיר געטאָן.

מיין צוריקרייזע קיין בוקאַרעשט איז מיר אָנגעקומען נישט שווער. ביי דער גרענעץ האָט מען נאָר דורכגעקוקט מיינע פּאַפּירן. אַזויווי מיין באַגאַזש איז באַשטאַנען פון איין וואַליזע, האָט מען זי שנעל דורכגעקוקט און מען האָט מיך געלאָזט וויטער פאָרן.

געקומען אין מיין האָטעל אין בוקאַרעשט, האָב איך זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. ווער ווייסט, צי דעם בוקאַרעשטער אידישן סוחר וועט געלינגען דורכצופירן די פּאַקעטן מיט די בריוו? סוף־כל־סוף איז ער געקומען און מיר געבראַכט די פּאַקעטן. ער איז פּונקט געפאָרן מיט יענעם צוג, וואָס דער גענעראַל האָט מיר אָנגעוויזן צו פאָרן. האָט ער דערציילט, אַז די באַן־באַאַמטע האָבן געהאַלטן אין איין זוכן אין די וואַגאָנען. ווען ער האָט גע־פרעגט זיין באַקאַנטן באַן־קאָנדוקטאָר, וואָס זוכט מען עס אַזוי, האָט ער אים געענטפערט, אַז מען זוכט אַן אַמעריקאַנער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אויף אָט־דעם צוג.

גלייך אויף מאָרגן האָב איך אָפּגעשיקט די פּאַקעטן קיין פּאַריז.

יא.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבעט פון זאַמלען בריוו צו קרובים.

אין איין שטעטל אין בעסאַראַביע — דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אין אוריעוו — איז צווישן דעם קאָמיטעט, וואָס איז געגאַנגען אין די שטיבער אויפזאַמלען בריוו, געווען אַ הדרת־פּנים׳דיקער אַלטער איד, דווקא הויך און סימעטריש געבויט, אַז עס איז געווען אַ תענוג אויף אים אַ קוק צו טאָן. ווען ער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס פּעקל מיט בריוו, איז אויף דעם אויבערשטן קאָנווערט געווען דער נאָמען: „נחום אַלקושי, וואָוסטער, מאַסאַטשוסעטס“. דעם חבר נחום אַלקושי האָב איך גוט געקענט. ער איז דאַן געקומען אין שליחות פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל צו אונז אין צפון־אַמעריקע. ווען מיין אויג איז געפאַלן אויף אָט־דעם אַדרעס, האָב איך אינסטינקטיוו אַרויס־געזאָגט, אַז דעם הער נחום אַלקושי האָב איך פּערזענלעך געזען, איידער איך בין אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקע. אָבער איידער איך האָב פאַרענדיקט דעם זאַץ איז דער איד געלעגן אַ גע׳חלש׳טער אויף דער פּאָדלאָגע. איך האָב תיכף אַריינגערופן אַ דינער פון האָטעלכל, וואו איך בין איינגעשטאַנען און

נאָך פיל מי האָבן מיר אים דערמינטערט. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער מיט אַ שוואַכער שטימע אַרויסגערעדט: איך קענט מיין זון?!

ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען ווי אומפּאַרזיכטיק איך בין געווען. איך בין דאָך פּאַר יענע אידן דערשינען ווי אַ מושיע ומציל. אוודאי האָט מיר נישט געקענט איינפאַלן, אַז דאָ שטייט פאַר מיר דער פאָטער פון אַ טייערן ארץ־ישראלדיקן חבר. אָבער איך האָב געדאַרפט אויסרעכענען, אַז איך קען דאָך טרעפן אויף אַ קרוב פון איינעם, צו וועמען די בריוו ווערן געשיקט; און האָב נישט געדאַרפט אַריינפאַלן אין התפעלות, ווי נאַר איך האָב דערזען דעם נאָמען אויפגעשריבן אויף אַ קאָנווערט. סיי־ווי, ווען דער אַלטער איד האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט נישט געהערט פון זיין זון איבער פיר יאָר נאָכאַנאַנד, די גאַנצע צייט וואָס די מלחמה איז אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אין אַמעריקע דורך אַ בריוו וואָס זיינע — נחום אַלקושי׳ס — חברים האָבן צו אים געשריבן וועגן דעם און צוגעשיקט זיין אַדרעס. איידער ער האָט באַקומען אָט־דעם בריוו האָט ער אַפילו נישט געוואוסט צי ער לעבט. מילא — דער דאָזיקער אַלטער איד האָט זיך צו מיר אַזוי צוגעקלעפּט, אַז ער איז פון מיר נישט אָפּגעטראָטן במשך די אַנדערהאַלבן טעג וואָס איך בין נאָך פאַרבליבן אין שטעטל. ער האָט געזוכט אַלץ צו טאָן פאַר מיר. ער איז אַפילו באַשטאַנען, אַז ער זאָל צוטראָגן מיינע זאַכן צו דער באַן־סטאַנציע. איך האָב דערזען אין זיינע אויגן, אַז ווען איך זאָג זיך אָפּ פון זיין הילף, וואָלט איך אים פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש.

יב.

קומענדיק צוריק קיין אַמעריקע האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט אַליין צו זען די געוואַלטיקע באַדייטונג פון אָט־דער ספּעציעלער אַקציע: צוריק צו פאַרבינדן קרובים. דאָס האָט אויך זייער שטאַרק געהאָלפן דער ווייטער־דיקער רעליף־אַרבעט, ווי דאָס באַווייזט נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס איך וויל דערציילן.

איך האָב, קומענדיק צוריק, באַזוכט זייער פיל אידישע קהילות. מיין טור האָט מיך אויך געבראַכט צו דער שטעטעלע סאַסקאַטון, וואָס אין פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן, אין קאַנאַדע. אין אָט־דעם שטעטעלע האָבן געלעבט אַרום 50 אידישע פאַרמער־פאַמיליעס. דער רוב פון זיי איז געקומען פון בעסאַראַביע און די מערסטע פון זיי האָבן טאַקע אַליין באַקומען בריוו פון זייערע קרובים, די ערשטע בריוו נאָכן זיין פיר יאָר אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע. אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן פון דעם לאָקאַלן צווייג

פון פיפלס־רעליף, צו הערן אַ באַריכט פון מיר, האָבן אָט־די אָרעמע פאַרמערס פון סאַסקאַטון און אַרום בייגעשטייערט פולע 10 טויזנט דאָלאַר פאַר פיפלס־רעליף.

אין דעם זעלביקן אָוונט איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלער באַנקעט פאַר רעליף פון די רייכערע אידן אין סאַסקאַטון, וועלכע האָבן געבראַכט ווי אַ רעדנער דעם באַרימטן ריכטער פּאַם פון שיקאַגאָ; דאָרט איז נישט געזאַמלט געוואָרן קיין פינפט־חלק פון דעם וואָס עס איז געזאַמלט געוואָרן בייטאָג אויף מיין פאַרזאַמלונג. אגב: דער באַנקעט איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקער. מען האָט אויף אים סערווירט נאָר הערינג מיט געבראָטענע קאַרטאָפל. איך בין אויך געקומען צום באַנקעט. דער עולם, פשוטע עמך־אידן, זיינען באַ־שטאַנען אַז איך זאָל אויך דאָרטן ריידן. נאַטירלעך האָב איך אַזוי געטאָן. איז דאַן געזאַמלט געוואָרן נאָך עקסטראַ 1000 דאָלאַר פאַר רעליף. אַזוי דאַנקבאַר זיינען געווען יענע, וועלכע האָבן באַקומען בריוו פון זייערע קרובים.

יג.

וועגן דער קאַרלסבאַדער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ האָב איך שוין אויבן בקיצור דערציילט. איך וויל דאָ נאָר צוגעבן צוויי מאָמענטן:

ערשטנס — האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט מיין טייערן חבר ישראל יעפּרויקין, וועגן וועמען איך האָב אַזויפיל געשריבן אין מיין ערשטן באַנד זכרונות (פון זייט 50 און ווייטער), גלייך נאָך מיין רעפעראַט וועגן דער רעליף־אַרבעט אין אַמעריקע, וואָס האָט אַרויסגערופן שאַרפע קעגנערשאַפט מצד דעם באַרימטן אַדוואָקאַט שלאָסבערג פון רוסלאַנד און נאָך מער מצד דעם נאָך מער באַוואוסטן ד״ר נתן בירנבוים, וואָס איז דאַן שוין געווען אַן אַגודיסט. זיי האָבן נישט מסכים געווען מיט דעם וואָס איך האָב דערציילט וועגן דער אידישער קולטור אין אַמעריקע און אויך נישט מיט מיין וואָרענונג, אַז אויך די רייכערע אידן פון אייראָפּע דאַרפןביישטייערן צו דער רעליף־אַרבעט און נישט פאַרלאָזן זיך בלויז אויפן רייכן פעטער אין אַמעריקע. וועגן דעם תוכן פון מיין רעדע האָט דווקא דער „העולם“ אין לאָנדאָן זיך אָפּגערופן זייער פּאָזיטיוו. ער האָט געשריבן:

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט די רעדע פון מר. ברוך צוקערמאַן, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון פיפלס־רעליף אין אַמעריקע.

ער האָט זיך געווענדעט מיט אַ שטאַרקער וואָרענונג צו אַלע אידן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרבינדן אַלע זייערע האָפענונגען מיטן רייכן פעטער. ווי איז דעם פאָלק וואָס זוכט געהאָלפן צו ווערן דורך צדקה. ווי איז צו יענע מענטשן וועלכע פאַרלאָזן זיך אויף דעם צווייטנס גוט־האַרציקייט. אמת, אַמעריקאַנער אידן האָבן ביז איצט בייגעשטייערט אַן ערך 40 מיליאָן דאָלאַר און וועלן זיכער

ביישטייערן נאָך גרויסע סומען, אויב מען וועט נאָר פאַרשטיין אויפצואוועקן דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידנטום צו זיין פליכט. אָבער מען מוז דאָך פאַר־שטיין, אַז סוף כל סוף וועט צדקה זיך אָפּגעשטעלן. וואָס וועט דאַן זיין ? וואָס וועט דאַן ווערן פון אַלע אינסטיטוציעס וואָס זיינען לעצטנס אויפגעשטעלט געוואָרן ? ווי גרויס וועט ווערן דער יאוש, ווען אַמעריקאַנער אידן וועלן אויפ־הערן שיקן געלט ? אויסער דעם ווערט דאָך דורך דעם פאַרשפּרייט אַ דעמאָ־ראַליזאַציע, ווייל די אייראָפּעאישע אידן לייגן זייער גאַנצע האָפענונג אויף די אַמעריקאַנער אידן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס געפינען זיך נאָך רייכע אידן אין די מלחמה־לענדער, וועלכע פילן זיך באַפרייט פון יעדער פליכט בנוגע די אָרעמעלייט פון זייערע אייגענע שטעט.

מר. צוקערמאַן וואָרנט אויך קעגן דער איבערגעטריבענער האָפענונג אויף עמיגראַציע קיין אַמעריקע. ער רופט די אידן פון אייראָפּע צו פּראָדוקטיווער, זעלבסטשטענדיקער אַרבעט. ער זאָגט, אַז ביי אידן זיינען נישטאָ, און עס דאַרפן טאַקע נישט זיין, קיין נעמער און געבער. די אַמעריקאַנער אידן האָבן געגעבן פיל, ווייל זיי האָבן דערביי אויך אַן עגאָאיסטישן ציל. די אַמעריקאַנער אידן ווייסן און פילן, אַז דאָס האַרץ פון וועלט־אידנטום איז אין דער חרובער אייראָפּע ; אַז וויניקסטנס זיין גייסטיקע יניקה ציט דאָס גאַנצע פאָלק פון אייראָפּעאישן אידנטום. אויב די אידן פון אייראָפּע זאָלן חלילה חרוב ווערן, וועט עס זיין אַ גרויסע געפאַר פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אויך פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס איז איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס באַוועגן די אידישע פאָלקס־מאַסן צו טאָן זייער פליכט דורך דער פיפּלס־רעליף.

מיט דעם חבר יעפּרויקין האָב איך דאַן געהאַט זייער לאַנגע שמועסן. ער, דווקא, איז געווען צופרידן פון מיין רעדע. מיר האָבן זיך דערמאָנט אונזערע זכרונות פון יעלאָק, טעלז און ליבאַווע און ער האָט מיך אויסגע־פרעגט וועגן אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט פאַר די 17 יאָר צייט וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען. די דאָזיקע ווידער־באַגעגעניש האָט מיר פאַרשאַפט זייער פיל שמחה און תענוג.

יד.

איך האָב אויך געמאַכט אַ ריי באַזוכן אין ווילנע, וואַרשע, ריגע און אַנדערע אידישע צענטערן פון אייראָפּע. וועגן זיי אַלע ווערט דערציילט אין דעם „פיפּלס־רעליף בוך“. איך וויל פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט דער־ציילן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אין ווילנע. דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1922.

איך בין געקומען אַהין ווי אַ פאַרטרעטער בלויז פון פּיפּלס־רעליף און נישט פון „דזשאָינט“. די צענטראַלע אַרבעט, מיט וועלכער מיר האָבן זיך דאַן פאַרנומען, איז געווען הילף פאַר די אידישע קינדער־שולן אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל. מיין דעמאָלטיקע רייזע האָט באַצוועקט צו ברענגען צו פּיפּלס־רעליף אַ קלאָר און פולשטענדיק בילד פון אַט־דער דאַן־גרויסער

אַרבעט, וואָס די אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן דורכגעפירט, בעיקר אין פּוילן.

דער פּרעסטיזש פון פּיפּלס־רעליף איז דאַן געווען זייער גרויס צווישן די אידישע אַרבעטער אין פּוילן. איך האָב גענאָסן פון גאָר אַ באַזונדערער אָנערקענונג מצד די פירער פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, אַפילו פון יענע, וועלכע זיינען געווען פּאָליטיש מיינע קעגנער. דער וויכטיקסטער אָרגאַניזירטער כוח איז דאַן געווען דער אַנטי־ציוניסטישער „בונד". אָבער דווקא די בונדישע פירער האָבן פאַרנומען דאָס הויפּט־אָרט אין בויען קינדער־שולן אין פּוילן. ווען נאָר איך האָב באַזוכט וואַרשע, וואו דער צענטראַלער נערוו פון דער גאַנצער אַרבעט האָט זיך געפונען, בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אמתער חברשאַפט ליבשאַפט. די סיבה דערפון וועל איך באַלד אָנגעבן. אָבער דער עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך וויל דערציילן, האָט פּאַסירט נישט אין וואַרשע, נאָר אין ווילנע.

אין ווילנע האָט פונקציאָנירט אַ זעלבסטשטענדיקע פירערשאַפט פאַר די קינדער־שולן און אַנדערע קולטור־אַקטיוויטעטן: דער צענטראַלער בילדונג־קאָמיטעט (אין קורצן האָט ער געהייסן דער צ. ב. ק. לויט זיינע ראשי־תיבות). איך מיין, אַז יעדער ווילנער איד האָט גוט געוואוסט פון די געבענטשטע אַקטיוויטעטן פון צ. ב. ק. צו דער דאָזיקער קערפּערשאַפט האָבן געהערט אידן פון כמעט אַלע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען. זיינע וויכטיקסטע פירער זיינען געווען: ד״ר צמח שאַבאַד, ד״ר קאָוואַרסקי און אַנדערע ווילנער אידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן נישט געהערט צום „בונד". אייניקע פון זיי האָבן געהערט צו דער פאָלקס־פּאַרטיי. אָבער אַלע זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע אידישיסטן. זייער איבערגעגעבנקייט צו דער אידישער קולטור און צו דער אידישער שפּראַך האָט ממש קיין גרענעץ נישט געהאַט. זייער אַרבעט איז געווען אַזוי אָנערקענט, אַז אַפילו דער גרויסער ווילנער ציוניסטישער פירער פון יענער צייט, ד״ר יעקב וויגאָדסקי, האָט זיך אויך געהאַלטן נאָענט צו זיי. ווען איך האָב באַזוכט ווילנע, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע פאַרזאַמלונגען, וואו איך האָב בעיקר גערעדט וועגן דער אידישער קולטור אין צפון־אַמעריקע.

אויף דער וויכטיקסטער פאַרזאַמלונג, וואו דער פאָרזיצער איז געווען אַ אידישער קאָמוניסט, ידידאָוויטש (דאַן האָבן נאָך אידישע קאָמוניסטן אָנטייל־גענומען אין דער אידישער קהילה און אין אידישע קולטור־קערפּערשאַפטן) איז פאָרגעקומען אַ גרויסער וויכוח קעגן די געדאַנקען וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט. מיינע אויספירן זיינען געווען דווקא פּאָזיטיווע בנוגע די גייסטיקע

שעפערישע כוחות, וואָס לעבן אין אַמעריקאַנער אידנטום. אָבער בנוגע דער צוקונפט פון אידישע שפּראַכן אין אַמעריקע האָב איך פאָרמולירט אַזאַ געדאַנק: איך האָב געצווייפלט צי עס וועט אונז געלינגען צו דערהאַלטן אין קומענדיקע אידישע דורות אין צפון־אַמעריקע די אידישע שפּראַכן. פון ביידע אידישע לשונות זיינען די אויסזיכטן פאַר העברעאיש בעסערע, אויב דער ציוניזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן און אַ אידישע מדינה וועט אויפגעבויט ווערן. אַנטקעגן אָט־די געדאַנקען האָבן זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט כמעט אַלע דעבאַ־טאַנטן. דער שאַרפסטער צווישן זיי איז געווען ד״ר ס. רובין, וואָס האָט שפּעטער דווקא עולה געווען קיין ארץ־ישראל און איז געוואָרן אַ העברעאישער זשורנאַליסט, אונטערן נאָמען ד״ר רבקאי.

מיינע קעגנער האָבן מיך בעיקר געשלאָגן מיט באַהויפּטונגען וואָס עס האָט געמאַכט דער באַרימטער בונדיסט צביון, וועלכער האָט באַזוכט ווילנע אינגאַנצן מיט עטלעכע וואָכן פאַר מיר און ער האָט אין אַן עפנטלעכן רעפעראַט פאַרזיכערט, אַז די צוקונפט פון אידיש אין אַמעריקע איז אַבסאָלוט פאַרפעסטיקט.

ווען דער פאַרזיצער, דער קאָמוניסט, האָט דערשפּירט, אַז מיינע אַרגו־מענטן מאַכן אַ רושם, האָט ער זיי געזוכט אָפּצושוואַכן דורך אַזאַ חנ׳עוודיקן ווערטל: „וואָס קען מען דערוואַרטן פון אַ ציוניסט!?״

נאָך מיין רעפעראַט איז מען אַרונטערגעגאַנגען אין אַ קעלער אויף דער אידישער גאַס, אַ מין ווילנער „כסית״ אין תל־אביב, אָדער די „ראָיאַל־קאַפע״ אין ניו־יאָרק. דאָרטן האָט מען זיך צעשמועסט און דער פאַרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, דער קאָמוניסט, שטעלט מיר דאַן אַזאַ מאָדנע פראַגע:

„איך בעט אייך מיר צו דערקלערן אַ מאָדנע רעטעניש. דער בונדיסט און אידישיסט צביון, וואָס האָט פאַרלאָזט ווילנע אינגאַנצן מיט דריי יאָר צוריק און אין ניו־יאָרק לעבט ער אינגאַנצן קאַרגע צוויי יאָר, האָט גערעדט צו אונז אַזאַ אידיש, וואָס האָט אונז אַלעמען פאַרוואונדערט; זיין אידיש איז געווען פול מיט אַנגליציזמען. און איר, וואָס איר זיינט אַ שונא פון אידיש (אַנדערש האָט ער זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן!) און איר זאָגט, אַז איר האָט פאַרלאָזט ווילנע מיט 18 יאָר צוריק — און אייער אידיש איז ווי איר וואָלט ערשט נעכטן פאַרלאָזט ווילנע״. מיין ענטפער צו אים איז געווען: ווען אַ מענטש וואוינט אין אַ ציטווייליקער דירה און האָפט אין גיכן אַריבער־צוגיין אין אַ נייער דירה, דאַרף ער נאָך אַלץ האַלטן ריין די פּאָדלאָגע אין דער ציטווייליקער דירה. דווקא אָט־דער ענטפער האָט ביי מיין קעגנער זייער שטאַרק אויסגענומען.

נאָך אַן עפּיזאָד פון יענער פאַרזאַמלונג דאַרף פאַרצייכנט ווערן: נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט ריידן, איז צו מיר צוגעקומען ד״ר צמח שאַבאַד און געזאָגט מיר אַזוי: „ווען איך וואָלט נישט געוואוסט אַז אייער נאָמען איז צוקערמאַן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז איר זייט דער ישיבה־בחור ברוך חייט, וואָס איז געלעגן אין אידישן שפּיטאָל אין יאָר 1903“. איך בין ממש אויפגעשפּרונגען פון איבעראַשונג. איך בין טאַקע אין יאָר 1903 געלעגן אַ וואָך צייט אין אידישן שפּיטאָל. ד״ר שאַבאַד פלעגט יעדן טאָג קומען אַהין צו באַטראַכטן די חולאים. בלויז איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין בעטל און האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס איך טו אין ווילנע און ווי מיר לעבט זיך דאָ. ווען מיין דערשטוינונג איז אַריבער, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין עס טאַקע דער זעלביקער און פרעג אים, וויאַזוי האָט ער מיך דערקענט? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט מיך תיכף דערקענט, ווי איך האָב נאָר אָנגעהויבן ריידן, לויט מיין שטימע!

טו.

מיט וואָס דערקלערט זיך פאַרט די השפּעה וואָס מיר האָבן דאַן אויס־געאיבט אין פּיפּלס־רעליף? זיינען מיר דאָך אין צאָל אַלעמאָל געווען אַ קליינע מינאָריטעט לגבי די פאַרטרעטער פון דעם דעמאָלטיקן זייער־שטאַרקן כוח, וואָס האָט איינגעשלאָסן כמעט אַלע אידישע יוניאָנס, דעם גרויסן אַרבע־טער־רינג, דעם דאַן־מעכטיקן „פאָרווערטס“ און די אָרגאַניזירטע אידישע אַנטי־ציוניסטישע בונדיסטן! איך מיין, אַז די הויפּט־סיבה ליגט טאַקע אין דעם, וואָס זיי האָבן דערשפּירט אין אונז אַן ערנסטן צוגאַנג צו אַלע פראַגן, וואָס האָבן אונז דאַן אַלעמען געמאַטערט. אונזער אויסגעהאַלטענער צוגאַנג צום רעליף־פּראָבלעם האָט זיי שטילערהייט שטאַרק אימפּאָנירט. נאָכדעם ווי די מערסטע פירער פון יענעם „בלאָק“ האָבן זיך איינגעלעבט מיט אונז, האָבן זיי אָנגעהויבן האָבן פאַר אונז גרויס רעספּעקט. שטאַרק געהאָלפן דערצו האָבן דווקא די בונדישע פירער, וואָס זיינען דאַן געקומען קיין אַמע־ריקע, בעיקר וולאַדימיר מעדעם און ביינוש מיכאַלעוויטש. זיי האָבן דער־שפּירט, אַז טראָץ דעם וואָס דער גאַנצער אַפּאַראַט פון פּיפּלס־רעליף, פאַר די ניין יאָר וואָס ער האָט עקזיסטירט, איז געלעגן ביי מיר אין האַנט, האָט נישט אונזער באַוועגונג און נישט איך פערזענלעך עס אויסגענוצט קעגן פּאָליטישע קעגנער. איך וואָלט געקענט ברענגען אַ ריי בריוו, וואָס געפינען זיך אין מיין אַרכיוו פון פאַרשידענע קערפּערשאַפטן אין פּוילן, וועלכע האָבן מיר אויסגעדריקט אָנערקענונג; אָפט, נאָך מער ווי איך האָב פאַרדינט. איך

וויל נאָר ציטירן איין רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן, נאָכדעם ווי פּיפּלס־רעליף איז ליקווידירט געוואָרן. די רעזאָלוציע זאָגט:

אויסגעהערט דעם באַריכט פון חבר מיכאַלעוויטש וועגן דער ליקווידאַציע פון פּיפּלס־רעליף, געפינט דער פּלענום פאַר זיין חוב אונטערצושטרייכן, אַז אין משך פון אַ ריי יאָרן האָט דער פּיפּלס־רעליף געדינט אונזער זאַך מיט ראַט און טאַט; זי איז געווען דער שליח ציבור, דורך וועלכן די אידישע אַרבעטער־שאַפט אין אַמעריקע האָט אַרויסגעוויזן איר פאַראינטערעסירטקייט אין אונזער שול־באַוועגונג און איר שטענדיקע גרייטקייט צו געבן אונז ממשות׳דיקע הילף.

דער פּלענום שטרייכט אונטער מיט אָנערקענונג די באַזונדערס גרויסע פאַרדינסטן פון דעם חבר ברוך צוקערמאַן, דעם געוועזענעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּיפּלס־רעליף, אין וועלכן דער גאַנצער שול־וועזן זעט איינעם פון זיינע טרייסטע און אַקטיווסטע פריינט און טוער.

ווען מען האָט אין זינען, אַז די פירערשאַפט פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע איז דאָן געווען אינגאַנצן אַ בונדישע, ווערט די באַדייטונג פון אָט־דער רעזאָלוציע נאָך בולטער. איך רעכן, אַז סיי אונזער גאַנצע באַוועגונג, סיי איך פּערזענלעך מעגן מיט שטאָלץ צוריק־קוקן אויף יענע יאָרן און אויף דער אַרבעט וואָס מיר האָבן אינוועסטירט אין פּיפּלס־רעליף.

מיר האָבן אין שפּעטערדיקע יאָרן באַקומען אונזער פולע סאַטיספאַקציע אויך פאַר אונזער פּועלי־ציוניסטישן אידעאַל צוליב אָט־דער אַרבעט, ווי מיר וועלן עס זען, ווען מיר וועלן דערציילן וועגן דער גרינדונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין אַמעריקע.

אונזער ביישטייער צו דער ציוניסטישער אַרבעט אין צפון־אַמעריקע

א.

אין די סאַמע־ערשטע יאָרן איז אונזער ספּעציעלער ביישטייער פאַרן ציוניזם בעיקר באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן צעאַקערט אַ שטח פאַרן ציוניזם, וואָס ביז אונז האָט זיך דער אַמעריקאַנער ציוניזם צו אים כמעט ווי נישט צוגערירט. פּרטים וועגן דעם האָב איך דערציילט אין פאַרשידענע ערטער אין מיין ערשטן באַנד „זכרונות". אין די וויטערדיקע שורות וועל איך זיך בלויז אָפּגעבן מיט יענע גרעסערע אַרבעטן, וואָס מיר האָבן אויף אונזער אייגענער אחריות — און מיט אייגענע כוחות — צוגעטראָגן צום ציוניזם אין אַמעריקע. אין דעם שליס איך איין אונזערע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל בכלל און פאַר דער ארץ־ישראל'דיקער אָרגאַני־זירטער אַרבעטערשאַפט בפרט. איבערהויפּט גרייט איך זיך צו דערציילן וועגן פיר (4) קאָנקרעטע פּרשיות: א) וועגן אונזער אַרבעט פאַרן „החלוץ" אין די יאָרן 1915־17 (וועגן „החלוץ"־אַרבעט ביז דאַן האָב איך צו דערציילן אין „דערגענצונגען", וואָס איך פּלאַניר צו געבן אין דריטן באַנד); ב) וועגן דער לעגיאָן־באַוועגונג; ג) וועגן דעם געצייג־קאַמפּיין פאַר די אידישע אַרבע־טער־ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל און ד) וועגן אונזער וויכטיקסטן ביישטייער אויף אָט־דעם שטח: די אויפשטעלונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין אַמע־ריקע. אָבער איידער איך גיי אַריבער צו אָט־די קאָנקרעטע פּרשיות, דאַרפן פאַרצייכנט ווערן — אין אַלגעמיינע שטריכן — אונזערע באַציאונגען מיט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע; ווייל איינציקע צוזאַ־מענשטויסן מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אונז צוגעאיילט אונטערצו־נעמען אונזערע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אונזערע באַציאונגען געווען זייער פריינטלעכע. איינציקע פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, בעיקר לואי ליפּסקי, האָבן אַפילו געוואָלט, אַז מיר זאָלן ווערן אַן אָרגאַניזירטער טייל פון דער

ציוניסטישער פעדעראַציע (אַזוי האָט די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זיך דאַן גערופן). מיר האָבן אָבער אַפילו דאַן געהאַלטן, אַז אָרגאַניזאַטאָריש מוזן מיר בלייבן אומאָפּהענגיק און זיך נישט אונטערוואַרפן קיין דיסציפּלין פון אַן אַל־ציוניסטישער קערפּערשאַפט. אונזערע קעגנזייטיקע באַציאונגען זיינען אָבער געווען גאָר נאָענטע. איך געדענק נישט קיין איין ערנסטן סכסוך וואָס זאָל האָבן פאָרגעקומען צווישן אונז אין די ערשטע צען יאָר פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין אַמעריקע.

ב.

אָבער נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער שלום־בית אַ רעכט ביסל צעשטערט געוואָרן. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו זיינע גרעסערע אחריותן, וואָס עס האָט פאָראויס־געשפּירט, אַז עס וועט דאַרפן אויף זיך נעמען. דאָס אַמעריקאַנער אידנ־טום, האָט גוט געוואוסט, אַז די מלחמה, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם סאַמע חוט־השדרה פונעם מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום, וועט דעם גרעסטן טייל אידן רואינירן ווירטשאַפטלעך. עס וועט דעריבער אויפקומען אַ גרויסע נויטווענדיקייט צו געבן הילף די רואינירטע מיליאָנען אידן. פונקט אַזוי האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום באַגריפן, אַז די פּאָליטישע ענדערונגען, וואָס די מלחמה וועט ברענגען, וועלן דיקטירן דעם אַמעריקאַנער אידנטום זיך איינצושטעלן פאַר פּאָליטישע פאָדערונגען אין וועלכע די אידן פון די מלחמה־לענדער וועלן זיך נויטיקן. עס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן שרייבן די צוויי — ביז איצט — וויכטיקסטע קאַפּיטלען פון דער אַמעריקאַנער אידישער געשיכטע — די רעליף־אַרבעט און די קאָנגרעס־באַוועגונג (צו וועלכע איך האָב געווידמעט באַזונדערע קאַפּיטלען אין אָט־דעם באַנד). דאַן האָבן מיר און די אַלגעמיינע ציוניסטן נישט צו אַלע ניי־אויפגעקומענע פּראָבלעמען געהאַט דעם זעלביקן צוגאַנג. עס זיינען דעריבער פאָרגעקומען אָפטע חילוקי־דעות צווישן אונז, אַפילו אויפן שטח פון רעליף און נאָך מער אויפן שטח פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. וועגן אייניקע פון זיי האָב איך דערציילט אין פריערדיקע פּרקים. אָבער דער שאַרפסטער צוזאַמענשטויס צווישן אונז איז פאָרגעקומען דווקא אין די ראַמען פון פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין הערבסט 1914, באַלד נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, מיטן באַרימטן לואי ד. בראַנדייס בראש.

די אויפגאַבן פון דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט זיינען געווען: ערשטנס — צו געבן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הילף דעם ישוב אין ארץ־

ישראל; צווייטנס — איבערצונעמען אייניקע פונקציעס פון דער ציוניס־טישער וועלט־פירערשאַפט, וואָס די מלחמה האָט ממש צעבראָכן. אייניקע פון אירע מיטגלידער זיינען געבליבן אין ענגלאַנד, אייניקע אין דייטשלאַנד, אָן מעגלעכקייטן צו פאַרבינדן זיך איינער מיטן אַנדערן. אין אַמעריקע האָט זיך דאַן געפונען ד״ר שמריהו לעווין, דער איינציקער געוויילטער מיטגליד פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט. אַזוויוי אַמעריקע איז נאָך דאַן אין דער מלחמה נישט אריין, האָט ער געהאַט פרייע מעגלעכקייטן אָנצופירן אַרבעט אין נאָמען פון דער ציוניסטישער וועלט־פירערשאַפט. טאַקע ער האָט עס דאַן צוזאַמענגערופן די קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון אַלע ציוניסטישע גרופּי־רונגען אין אַמעריקע, וואו דער פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטעט איז אויפגעשטעלט געוואָרן. צו יענער קאָנפערענץ האָט ד״ר שמריהו לעווין גע־בראַכט דריי פאָרשלאָגן: א) צו זאַמלען אַ פאָנד פון הונדערט־טויזנט דאָלאַר פאַר די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל, צווישן די אינסטי־טוציעס וואָס וועלן געניסן פון אָט־דעם פאָנד זאָל אויך זיין דער „השומר״. ב) אַז דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט זאָל קאָנצענטרירן אין זיינע הענט די הילפס־אַקציעס פאַר ארץ־ישראל אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און אין דרום־אַמעריקע. ג) צו פאַרטרעטן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע כלפּי דער אַמעריקאַנער און אַנדערע רעגירונגען. אַלע דריי פאָרשלאָגן זיינען אָנגענומען געוואָרן — און אויפן שטח פון אָט־די אַרבעטן איז עס פאָרגעקומען דער שאַרפסטער צוזאַמענשטויס צווישן די אַלגעמיינע און אונז.

ג.

ווען דער פועלי־ציון צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויסגעהערט די באַריכטן פון אָט־דער קאָנפערענץ האָט ער באַשלאָסן, אַז די חברים ד״ר סירקין און דער שרייבער פון אָט־די שורות זאָלן אים פאַרטרעטן אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט און העלפן דורכפירן אָט־די פונקציעס.

חבר הערש עהרענרייך האָט געשטימט קעגן אָט־דעם פאָרשלאָג. ער האָט געהאַלטן, אַז דער קאָמיטעט וועט נישט שטיצן אין אַ געהעריקער מאָס די ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. לײדער האָט זיך חבר עהרענ־רייכ׳ס וואָרענונג אַרויסגעוויזן שטאַרק באַגרינדעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בריוו־אויסטויש צווישן די פועלי־ציון און די פירער פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, וועגן דעם אופן וויאַזוי די פועלי־ציון זאָלן קאָאָפּערירן אין זאַמלען אָט־דעם פאָנד. דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט מסכים געווען צו באַ־שטימען פאַר די אַרבעטער־אינסטיטוציעס אַ סכום פון צוויי טויזנט דאָלאַר —

בתנאי, אַז די פּועלי־ציון זאָלן דורכפירן אַ באַזונדערע אַקציע פאַרן הונדערט־טויזנט דאָלאַר פאָנד צווישן זייערע סימפּאַטיקער. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעם באַדינג נישט אָנגענומען. ער האָט דערקלערט, אַז די פּועלי־ציון זיינען גרייט צו קאָאָפּערירן מיט די אַלגעמיינע אין זאַמלען דעם פאָנד; אַז אין אייניקע פלעצער האָט זיך די קאָאָפּעראַציע שוין אפילו אָנגעהויבן; אָבער קיין סעפּאַראַטן קאַמפּיין וועלן די פּועלי־ציון פאַר אָט־דעם אַלגעמיינעם פאָנד נישט פירן.

אָט־דער געראַנגל האָט זיך געצויגן אַ צייט. דער פּראָוויזאָרישער קאָמי־טעט האָט פאַקטיש געשיקט זייער קליינע סומעס פאַר די אַרבעטער־אינסטי־טוציעס. פונעם צוזאָג צו העלפן דעם „השומר" האָט זיך בכלל גאָרנישט אויסגעלאָזט, טראָץ אַלע אינטערווענצן פון די פּועלי־ציון אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט.

אונזער באַטייליקונג אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט איז במשך די יאָרן 1915־16 אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויף אַ גאַר קענטיקן אופן. מיר האָבן זיך באַטייליקט אין די זיצונגען. מיר האָבן אויסגעפירט אַלע פליכטן, וועלכע מיר האָבן אויף זיך גענומען, ווי אַ טייל פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט; אָבער די אויפמערקשאַפט פון אונזערע פירנדיקע חברים איז דאַן מער קאָנצענטרירט געוואָרן אויף די גרויסע אַרבעטן, וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען — און אין נייע אַרבעטן, וועגן וועלכע איך וועל באַלד דערציילן. אויך די חברים בן־צבי און בן־גוריון, וועלכע האָבן אַוודאי אַרויס־געוויזן טיפן אינטערעס אין דער אַרבעט פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, האָבן זייער גרעסטן טייל ענערגיע אָפּגעגעבן דער קאָנגרעס־באַוועגונג און די נייע „החלוץ"־אַרבעטן, וואָס האָבן אויסגעפּלאָסטערט דעם וועג פאַר דער לעגיאָן־באַוועגונג. במשך אָט־די צוויי יאָר האָט געהערשט כמעט ווי אַ שטילשטאַנד אין אונזערע באַציאונגען מיט די אַלגעמיינע.

אָבער במשך דעם ערשטן האַלבן יאָר פון 1917 זיינען די אינערלעכע באַציאונגען אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט באַדייטנדיק שאַרפער געוואָרן. עס האָבן זיך אין דער אידישער וועלט גענומען צייכענען די קאָנטורן פון די פּאָליטישע פאַרמעסטן לטובת די ציוניסטישע צילן, תיכף ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן. אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעהויבן גאַר ערנסטע צוגרייטונגען צו די נייע אויפגאַבן. עס האָבן במשך פון די ערשטע חדשים פון 1917 זיך שוין אָנגעהויבן יענע צוגרייטונגען אין לאָנדאָן, וואָס האָבן דערפירט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז פאַרן פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט אין אַמעריקע וועלן געשטעלט ווערן

גרויס־צוגיקע אויפגאַבן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פועלי־ציון, אַוודאי מיט דער פולער מיטהילף פון די חברים בן־צבי און בן־גוריון, האָט אָנגעהויבן זוכן אַ וועג וויאַזוי אַריינצוטראָגן ענדערונגען אינעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, וואָס זאָל אים בעסער צוגרייטן צו זיינע נייע אויפגאַבן. מיר האָבן דעריבער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וויאַזוי צו רעאָרגאַניזירן דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. אין יסוד פון אָט־דעם פּלאַן איז געווען, אַז סיי דער קאָמיטעט בכלל, סיי זיינע אויספיר־אָרגאַנען זאָלן אויפגעבויט ווערן אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות, אַנשטאָט דעם ווי ער האָט ביז דאַן פונקציאָנירט: דורך אַ גאָר גרויסער מערהייט פון די אַלגעמיינע מיט צוויי פאַרטרעטער פון אונז און צוויי פון מזרחי. די מזרחי האָט תיכף צוגעשטימט צו אונזערע פאָרשלאָגן. אָבער די אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען געווען דורכאויס קעגן דעם. דאַן איז געקומען דער שאַרפער צוזאַמענשטויס. אין פאַרבינדונג מיט דעם פּלאַן פון רעאָרגאַניזאַציע האָבן זיך אויך אָנגעהויבן פירן שאַרפע וויכוחים וועגן די קאָמפּעטענצן פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געוואָלט, אַז דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין דער צענטראַלער אינסטאַנץ, וואָס פירט אָן מיט אַלע ציוניסטישע אַרבעטן אין אַמעריקע. מיר, צוזאַמען מיט מזרחי, האָבן געהאַלטן, אַז דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט פירט אָן פּראָוויזאָריש אַרבעטן פון וועלט־ציוניסטישער באַדייטונג, אָבער מישט זיך נישט אין די אַרבעטן פון די באַזונדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן אַ סך חדשים. ענדלעך האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן מסכים געווען, אַז דער גאַנצער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט זאָל רעאָרגאַניזירט ווערן אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות. אָבער זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז אויך די אויספיר־אָרגאַנען פון קאָמיטעט, בעיקר זיין אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט, זאָל אויך באַזירט ווערן אויף פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט; און אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט צוזאַמענגערופן אין באַלטימאָר — דעם 28טן יוני 1917 — איז עס געקומען צו אַן אָפענער שפּאַלטונג.

ד.

ווען די מזרחי און פועלי־ציון האָבן פאַרלאָזט די קאָנפערענץ, נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן זייער פאָרלאַנג צו באַקומען פאַרטרעטערשאַפט אין אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, האָט איינער פון די פיינסטע און אינטעליגענטסטע ציוניסטן אין אַמעריקע, פּראָפעסאָר האַריס קאַלען, אונז דאַן בקול

רם אונטערגעטראָגן דעם עפּיטעט — איר זייט „הייפענייטעד זייאָניסטס״!
דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז „איר זייט נישט־גוטע ציוניסטן, ווייל צו אייער ציוניזם האָט איר נאָך אַ צוגאָב״. די מזרחי האָט דעם צוגאָב רעליגיעזע ציוניסטן און די פּועלי־ציון סאָציאַליסטישע ציוניסטן. די אמתע און כשרע ציוניסטן זיינען די „פּיור זייאָניססט״ — ציוניסטן אָן קיין שום צומיש פון עפּעס אַנדערש.

מיר האָבן דאַן אָנגענומען אָט־דעם עפּיטעט ווי אַ שאַרפע באַליידיקונג. מען דאַרף געדענקען די צייט, ווען אָט־דער עפּיטעט איז צו אונז צוגעקלעפּט געוואָרן. דאָס איז געווען פּונקט עטלעכע חדשים נאָכדעם, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן גרויסע גרופּן געפירט יאָרן נאָכאַנאַנד אַ שאַרפן קאַמף קעגן אַמעריקע׳ס אַריינטרעטן אין קריג. דאָס זיינען געווען די „דזשוירמען־אַמעריקאַנס״, די „הונגאַריען־אַמעריקאַנס״ און אַנדערע עטנישע גרופּירונגען, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון די צענטראַל־איראָפּעאישע מדינות, און האָבן זיך אַלע פאַראייניקט אין אַמעריקע נישט צו דערלאָזן, אַז אַמעריקע זאָל אַריינטרעטן אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די אַליאירטע. אָט־די אַלע גרופּירונגען האָט דער גרויסער אַמעריקאַנער געוועזענער פּרעזידענט, טעאָדאָר רוזוועלט, באַצייכנט מיטן עפּיטעט: „הייפענייטעד־אַמעריקאַנס״. אָט־דער טערמין איז כמעט געווען אַ סינאָנים פאַר פאַררעטער, בוגדים. דעריבער האָט פון דעם עפּיטעט „הייפענייטעד־זייאָניסט״ דאַן זיך געטראָגן גאָר נישט קיין ריח ניחוח. אַ סך פון אונז האָבן זיך טאַקע דאַן שטאַרק געוואונדערט, אַז אָט־דאָס וואָרט זאָל אונז צוגעטראָגן ווערן דורך אַזאַ שיין־גייסט ווי פּראָפעסאָר האָרייס קאַלען.

וועגן דעם עצם־ענין — דער פראַגע וואָס די ווייטערדיקע געשיכטע האָט צו דערציילן וועגן די ביישטייערן וואָס עס האָבן צוגעטראָגן צו דער מאָדערנער אידישער געשיכטע יענע ציוניסטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט ציוניזם פּלוס נאָך עפּעס (וואָס איך וועל זיי ווייטער אָנרופן „מיזוג־ציוניסטן״), אין פאַרגליך מיט דעם ביישטייער, וואָס עס האָבן צוגעטראָגן די „ריינע״ ציוניסטן, ציוניסטן אָן קיין צומיש — וועגן אָט־דעם זייער וויכטיקן פּונקט וועלן מיר שמועסן דווקא אין לעצטן קאַפּיטל פון אָט־דעם באַנד זכרונות. איך באַטראַכט עס ווי די פאַסנדיקסטע טעמע מיט וועלכער אָפּצושליסן אָט־דעם בוך.

עס זיינען שפּעטער געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן, דורך פּריוואַטע שמועסן, צוריקצוברענגען די מזרחי און אונז, אין פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. די מזרחי

האָט זיך שנעל געלאָזט איבעררײדן און זײנען טאַקע צוריק אַרײנגעטראָטן. מיר, דאַקעגן, זײנען געבליבן פעסט בײ אונזערע פאָדערונגען.

ה.

דערווײל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. דעם רושם וואָס זי האָט געמאַכט אויף אַלעמען דאַרף איך דאָ נישט אונטערשטרײכן. אונזער אײגענע באַוועגונג האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקטיוויטעט תיכף נאָך דער דעקלאַראַציע, אין וועלכער אַלע אונזערע חברים האָבן זיך באַטײליקט. וועגן דעם וועט שפּעטער דערציילט ווערן. אָבער אין דער פירערשאַפט פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט איז אויפגעקומען דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער געדאַנק, אַז מען דאַרף מאַכן אַ נײעם פאַרזוך גאַנץ צו מאַכן דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. זײנען מיר און די מזרחי גערופן געוואָרן צו אַ געשפּרעך מיט די פאָרשטײער פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט: ד״ר סטיפן וויז, יעקב דע־האַז און ז. לעווין־עפּשטיין. ווען מיר האָבן ווידער אַרויסגעבראַכט די פאָדערונג וועגן פּראָפּאָרציאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די קאָמיטעט־אינסטאַנצן, האָט מען אונז געגעבן גאָר אַ נײע דערקלערונג: אַז אין דער צײט פון קריג אַנערקענען זײ בכלל נישט קיין שום פּראַקציעס אין ציוניזם. די דאָזיקע נײע „אידייע״ האָט געהערט צום שאַרפן מוח פון יעקב דע־האַז.

אויף דעם האָבן אָנטײלנעמער אינעם שמועס מצד פּועלי־ציון געענטפערט מיט אַ וואָרענונג, אַז אויב די פאָדערונגען וועלן נישט נאָכגעגעבן ווערן, וועלן זײ, אין אַן אָפענעם קאַמף דערקלערן, אַז די נײע באַלטימאָרער קאָנפערענץ, וואָס דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט גערופן אויף דעם 16טן דעצעמבער 1917, רעפּרעזענטירט נישט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון האָט נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע באַשטימט אַ ספּעציעלן אַרבעטס־קאָמיטעט, וואָס זאָל דורכפירן אונזערע אײגענע אַרבעטן איבערן לאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער דעקלאַראַציע. חבר בן־גוריון איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון אָט־דעם קאָמיטעט. האָט ער אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מיר פירן נאָך אַן ווײטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט די פאָרשטײער פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט. די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען — האָט ער געזאָגט — מאַכן דעם אײנדרוק פון אונזער שוואַכקייט און גיבן נישט צו קיין כבוד דער באַוועגונג.

צו דער נײער באַלטימאָרער קאָנפערענץ זײנען אײנגעלאַדן געוואָרן כלל־טוער פון פאַרשידענע ריכטונגען; דערונטער אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן קײנמאָל קיין שײכות נישט געהאַט מיט ציוניזם. אויף 200 אַזעלכע אײנגע־

לאַדענע האָט מען, אויף אַ פּריוואַטן אופן, אויך איינגעלאַדן גאַנצע דריי פּועלי־ציון. שפּעטער איז מען געוואָרן מער גנעדיק און מען האָט, ווידעראַמאָל פּריוואַט, איינגעלאַדן נאָך פינף פּועלי־ציון. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַרבאָטן זיינע חברים אָנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ, אויב עס וועלן נישט דערפילט ווערן די פאָדערונגען פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן נאַטירלעך אינפאָרמירט וועגן אַלע אַנטוויקלונגען אונזער אייגענעם פאַרבאַנדס־ביוראָ. האָט די ביוראָ אינטערוועניערט ביים ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט מסכים געווען צו געבן פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרע־טערשאַפט אין די קאָמיסיעס פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, אויסער אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וואָס פירט פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען און מוז דעריבער טראָגן אַ דיסקרעטן כאַראַקטער. שפּעטער האָט דער אַקציאָנס־קאָמיטעט שוין מסכים געווען צו אַלע אונזערע פאָדערונגען. אָבער גאָר גיך איז דער גאַנצער ענין געוואָרן איבעריק. די פּיטסבורגער אַלגעמיין־ציוניסטישע קאָנווענשאָן (אין דער ערשטער העלפט פון 1918) האָט אויפגעלייזט דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט.

ו.

איך פיל, אַז דעם אַריינפיר צו דער פּרשה פון אונזער ביישטייער צום ציוניזם אין צפון־אַמעריקע, פעלט נאָך אַ וויכטיקער רינג. איידער איך גיי אַריבער צו קאָנקרעטע פּונקטן, וועלכע איך האָב אויבן אָנגעצייכנט: לעגיאָן, געצייג־קאַמפּיין און געוועקשאַפטן־קאַמפּיין, וויל איך צוגעבן דעם רינג וואָס פעלט.

איך פיל, אַז עס איז דאָ נויטיק צו פאַרצייכענען דאָס ספּעציעלע וואָס אונזער באַוועגונג האָט צוגעטראָגן צום אַמעריקאַנער ציוניזם. איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז מיר, די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, האָבן געמוזט ברענגען ציוניזם צו די פּשוטע אידישע פאָלקס־מאַסן, ווייל פאַר אונז האָט עס קיינער נישט געטאָן. שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען אייניקע אַלגעמיינע פאָלקס־ציוניס־טישע פאַראיינען, וואָס זיינען רעקרוטירט געוואָרן פון אַריבערגעקומענע אַלגעמיינע ציוניסטן פון רוסלאַנד און עסטרייך. נאָך שפּעטער האָט דער מזרחי אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. יעדע פון די גרופּירונגען האָט אָנגעהויבן ברענגען ציוניזם צום פאָלק. דעם גרעסטן חלק אויף דעם געביט האָבן אָבער בייגע־טראָגן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. אָבער אויסער דעם האָבן מיר געהאַט אַ צווייטע ספּעציפישע אויפגאַבע: אין ציוניזם גופא האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם שטענדיק געדאַרפט פירן אַ קאַמף נישט נאָר פאַר זיינע ספּעציעלע סאָציאַליסטישע אַנשויאונגען, נאָר אויך פאַר דעם נאַציאָנאַלן תוכן פון ציוניזם

גופא, וואָס איז נישט אַלע מאָל ריכטיק אויפגעפאַסט געוואָרן דורך דעם אַמעריקאַנער אַלגעמיינעם ציוניזם.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו אַנאַליזירן די סיבות, וואָס האָבן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם געגעבן דאָס פנים, וואָס ער האָט דאַן פאַרמאָגט. מיין אויפגאַבע איז אַרויסצוהויבן יענע מאָמענטן, וואָס דער סאָציאַליסטישער פליגל האָט אַריינגעבראַכט אין אַמעריקאַנער ציוניזם. זיין ספעציעלער צושטייער איז באַשטאַנען אין איין־איינציקן היסטאָריש־וויכטיקן אַקט: אין שטענדיקן ציען זיך, און ציען מיט זיך דאָס פאָלק, צו דער שעפעריש־ציוניסטישער טאַט.

דערמיט איז שוין, אייגנטלעך, אַלץ געזאָגט געוואָרן וועגן דער ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַנער ציוניזם. דאָס איבעריקע איז שוין נישט מער ווי אַ פירוש. איך רעכן, אַז די פאַקטן וואָס איך האָב שוין ביז איצט פאַרצייכנט באַווייזן, אַז דאָס אויבן־געזאָגטע איז נישט סתם אַ באַהויפטונג; אַז דער זין פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז טאַקע געווען און געבליבן דאָס רייסן זיך צו דער שעפעריש־ציוניסטישער טאַט.

די אמתע שעפערישע טאַט האָט געקענט געפירט ווערן און איז געפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל גופא. אָבער די דירעקטע שעפערישע טאַט אין ארץ־ישראל האָט געמוזט האָבן פאַר זיך אַ רעזערוואואַר פון ממשות׳דיקער הילף. אויף דעם געביט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע אַרויסגעבראַכט באַדייטנדיקע כוחות, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל.

ז.

ווי טיף עס האָט געלעבט אין דער באַוועגונג די בענקשאַפט צו פערזענלעכער מיטבאַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט, איז אַמשאַרפסטן דעמאָנסטרירט געוואָרן אין דער לעגיאָן־באַוועגונג פון די יאָרן 1917—1918 אין אַמעריקע. יעדעס מאָל ווען איך הער, אָדער איך לייען, די באַרימערייען פון די רעוויזיאָניסטן און זייערע סימפאַטיקער, אַז זיי האָבן עס אַנטדעקט די גרויסע באַדייטונג פון אויפשטעלן אַ אידישע מיליטערישע קראַפט אין ארץ־ישראל, וואונדער איך זיך אויף אַ צאָל אידן מחוץ פון יענער גרופּע, וואָס נעמען עס אויך אָן ווי אַ היסטאָרישן פאַקט. אמת, מיר האָבן קיינמאָל נישט געזוכט צו מאַכן אַ קולט פון מיליטאַריזם. קעגן דעם האָט אונזער באַוועגונג געקעמפט און קעמפט נאָך איצט אויך. אַפילו בעתן ערשטן וועלט־קריג, ווען פיל טויזנטער פון אונזערע בעסטע בחורים פון ארץ־ישראל האָבן,

מיטן הסכם פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן, צייטווייליק אָוועקגעלייגט זייערע אַקער־אייזנס און זיך גענומען צו דער שווערד, איז אָבער זייער אידעאַל געבליבן די אַחרית־הימים־נבואה פון ישעיה און מיכה: ווען אַלע שווערדן פון דער וועלט וועלן צעשטויסן און איבערגעשמידט ווערן אין אַקער־אייזנס. דעריבער איז אונז געווען און געבליבן דערווידער יעדער מיליטערישער קולט; אָבער די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע גרופּירונג אין ציוניזם, האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די נויטיקייט פון אויפשטעלן אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס אין ארץ־ישראל און טאַקע אַזעלכע אויפגעבויט.

די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט געוואוסט די סטראַטעגישע פּאָזיציע, וואָס ארץ־ישראל פאַרנעמט אין דער מאָדערנער פּאָליטישער וועלט־געאָגראַפיע. זי האָט געוואוסט, מיט וועלכע לוסט־אויגן עס קוקן אויף יענעם ווינקל פון דער וועלט פאַרשידענע צווישן־זיך־קעמפנדיקע פּאָליטישע וועלט־כוחות. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַרום זיך אין ארץ־ישראל שכנים, וועלכע קענען זייער גרינג אויסגענוצט ווערן פון יענע פּאָליטישע וועלט־כוחות, אין וועמעס פּאָליטישן חשבון אַ אידישע ארץ־ישראל פּאַסט זיך נישט אַריין. זי האָט געוואוסט, אַז אונזערע שכנים קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ האַק, וואָס די האַנט פון אַזעלכע פּאָליטישע וועלט־כוחות זאָל זי גלוסטן אַראָפּצולאָזן אויף אונזערע קעפּ. זי האָט דעריבער געוואוסט, אַז זי מוז אויפשטעלן אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס אין ארץ־ישראל פאַר אונזערע שוץ־צוועקן. די אידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל האָט דעריבער, פּאַראַלעל מיט איר וואוקס, גענומען בויען אַזעלכע מיליטערישע פאָרמאַציעס. זי האָט אויפגעשטעלט קעמערל נאָך קעמערל. זי האָט עס אָנגעהויבן מיט דער גרינדונג פון „השומר". פון „השומר" איז ביסלעכווייז אַרויסגעוואַקסן די „הגנה". דורך „הגנה" איז מעגלעך געוואָרן די רעקרוטירונג פון די פיל טויזנטער פון אונזערע זעלנער, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער וועלט־מלחמה קעגן היטלעריזם. דורך די זעלבע אַנטוויקלונגען איז מעגלעך געוואָרן די העלדישע אידישע בריגאַדע פון ארץ־ישראל. און דורך אָט־די אַלע אויפגעשטעלטע סטאַנציעס אויפן וועג, איז עס געבראַכט געוואָרן צו אונזער איצטיקער צה"ל.

ווען אין די יאָרן 1917—1918, לאַנג איידער די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג האָט דערזען די ליכטיקע וועלט, זיינען די באַדינגונגען רייף געוואָרן פאַר אַן אמתער לעגיאָן־באַוועגונג אויך מחוץ פון ארץ־ישראל, און אַמעריקע האָט דאַן אָוועקגעשיקט עטלעכע טויזנט יונגע בחורים אין אידישן לעגיאָן — זיינען ווייניקסטנס 60 פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן רעקרוטירט

געוואָרן פון מיטגלידער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַרן לעגיאָן איז כמעט פולע הונדערט פּראָצענט דורכגעפירט געוואָרן דורך חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויפן געביט פון דירעקטער באַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט פאַר און אין ארץ־ישראל, איז די דעמאָלטיקע לעגיאָן־באַוועגונג געווען דער וויכטיקסטער איינצל־שטייער פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָ האָט די באַוועגונג געפונען די מעגלעכקייט אַריינצוגיסן אין דער לעגיאָן־אַרבעט, סיי איר אַלגעמיינעם סימן מובהק — איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, סיי איר ספּעציעל־ציוניסטישן סימן מובהק — דאָס רייסן זיך צו דער שעפערישער טאַט.

די פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, האָבן געצוואונגען די גרעסטע צאָל פון אונזערע אַמעריקאַנער לעגיאָנערן צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. אַ סך הונדערטער פון אונזערע בחורים זיינען, טראָץ די קאָמפּליקאַציעס, געבליבן אין לאַנד. זיי האָבן די גאַנצע צייט ממשיך געווען זייער אָנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל גופא. אין די לעצטע יאָרן זיינען נייע הונדערטער אידישע בחורים און מיידלעך, דערצויגן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און פאַרנעמען דאָרט בוי־פּאָזיציעס ווי אַ גלייכער טייל פון דער גאַנצער גרויסער מחנה פאַרווירקלעכער און אויספירער (מגשימים). דאָס רייסן זיך צו דירעקטער באַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט האָט זיך אין דער באַוועגונג אויך קיין איין מאָמענט נישט אָפּגעשטעלט (פּרטים וועגן דער גרינדונג פון לעגיאָן וועלן דערציילט ווערן אין קומענדיקן קאַפּיטל).

ח.

די ראָלע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם פּראָצעס פון אויפשטעלן אין אַמעריקע דעם רעזערוואואַר פאַר ממשות׳דיקער מיטהילף אין דער טאָג־טעגלעכער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל, איז אויך געווען אייגנאַרטיק און גאָר־גאָר באַדייטנדיק.

צוויי פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע פון דעם כאַראַקטער. דעם ערשטן פאַרזוך האָט געמאַכט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג — די אַרבעטער־ציוניסטן בתוכם — אויפצושטעלן די אידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. דער צווייטער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן, דורך די אַרבעטער־

ציוניסטן אַליין, אויפצושטעלן די אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. וועגן דעם ערשטן פאַרזוך זיינען געווען טיפע חלוקי־דעות און עד־היום איז נאָך קיין היסטאָרישער פסק־דין נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, צי איז די אידישע אַגענץ געווען נויטיק, אָדער נישט. איך האָב אַליין געהערט צו די אָנהענגער פון דער אַגענץ. איך זע נישט קיין סיבה חרטה צו האָבן אויף מיין דעמאָלטיקער איינשטעלונג. איך ווייס די סיבות, וואָס האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַגענץ אין דער ריכטונג, וואָס אירע אָנהענגער האָבן פאַר איר פאָרויסגעזען. דאָס שטערט מיר אָבער נישט איינ־צוזען, אַז געלונגען איז די אידישע אַגענץ נישט. אָבער די אידישע אַרבעטער־אַגענץ איז פון ערשטן טאָג אָן געווען אַ געזונט־געבוירין קינד און געהאַלטן כסדר אין וואַקסן און ווערן אַלץ געזינטער און וויכטיקער. זי באַשטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

די ערשטע שריט צום אויפבוי פון דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל זיינען געמאַכט געוואָרן טאַקע אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג. שוין דאַן זיינען טיילן פון אידישע אַרבעטער־פירער און פון אידישע אַרבעטער־מאַסן מיטגעגאַנגען מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַווע־גונג. איר ארץ־ישראל־אָריענטאַציע האָט זיי נישט בלויז נישט אָפּגעשראָקן, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס אונזער באַוועגונג האָט צוזאַמענגערופן אין מיטן מאַי 1918. די צוגרייטונגען צו דעם אַרבעטער־קאָנגרעס האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט תיכף נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אין די חדשים, אין וועלכע די דאָזיקע צוגרייטונגען זיינען פאָרגעקומען, איז די אידישע אַרבעטער־וועלט ווידער־אַמאָל אויפגעטרייסלט געוואָרן אַרום דעם ארץ־ישראל־פונקט. געווען אַזעלכע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אין אַרבעטער־קאָנגרעס, צוליב חילוקי־דעות מיט דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, נישט געוואָלט באַטייליקן. זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק אָנגענומען פּאָזיטיווע רעזאָלוציעס פאַר ארץ־ישראל. דעם בולטסטן ביישפּיל אין דער באַציאונג האָבן דאַן געגעבן די ניו־יאָרקער פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. אויף זייער זיצונג מאָנטיק, דעם 22טן אַפּריל 1918, ווען אונזער איינלאַדונג צום אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל איז פאַרהאַנדלט געוואָרן, איז דאָרטן אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

> עס איז באַשלאָסן, אַז מיר שטעלן עס אַלס פאַרלאַנג, אַז די אידן זאָלן קריגן גלייכע נאַציאָנאַלע באַרעכטיקונג אין אַלע לענדער און פרייע קאָלאָני־זאַציע, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען שטאַאַט אין פּאַלעסטינע.

די רעזאָלוציע איז נאָך, אמת, געווען נישט גענוג קלאָר, אָבער אַזוי ווייט איז זי געווען דייטלעך, בכדי צו דעמאָנסטרירן, אַז די אַלטע נעגאַטיווע באַציאונג צו דעם ארץ־ישראל־געדאַנק איז פאַרוואָרפן געוואָרן. מאַקס פיין, דער מחבר פון דער רעזאָלוציע, דער שפּעטערדיקער ערשטער פּאָרזיצער פון דער פּערמאַנענטער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, איז אויף דער דאָזיקער זיצונג אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן די פועלי־ציון. ער איז געווען דער הויפּט־קעמפער קעגן דער באַטייליקונג פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל. ער האָט דעם קאָנגרעס באַטראַכט — זיכער אומבאַרעכטיקט — ווי אַ ריין־פועלי־ציוניסטישן צוזאַמענקונפט. ער האָט אָבער שוין דאַן זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו ארץ־ישראל גאַנץ שאַרף אַרויסגעבראַכט. אַ צאָל פון באַדייטנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט קיין רעזאָלוציע און זיינען געקומען צום אַרבעטער־קאָנגרעס. זייער טיפער אינטערעס אין ארץ־ישראל איז שוין דאַן קלאָר דעמאָנסטרירט געוואָרן (מער פּרטים וועגן אָט־דעם אַרבעטער־קאָנגרעס — שפּעטער).

נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט אָן ספק גרינגער געמאַכט דעם וועג פאַרן אויפבוי פון דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל איז געווען — די בשותפות׳דיקע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע אידישע אַרבעטער־עלעמענטן אין „פּיפּלס־רעליף״. אַזעלכע אַרבעטער־פירער ווי מאַקס פיין, אברהם שיפּ־לאַקאָף און אַ סך אַנדערע, האָבן אין „פּיפּלס־רעליף״ געהאַט אַ געלעגנהייט בעסער זיך צו באַקענען און טיפער צו באַגרייפן די פועלי־ציון.

זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אונזער איצטיקן באַוואוסטן חבר לואי סיגאַל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַר־באַנד, האָב איך אויך געמאַכט דורך מיינעם אַ באַזוך פאַר „פּיפּלס־רעליף״ אין סיינט־פּאָול, מינעסאָטאַ, וואו ער האָט דאַן געלעבט. ער האָט זיינע געבענטשטע אַקטיוויטעטן אַנטוויקלט צו יענער הויך צו וועלכער ער איז ווייטער דערגאַנגען, אין אַביסל אַ שפּעטערדיקער צייט. וועגן זיי — און וועגן זיין חלק אין זיי — וועל איך האָבן צו דערציילן אין דריטן באַנד. אָבער אַפילו אין דעם פּעריאָד, וואָס איך דערצייל אין דעם באַנד, איז זיין חלק געווען אַ קענטיקער. אייגנטלעך: ווען נאָר איך דערמאָן די אַקטיוויטעטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, מיינט עס יענע אַקטיוויטעטן אין וועלכע ער האָט גענומען דעם הויפּט־חלק. שוין פון זיינע ערשטע שריט אין 1920, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, ביז דעם יאָר 1932, מיט

וועלכן אָט־דער באַנד שליסט זיך, איז חבר סיגאַל׳ס ביישטייער צו אונזער באַוועגונג געווען זייער גרויס.

די מורא, וואָס די פועלי־ציון האָבן ביי זיי אַרויסגערופן, ווי געוואַלטיקע פּאַנאַטיקער, מיט וועמען עס איז נישט מעגלעך צוזאַמענצואַרבעטן, איז אָפּגעפאַלן. דער וועג צו דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ איז דורכדעם אויסגעפלאַסטערט געוואָרן. נישט אַזוי גרינג איז עס, נאַטירלעך, אָנגעקומען. אָבער אין 1924, מיט 38 יאָר צוריק, איז ענדלעך די אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל — אונטערן נאָמען „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין״ — אויפגעשטעלט געוואָרן.

אַוודאי האָט דערביי אַמשטאַרקסטן מיטגעהאָלפן דער נאָמען, וואָס די ארץ־ישראל׳דיקע אידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך אין יענע יאָרן אָנגעהויבן מאַכן אין אַמעריקע. עס האָבן אָנגעהויבן קלערער ווערן די קאָנטורן פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער געביידע, וועלכע די אידישע אַרבעטערשאַפט פּלאַנט צו בויען אין ארץ־ישראל. מצד דער פריערדיקער נישט־ציוניסטישער אַרבעטער־אינטעליגענץ זיינען, דורך זייער אָנשליסן זיך אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, געקומען צום אויסדרוק די טיפע סימפּאַטיעס, וואָס זיי האָבן אין זיך געטראָגן פאַר אַ שעפערישער סאָציאַליסטישער טאַט. אָבער דער פאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע טאַט ווערט דורכגעפירט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָט באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן צו פאַרשנעלערן זייער אָנשלוס אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. ביי אייניקע פון זיי האָט זיך אָפּגערופן פון דאָס ניי די בענקשאַפט נאָך די פאַרזוכן, וואָס די אידישע „עם־עולם״־גרופּע (וועמעס גייסטיקע קינדער זיי זיינען מערסטנס געווען) האָט געמאַכט מיט צענדליקער יאָרן צוריק אין אַמעריקע, דורכצופירן אַזאַ שעפערישע סאָציאַליסטישע טאַט. פערזענלעך בין איך איבערצייגט, אַז דער ארץ־ישראל־מאָמענט האָט דאָ אויך געשפּילט אַ גאַר באַדייטנדיקע, פּאָזיטיווע ראָלע. זיינען דאָך די דאָזיקע אידישע אַרבעטער־אינטעליגענטן געווען קינדער פון דער אין־אידישקייט־פאַרוואָרצלטער מאַסע. קיינער פון זיי האָט נישט געקענט אין גאַנצן אויסוואָרצלען פון האַרץ זייער ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, וואָס איז אין זיי אַריינגעגאָסן געוואָרן דורך דורות. זיי איז אפשר שווער געווען צו מאַכן די ערשטע שריט. דער פאַלשער וועג פון אַנטי־ציוניזם, אויף וועלכן דער אידישער סאָציאַליזם איז אין די ערשטע יאָרן געפירט געוואָרן אין אַמעריקע, האָט אַוודאי איבערגעלאָזט אַ רושם. האָט מען זיך אָבער איינמאָל דערפון באַפרייט, האָט מען אַליין געגומען פילן גרינגער אויף דער נשמה. און האָט מען דערשפּירט דעם וואַרעמען אָפּרוף אין די הערצער פון די פשוטע אידישע אַרבעטער־מאַסן,

איז די אַרבעט פאַר ארץ־ישראל נאָך ליבער געוואָרן און דער אינטערעס נאָך טיפער. אין דעם איז טאַקע געלעגן די הויפּט־סיבה פון דער דערפאָלג פון אונזער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל: זי האָט צוזאַמענגעבראַכט אַזעלכע כוחות, וועלכע זיינען אין זייער סאַמע־מהות אייניק; בשעת די אַלגעמיינע אַגענץ האָט געזוכט איינצוהאַלטן אין איין ראַם מענטשן, וועלכע זיינען אין זייער סאַמן־מהות טאַקע נישט אייניק.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַליין האָט אין דעם געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין דערשפּירט דעם וויכטיקסטן קאַנאַל, דורך וועלכן די מיטהילף פאַר דער דירעקטער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל זאָל פליסן פון אַמעריקע. זי האָט דעריבער אַריינגעגעבן אין דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איר גאַנצן אוצר פון נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. זי האָט אַוודאי פיל מיטגעהאָלפן צו זיין פינאַנציעלן דערפאָלג. בעיקר אָבער האָט זי געהאָלפן אויסשמידן פון אים די וויכטיקסטע כלי, דורך וועלכער עס ווערט געגעבן אויפקלערונג צו די אידישע פאָלקס־מאַסן וועגן דער גרויסער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל. זי האָט אים געהאָלפן דערהויבן צו אַ קאַנאַל, דורך וועלכן עס שטראָמען די קדושה־אוצרות פון דער ארץ־ישראל׳דיקער בוי־אַרבעט צו די הערצער פון הונדערטער־טויזנטער אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע.

דאָס איז אָן ספק געווען דער וויכטיקסטער בייטראָג פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו דער גרויסער פּיאָנערן־אַרבעט אין ארץ־ישראל. געשיכטלעך וועט די דאָזיקע אידישע אַרבעטער־אַגענץ אין אַמע־ריקע פאַרנעמען דאָס אָרט באַלד נאָך דער אַלוועלטלעכער „החלוץ״־באַוועגונג אין דער גרויסער פּרשה פון בויען די אידישע מדינה. דעם סאַמע־ערשטן פּלאַץ פאַרנעמט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטערשאַפט אַליין (מער וועגן דער אויפשטעלונג פון אַט־דער אַרבעטער־אַגענץ אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען, געווידמעט דער גרינדונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין אַמעריקע).

ט.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אויך זייער אָפט צו־זאַמענגעשטויסן מיט די אַנדערע ציוניסטישע ריכטונגען אין די אינערלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמע־ריקע. כמעט אַלע אַזעלכע צוזאַמענשטויסן זיינען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג באַנוצט געוואָרן אויף אָפּהיטן דעם געזונטן פאָלקס־כאַראַקטער פון ציוניזם. די בעסטעביישפּילן זיינען געווען די וואַל־קאַמפּן

פאַר דעלעגאַטן צום ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. אין אַזעלכע וואַלן האָט אונזער מחנה אַריינגעבראַכט איר גאַנצן נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. זי האָט כמעט ווי אַרויפגעצוואונגען אַזעלכע אָפענע וואַלן אויף די אַמעריקאַנער אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך אין די ערשטע יאָרן זייער גרינג געמאַכט זייער מערכה אויף אָט־דעם געביט. זייער אַדמיניסטראַציע האָט אַליין באַשטימט די צאָל דעלעגאַטן און האָט זיי אַליין אויך אויסגעוויילט. קיין פאָלקס־וואַלן זיינען נישט פאָרגעקומען. דורך די וואַל־קאַמפן, וועלכע זיינען יאָ דורכגעפירט געוואָרן, איז אָבער דער ענין פון בירגער־רעכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון הונדערטער טויזנטער אידן אין אַמעריקע. דורכדעם איז אויך געוואַקסן זייער אינטערעס פאַר די פּאָליטישע וואַריאַציעס פון דער פיל־פאַרביקער ציוניסטישער באַוועגונג. דער ציוניזם בכלל איז דורכדעם פאַרטיפט געוואָרן *). די זעלביקע רעזולטאַטן זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך אַנדערע אינערלעכע קאַמפן אין אַמעריקאַנער ציוניזם.

ט.

ווי אויבן דערציילט, איז דער שאַרפסטער קאַמף פאַרן פאָלקס־כאַראַקטער פון אַמעריקאַנער ציוניזם פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אינעם דעמאָלטיקן פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט, מיט לואי בראַנדייס בראש.

צו דעם אויבן־געזאָגטן, בנוגע יענעם צוזאַמענשטויס, דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן: פאַר די קאַרגע דריי יאָר פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט האָט צווישן אונז מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן געהערשט אַ כמעט־פּערמאַנענטע אָנגעצויגנקייט. הויפּטזעכלעך איז עס אַרויסגעוואַקסן דורך דעם קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג. מיר האָבן אין דעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן קאָנגרעס געזען, ווי אַפילו נאָך דעם פּאָזיטיוון באַשלוס פאַר אַ קאָנגרעס האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געהאַנדלט אַזוי, אַז מיר זיינען גאַנץ אָפט געצוואונגען געווען צו פירן אַ קאַמף קעגן זיי. אונזער כסדר'דיקער דערפאָלג אין די דאָזיקע קאַמפן האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי די אָנפירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אַ ווידערווילן קעגן אונז. אונזער גרויסער דערפאָלג אין די וואַלן צום אַל־אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס האָט אָט־דעם ווידערווילן פאַרשאַרפט. האָבן זיך די פירער גענומען צום אַלטן „הבה נתחכמה". זיי האָבן פּראָקלאַ־

*) ליידער האָבן די דירעקטע וואַלן אין אַמעריקע צו ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן נישט געהאַט קיין אריכת־ימים. אָבער די עטלעכע מאָל, ווען אַזעלכע וואַלן זיינען יאָ דורכגעפירט געוואָרן, איז עס נאָר געשען אונטערן דרוק פון די פּועלי־ציון.

מירט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־געדאַנק, להיפּך צו אַלע באַשלוסן פון די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן, אַז נישט די מזרחי און נישט די פּועלי־ציון דאַרפן אָנער־קענט ווערן ווי באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפטן, נאָר בלויז ווי פליגלען פון זייער גוף. אָט־דעם „פּרינציפּ", אונטער פאַרשידענע לבושים, האָבן זיי געזוכט דורכצופירן אין דער נייער רעאָרגאַניזאַציע פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט.

אונזער קאַמף אויף דעם געביט איז באַדייטנדיק פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דעם, וואָס מיר האָבן שוין דאַן דערזען די געפאַר פון דער „שטילער, שווייגנדיקער פירערשאַפט" אין אַמעריקאַנער ציוניזם. לואי בראַנדייס איז שוין דאַן געווען ריכטער פון העכסטן געריכט פון לאַנד. עס וואָלט נישט געהאַט קיין טעם ווידעראַמאָל אָפּצופרישן די טענות, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט צו אים, פאַרוואָס ער האָט זיך אַליין אָנגעטאָן אַ שלאָס אויפן מויל. די פערזענלעכקייט „בראַנדייס", ווי זי האָט זיך אויסגעווירקט אין אַלגעמיינע סאָציאַלע אַמעריקאַנער באַוועגונגען און ווי זי האָט זיך אויסגעווירקט אין אידישן סאָציאַלן לעבן, וועט נאָך אַמאָל דאַרפן קריגן איר געהעריקן אָפּשאַ־צער. מיר האָבן זיך אָבער שטאַרק דערשראָקן פאַר אַ צושטאַנד, ווען אַ פירער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווייגנדיקן „אורים ותומים", וואָס זיין פירערשאַפט האָט נישט מער קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די אידישע מאַסן; וואָס זיין וואָרט ווערט געבראַכט דורך זיינעם אַ שליח, און די גאַנצע ציוניס־טישע באַוועגונג מוז זיך בויגן פאַר דעם דאָזיקן מיסטישן וואָרט. עד־היום איז מיר שווער צו באַגרייפן, וויאַזוי די אַנדערע ציוניסטישע פירער האָבן אָנגענומען אַזאַ צושטאַנד. די גרויסע איבערראַשונג צו האָבן אַ סופרים־קאָרט־ריכטער צווישן זיך האָט, ווי עס שיינט, פאַרוואָלקנט זייער אייגענעם ווילן. עס איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז אויסדריקן אַ מיינונג קעגן דעם שטומען אורים ותומים איז געווען כמעט ווי הויך־פאַרראַט. ערשט יאָרן שפּעטער האָט זיך די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג אַרומגעזען און אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם צושטאַנד, וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג אין 1921. אונזער „זינד" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אַזאַ צושטאַנד גלייך ווי מיר האָבן עס באַמערקט. פאַר אונז איז אויך צוליב אָט־דעם צושטאַנד געוואָרן אוממעגלעך צו נעמען אויף זיך מיט־אַחריות אין דער ציוניסטישער אַרבעט, אויב מיר זאָלן נישט האָבן קיין פאַרטרעטער אין אַלע קאָמיטעטן, בעיקר אין די אויספיר־קאָמיטעטן פון אָט־דער וויכטיקער קערפּערשאַפט. מיר האָבן דעריבער בשום אופן נישט געטאָרט און נישט געקענט מוותר זיין אויף אונזערע פאָדערונגען.

אונזערע חברים איבערן לאַנד האָבן אויפגענומען דעם רוף. די אַלגע־מיינע ציוניסטן האָבן אָבער אויך נישט געשוויגן. פון זייער צד האָבן זיך דערהערט שטימען, אַז מען דאַרף די פּועלי־ציון בכלל אויסשליסן פון ציוניס־טישן וועלט־קאָנגרעס. די דאָזיקע שאַרפע פּאָלעמיק האָט זיך געצויגן דעם גאַנצן זומער פון 1917. זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן ערשט אָנהויב ווינטער צוליב דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט איז דאַן, נאַטירלעך, קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום די נייע האָפענונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן און אַרום די צוגרייטונגען צו די נייע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך געעפנט.

די נייע שטימונג, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג גאַנץ צו מאַכן דעם אינערלעכן ריס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פּשוטע מאַסן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַרן טיטל „היפּענייטעד־זייאָניסטס", מיט וועלכן מען האָט אונז באַצייכנט, און האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויף די פירער אונז צוריק איינצולאַדן. רופן אַ נייע קאָנפערענץ פון פאַרשטייער פון ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן די פירער אַלץ נישט געוואָלט. זיי האָבן מסכים געווען איינצולאַדן אייניקע פון אונזערע יחידים. ווי וויט „ליבעראַל" זיי זיינען גרייט געווען צו זיין, קען מען זען דערפון, וואָס זיי האָבן, ווי איך האָב אויבן דערציילט, אין אַ צעטל פון אַרום 200 איינגעלאַדענע איינגעשלאָסן גאַנצע... 3 פּועלי־ציון. ווען מיר האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט, האָבן זיי מסכים געווען צו נאָך אַ „ליבעראַלן" שריט: זיי זיינען געווען גרייט איינצולאַדן נאָך 5 פּועלי־ציון פון אַ רשימה, וואָס מיר זאָלן זיי צושטעלן; אָבער זיי זאָלן האָבן די דעה, ווען מען פון דער רשימה יאָ און ווען נישט איינצולאַדן. די מזרחי האָט די פּשרה אָנגענומען. מיר, „שקצים" וואָס מיר זיינען געווען, האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט. אונזער טענה איז געווען און געבליבן: מיר קענען פאַרהאַנדלען נאָר אויף דער באַזע פונעם אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט פונעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט אונז אָנערקענט ווי אַ זעלבסט־שטענדיקע פראַקציע אין ציוניזם. קיין טובות ווילן מיר נישט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן דעם שטאַנדפּונקט נישט אָנגענומען, און מיר זיינען צום פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט שוין נישט געגאַנגען. מיר זיינען געגאַנגען אונזער אייגענעם וועג. מיר האָבן פון דרויסן־אויס געזוכט צו ווירקן, אַז אין אַמעריקאַנער ציוניזם זאָלן אַריינגעבראַכט ווערן די נויטיקע שינויים. מיר האָבן אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע מיטגעהאָלפן דעם פאַרזוך, וואָס חיים ווייצמאַן,

נחום סאָקאָלאָוו, שמריה לעווין און מ. אוסישקין האָבן געמאַכט אין 1921, אומ־צוקערן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם זיין פאָלקס־כאַראַקטער.

די עטלעכע געבראַכטע פאַקטן באַווייזן, דוכט זיך, אויסער יעדן ספק, אַז די ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַנער ציוניזם איז שטענדיק געווען אַ צווייפאַכע: מאַכן דעם ציוניזם פאַר אַן אמתער פאָלקס־באַוועגונג און שטויסן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם אויפן וועג צו דער שעפערישער ציוניסטישער טאַט.

דערמיט בין איך פאַרטיק מיטן אַריינפיר צו נייע קאַפּיטלען, צו וועלכע איך קום איצט. זיי אַלע באַשעפטיקן זיך מיט די פרטים וועגן אונזערע ביישטייערן צו דער ציוניסטישער טאַט. איך הויב אָן מיט דער לעגיאָן־באַוועגונג.

די באַוועגונג פאַרן אידישן לעגיאָן אין צפון־אַמעריקע

א.

איך הויב אָן דערציילן וועגן דער לעגיאָן־פּרשה מיט די אַרבעטן פאַר „החלוץ", וועלכע זיינען געפירט געוואָרן אין די יאָרן 1915־17. ווי איך האָב פריער פאַרצייכנט, האָבן אָט־די אַרבעטן אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַרן לעגיאָן. במשך אָט־די צוויי יאָר האָבן די חברים בן־צבי און בן־גוריון צוגעטראָגן זייער גרויסןביישטייער צו אונזערע אַרבעטן אין צפון־אַמעריקע. אויך חבר יעקב זרובבל האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין יענער אַרבעט. די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, וואָס זיין סעקרעטאַר איז געווען דער ענערגישער חבר, שמואל באַנטשעק.

די אַרבעט פאַר „החלוץ" האָט זיך אָנגעהויבן אין פרייַלינג פון 1915, תיכף ווי די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק (זיי זיינען געקומען ערב שבועות, תרע"ה). אויסרעכענען גענוי אַלע אַרבעטן אויף אָט־דעם געביט איז נאַטירלעך נישט מעגלעך. דאָס איז אויך נישט נויטיק, ווייל בעיקר וויל איך דאָך דערציילן וועגן דער אַרבעט פאַרן לעגיאָן. אָבער אייניקע וויכטיקסטע פּונקטן פון דער אַרבעט פאַר „החלוץ" דאַרפן אַרויסגעבראַכט ווערן.

אויף דער 9טער פּועלי־ציון־קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קליוולאַנד (אין אויגוסט 1915), קאַרגע דריי חדשים נאָכדעם ווי די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען אָנגעקומען, איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון די חלוצים־גרופּן, וועלכע זיינען שוין אויפגעשטעלט געוואָרן. אויף אָט־דער באַראַטונג איז דורך חבר באַנטשעק באַריכטעט געוואָרן, אַז די צוויי דערמאָנטע חברים האָבן שוין געהאַט באַזוכט 22 שטעט און אין 19 פון אָט־די שטעט זיינען אַנטשטאַנען אָדער גאַנצע צווייגן פון „החלוץ", אָדער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ" איינצלנע חברים. די צאָל

אַנגעשלאָסענע האָט דערגרייכט 100. דערונטער זיינען געווען 30 אין ניו־יאָרק, 14 אין שיקאַגאָ, 10 אין סינסינאַטי און צו 7 אין דעטראָיט, מילוואָקי און טאָראָנטאָ. אין אַ צאָל שטעט זיינען געשאַפן געוואָרן קורסן פאַר העברעאיש, ארץ־ישראל־וויסנשאַפט און גימנאַסטיק. די גרעסטע מערהייט פון די מיטגלידער זיינען געווען פועלי־ציון; עס זיינען אויך געווען עטלעכע אַלגעמיינע ציוניסטן. געווען צווישן די 100 אויך איניקע וועלכע זיינען געקומען פון ארץ־ישראל און איצט האָבן זיי געוואָלט צוריק עולה זיין.

די באַראַטונג האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון „החלוץ". אין שפיץ פון יעדן צווייג שטייט אַ ועד. גרופן וואָס ציילן בלויז דריי מיטגלידער ווערן אָנגעפירט פון אַ פאָרשטייער, וואָס די צענטראַלע באַשטימט. די מיטגלידער צאָלן אַ דאָלאַר אַ וואָך. אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין: דער חבר שמואל באַנטשעק ווי אַ פאַרטרעטער פון פאַלעסטינע־קאָמיטעט און נאַטירלעך — די חברים בן־צבי און בן־גוריון, ווי פאַרטרעטער פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין ארץ־ישראל; ברוך צוקערמאַן ווי אַ פאַרטרעטער פון דער פאַרטיי, וואָס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער. צוויי פאַרטרעטער פון ניו־יאָרק „החלוץ" זיינען אויך אַריין אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג.

די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען ממש אַדורכגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד צו פראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון „החלוץ". די צענטראַלע האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט איבער 30 צענטערן אין לאַנד.

אין מערץ 1916 באַריכטעט אַ צירקולאַר פון „החלוץ", גע'חתמ'עט פון דעם סעקרעטאַר, חבר יצחק בן־צבי, אַז אין די לעצטע חדשים איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון נאַטירלעכן אויסוואַל און קריסטאַליזירונג. די שוואַכערע עלעמענטן פאַלן אַרויס, די מער־אַנטשלאָסענע בלייבן. דער צענטראַלקאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן, אַז אין „החלוץ" קענען אַריינגיין נאָר אָרגאַניזירטע חברים פון דער פּאַרטיי, בעיקר דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון „החלוץ" מענטשן, וואָס גלויבן נישט אין ציוניסטישן ענדציל. חבר בן־צבי האָט געשטימט קעגן דעם. ער האָט געהאַלטן, אַז דער „החלוץ" דאַרף זיין אַן אומפּאַרטייאישע קערפּערשאַפט. דער באַשלוס פון צענטראַלקאָמיטעט האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע השפעה אויפן וואוקס פון „החלוץ". אָבער דאַן, אין מערץ 1916, האָט דער „החלוץ" געציילט 76 מיטגלידער אין 16 שטעט.

דעם 3טן נאָוועמבער 1917 איז פאָרגעקומען (אונטערן פאָרזיץ פון חבר זרובבל) אַ קאָנפערענץ פון „החלוץ". עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן אַרויסגעבן אַ „החלוץ"־ביבליאָטעק און שאַפן אַ ליטעראַטור־פאָנד; צוצוציען

ספּעציאַליסטן אויף פֿאַרשידענע געביטן, אויסצואַרבעטן פּלענער פֿאַר דער איינאָרדענונג פֿון חברים אין ארץ־ישראל. אין מיטן 1917 איז דערשינען אַ בראָשור „החלוץ" פֿון חבר זרובבל. זי איז דערשינען אין צוויי אויפֿלאַגעס, יעדע צו 5000 עקזעמפּלאַרן. די ערשטע אויפֿלאַגע איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן במשך פֿון דריי וואָכן.

ב.

דעם „החלוץ" איז נישט געלונגען ווייטער אויסצובורייטערן זיינע ראַמען און שלאָגן טיפֿערע וואָרצלען. חבר יצחק בן־צבי (אין זיינע „געקליבענע שריפֿטן", ניו־יאָרק, 1937, זייט 186) דערקלערט די סיבה: „ווען די מלחמה האָט זיך פֿאַרצויגן איז געוואָרן שווער אויפֿצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציע פֿאַר אַן אַרבעט לעתיד לבוא; און די שוועריקייטן זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט פֿאַר אַ באַשטימטער אַרבעט — דאָס וואָס מען רופֿט הכשרה־אַרבעט. פֿאַר דעם צוועק זיינען עטלעכע חברות און חברים אַריין אין דער אַגריקולטור־פֿאַרם אין וואודביין, ניו־דזשוירזי. אַנדערע זיינען אַוועק אַרבעטן ביי אַמעריקאַנער פֿאַרמערס".

אָבער עס זיינען געווען נאָך צוויי סיבות: די פּראָקלאַמירונג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און די אַנטשטייאונג פֿון אידישן לעגיאָן. סוף 1917 האָבן די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיך געזעגנט מיט די חברים, דורך אַ צירקולאַר אין וועלכן זיי האָבן מיטגעטיילט, אַז זיי גרייטן זיך צוריק צו־פֿאָרן קיין ארץ־ישראל; אַז חבר שמואל זעלינגער פֿון מאָנטרעאָל נעמט איבער די אָנפֿירונג מיטן סעקרעטאַריאַט פֿון „החלוץ", ביז דער „החלוץ"־קאָנפֿערענץ, וואָס וועט פֿאָרקומען אין האַרבסט פֿון 1918, בעת דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. די חברים יצחק בן־צבי און שמואל באַנטשעק וועלן אָנפֿירן מיט די ענינים ביז חבר בן־צבי וועט אָפּפֿאָרן קיין ארץ־ישראל.

די צוויי חברים בן־צבי און בן־גוריון האָבן במשך אָט־די יאָרן אויך אַנטוויקלט אַ פּרוכטבאַרע אַקטיוויטעט, פֿאַר אַנדערע ארץ־ישראל צילן, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, וועמעס סעקרעטאַר ס׳איז געווען שמואל באַנטשעק. פּרטים וועגן דעם וועלן דערציילט ווערן איידער איך וועל צוקומען צום קאַפּיטל „געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין". דערווייל דאַרפֿן נאָך צוגעגעבן ווערן אייניקע פּרטים וואָס געהערן נאָך אַלץ צום קאַפּיטל „החלוץ".

ג.

אין דעצעמבער 1917 איז אין מילוואָקי אַנטשטאַנען אַ פּועלי־ציון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט מיטן צוועק צו באַזעצן אירע מיטגלידער אין ארץ־ישראל. יעדער מיטגליד האָט געדאַרפט איינצאָלן 1500 דאָלאַר אין פאַרלויף פון צוויי יאָר, צו 6 דאָלאַר אַ וואָך. דאָס האָט פאַר די צוויי יאָר אויסגעמאַכט אַן אָפּצאָל פון 600 דאָלאַר. דעם באַלאַנס האָט ער געדאַרפט אַריינטראָגן נאָך די צוויי יאָר. אויב די מלחמה וועט נאָך אָנהאַלטן לענגער ווי צוויי יאָר, קענען די לעצטע 900 דאָלאַר באַצאָלט ווערן אין אַ שפּעטערדיקן טערמין. „די מערסטע פון די מילוואָקער חברים" — שרייבט זיך אין זייערס אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „קעמפּער" — „טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק פריער אָדער שפּעטער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, טאָ פאַרוואָס נישט זיין אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער אידישער פרייהייטס־אַרמיי? פאַרוואָס זיך נישט צוגרייטן אַזוי, אַז קומענדיק קיין ארץ־ישראל זאָלן מיר מאַכן אונזער היים פאַר אַ גליקלעכער, געבויט אויף יושר'דיקע סאָציאַלע יסודות?"

אין דער זעלביקער צייט האָט חבר יצחק זאַר פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „קעמפּער", אין וועלכן ער פּראָפּאַגירט צו אָרגאַניזירן אַן עליה פון פּועלי־ציון פאַכמענער קיין ארץ־ישראל (אַ פאָרלויפער פון דער שפּעטערדיקער „פּאַטוואַ").

מיט דער אָרגאַניזירונג פון דעם לעגיאָן זיינען די גרעסטע טייל מיטגלידער פון „החלוץ" אַריינגעטראָטן אין דעם לעגיאָן. אויף דער עלפטער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער 1918) איז באַריכטעט געוואָרן, אַז דער „החלוץ" האָט געציילט 120 מיטגלידער. זיי האָבן אַליין איינגעצאָלט דעם סכום פון 2,300 דאָלאַר צו דעקן אַ טייל פון זייערע רייזע־הוצאות קיין ארץ־ישראל.

ד.

צום סוף פון דער פּרשה „החלוץ" דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן נאָך איין וויכטיקער פּרט. נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע זיינען געבוירן געוואָרן פאַרשידענע גרויסצוגיקע פאָרשלאָגן וועגן חלוצישער עליה קיין ארץ־ישראל. איינעם פון אָט־די פאָרשלאָגן האָט געבראַכט — צו אַ „החלוץ"־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יולי 1918 — דער באַקאַנטער חבר ד"ר יהודה קויפמאַן (לעבט איצט אין ישראל און באַקאַנט אונטערן נאָמען ד"ר יהודה אבן שמואל). דער פּלאַן איז געווען צו אָרגאַניזירן דעם „החלוץ" אין פאָרם פון אַן אַרמיי, וואָס זאָל גרייט זיין זיך צו שטעלן אין דינסט פון דער צוקונפטיקער אידישער רעגירונג.

אַ פּלאַן צו שאַפן אַן אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ־ישראל (ענלעך צו דעם „גדוד העבודה" וואָס איז דאַן אויפגעקומען אין ארץ־ישראל), האָט געענוי באַהאַנדלט דער חבר יצחק בן־צבי, אין אַן אַרטיקל („קעמפּער", 22טן מערץ 1918). דאָס איז געווען אין פאַרבינדונג מיט אַ רעגיסטראַציע וואָס די פּועלי־ציון האָבן דאַן אונטערגענומען, וואָס האָט געצילט צו שאַפן אַן אַרבעטס־אַרמיי פון צען טויזנט מאַן. לויט חבר בן־צבי זאָלן די רעגיסטרירטע חברים סאָרטירט ווערן אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען. אַ טייל פון דער אַרבעטס־אַרמיי האָט געדאַרפט אויסברייטערן די רייען פון „החלוץ", פאַר אַלע סאָרטן פון חלוצישע אונטערנעמונגען. אַ צווייטער טייל זאָל שאַפן אָרטעלן פון קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטס־גרופּן, וואָס זאָלן איבערנעמען גרויסע אונטער־נעמונגען אויף די געביטן, סיי פון לאַנדווירטשאַפט, סיי פון אינדוסטריע.

אויף מיר האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע אָנצופירן מיט אָט־דער רעגיסטראַציע, כמעט באַלד נאָכדעם ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָט־דער ווייט־פאַרמאָסטענער פּלאַן איז געווען בלויז איינער פון אַ סך אַנדערע געוואָגטע פּלענער, מיט וועלכע די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז דאַן רייך געווען. זיי האָבן אָבער אַלע גאָר שנעל געמוזט אָפּטרעטן זייער פּלאַץ פאַר דער לעגיאָן־באַוועגונג, וואָס האָט פּונקט אין יענער צייט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוויקלען.

ה.

די פולע, אָביעקטיווע געשיכטע פון דער אידישער לעגיאָן־באַוועגונג, אין פאַרבינדונג מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואַרט נאָך אַלץ אויף אַן אומפּאַרטייאישן פאָרשער. אויך איך וועל איבערגעבן נאָר יענעם חלק, מיט וועלכן איך בין אַליין געווען פאַרבונדן. איך באַטראַכט אויך דאָס — וואָס איך גיי באַלד דערציילן — ווי צוגאָב־מאַטעריאַל פאַר יענעם פאָרשער. בלויז ער וועט דאַרפן פעסטשטעלן די היסטאָרישע פּינקטלעכקייט אָדער אומ־פּינקטלעכקייט פון די פאַקטן, וואָס איך וועל דערציילן; כאָטש איך, פאַר זיך אַליין, בין זיכער, אַז איך גיב איבער די פאַקטן אָביעקטיוו און אומ־פּאַרטייאיש.

עס דאַרפן פריער פאַרצייכנט ווערן אייניקע פאַקטן פון דער פאָרגעשיכטע פון דער לעגיאָן־באַוועגונג, וועלכע האָבן, נאַטירלעך, משפּיע געווען אויף אונזער אַרבעט אין צפון־אַמעריקע. די דאָזיקע פאַקטן זיינען שוין אָבער גוט באַקאַנט און פון אַלעמען אָנגענומען.

עס זיינען באַקאַנט די פאַקטן, אַז די ערשטע גרופּע, וואָס האָט אָנגעהויבן

די אינטענסיווע אַגיטאַציע פאַרן לעגיאָן־געדאַנק, זיינען געווען די פירער פון דער דעמאָלטיקער אַקטיוויסטישער ריכטונג אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג: די חברים וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און מאיר גראָסמאַן. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָבן זיי געפירט אַזוי פרי ווי אין פרילינג פון יאָר 1915 דורך זייער צייטונג, „די אידישע טריבונע", וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן אין קאָפּענהאַגן.

עס איז אויך באַקאַנט, אַז אויף אַ זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אָפּגעהאַלטן אין קאָפּענהאַגן אין זומער פון 1915 — מיט דער באַטייליקונג פון זיינע מיטגלידער פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, ענגלאַנד און האָלאַנד — איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו באַקעמפן אומעטום דעם לעגיאָן־געדאַנק. עס איז אַפילו אָפּגעוואָרפן געוואָרן זשאַבאָטינסקי׳ס פשרה־פאָרשלאָג, אַז די אָפיציעלע ציוניסטישע באַוועגונג זאָל זיך דערקלערן נייטראַל צו דער לעגיאָן־פראַגע; אַז ער — זשאַבאָטינסקי — וועט אָפיציעל אַרויס־טרעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בכדי אָנצופירן זיין לעגיאָן־אַרבעט ווי אַ יחיד.

עס איז אויך באַקאַנט, אַז ביסלעכווייז האָט זיך די לאַגע אָנגעהויבן בייטן: ד״ר חיים וויצמאַן האָט זיך, נאָך שאַרפע ספיקות, דערקלערט ווי אַן אָנהענגער פון דעם לעגיאָן־געדאַנק. אויך דער אַלטער באַראָן ראָטשילד (דער נדיב הידוע) איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון דעם פּלאַן. אין ארץ־ישראל האָבן זיך דערקלערט פאַרן לעגיאָן־געדאַנק אַ ריי אַרבעטער־טוער פון די פועלי־ציון, אומפּאַרטייאישע, „השומר" און אויך עטלעכע פירער פון „הפועל הצעיר". אַזוי דערקלערט דער שרייבער עבר הדני אין זיין בוך „עם במלחמתו", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב (1948).

עס איז באַקאַנט, אַז דאָס ערשטע קערנדל פון אידישן לעגיאָן, דער גאַליפּאָלער, האָבן געשאַפן הונדערטער פּליטים פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן קיין מצרים נאָכדעם ווי די טערקן האָבן זיי אַרויס־געטריבן פון ארץ־ישראל. בשייכות מיט דער גרינדונג פון אָט־דעם ערשטן קערנדל איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער געראַנגל צווישן די ארץ־ישראל׳דיקע פּליטים און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וועלכער איז אויך אָנגעקומען קיין מצרים. די ערשטע האָבן געוואָלט קעמפן נאָר אין ארץ־ישראל. זשאַבאָ־טינסקי האָט נוטה געווען מסכים צו זיין צו דער ענגלישער מיליטערישער קאָמאַנדע, וואָס האָט באַשלאָסן זיי צו שיקן קיין גאַליפּאָלי. נאָך לאַנגע וואַקלענישן האָבן די ארץ־ישראל׳דיקע פּליטים מסכים געווען אָנצונעמען דעם ענגלישן פאָרשלאָג. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי אַן ענגלישער גענעראַל

איז ספּעציעל געקומען אינעם באַראַק פון די ארץ־ישראל׳דיקע פּליטים און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„דאָס בריטישע פאָלק האָט פאַר דעם אידנטום אַ טיף געפיל פון פריינט־שאַפט — די דאָזיקע פריינטשאַפט וועט פאַרגעזעצט ווערן אינעם קומענדיקן אידישן ארץ־ישראל; צי זייט איר גרייט צו דריקן די האַנט, וואָס האָט זיך צו אייך אויסגעשטרעקט, אָדער איר ווילט אָט־די האַנט אָפּשטויסן פון אייך?"

דאַן איז פאָרמירט געוואָרן דער גאַליפּאָלער לעגיאָן, אונטערן נאָמען „ציון מיול קאָרפּוס", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַזאָרגן דעם ענגלישן פראָנט מיט טראַנספּאָרטן פון לעבנסמיטל און אַמוניציע. די קאָ־מאַנדע־שפּראַך איז געווען העברעאיש. בראש פון „ציון מיול קאָרפּוס" זיינען געשטאַנען — דער ענגלישער אָפיציר דזש. ה. פּעטערסאָן און יוסף טרומ־פּעלדאָר ווי זיין אַדיוטאַנט.

דער „ציון מיול קאָרפּוס" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיכטיקייט און העלדישקייט. מיט באַוואונדערונג האָט מען גערעדט אויפן ענגלישן גאַליפּאָלי־פראָנט וועגן דעם אידישן „איינהאַנטיקן קאַפּיטאַן", וועלכער פירט אַדורך, אונטער אַ האָגל פון קוילן און שראַפּנעלן, די שווערסטע טראַנספּאָרטן. נאָכן דורכפאַל פון דער גאַליפּאָלי־עקספּעדיציע פון די קאָאַליציע־מלוכות, האָט די ענגלישע מאַכט אויפגעלייזט דעם „ציון מיול קאָרפּוס" אין זומער 1916. טרומפּעלדאָר און אַ טייל פון זיינע סאָלדאַטן פון מיול־קאָרפּוס — וואָס האָט געציילט 600 מאַן — זיינען געקומען קיין ענגלאַנד, וואו עס איז דאַן שוין רייף געוואָרן דער פּלאַן פאַר אַן אמתן אידישן לעגיאָן.

נאָך אָט־די עטלעכע וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער פאָרגעשיכטע פון לעגיאָן, קען איך אַריבערגיין צו דערציילן וועגן די געשעענישן אין צפון־אַמעריקע.

ו.

אין דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון פּאַרטיי איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער וויכוח וועגן דער לעגיאָן־פראַגע. אין די ווייטערדיקע שורות ווערט דערציילט וועגן דעם פאַרנעם פון דעם וויכוח און וועגן זיין טיפקייט. דערווייל איז בלויז געגוג צו פאַרצייכענען, אַז ביי די פּועלי־ציון, פּונקט ווי אין דעם גאַנצן סעקטאָר פון אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון מזרח־אייראָפּע, איז געווען אַ גאָר גרויסע צאָל וואָס זיינען געווען קעגן דעם, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן אַריינטרעטן אין דער וועלט־מלחמה אויף דער זייט פון די אַליאירטע. די הויפּט־סיבה איז נאַטירלעך געווען שנאה צום

צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז געווען אַ שותף צו די אַליאירטע. דער לעגיאָן־געדאַנק האָט זיך דאָך נאַטירלעך באַזירט אויף אַ נצחון פון די אַליאירטע. האָבן דעריבער אייניקע חברים נישט מסכים געווען, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך שטעלן אויף דער זייט פון דער אַקטיוויסטישער ריכטונג אין ציוניזם. מער וועגן דעם אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

ביסלעכווייז האָט אָבער גענומען וואַקסן אין דער פּאַרטיי די צאָל אָנהענגער פון לעגיאָן. אין דעם איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע דעם חבר נחמן סירקין. דער שרייבער פון אָט־די שורות האָט זיך גלייך פון אָנהויב אָן געשטעלט אויף דעם צד פון די לעגיאָן־אָנהענגער. דעם גרעסטן שטויס האָט אָבער דער לעגיאָן־געדאַנק באַקומען, ווען עס זיינען אין פרילינג פון 1915 געקומען דריי חברים: פּנחס רוטענבערג, יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון.

וועגן די לעצטע צוויי חברים דאַרף איך דאָ קיין שום ביאָגראַפישע שטריכן נישט איבערגעבן. אָבער בנוגע חבר פּנחס רוטענבערג דאַרפן דאָ אייניקע אַזעלכע שטריכן יאָ פאַרצייכנט ווערן. ערשטנס, בכדי בעסער צו פאַרשטיין זיין איינפלוס אויף דער לעגיאָן־אַרבעט; צווייטנס, אויך צוליב דעם, ווייל אין מיינע אַלע וויטערדיקע אַקטיוויטעטן האָט די השפּעה פון חבר פּנחס רוטענבערג פאַרנומען אַ קענטיקן פּלאַץ. און איך שרייב דאָך דאָ אויך פּערזענלעכע זכרונות. איך דאַרף דעריבער דערציילן וויאַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק דערנענטערט איינער צום צווייטן.

ז.

פּנחס רוטענבערג האָט, קינדווייז, באַקומען מער אַ רוסישע ווי אַ אידישע דערציאונג. און דער אָנהויב פון זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אויך געווען נישט צווישן אידן. ער האָט זי אָנגעהויבן אין דער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זיין פּערזענלעכקייט איז אויף אַזאַ אופן אויסגעריפּט געוואָרן כמעט מחוץ דער אידישער לעבנס־ספערע.

זיינע מער ווי געוויינטלעכע פעאיקייטן האָט ער אַרויסגעוויזן אין זיין פריער יוגנט, סיי אויפן שטח פון זיין שטודיום, סיי אויפן שטח פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אויפן ערשטן שטח איז אים געלונגען צו גראַדואירן ווי אַן אינזשינער אין צאַרישן רוסלאַנד, וואו פאַר אידישע קינדער זיינען געווען כמעט ווי געשלאָסן אַלע אַנשטאַלטן פון העכערער בילדונג. אויפן געזעלשאַפטלעכן שטח האָט ער דערגרייכט אַ זייער אָנגעזעענע פּאָזיציע אין זיין פּאַרטיי, בעיקר אין דער „באָיאָוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ" — די קאַמפּס־גרופּע פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָט געגעבן אַזעלכע

שווערע קלעפּ דער צאַרישער רעגירונג. אין אידישע ענינים האָט ער דאַן זיך נישט באַטייליקט.

ערשט אין די אָנפאַנג־חדשים פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען אַ גייסטיקער איבערברוך אין זיין לעבן. די סיבות פון דעם איבער־ברוך האָט ער אַליין געשילדערט אין אַ בראָשור וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין זומער פון 1915, תיכף ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע. איבערגעבן די דאָזיקע סיבות איז דאָ נישט מעגלעך. אָבער ווי אַ שטריך פון זיין אָנט־שלאָסנקייט — איינע פון די מער־כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון פנחס רוטענבערג — קען דינען דער נייער נאָמען, וואָס ער האָט זיך אַליין געגעבן אויף דער בראָשור. נישט פּיאָטר רוטנבערג, ווי ער האָט פריער געהייסן, נאָר פנחס בן־עמי. אינעם נאָמען בן־עמי איז ערשטנס געלעגן דער ווידוי, וואָס ביז דאַן האָט ער נישט דערפילט זיין פליכט צו זיין אייגן פאָלק און צווייטנס — אַן אָנזאָג פון זיין אַנטשלוס פון דאַן און ווייטער צו זוכן מכפּר צו זיין אויף דער דאָזיקער זינד דורך מעשים פאַר זיין אייגן פאָלק. ער האָט אָן ספק דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה אין זיין שפּעטערדיקער אַרבעט פאַרן אידישן פאָלק, אַז זיין נאָמען בן־עמי האָט באַקומען פולשטענדיקע באַרעכ־טיקונג.

קיין אַמעריקע איז ער געקומען מיט צוויי גרויסע פּלענער, פאַרבונדן מיטן אידישן פאָלק: ערשטנס, צו גרינדן אַ אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל זיך באַטייליקן אין דער וועלט־מלחמה אויף דער זייט פון די אַליאירטע; צווייטנס, אויפצושטעלן אין ארץ־ישראל אַן עלעקטריציטעט־סטאַנציע.

די פּאַקטישע מאָביליזאַציע פון אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1917, אָבער די צוגרייטונגען צו איר האָבן זיך געצויגן אין די יאָרן 1915־16. רוטענבערג אַליין האָט דווקא באַלד געוואָלט אָנהויבן די מאָביליזאַציע. צוויי סיבות האָבן אים אָבער געצוואונגען מסכים צו זיין מיט די פּועלי־ציון פירער אין אַמעריקע און אָפּלייגן די מאָביליזאַציע אויף אַ שפּעטערדיקן טערמין. ערשטנס, דער דורכפאַל פון דעם ערשטן פאַרזוך פון זאב זשאַבאָטינסקי זכרונו לברכה מיט זיין אָרגאַניזירטן לעגיאָן הויפּט־זעכלעך פון ארץ־ישראל׳דיקע פליטים. די בריטישע רעגירונג האָט נישט געקוקט בסבר פנים יפות אויף זשאַבאָטינסקיס אַרבעט. זיין קאָרפּוס איז רעדוצירט געוואָרן צו דער מדרגה פון פּשוטע אייזל־טרייבער. דאָס האָט געמאַכט זייער אַ נעגאַטיוון רושם אויף די מעגלעכע קאַנדידאַטן פאַרן צו־קונפטיקן לעגיאָן. צווייטנס, איז די שטימונג אין דער אַמעריקאַנער אידישער מאַסע — בעיקר די וועלכע זיינען אַליין נישט לאַנג צוריק געקומען פון

רוסלאַנד — געווען שטאַרק פּראָ־דייטשלאַנד. זיי האָבן אַזוי פיינט געהאַט דעם צאַריזם, אַז זיי האָבן געהאָפט צו זען זיין מפּלה ווי אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרשפּילטער מלחמה. די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז אין 16־1915 אויך געווען קעגן אַמעריקע׳ס אַריינטרעטן אין קריג. אין 1916 איז פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן אויסגעוויילט געוואָרן צו אַ צווייטן טערמין אונטער דער לאָזונג, אַז ער האָט געהאַלטן אַמעריקע מחוץ פון דער מלחמה. מיטגעהאָלפן ענדערן רוטענבערגס שטעלונג האָבן די חברים בן־צבי און בן־גוריון, וועלכע זיינען, ווי באַקאַנט, אויך געקומען קיין אַמעריקע אין פרילינג פון 1915. זיי זיינען געקומען מיט עטלעכע וואָכן פריער ווי רוטענבערג און האָבן שוין געהאַט אַ געלעגנהייט זיך נענטער צו באַקענען מיט די באַדינגונגען אין אַמעריקע. דעריבער האָבן זיי שוין געהאַט מסכים געווען אָפּצולייגן די פּאַקטישע לעגיאָן־מאָביליזאַציע אויף שפּעטער. זייער הסכם האָט שטאַרק באַאיינפלוסט רוטענבערגן.

ווי איך האָב אויבן דערציילט, האָט זיי קיין אַרבעט אין אַמעריקע נישט געפעלט. אין אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך דאַן צעפלאַקערט דער קאַמף פאַר אַן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; עס האָט דאַן זיך פונאַנדערגעוויקלט די הילפס־אַרבעט פאַר די מלחמה־קרבנות. אין אַט־די אַקטיוויטעטן האָבן זיך באַטייליקט אַלע דריי געסט, דער אַקטיווסטער צווישן זיי אויף אַט־די געביטן איז געווען פּנחס רוטענבערג. גלייכצייטיק זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן די צוגרייטונגען פונעם באַדן פאַרן לעגיאָן. עס זיינען רעגיסטרירט געוואָרן צוקונפטיקע קאַנדידאַטן. און אויף אַט־דעם שטח האָט רוטענבערג געשפּילט די גרעסטע ראָלע.

קומענדיק מיטן פּרעסטיזש פון אַ שאַרפן קעמפער קעגן צאַריזם, געניסנדיק פון דער פאַרהערלעכונג וואָס די אידישע מאַסן האָבן געטראָגן אין זייערע הערצער צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, איז פּנחס רוטענבערג געווען פאַר דער לעגיאָן־באַוועגונג פון ערשט־ראַנגיקער באַדייטונג. ער האָט באַוויזן, אַז מען קען טיף האַסן דעם צאַריזם און דאָך מאַכן דעם חשבון פון דער וועלט־מלחמה נישט לויט דער דאַזיקער שנאה, נאָר לויט די רעזולטאַטן וואָס זי קען ברענגען סיי פאַרן אידישן פאָלק, סיי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. שפּעטער, אין 1917, ווען די פּאַקטישע מאָביליזירונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די הויפּט־אַרבעט געפירט די חברים בן־צבי און בן־גוריון, צוזאַמען מיט די אָנפירער פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון. אָבער צו די צוגרייטונגען אין די יאָרן 16־1915 האָט פּנחס רוטענבערג צוגעטראָגן דעם לייבן־טייל.

ח.

זיין הויפּט־אַרבעט איז אָבער געווען: די צוגרייטונגען פאַר זיין גרויסן עלעקטריציטעט־ווערק אין ארץ־ישראל. וועגן זיינע דערגרייכונגען אויף דעם געביט דאַרפן געשריבן ווערן גאַנצע ביכער. מן הסתם וועלן זיי טאַקע געשריבן ווערן, נאָכדעם ווי מדינת ישראל וועט באַפרייט ווערן פון דער איצטיקער אָנגעצויגנקייט און די געמיטער וועלן ווערן אַביסל רואיקער. איך וויל דאָ דערציילן וועגן די ערשטע שריט וואָס ער האָט געמאַכט אין אַמעריקע פאַר זיינע צוקונפט־פּלענער אין ארץ־ישראל. דער גורל האָט מיך צוזאַמענ־געבראַכט מיט אים זייער נאָענט אין יענע פאַר יאָר. דורכדעם האָב איך געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט צו וויסן וועגן זיינע פּלענער מער ווי עמעצער אַנדערש.

אין שפּעטן האַרבסט פון 1915 האָט די אַמעריקאַנער פּאַרטיי פּועלי־ציון אָפּגעהאַלטן אַ צוזאַמענפאָר אין קליוולאַנד. אַהין איז אויך געקומען רוטענ־בערג, וועלכער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו דער פּאַרטיי. אויפן דריטן טאָג פון צוזאַמענפאָר איז ער קראַנק געוואָרן און געלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע וואָכן. אויף זיין פאַרלאַנג בין איך געבליבן אין קליוולאַנד און באַזוכט אים יעדן טאָג. דער אין־זיך־פאַרשלאָסענער רוטענבערג האָט זיך פונאַנדערגע־עפנט און האָט מיר אַפילו דערציילט וועגן אַ סך פּערזענלעכע טיפע ליידן. אין איינעם אַזאַ טאָג האָט ער מיר אויך דערציילט וועגן זיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

מיט פאַרשידענע מאָפּעס אין האַנט, וועלכע ער האָט געבראַכט קיין קליוולאַנד, בכדי אויך דאָרטן צו אַרבעטן אויף זיינע פּלענער, האָט ער מיר אָנגעוויזן, אַז ווען ער וואָלט נאָר געקענט באַוועגן דעם ירדן אַביסעלע זיך אַ רוק טאָן פון אָרט, דאָרטן וואו ער פאַלט אַריין אין כנרת, וואָלט מען געקענט שאַפן אַזאַ קראַפט, וואָס וואָלט גענערירט גענוג עלעקטריציטעט פאַר גאַנץ ארץ־ישראל און אויך פאַר די שכנישע לענדער. איך האָב דאַן הלצה׳דיק אַ פרעג געטאָן צי עמעצער, אַ חוץ משה רבינו, האָט שוין אַמאָל באַוויזן די קונץ פון שפּאַלטן אַ ים, אָדער איבערדרייען דעם גאַנג פון אַ טייך? האָט ער קודם־כל מיר געגעבן אַ לעקציע פון וועלכער איך האָב געדאַרפט דרינגען, אַז משה רבינו האָט געקענט אויף אַ נאַטירלעכן אופן שפּאַלטן דעם ים. דאַן איז ער צוגעקומען צום עיקר: „אויב, האָט ער געזאָגט, דאָס האָט נאָך קיינמאָל פּאַסירט איז נאָך בעסער, וועלן מיר אידן זיין די ערשטע עס צו באַווייזן". און דאָס אַליין איז פאַר אים געווען אַ גרויסער ציל.

מיט חדשים שפּעטער זיינען מיר ביידע, פאָרנדיק פון טאָראָנטאָ, וואו מיר

זיינען אויפגעטראָטן אויף אַ קאָנגרעס־פאַרזאַמלונג, פאַרבייגעפאָרן דעם באַ־רימטן ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל. רוטענבערג איז באַשטאַנען, אַז מיר זאָלן זיך דאָרטן אָפּשטעלן אויף עטלעכע שעה. צו שילדערן רוטענבערגן ביים וואַסער־פאַל דאַרף מען פאַרמאָגן אַ סך מער טאַלאַנט ווי דער בורא עולם האָט מיר איינגעטיילט. ער איז ממש געשפּרונגען פון שטיין־צו־שטיין אין פלוס פון טייך, פון וואַנען מען האָט געקענט זען דעם וואַסערפאַל אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. זיינע טיפע אויגן זיינען געוואָרן בוכשטעבלעך ברענענדיק, ווי זיי וואָלטן איינגעזאַפּט אין זיך די העכסטע גראַד פון היץ. זיין גאַנצער מהות איז דורכגעגאַנגען מאָדנע טראַנספאָרמאַציעס. אָט האָט ער זיך געוואָרפן אין אַן עקסטאַז, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ געוויסער חסידישער כיתה, וואָס איז מקייםביי תפילות דעם פסוק: כל עצמותי תאמרנה; און פלוצלונג איז ער פאַרשטייפט געוואָרן מינוטן לאַנג, ווי ער וואָלט אַליין תפילה געטאָן בלחש, אַזויווי חנה, די מוטער פון שמואל הנביא. ריידן צו אים דאַן איז געווען אומזיסט. זיין געדאַנק האָט געשוועבט ערגעץ, וואו איך האָב נישט געקענט דערלאַנגען. האָב איך געמוזט אָפּוואַרטן ביז ער וועט אָנהויבן ריידן. נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זיך פון אים פלוצים אַרויסגעריסן:

„אָך, חבר צוקערמאַן, איר ווייסט דען וואָס מען וואָלט געקענט אויפטאָן ווען מען וואָלט אָט־דאָס־אַ (דערביי האָט ער מיט זיינע אָרעמס אַזויווי אַרומ־גענומען דעם גאַנצן וואַסערפאַל) געקענט אַריבערטראָגן קיין פּאַלעסטינע?" דאַן האָב איך דאָס איינציקע מאָל געזען טרערן אין די אויגן פון אָט־דעם שטאָלענעם מענטשן.

שווער געווען אים אָפּצורייסן פון אָרט. דעם גאַנצן וועג צוריק קיין ניו־יאָרק, דאַן אַ רייזע פון איבער 12 שעה, האָט ער נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם. ווען זיין געמיט איז געוואָרן אַביסל פרייער האָט ער גענומען טראַכטן אין דער הויך. דער תוכן דערפון איז געווען: נישקשה, מיר וועלן נאָך ווייזן וואָס מיר קענען, אויב אַפילו עס איז נישט מעגלעך אויפצושטעלן אַזאַ ריזיקע קראַפט אין פּאַלעסטינע (פון דעם נאָמען האָט ער זיך זייער שווער באַפרייט). נישקשה, מיר וועלן נאָך הייסן דעם ירדן זיך אַביסל אַ רוק טאָן און ער וועט אונז פאָלגן, ער וועט מוזן פאָלגן!

אַז דער ירדן האָט אים געפאָלגט ווייסן מיר זייער גוט. אָבער וועלכע אומגעהויערע שוועריקייטן ער האָט געמוזט דורכמאַכן, ווייסן מן הסתם זייער ווייניק. מיר איז באַקאַנט איין עפּיזאָד, אין וועלכן איך האָב געהאַט אַ חלק. ער האָט געזוכט מיטלען צו פינאַנסירן זיין ווערק. איך בין דאַן געווען אַ מיטגליד פון עקזעקוטיווע פון „דזשאָינט". האָט ער מיך געמאַכט פאַר זיין

שליח צו ווענדן זיך צום „דזשאָינט" וועגן דעם. איך האָב אַזוי געטאָן און האָב געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דורכפאַל. דער באַרימטער לואי מאַרשאַל, דער גייסטיקער פירער פון „דזשאָינט", איז אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן דעם. ער האָט באַצייכנט די אונטערנעמונג ווי אַן אַוואַנטורע און האָט טאַקע רוטענבערגן אויך אָנגערופן מיט אָט־דעם נאָמען: אַוואַנטוריסט. נאַטירלעך האָב איך מודיע געווען רוטענבערגן בלויז אַז די פירער פון „דזשאָינט" זיינען קעגן פאַרבינדן דעם „דזשאָינט" מיט זיינע פלענער. דאָס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן. מיר אויך.

אין אַ שפּעטערדיקער סטאַדיע האָט ער געהאַט זיין גרויסע סאַטיספאַקציע. זיין געזעלשאַפט איז שוין דאַן געווען עטאַבלירט. ווען זי האָט זיך גענויטיקט אין גרעסערע פינאַנסן, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַקציעס. אַ הויכער באַאַמטער פון „דזשאָינט" האָט מיר מרמז געווען, אַז דער „דזשאָינט" וואָלט איצט געווען גרייט צו העלפן פינאַנסירן די אונטערנעמונג. האָב איך וועגן דעם אינפאָרמירט רוטענבערגן. זיין ענטפער איז געווען זייער רוטענבערגיש־קאַטעגאָריש: איצט קען איך אוודאי אויסקומען אָן זייער הילף.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו באַגעגענען אין מיין לעבנס־וועג סיי מענטשן פון טיפער מחשבה, סיי מענטשן פון גרויסער טאַט. די ערשטע אין אַ פיל־גרעסערער צאָל. די מענטשן פון מעשים דערשיינען זעלטענער. אין פנחס רוטענבערג זיינען געגאַנגען צוזאַמען מחשבה און מעשים. דער איבער־וואָג אין אים איז אָבער אַלעמאָל געווען דאָס ציען זיך צו טאַט. איך האָב נישט באַגעגנט נאָך אַ מענטש, וואָס די תשוקה צו טאַט זאָל אים אַזוי פאַר־כאַפּן און אויספילן זיין גאַנצן מהות.

די רעזולטאַטן פון זיין טאַט שטעלן צו קראַפט פאַר אונזער ישראל'דיקער אינדוסטריע און אַגריקולטור, פאַר אונזערע מיליטערישע כוחות און פאַר אונזערע קולטור־אַנשטאַלטן. נישטאָ קיין ווינקל אין אונזער לעבן וואו זיי טראָגן נישט אַריין די ליכט, וואָס ער האָט געזוכט ברענגען — און האָט טאַקע געבראַכט — קיין ארץ־ישראל. דאָס איז זיין מאָנומענט; אַ מאָנומענט לזכר פון אַ מענטשן מיט אַ גרויס הארץ, גרויסן פאַרנעם און פון נאָך גרעסערע פעאיקייטן דורכצופירן וואָס ער נעמט אונטער.

ט.

איידער איך גיי אַריבער צו די ווייטערדיקע פרטים וועגן דער לעגיאָן־באַוועגונג, וויל איך דאָ רעאַגירן אויף באַהויפּטונגען, וואָס מיין געוועזענער קאָלעגע אין דער סוכנות־עקזעקוטיווע און פערזענלעכער פריינט, ד"ר יוסף

שעכטמאַן, האָט געמאַכט אין זיין זייער־אינטערעסאַנטן בוך וועגן וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי — „רעבעל און שטאַטסמאַן״. דער גרעסטער טייל פון אָט־דעם וואָגיקן בוך איז טאַקע געווידמעט דער לעגיאָן־באַוועגונג און זיכער וועט ער זיך געפינען צווישן די מאַטעריאַלן, וועלכע דער קומענדיקער פאָרשער וועט דאַרפן ערנסט שטודירן. אויף זייט 210 פון אָט־דעם ספר מאַכט ד״ר שעכטמאַן דריי באַהויפּטונגען:

א) וועגן פּנחס רוטענבערגן זאָגט ער אַזוי: „זשאַבאָטינסקי איז געווען געגנוג גוט־האַרציק („טשאַריטייבל״ אין אָריגינאַל) נישט צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז פּנחס רוטענבערג האָט זיין טייל פון דעם אָפּמאַך („באַרגיין״ אין אָריגינאַל) דורכגעפירט זייער נישט צופרידנשטעלנדיק („פּורלי״ אין אָריגינאַל)... ווען די פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון האָט באַשלאָסן, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פאַרן לעגיאָן־געדאַנק איז פרי־צייטיק („אָנטיימלי״ אין אָריגינאַל), האָט זיך רוטענבערג אונטערגעגעבן און האָט געשוויגן מער ווי צוויי יאָר צייט!״

ב) אַז „דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי, וועלכע זיינען ביידע דאַן אָקאָרשט אָנגעקומען קיין צפון־אַמעריקע, זיינען געווען קעגן דער אידייע״.

ג) אַז פון די „לאָקאַלע פירער (געמיינט פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון) זיינען בלויז יחידים געווען פאַרן לעגיאָן־געדאַנק: ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי, ד״ר נחמן סירקין און בער באָראָכאָוו״.

ווייל איך חלילה נישט פאַרפירן קיין פּאָלעמיק מיט מיין פריינט, ד״ר יוסף שעכטמאַן. ער וועט מיר אָבער, האָף איך, מוחל זיין, ווען איך וועל זאָגן, אַז איך קען אָט־די פאַקטן בעסער ווי ער. ווייל איך נאָר פעסטשטעלן, אַז בן־צבי און בן־גוריון זיינען פון אָנהויב אָן געווען פאַר דעם לעגיאָן־געדאַנק. זיי נויטיקן זיך גאָר נישט אין מיין פעסטשטעלונג. זיי האָבן עס שפּעטער זייער קלאָר דעמאָנסטרירט דורכן אַליין זיך אָנשליסן אין לעגיאָן. וואָס איז שייך דער לאָקאַלער פירערשאַפט פון די פּועלי־ציון קען איך אים פאַר־זיכערן, אַז די לאַגע איז געווען פּונקט פאַרקערט: בלויז יחידים זיינען געווען קעגן דער לעגיאָן־אידייע. די גרויסע מאַיאָריטעט, מיך איינגעשלאָסן, איז באַלד פון אָנהויב געווען זייער באַגייסטערט פאַר דער אידייע.

מער האָלט איך נישט פאַר נויטיק צו זאָגן וועגן זיינע לעצטע צוויי באַהויפּטונגען. די שטעלונג סיי פון די חברים בן־צבי און בן־גוריון, סיי פון דער מערהייט פון די לאָקאַלע פּועלי־ציון־פירער אין צפון־אַמעריקע וועט אויפגעקלערט ווערן, ווען איך וועל פּרובירן שילדערן די שטעלונג און די האַנדלונגען פון פּנחס רוטענבערג.

י.

פנחס רוטענבערג האָט זיין „באַרגיין“ מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי דווקא דורכגעפירט פולע הונדערט פראָצענט. אויף קיין איין מינוט האָט רוטענבערג נישט פאַרשוויגן דעם לעגיאָן־געדאַנק. ווי כ'האָב אויבן דערציילט, האָב איך געהאַט דעם זכות צו זיין מיט אים זייער נאָענט פאַרבונדן כמעט פון דעם טאָג וואָס ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, ביז דעם טאָג וואָס ער האָט אונז פאַרלאָזט. (איך דערלויב מיר אַ זייטיקע באַהויפּטונג, וואָס געהערט נישט צום לעגיאָן־ענין: די מערסטע פּלענער פאַר זיינע אידייען וועגן ברענגען עלקטרי־ציטעט קיין ארץ־ישראל זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מיין הויז. אַזוי אָפט פלעגט ער ביי אונז פאַרברענגען. ב. צ.). אונזער נאָענטקייט האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דאַן, ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מיך באַאויפטראַגט צו פירן מיט אים די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער לעגיאָן־אידייע. איך בין עס געווען דער, וואָס האָט צו אים געבראַכט די באַוואָרענישן פון צענטראַל־קאָמיטעט וועגן תיכף אָנהויבן די פּראָפּאַגאַנדע פאַרן לעגיאָן־געדאַנק. ער האָט שפּעטער באַזוכט עטלעכע סעסיעס פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואו ער האָט שטאַרק פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט.

ער האָט זיך אויך נישט באַנוגנט מיט פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די פועלי־ציון. ער האָט גערעדט וועגן לעגיאָן מיט אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ און מיט אַנדערע פירער פון דעם אידישן אַרבעטער און פאָלקס־סעקטאָר, פון וועלכן די פּאָטענציעלע לעגיאָנערן האָבן געקענט ווער־בירט ווערן. ער האָט געפירט געשפּרעכן מיט זייער וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אַפילו פון דעם „יאַהודים“־סעקטאָר. ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט און אַגיטירט אין די קרייזן פון די פריינט פון זיין פּאַרטיי — די סאָציאַליסטן־רעוואָלו־ציאָנערן. פון אָט־די אַלע פאַרזוכן האָט ער בלויז באַקומען צוויי זייער־וויכטיקע אָנהענגער: ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און ד"ר ס. עלסבערג. די איינציקע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט וואָס האָט תיכף אָנגענומען אַ פּאָזיציוון באַשלוס וועגן לעגיאָן איז געווען די פּאַרטיי פועלי־ציון. פּנחס רוטענבערג האָט זיך שנעל איבערצייגט, אַז אויב דער לעגיאָן־געדאַנק קען ווען עס איז האָבן אַ האָפענונג אויף ממשות'דיקע רעזולטאַטן אין צפון־אַמעריקע, קען עס נאָר זיין, ווען די פועלי־ציון וועלן נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע צו־צוטרעטן צו דער דורכפירונג פון געדאַנק. אַז ער האָט די סיטואַציע ריכטיק אָפּגעשאַצט קען מען זען דערפון, אַז ווען די מאָביליזירונג פאַרן לעגיאָן האָט זיך אָנגעהויבן זיינען איבער 60 פּראָצענט מאָביליזירטע געקומען פון די רייען פון די פועלי־ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

מיין פריינט ד״ר שעכטמאַן פטר׳ט אָפּ די פראַגע פון „אַנטיימלי״־קייט בלויז מיט אַ זייטיקער באַמערקונג. פאַר אונז איז עס אָבער דאַן געווען די צענטראַלסטע פראַגע: צי איז אין יאָר 1915 מעגלעך געווען צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן לעגיאָן־געדאַנק? מיר זיינען געווען איבערצייגט — און אַט־די איבערצייגונג טייל איך נאָך היינט אויך — אַז ווען מיר וואָלטן אָנגעהויבן די לעגיאָן־פּראָפּאַגאַנדע אין 1915 וואָלטן מיר געמוזט פאַרצייכענען אַ פול־שטענדיקע מפּלה. מיר וואָלטן קיין לעגיאָן אין צפון־אַמעריקע נישט אויפגעשטעלט. דערביי וואָלטן מיר געמוזט זייער שטאַרק פאַרשמעלערן — אויב נישט אין גאַנצן אָפּשטעלן — אונזער חלק אין די צוויי אַנדערע גרויסע אַרבעטס־געביטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דאַן אָפּגעגעבן, וועמעס היסטאָרישע באַדייטונגען זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן זייער בולט באַשטעטיקט געוואָרן, די אַרבעטן וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אין די קאַפּיטלען וועגן קאָנגרעס און וועגן רעליף.

יא.

איך האַלט עס דווקא פאַר אַ זייער פּאָזיטיווער האַנדלונג מצד אונזערע דעמאָלטיקע דריי גרויסע געסט: פּנחס רוטענבערג, יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון, וועלכע האָבן מסכּים געווען צו אונזער איינשטעלונג. אויך די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען, ביי זייער אָנקומען קיין ניו־יאָרק, געווען מער גענייגט צום לעגיאָן־געדאַנק (אויך צו אַנדערע ארץ־ישראל׳דיקע ענינים) ווי צו די אַרבעטן וועלכע מיר האָבן דאַן געפירט. די חברים בן־גוריון און בן־צבי האָבן זיך שנעלער איבערגעצייגט אין דער ריכטיקייט פון אונזערע אַרגומענטן. זיי האָבן דאַן, צוזאַמען מיט אונז, משפּיע געווען אויך אויף פּנחס רוטענבערג. ביז ער האָט עס אויך איינגעזען און אַלע דריי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די אַרבעטן, וואָס מיר האָבן דאַן געפירט, מיט זייערע אַלע באַגאַבונגען, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און מיט פולער איבערגעגעבנקייט. זיי האָבן זיך אָבער אַלע דריי קודם־כל פאַרזיכערט מיט אַ בינדנדיקן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז ווען נאָר די פּאַסיקע צייט וועט קומען (און אין באַשטימען צי די פּאַסיקע צייט איז שוין געקומען זאָלן זיי האָבן פּונקט אַזאַ דעה ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט) וועט זיך די פּאַרטיי — צוזאַמען מיטן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד — איבערגעבן מיט אַלע כּוחות דורכצופירן דעם לעגיאָן־געדאַנק. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. עס בלייבט מיר נאָר אָנצוצייכענען די אַרגומענטן פאַרוואָס מיר האָבן אין 1915 געטראַכט, אַז די צייט פאַר אַ לעגיאָן־פּראָפּאַגאַנדע איז נאָך נישט געקומען. דערביי דאַרף

מען נאָך האָבן אין זינען, אַז דער לעגיאָן־געדאַנק איז נישט ענלעך צו סתם אַן אידעאַל, וואָס מענטשן טראָגן אין זיך, פאַר וועלכן זיי קענען זיך פאַר־מעסטן אָנצופירן פראָפּאַגאַנדע צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד. די לעגיאָן־אידייע האָט מען געדאַרפט תיכף רעאַליזירן. און אויב די אויסזיכטן צו געפינען כאָטש עטלעכע הונדערט יונגעלייט, וועלכע זאָלן גרייט זיין זיך אָנשליסן אין לעגיאָן, גרייט זיין איינצושטעלן זייערע לעבנס פאַר דער אידייע פון אַ אידישער מדינה און דערביי וויסן, אַז זייערע קרבנות קענען האָבן כאָטש דעם מינימום פון האָפענונג, אַז זייער אידייע — די אידישע מדינה — וועט דורכדעם באַ־קומען אַ היסטאָרישן שטויס פאָרויס — אויב אַזעלכע זאָלן זיך חלילה נישט געפינען, דאַן קריגט דער לעגיאָן־געדאַנק זיין גרעסטע מפלה.

יב.

וואָס זיינען געווען די אויסזיכטן אין 1915 ?

די שטימונג אין דער אידישער גאַס איז געווען — מילד גערעדט — אַנטי־מלחמה׳דיק. זי איז דער ווירקלעכקייט געווען פיל שאַרפער. זי איז געווען קעגן די אַליאירטע, ווייל די צאַרישע רוסלאַנד, וועמען די אידישע גאַס האָט פיינט געהאַט תכלית־שנאה, — צוליב דער ראָלע פון דער צאַרישער רעגירונג אין אידישע פּאָגראָמען — האָט געהערט צו די אַליאירטע. וויס איך, אַז זשאַבאָטינסקי האָט אויך געהאַט קעגן זיך אַזאַ שטימונג אין ענגלישן אידנטום, וואו ער האָט דאַן געפירט די לעגיאָן־פּראָפּאַגאַנדע. דאַרף עס טאָקע פאַר־שריבן ווערן צו זיין קרעדיט, וואָס ער האָט זיך פאַר דעם נישט אָפּגעשראָקן און זיך געשטעלט קעגן דער שטימונג פון גאַס. פונדעסטוועגן, ריידן פאַר אונזערע דעמאָלטיקע איינשטעלונגען מאָמענטן, וואָס אין ענגלאַנד זיינען זיי נישט געווען.

ערשטנס — ענגלאַנד איז שוין דאַן געווען אין דער מלחמה. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ערשט דאַן אָנגעגאַנגען דער הייסער קאַמף קעגן אַמעריקע׳ס אַריינטרעטן אין קריג. אַפילו נאָך אַזוי שפּעט ווי אין האַרבסט פון 1916, האָב איך שוין פריער פאַרציכנט, איז פּרעזידענט ווילסאָן נאָכאַמאָל דערוויילט געוואָרן בעיקר צוליב דער לאָזונג: ער האָט געהאַלטן אַמעריקע מחוץ פון דער מלחמה. אַזאַ אַנטי־מלחמה־שטימונג איז געווען אין גאַנצן לאַנד. אין אידישן קוואַרטאַל נאָך שאַרפער. ווען מיר וואָלטן דאַן אָנגעהויבן די לעגיאָן־פּראָפּאַגאַנדע, איז געווען קלאָר ווי ווייט מיר וואָלטן געקענט דערגיין.

צווייטנס — דער אַנטי־ציוניסטישער כוח צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, וואָס ער איז אַוודאי געווען זייער אַנטי־לעגיאָן איינגעשטעלט,

איז געווען זייער פעסט אָרגאַניזירט, פיל פעסטער ווי דער פּאַראַלעלער כוח אין ענגלישן אידנטום. אויך אָט־דעם פאַקטאָר האָט מען געמוזט נעמען אין חשבון.

דריטנס — און דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער אונטערשיד צווישן אונז און זשאַבאָטינסקין אין יענער עפּאָכע — פאַר זשאַבאָטינסקין און זיינע חברים איז דער לעגיאָן־געדאַנק געווען דער אַלף און דער תיו פון די פּאָלי־טישע אויפגאַבן פון אידישן פאָלק אין יענער צייט. מיר האָבן די ענינים אַנדערש באַנומען. מיר האָבן גענומען אויף זיך אויך אַנדערע אויפגאַבן. מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר דער הייליקסטער פליכט פון אַמעריקאַנער אידנטום צו זאָרגן פאַר הילף פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות. איך באַטראַכט נאָך עד־היום אָט־דעם קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַניש־אידישער געשיכטע פאַר איינעם פון די הערלעכסטע אין זיין לעבן; דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז דאַן צום ערשטן מאָל אַרויפגעטראָטן אויף דער אידישער וועלט־אַרענע מיט גרויסע, קאָנסטרוקטיווע מעשים. און מיר האָבן פאַר פונקט אַזאַ הייליקע אויפגאַבע באַטראַכט אונזער אַרבעט צוצוגרייטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, וואָס וועט דאָך זיכער אָפּגעהאַלטן ווערן נאָך דער מלחמה. אין 1915 איז אונזער באַוועגונג געווען ראשה ורובה אַריינגעטאָן אין אָט־די צוויי היסטאָרישע אויפגאַבן. בעיקר — אין דער צווייטער אויפגאַבע: אָרגאַניזירן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, עס זאָל געאייניקטערהייט אַרויס־שטעלן די צוויי פּאָליטישע פאָדערונגען פון דעם אידישן פאָלק: אַ אידישע „קאָמאָנוועלט" אין ארץ־ישראל און מינאָריטעטן־רעכט פאַר די אידן אין יענע נייע לענדער, וואָס דער פרידנס־קאָנגרעס וועט אויפשטעלן אָדער פאַר־גרעסערן און וואו עס וועלן לעבן גרויסע אידישע מאַסן. ווען מיר וואָלטן דאַן, אין 1915, זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף פאַרן לעגיאָן־געדאַנק, וואָלטן מיר אין די ביידע אַנדערע אויפגאַבן פון אַמעריקאַנער אידנטום נישט געקענט צוטראָגן אונזער פולן ביישטייער. און מיר שיינט, אַז עס איז נישט קיין גוזמא פון אַ פּאַרטיי־מאַן, ווען איך זאָג, אַז אונזער ביישטייער צו אָט־די צוויי אויפגאַבן איז געווען פון גאָר וויכטיקן באַדייט.

אָט־דאָס זיינען געווען אונזערע אויסרעכענונגען. אַלע דריי געסט האָבן, ווי געזאָגט, אָנגענומען אָט־די אויסרעכענונגען. פּנחס רוטענבערג און דוד בן־גוריון האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון פיפּלס־רעליף, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן אין האַרבסט פון 1916. זיי האָבן דאָרטן אויסגעאיבט גאָר אַ וויכטיקע השפּעה. און די ראָלע פון אַלע דריי אין דעם גראַנגל אַרום דעם ערשטן אַמעריקאַנער אידישן

קאָנגרעס, איז פאַרשריבן אין אַלע כתבים וועגן אָט־דער מערקווירדיקער באַוועגונג. און איך האָב וועגן דעם דערציילט אינעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

יג.

ווען די צייט פאַר דער לעגיאָן־פּראָפּאַגאַנדע איז געקומען, האָבן אַלע דריי געסט צוגעטראָגן זייער חלק. בעיקר טאַקע די חברים בן־צבי און בן־גוריון. אָבער פּנחס רוטענבערג האָט זיין חוב אויך צוגעטראָגן אין פּולן, כאָטש דאָן איז ער שוין פיל מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיינע גרויסע עלקטרי־פיקאַציע־פּלענער. איך האָב געהערט צו אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, צוזאַמען מיט אַלע דריי געסט און מיט די חברים סירקין, זשיטלאָווסקי און עלסבערג, וועלכע האָט געדאַרפט אָנהויבן צוגרייטן די לעגיאָן־אַרבעט. מיר האָבן אָנגעהויבן ווער־בירן קאַנדידאַטן פאַרן צוקונפטיקן לעגיאָן. די ערשטע שריט זיינען נאָך נישט געווען קיין אָפיציעלע. אַמעריקע איז נאָך אַלץ נישט געווען אין קריג. מיר האָבן אַפילו געפּלאַנט אַריבערצוטראָגן די הויפּט־אַרבעט קיין קאַנעדע, ביז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן וועט דערלויבן אָנצופירן די אַרבעט. אָבער דאָס געהערט שוין צו דעם געביט פון פּרטים אין וועלכע איך וויל נישט אַריינגיין. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז די צייט פאַרן לעגיאָן־געדאַנק איז רייף געוואָרן דורך צוויי גרויסע געשעענישן: דורך דער ריכטונג וואָס פּרעזי־דענט ווילסאָן האָט אָנגענומען — גלייך נאָך זיין ווידערדערוויילונג — אַריינ־צופירן די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און דורך די ידיעות וואָס זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַז די ענגלישע רעגירונג גרייט זיך אַרויסצוגעבן איר באַרימטע באַלפור־דעקלאַראַציע.

דורך דעם דאָן־עקזיסטירנדיקן „פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט" זיינען צו אונז געקומען די ידיעות וועגן דער גרייטקייט פון דער בריטישער רעגירונג פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ערשט דאָן האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עס ווערן רייפער די מעגלעכקייטן פאַר אַ דערפאָלגרייכער לעגיאָן־אַקציע. ערשט דאָן האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע אַרבעט.

פּערזענלעך האָב איך זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער אַרבעט, אין אירע סאַמע־ערשטע סטאַדיעס. אָבער אין לעגיאָן האָב איך זיך נישט אָנגעשלאָסן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויף אַ ספּעציעלער זיצונג באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער לאַגע פון אונזער אייגענער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. מיר האָבן דערשפּירט, אַז דער לעגיאָן וועט אַוועקנעמען פון אונז די אַקטיווסטע כוחות איבערן לאַנד. די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פּונקט אין יענער צייט

אַנגעהויבן דורכפירן איר אייגענע מאָביליזאַציע אין דער אַרמיי, וואָס זי האָט צוגעגרייט צו שיקן קיין אייראָפּע. אונזער באַוועגונג איז דאַן באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט מאָביליזירט ווערן. אַ סך צענדליקער חברים זיינען טאַקע אַוועקגענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. זעענדיק די לאַגע, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז אַ צאָל אַקטיווע חברים מוזן בלייבן אין צפון־אַמעריקע. איך בין געווען איינער פון יענע, וועמען דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט בפירוש אויסגערעכנט, אַז זיי מוזן בלייבן אין אַמעריקע. אַזוי שנעל ווי אָט־דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, האָב איך געהאַלטן פאַר נישט־מאָראַליש, אַז איך זאָל ווייטער ממשיך זיין צו אַגיטירן חברים זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין לעגיאָן. אָבער די אַרבעט פאַרן לעגיאָן איז זיך גאָר שנעל צעוואָקסן איבערן לאַנד. עס איז געווען גענוג אַרבעט אויסער דירעקט מאָביליזירן חברים. אין אָט־דער אַרבעט האָב איך אַוודאי צוגעטראָגן מיין חלק.

יד.

די פירער פון דער אַמעריקאַנער לעגיאָן־באַוועגונג האָבן זיך דאַן גע־ווענדעט מיט אַ פאָרשלאַג צו דער בריטישער רעגירונג, דורך דער פאַרמיטלונג פון בריטישן קאָנסול אין ניו־יאָרק, מען זאָל זיי דערלויבן ווערבירן פריווויליקע פאַר אַ אידישן לעגיאָן. דערביי האָבן זיי אַרויסגעשטעלט פאָלגנדיקע באַ־דינגונגען:

א) עס זאָל מאָביליזירט ווערן אין אידישע איינהייט, מען זאָל די אידישע לעגיאָנערן נישט צעשפּרייטן צווישן אַנדערע באַטאַליאָנען; ב) דער אידישער לעגיאָן זאָל נאָר געשיקט ווערן אויפן ארץ־ישראל־פראָנט; ג) העברעאיש זאָל זיין די שפּראַך פון די באַפעלן; ד) די אויסערלעכע סימנים זאָלן זיין אידישע. די באַדינגונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן. דאָס האָט נאַטירלעך פאַרשטאַרקט דעם ענטוזיאַזם פאַרן לעגיאָן. לאָמיר פאַרצייכענען בלויז אייניקע ביישפּילן פון דער פונאַנדערגעוואַקסענער אַרבעט.

אין דעטראָיט, וואָס איז געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פאַרן לעגיאָן, איז אויך אַנטשטאַנען אַ געזעלשאַפט „דער רויטער מגן־דוד״, צו פאַרזאָרגן די לעגיאָנערן מיט מלבושים, מעדיקאַמענטן און אַנדערע הצטרכותן. עס זיינען אַפילו אַרויסגעגעבן געוואָרן דריי נומערן פון „בולעטין פון רויטן מגן־דוד״, רעדאַקטירט פון דעם באַקאַנטן דיכטער ה. רויזנבלאַט, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין דעטראָיט. די אַקטיווסטע אַרבעטער פאַרן לעגיאָן אין דעטראָיט זיינען געווען די חברים גרשון אַוורונין, יוסף חגי, די ברידער ביסקין, מיכל מרגלית און אַ סך אַנדערע.

חבר מיכל מרגלית שילדערט — אין נישט־פאַרעפנטלעכטע זכרונות — די לעגיאָן־טעג אין דעטראָיט, וועלכע איך ברענג דאָ ווי אַ ביישפּיל צו דעם מצב, וואָס האָט דאַן געהערשט אין לאַנד

„פיל טויזנטער זיינען געקומען צום מאַסנמיטינג אין שטאָט־טעאַטער, וואו ד״ר נחמן סירקין איז געווען דער הויפּט־רעדנער. נאָך פיל טויזנטער זיינען געבליבן אַרום טעאַטער, ווייל אינעווייניק איז שוין מער קיין פּלאַץ נישט געווען. סירקין האָט גערעדט ווי אַ נביא און דער ריזיקער עולם האָט געשלונגען זיינע גליענדיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגט מיט טיפן פּאַטאָס. עס זיינען אין יענע טעג פאָרגעקומען אויך אַנדערע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זיינען אַרויסגעטראָטן: יואל ענטין, ד״ר קאַפּעלאָוויטש (וואָס איז פריער געווען אַ קעגנער פון לעגיאָן־געדאַנק) און קרעטשמאַר־יזרעאלי. עס זיינען פאָרגעקומען פּאַראַד־מאַרשן אין די גאַסן. בראש פון די פּאַראַדן איז געגאַנגען אַן אָרקעסטער, דאַן די אַנגעשלאָסענע לעגיאָנערן, דאַן די קאַנדידאַטן אויף אַנשליסן זיך און אַ גרויסער המון. אויף אַ פייערלעכן באַנקעט האָט זיך דער פריער־דערמאָנטער פּאָעט ה. רויזנבלאַט געזעגנט מיט די לעגיאָנערן. אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט די ידיעה, אַז דער חבר גרשון אַברונין, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, האָט זיך מאָביליזירט אין לעגיאָן. פון דעטראָיט זיינען אַוועק 82 יונגעלייט אין לעגיאָן, די גרויסע מערהייט חברים פון די פּועלי־ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד".

פיל ברייטער שילדערט די דעמאָלטיקע שטימונג דער חבר פנחס גינ־גאָלד, וואָס איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע אָנפירער פון דער לעגיאָן־באַוועגונג אין ניו־יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד. חבר גינגאָלד דערציילט:

„דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז אָפיציעל געווען נייטראַל צו דער לעגיאָן־באַוועגונג (וועגן דער סיבה פון דער נייטראַליטעט וועל איך באַלד דערציילן. ב. צ.). אָבער די איינצלנע פאַראיינען איבערן לאַנד זיינען אָנגעצונדן געוואָרן מיטן פאַרלאַנג אויסצודריקן אויפן בולטסטן אופן דעם ציוניסטישן ווילן און באַטייליקן זיך אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן אין דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. די וויכטיקסטע חברים פון די פאַראיינען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן. יעדע גרופּע לעגיאָנערן וואָס איז אָפּגעפאָרן, האָט מיט זיך מיטגענומען פירנדיקע און אַקטיווע חברים. די געזעגענונג און אָפּשייד־אָוונטן, וואָס מ׳האָט דורכגעפירט אין יעדער שטאָט פאַר די אָפּ־פאָרנדיקע לעגיאָנערן, זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך די לאָקאַלע פּועלי־ציון, ווייל די לעגיאָן־באַוועגונג איז הויפּטזעכלעך געפירט געוואָרן דורך די פּועלי־ציון. פילע פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציעס זיינען כמעט ווי אויסגעליידיקט

געוואָרן פון אַקטיווע טוער, ווייל די פּועלי־ציון טוער זיינען אַוועק ׳אין קאַמף פאַר פאָלק און לאַנד׳״.

צווישן אַנדערע זאַכן דערציילט חבר פּנחס גינגאָלד, אַז —

„אַ דאַנק דער אָנפירערשאַפט פון די פּועלי־ציון מיט דער לעגיאָן־אַרבעט האָט אין דער פּראָפּאַגאַנדע לגמרי געפעלט דער ספּעציעלער ׳מלחמה־פּאַטריאָטיזם׳. אַדרבה, אין דער אַגיטאַציע האָט מען זיך כסדר געהאַלטן אין פאַרענטפערן, פאַרוואָס מען האָט אַ שייכות צו מלחמה. די צענדליקער פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן אָוונט אויף די פאַרשידענע גאַסן פון ניו־יאָרק און פלעגן באַזוכט ווערן פון טויזנטער מענטשן, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּהאַנדלונגען וועגן אידישע פראַגן און פּראָבלעמען״.

חבר גינגאָלד דערציילט ווייטער:

„איך דערמאָן זיך די גרויסע טראַקס, וואָס פלעגן זיך אַוועקשטעלן פּונקט צוועלף אַזייגער בייטאָג, אַרום די גרויסע שניידער־שעפּער, וואו עס האָבן געאַרבעט אידישע אַרבעטער. אַזוי שנעל ווי די אַרבעטער פלעגן אין די טויזנטער אַרויסשטראָמען פון די שעפּער, כדי עפּעס אָפּצועסן, פלעגט דער רעדנער־לעגיאָנער אָנהויבן זיין רעדע און אַפּעלירן צו די אַרבעטער אַוועקצווליגן שער און נאָדל און זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי פון די באַפרייער פון אידישן לאַנד. דערביי האָבן טאַקע אויך געטראָפן פאַלן ווען אַרבעטער זיינען אַרויפגעשפּרונגען אויפן רעדנער־וואָגן, אָפּגעבן אַ שבועה פאַרן לעגיאָן און זיך תיכף אָנשליסן״.

אין וואַשינגטאָן איז דעם 20טן מערץ 1918, אויף אַ מאַסנמיטינג, איבערגעגעבן געוואָרן די 170 לעגיאָנערן, וואָס זיינען געקומען פון ניו־יאָרק, אַ אידישע פאָן. קאָלאָנעל דעניס, וואָס האָט זיי איבערגעגעבן די פאָן, האָט זיי צוגעוואונטשן: „איר זאָלט קענען דורכמאַרשירן מיט אָט־דער פאָן איבער די גאַסן פון ירושלים״.

אין באָסטאָן, נאָך אַ שטאָט וואָס האָט אַרויסגעגעבן פיל לעגיאָנערן, זיינען אויך פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס און מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אויף איינער פון אָט־די פאַרזאַמלונגען האָט דער דעמאָלטיקער גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוסעטס אין זיין קורצער רעדע געזאָגט צו די לעגיאָנערן: „איר גייט קעמפן פאַר אייער לאַנד, זייט געבענטשט!״ ענלעכע דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ און אין פיל אַנדערע שטעט.

אַזוי האָט זיך סיי די פּראָפּאַגאַנדע, סיי די פּאַקטישע מאָביליזירונג,

געפירט איבערן גאַנצן לאַנד, אין דעם איינגעשלאָסן אויך קאַנאַדע, וואָס האָט אַוועקגעשיקט אַ סך הונדערטער יונגעלייט אין לעגיאָן.

צווישן די וואָס האָבן זיך מאָביליזירט זיינען געווען די חברים בן־צבי און בן־גוריון. דעם 5טן מאַי, 1918, האָט זיך די פּאַרטיי געזעגנט מיט זיי אויף אַ באַנקעט אין קלינטאָן־האָל. דער „אידישער קעמפער" האָט זיי גע־ווידמעט אַ לייט־אַרטיקל אין וועלכן עס זיינען אונטערגעשטראָכן געוואָרן זייערע גרויסע ביישטייערן צו דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי און דעם לעגיאָן, דערביי זיי געוואונטשן זיי זאָלן געשוינט ווערן פון פיינטלעכע קוילן.

טו.

קיין גענויע סטאַטיסטיק פון דער צאָל לעגיאָנערן וואָס זיינען מאָבי־ליזירט געוואָרן אין אַמעריקע איז ליידער נישטאָ עד־היום. אויך דאָס בלייבט פאַרן קומענדיקן פאָרשער פעסטצושטעלן. אָבער עס זיינען דאָ אָפּשאַצונגען.

לויט דער אָפּשאַצונג פון חבר י. בן־צבי, האָבן זיך אין צפון־אַמעריקע אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן אַרום 6,500 מאַן. עס איז, לויט זיין מיינונג, געווען מעגלעך צו דערגרייכן אַ פיל גרעסערע צאָל, ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג וואָלט ניט פאַרווערט אירע בירגער זיך אָנצושליסן אין פרעמדע לעגיאָנען.

אין מיטן זומער 1918 זיינען שוין געווען אין ענגלאַנד, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, 3000 לעגיאָנערן פון צפון־אַמעריקע. דאָס דערשיינען פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן האָט אויך מיטגעהאָלפן די אַגיטאַציע אין ענגלאַנד. פון די דריי באַטאַליאָנען, וואָס עס האָבן געשאַפן די אידישע קאַמף־איינהייטן פון לעגיאָן, זיינען די באַטאַליאָנען 38 און 39 באַשטאַנען פון לעגיאָנערן וואָס זיינען געקומען פון צפון־אַמעריקע און ענגלאַנד און דער 40טער באַטאַליאָן איז באַשטאַנען פון לעגיאָנערן וועלכע זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין א"י.

טז.

וועגן זייער דירעקטער באַטייליקונג אין די שלאַכטן, איז קודם פאַרגע־קומען אַ זייער שאַרפער געראַנגל מיטן ענגלישן גענעראַל־שטאַב. דער שטאַב האָט נישט געוואָלט, אַז דער לעגיאָן זאָל באַקומען צופיל פּרעסטיזש. ער האָט דעריבער באַשטימט פאַרן לעגיאָן פונקציעס אויסער דעם פראָנט. ער האָט געוואָלט שיקן די לעגיאָנערן צו באַוואַכן די שטאָט חיפה; אָפּצוהיטן לאַגערן פון געפאַנגענע; אַמוניציע־סקלאַדן און די קאָמוניקאַציע־וועגן פון קאַנטאַראַ ביז חיפה. דאָס האָט געווירקט שלעכט אויף דער מאָראַל פון די

אַמעריקאַנער לעגיאָנערן, וועלכע האָבן באַלד ביי זייער לאַנדן אין פּאָרט פון אַלעקסאַנדריע פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי שיקן צום פראָנט. צו אַ גאָר־שאַרפן אינצידענט צווישן דעם לעגיאָן און דעם ענגלישן שטאָב איז געקומען, ווען מען האָט אין רפיה רעקרוטירט 120 סאָלדאַטן פון לעגיאָן צו העלפן איינשטילן אַן אויפשטאַנד אין עגיפּטן. די פירער פון לעגיאָן האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו פאָלגן אָט־די פאַראָרדענונג. זיי האָבן דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון לעגיאָן איז צו העלפן באַפרייען ארץ־ישראל און נישט העלפן אונטערדריקן אַן אַנדער פאָלק, אָדער אַן אַנדער לאַנד. דער אידישער לעגיאָן איז דאַן געשטעלט געוואָרן אונטער אַ וואַך פון ענגלישע סאָלדאַטן. דער ענגלישער קאָמענדאַנט האָט געשטעמפּלט די האַנדלונג פון די לעגיאָנערן ווי אַ רעוואָלט און אַן אָפענער ברוך פון מיליטערישער דיסציפּלין. ענדלעך האָט דאָך געזיגט די ריכטיקע שטעלונג פון די פירער פון לעגיאָן. דער גענעראַל־שטאָב האָט דערקלערט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש און אַז ער ציט צוריק דעם באַפעל.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָט מען אַריינגעבראַכט אַ טייל פון לעגיאָן אין די אייגנטלעכע שלאַכטן אויף די פראָנטן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. די לעגיאָנערן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די שלאַכטן אויף די פראָנטן ירושלים־רמלה, יריחו און סלט. אמת, סלט איז איינגענומען געוואָרן דורך דער אויסטראַלישער קאַוואַלעריע, אָבער די אידן האָבן תיכף איבער־גענומען די וואַך און די פאַרוואַלטונג פון שטאָט.

מיט דער אַלגעמיינער דעמאָביליזאַציע איז אויך פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן דער אידישער לעגיאָן. דאַן איז באַשאַפן געוואָרן דער לעגיאָן פאַר דער פרידנס־צייט אונטערן נאָמען „ראשון ליהודה". אָט־דער לעצטער איבערבלייב פון אידישן לעגיאָן איז אויפגעליזט געוואָרן, ווי אַ שטראָף פאַר דעם, וואָס 100 סאָלדאַטן פון „ראשון ליהודה" האָבן, אָן דער דערלויבעניש פון די בריטישע מיליטערישע קאָמענדאַנטן, באַשיצט תל־אביב בעת די אומרוען פסח, 1920.

יז.

אין לאַנד זיינען דאַן געבליבן איבער 2000 לעגיאָנערן, וואָס האָבן זיך געוואָלט קאָלאָניזירן און פאַרבלייבן אין לאַנד. אַן אַנקעטע צווישן די אַמע־ריקאַנער לעגיאָנערן האָט באַוויזן, אַז אַרום 70 פּראָצענט פון זיי טראַכטן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. ליידער האָבן דער „ועד הצירים" (ציוניס־טישע קאָמיסיע פאַרן ארץ־ישראל'דיקן ישוב) און די ציוניסטישע עקזעקוטיווע נישט געוואוסט וויאַזוי ריכטיק אָפּצושאַצן די שטרעבונג פון די אַמעריקאַנער

לעגיאָנערן צו פאַרבלייבן אין לאַנד. דריי־פערטל פון די אַמעריקאַנער לעגיאָ־נערן האָבן זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, אַ סך פון זיי שטאַרק אַנטוישטע, וואָס זיי איז נישט געלונגען צו פאַרווירקלעכן זייער לעבנס־חלום — צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. די פאָרשטייער פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אידישער אַרבעטערשאַפט (די חברים ברל כצנלסון, דוד בן־גוריון און אַנדערע) האָבן אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, אין זומער 1920, ביטער קריטיקירט די ציוניסטישע פירערשאַפט פאַר איר פאַלשער פּאָליטיק, וואָס האָט באַרויבט ארץ־ישראל פון הונדערטער אידעאַליסטישע יונגעלייט, וואָס זיינען געווען גרייט מיטצובויען דאָס לאַנד פון זייערע האָפענונגען.

אין דעם אינערלעכן לעבן פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט האָבן די פאַרבליבענע לעגיאָנערן יאָ אויסגעאיבט אַ קענטיקע השפעה. אויף דער קאָנפערענץ אין פתח תקוה, אין זומער 1919, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אחדות העבודה״, איז דער לעגיאָן געווען פאַרטראָטן דורך 128 דעלעגאַטן, וואָס אַלע פון זיי זיינען געווען פּאָזיטיוו איינגעשטעלט צו דער גרינדונג פון „אחדות העבודה״. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אייגנטלעך גע־לייגט דעם יסוד פאַר דער אויפשטעלונג פון דער הסתדרות, אין חיפה, אין דעצעמבער 1920. אָבער אויך אָט־דער גאַנצער פּרק געהערט צום קומענדיקן אָביעקטיוון פאָרשער, אויף וועלכן איך האָב מרמז געווען ביים אָנהויב פון אָט־דעם קאַפּיטל. איך דאַרף נאָך דערקלערן, ווי איך האָב פריער צוגעזאָגט, וואָס עס איז געמיינט געוואָרן מיט דער באַהויפּטונג, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך געהאַלטן נייטראַל אין דער פראַגע פון לעגיאָן. אָבער דאָס איז שוין פאַרבונדן מיט אַן אַנדער וויכטיקער פּרשה פון אונזער באַוועגונג, אין וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ באַשיידענע ראָלע. מוז איך עס אויפקלערן אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

דער שאַרפער קאַמף אין דער פאַרטיי וועגן דער שטעלונג צו דער מלחמה

א.

איך האָב שוין אויבן דערציילט אַביסל וועגן דער אַנטי־מלחמה־שטימונג, וואָס האָט באַהערשט די אידישע פאָלקס־גאַס אין אַמעריקע, איידער די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן — דעם 6טן אַפּריל 1917 — אָפיציעל דערקלערט קריג דייטשלאַנד. אַ טייל פון אָט־דער שטימונג, ווען אַפילו אין אַ שוואַכע־רער פאָרעם, איז נאָך אָנגעהאַלטן געוואָרן כמעט דורך דעם גאַנצן יאָר 1917. די דאָזיקע שטימונג איז שאַרף מאַניפעסטירט געוואָרן אויך אין די וואַלן פאַר מעיאָר פון דער שטאָט ניו־יאָרק, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אָנהויב נאָוועמבער 1917. אין יענע וואַלן האָט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי נאָמינירט פאַרן מעיאָר־אַמט מאָריס הילקוויט, וועלכער האָט זיך זייער בולט און טאַקע פּאָפּולער־געמאַכט דורך זיינע אַנטי־מלחמה דערקלערונגען. ער האָט טאַקע געצויגן אַן אומגעהויער־גרויסע צאָל שטימען, אַרום 150 טויזנט. אַזאַ צאָל שטימען האָט ניו־יאָרק נישט געגעבן דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אַפילו ווען איר פּרעזידענט־קאַנדידאַט איז געווען דער דאַן אַזוי־פּאָפּולערער סאָציאַ־ליסט און אַרבעטער־פירער יודזשין וו. דעבס. סיי די ניו־יאָרקער פּרעסע, סיי די עפנטלעכע מיינונג איבערן גאַנצן לאַנד האָבן צוגעשריבן די גרויסע צאָל שטימען פאַר הילקוויט צו דעם פאַקט, אַז אויף דער אידישער איסט־סייד פון ניו־יאָרק איז נאָך די אַנטי־מלחמה שטימונג געווען זייער שטאַרק.

אין די קומענדיקע שורות וויל איך פאַרצייכענען די אַנטוויקלונגען אויף אָט־דעם שטח סיי אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סיי אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער בעיקר וועל איך מיך אָפּשטעלן אויף דעם טיפן געראַנגל וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין דעם פירנדיקן קרייז פון די פועלי־ציון; אַזאַ געראַנגל, אָנגעפילט מיט אַזויפיל ביטערקייט פון איין צד צום צווייטן, האָט די פועלי־ציון באַוועגונג אין קיין אַנדער צייט נישט דורכגעלעבט.

ווען די דייטשע סאָבמאַרינס האָבן אין 1916 פאַרשטאַרקט זייערע אַטאַ־קעס אויף אַמעריקאַנער שיפן — וואָס האָבן געפירט סחורות קיין אייראָפּע — און אין דער באַפעלקערונג האָבן אָנגעהויבן וואַקסן פּראָ־מלחמה שטימונגען, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָפיציעל פאַרגעשלאָגן פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן אַרויסצולייגן אַ פולשטענדיקן פאַרבאָט אויף אַלע סאָרטן מלחמה־ליפערונגען קיין אויסלאַנד. אַפילו אַזוי שפּעט ווי דעם 30טן מערץ 1917, ווען דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט בכדי ענדגילטיק צו אַנטשיידן צי עס זאָל דערקלערט ווערן מלחמה קעגן דייטשלאַנד, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געשריבן אַ נייעם בריוו צו פּרעזידענט ווילסאָן, אין וועלכן זי האָט געפאָדערט דורכצופירן אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג, צי זאָלן די פאַראייניקטע שטאַטן דערקלערן קריג דייטשלאַנד.

אַן ענלעכע שטעלונג האָט אויך אָנגענומען אַ אידישע אַרבעטער־קאָנ־פערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין „פאָרווערטס״־האָל דעם 11טן מערץ 1917. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן דורך דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער פעדעראַציע און איז אינדאָרסירט געוואָרן פון דעם אַרבעטער־רינג, די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן און דער „אַמאַלגאַמייטעד״־יוניאָן. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע בזה הנוסח: „מיר זיינען קעגן קריג, נישט ווייל מיר האַלטן מיט דעם אָדער יענעם צד פון די קריג־פירנדיקע גרופּן. מיר זיינען קעגן קריג בכלל. מיר זיינען נישט פּראָ־דייטש און נישט פּראָ־עלייעס. מיר זיינען פּראָ־פּראָלעטאַריאַט״. אַ באַזונדערער פּאַראַגראַף אין דער רעזאָלוציע ווערט נאָך צוגעגעבן, אַז „אידן דאַרפן באַזונדער זיין קעגן קריג, ווייל יעדעס מאָל ווען דער שאָוויניזם שפּרייט אויס זיינע פליגלען, ליידן די אידישע מאַסן, די אייביק־געיאָגטע און פאַר־פאָלגטע, מער ווי אַלע אַנדערע״.

דעם 7טן אַפּריל, אַ טאָג נאָכדעם ווי די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריין אין קריג, איז אין סט. לואיס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָרטן האָט זיך שוין באַוויזן אַ מינדערהייט, וואָס האָט אין איר רעזאָלוציע פאַרגעלייגט פעסטצושטעלן דעם פאַקט, אַז דעם אַרבעטער־קלאַס איז נישט געלונגען אָפּצושטעלן, דורך זיין פּראָטעסט, אַמע־ריקע׳ס קריגס־דערקלערונג. דעריבער דאַרף מען אָנערקענען דעם קריג ווי אַ פאַקט און זוכן, דורך דער עפנטלעכער מיינונג, צו באַוועגן די רעגירונג אָנצונעמען אַ קאָנסטרוקטיוון פּראָגראַם. וואָס דאָס פּראָגראַם זאָל זיין ווערט נישט געזאָגט. אָבער די מאַיאָריטעט האָט בשום־אופן נישט געוואָלט זיך

רירן אַפילו אויף אַ שריט פון איר אַנטי־מלחמה־שטעלונג. אין נאָמען פון דער מאַיאָריטעט האָט מאָריס הילקוויט דערקלערט: „מיר שטעמפּלען די מלחמה־דערקלערונג פון אונזער רעגירונג ווי אַ פאַרברעך קעגן פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קעגן די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט". אָט־די שטעלונג איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מאַיאָריטעט פון 104 קעגן 39. די קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן, אַז די פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אין קאָנגרעס, אין לעגיסלאַטורן און אין לאָקאַלע אַנשטאַלטן זאָלן שטימען קעגן אַלע קריגס־קרעדיטן. אָט־די שטעלונג איז נאָכדעם אויך אָנגענומען געוואָרן דורך אַ רעפערענדום וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער גאַנצער פּאַרטיי.

מאיר לאָנדאָן האָט אין קאָנגרעס נישט געשטימט קעגן דער קריגס־הלוואה. ער האָט זיך בלויז אָפּגעהאַלטן פון שטימען. איז ער דערפאַר שטאַרק קריטיקירט געוואָרן אויף אַ קאָנווענשאָן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק סוף מאַי 1917.

ב.

דערווייל האָט זיך אָרגאַניזירט אַ „פּיפּלס־קאָונסיל" — אַ פאָלקס־ראַט, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענעמען אַלע קעגנער פון דער מלחמה. די פירנדיקע גייסטער פון אָט־דעם ראַט זיינען געווען די וויכטיקסטע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די פּאַרטיי, ווי אַ גאַנצע, האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין פאָלקס־ראַט. ערשטנס, דערפאַר, ווייל אייניקע, גאָר־וויכטיקע סאָציאַליסטישע פירער, ווי דער געוועזענער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, אַלאַן בענסאָן, וואָס איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דער זייער פאַרשפּרייטער סאָציאַליסטישער צייטונג „אַפּיל־טו־ריזאָן" און דער פּאָפּולערער טשאַרלס עדוואַרד ראַסעל, האָבן פאַרנומען שטעלונגען פאַרן קריג. צווייטנס, די טרייד־יוניאָן פירערשאַפט, אין דער פּערזאָן פון סעמועל גאָמפּערס, איז געווען אַ שאַרפער אָנהענגער פון דער מלחמה. ער, צוזאַמען מיט אַנדערע טרייד־יוניאָן פירער, האָבן אויפגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציע, קעגן דעם „פּיפּלס־קאָונסיל". זייער אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן „אַלייאַנס פאַר לייבאָר און דעמאָקראַסי". צווישן אָט־די צוויי קערפּערשאַפטן האָט זיך אָנגעהויבן צעפלאַקערן אַ מלחמה. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַביסל ענדערן איר קעגן־מלחמה־טאַקט. דעם 12טן אַפּריל 1917 דערקלערט שוין מאיר לאָנדאָן פאַרוואָס ער האָט נישט געשטימט קעגן די קריגס־קרעדיטן, ווי די קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן. זיין דערקלערונג זאָגט: אויב די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט

אַרויסגעלאָזט אַ פאַרלאַנג צום פאָלק פאַר אַ קריגס־הלוואה, וואָלט דער שונא נישט געקענט באַקומען קיין בעסערע הילף, ווי ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק זאָגט זיך אָפּ פון שטיצן אָט־די הלוואה.

אויך אַ טייל פירער פון די אידישע יוניאָנס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויס־צוטרעטן קעגן סעמועל גאָמפּערס. אַזוי האָט זיך ביסלעכוויז אָנגעהויבן בייטן די שטימונג אויך אין די רייען פון די אידישע אַרבעטער. אַ צאָל אידישע יוניאָן־פירער האָבן סוף 1917 פאַרעפנטלעכט דערקלערונגען, וואָס האָבן אויסגעדריקט סאָלידאַריטעט מיט דער שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אין די ערשטע וואָכן פון 1918 האָבן די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק דערקלערט, אַז זיי שטיצן די שטעלונג פון אַמעריקאַנער פרעזידענט אין די פראַגן פון קריג. די פירער פון דער „אַמאַל־גאַמייטעד" האָבן פאַרעפנטלעכט אַ באַזונדערע דערקלערונג, אַז זיי שטיצן פרעזידענט ווילסאָנ'ס פּלענער, ווייל „די אַרבעטער זיינען פאַראינטערעסירט צו צעברעכן דעם דייטשן מיליטאַריזם".

אַפילו די עקזעקוטיווע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט פאַרגעשלאָגן דער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו בייטן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צום קריג, צוליב די נייע אַנטוויקלונגען. אין אויגוסט 1918 האָט טאַקע די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אויף אַ קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ, געענדערט איר שטעלונג. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועלכע האָט שוין נישט געהאַט קיין וואָרט פון אַנטי־קריג. זי האָט זיך בלויז באַנוגנט מיט פעסטשטעלן, אַז אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט ענדיקן די מלחמה, איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מסכים מיט די צילן, וועלכע עס האָט פאָרמולירט די קאָנפערענץ פון די סאָציאַליס־טישע און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון די קאָאַליציע־לענדער.

אַוודאי האָט די פראַגע וועגן דער שטעלונג צו קריג צעטרייסלט סיי די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, סיי די אַלגעמיינע טרייד־יוניאָן באַווע־גונג, סיי די פירער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און סיי די אידישע טרייד־יוניאָן פירער. אָבער אין קיין אַנדער באַוועגונג איז די צעטרייסלונג נישט געווען אַזוי שאַרף, ווי אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס דעם גרעסטן עול פון אָט־דער צעטרייסלונג האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

ג.

איך מוז אָנהויבן אָט־די פּרשה מיט אַן אינצידענט, וואָס האָט אַלעמען

פון אונז פאַרשאַפט טיפע יסורים. דער דאָזיקער אינצידענט האָט פּאַסירט לאַנג איידער די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריינגעטראָטן אָפיציעל אין דער מלחמה.

קיין אַמעריקע איז געקומען אַ דייטשער איד, אַ ציוניסט, שטראַוס. ד״ר שמריהו לעווין, וועלכער האָט גוט געקענט די ציוניסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד, האָט אויך גוט געקענט דעם דאָזיקן שטראַוס. ער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט גרויסע פּלענער צו פאַרלייגן אַ פאַרלאַג אויף אַרויסצו־געבן אידישע און ציוניסטישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך, אָבער זייער תוכן זאָל זיין דאָס אידישע פאָלק און די ציוניסטישע באַוועגונג.

זיין ערשטער שריט איז געווען אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטשריפט. ווי אַ רעדאַקטאָר האָט ער באַשטימט דעם דאַן־גוט־באַקאַנטן ציוניסטישן זשורנאַ־ליסט און עסייאיסט ד״ר ש. מ. מלמד; און אינעם ערשטן נומער פון אָט־דעם זשורנאַל איז דערשינען אַן אַרטיקל פון שמריהו לעווין, פון אַנדערע באַקאַנטע ציוניסטן און אויך איך האָב פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אינעם ערשטן נומער.

ווען ד״ר נחמן סירקין האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געקומען צולויפן (איך בין אַ האָר נישט מגזם!) צו מיר אין ביוראָ פון פּיפּלס־רעליף און גלייך אויסגעשריען:

„חבר צוקערמאַן, איר זיינט זייער שטאַרק אַריינגעפאַלן!״

דער גאַנצער אויסזען זיינער האָט מיך איבערגעשראָקן. איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען מיט אַזויפיל אויסדרוק פון כעס אין זיינע אויגן. דערצו האָב איך קיין ברעקל אַנונג נישט געהאַט וועגן וואָס ער רעדט. פרעג איך אים: „חבר סירקין, וואָס האָב איך אַזוינס אָפּגעטאַן? מיט וואָס בין איך אַריינגעפאַלן?״

דער כעס־אויסדרוק איז נאָר טיילווייז ווייכער געוואָרן. אָבער דער טאָן זיינער האָט זיך געהויבן מיט זיינע ווייטערדיקע ווערטער און דער כעס איז נאָך בולטער געוואָרן, וואָס מער ער האָט גערעדט. זיין ענטפער אויף מיינע פראַגעס איז געווען:

„אָ, עס קען זיין, אַז איר זיינט אומשולדיק אַריינגעפאַלן. אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז אַן אַרטיקל אונטער אייער נאָמען איז אָפּגע־דרוקט אין דעם זשורנאַל פונעם דייטשן שפּיאָן!״ ערשט דאַן האָב איך באַגריפן וואָס ער האָט געהאַט אין זינען.

איך האָב זיך באַמיט צו פאַרטיידיקן, אַז ד״ר שמריהו לעווין האָט ביי מיר דעם אַרטיקל באַשטעלט; אַז ער אַליין, שמריהו לעווין, האָט אויך פאַר־

עפנטלעכט אַן אַרטיקל אין זעלביקן זשורנאַל. סירקינ׳ס כעס איז נאָך מער געשטיגן און זיינע רייד זיינען געוואָרן נאָך ביטערער:

„אָט דאָס איז דאָך די גאַנצע צרה״ — האָט ער געזאָגט — „דאָס מאַכט דאָך דעם פאַרברעכן נאָך גרעסער. דער דייטשער שפיאָן שלעפּט אַריין דווקא באַקאַנטע ציוניסטישע פירער, בכדי דורכדעם צו פאַרדעקן זיינע שפּיאָנאַזש־צילן. ד״ר לעווין האָט זיך געלאָזט פון אים פאַרפירן און ער, לעווין, זוכט אַריינצושלעפּן אַנדערע, פונקט ווי ער האָט אייך שוין אַריינגעשלעפּט״.

„עס קען זיין״ — האָט ער נאָך צוגעגעבן — „אַז לעווין טוט עס באַוואוסט־זיניק. פאַראַן אַזעלכע ציוניסטן, בעיקר אין דייטשלאַנד, וועלכע זיינען אַזוי אָריענטירט. זיי רעכענען אַז דייטשלאַנד וועט געווינען די מלחמה. דאַן וועט דייטשלאַנד אויסאיבן גאָר אַ שטאַרקע השפעה אויף טערקיי. מוז מען זיך דעריבער שטעלן אויף דייטשלאַנד׳ס זייט. דאַן קענען אפשר דורך דייטש־לאַנד׳ס הילף רעאַליזירט ווערן די ציוניסטישע האָפענונגען. איך בין איבער־געצייגט, אַז זיי מאַכן אַ פאַטאַלן טעות אין חשבון. אַ נצחון פון דייטשלאַנד וועט ברענגען אומגליק און חורבן אויף דער גאַנצער מענטשהייט. מיר, אידן, טאָרן אונזערע האָפענונגען בשום־אופן נישט פאַרבינדן מיט אַ נצחון פון דייטשלאַנד״.

איך האָב געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע ציוניסטן. איינער אַזאַ איז געווען אַפילו אַ מיטגליד פון אונזער אייגענעם צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס איז געווען דער חבר יצחק זאַר. ער איז בכלל געווען זייער אַן עקסטרעמער קעגנער פון ענגלאַנד. דאָס איז ביי אים געווען אַ קאָמפּלעקס, וואָס האָט טיף געלעבט אין זיין נשמה. פון אָט־דעם קאָמפּלעקס האָט ער זיך קיינמאָל נישט באַפרייט. אין די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען האָט ער דעם קאָמפּלעקס אויך אַריבערגעטראָגן אויף חיים וויצמאַן, וועמען ער האָט זייער אָפט באַ־שולדיקט, אַז זיין פּאַטריאָטיזם פאַר ענגלאַנד שטייגט ווייט אַריבער זיין אידישן פּאַטריאָטיזם. נאָך שפּעטער האָט אָט־דער קאָמפּלעקס אים געבראַכט צו געוואַלטיקער פאַרערונג פון דעם „אירגון״ (אצ״ל). ער איז יאָרן נאָכאַנאַנד געווען אַקטיוו אין אַמעריקע אין די פאַרשידענע קאָמיטעטן, וואָס זיינען דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן — אונטער פאַרשידענע נעמען — און אַלע האָבן באַצוועקט צו מאָביליזירן הילף פאַרן „אירגון״. אַפילו אַזוי שפּעט ווי אין 1953, ווען מדינת ישראל האָט שוין עקזיסטירט פינף יאָר, האָט ער פאַר־עפנטלעכט אַ בוך — אין ענגליש — אונטערן נאָמען „רעסקיו ענד ליבעריישאַן״ (רעטונג און באַפרייאונג) אין וועלכן ער גיט דעם הויפּט־קרעדיט פאַר דער־גרייכן די מדינה צו די העלדישע אַקטיוויטעטן פון „אצ״ל״.

אָבער שוין דאַן, אין די יאָרן 17-1914, האָט חבר זאַר פאַרנומען אַן עקסטרעמע פּראָ־דייטשע שטעלונג. נאַטירלעך איז ער געווען שטאַרק אַנטי־מלחמה. ער איז געוואָרן דער וואָרט־פירער פון יענעם טייל אין דער פּועלי־ציון פירערשאַפט, וואָס איז געווען קעגן דעם, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן אַריינטרעטן אין דער מלחמה אויפן צד פון די קאָאַליציע־פעלקער. נישט איינמאָל האָט זיך חבר זאַר צוזאַמענגעשטויסן מיט די אָנהענגער פון די אַליאירטע, וואָס דער עקסטרעמסטער פון זיי איז געווען דער חבר סירקין.

איך האָב דערמאָנט חבר סירקינען אין די פאַרשידענע וויכוחים וואָס זיינען ווען דעם געפירט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט און האָב אים פאַר־געשלאָגן, אַז אויב ער איז אַזוי שטאַרק זיכער, אַז דער דאָזיקער שטראָוס איז אַהער געשיקט געוואָרן, בכדי צו פירן דאָ דייטשע פּראָפּאַגאַנדע — בעיקר צו שטאַרקן יענע כוחות וואָס קעמפן קעגן אַמעריקע׳ס אַריינטרעטן אין דער מלחמה — דאַרף ער די פראַגע ברענגען צום צענטראַל־קאָמיטעט, בכדי צו באַשליסן וואָס פאַר אַ שטעלונג מיר זאָלן נעמען אַלע צוזאַמען. איך האָב אים אויך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז צו אָט־דער זיצונג דאַרפן מיר פאַר־בעטן אויך ד״ר שמריהו לעווין, בכדי ער זאָל קענען פאַרטיידיקן זיין שטאַנד־פונקט. חבר סירקין האָט מסכים געווען.

ד.

מיר האָבן זיך געגרייט אויף גאָר אַ לאַנגער סעסיע, דעריבער האָבן מיר זי גערופן אויף 10 אַזייגער אין דער פרי אין אַ וואָכנטאָג. איך בין געווען דער פאָרזיצער פון אָט־דער זיצונג. עד־היום, ווען איך דערמאָן זיך אין איר, ווערט מיין גאַנצער ווען אָנגעפילט אי מיט ווייטיק, אי (איך מוז מודה זיין) מיט בושה. עס זיינען געקומען אַלע חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן אויך איינגעלאַדן חברים פון דער עקזעקוטיווע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלכע זיינען נישט געווען קיין מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט. געווען אויף דער זיצונג דער באַקאַנטער יהושע גאָרדאָן, וועלכער האָט גוט געקענט די ציוניסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד פון פאַר דער מלחמה.

חבר סירקין האָט, נאַטירלעך, געעפנט דעם וויכוח. ער האָט געגעבן אַ ברייטן אַנאַליז פון די וועלט־כוחות וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן; וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דער וועלט־מלחמה; וועגן די רעזול־טאַטן וואָס די מענטשהייט קען דערוואַרטן פון אַ נצחון פון דעם, אָדער פון דעם צווייטן צד. נאָך ברייטער האָט ער אַרומגערעדט די רעזולטאַטן, וואָס

דאָס אידישע פאָלק בכלל און דער ציוניזם בפרט קענען דערוואַרטן פון אַ נצחון פון איינעם, אָדער דעם צווייטן צד. ער האָט זיך שטאַרק צעוואָרעמט; און אָנווייזנדיק אויף די סכנות, וואָס אַ דייטשער נצחון טראָגט מיט זיך פאַר איד און וועלט, איז ער שוין געווען אויף גאָר אַ הויכן שטאַפּל פון אויפרעגונג. דאַן האָט ער אויסגעשריען:

„דאָקטאָר לעווין, איר עסט שפּיאָנסקע ברויט!"

דאַן איז געשען עטוואָס וואָס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, ווי אַבסאָלוט אומדערוואַרטעט. ד"ר לעווין האָט געכאַפּט פון טיש אַ פולן טינטער מיט טינט און עס אַ וואָרף געטאָן אויף ד"ר סירקין. אינעם צימער איז אַנטשטאַנען כמעט אַ פּאַניק. פּלוצים דערזע איך אַן אויפגעהויבענע גרויסע שטול, וואָס איז פאַרמאָסטן אויף סירקינ'ס קאָפּ. דעם שטול האָט אויפגעהויבן דער נישט-לאַנג-פאַרשטאָרבענער חבר קריטשמאַר-יזרעאלי. איך האָב באַלד אָנגעכאַפּט זיינע הענט און אים געהאַלטן אַזוי פאַרקוועטשט, אַז די שטול איז געבליבן הענגען מיט די פיסלעך אַרויף און איז אויף סירקינ'ס קאָפּ נישט אַראָפּגעלאָזט געוואָרן. דאַן איז צו מיר צוגעלאָפן דער חבר יהושע גאָרדאָן און האָט מיר געהאָלפן אַרויסרייסן די שטול פון קריטשמאַר'ס הענט. דאַן האָב איך דעם חבר קריטשמאַר אַוועקגעשטופּט — איך בין מודה: נישט זייער איידל — צו אַ ליידיקער שטול און האָב אים מיט כוח אין איר אַריינגעזעצט.

ה.

נאָכדערלעך איז די זיצונג גלייך איבערגעריסן געוואָרן. מיט וועלכע הערצער די חברים זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז גרינג צו פאַרשטיין. איך בין אַוועקגעגאַנגען צוריק אין מיין ביוראָ פון פּיפּלס-רעליף, וואָס האָט זיך געפונען אין דער „פאָרווערטס"-געביידע אויף איסט-בראָדוויי. די זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביוראָ פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף גרענד סטריט, אינגאַנצן עטלעכע קוואַרטאַלן פון דער „פאָרווערטס"-געביידע. קומענדיק אין מיין ביוראָ האָב איך, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, שוין געפונען דאָרטן דעם חבר סירקין, אַ שטאַרק פאַרוויינטן, וואַרטנדיק אויף מיר. איך האָב פשוט נישט געפונען קיין שום פּאַסיקע ווערטער אָנצוהויבן אַ שמועס. ער האָט עס אָבער מיר פאַרשפּאָרט. פון אים האָט פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט אַזאַ ביטערער יאָמער, אַז ס'האָט צעריסן מיין האַרץ. ער האָט בלויז איין-איינציקן זאַץ אַרויסגערעדט אין סאַמע מיטן פונעם יאָמער:

„פאַרוואָס בין איך אַזוי געשטראָפט, אַז מײַנע בעסטע חברים פאַרשטייען מיך נישט?"

איך האָב געפּרובירט אַנווענדן אַלע מיטלען וואָס זײַנען מיר געקומען אויפן געדאַנק אים צו באַרואיקן. געלונגען איז עס מיר נישט. אַזוי ביטער וויינען האָב איך אַ דערוואַקסענעם מענטשן קיינמאָל נישט געהערט. נאָך אַ שעה פון ביטערקייט און האַרצווייטיק האָב איך אים גענומען צו מיר אַהיים אויף אָוונט־ברויט. מײַן חברה, נינע, וועלכע האָט באַוואונדערט און ליב געהאַט דעם חבר סירקין נישט ווייניקער ווי איך, האָט זיך אויך דערשראָקן פאַר זײַן אויסזען. אָבער זי האָט בעסער געוואוסט ווי אײַנצושטילן אַ מענטשנס ווייטיקן. ערשטנס, האָט איר דערצו אַרויסגעהאָלפן איר פּראָפעסיע פון אַ „שוועסטער" (נוירס). צווייטנס, האָט זי זיך באַנוצט מיט אונזער ערשטער טעכטערל, אביבה׳לע, וואָס איז דאַן אַלט געווען אַרום דריי חדשים. זי האָט געבראַכט חבר סירקינען צו דעם וויגעלע, וואו דאָס קינד איז געשלאָפן. אַ קוק אויפן קינד האָט אים תיכף באַרואיקט. דאַן האָט נינע געפּועלט ביי חבר סירקין, ער זאָל זיך לייגן אָפּרוען. ווען ער האָט זי געפאָלגט, איז זי אַוועקגעגאַנגען צוגרייטן עפּעס עסן. מיר האָט זי אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל צו אים נישט ריידן. איך בין אַוועק מיט איר אין קיך. איך האָב איר דערציילט אַביסל פון דעם וואָס עס האָט פּאַסירט. לאַנג דערציילן איר האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט חבר סירקין עס פאַרט דערהערן און דאָס וועט אים אויפסנײַ פאַרשאַפן יסורים.

ביים עסן האָב איך אַוודאי מורא געהאַט ווייטער צו דערציילן. חבר סירקין האָט זיך צום עסן אַפילו נישט צוגערירט. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן אַן אומגליקלעכער. מיר האָבן שנעל פאַרענדיקט דאָס עסן און מיר זײַנען אַלע דריי געבליבן זיצן שווײַגנדיק. ווען חבר סירקין האָט זיך נאָך אַביסל באַרואיקט, האָט דווקא ער זיך אומגעקערט צו דער טעמע: די סכנה פון אַ דײַטשן נצחון. מיר האָבן אים געלאָזט ריידן, האָפנדיק, אַז דאָס וועט גרינגער מאַכן זײַן געמיט. ווען ער האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פון רייד, וואָס האָט פון אים ממש אַרויסגעפּלייצט, האָב איך מיך אַרײַנגעמישט:

„חבר סירקין" — האָב איך געזאָגט — „דאָס וואָס איז היינט געשען מוז ווי־עס־איז פאַרריכט ווערן. נישט די פּאַרטיי, נישט איר, נישט איך קענען אונז דער׳לויבן עס זאָל פאַרבלייבן צווישן אונז און ד״ר שמריהו לעווין אַזאַ מחיצה. וועט איר מסכים זײַן צו אַ צווייטער באַגעגעניש מיט אים? האָפנטלעך וועט זי זײַן אַ מער־רואיקע". זײַן ענטפער איז געקומען פּראָמפּט און קלאָר:

„אַוודאי! הלוואי געלינגט עס אייך. איך וויל טאַקע ביי אים מחילה בעטן. איך האָב מיך צו־שאַרף אויסגעדריקט קעגן אים. איך בין איבערציַיגט, אַז ווען ער וואָלט — אַזוויווי איך — געווען זיכער, אַז דער שטראַוס איז אַ דייטשער שפּיאָן, וואָלט ער זיך מיט אים נישט פאַרבונדן".

איך האָב דעם חבר סירקין באַגלייט צו זיין היים און אָפּגערעדט מיט אים ווידער צו טרעפן זיך מאָרגן אין מיין פּיפּלס־רעליף ביוראָ. ער איז געקומען. נאָכדעם ווי ער האָט מיר ווידער פאַרזיכערט, אַז ער איז גרייט פאַר אַ צווייטער באַגעגעניש, האָב איך מיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט פּאַרטיי־סעקרעטאַר, חבר עהרענרייך און באַשטימט די נייע זיצונג אויף אַ וואָך שפּעטער. מיר האָבן געוואָלט האָבן גענוג צייט, בכדי די ביטערקייט פון די איבער־לעבונגען פון דער לעצטער זיצונג זאָל זיך אַביסל אויסוועפּן. איך האָב אויף מיר גענומען די גאָר נישט־גרינגע אויפגאַבע צו באַוועגן ד"ר שמריהו לעווין צו קומען צו אָט־דער נייער באַגעגעניש. דאָס איז מיר אָנגעקומען אַ סך לייכטער ווי איך האָב דערוואַרט. איך האָב אים, נאַטירלעך, געזאָגט, אַז ד"ר סירקין וויל אים בעטן מחילה. האָט ד"ר לעווין געזאָגט: „איך האָב אים גלייך מוחל געווען. איך קען אייער חבר סירקין" — האָט ער צוגעגעבן — „בעסער ווי איר. איך קען אים מיט פיל יאָרן צוריק פון מינסק. איך ווייס, אַז דער מענטש פאַרמאָגט אַ זעלטענע ריינע און ערלעכע נשמה; אַז אויב ער האַנדלט אַפילו אַמאָל נישט טאַקטיש, שטאַמט עס פון זיינע ערלעכסטע איבערציַיגונגען".

ו.

צו אָט־דער זיצונג זיינען ווידער געקומען כמעט אַלע חברים וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פריערדיקער טראַגישער זיצונג. איך בין ווידער געווען דער פאָרזיצער. אָבער דאָס מאָל איז עס געווען אַ נחת־רוח צו פירן די זיצונג. פּאַסירונגען, וועלכע זיינען דערוויַיל פאָרגעקומען, האָבן צוגעטראָגן אַ וויכטיקן ביישטייער צו מאַכן די זיצונג אָנגענעם.

במשך דער וואָך איז דער הער שטראַוס אָפיציעל אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ דייטשער שפּיאָן. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָט גוט געוואוסט וועגן די טיפע חילוקי־דעות אין אַמעריקאַנער פאָלק בנוגע דער איראָפּעאישער מלחמה, האָט געהאַט גענוג אירע אייגענע בירגער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער מלחמה. זי האָט דעריבער ניט טאָלערירט קיין שום דירעקט־געשיקטע שפּיאָנען מצד די צדדים. זי פלעגט אין יענע חדשים אָפּט פאַרעפנטלעכן רשימות פון מענטשן, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן

ווי פרעמדע שפּיאָנען. אין איינער פון אָט־די רשימות איז געווען בפירוש דערמאָנט דער נאָמען פונעם הער שטראַוס. ד״ר סירקינ׳ס באַהויפּטונג איז דורכדעם באַשטעטיקט געוואָרן. דאָס האָט שטאַרק געהאָלפן גרינגער צו מאַכן די אַטמאָספער פון דער נייער באַגעגעניש.

ביים עפענען די זיצונג האָב איך איבערגעגעבן די חברים דעם תמצית פון מיינע שמועסן סיי מיטן חבר סירקין, סיי מיט ד״ר לעווין. איך האָב, נאַטירלעך, אויך אָנגעוויזן אויף דער אָפיציעלער מעלדונג פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג וועגן שטראַוסן. ד״ר לעווין האָט זיך דאַן דער ערשטער געווענדעט צום וואָרט. און זיינע סאַמע ערשטע ווערטער האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייע האַרציקע אַטמאָספערע. ער האָט אָנגעהויבן:

„נח׳קע (דאָס איז געווען דער נאָמען מיט וועלכן אַלע זיינע חברים פון דער מינסקער עפּאָכע האָבן אָנגערופן דעם חבר נחמן סירקין. אַרויסגערעדט האָט מען עס „נאַכקע״. זיינע שאַרפע קעגנער, וועלכע זיינען אָפט געטראָפן געוואָרן פון זיינע שאַרפע פּאָלעמישע פיילן, סיי בכתב, סיי בעל־פּה אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, האָבן נאָך מוסיף געווען צו אָט־דעם נאָמען און האָבן אים גערופן „נאַכקע דער מטורף״!) טייערער, דאַרפסט נישט בעטן ביי מיר מחילה. איך קען דיינע ריינע מאָטיוון. דאַקעגן דאַרף איך ביי דיר שטאַרק בעטן מחילה פאַר דעם ווילדן אופן וואָס איך האָב רעאַגירט קעגן דיר ביי דער לעצטער באַגעגעניש. און מער ווי מחילה דאַרף איך, און מיר אַלע, דיר גאָר דאַנקען, וואָס דו האָסט אונז אַלעמען פאַרהיט פון נאָך נעענטערע פאַרבינדונגען מיטן הער שטראַוס, וועמען איך האָב געקענט ווי אַ טרייען ציוניסט און בין געווען זיכער, אַז בלויז אידישע און ציוניסטישע מאָטיוון האָבן אים באַוועגט צו קומען אַהער און אָנהויבן דאָ זיין אַרבעט״. ווי אַן עדות האָט ד״ר לעווין אַרויסגעשטעלט דעם חבר יהושע גאָרדאָן, וואָס האָט אויך גוט געקענט די אַקטיוויטעטן פון דעם הער שטראַוס פאַרן אויסברוך פון קריג.

חבר גאָרדאָן, וועמען מיר האָבן אַלע געקענט ווי אַן אָנהענגער פון די אַליאירטע גלייך פון די ערשטע חדשים, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט באַשטעטיקט אַלץ וואָס ד״ר לעווין האָט דערציילט וועגן הער שטראַוס׳עס ציוניסטישע אַקטיוויטעטן. דער ענין וואָלט זיך אפשר, ביי יענער זיצונג, מיט דעם פאַרענדיקט. איז אָבער באַשערט געווען זיך צוצוהערן צו צוויי רעפעראַטן איבער דער פראַגע פון דער מלחמה, וועלכע קיינער פון די וואָס זיינען דאַן געווען קענען עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. חבר גאָרדאָן, נאָכדעם ווי ער האָט דערפילט זיין אויפגאַבע ווי אַן עדות, האָט געפונען פאַר נויטיק נאָך צוגעבן דערצו, אַז מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט די מיינונגען פון

איניקע זייער באַקאַנטע דייטשע ציוניסטן, וועלכע שטאַמען אויך פון אמתע אידישע און ציוניסטישע פּאַטריאַטישע אויסרעכענונגען. יענע ציוניסטן האַלטן, אַז מען טאָר נישט אינגאַנצן איגנאָרירן די מעגלעכקייט, אַז דייטשלאַנד קען מנצח זיין אין דער מלחמה. ציוניסטן מוזן האָבן אַ פּראָגראַם אויך פאַר אַזאַ עווענטואַליטעט. האָט דווקא ד״ר לעווין אויף דעם געענטפערט, אַז דאָס איז אַ געפערלעכער פּאָליטישער וועג. ער מוז פירן צו וואַקלענישן. און מען קען נישט צעטיילן די ציוניסטישע וועלט אין צוויי טיילן, אַז איינער זאָל זיך אָריענטירן אויף אַ נצחון פון די אַליאירטע און דער צווייטער אויף אַ נצחון פון דייטשלאַנד. די וועלט ווייסט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַן איינ־הייטלעכע, אַז אַלע שטרעבן צו איין ציל. אַזאַ פּאָליטיק וואָלט געפירט דערצו, אַז קיין צד וואָלט צו אונז נישט געהאַט קיין צוטרוי. מיר קענען דאַן פאַרלירן די סימפּאַטיע פון ביידע צדדים.

סיי חבר גאָרדאָן, סיי ד״ר ש. לעווין, האָבן שוין מער אין דעם וויכוח קיין אָנטייל נישט גענומען, ווייל אונזערע אייגענע צוויי עקסטרעמיסטן, חבר נחמן סירקין און יצחק זאַר, האָבן שוין פאַרנומען די גאַנצע זיצונג. אַלע מיינע אייגענע פאַרזוכן צו זאָגן עפּעס זיינען מיר אויך נישט געלונגען. די חברים זיינען ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אַנאַליזן וואָס די צוויי חברים האָבן געגעבן וועגן דער וועלט־לאַגע, יעדער פון זיין שטאַנדפּונקט.

עס איז באמת אַ שאָד וואָס פון יענעם וויכוח איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין סטענאָגראַפישער פּראָטאָקאָל. שוין עטלעכע מאָל האָב איך אַליין גע־פּרובירט רעקאָנסטרואירן זייערע ביידנס רעדעס און איך האָב געפילט, אַז איך קען ביידן נישט טאָן פולע גערעכטיקייט. איך קען נאָר צוגעבן, אַז אין פּאָלעמישער שאַרפקייט האָט דאָס מאָל חבר זאַר איבערגעשטיגן אַפילו דעם חבר סירקין. אויך זיין לאָגיק איז געווען פיל בעסער אויפגעבויט, כאָטש איך האָב מיט אים נישט מסכים געווען אַפילו אין איין איינציקן פּונקט. וועגן דער דירעקטער פראַגע, וועגן וועלכער דער וויכוח איז געגאַנגען, בין איך אַוודאי געווען אויף סירקינ׳ס זייט. אָבער אַפילו צו זיינע — זאַר׳ס — פּראָגנאָזן וועגן דער צוקונפט פון דער אַלמענטשלעכער קולטור, וואָס ענגלאַנד פירט זי צו אויסצערונג און דייטשלאַנד פירט זי דווקא צו הויכע, נייע יצירה־שטאַפּלען, האָב איך נישט געקענט מסכים זיין. דערצו האָט פון אים — פון חבר זאַר — שוין צו שטאַרק אַרויסגעשטראַמט זיין שנאה — ממש שנאה — צו ענגלאַנד און צו אַלץ וואָס זי שטעלט פאַר אין דער מענטשהייט. אָבער איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט אַלע זיינע פּונקטן באַגרינדעט קלאָר און זיכער, מיט אַ לאָגיק, וואָס איז אַפילו דעם חבר סירקין נישט געלונגען אומצוואַרפן.

ז.

פון דעם וואָס איך האָב פריער דערציילט קען מען באַקומען אַ באַגריף ווי טיף די מחלוקת וועגן דער שטעלונג צו דער מלחמה האָט אַריינגעדרונגען אין אונזערע קרייזן. אין אָנהויב, דאָס הייסט אין יאָר 1915, ווען אָט־דער אינצידענט האָט פּאַסירט, זיינען אין צענטראַל־קאָמיטעט געווען בלויז גע־ציילטע חברים וואָס זיינען געווען אָריענטירט פאַר דער מלחמה קעגן דייטש־לאַנד. דער שטורעמדיקסטער צווישן זיי — נחמן סירקין. אויסער אים, שוין נישט אַזוי שטורעמדיק, זיינען געווען דער חבר הערש עהרענרייך און איך. אין אונזער סביבה — מענטשן נאָענט צו אונז — זיינען געווען אַזוי איינגע־שטעלט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און אַ פּאָר פון זיינע גאָר נאָענטע מענטשן. זיי האָבן אָבער עפנטלעך דאַן קיין שום שטעלונג נישט גענומען. אַלע איבע־ריקע חברים זיינען געווען קעגן אַמעריקע׳ס אַריינטרעטן אין דער מלחמה. גאָר גיך האָט אונזער צד צוגעקראָגן אַזעלכע חברים ווי באָראָכאָוו, בן־צבי, בן־גוריון און פּנחס רוטענבערג. זייער השפּעה האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אויסווירקן. אָבער אַפילו מיט זייער השפּעה איז נאָך די מאַיאָריטעט אַלץ געווען קעגן קריג. און אַזוי שפּעט, ווי אין פעברואַר 1917, לאָזט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַרויס אַן אויפרוף מיט אָט־דעם אינהאַלט: קודם רופט ער די חברים זיך נישט אָפּצושרעקן פון מה־יפית־געשריי פון די בירגערלעכע עלעמענטן, וואָס באַהויפּטן, אַז אידן טאָרן נישט קעמפן קעגן קריג; זיי טאָרן זיין פּאַטריאָטיש, שטיל און באַשיידן און איבערלאָזן דעם ענין פון קריג צו די נישט־אידן. דער אויפרוף שילדערט דאַן די חורבנות וואָס קריג ברענגט, די מיליטערישע דיקטאַטור און די פאַרניכטונג פון די קולטורעלע און ציווילי־זאַציע־דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט. דאַן פאָדערט ער אויף די חברים דורכצופירן אומעטום גרויסע מאַניפעסטאַציעס וואָס זאָל אַרויסשטעלן צו דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן די פאָדערונג דורכצופירן אַ רעפערענדום צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָס זאָל אַנטשיידן וועגן אַמעריקע׳ס אַריינגיין אין קריג, וועגן אַלגעמיינער מיליטער־דינסט און וועגן באַווילִיקן קריגס־קרעדיטן.

דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „זאָל דאָס פאָלק אַליין באַשטימען זיין גורל! נידער מיט קריג! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם, די פרייהייט און ברידערלעכקייט צווישן אַלע פעלקער!״

און ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן, דעם 6טן אַפּריל 1917, אָפיציעל דערקלערט קריג דייטשלאַנד, איז נאָך דער „אידישער קעמפער״ אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקל וואָס האָט געזאָגט: „די בירגערלעכע פּרעסע איז איצט פול

מיטן רוף צו לאָיאַליטעט. און דער פּרעזידענט האָט זיין רעדע געשלאָסן מיט אָט־דעם רוף. זיכער זיינען מיר לאָיאַל צו אַמעריקע און קעגן דער דייטשער רעגירונג. אָבער מיר האָבן אַן אידעאַל, וואָס קען בעסער באַשיצן סיי די אַמעריקאַנער אינטערעסן, סיי די אינטערעסן פון אַנדערע נאַציאָנען, ווי קריג; דאָס איז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם. ער, און נישט וואָל־סטריט, ער, און נישט די אַרמייען, וועלן ברענגען דער וועלט אַלע שיינע זאַכן וועגן וואָס עס האָט גערעדט פּרעזידענט ווילסאָן: שלום, אמתע דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, פרייהייט אויפן ים און אויף דער יבשה. לאָזט אונז אונטער אַלע אומשטענדן בלייבן טריי צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם״.

די אָנהענגער פון קריג קעגן דייטשלאַנד האָבן זייערע שטעלונגען אויסגעדריקט עפנטלעך אין דער פּרעסע. בעיקר האָבן עס געטאָן די חברים סירקין און באָראָכאָוו אין דער „וואַרהייט״. אין „קעמפער״ האָט מען אַזעלכע אַרטיקלען נישט פאַרעפנטלעכט, ווייל די מאַיאָריטעט פון דער פּאַרטיי, און אויך די גרויסע מאַיאָריטעט אין דער פּאַרטיי, איז נאָך אַלץ געווען קעגן קריג.

ח.

ערשט אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט דעם 16טן אַפּריל 1917, זיינען אַזויווי לעגאַליזירט געוואָרן די צוויי מיינונגען אין דער פּאַרטיי. איין מיינונג האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אָננעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער מלחמה, ווייל דאָס איז אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט פון פעלקער; די צווייטע מיינונג — וואָס איז נאָך אַלץ געווען די מערהייט־שטעלונג — האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן דער מלחמה און אַנדערע מלחמות. די אָפיציעלע שטעלונג איז געבליבן ווי פריער קעגן דעם קריג. חברים פון דער מינאָריטעט איז אָבער דערלויבט געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע זייערע מיינונגען, אָבער עס מוז זיין קלאָר, אַז זיי דריקן נאָר אויס זייערע אייגענע מיינונגען. דעם 14טן אַפּריל 1917 האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „קעמפער״ מיין ערשטן אַרטיקל וועגן אָט־דער פראַגע. איך האָב דעם אַרטיקל פאַרענדיקט אַזוי: „פאַר אונז אידן איז צום ערשטן מאָל אין אונזער גאַנצער גלות־געשיכטע דערשינען די מעגלעכקייט, אַז אויך אונזער פאַרגאָסן בלוט זאָל קענען האָבן אַן אַנטשעדיקונג. מיר גיבן גענוג בלוט פאַר דעם. אַנשטאָט צו קעמפן קעגן דער מלחמה, ווען די מלחמה איז שוין אַ פאַקט, לאָמיר קאָנצענטרירן אַלע אונזערע כוחות אין דער ריכטונג פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט, ווייל אין דעם ליגט אויך דאָס גליק פון אונזער פאָלק״.

קעגן דעם דאָזיקן אַרטיקל זיינען אָנגעקומען שאַרפע פּראָטעסטן צום

צענטראַל־קאָמיטעט. דער שאַרפסטער איז געקומען פון פעדעראַטיוון קאָמי־טעט פון די פועלי־ציון אין שיקאַגאָ. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך פאַרענטפערט מיט דעם באַשלוס, אַז חברים מעגן פאַרעפנטלעכן פראָ־מלחמה אַרטיקלען אויף זייער אייגענער אחריות.

אָבער די דאָזיקע לעגאַליזירונג האָט נישט איינגעשטילט דעם שאַרפן געראַנגל. ווי איך האָב אויבן דערציילט, זיינען אין דער אַלגעמיינער אַמערי־קאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אויפגעשטאַנען צוויי צווישן־זיך־קעמפנדיקע קער־פערשאַפטן בנוגע דער פראַגע פון קריג: דער „פיפלס־קאונסיל״ (דער פאָלקס־ראַט) פון די מלחמה־קעגנער און דער „אַלייאַנס פאַר לייבאַר און דעמאָקראַסי״, וואָס די אָנהענגער פון דער מלחמה — סעמועל גאָמפערס און זיינע אָנהענגער — האָבן געגרינדעט. האָט זיך אין אונזער פועלי־ציון־באַוועגונג אָנגעהויבן דער קאַמף וועגן פאַרבינדן זיך מיט איינער אָדער דער צווייטער פון אָט־די קערפערשאַפטן.

ט.

איך וועל פון דעם ים האַנדלונגען פוןביידע זייטן אַרויסברענגען בלויז עטלעכע פאַקטן:

אין יוני 1917 דערקלערט דער צענטראַל־קאָמיטעט צו אַ צווייג פון דער פאַרטיי, אַז ער, דער צענטראַל־קאָמיטעט, האָט ווי אַזעלכער זיך נישט באַ־טייליקט אין דער קאָנפערענץ פון „פיפלס־קאונסיל״, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק. אָבער ער האָט דערלויבט די פאַראיינען, וואָס ווילן זיך באַטייליקן דאָס צו טאָן. ער ווייזט אָן, אַז אַפילו די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וועמעס מיטגלידער זיינען אַזוי אַקטיוו אין „פיפלס־קאונסיל״, איז ווי אַ גאַנצע נישט אָנגעשלאָסן אין דעם „קאונסיל״.

דער דרוק פון אַ סך פאַראיינען האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען געצוואונגען זיך אָנצושליסן אין „פיפלס־קאונסיל״ און האָט געשיקט דעם חבר יצחק זאַר, ער זאָל פאַרטרעטן די פאַרטיי אויף דער קאָנווענשאָן פון „קאונסיל״, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגע־האַלטן ווערן אין מינעאַפּאָליס. די קאָנווענשאָן איז צוליב אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן מצד דער רעגירונג נישט פאָרגעקומען. אַ טייל פון די דעלעגאַטן האָבן אָבער באַוויזן אָפּצוהאַלטן אַ באַראַטונג פון עטלעכע שעה אין שיקאַגאָ.

אין יולי 1917 איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער פאַרטיי אַ רעפערענדום וועגן דער פראַגע פון „קאָנסקריפּשאָן״. צו דער אָפּשטימונג איז נישט גע־שטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער באַציאונג צום קריג בכלל, נאָר צי די

פּאַרטיי זאָל זיך אַקטיוו באַטייליקן אין קאַמף קעגן קריג, ווי אייניקע פאַר־איינען האָבן עס געפאָדערט. 575 חברים האָבן געשטימט פאַר דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין קעגן קאָנסקריפּשאָן און בלויז 93 חברים האָבן געשטימט קעגן דעם. אויף דער פראַגע, צי די פּאַרטיי זאָל אַנטוויקלען אַן אַקטיוון קאַמף קעגן קאָנסקריפּשאָן, האָבן 393 געשטימט פאַר און — דאָ איז שוין געווען אַ באַדייטנדיקערע מינדערהייט — 238 האָבן געשטימט קעגן.

פון דער צווייטער זייט האָבן אייניקע חברים, בעיקר — ווידער! — ד״ר נחמן סירקין, זיך פאַרבונדן מיט דער דערמאָנטער „אַלייאַנס״. די לעצטע האָט דווקא יאָ אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן אין מינעאַפּאָליס. ד״ר סירקין האָט זיך אין איר באַטייליקט. אויף אָט־דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַר־טראָטן פאַרשטייער פון כמעט אַלע אָנגעשלאָסענע יוניאָנס אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט אייניקע אָנגעזעענע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט דער אָפיציעלער אַנטי־קריג־שטעלונג פון דער פּאַרטיי; און אויף יענער קאָנפערענץ איז חבר סירקינען געלונגען דורכצופירן יענע היסטאָרישע רעזאָ־לוציע, וואָס איז געווען אייגנאַרטיק אין איר תוכן. זי האָט נישט נאָר אויס־געדריקט סימפּאַטיע צום ציוניזם; זי האָט בפירוש געפאָדערט, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ אידישע קאָמאָנוועלט, בכדי — און דאָס איז אין מיינע אויגן דער וויכטיקסטער פּונקט אין דער רעזאָלוציע — אויסצוגלייכן דעם סטאַטוס פון אידישן פאָלק מיט אַלע פעלקער פון דער מענטשהייט.

י.

אַפילו אָט־די רעזאָלוציע האָט אויך נישט אָפּגעשוואַכט דעם קאַמף פון דער מאַיאָריטעט פון דער פּאַרטיי קעגן יענע חברים, וואָס זיינען געווען פראָ־מלחמה מיט דייטשלאַנד. בעיקר איז דער קאַמף געפירט געוואָרן קעגן חבר סירקין.

דער פאַראיין פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון אין ניו־יאָרק האָט, אין אויגוסט 1917, צוגעשיקט אַ בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט אין וועלכן ער האָט געפאָדערט, אַז ד״ר סירקין זאָל רעזיגנירן פון צענטראַל־קאָמיטעט. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דער רעפערענדום וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ חודש פריער אין דער פּאַרטיי האָט קלאָר באַוויזן, אַז די פּאַרטיי איז קעגן קריג. אינעם בריוו ווערט חבר סירקין מוראַדיק אַטאַקירט פאַר זיינע מלחמה־אַרטיקלען. דער בריוו ענדיקט זיך אַזוי: „מיר ווייסן, אַז ד״ר סירקין וועט זיך זיכער נישט לאָזן קאָנטראָלירן און איבעררייסן זיין קריגס־אַגיטאַציע,

דאַרף ער דערפאַר רעזיגנירן פון צענטראַל־קאָמיטעט און זיך צוריקציען פון אַלע אַמטן, וואו ער פאַרטרעט דעם צענטראַל־קאָמיטעט".

נאָך עקסטרעמער איז געגאַנגען דער עסטרייכישער פועלי־ציון־פאַראיין אין ניו־יאָרק (ברענטש 6). ער האָט געפאָדערט, אַז ד"ר סירקין זאָל פאַרלאָזן די „אַליאַנס פאָר לייבאָר ענד דעמאָקראַסי". אין קעגנפאַל זאָל ער אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פאַרטיי.

די דאָזיקע פאָדערונגען האָבן ממש אַרויסגערופן אַ שטורעם איבערן גאַנצן לאַנד. פוןביידע זייטן האָבן אָנגעהויבן פליען פראָטעסטן און דראָאונגען. עס זיינען געווען אַ צאָל פאַראיינען וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף סירקינ'ס צד. די גרויסע מערצאָל האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז סירקין זאָל רעזיגנירן פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אין „אידישער קעמפער", פון 5טן אָקטאָבער 1917, איז דערשינען חבר סירקינ'ס דערקלערונג, אַז ער רעזיגנירט פון צענטראַל־קאָמיטעט. דערביי האָט ער צוגעגעבן:

„די רעזיגנאַציע איז נישט קיין פרייוויליקע, נאָר אַ געצוואונגענע. ווען דער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן, האָט די ראַטשעסטער קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז די פאַרטיי בלייבט נייטראַל. די קליוולאַנדער און באָסטאָנער קאָנווענשאָנס האָבן באַשטעטיקט אָט־די שטעלונג. איך מיט מיין שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם פראָ־עליאיס שטאַנדפּונקט האָב געהערט צו אַ גאַנץ קליינער מינאָריטעט אין דער פאַרטיי. אָבער דער שלום אין דער פאַרטיי איז נישט צעשטערט געוואָרן. נאָכן אַריינטריט פון אַמעריקע אין קריג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעפערענדום מיט נישט גענוג אויפקלערונג. ווען די פאַרטיי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „פּיפּלס־קאָונסיל" האָב איך געהאַלטן, אַז דער באַשלוס איז גילטיק נאָר בנוגע דער פאַרטיי, אָבער דורכאויס נישט בנוגע איינצלנע חברים. די באַוועגונג פון „פּיפּלס־קאָונסיל" איז רעאַקציאָנער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און איז אַ סכנה פאַרן אידישן פאָלק און פאַרן ציוניזם. איך האָב אָנגעפירט מיין אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן די מלחמה־פּראָבלעמען, זייענדיק איבערצייגט, אַז איך האַנדל נישט נאָר אין גייסט, נאָר אויך לויט דער דיסציפּלין פון דער פאַרטיי. אין דער קאָנפערענץ אין מינעאַפּאָליס איז מיר געלונגען דורכצופירן אַ רעזאָלוציע פאַרן ציוניזם, וואָס איז איינשטימיק און ענטוזיאַסטיש אָנגענומען געוואָרן. איך באַטראַכט עס ווי איינע פון די וויכטיקסטע פאַסירונגען אין דער געשיכטע פון ציוניזם. פיל פאַראיינען האָבן פּראָטעסטירט קעגן מיין אָנטייל אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ און קעגן דעם אופן ווי איך האָב אויפגעקלערט די סיבות, פאַרוואָס אַ סך אידישע אַרבעטער

סימפּאַטיזירן מיטן „פּיפּלס־קאָונסיל״. איך בין איבערגעצייגט, אַז אַ נייער רעפערענדום אין דער פּאַרטיי וואָלט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן מיין רעזיגנאַציע. אָבער איך וויל נישט שטעלן די מיר־אַזוי־נאָענטע און שטענדיק טרייע באַוועגונג און פּאַרטיי פאַר ווייטערדיקע קאָמפּליקאַציעס. דעריבער האָב איך באַשלאָסן אַליין צו רעזיגנירן. ביים ערשטן רוף פון צענטראַל־קאָמיטעט וועל איך צוריקקומען צום צענטראַל־קאָמיטעט. אין אַלטער ליבע צו דער אידייע און די מיטקעמפנדיקע חברים״.

נחמן סירקין

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַגליט חבר סירקינ׳ס בריוו מיט אַ דערקלערונג פון באַדויערן, וואָס איינע פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט־באַוועגונג איז געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון דער פּאַרטיי־לייטונג. דער צענטראַל־קאָמיטעט באַטראַכט דעם „פּיפּלס־קאָונסיל״ פאַר אַ וויכטיקן ראַדיקאַלן פאַקטאָר אין אַמעריקאַנער לעבן. די דערקלערונג ענדיקט זיך מיט דער פאַרזיכערונג, אַז חבר סירקין בלייבט באַליבט און טיף געאַכטעט ווי פריער און מיט דער האָפענונג, אַז סירקין וועט צוריק קענען פאַרנעמען, אין דער נאָענטער צוקונפט, דאָס אָנגעזעענע אָרט אין דער לייטונג, ווי ער האָט עס די גאַנצע צייט פאַרנומען.

פון 20טן ביזן 22טן אָקטאָבער 1917 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּאַרטיי־ראָט, אויף וועלכן עס איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען אַ וויכוח וועגן דער מלחמה־פראַגע. אויף דעם פּאַרטיי־ראָט האָט חבר דוד בן־גוריון געשטיצט סירקינ׳ס שטעלונג. ער, און אַנדערע חברים, האָבן געהאַט טענות צום „קעמפער״, פאַרוואָס ער האָט כמעט ווי פאַרשוויגן די פּראָ־ציוניסטישע רעזאָלוציע פון דעם „אַליאַנס״־צוזאַמענפאָר אין מינעאַפּאָליס. פון דער צווייטער זייט האָבן אַ טייל דעלעגאַטן פאָרגעהאַלטן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, פאַרוואָס ער האָט נישט געשיקט קיין צירקולאַרן קעגן קריג; פאַרוואָס ער איז נישט געווען אַקטיוו אין קאַמף קעגן קאָנסקריפּשאָן. דער פּאַרטיי־ראָט האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די פּאַרטיי האַלט פאַר איר הייליקער פליכט מיטצוהעלפן באַקעמפן די פאַרשלעפּונג פון דער מלחמה און פאַרשנעלערן דעם וועלט־שלום, וואָס זאָל געזיכערט ווערן דורך: א) אַלגעמיינע אָנטוואָפענונג; ב) אינטערנאַציאָנאַלע טריבונאַלן; ג) גאַראַנטירן נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אַלע קליינע פעלקער און געבן אידן רעכט אויף אַן אייגענער היים אין ארץ־ישראל. דער פּאַרטיי־ראָט באַאויפטראָגט דעם צענטראַל־קאָמיטעט אָנצופירן אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אָט־די צילן; ער זאָל זיך אויך באַטייליקן אין קאַמף קעגן

די רעאַקציאָנערע כוחות, וואָס נוצן אויס דעם קריג, בכדי צו אונטערדריקן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אין לאַנד; ער זאָל זיך באַטייליקן אין יעדער באַוועגונג וואָס וויל שאַפן אַן עפנטלעכע מיינונג וואָס זאָל צווינגען די רעגי־רונגען צו דערקלערן דייטלעך זייערע שלום־פאָדערונגען".

אָט־די רעזאָלוציע איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ רעפערענ־דום אין דער פּאַרטיי. פאַר איר האָבן געשטימט 615, קעגן — 159.

דער ברוגז צווישן חבר סירקין און דער פּאַרטיי האָט לאַנג נישט אָנגעה־האַלטן. די באַלפור־דעקלאַראַציע, דער זיג פון ציוניסטישן געדאַנק אין די אַרבעטער־רייען אין די עלייס־לענדער, דער שפּעטערדיקער אַרבעטער־קאָנ־גרעס פאַר ארץ־ישראל האָבן פאַרבלאָסט אַלע רייבונגען. ד"ר סירקין איז צוריק געוואָרן אַקטיוו אין צענטראַל־קאָמיטעט און די גאַנצע באַוועגונג האָט מיט גרויס ליבע געפייערט זיין 50־יעריקן יובילעאום, דעם 18טן מערץ 1918.

יב.

אין סאַמע מיטן פון אָט־דעם אינערלעכן געראַנגל האָט די פּאַרטיי און די גאַנצע באַוועגונג געדאַרפט דורכפירן די צוגרייטונגען פאַרן אידישן לעגיאָן. אַזויווי די אַרבעט פאַרן לעגיאָן איז דאָך זיכער געווען אַ מלחמה־טעטיקייט, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט, אין די ערשטע סטאַדיעס, זיך געהאַלטן נייטראַל. איך מיין, אַז איך האָב קלאָר אַרויסגעבראַכט די סיבות פון אָט־דער נייטראַ־ליטעט. אָבער זי האָט גאָר לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, אָט־די נייטראַליטעט. די לעגיאָן־באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז זי האָט ממש פאַר־שאָטנט אַלע פּאַסירונגען פון די יאָרן 17־1914. און די גרויסע מאַיאָריטעט פון צענטראַל־קאָמיטעט — מיט דער אויסנאַם פון זייער וויניקע „דיי־האַרדס" — האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, ווען די אמתע מאָביליזירונג האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט.

די דערפאָלגרייכע אַרבעטן פונעם ספּעציעלן אַרבעטס־קאָמיטעט

א.

איידער איך קום צו דערציילן וועגן דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, וואָס אונז איז געלונגען אויפצושטעלן אין צפון־אַמעריקע און מיין חלק אין דעם, וויל איך, בתכלית הקיצור, באַצייכענען די פאַרשידענע שטאַפּלען, וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען, איידער מיר האָבן דערגרייכט צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. איך וועל דערמאָנען די וויכטיקע שטאַפּלען אויף וועלכע עס האָבן זיך ביסלעכוויז געגומען דערנענטערן צו אונז יענע עלעמענטן, פון וועלכע דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרן. באַטירלעך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קלייבן אַרום קאָנקרעטע אַקטי־וויטעטן, וועלכע מיר האָבן אונטערגענומען.

די דאָזיקע אַקטיוויטעטן צעטיילן זיך אין צוויי קאַטעגאָריעס: פּאָליטישע הילף פאַר דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט און זאַמלען פינאַנציעלע מיטלען צו העלפן זיי אין זייער בוי־אַרבעט. די ערשטע קאַטעגאָריע אַרבעטן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט, אין די מערסטע פאַלן, מיך פאַרפליכטעט דורכצופירן; די צווייטע קאַטעגאָריע אַרבעטן איז אַלעמאָל איבערגעגעבן געוואָרן אין די ענערגישע הענט פון דעם חבר שמואל באַנטשעק און ער האָט זיי דערפירט צו גאָר גרויסע מאָסשטאַבן. אוודאי האָבן אַלע חברים מיט־געאַרבעט אין ביידע קאַטעגאָריעס. און נישט נאָר די חברים פון צענטער. די חברים פון גאַנצן לאַנד האָבן אין יענע אַקטיוויטעטן אַריינגעגעבן דעם מאַקסימום פון זייער אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט. זייער שטאַרק האָבן אין ביידע קאַטעגאָריעס אַקטיוויטעטן זיך באַטייליקט די חברים בן־צבי און בן־גוריון. פון דעם ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען אין צפון־אַמעריקע (18טן מאַי 1915) ביזן טאָג (19טן מאַי 1918), ווען זיי זיינען אוועק צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע לעגיאָנערן צוריק קיין ארץ־ישראל — במשך די פולע דריי יאָר וואָס זיי האָבן זיך געפונען מיט אונז האָבן זיי מיטגעאַרבעט אין

אַלץ, וואָס די באַוועגונג האָט דאַן אונטערגענומען. דער חבר באַנטשעק האָט זיי נאָך פיל מער „עקספּלואַטירט" אין דער קאַטעגאָריע פון זיינע אַרבעטן, ווי איך אין דער קאַטעגאָריע פון מיינע אַרבעטן, כאָטש איך האָב זיי אויך נישט געשאַנעוועט. פּונקט ווי מיר ביידע — חבר באַנטשעק און איך — האָבן אין יענער עפּאָכע נישט געשאַנעוועט קיינעם פון די חברים און צום קרעדיט פון אַלע חברים דאַרף געזאָגט ווערן: עס איז אָנגעקומען זייער גרינג זיי צו „עקספּלואַטירן". זיי האָבן זיך אַליין ממש געריסן צו יעדער סאָרט אַרבעט.

ב.

בכדי צו באַנעמען בולטער און פולער די גרייטקייט פון דער גאַנצער באַוועגונג צו גרויסע אָנשטרענגונגען, דאַרף מען געדענקען צוויי זאַכן: ערשטנס — די צייט ווען אָט־די אַרבעטן האָבן געדאַרפט דורכגעפירט ווערן און, צווייטנס, אייניקע שווערע קלעפּ, וואָס די באַוועגונג האָט באַקומען במשך פון דער זעלביקער צייט. בנוגע דער צייט איז גענוג צו פאַרצייכענען אייניקע קאַלענדאַרישע דאַטן:

א) די אַרבעט פאַר דער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זיך געצויגן פון אויגוסט 1914 ביזן מיטן זומער 1920; אונזער אַרבעט פאַר „פּיפּלס־רעליף" האָט זיך געצויגן פון מיטן 1915 ביז סוף 1923; ב) די אַרבעט פאַרן לעגיאָן האָט זיך געצויגן פון פרילינג 1915 (צוגרייטונגען) ביז מיטן 1918, ווען די מערסטע לעגיאָנערן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן צפון־אַמעריקע אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל. פּאַראַלעל מיט אָט־די אַלע אַרבעטן, וועלכע האָבן פאַרשלונגען דעם סאַמע מאַקסימום פון ענערגיע פון בוכשטעבלעך אַלע אונזערע חברים, האָבן מיר אויך געדאַרפט פירן יענע אַרבעטן, וועלכע זיינען עס געווען די שטאַפּלען, וואָס האָבן אונז געבראַכט צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. און פונ־דעסטוועגן האָט קיינער פון אונזערע חברים, נישט פון דער פירערשאַפט און נישט פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט, נישט אַרויסגעוויזן מידקייט, אָדער אָפּגעשוואַכטקייט אין דער אַרבעט גופא.

בנוגע די קלעפּ: ערשטנס, טאָר מען נישט פאַרגעסן וועלכע קלעפּ מיר האָבן באַקומען פון דעם טיפן אינערלעכן געראַנגל אַרום דער שטעלונג צו דער מלחמה; צווייטנס, האָט די באַוועגונג באַקומען אַן אומגעהויערן קלאַפּ דורך דער פּלוצימדיקער ידיעה וועגן דער פּטירה פון חבר בער באָראָ־כאָוו (17טן דעצעמבער 1917). מיר האָבן די ידיעה באַקומען מיט אַ וואָך שפּעטער — און וויניקסטנס צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט קיינער פון די חברים נישט געפונען אין זיך די גלייכגעוויכט אָנצוגיין מיט דער נאָרמאַלער

אַרבעט. ערשט נאָכן הספד איבער אונזער גרויסן חבר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 11טן יאַנואַר 1918 אין גרויסן זאַל פון קופּער־יוניאָן, האָט די שאַרפקייט פון דעם שרעקלעכן קלאַפּ געגומען אַביסל אָפּגעשוואַכט ווערן. דער הספד איז פאַרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון דוד פינסקי און צווישן די מספידים זיינען געווען דער גרויסער דיכטער יהואָש, ד״ר נחמן סירקין, יצחק בן־צבי, ד״ר יצחק־אייזיק הורוויטש, יואל ענטין, דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ ש. יאַנאָווסקי און אַנדערע חברים. דער ווייטיק פון דריטן קלאַפּ האָט אָנגעהאַלטן אַ סך אַ לענגערע צייט. ער האָט זיך געצויגן כמעט צוויי יאָר איידער אונזער טאָג־צייטונג „די צייט״ איז דערשינען (אין אויגוסט 1920), האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צוואַנציק הדשים וואָס דאָס טאָגבלאַט איז אַרויסגעגאַנגען און מיר האָבן געדאַרפט פירן גאָר אַ שווערן געראַנגל פאַר איר לעבן; און דער אמתער קלאַפּ איז געקומען, ווען מיר האָבן געמוזט אָפּשטעלן די צייטונג אין מערץ 1922. אַוודאי האָבן אָט־די אַלע קלעפּ משפיע געווען נעגאַטיוו אויף די אַרבעטן, וואָס מיר האָבן געפירט. אָבער טראָץ אָט־דער השפעה איז די אַרבעט דערפירט געוואָרן צו גאָר גרויסע דערגרייכונגען. די מערסטע פון אָט־די אַרבעטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספּעציעלן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויפגעשטעלט תיכף נאָך דעם ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן.

ג.

אין מיין קאַטעגאָריע אַרבעטן וויל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די וויכטיקסטע וואָס מיר האָבן דורכגעפירט. אָן ספק איז די סאַמע־וויכטיקסטע צווישן זיי געווען דער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער פון די שטאַפּלען וואָס האָבן אונז דערפירט צום געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין. וועגן אים איז שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען אַביסל דערציילט געוואָרן. דאָ וויל איך נאָר צוגעבן אייניקע פּרטים, וואָס באַווייזן די דערנענטערונג צווישן אונז מיט יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן מיט איבער פינף יאָר שפּעטער, אויפגעבויט אונזער אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל.

די צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר אָט־דער קאָנפערענץ האָט געמאַכט שנעלן פאַרשריט. די ערשטע שריט האָבן געדאַרפט געמאַכט ווערן אין פאַרבינדונג מיט אַ לאָקאַלער קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט געדאַרפט דערוויילן 100 דעלעגאַטן צו דעם לאַנד־קאָנגרעס, וואָס איז גערופן געוואָרן אויפן 6טן יוני 1918. די לאָקאַלע ניו־יאָרקער קאָנפערענץ איז פאַרגעקומען סוף אַפּריל

1918. ווּיסנדיק, אַז אין דער רעפּרעזענטאַנץ צו דער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ איז געווען אָפּהענגיק אויך דער דערפאָלג פון לאַנד־קאָנפערענץ, האָב איך — צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל חברים — קאָנצענטרירט פיל כוחות צו ברענגען צו דער לאָקאַלער קאָנפערענץ וואָס אַ גרעסערע צאָל פאַרטרעטער פון אַרבע־טער־קערפּערשאַפטן. איך האָב אַליין פאַרהאַנדלט מיט די ווּיכטיקסטע פון זיי. די פירער פון אַרבעטער־רינג האָבן דערקלערט, אַז דער אַרבעטער־רינג מוז בלייבן נייטראַל, ווייל אין זיינע רייען זיינען אויך דאָ קעגנער. אָבער די עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג וועט לאָזן זיינע ברענטשעס און אויך איינצלנע מיטגלידער דאָס רעכט צו האַנדלען לויט זייערע איבערצייגונגען. אַ צאָל יוניאָנס האָבן דערקלערט, אַז זיי קענען זיך נישט באַטייליקן, ווייל זיי האָבן אויך נישט־אידישע מיטגלידער און דעריבער קענען זיי זיך נישט באַטייליקן אין אַ קאָנגרעס, וואָס איז אַ ספּעציפיש־אידישע. דער „פאָרווערטס" איז אַרויסגעטראָטן קעגן. „פאָרווערטס"־מענטשן האָבן אַפילו געזוכט אויס־צואיבן אַ דרוק אויף דער „אַמאַלגאַמייטעד", זי זאָל אָפּשוואַכן איר פּראָ־ארץ־ישראל רעזאָלוציע פון איר קאָנווענשאָן (אין באַלטימאָר, מאַי 1918), וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דער באָסטאָנער דעלעגאַציע. דער „פאָרווערטס" האָט אַפילו געדראָט מיט אַ שפּאַלטונג אין דער „אַמאַלגאַמייטעד", אויב די רעזאָלוציע, ווי פאָרגעשלאָגן געוואָרן דורך דער באָסטאָנער דעלעגאַציע, וועט אָנגענומען ווערן. אַ ווירקונג האָט עס זיכער געהאַט. דער באָסטאָנער נוסח איז נישט געשטעלט געוואָרן צו קיין אָפּשטימונג. אָבער אַ גענוג־שטאַרקע פּראָ־ארץ־ישראל רעזאָלוציע איז דאָך אָנגענומען געוואָרן. די קעגנער פון זייער זייט האָבן אויך געמוזט צוריקציען אַ טאַדל־רעזאָלוציע, וואָס זיי האָבן פאָרגעשלאָגן קעגן חבר יוסף שלאָסבערג, פאַר זיינע פּראָ־ציון אַרטיקלען אין „פאָרטשריט", דער אָרגאַן פון דער „אַמאַלגאַמייטעד". די קעגנער האָבן זיך שנעל דערוואוסט, אַז סידני הילמאַן — דער פּרעזידענט פון „אַמאַלגאַמייטעד" — און אַנדערע פירער פון אָט־דער גרויסער אָרגאַני־זאַציע זיינען פונקט אַזוי ענטוזיאַסטיש פאַר אַ אידיש ארץ־ישראל ווי חבר יוסף שלאָסבערג.

אַ שאַרפע אַנטוישונג איז פאַר מיר געווען די נעגאַטיווע שטעלונג פון חבר מאַקס פּיין — וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער ערשטער פאָרזיצער פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין — צום אַרבעטער־קאָנגרעס. איך בין שוין דאַן געווען זייער נאָענט באַפריינדעט מיט אים דורך יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט אין „פּיפּלס־רעליף". אָבער איך האָב אים דאַן נישט געקענט באַוועגן צו ענדערן זיין נעגאַטיווע שטעלונג. אַלץ וואָס ער איז דאַן געווען גרייט צו

טאָן איז פאַרצושלאָגן אין די אידישע געווערקשאַפטן אַ רעזאָלוציע, אַז זיי זיינען פאַר אַ פרייער אידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען שטאַט אין פּאַלעסטינע. אָבער צום קאָנגרעס וועלן זיי קיין דעלעגאַטן ניט שיקן.

ד.

די לאָקאַלע ניו־יאָרקער קאָנפערענץ איז דאָך געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג. צו איר זיינען געקומען פאָרשטייער פון אַן ערך 100 טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. עס זיינען געווען פאַרטראָטן 13 לאָקאַלן פון דער „אַמאַלגאַמייטעד", 7 לאָקאַלן פון דער „אינטערניישאָנאַל", די „דזשאָינט־באָארד" פון די פאָריערס און 4 לאָקאַלן, 20 אַנדערע יוניאָנס, 57 ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג, 23 פּועלי־ציון פאַראיינען, 19 צווייגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און 72 אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. אָסיפּ וואָלינסקי פון דער „עמברוידערי"־יוניאָן איז געווען פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ. אַנדערע אַרבעטער־פירער זיינען געווען אין פּרעזידיום. צווישן די רעדנער זיינען אויך געווען: שלום אַש, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ד"ר נחמן סירקין, דוד פּינסקי, יואל ענטין און יוסף שלאָסבערג. מיר איז אויסגעקומען צוצוגרייטן די רעזאָלוציעס און זיי לייענען צו דער קאָנפערענץ.

די רעזאָלוציעס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אויפבויען ארץ־ישראל אויף געזונטע סאָציאַלע יסודות; פאַר אָרגאַניזירן אַ אידישע אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ־ישראל; פאַר צונויפרופן אַן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל; פאַר דעם, אַז דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל זאָל בלייבן אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט; אויפפאָדערן די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיך אָנצושליסן אין די פאָדערונגען פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט פאַר אידישע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַ נאַציאָנאַלער אידישער היים אין ארץ־ישראל.

דער „פאָרווערטס" האָט נאָך דער קאָנפערענץ געשריבן, אַז „די קאָנפערענץ האָט רעפּרעזענטירט אַ ריזיקן טייל פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די מורא, אַז די פּועלי־ציון ווילן פון דער באַוועגונג מאַכן אַ פּאַרטיי־זאַך, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אומבאַגרינדעט. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַריינגענומען די ארץ־ישראל אַרבעט אין אירע הענט". דער עדיטאָריעל פאַרענדיקט זיך מיט אַ רוף צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן צוצושטיין צו דער אַרבעט.

לאָקאַלע קאָנפערענצן זיינען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן, אין

פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, קליוולאַנד, דעטראָיט, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, און אַ סך אַנדערע שטעט.

ה.

נאָך די דערפאָלגרייכע לאָקאַלע קאָנפערענצן איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן אַרבעטער־קאָנגרעס. תיכף האָט ער פאַר־עפנטלעכט אַ רוף צו אַלע אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, צו שיקן דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. אינעם רוף איז געזאָגט געוואָרן: „די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן דער פירנדיקער פאַקטאָר אין דעם נייעם אידישן לאַנד, טאַקע דערפאַר וואָס אונזער אידיש לאַנד וועט דאַרפן געבויט ווערן דורך איר מי און אַרבעט... אויפן קאָנגרעס וועלן מיר דאַרפן אויסגעפינען די פאָסיקסטע וועגן וויאַזוי מיר דאָ, אין אַמעריקע, זאָלן קענען שטענדיק געבן הילף דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט און אויסאיבן אונזער איינפלוס, אַז ארץ־ישראל זאָל געבויט ווערן אין די אינטע־רעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, אויפן באַזיס פון פרייהייט און אין איינקלאַנג מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל״.

אָט־דעם אויפרוף האָבן אונטערגעשריבן: יוסף שלאָסבערג, סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד״; אברהם מילער, מענעדזשער פון דער „פּענטסמייקער יוניאָן״ פון דער „אַמאַלגאַמייטעד״; מאַקס צוקערמאַן, סעקרע־טאַר־טרעזשורער פון דער יונייטעד „העט און קעפּ מייקערס יוניאָן״; לואיס מאַרגאָלין, פּרעזידענט פון לאָקאַל 2 „העט און קעפּ מייקערס יוניאָן״ און די פאָלגנדיקע פּערזענלעכקייטן: שלום אַש, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ד״ר נחמן סירקין, דוד פּינסקי און ד״ר פרענק ראָזנבלאַט.

דעם 6טן יוני 1918 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל. דער קאָנגרעס האָט פאַרטראָטן איבער אַ פערטל מיליאָן אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער. די דעלעגאַטן זיינען געקומען פון 19 שטאַטן און דריי קאַנאַדער פּראָווינצן. די דעמאָנסטראַטיווע זייט פון קאָנגרעס איז געווען גאָר אַ דערפאָלגרייכע; די שטימונג וואָס האָט געהערשט אויף אים איז געווען זייער אַ דערהויבנדיקע; אויך די פּרינציפּיעלע דערקלערונגען זיינען געשטאַנען אויף דער בויטיקער הויך. נישט אַזוי זיינען געווען די פּראַקטישע רעזולטאַטן. אויף דעם האָט מען געמוזט וואַרטן נאָך פינף יאָר, ביז אויך אָט־די מעגלעכקייטן זיינען צייטיק געוואָרן. ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען די הויפּט־באַשלוסן פון אָט־דער גרויסער אסיפה.

דער קאָנגרעס האָט באַגריסט מיט פרייד די מעגלעכקייט וואָס ווערט

געגעבן דעם אידישן פאָלק אויפצובויען אַ זעלבסטשטענדיקע און פרייע היים פאַר זיך אין זיין היסטאָריש לאַנד ארץ־ישראל. דער קאָנגרעס האָט זיך פייערלעך מתחייב געווען צו העלפן איינפירן אין פאַלעסטינע אַ פאָלקס־רעפובליק, אויף די פולסטע דעמאָקראַטישע יסודות, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. דער קאָנגרעס האָט זיך געווענדעט צו אַלע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו העלפן פאַרווירקלעכן דעם נייעם ארץ־ישראל אידעאַל. פאַר זיך אַליין האָט דער קאָנגרעס דערקלערט, אַז „באַוואוסט פון דער גרויסער אחריות פון דעם איצטיקן מאָמענט, וואָס די וועלט־געשיכטע בכלל און די אידישע געשיכטע בפרט, האָט פאַר אונז אַרויסגעשטעלט, פאַרפליכטן מיר זיך אָנצופירן די אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק און פאַר דער זיכערונג פון אַ זעלבסטשטענדיקן, נאַציאָנאַלן אידישן לעבן אין ארץ־ישראל". דער קאָנגרעס האָט אויך גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צונויפצורופן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אַן אַלוועלטלעך־אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען די ווענדונג פון חבר ד״ר סירקין צו מיר, נאָכן שלוס פון אָט־דעם קאָנגרעס. ער האָט אַזוי געזאָגט: „איר ווייסט דאָך, חבר צוקערמאַן, אַז איך זוך שטענדיק דעם בריה וואָס קען דורכפירן די פאַנטאַזיעס, מיט וועלכע מיר, די בטלנים, טראָגן זיך אַרום. איר האָט אַרויס־געוויזן דורך אָט־דעם קאָנגרעס, אַז איר קענט זיין איינער פון אַזעלכע בריה׳ס".

ז.

איך בין אַוודאי אויך געווען צופרידן פון דעם דעמאָנסטראַטיוון דערפאָלג פון דעם אַרבעטער־קאָנגרעס. אָבער פאַר קיין גאָר גרויסער בריה האָב איך זיך נאָך נישט געקענט באַטראַכטן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער ירושה וואָס דער קאָנגרעס האָט אונז איבערגעלאָזט — די עקזעקוטיווע וואָס ער האָט אויסדערוויילט — און איך האָב דערזען, אַז די אידישע אָרגאַניזירטע באַוועגונג איז (מיט איין־איינציקן אויסנאַם) אין אים נישט פאַרטראָטן. דער אויסנאַם איז געווען חבר יוסף שלאָסבערג, וואָס איז געוויילט געוואָרן ווי דער פרעזי־דענט פון דער עקזעקוטיווע. ער האָט באמת פאַרטראָטן אַ גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — די „אַמאַלגאַמייטעד". מער זיינען קיין שום וויכטיקע פירער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג נישט געווען אין דער עקזעקוטיווע. אמת, עס זיינען געוויילט געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע אַזעלכע פּערזענ־לעכקייטן, ווי ד״ר זשיטלאָווסקי, ד״ר נחמן סירקין, דוד פינסקי און ד״ר פּרענק ראָזנבלאַט. איך אַליין בין אַפילו אויסגעקליבן געוואָרן ווי איינער

פון די צוויי וויצע־פרעזידענטן פון דער עקזעקוטיווע (דער צווייטער איז געווען דער פארטרעטער פון דער שריפטזעצער־יוניאן, ה׳ ראזענסאן); אבער אט־די אלע זיינען דאך מער־ווייניקער געווען אייגענע מענטשן. די ארגא־ניזירטע ארבעטער־באוועגונג האב איך אין דער עקזעקוטיווע נישט געזען. איך האב איינגעזען, אז אויב די עקזעקוטיווע וועט זיך וועלן פארמעסטן צו טאן עפעס ממשות׳דיק, האט זי זיך — אויסער אונזער באוועגונג — נישט אויף וועמען צו שטיצן. איך האב מיך דעריבער אנטשלאסן נישט אפצולאזן מאקס פיין — אין וועמעס נשמה איך האב דערשפירט זייער פיל אידישע תשוקות און וועלכער פירט אן מיט יענער פירמע, די ניו־יארקער פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן, וועלכע איז פון אלעמען — אפילו פון די שוין־דאן־גרויסע, אויסגעוואקסענע יוניאנס; די „אינטערנעישאנאל״ און די „אמאל־גאמייטעד״ — אנערקענט ווי די לעגיטימע רעפרעזענטאנץ פון דער טרייד־יוניאניסטיש־ארגאניזירטער אידישער ארבעטער־באוועגונג.

עטלעכע טעג נאכן קאנגרעס בין איך אוועק צו אים, צו מאקס פיין. גלייך ווי ער האט מיך אויפגענומען אין זיין ביורא, בין איך צוגעטראטן צום ענין. איך האב אים געזאגט, אז איך בין געקומען פירן אן אפענעם הארץ־צו־הארץ שמועס; אז איך בין זיכער, אז אויך ער וועט מיט מיר זיין אפן. איך האב אים קודם געפרעגט, צי דארף איך אים איבערגעבן ריכטיקע ידיעות וועגן דעם ארבעטער־קאנגרעס? (די ידיעות וואס די צייטונגען האבן איבערגעגעבן זיינען נישט געווען זייער פינקטלעך). האט ער מיר געזאגט, אז צוויי פון זיינע פארטרוילעכע מענטשן זיינען דארטן געווען און זיי האבן אים איבער־געגעבן אלע פרטים. האב איך אים געפרעגט, צי זיינע מענטשן האבן דארט געפונען א באשטעטיקונג צו דער ידיעה, וואס אונזערע קעגנער האבן פאר־שפרייט, אז מיר, פועלי־ציון, האבן געזוכט פארטייאישע נוצן דורך דעם ארבעטער־קאנגרעס. ווען זיין ענטפער איז געווען א נעגאטיווער, האב איך דאן אויסגעדריקט מיין טיפן ווייטיק, וואס ער איז דארטן נישט געווען און וואס זיין ארגאניזאציע האט זיך אין קאנגרעס נישט באטייליקט. איך האב דאן אפן ארויסגעבראכט, וואס מיר דריקט, אז די עקזעקוטיווע איז נישט קיין רעפרעזענטאנץ פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג. איך האב אים געבעטן, ער זאל מיר זאגן אפן, צי עס איז דא א האפענונג, אז די פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן זאל אריינטרעטן אין דער קאנגרעס־עקזעקוטיווע?

ז.

זיין ענטפער איז אויך געווען אן אפענער, אז אזא מעגלעכקייט איז נישטא.

פונקט אַזוי אָפן האָט ער דערקלערט די סיבה: „אייער טעות" — האָט ער געזאָגט — „איז געווען וואָס איר האָט זיך ענג פאַרבונדן מיט די מענטשן פון „אַמאַלגאַמייטעד". אונזערע יוניאָנס זיינען נאָך נישט גרייט מוחל זיין דער „אַמאַלגאַמייטעד", וואָס זי האָט צעבראָכן די „יונייטעד גאַרמענט וואָיר־קערס" (די אידישע שניידער זיינען פריער געווען אַ טייל פון אַט־דער „יונייטעד", ביז עס איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן די רעוואָלוציע, ווען אַ סך אידישע שניידער האָבן פאַרלאָזן די „יונייטעד" און אויפגעשטעלט די „אַמאַלגאַמייטעד"); אויך די פירערשאַפט פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג איז נאָך נישט גרייט מוחל זיין די פירער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד", וואָס האָט געגעבן אַ ביישפּיל, וויאַזוי מען קען צעברעכן אַ באַנע־פידע יוניאָן־אָרגאַניזאַציע פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר". דאָן האָט מאַקס פיין אַנטוויקלט פאַר מיר די גאַנצע פּרשה פון דעם לאַנג־יעריקן געראַנגל, וואָס די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס האָבן געפירט מיט דעניעל־דע־ליאָן, וועלכער האָט געוואָלט, אַז זיין פּאַרטיי (די ס. ל. פּ.) זאָל קאָנטראָלירן די יוניאָנס. יוסף שלאָסבערג איז דאָן געגאַנגען מיט דעניעל־דע־ליאָן. אויך אַט־די פּרשה איז נאָך נישט פאַרגעסן געוואָרן. מאַקס פיין האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס אב. קאַהאַן, וואָס האָט פריער געוואָלט שטיצן דעם אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל (אַט־דער פאַקט איז מיר געווען גוט באַקאַנט!), האָט געענדערט זיין מיינונג. ער האָט באַטראַכט דעם קאָנגרעס ווי אַ „מאַכערייקע" (אב. קאַהאַנ׳ס אַן אויסדרוק!) פון דער „אַמאַלגאַמייטעד". דעריבער איז ער, אין „פאָר־ווערטס", אַרויסגעטראָטן קעגן קאָנגרעס.

קיין גרויס נחת האָט מיר דער שמועס נישט פאַרשאַפט. ווען איך האָב אים געפרעגט, וואָס פאַר אַן עצה ער גיט מיר און וואָס זאָל אונזער באַוועגונג איצט טאָן, האָט ער געענטפערט: „איר דאַרפט אָנגיין מיט אייער אַרבעט. צו אייך האָט קיינער גאָרנישט. איר האָט געמאַכט אַ טאַקטישן טעות, ווייל איך ווילט זיך שטאַרק צוציען די אַלגעמיינע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, זי זאָל העלפן בויען די אידישע מדינה. איך וויל אויך דאָס זעלביקע. מיר וועלן מוזן וואַרטן אויף אַ נייער געלעגנהייט. זייט פאַרבונדן מיט מיר. קומט אָפטער צו די זיצונגען פון ׳די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן׳. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן צוזאַמען גאָר גיך געפינען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט און דאַן וועל סיי איך אַליין, סיי די געווערקשאַפטן דערפילן אונזער חוב". דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז סעמועל גאָמפּערס, און מיט אים נאָך אייניקע פירער פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן", זיינען באַגייסטערט פאַר

אַ אידישער מדינה. מיר וועלן אויך אָט־די שטימונג קענען גוט אויסנוצן. מיט דעם צוזאָג פון זיין זייט בין איך פון אים אַוועק.

ח.

מיר האָבן דערוויַיל ממשיך געווען אונזערע פאַרצווייגטע אַרבעטן דורך אונזער אייגענער אַרבעטס־קאָמיטעט. דער ערשטער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט איז געווען דער חבר דוד בן־גוריון און איך בין געווען דער וויצע־פאָרזיצער. אָבער גאָר גיך האָט ער, חבר בן־גוריון, גענומען זיך גרייטן צוריקצופאָרן קיין ארץ־ישראל. דערצו איז ער דאַן געווען ראשו ורובו אַריינ־געטאָן אין דער לעגיאָן־באַוועגונג. האָב איך גאָר גיך איבערגענומען דעם פאָרזיץ פון אָט־דעם קאָמיטעט. דורך אָט־דעם קאָמיטעט זיינען דאַן דורכ־געפירט געוואָרן נאָך גרויסע אַרבעטן. איך וויל בתכלית הקיצור פאַרצייכענען איניקע פון זיי.

קודם אויפן שטח פון פּראָפּאַגאַנדע. במשך די חדשים נאָוועמבער און דעצעמבער 1917 און יאַנואַר 1918 זיינען נאָענט צו 70 שטעט אין צפון־אַמעריקע (איינשליסנדיק קאַנאַדע) באַזוכט געוואָרן פון אונזערע רעדנער. דער באַזוך אויף אָט־די אַלע פאַרזאַמלונגען האָט זיכער דערגרייכט נאָענט צו הונדערט־טויזנט צוהערער. אין דער קלענסטער שטאָט זיינען געקומען ווייניקסטנס 500 באַזוכער. אין גרויסע שטעט האָט דער באַזוך דערגרייכט 3,500 (ווי אין שיקאַגאָ, צום ביישפּיל). איך פּערזענלעך האָב געמאַכט צוויי לענגערע טורס. אין איינעם איז מיט מיר מיטגעפאָרן, ווי דער הויפּט־רעדנער, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און אינעם צווייטן — ד״ר נחמן סירקין. אויף פאַרזאַמ־לונגען אין די נענטערע שטעט צו ניו־יאָרק בין איך אויפגעטראָטן אויף איניקע צוזאַמען מיטן חבר יצחק בן־צבי און אויף אַנדערע מיטן חבר דוד בן־גוריון. במשך די צוויי דערמאָנטע לענגערע טורס האָבן מיר באַזוכט 15 שטעט (וואָס האָבן איינגעשלאָסן שיקאַגאָ, דעטראָיט, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, פּיטסבורג, מילוואָקי און אַנדערע). מינימום 35 טויזנט מענטשן זיינען געקומען צו יענע פאַרזאַמלונגען.

דער צוועק פון אָט־די אַלע פאַרזאַמלונגען איז געווען אַ צווייפאַכער: ערשטנס, דורכפירן אַ רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער פייערונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע — וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל פון קופּער־יוניאָן אין ניו־יאָרק (איך וועל באַלד ציטירן די וויכ־טיקסטע פּונקטן פון אָט־דער רעזאָלוציע). צווייטנס, האָבן מיר אומעטום געזאַמלט געלט פאַר אַ ספּעציעלן אַרבעטס־פאָנד, וואָס מיר האָבן פּראָקלאַ־

מירט. דער דאָזיקער פאָנד איז נישט באַשטימט געווען פאַר אַרבעט אין ארץ־ישראל, נאָר פאַר אונזערע פּאָליטישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעטן אין צפון־אַמעריקע גופא. מיר האָבן זיך לכתחילה פאַרמאָסטן צו זאַמלען 40 טויזנט דאָלאַר. אָבער ווען דער ערשטער „טעג־טאָג" פאַר אָט־דעם פאָנד האָט אַריינגעבראַכט איבער 15 טויזנט דאָלאַר, האָבן מיר געהעכערט די קוואָטע פון פאָנד צו 75 טויזנט דאָלאַר. געזאַמלט זיינען געוואָרן איבער 45 טויזנט דאָלאַר.

אין די פאַרשידענע שטעט האָבן מיר געטראָפן זייער אַ הויכן ענטוזיאַזם פאַר אונזער אַרבעט. געווען שטעט, ווי למשל, באָסטאָן, וואו די גאַנצע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט די וויכטיקסטע אידישע סאָציאַליסטישע, נישט־ציוניסטישע פירער בראש, האָבן זיך באַטייליקט. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער געבענטשטער אַרבעט פון די צוויי ברידער העמלין, אייזיק און אברהם, וועלכע האָבן — פריער דורך דער אַרבעט אין „פּיפּלס־רעליף" — באַוויזן זיך ממש באַליבט צו מאַכן ביי אַלע וויכטיקע מענטשן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג. בעיקר האָט אויף דעם שטח געהאַט גרויס דערפאָלג דער איגגערער אברהם העמלין זכרונו לברכה. טאַקע אָט־די צוויי העמלינס, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער חבריה פון טייערע חברות און חברים, האָבן דאַן דורכגעפירט אין גאַנץ ניו־ענגלאַנד אַלע אַרבעטן וואָס דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט דאַן פון זיי פאַרלאַנגט.

ט.

איך וויל צום סוף פון אָט־דער קאַטעגאָריע אַרבעטן — וואָס אַ סך פון זיי האָב איך דורכגעלאָזט — נאָר ציטירן טיילן פון דער רעזאָלוציע, וואָס איז דאַן דורכגעפירט געוואָרן אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און וואָס איז צום ערשטן מאָל אָנגענומען געוואָרן אין קופּער־יוניאָן אין ניו־יאָרק. אגב, זיינען אין שטאָט ניו־יאָרק דורכגעפירט געוואָרן עטלעכע מאַסן־פּייערונגען פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די צווייטע אין גרויס און פאַרנעם איז דורכגעפירט געוואָרן אין האַרלעם.

אויף דער פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן זיינען אויפגעטראָטן די חברים בן־צבי, בן־גוריון און יוסף שלאָסבערג. חבר דוד פּינסקי האָט געלייענט אַן אַקט פון זיין דראַמע „דער שטומער משיח". איך האָב געפירט דעם פאָרזיץ און געלייענט די רעזאָלוציע. דער דראַנג פון דעם עולם איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמוזט גלייכצייטיק דורכפירן אַרום דעם זאַל אַ צווייטע פאַרזאַמלונג פאַר דעם עולם, וואָס האָט אין זאַל נישט געקענט אַריינקומען.

צו דער פאַרזאַמלונג אין האַרלעם זיינען אויך געקומען איבער 3000 מענטשן. דאָרטן האָבן גערעדט די חברים סירקין, בן־צבי, יואל ענטין, ש. באַנטשעק און איך. אויף יענער פאַרזאַמלונג האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע דער באַרימטער אידישער דיכטער און דערציילער אברהם רייזען. ער האָט דער־קלערט: „ביז איצט האָב איך אַלץ געמיינט, אַז דער ציוניזם איז אַ צו־ווייטער חלום. איצט אָבער זע איך, אַז איך האָב זיך גענאַרט. די דורות־לאַנגע בענקשאַפט פון אידישן פאָלק הויבט אָן ווערן פאַרווירקלעכט. איך קום דעריי־בער און זאָג אייך: אייער שמחה איז אויך מיין שמחה! אייער זיג איז אויך מיין זיג! און איך גיי מיט אייך, חברים!"

די פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן האָט איבערגעשיקט אַ טעלע־גראַמע צו פּרעזידענט ווילסאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט פּראָקלאַמירט, ווי איינע פון די הויפּט־באַדינגונגען פון אַן אַלגעמיינעם און אייביקן פרידן, די זעלבסט־שטענדיקייט און פרייהייט פון אַלע פעלקער, גרויס און קליין, וועט אויך באַלד זיך דערקלערן פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון אונזער פאָלק אין זיין היסטאָרישער היים. דאָן איז אָנגענומען געוואָרן די פייערלעכע רעזאָלוציע, וואָס האָט געהאַט פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן:

„מיר באַגריסן פון די טיפענישן פון אונזערע הערצער דעם היסטאָרישן נצחון פון דער צוויי־טויזנט־יעריקער האָפענונג און גלויבן פון אידישן פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלער גאולה. מיר באַגריסן מיט פרייד און גליקסגעפיל די אָפיציעלע דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס רעכט פון אידישן פאָלק אויף אַ נאַציאָנאַלער היים אין זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד.

„מיר דערקלערן פייערלעך פאַר דער אידישער געשיכטע, אַז עס איז איצט דער הייליקסטער חוב פון יעדן איד אָוועקצוגעבן אַלע זיינע גייסטיקע און מאַטעריעלע כוחות און מיטלען און ווען נויטיק, זיין לעבן, פאַר דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם און דער אויפבליאונג פון דער אידישער היים אין ארץ־ישראל.

„מיר, אידישע אַרבעטער, סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, פאַרפליכטן זיך אָנצושליסן אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער נאַציאָנאַלער פרייהייטס־באַוועגונג, אין דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַרישן ציוניזם און מיטצוהעלפן מיט אַלע אונזערע קרעפטן דער באַלדיקער מאָביליזירונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר ארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל.

„מיר שווערן פייערלעך איבערצונעמען, פאָרזעצן און דערפירן צו אַן ענדגילטיקן זיג די אַרבעט פון אונזערע געפאַלענע העלדישע פּיאָנערן, חלוצים, אַרבעטער און שומרים, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אויפלעבונג פון אידישן פאָלק אין אידישן לאַנד".

י.

דער ספּעציעלער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט אונטערגענומען נאָך איניקע

אַרבעטן. ער האָט דאַן דורכגעפירט אַ ספּעציעלע שקלים־אַקציע, ער האָט אונטערגענומען דורכצופירן אַ רעפערענדום מיט אונטערשריפטן פון אַלע אַרבעטער, וואָס סאָלידאַריזירן זיך מיט די אידייען פון אַ אידיש־אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אַ רעגיסטראַציע פון אַלע וואָס ווילן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע אַקציעס האָבן נישט געבראַכט די דערוואַרטע רעזולטאַטן. עס זיינען פאַרקויפט געוואָרן בלויז אַרום טעלעכע און צוואַנציק טויזנט שקלים; דער רעפערענדום האָט באַקומען אונטערשריפטן בלויז פון טעלעכע צענדליק טויזנט אידישע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון די אונטערגעשריבענע האָבן געהערט צו יוניאָנס, צום אַרבעטער־רינג, צום נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און צו דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. רעגיסטרירט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל האָבן זיך איינגאַנצן אַרום 1500 מענטשן. די לעגיאָן־באַוועגונג האָט אַריינגענומען טיילן פון זיי. אַ סך אַנדערע פּראָיעקטן זיינען דאַן גע־בראַכט געוואָרן דורך די חברים בן־גוריון, בן־צבי און דעם שרייבער פון די זכרונות. טייל פון די פּלענער זיינען ערשט שפּעטער רעאַליזירט געוואָרן.

דער אַרבעטס־קאָמיטעט האָט דאַן גערופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון אידישע שרייבער און קינסטלער. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אַרום 75 אידישע שרייבער און קינסטלער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ ספּעציעלן פּועלי־ציון פאַראיין. צווישן די וואָס האָבן זיך אַנגעשלאָסן זיינען געווען: יוסף אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, משה לייב האַלפּערן, ז. וויינפּער, לודוויק זאַץ, ה. לייוויק, חיים ליבערמאַן, משה נאַדיר, משה סטאַווסקי, י. י. שוואַרץ, מאָריס שוואַרץ און אַ סך אַנדערע. אָבער קיין אריכת־ימים האָט דער פאַראיין נישט געהאַט. פיל קאָנקרעטער זיינען געווען די ספּעציעלע אַנשטרענגונגען, וואָס זיינען אין יענער צייט געמאַכט געוואָרן אינעם סעקטאָר, וואָס דער רוח החיה פון אָט־די אַרבעטן איז געווען דער חבר שמואל באַנטשעק.

יא.

ווען די ערשטע שריט וואָס אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט גע־מאַכט אויפן געביט פון זאַמלען געלט, פריער פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, נאָכדעם פאַרן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד (אין קורצן וועל איך אים ווייטער רופן פּ. אַ. פּ.), דאַן פאַר ביידע גלייכצייטיק, האָב איך דערציילט סיי אין ערשטן באַנד זכרונות, סיי אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון אָט־דעם, צווייטן, באַנד. די ווייטערדיקע שורות וועלן זיין געווידמעט, ערשטנס, די פאַרגרעסערטע אַרבעטן אין די יאָרן 1912־15, ווען חבר שמואל באַנטשעק האָט איבערגע־נומען די אָנפירונג פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט; צווייטנס — צו יענע אַרבעטן,

וואָס האָבן זיך געצויגן פון יאָר 1915, ווען די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען אָנגעקומען קיין צפון־אַמעריקע; דריטנס — צום געצייג־קאַמפּיין פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, וואָס איז דורכגעפירט גע־וואָרן אין צפון־אַמעריקע סוף 1920 און אָנהויב 1921, כמעט תיכף נאָכדעם ווי די הסתדרות איז אין ארץ־ישראל געגרינדעט געוואָרן. דאָס איז אויס־געפאַלן איבער צוויי יאָר איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; פערטנס — צו דער ספּעציעלער אַקציע פאַר דער „אַרבעטער־באַנק" אין ארץ־ישראל. צו אָט־דער לעצטער אַקציע האָט די הסתדרות געשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע (די סאַמע־ערשטע דעלע־גאַציע פון דער הסתדרות קיין צפון־אַמעריקע). די דעלעגאַציע איז באַשטאַ־נען פון די חברים בערל כצנלסון, יוסף באַראַץ און מאַניע שוחט. די דאָזיקע דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע דעם 10טן נאָוועמבער 1921 און איר אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן ביז אין די ערשטע חדשים פון 1922. אין די לעצטע צוויי אַקציעס, וואָס דער נפש־החיה פון אונזערע אייגענע חברים אין אַמעריקע איז געווען דער חבר באַנטשעק, האָב איך אויך געמוזט צולייגן אַ האַנט, ווייל מיר האָבן אין זיי געזען יענע נייע געלעגנהייטן, וועגן וועלכע עס האָט מיט מיר גערעדט חבר מאַקס פּיין נאָכן אַרבעטער־קאָנגרעס. איך האָב געמוזט העלפן אַריינציען אין די נייע גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס מער פאַרטרעטער פון דער אידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז מיר טיילווייז אויך געלונגען.

יב.

וועגן אַלע עטאַפּן פון דער אַרבעט ביזן געצייג־קאַמפּיין, דערצייל איך אין די ווייטערדיקע שורות לויט די מאַטעריאַלן וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט דער חבר לייב שפּיזמאַן אינעם צווייטן באַנד פון זיינע ביכער וועגן דער „געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע", וועלכע זיינען דערשינען אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1955. וועגן דעם געצייג־קאַמפּיין און וועגן דער אַקציע פאַר דער אַרבעטער־באַנק דערצייל איך לויט מאַטעריאַלן פון מיינע אייגענע אַרכיוון און געבויט אויף מיין אייגענעם זכרון.

דער באַרג־אַרויף פון די אַרבעטן פון אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט זיך אָנגעהויבן פונקט אין דער צייט, ווען די פּאַרטיי און די גאַנצע באַוועגונג האָבן זיך געפונען באַפרייען פון דעם קריזיס־צושטאַנד, אין וועלכן זיי האָבן

זיך געפונען אין די יאָרן 1911־12, וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

אין יענער צייט האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות פון ארץ־ישראל, וועגן די פאַרשידענע דערגרייכונגען פון פּ. אָ. פּ. אויף פאַרשידענע געביטן פון בויען קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל. אויף אָט־דעם יסוד איז אויך געשטיגן די אַרבעט אין צפון־אַמעריקע. און שוין אין סעפּטעמבער 1912 האָט דער חבר באָנטשעק געקענט באַריכטן צו אַ פּאַרטיי־ראַט וועגן דער פאַרשטאַרקטער אַרבעט. פון דאַן אָן האָט ער אין יעדן נייעם באַריכט געקענט דערציילן וועגן כסדר'דיקע שטייגערונגען אין דער אַרבעט.

אינעם באַריכט צו דער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער 1913) האָט דער חבר באָנטשעק באַריכטעט, אַז אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען געזאַמלט געוואָרן איבער 5000 דאָלאַר. ער האָט אונז דערציילט וועגן ספּעציעלע מאַרקעס, וואָס דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט אָפּגעדרוקט און פיל חברים נוצן אָט־די מאַרקעס אויף אַלע זייערע בריוו. די מאַרקעס האָבן געהאַט בילדער פון פאַרשידענע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אידישע און נישט־אידישע. צווישן זיי, בילדער פון משה העס, נחמן סירקין, בער באָראָכאָוו, יחזקאל עדעלשטיין, מיכאל האַלפערן, פראַנץ אָפּענהיימער, קאַרל מאַרקס, פערדינאַנד לאַסאַל, זשאַן זשאָרעס און אַנדערע.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער פּ. אָ. פּ. אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע הילפס־אַרבעט: ער האָט געגעבן הלוואות צו אַרבעטער־קבוצות; אַרבעטער האָבן באַקומען קרעדיט אין די אַרבעטער־קיכן אויפן חשבון פון פּ. אָ. פּ.; דאָס ביוראָ פון פּ. אָ. פּ. האָט אָרגאַניזירט בוי־קבוצות, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַרבעטן פון שאָסיי און וועגן־בוי (איינע אַזאַ קבוצה האָט דורכגעפירט עפּנטלעכע אַרבעטן אין ירושלים); דער פּ. אָ. פּ. האָט אויך אויסגעגעבן געלט אויף משפטים צו פאַרטיידיקן אַרבעטער און נישט דערלאָזן זיי זאָלן דעפּאָרטירט ווערן; דער פּ. אָ. פּ. האָט געשטיצט די אַלגעמיינע אַרבעטער־קראַנקן־קאַסע; דעם „השומר" און דעם צייט־ווייליקן קאָמיטעט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. דער פּ. אָ. פּ. האָט אויך געהאָלפן אַרויסגעבן ליטעראַרישע אויסגאַבן, נאָכדעם ווי דער „הפועל־הצעיר" און „האחדות" זיינען פון דער טערקישער מאַכט געשלאָסן געוואָרן. אָט־די אַלע ידיעות האָבן סטימולירט די אַרבעט פאַרן פּ. אָ. פּ. אין צפון־אַמעריקע. חבר באָנטשעק האָט דעריבער צו דער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (דעצעמבער 1914) געקענט באַריכטן, אַז די זאַמלונגען פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָבן דערגרייכט פאַרן לעצטן יאָר אַ סכום פון איבער 7000 דאָלאַר.

אויף דער קליוולאַנדער קאָנווענשאָן (אויגוסט 1915) האָט חבר באָנטשעק באַריכטעט, אַז אין די 9 חדשים זינט דער ראָטשעסטער־קאָנווענשאָן איז געזאַמלט געוואָרן נאָר פאַרן פּ. אַ. פּ. (אין די פריערדיקע באַריכטן זיינען געווען איינגעשלאָסן זאַמלונגען אויך פאַר אַנדערע פאָנדן און אינסטיטוציעס) די סומע פון 5,650 דאָלאַר. אין דעם זעלביקן חודש דערשיינט אַ נומער פון די „ידיעות פון אונזער וועלט־פאַרבאַנד", אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז „די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט, דורך איר אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, געראַטעוועט דעם יפו'ער סעקרעטאַריאַט און דערמעגלעכט די אַרבעט אין דער איצטיקער אַזוי־שווערער צייט".

דאָס זיינען אוודאי געווען וויכטיקע אַנטוויקלונגען אין דער אַרבעט פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. אָבער, ווי אויבן געזאָגט, די עיקר־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען נאָך דער קליוולאַנדער קאָנווענשאָן, ווען די חברים בן־צבי און בן־גוריון זיינען שוין געווען אין לאַנד. אויך דער חבר אַלכסנדר חאַשין האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט.

יג.

אײדער איך גיי אַריבער צו דערציילן וועגן די וויטערדיקע זאַמלונגען, מוז דערציילט ווערן וועגן אייניקע פאַרלאַג־טעטיקייטן וואָס דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט דאַן דורכגעפירט. די וויכטיקסטע דערפון איז דאָס אָפּדרוקן דאָס בוך „יזכור", וואָס איז דערשינען אין מאַי 1916. די ערשטע אויפלאַגע פון בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן פון די חברים יצחק בן־צבי און יעקב זרובבל. אינעם „יזכור" זיינען געגעבן געוואָרן לעבנס־באַשרייבונגען פון די „שומרים", וועלכע זיינען געפאַלן ביים פאַרטיידיקן אידישן האָב־און־גוטס און — וואָס נאָך וויכטיקער — דעם אידישן כבוד אין ארץ־ישראל. דאָס בוך, וואָס איז דערשינען אין פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן, איז שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן. דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך די חברים דוד בן־גוריון און אלכסנדר חאַשין. אויך די צווייטע אויפלאַגע איז שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן.

די אידישע פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און ענגלאַנד האָבן זיך אָפּגערופן זייער ענטוזיאַסטיש וועגן בוך. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף פּרעכטיקן פּאַפּיר און איז אילוסטרירט געוואָרן מיט פּאַסיקע צייכענונגען פון דעם דאַן־יונגן קינסטלער מיטשעל לאוב.

דעם 14טן מאַי 1916 איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסע

מאַסן־פאַרזאַמלונג לכבוד דאָס דערשיינען פונעם בוך. דער פאָרזיצער איז געווען חבר אַלכסנדר חאַשין. די פאַרזאַמלונג איז געעפנט געוואָרן דורך חבר ש. באַנטשעק און די וואונדערבאַרע געשטאַלטן פון די געפאַלענע העלדן זיינען געשילדערט געוואָרן דורך דעם דיכטער יהואש, ד״ר שמריהו לעווין, דוד פּינסקי, דוד בן־גוריון, ד״ר לעאָן מאָצקין, מנחם מענדל שיינקין, יעקב זרובבל און ברוך צוקערמאַן. דער פּועלי־ציון געזאַנג־פאַראיין, אונטער דער לייטונג פון העברי לעפקאָוויץ, איז אויפגעטראָטן מיט אַ ריי ארץ־ישראל־לידער.

חבר בער באָראָכאָוו האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אין דער „וואַרהייט״ אַ וואונדערבאַרן אַרטיקל וועגן דעם „יזכור״־בוך. צווישן אַנדערן זאָגט ער דאָרט:

„אַ נייע פּראַכטפולע תפילה האָבן די היגע אַרבעטער־ציוניסטן פאַר־פאַסט אויף די קברים פון די געפאַלענע אידישע אַרבעטער און וועכטער אין ארץ־ישראל; אַ תפילה פון פרייהייט און האָפענונג, פון שטאָלץ און איבערצייגונג און געלאָזט די תפילה אין דער גרויסער וועלט אין דער מאָדער־נער פאָרעם פון אַ בוך. ׳יזכור׳ הייסט דאָס בוך, דאָס שוואַרצע בוך פון זכרונות און פאַקטן. דער נייער ׳יזכור׳ וויינט ניט אויף די קדושים; ער ברעכט ניט די הענט אין אַנמעכטיקן טרויער פון ׳אל מלא רחמים׳, נאָר מיט יראת הכבוד איז ער מזכיר נשמות, ווי דאָס טוען קעמפער, באַוואונ־דערנדיק די מעשים פון זייערע מיטקעמפער. ניט ווי אבלים און יתומים זיינען זיי מתפלל, די אויטאָרן פון בוך, נאָר ווי שטרייטער, וואָס לייגן אָפּ אַ פייערלעכע שבועה אויפן קבר פון זייערע ברידער״.

אין 1916 איז אויך דערשינען אין צווייטער אויפלאַגן די בראָשור פון חבר בן־צבי „דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד״. אויך אַ צווייטע בראָשור פון חבר בן־צבי „ארץ־ישראל אַלס לאַנד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע״. עס איז אויך דערשינען אַ בראָשור פון חבר בן־גוריון „דער נאַציאָנאַל־פאָנד — וואָס ער איז און וואָס ער האָט אויפגעטאָן״. די אַלע בראָשורן האָבן זיך שנעל אויספאַרקויפט און געהאָלפן פּאָפּולאַריזירן ארץ־ישראל־וויסן צווישן ברייטע אידישע מאַסן.

אַ גרויסער אויפטו איז געווען דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך „ארץ־ישראל״, געשריבן פון די חברים בן־צבי און בן־גוריון. די גאַנצע אידישע און אידיש־ענגלישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן דעם בוך מיט גרויס אַכטונג און געלויבט דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פאַר אַרויסגעבן אַזאַ סטאַנדאַרט־ווערק איבער ארץ־ישראל. די אילוסטרירטע ארץ־ישראל מאַפּע, וואָס איז געווען בייגע־לייגט צום בוך, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין 10 טויזנט עקזעמפּליאַרן. דאָס ניו־יאָרקער „אידישעס טאַגעבלאַט״ האָט געגעבן דאָס בוך ווי אַ פּרעמיע צו

אירע אַבאָנענטן. אַט־די פאַרלאַג־אַרבעט האָט דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט דורכגעפירט, ווי אַ מין „זייטיקע“ אונטערנעמונג. אָבער דאָס האָט פאַרשאַפט דעם קאָמיטעט און זיין סעקרעטאַר, חבר ש. באַנטשעק, גרויס פּרעסטיזש.

יד.

דעם 3טן יוני 1916 איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אונזערע פּאַלעסטינע־קאָמיטעטן איבערן לאַנד. חבר באַנטשעק האָט דאַן באַריכטעט, אַז אין צוויי זאַמל־אַקציעס וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן (אין סעפּטעמבער 1915 און אַפּריל 1916) איז געזאַמלט געוואָרן אַרום 11 טויזנט דאָלאַר. צוזאַמען מיט קלענערע זאַמלונגען זיינען זינט דער קליווּ־לאַנדער קאָנווענשאָן (דאָס הייסט, במשך פון 8 חדשים) געזאַמלט געוואָרן איבער 14 טויזנט דאָלאַר.

אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן (אָקטאָבער 1916) האָט חבר באַנטשעק באַריכטעט, אַז אויסער די פריער־אָנגעצייכנטע 14 טויזנט דאָלאַר, זיינען נאָך געזאַמלט געוואָרן אין די איבעריקע פיר חדשים פון דעם יאָר נאָך אַרום 4 טויזנט דאָלאַר פאַרן פּ. אַ. פּ.; 3,300 פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און 466 פאַרן „השומר“. צוזאַמען איז צווישן די קליוולאַנדער און באָסטאָנער קאָנווענשאָנס געזאַמלט געוואָרן אַרום 22 טויזנט דאָלאַר דורכן פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז דאַן געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט איבער 125 שטעט אין צפון־אַמעריקע.

די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט אָנגעצייכנט גרויס־צוגיקע אַרבעטן פאַרן פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. אין צענטער פון דער אַרבעט זאָל אין קומענדיקן יאָר געשטעלט ווערן דער „השומר“. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז תשעה־באָב זאָל פּראָקלאַמירט ווערן ווי אַ טאָג פון „השומר“. יעדער חבר דאַרף דאַן געבן אַ טאָג אַרבעט פאַרן „השומר“ און במשך דעם יאָר זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנשטרענגונגען צו העלפן דעם „השומר“, נאָכדעם ווי פון די זאַמלונגען פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט האָט דער „השומר“ קיין חלק נישט באַקומען. און די נויטן פון „השומר“ זיינען דווקא דאַן שטאַרק אויס־געוואַקסן. די טערקן האָבן געוואָלט אַנטוואָפענען דעם ישוב און דער „השומר“ האָט געמוזט אויסבאַהאַלטן יעדן שטיקל געווער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אין יענעם יאָר, 1917, זיינען געפאַלן די שומרים יחזקאל כענקין און מענדל פּאָרטוגאַלי. וויכטיקע פירער פון „השומר“ זיינען געזעסן אַרעסטירט. אייניקע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. חבר אפרים בלומענפעלד האָט טעלעגראַפירט דעם חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, וואָס האָט זיך דאַן געפונען

אין האַג, אַז גלעדי (דער פאַרמאַסקירטער נאָמען פון „השומר") נויטיקט זיך אין באַלדיקער הילף. און די הילף האָט געמוזט קומען פון צפון־אַמעריקע.

דעם 26טן יולי 1917 איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַן אזכרה־פאַר־זאַמלונג פאַר די נייע געפאַלענע שומרים: כּענקין און פאָרטוגאַלי. זייער טויט האָבן באַקלאָגט די חברים בן־צבי, בן־גוריון און ישראל בעלקינד. דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער שרייבער פון די שורות. די חברים דוד פינסקי, אפרים אויערבאַך און ז. ברכות האָבן געלייענט פראַגמענטן פון דעם פריער־דערמאָנטן „יזכור"־בוך.

טו.

צום פאַרטיי־ראַט אין אָקטאָבער 1917 איז דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט געקומען מיט נאָך אַ מער־גלענצנדיקן רעקאָרד פון דערגרייכונגען. במשך דעם לעצטן יאָר איז פאַרן פּ. אַ. פ. אַליין געזאַמלט געוואָרן 22 טויזנט דאָלאַר. אין יענעם יאָר האָט דער „אַרבעטער־רינג" צום ערשטן מאָל געשיקט טויזנט דאָלאַר צו דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט. חבר באַנטשעק האָט אויך דערציילט וועגן דעם רושם וואָס דאָס „יזכור"־בוך האָט געמאַכט אין אויס־לאַנד. דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך אין אַ דייטשער איבערזעצונג. אין פּוילן האָבן די פּועלי־ציון איבערגעדרוקט דאָס בוך. חבר באַנטשעק האָט אויך באַריכטעט, אַז דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פירט אַדורך אַ ביכער־אַקציע, וואָס זאָלן געשיקט ווערן צו ארץ־ישראל׳דיקע ביבליאָטעקן.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דעם אידישן לעגיאָן איז ווידער אויסגע־וואַקסן די חשיבות פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. אַ גרויסע צאָל לעגיאָנערן האָבן איבערגעגעבן דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט צו באַזאָרגן אין צפון־אַמעריקע זייערע פּערזענלעכע ענינים. אַ סך לעגיאָנערן האָבן איבערגעלאָזן צוואות, אַז אין פאַל פון טויט זאָלן געוויסע סומעס פון זייערע ירושות איבערגעגעבן ווערן פאַרן פאָנד פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט.

צו דער פּועלי־ציון קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער 1918) האָט חבר באַנטשעק באַריכטעט, אַז אין משך פון יאָר 1918 איז געזאַמלט געוואָרן קנאַפּע 26 טויזנט דאָלאַר. ער האָט אויך באַריכטעט וועגן דער ברייטער אויפקלערונגס־אַרבעט וואָס דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פירט אַדורך, דורך הונדערטער גרעסערע און קלענערע פאַרזאַמלונגען; וועגן דעם, אַז טויזנטער וואָלונטירן האָבן געבראַכט דעם גרוס פון אַרבעטנדיקן און בויענדיקן ארץ־ישראל אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער אידישער אַמעריקע. אַזוי האָט דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר די נאָך־

גרעסערע מאַסן־אַקציעס: דעם געצייג־קאַמפּיין, די אַקציע פאַר דער אַרבע־טער־באַנק און גאָר צום סוף — דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.

טז.

די פריער־אויסגערעכנטע טעטיקייטן פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט זיינען געפירט געוואָרן כמעט אויסשליסלעך דורך און אין אונזער באַוועגונג (אין אַט־די אַלע אַרבעטן, סיי אין פּאָליטישע און סיי מיטלען־זאַמלונגען, האָט נאַטירלעך זייער שטאַרק געהאָלפן דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַר־באַנד. דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע די אַנדערע אַרבעטן, וועגן וועלכע איך גרייט זיך צו שרייבן). דאָ און דאָרט האָבן יחידים פון דער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. אָבער עס זיינען נישט גע־מאַכט געוואָרן קיין שום ערנסטע פאַרזוכן אַריינצוציען אַנדערע אָרגאַניזירטע אידישע קערפּערשאַפטן אין דער אַרבעט. איך פאַרזענלעך האָב זיך במשך די יאָרן 1918־20 אָפט געטראָפן מיט חבר מאַקס פיין. איך האָב אים גע־האַלטן אינפאָרמירט וועגן אַלע אַנטוויקלונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. אָפט פלעגט ער אויך מיטברענגען צו אונזערע שמועסן נאָך צוויי חברים: זיין געהילף־סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע געווערק־שאַפטן מאָריס פיינסטאָון און דעם דאַן־זייער־פּאָפּולערן סאָציאַליסטישן פירער אברהם שיפּליאַקאָוו. ביידע זיינען — צוזאַמען מיט חבר פיין און מיר — געווען אַקטיוו אין „פיפלס־רעליף“, וואו די פריינטשאַפט צווישן אונז איז געבוירן געוואָרן. חבר שיפּליאַקאָוו האָט פאַרמאָגט זייער אַ שאַרפן קאָפּ און דערצו איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע תשוקות און וויזיעס. זיינע אַנאַליזן פון דער פּאָליטישער וועלט־לאַגע זיינען אויך אַלעמאָל געווען סיי טיף, סיי זייער אינטערעסאַנט. די ענינים פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט ער נאָכגעפאָלגט ביזן מינדסטן פרט. עס איז דעריבער געווען אַ פאַרגעניגן צו באַגעגענען זיך מיט זיי אַלע דריי. אָפט האָט חבר שיפּליאַקאָוו געמאַכט אַ שאַרפן וויץ אויף זיין אייגענעם חשבון. ער פלעגט זאָגן: „איך בין גרייט צו צאָלן אַ גרויסן חוב דעם איד אין מיר, דערפאַר ווייל איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז ער איז מיך צו גאָרנישט מחייב“. דאָס איז געווען אַ רמז אויף אַן עפנטלעכן וויכוח וואָס איך האָב געהאַט מיט אים אין יאָר 1910. ער איז דאַן געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם בראָנזווילער לייבאָר לייסעאום (אַ אידישער אַרבעטער־קלוב, אין דער זייער שנעל גרויס־אויסגעוואַקסענער אידישער באַפעלקערונג, אין דער ניו־יאָרקער פאָרשטאָט, בראָנזוויל). ער איז געווען געוואַלטיק באַליבט ביי דער

גאַנצער דאַרטיקער באַפעלקערונג, נישט נאָר פון די אידישע אַרבעטער. אונזערע בראַנזווילער חברים האָבן דאָן ביי אים געפּועל'ט צו האָבן אַן עפנט־לעכע דעבאַטע מיט מיר וועגן ציוניזם. די דעבאַטע האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. חבר שיפּליאַקאָוו איז געווען אי אַ פעאיקער אָראַטאָר, אי אַ שאַרפער דעבאַטאַנט. מיט דער גייסטיקער דערמוטיקונג וואָס איך האָב באַקומען פון מיינע חברים, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אַ קענטיקן טייל פון עולם, האָב איך, ווי עס איז, אויסגעהאַלטן פּראָבע. איינע פון זיינע אַרגומענטן האָט חבר שיפּליאַקאָוו דאַן אויסגעדריקט אַזוי: „צופעליק בין איך געבוירן געוואָרן אַ איד. איך זע נישט צו וואָס דאָס פאַרפליכטעט מיך. איך פיל מיך נאָר פאַרפליכטעט צו דעם מענטש אין מיר. דעריבער פאַרווענד איך מיינע ענער־גיעס פאַר ענינים, וואָס האָבן אַן אַל־מענטשלעכן אינטערעס". איך האָב דווקא באַנוצט אָט־דעם אַרגומענט צו אַנטוויקלען אונזער איינשטעל וועגן דעם, צו וואָס דער מענטש אין אונז פאַרפליכטעט אונז און צו דעם, וואָס דער איד אין אונז פאַרפליכטעט אונז. אָט־דער פּונקט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם סאַמע עיקר פון אונזער דעבאַטע. חבר שיפּליאַקאָוו האָט אָט־דעם פּונקט זייער גוט געדענקט. נישט איינמאָל האָט ער מיך אין אים דערמאָנט, במשך אונזער אַרבעט אין פּיפּלס־רעליף, וואָס דאָס איז געווען אַן אויסשליסלעך־אידישע פליכט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. נאָך אָפטער פלעגט ער עס דערמאָנען, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערפילן זיינע פליכטן צו דער נאַציאָ־נאַל־אידישער פרייהייטס־באַוועגונג, בעיקר דורכן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.

יז.

דעם שאַרפסטן אינטערעס האָבן אַלע דריי מיינע מיטשמועסער דאַן אַרויסגעוויזן אין דער באַוועגונג צו פאַראייניקן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. זיי זיינען געוואָרן גוט באַקאַנט מיט די אונטערשידן צווישן די „פּועלי־ציון" און „הפּועל הצעיר". טיפער האָט אין די ענינים אַריינגעדרונגען דער חבר שיפּליאַקאָוו. איך געדענק אַ זייער לאַנגן שמועס אַזאַ סוף זומער 1919. איך בין דאַן צוריקגעקומען פון מיינע לאַנגע באַזוכן אין פּוילן און רומעניע, ווי אַ שליח פון „דזשאָינט". די מערסטע געשפּרעכן, וואָס איך האָב דאַן געפירט מיט אַלע מיינע פריינט פון „פּיפּלס־רעליף" און פון דער אייגענער באַוועגונג, האָבן זיך געדרייט אַרום צוויי ענינים: די פּינסקער שחיטה (אַפּריל 1919) און די שחיטות אין אוקראַינע, וועלכע האָבן דאַן דערגרייכט די שוידערלעכסטע מאָסן. נאַטירלעך האָב איך אויך מיט זיי גערעדט וועגן דעם. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן מער פּרטים,

וועגן אַ פּלאַן וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן צו ד״ר מאַצקינען, אַז ער זאָל עס איבערשיקן צו ד״ר ווייצמאַן.

איך האָב עטוואָס פון אָט־דעם פּלאַן אַרויסגעבראַכט אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין מאַנהעטען אָפּערע־הויז, דעם 26טן אויגוסט 1919 (די גאַנצע רעדע איז פאַרעפנטלעכט אינעם בוך „פּיפּלס רעליף פון אַמעריקע״, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1925, זייטן 753—747). איין פּאַראַגראַף פון אָט־דער רעדע וויל איך דאָ ברענגען:

איך רעכן — האָב איך געזאָגט — אַז אויב די אַמעריקאַנער אידן וועלן זייער גאַנצע ענערגיע קאָנצענטרירן, וועלן זיי קענען געפינען אַ וועג, וויאַזוי אַרויסצוראַטעווען הונדערטער־טויזנטער אידן פון אוקראַינע, באַזעצן זיי, אויב איר ווילט, אין ארץ־ישראל, ווייל דאָס איז דער נאָענטסטער פּונקט וואוהין מען קען זיי ברענגען און דורך דער הילף פון אַמעריקע און ענגלאַנד זאָרגן סיי פאַר דער צייטווייליקער באַשפּייזונג פון דער באַפעלקערונג און סיי פאַר זייער איינאָרדענונג אין לאַנד גופא.

איך האָב זיי דערציילט, אַז מיין פּלאַן שלאָגט פאָר זיך צו ווענדן צו דער אַנטאַנט, זי זאָל שיקן אַ פלאָט צום שוואַרצן ים און דורך דאָרט אַריבערפירן הונדערטער־טויזנטער אוקראַינישע אידן קיין ארץ־ישראל. אַוודאי האָבן זיי אַלע דריי מיך געגומען אויספרעגן וועגן דעם, וואָס עס קען ווערן פון אָט־די אידן, סיי אויפן וועג, סיי אין ארץ־ישראל גופא. אויף אָט־די אַלע פראַגן האָב איך געהאַט נאָר איין ענטפער: „אויב די אַנטאַנט וועט דערצו מסכים זיין, מוזן מיר נעמען אויף זיך אַלע ריזיקעס. ווייל אויב מיר לאָזן איבער די אידן אין אוקראַינע איז זייער סאַמע לעבן אין אַ פיל גרעסערער סכנה״.

יח.

און ווען דער ענין ארץ־ישראל איז באַרירט געוואָרן, האָבן זיי מיך געגומען פאַרוואַרפן מיט פראַגן וועגן וואָס עס טוט זיך דאָרט אין דער אידי־שער אַרבעטערשאַפט. זיי האָבן געהערט קלאַנגען, אַז מען זוכט דאָרט צו פאַראייניקן אַלע אידישע אַרבעטער אין איין אָרגאַניזאַציע; אַז אונזערע „באָיס״ (געמיינט די צפון־אַמעריקאַנער לעגיאָנערן) העלפן זייער שטאַרק אין דעם. איך האָב געמוזט מודה זיין, אַז איך האָב במשך דעם לעצטן האַלבן יאָר (איך האָב פאַרלאָזט ניו־יאָרק אין פעברואַר און זיך אומגעקערט אין אויגוסט 1919) געהאַט ווייניק דירעקטן קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל. איך האָב זיי געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל מיך וועגן אַלץ אינפאָרמירן און וועל מיך מיט זיי נאָכאַמאָל באַגעגענען.

במשך פון אַ וואָך צייט האָב איך איינגעשלונגען אַלע ידיעות וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פון ארץ־ישראל במשך דער צייט וואָס איך בין געווען אין

אייראָפּע. איך האָב איבערגעלייענט יעדעס שטיקל ליטעראַטור וואָס איז פון דאָרטן געקומען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דאָרטן זיינען ווירקלעך פאָרגעקומען זייער וויכטיקע געשעענישן. איך האָב זיך באַקאַנט מיט די וויכוחים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף די באַזונדערע כינוסים פון דיביידע אַרבעטער־פּאַרטייען — „הפּועל הצעיר" און „פּועלי־ציון"; מיט דעם תוכן פון די וויכוחים אויפן צוזאַמענפאַר פון דער הסתדרות החקלאית (די אָרגאַניזירטע אַגראַר־אַרבעטער) און בעיקר מיט דעם מאַטעריאַל פון יענעם גאָר־וויכטיקן כינוס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּתח־תקוה אין מערץ 1919, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אחדות־העבודה". אויף יענעם כינוס האָבן טאַקע די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע. איך האָב מיך באַקאַנט מיט דעם פּאַראייניקונגס־פּראָגראַם, וואָס חבר בערל כצנלסון האָט פאָרגעשלאָגן צו יענעם כינוס. איך האָב מיך באַקאַנט מיט אַ גרויסער אַרבעט פון חבר בערל כצנלסון „לקראת הימים הבאים", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איינעם פון די העפטן „בעבודה", וואָס די „הסתדרות הפועלים החקלאים" האָט אַרויסגעגעבן. די דאָזיקע גרויסע אַרבעט פון חבר בערל האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ רושם, אַז איך האָב וועגן איר גערעדט כמעט אין אַלע שטעט אין צפון־אַמעריקע, וועלכע איך האָב באַזוכט נאָך דעם ווי איך בין צוריקגעקומען פון אייראָפּע. איך האָב זיך אויך דערוואוסט, אַז די פּאַרטיי „הפּועל הצעיר" איז אין „אחדות העבודה" נישט אַריינגעטראָטן און אַז זי איז ווייטער געבליבן עקזיסטירן ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי. דאַקעגן די פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט אויפגעגעבן איר אייגענע פּאָליטישע ראָם און איז אַריינגעטראָטן אין „אחדות־העבודה". געבליבן מחוץ פון „אחדות־העבודה" זיינען בלויז אייניקע שוין דאַן־„אויסגעלינקטע" פּועלי־ציון.

אָנגעלאָדן מיט אָט־דער אינפאָרמאַציע, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט די חברים פיין, שיפּליאַקאָוו און פיינסטאָון. זיי זיינען געזעסן פאַרגאַפּטע, ווען איך האָב זיי דערציילט אַלע פּרטים, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט. איך בין אַליין אויך געווען גענוג פאַרגאַפּט פון די כמעט קאַליידאָסקאָפּישע אַנטוויקלונגען אין דער ארץ־ישראל'דיקער אַרבעטערשאַפט במשך אַ האַלבן יאָר צייט. די פראַגן, מיט וועלכע זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן, האָבן מיך אַליין אויך געמאַטערט. די שאַרפסטע און ווייטיקדיקסטע פראַגע איז געווען: צי האָט מען נישט געקענט געפינען עפּעס אַ פּשרה אויך מיטן „הפּועל הצעיר"? אויסגעדריקט האָט עס פּאָלקסטימלעך חבר פיין: „סטייטש" — האָט ער געזאָגט — „זיי האָבן דאָך די זעלביקע צילן און פּונקט אַזעלכע טייערע חלוצים, ווי די אַנדערע אידישע אַרבעטער דאָרטן!"

דעם תוכן פון אַט־די געשפּרעכן האָב איך איבערגעגעבן דעם חבר בערל כצנלסון ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען ער איז געקומען קיין צפון־אַמעריקע אין דער דעלעגאַציע פון דער אַרבעטער־באַנק. איך האָב דאַן אויף זיין, בערל׳ס, פאַרלאַנג געבראַכט צו אים דעם חבר מאַקס פּיין פאַר אַ שמועס.

יט.

אין די יאָרן 1920־21 זיינען אונזערע באַגעגענישן געווען זעלטענער. עטלעכע סיבות האָבן עס גורם געווען. די וויכטיקסטע סיבה איז געווען דאָס, וואָס סיי חבר פּיין און סיי איך זיינען אַ סך חדשים פון אַט־דער צייט נישט געווען אין ניו־יאָרק. אין די פרילינג־חדשים פון 1920 האָט חבר מאַקס פּיין באַזוכט רוסלאַנד, ווי אַ מיטגליד פון אַ גרעסערער דעלעגאַציע וואָס דער „דזשאָינט" האָט געשיקט אויסצופאָרשן וואָס פאַר אַ רעליף־אַרבעט עס קען דאָרטן געטאָן ווערן פאַר די רוסישע אידן. אַ פולער באַריכט פון זיין אַרבעט אין רוסלאַנד האָט ער — צוזאַמען מיטן באַקאַנטן אידישן כלל־טוער פון שיקאַגאָ, ריכטער מ. פישער — פאַרעפנטלעכט נאָך זייער צוריקקומען, וואָס האָט געהאַט פיל צו דערציילן וועגן דער לאַגע פון די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַט־דער באַריכט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פולן אין דעם „פּיפּלס־רעליף־בוך" (זייט 694 און ווייטער).

איך אַליין האָב, אינעם זומער פון 1920, זיך באַטייליקט אין גאַנצע דריי וועלט־קאָנפערענצן: די ערשטע איז פאָרגעקומען אין יולי 1920, אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען די ערשטע וועלט־צוזאַמענקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. וועגן אַט־דער קאָנפערענץ און וועגן מיין ראָלע אין איר, האָב איך דערציילט אין מיין בוך „אויפן וועג", אינעם קאַפּיטל „מיינע באַגעגענישן מיט חבר חיים אַרלאָזאָראָוו". איך האָב זוכה געווען צו באַקומען וועגן מיינעם אַן אויפטריט דאָרטן עטלעכע גוטע ווערטער פון בערל כצנלסון („כתבי ברל", כרך א׳, דף 378). די צווייטע איז פאָרגעקומען אין קאַרלסבאַד, אין אויגוסט 1920. וועגן איר האָב איך דערציילט אַביסל אויבן, אין דעם קאַפּיטל „וועגן פּיפּלס רעליף". די דריטע איז פאָרגעקומען אין ווין, אויך אין חודש אויגוסט. דאָס איז געווען די פינפטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד, וואו עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון אונזער וועלט־באַוועגונג. דאָס האָט בכן געהייסן, אַז במשך דעם גאַנצן זומער פון 1920 איז אָדער ער, חבר פּיין, אָדער איך נישט געווען אין צפון־אַמעריקע. במשך אַט־דעם זומער האָבן מיר זיך דווקא עטלעכע מאָל געטראָפן אין פּאַריז, וואוהין מיר זיינען ביידע צוריקגעקומען פון אונזערע

רייזעס, און פון דאָרטן זיינען מיר אַפילו געפאָרן אויף אַ שיף צוזאַמען קיין ניו־יאָרק. אַוודאי האָבן מיר אָפט גערעדט אויך וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל; אָבער דאָס זיינען מערסטנס געווען געכאַפּטע שמועסן.

ווען מיר זיינען ביידע צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָבן מיר אין פּיפּלס־רעליף געטראָפן זייער אַ שאַרפן געראַנגל. דער דאָזיקער געראַנגל האָט זיך געצויגן אין פּיפּלס־רעליף יאָרן נאָכאַנאַנד. דאָס איז דער קאַמף אַרום אונזערע באַציאונגען מיטן „דזשאָינט". דאַן איז אָבער דער געראַנגל זייער פאַרשאַרפט געוואָרן. במשך דעם גאַנצן לאַנגן געראַנגל אַרום אָט־דער פראַגע זיינען מיר ביידע — חבר פיין און איך — געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן. איך האָב אַגיטירט, אַז „פּיפּלס־רעליף" זאָל פאַרלאָזן דעם „דזשאָינט" און פירן זיין אַרבעט זעלבסטשטענדיק; און ער איז געווען די גאַנצע צייט קעגן דעם. דער געראַנגל איז סוף זומער 1920 שאַרפער געוואָרן, ווייל איך האָב צוגעקראָגן אויף מיין זייט נאָך אייניקע וויכטיקע טוער אין „פּיפּלס־רעליף", וועלכע האָבן במשך דעם זומער אויך באַזוכט אייראָפּע און זיינען צוריקגעקומען אומצופרידענע מיט דעם אופן ווי דער „דזשאָינט" באַהאַנדלט אַרבעטער־אַנשטאַלטן. איך גיי אַוודאי דאָ נישט אַריין אין באַגרינדן, אָדער באַרעכטיקן די שטעלונג פון די — מיך איינגעשלאָסן — וואָס האָבן געוואָלט אַרויסטרעטן פון „דזשאָינט". איך בין היינט גאָר נישט אַזוי זיכער, אַז מיר זיינען געווען גערעכט. אָבער וועד עס איז פאַראינטערעסירט אין דעם קאַפּיטל „רעליף", דאַרף זיך באַקענען מיט אָט־דעם געראַנגל. דאָס בוך „פּיפּלס־רעליף" איז פול מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם. סיי־ווי: חבר פיין איז געווען אַן עקסטרעמער קעגנער פון מיינע כסדר'דיקע פאַרשלאַגן אַרויסצוטרעטן פון „דזשאָינט". אויסגעפירט האָט ער, נישט איך. איך ברענג עס דאָ נאָר בכדי צו אונטערשטרייכן די איידלקייט פון חבר פיינ'ס פערזענלעכקייט: טראָץ אָט־דעם שאַרפן קאַמף איז זיין פריינטשאַפט צו מיר נישט אָנגערירט געוואָרן אַפילו כי־הוא־זה. איך שרייב עס צו בעיקר צו זיין טיפער פאַראינטערעסירונג אין דער ארץ־ישראל'דיקער אַרבעטערשאַפט. אין זיינע אויגן בין איך געווען איר פאַרטרעטער אין צפון־אַמעריקע.

כ.

אין ארץ־ישראל זיינען במשך דעם זומער 1920 ווידער פאָרגעקומען גרויסע אַנטוויקלונגען. „אחדות־העבודה" האָט זיך שטאַרק באַפעסטיקט. אָבער אויך זי האָט געהאַט דאַן שווערע געראַנגלען. עס זיינען אויפגעקומען די פאַרשידענע לינקע גרופּירונגען אונטער אַ צענדליק פאַרשידענע נעמען. נאַטירלעך זיינען אָפּקלאַנגען וועגן דעם אויך אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. חבר

מאַקס פיין האָט ווידער פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל אים — ווידער צוזאַמען מיט די חברים שיפּליאַקאָוו און פיינסטאָון — אינפאָרמירן וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. איך האָב נאַטירלעך זיך אָנגעכאַפּט אין דעם. ווידעראַמאָל האָב איך געזוכט קודם זיך אַליין אינפאָרמירן, און איך בין ווידער געקומען צו זיי אָן אָנגעלאָדענער מיט נייעס. איך האָב זיי געמוזט דערציילן וועגן דעם, ווי איז געענדערט געוואָרן די שטעלונג פון „הפּועל־הצעיר". זיי האָבן זיך גע־פילט אָנטוישט, ווען איך האָב זיי אינפאָרמירט וועגן די נישט־געלונגענע פאַרזוכן אויף דעם געביט. אָבער זיי האָבן זיך געטרייסט, ווען איך האָב זיי אינפאָרמירט, אַז „אחדות־העבודה" פירט אָן אַן אינטענסיווע אויפקלערונג פאַר אַ נייער סאָרט פאַראייניקונג. נישט אַ פּאָליטישע פאַראייניקונג — דאָס הייסט, אויפשטעלן איין פּאָליטישע פּאַרטיי פון אַלע אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. די פירער פון „אחדות־העבודה" וואָלטן עס זיכער געוואָלט. אָבער עס זעט אויס, אַז דאָס קען דערווייל נישט דערגרייכט ווערן. איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם פּלאַן וועגן דער נייער פאַראייניקונג, וואָס חבר בערל כצנלסון האָט פאָרגעשלאָגן. זיי האָבן אויסגעדריקט אי גרויס צופרידנקייט, אי גרויס שרעק. די שרעק האָט דווקא דער חבר שיפּליאַקאָוו אַרויסגעבראַכט: ווי קענען, לויט דעם פּלאַן, די לינקע זיך נישט אַריינכאַפּן און בויערן פון אינעווייניק, בכדי צו צעברעכן דאָס, וואָס „אחדות־העבודה" וויל אויפבויען. די דאָזיקע שרעק האָט אַרויסגעשטראָמט פון דעם, וואָס די „לינקע" האָבן דאַן געזוכט צו טאָן אין די אידישע טרייד־יוניאָנס און אין אַרבעטער־רינג אין צפון־אַמעריקע. אַבסאָלוט באַרואיקן זיי האָב איך נישט געקענט, ווייל איך אַליין האָב אויך געטיילט זייער שרעק. אין יענער צייט האָבן די אידישע לינקע אין אַמעריקע אויך געזוכט צו צעברעכן דעם „פּיפּלס־רעליף", וואָס די אחריות אויפצוהאַלטן אים גאַנץ איז געלעגן אויף מיינע פּלייצעס. אַלץ וואָס איך האָב זיי געקענט צוזאָגן איז געווען, אַז איך וועל גרייט זיין זיי צו אינפאָרמירן וועגן יעדער נייער נייעס וואָס איך וועל באַקומען.

במשך יענעם האַרבסט פון 1920 האָבן מיר געהאַט זייער אָפטע באַגעגע־נישן; און פונקט אַזוי ווי איך אַליין האָב איבערגעלעבט מיט יעדן נערוו די דעמאָלטיקע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן דערפירט צו דער היסטאָרישער חיפה'ער צוזאַמענקונפט, אין דעצעמבער 1920, ווען די הסתדרות איז געגרינ־דעט געוואָרן, אַזוי האָבן אויך זיי עס איבערגעלעבט.

כא.

אין אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט זיינען במשך יענער צייט אויך אָנגע־

גאַנגגען וויכוחים וועגן נייע פּלענער וואָס דאַרפן אונטערגענומען ווערן. אויף איינער פון אַזעלכע זיצונגען האָט דער חבר שמואל באַנטשעק געבראַכט אַ פּלאַן וועגן דורכפירן אַ געצייג־קאַמפּיין פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. נאָך לאַנגע טראַכטענישן — ווי עס איז דער שטייגער ביי אַזעלכע פאַלן — איז סוף־כל־סוף באַשלאָסן געוואָרן אונטערצונעמען אַזאַ קאַמפּיין. איך האָב אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ריידן מיט אייניקע יוניאָן־טוער און אויך מיט ד״ר יהודה לייב מאַגנעס, וועמען מיר האָבן גע־וואָלט צוציען צום קאַמפּיין. אַנדערע חברים האָבן גענומען אויף זיך צו ריידן מיט אַנדערע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן וועגן דעם.

איך האָב זיך גלייך פאַרבונדן מיט חבר מאַקס פיין. ער האָט איינגעלאַדן צו אַ באַגעגעניש אייניקע אַנדערע אידישע טרייד־יוניאָן פירער און איך האָב פאַר זיי אַנטוויקלט אונזער פּלאַן. פיין האָט איינגעלאַדן, אויסער דער שטענדיקער טראָיקע (ער, שיפּליאַקאָוו און פיינסטאָון), אויך דעם פּרעזידענט פון די געווערקשאַפטן ראובן גוסקין און מאַקס צוקערמאַן, דער פירער פון די קאַפּן (היטלעך) ־מאַכער. אַלע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אינעם געדאַנק. פיין האָט דאָרטן פאָרגעשלאָגן, אַז אין נאָמען פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זאָל איצט פיגורירן אינעם געצייג־קאַמפּיין נישט ער, אָדער פיינסטאָון, וועלכע זיינען שוין „באַפלעקט״ ווי ציוניסטן, נאָר דווקא ראובן גוסקין. גוסקין האָט דאַן אויפן אָרט נאָך נישט געוואָלט געבן זיין הסכמה. מאַקס צוקערמאַן האָט אים זייער שטאַרק אַגיטירט, אַז ער זאָל עס טאָן. איך האָב זיי אויך דערציילט, אַז מיר ווילן איינלאַדן ד״ר מאַגנעס אונטערצושרייבן, צוזאַמען מיט באַקאַנטע אידישע אַרבעטער־טוער, דעם אויפרוף צו אַזאַ קאַמ־פּיין. דאָס איז זיי אַלעמען געפעלן געוואָרן. גוסקין האָט דאַן געזאָגט, אַז אויב מאַגנעס וועט מסכים זיין, וועט עס אים מאַכן פיל גרינגער אונטער־צושרייבן אַזאַ אויפרוף אין נאָמען פון די געווערקשאַפטן. שיפּליאַקאָוו האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די נעמען פון די אָרגאַניזאַציעס דאַרף מען אין דעם נישט אַריינשלעפּן. מיר וויסן דאָך, אַז דאָרטן זיינען נאָך דאָ געגנוג קעגנער. זאָלן אונטערשרייבן דעם אויפרוף באַקאַנטע יחידים. ווען גוסקין וועט זיין אונטער־געשריבן וועלן אַלע וויסן, אַז די אידישע געווערקשאַפטן שטיצן דעם קאַמפּיין. מיט דעם האָט זיך יענער געשפּרעך פאַרענדיקט.

איך האָב באַריכטעט צום חבר באַנטשעק וועגן דעם שמועס און ער איז געווען צופרידן פון די רעזולטאַטן. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר באַקומען דעם הסכם פון ד״ר מאַגנעס; און גאָר אין גיכן איז פאַרטיק געוואָרן דער אויפרוף, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון ד״ר מאַגנעס, ראובן גוסקין,

דוד פינסקי, יוסף שלאָסבערג, מאַקס צוקערמאַן און יגדל, דער סעקרעטאַר פונעם „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג״. דעם אויפרוף האָט אויך אונטער־געשריבן דער באַקאַנטער ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו. פון אונזער באַוועגונג האָבן אונטערגעשריבן נאָר חבר מאיר בראָון און איך. מיר זיינען אַרויס מיט אַ רוף צוצוטראָגן „אַ האַמער, אַ זעג, אַ מאַשין, אַ טראַקטאָר פאַר אידישע אַרבע־טער, וועלכע שאַפן אַ ניי־פּראָדוקטיוו אידיש לעבן אין ארץ־ישראל״.

דער ציטירטער זאַץ געהערט דעם חבר ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו. ס׳איז כדאי איצט צו פאַרצייכענען, אַז ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו איז דאַן שוין געווען זייער אַ קראַנקער מענטש. נאָר במשך דעם גאַנצן קאַמפּיין, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום פיר חדשים, פון דעצעמבער 1920 ביז אָנהויב מאַי 1921, האָט ער מיט אַלע זיינע חושים נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דעם קאַמפּיין. אָדער חבר באַנטשעק אָדער איך האָבן געמוזט, כאָטש אַ פּאָר מאָל אין וואָך, קומען צו אים און אים דערציילן וועגן דעם פּראָגרעס וואָס דער קאַמפּיין מאַכט (זיין טיפער אינטערעס אין אונזער אַרבעט האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין פּטירה אין אַפּריל 1921).

און דער קאַמפּיין איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער דערפאָלג. די שטי־מונג ביי דער באַפעלקערונג איז געווען זייער אַ דערהויבנדיקע. אין עטלעכע שטעט האָבן צווייגן פון פּיפּלס־רעליף מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. אָבער דער גרעסטער טייל פון דער לאַסט איז געפאַלן אויף אונזערע אייגענע חברים. און זיי האָבן די לאַסט געטראָגן מיט שמחה, כאָטש עס האָט זיי דאַן נישט געפעלט אויך אַנדערע שווערע לאַסטן. אַ גרופּע פון חברים אין ניו־יאָרק, בראש מיטן חבר באַנטשעק, האָבן דאַן ממש אויפגעטאָן וואונדער. מען האָט געשאַצט דעם ווערט פון די געצייג — אייניקע האָבן געגעבן מזומן — אין איבער הונדערט טויזנט דאָלאַר.

איך מיין, אַז אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם געצייג־קאַמפּיין וועלן, פּונקט ווי איך, קיינמאָל נישט פאַרגעסן די דעמאָנסטראַציע ביי דער שיף, ווען דאָס געצייג איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל.

אָן ספק איז דער געצייג־קאַמפּיין געווען איינע פון די וויכטיקסטע שטאַפּ־לען, וואָס האָבן דערפירט צו דער אויפשטעלונג פון דער פּערמאַנענטער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל — דעם געוועקשאַפטן־קאַמפּיין.

כב.

ווען דער געצייג־קאַמפּיין האָט זיך געענדיקט האָט אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט ממשיך געווען זיינע נאָרמאַלע אַרבעטן. איך האָב זיך במשך דעם

זומער 1921 געווידמעט די אינטערעסן פון „פּיפּלס־רעליף". אַזוי אויך דער חבר מאַקס פּיין. דער קאַמף פון די „לינקע" אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דאַן דערגרייכט די העכסטע מדרגה. אַ סך אידישע יוניאָנס זיינען געווען אין סכנה צעבראָכן צו ווערן. אין אַזאַ סכנה האָט זיך אויך געפונען דער אַרבעטער־רינג. אונזער אייגענע באַוועגונג האָט עס ווייניקער באַרירט, כאָטש אויך ביי אונז האָבן זיך אָנגעהויבן אויסווירקן די רעזולטאַטן פון דער שפּאַלטונג אין 1920. אָבער אַזיוויי אונזער ציל איז געווען צו געווינען די אָרגאַניזירטע — נישט־ציוניסטישע — אַרבעטער־באַוועגונג פאַר דער ניי־אויפגעשטעלטער הסתדרות אין ארץ־ישראל, דעריבער זיינען אונז גאַנץ שטאַרק אָנגעגאַנגען די געשעענישן אין די אידישע יוניאָנס, אין אַרבעטער־רינג און דער אידישער סאָציאַליסטישער — נישט־ציוניסטישער — באַוועגונג. בפרט ווען אָט־די אַלע זיינען געווען אונזערע שותפים אין „פּיפּלס־רעליף" און די „לינקע" האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן אויף „פּיפּלס־רעליף".

נאָך חבר פּיינ׳ס צוריקקומען פון רוסלאַנד איז די פראַגע פון וויטערדיקער הילף פאַר די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָך שאַרפער געוואָרן. צוזאַמען דערמיט איז אויך פיל שאַרפער געוואָרן די פראַגע פון אונזערע באַציאונגען מיטן „דזשאָינט". דער „דזשאָינט" האָט זיין וויטערדיקע אַרבעט אין רוסלאַנד פאַרבונדן מיט דער באַוואוסטער הואווער־רעליף־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געפירט אַלגעמיין־אַמעריקאַנער הילף אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. אַ גרויסער טייל פון פּיפּלס־רעליף, מיך איינגעשלאָסן, איז געווען קעגן אָט־דער פאַרבינדונג. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אונזער הילף דאַרף קומען פון אונז, דורך אונז, דירעקט צו די אידישע מלחמה־קרבנות אין רוסלאַנד. מיר האָבן ענדליך זיך אַנטשלאָסן אויף אַ זייער־געוואַגטן שריט: מיר אַליין — פּיפּלס־רעליף — זאָלן פירן זעלבסטשטענדיקע הילפס־אַרבעט צווישן די אידן אין רוסלאַנד. נאָך אַ לאַנגן אינערלעכן געראַנגל אין פּיפּלס־רעליף, האָבן מיר באַקומען אַ מאַיאָריטעט פאַר אָט־דעם פאַרמעסט.

דאַן האָט אין רוסלאַנד שוין עקזיסטירט דער „אידגעזקאָם" (ראשי־תיבות פון אידישער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט), וואָס איז געוואָרן די איינציקע, פון דער סאָוועט־רעגירונג־אָנערקענטע, קערפּערשאַפט צו פירן אַרבעט צווישן די רוסישע אידן. אָט־דער „אידגעזקאָם" האָט דאַן געהאַט אַ ספּעציעלן פאַרטרעטער אין ניו־יאָרק — ד״ר דובראָווסקי. נאַטירלעך איז ער געשטאַנען זייער נאָענט צו די „לינקע". מיר האָבן אָבער דאַן גערעכנט, אַז בכדי צו קענען ברענגען ממשות׳דיקע הילף צו די אידן אין רוסלאַנד, מעגן מיר זיך פאַרבינדן מיטן „אידגעזקאָם". האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען

מיט ד״ר דובראָווסקי. די פאַרהאַנדלונגען האָבן געפירט צו אַ געשלאָסענעם אָפּמאַך צווישן פּיפּלס־רעליף מיט דעם פאַרטרעטער פון „אידגעזקאָם״. לויט אָט־דעם אָפּמאַך וועט אונז דערלויבט ווערן, אין פאַרבינדונג מיטן „אידגעז־קאָם״ אין רוסלאַנד, איינצושטעלן דאָרטן אַן אַפּאַראַט פאַר הילפס־אַרבעט. די אַדמיניסטראַציע פון פּיפּלס־רעליף האָט מיך באַשטימט צו פאָרן קיין רוסלאַנד און איינשטעלן דאָרטן די אַרבעט.

איידער איך בין אָפּגעפאָרן איז אָפּגעשיקט געוואָרן אַ שיף מיט הילפס־מאַטעריאַלן — שפּייז, בגדים וכדומה. די שיף איז געשיקט געוואָרן קיין רעוועל, און איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן צו קענען אַריבערברענגען די מאַטעריאַלן קיין מאָסקווע. צו מיין רשות איז געשטעלט געוואָרן אַ באַדייטנ־דיקע סומע געלט אויף אָנצופירן די אַרבעט. אָנהויב אָקטאָבער 1921 בין איך אָפּגעפאָרן דורכצופירן אָט־די מיסיע. איך האָב מיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אין בערלין, וואו איך האָב זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט אַ מיטגליד פון פּרעזידענט פון רוסישן „אידגעזקאָם״ — הער מ. ראַשקעס — מיט וועמען איך האָב געדאַרפט אָנהויבן צוגרייטן די אַרבעט, וואָס וועט דאַרפן געפירט ווערן אין רוסלאַנד.

כג.

בשעת איך בין געווען אויף דער שיף צווישן ניו־יאָרק און בערלין, האָט פּיפּלס־רעליף אין ניו־יאָרק זיך שטאַרק צעקריגט מיטן הער דובראָווסקי. דער לעצטער האָט אין אייניקע וויכטיקע פונקטן נישט געהאַנדלט לויטן אָפּמאַך. זיין ציל איז געווען, אַז דער „אידגעזקאָם״ זאָל ווערן מער באַלעבאָס אויף דער אַרבעט. ווען איך בין אָנגעקומען קיין בערלין האָבן מיר שוין ביידע — סיי דער הער ראַשקעס און סיי איך — געוואוסט וועגן דעם קאָנפליקט אין ניו־יאָרק. נאָך לאַנגע חילופי־טעלעגראַמעס צווישן מיר מיט ניו־יאָרק און צווישן אים מיט מאָסקווע איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פּלאַן האָט געפּלאַצט. איך וועל קיין הילפס־אַרבעט אין רוסלאַנד נישט קענען פירן. די סאָוועט־רעגירונג — אַזוי האָט מיר פאַרזיכערט דער הער ראַשקעס — האָט מסכים געווען מיר פּערזענלעך צו געבן אַן אַריינפאָר־וויזע קיין רוסלאַנד, אָבער נישט ווי אַ פאַרטרעטער פון פּיפּלס־רעליף. נאַטירלעך האָב איך אָט־דעם אָנבאָט נישט אָנגענומען. אויב איך קען נישט דורכפירן מיין מיסיע, האָב איך נישט צוליב וואָס צו פאָרן קיין רוסלאַנד (אָט־די גאַנצע פּרשה, וואָס איז פאַר מיר געווען איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין מיין לעבן, ווערט מיט איינצל־הייטן איבערגעגעבן אין דעם „פּיפּלס־רעליף בוך״ אינעם ספּעציעלן קאַפּיטל: „פּיפּלס רעלעף פאַר די אידן אין רוסלאַנד״, פון זייט 659 און ווייטער).

איך האָב באַקומען אַן אינסטרוקציע פון ניו־יאָרק, אַז איך זאָל באַזוכן אַנדערע לענדער פון מזרח־איראָפּע. איך האָב אַזוי געטאָן. דעם ערשטן באַזוך האָב איך דאַן געמאַכט אין ריגע. אַהין איז מיר געווען אַמנאָענטסטן אַריבערצוברענגען אונזערע הילפס־מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין רעוועל. איך האָב דאָס אויך געטאָן. דאָרטן האָב איך געהאַט זייער אַ שווער פּראָבלעם, ווען מען אַנצופּאַרטרויען די הילפס־מאַטעריאַלן. ס'זיינען דאָרטן געווען פירער פון דעם אַרבעטער־היים, וואָס האָבן געפאָדערט איך זאָל איר איבערגעבן די מאַטעריאַלן. די ריגער אידישע קהילה האָט דאָס זעלביקע געפאָדערט. מיט דער הילף פון די חברים, ד״ר יעקב העלמאַן און לאַצקי־בערטאָלדי (ביידע רעדאַקטאָרן פון אַ אידישער טאָג־צייטונג אין ריגע), איז געלונגען צו מאַכן אַ פּשרה.

נאָך ריגע האָב איך באַזוכט אַנדערע שטעט אין לעטלאַנד, בעיקר ליבאַווע (וואו איך האָב געלעבט אַ האַלב יאָר איידער איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע). דאַן האָב איך באַזוכט גאָר אַ סך שטעט אין ליטע. דערנאָך בין איך ווידער געפאָרן קיין פּוילן, וואו איך האָב זיך בעיקר אָפּגעשטעלט אין די שטעט: וואַרשע, לאָדזש, ווילנע און ביאַליסטאָק (אַ באַריכט פון אָט־די רייזעס איז אויך פאַרעפנטלעכט אין „פּיפּלס־רעליף־בוך״, צוזאַמען מיט די באַריכטן פון אַנדערע פּיפּלס־רעליף־שליחים קיין איראָפּע. צווישן זיי שלום אַש, מאַקס פּיין, אב. צוקער, אב. עפּשטיין, מענדל שוכטער און אַנדערע).

אָט־די רייזעס האָבן ביי מיר אַוועקגענומען עטלעכע וואָכן. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע דערוואַרט זייער וויכטיקע געסט: די ערשטע דעלעגאַציע וואָס די הסתדרות האָט געשיקט קיין צפון־אַמעריקע אין באַשטאַנד פון די חברים בערל כצנלסון, יוסף באַראַץ און מאַניע שוחט. די ספּעציעלע מיסיע פון דער דעלעגאַציע איז געווען: העלפן באַפעסטיקן די דאַן־אויפגעשטעלטע אַרבעטער־באַנק אין ארץ־ישראל.

כד.

פאַר אָט־דער באַנק־אַקציע איז קיין ספּעציעלער אויפרוף נישט אַרויס־געגעבן געוואָרן. זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף אַ גרויסן קבלת־פּנים, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פאַר דער דעלעגאַציע. דער קבלת־פּנים איז פאָרגעקומען, נאַטירלעך, אין ניו־יאָרק, דעם 10טן נאָוועמבער 1921. אויסער די דריי מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זיינען אויפגעטראָטן ווי הויפּט־רעדנער: ד״ר יהודה לייב מאַגנעס און ד״ר נחמן סירקין. איך וויל דאָ ציטירן בלויז איין פּאַראַגראַף פון דער רעדע פון חבר בערל (די גאַנצע רעדע, פּונקט

ווי די איבעריקע רעדעס, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין אונזער טאָג־בלאַט „די צייט״, וואָס איז דאַן דערשינען). חבר בערל האָט געזאָגט:

„עס זיינען אונז געגעבן געוואָרן שבחים צו וועלכע מיר זיינען אין ארץ־ישראל נישט געוואוינט. מיין רבי און חבר ד״ר סירקין האָט מיר צוגעשריבן פיל טאַלאַנטן. זיין גוט־האַרציקייט איז אַביסל מסוכן, ווי איר ווייסט זיך מן־הסתם באַלד אַליין איבערצייגן. אָבער מיט איין טאַלאַנט זיינען מיר יאָ געבענטשט — מיטן טאַלאַנט וואָס שלום אַש רופט אָן, אַ טאַלאַנט פאַר ארץ־ישראל. שלום אַש האָט אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנטע נאָוועלע, וויאַזוי ער האָט באַגעגנט אין מרחביה ביים אַקער אַ אידן פון פוילן, אַ זייער געוויינטלעכן איד, נישט קיין גייסט־מענטש, נישט קיין מענטש פון טאַלאַנט, נישט קיין אידעאַליסט. און דער קינסטלער שלום אַש שטייט פאַר אַ רעטעניש: וואָס מאַכט אָט־דעם איד פאַר אַ פאַרמער, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן צו אָט־דעם לאַנד? און דער קינסטלער גיט אַליין אויף דעם דעם ענטפער: ׳אַ טאַלאַנט פאַר ארץ־ישראל׳. אָט־דעם טאַלאַנט האָבן מיר, נישט נאָר מיר פון דער דעלעגאַציע, נאָר אויך אַלע יענע, וואָס האָבן אונז געשיקט אַהער. און מיט נאָך עפּעס זיינען מיר געבענטשט, מיט דעם וואָס ד״ר מאַגנעס פאָדערט פון אונז מיט אַזויפיל געפיל: מיט דער בויטיקייט און מיטן כוח צו דערציילן דעם אמת״.

און סיי די בויטיקייט צו זאָגן דעם אמת, סיי דעם כוח פאַר דעם, האָט דער חבר בערל דעמאָנסטרירט באַלד נאָך זיין אָנקום און האָט עס פאַרגעזעצט די גאַנצע צייט וואָס ער האָט מיט אונז פאַרבראַכט.

אין קיינער פון אונזערע פריערדיקע אַקציעס האָבן זיך אונזערע קעגנער נישט אַזוי ברייט צעשפּרייט אין דער פּרעסע, ווי אין פאַרבינדונג מיט אָט־דער אַקציע. געוועגדעט זייערע אַטאַקעס האָבן זיי נישט קעגן דער אַקציע, נאָר צו גאָר זייטיקע זאַכן. איין זייטיקע אַטאַקע איז געמאַכט געוואָרן קעגן דער חברה מאַניע שוחט. די דאָזיקע אַטאַקע האָט געמאַכט וולאַדימיר מעדעם, דער גרויסער בונדישער פירער, וואָס איז דאַן געווען אין ניו־יאָרק. ער האָט אַרויסגעבראַכט קעגן חברה שוחט דעם גאַנצן קאַפּיטל זובאַטאָוו. אַוודאי האָט עס געהאַט אַ ווירקונג. די מעשה גופא האָט דאָך געהאַט אין זיך אַזויפיל סענסאַציאָנעלע עלעמענטן. פונדעסטוועגן האָט די אַטאַקע נישט זייער שטאַרק פאַרכאַפּט דעם עולם. אַ סך מער האָט פאַרכאַפּט דעם עולם די זייטיקע אַטאַקע מצד די אידישיסטן קעגן חבר בערל. דאָ זיינען אויפגעטראָטן די גרעסטע אידישיסטישע קאַנאָנען מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי בראש. מיט אים האָט מיטגעשאָסן דער באַקאַנטער בונדיסט צביון, אונטער זיינעביידע

נעמען: „צביון" און „רויזמאַן". צו זיי זיינען צוגעשטאַנען קלענערע אידי־שיסטישע ביקסלעך. אַפילו אין אונזערע אייגענע רייען האָבן אויך אונטער־געשאָסן אייניקע אידישיסטישע ביקסלעך. אין דער דאָזיקער אַטאַקע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַלע קלאַנגען, אַלע שקרים וואָס זיינען ווען־עס־איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערגעץ אין אַ ציוניסטן־פּרעסערישער צייטונג, וועגן אונטערדריקן אידיש אין ארץ־ישראל. און אויף אַט־די אַלע פראַגן, באַהויפּ־טונגען און רמזים האָט דער חבר בערל געמוזט ענטפערן. אַ גאַנצע ליטע־ראַטור האָט ער דאַן וועגן דעם אָנגעשריבן. ער האָט באַוויזן זיין אוימגעהויערן כוח צו דערציילן דעם אמת.

כה.

די אַרבעט פאַר דער באַנק, בעיקר אין דער פאָרם פון פאַרקויפן אירע אַקציעס, איז אָנגעפירט געוואָרן מיט גרויס הצלחה דורך דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט מיט חבר באַנטשעק בראש. זי איז געפירט געוואָרן במשך די פאַר וואָכן וואָס די דעלעגאַציע איז געווען אין צפון־אַמעריקע און זי איז פאַר־געזעצט געוואָרן לאַנגע חדשים נאָכדעם ווי די דעלעגאַציע איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער אויך אַט־די אַקציע איז געפירט געוואָרן בעיקר דורך אונזער אייגענער באַוועגונג. דאָס צו וואָס איך האָב געשטרעבט, אַז די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג זאָל, אויף איר אייגענער איני־ציאַטיווע, דורכפירן אַן אַקציע אין פאַרבינדונג מיט דער הסתדרות, האָט אויך אַט־די אַקציע נישט דערגרייכט. אַוודאי איז זי געווען וויכטיק פאַר זיך אַליין. מיר אַלע ווייסן וועגן דער גרויסער ראָלע וואָס די אַרבעטער־באַנק האָט געשפּילט — און שפּילט נאָך אויך איצט, אין יאָר 1962 — אין דער־מעגלעכן דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל צו בויען אייגענע ווירטשאַפטן. אָבער איך בין נאָך אַלץ געבליבן אומצופרידן. איך בין געווען זיכער, אַז פּאָטענציעל זיינען די כוחות פאַר אַזעלכע איניציאַטיוועס דאָ. אָבער וויאַזוי ברענגט מען זיי אַרויס מן הכוח אל הפועל?

במשך די וואָכן וואָס די דעלעגאַטן זיינען געווען אין ניו־יאָרק, האָב איך זיך אָפט באַגעגנט מיט דער „טראָיקע" — פייק, שיפּליאַקאָוו און פיינסטאָון. זיי האָבן, ערשטנס, געוואָלט הערן מיין רעאַקציע צו דער באַשולדיקונג קעגן מאַניען. דאָס איז מיר דווקא נישט שווער אָנגעקומען. איך האָב זיי געזאָגט דעם אמת, אַז פּרטים וועגן אירע פאַרבינדונגען מיט זובאַטאָוון ווייס איך נישט. וועגן דעם עצם־געדאַנק, וואָס די „אומאָפּהענגיקע" — די פּאַרטיי וואָס מאַניע האָט געגרינדעט אין מינסק מיט דער הילף פון אייניקע בונדיסטן — פרעדיקן האָב איך זיי געזאָגט, אַז אַט־דעם זעלביקן געדאַנק פרעדיקט גאָמ־

פערס אין אַמעריקע: אַז די טרייד־יוניאָנס דאַרפן זיך נישט מישן אין פּאָלי־טיק. אַוודאי קען מען באַקעמפן אַזאַ געדאַנק, אָבער טריפה איז ער נישט. איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף די סינדיקאַליסטישע באַוועגונגען אין אייניקע אייראָפּעאישע לענדער, וואָס פאַרנעמען אויך כמעט אַזאַ שטעלונג. וואָס שייך איר נשמה־ריינקייט, האָב איך זיי דערציילט וואָס איך האָב געוואוסט וועגן אירע גרויסע אידעאַליסטישע אַרבעטן אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע 15 יאָר; וועגן איר אַרבעט אין העלדישן „השומר", וואָס האָט שוין געבראַכט אַזעלכע הייליקע קרבנות פאַר זייער אידעאַל. איז אויב זי האָט אַמאָל אַפילו געזינדיקט, האָבן אירע לעצטע אַקטיוויטעטן שוין לאַנג מכפר געווען איר זינד. קיינער פון זיי האָט נישט אויסגעדריקט, נישט קיין הסכם און נישט קיין קעגנערשאַפט צו דעם וואָס איך האָב געזאָגט. אָבער בנוגע די אַטאַקעס אויף בערלען האָבן זיי מער געברענט קעגן דעם ווי איך.

מאַקס פיין האָט אויף איינער פון די באַגעגענישן דערציילט וועגן די שמועסן, וואָס ער האָט געפירט מיט בערלען. פון זיין דערציילן האָט ממש געשטראָמט מיט רעספּעקט און מיט ליבשאַפט צו בערלען. „איך האָב אַזאַ מענטשן" — האָט פיין געזאָגט — „אין מיין גאַנץ לעבן נישט באַגעגנט. אַזאַ פיקחות, אַזאַ פשוט׳קייט און אַזאַ ערלעכקייט". איך בין מיט חבר פיין נישט געגאַנגען צו בערלען, כאָטש ער האָט מיך שטאַרק געבעטן איך זאָל מיט אים גיין. איידער זיי האָבן זיך דעם ערשטן מאָל באַגעגנט, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק מרמז זיין צו בערלען וועגן דעם ספּעציעלן אַנטי־אַמאַלגאַמייטעד קאָמפּלעקס, וואָס באַהערשט נאָך אָפט דעם חבר פיין. איך האָב זיי דאַן צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעבראַכט און איך בין גלייך אַוועק. ווען איך האָב געהערט פיינ׳ס רייד וועגן בערלען, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב גוט געטאָן וואָס איך בין נישט מיטגעגאַנגען. פיין האָט דער־שפירט דעם מהות פון בערלען אַן אַ מתווך, אָן אַ פאַרמיטלער.

כו.

באַלד דעם ווי די דעלעגאַציע איז שוין געווען אָפּגעפאָרן האָב איך, אין אַ שמועס מיט די דריי, געפרעגט דעם חבר פיין, צי איז שוין נישט געקומען די געלעגנהייט, אַז די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זאָל עפּעס טאָן אויף אייגענער אחריות פאַר דער הסתדרות? דאַן האָט חבר שיפּליאַקאָוו אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק: אפשר וואָלטן די געווערקשאַפטן געשיקט אַהין אַ דעלעגאַציע צו דער הסתדרות, בכדי צו לערנען אויפן אָרט וועגן אירע אַקטיוויטעטן? מיך האָט דער געדאַנק תיכף פאַרכאַפּט. אָבער איך האָב

פאַרשטאַנען, אַז עס איז בעסער איך זאָל זיי לאָזן פריער ריידן. נאָך שיפּ־ליאַקאָוון האָט חבר מאָריס פיינסטאָון געזאָגט, אַז ער האָט מורא, אַז עס וועט אין די געווערקשאַפטן אַנטשטיין אַ שאַרפע קעגנערשאַפט קעגן אַזאַ פּלאַן. דאַן האָט פיין — מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ענטוזיאַזם — כמעט ווי אַרויסגעשריען: „נו, וועלן זיין קעגנער! איז וואָס? וועלן מיר זיך דערפאַר איבערשרעקן?" דאַן איז מיר איינגעפאַלן צו פרעגן זיי, צי ווען די הסתדרות לאַדט אָפיציעל איין די געווערקשאַפטן צו שיקן אַ דעלעגאַציע — וואָלט עס געמאַכט גרינגער עס דורכצופירן? אויף דעם האָבן אַלע דריי געענטפערט: „דאָס וואָלט געווען זייער גוט". דאַן האָב איך זיי גע׳עצה׳ט, אַז זיי זאָלן זיך דורכריידן מיט נאָך מיטגלידער פון די געווערקשאַפטן, בעיקר מיט חבר ראובן גוסקין; און אויב זיי וועלן באַשליסן, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין דער וועג ווי צוצוגרייטן די געווערקשאַפטן פאַר אַזאַ פּלאַן, זאָלן זיי עס מיר איבער־געבן, וועל איך וועגן דעם שרייבן צו די חברים בן־צבי און בן־גוריון, וואָס זיינען צווישן די וויכטיקסטע פירער פון דער הסתדרות און וועל זיי פאָר־שלאָגן, אַז די הסתדרות זאָל אַזאַ איינלאַדונג אַרויסשיקן צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן.

איך רעכן, אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען וועלן דורך אַ ריי בריוו, וואָס איך האָב נאָכדעם געשריבן צו די חברים בן־גוריון און בן־צבי, אַמ־בולטסטן אַרויסגעבראַכט ווערן. דעריבער גיי איך תיכף אַריבער צו די בריוו.

בריוו וועגן דער פאַר־געשיכטע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

א.

אינעם קומענדיקן קאַפּיטל גיב איך אַריין די וויכטיקסטע בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו די חברים בן־צבי און בן־גוריון אינעם יאָר 1923, וועלכע דערציילן וועגן דער פאַר־געשיכטע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. די בריוו דאַרפן קיין פּירושים נישט האָבן. אָבער בכדי אייניקע ערטער אין אָט־די בריוו זאָלן בעסער פאַרשטאַנען ווערן, דאַרף נאָך עפּעס פאַרצייכנט ווערן:

איך האָב וועגן די אַלע שמועסן, וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, כסדר באַריכטעט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אויך צו אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אויך געזעסן מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם פּלאַן פון אַ דעלעגאַציע זיינען קיין חילוקי־דעות ביי אונז נישט אַנטשטאַנען. אָבער ווען מיר האָבן געמוזט דעם געדאַנק פון אַ דעלעגאַציע אויפגעבן *) און אַריבערגיין צום געדאַנק פון אַ געלט־קאַמפּאַניע, זיינען אויפגעקומען זייער שאַרפע חילוקי־דעות ביי אונז אַליין. עס זיינען אויפגעשטאַנען פראַגן, צי וועט דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין נישט שטערן אונזערע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן פאַר דער הסתדרות? אייניקע חברים האָבן געהאַלטן, אַז מיר שטעלן צופיל אַיין דאָס, וואָס אונזער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט ביז איצט דערגרייכט. אייניקע חברים האָבן אַפילו געשריבן צו די זעלביקע חברים בן־צבי און בן־גוריון, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון „צוקערמאַנ׳ס פאַנטאַזיעס".

*) ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דער געדאַנק פון אַן אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־דעלעגאַציע צו דער הסתדרות איז שפּעטער אויך דורכגעפירט געוואָרן. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון די חברים: ראובן גוסקין, יוסף שלאָסבערג, מאַקס זאַריצקי, איזידאָר נאַגלער, יוסף ברעסלאו, סעם פּערלמוטער און דזשעק בלאַק. דאָס איז געשען ערשט אין יאָר 1937, נאָכדעם ווי דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט פונקציאָנירט אַרום דרייצן יאָר.

דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פריערדיקן געראַנגל אינעם צענטראַל־קאָמיטעט צווישן מיר מיט אַנדערע חברים וועגן דעם, צו וועמען עס זאָל געשיקט ווערן דאָס געלט, וואָס פיפּלס־רעליף האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל. אָט־דער פּונקט ווערט אויפגעקלערט אין אַ בריוו וואָס איך האָב געשריבן צו חבר בן־גוריון אַזוי שפּעט ווי אין יוני 1924. אויך אָט־דעם בריוו גיב איך אַריין אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

איצט קען איך אַריבערגיין צו די בריוו. איך גיב זיי איבער אין פולן, בלויז מיט ענדערונגען דאָ און דאָרט אין אויסלייג:

ב.

ניו־יאָרק, דעם 21טן יוני, 1923

ח׳ ד. בן־גוריון,
ירושלים, פּאַלעסטינאַ.

ליבער חבר בן־גוריון:

איך ווענד זיך שוין איצט צו אייך אַלס אָפיציעלער סעקרעטאַר פון אַ קאָמיטע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיטן צוועק דורכצופירן דעם פּלאַן צו שיקן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל, וואָס זאָל אויספאָרשן די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, באַקאַנען זיך מיט זייערע נויטן און אויך אויסגעפינען אויף וואָס פאַר אַן אופן די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע קענען זיין בייהילפיק די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל צו באַפעסטיקן דאָרטן זייערע פּאָזיציעס.

די קאָמיטע באַשטייט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: מאַקס פּיין, טשערמאַן; בנימין שלעזינגער, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל; יעקב ראָבערטס, דער וויס־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג; אָסיפּ וואָלינסקי, דער מענעדזשער פון די פּענסי לעדער גודס וואָירקערס יוניאָן; מ. גיללים, אַ מיטגליד פון די „פאָרווערטס״ אַסאָן; און מיין אייגענע ווייניקייט.

די קאָמיטע איז דער רעזולטאַט פון אומפאָרמעלע קאָנפערענצן און האָט נאָך ניט דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט. כדי איר זאָלט וויסן קלאָר אונזער לאַגע, וועל איך אייך טאַקע איבערגעבן אַביסל די פאַר־געשיכטע, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון אָט־דער קאָמיטע.

עס מאַכט ניט אויס אין וועמענס קאָפּ דער געדאַנק איז פון אָנפאַנג אָן געבוירן געוואָרן. נאָר נאָך אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשידענע טוער אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע די חברים מאַקס פּיין און ה. לאַנג, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, צוזאַמענצורופן די ערשטע ניט־פאָרמעלע פאַרזאַמלונג פון פאָרשטייער פון אַלע וויכטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. אָט־די ניט־פאָרמעלע צוזאַ־

מענקונפט האָט געדאַרפט דיסקוטירן צוויי פראַגן: א) די באַטייליקונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס; און 2) די פראַגע פון אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל. די ערשטע פראַגע איז געבליבן הענגען אין דער לופטן און וועט וואַרשיינלעך אַזוי נאָך הענגען אַ פּאָר חדשים. עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַן אויפזען דער נייער פאַרזוך אויפצולעבן דעם קאָנגרעס וועט אַרויסרופן צווישן די אידישע מאַסן. וועט די שטימונג זיין אַ געהויבענע, זיינען דאָ שאַנסן, אַז די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט זאָלן גיין צום קאָנגרעס. וועט די שטימונג זיין אַ געדריקטע, אַזוי ווי איצט, וועלן זיי צום קאָנגרעס נישט גיין.

בנוגע דער צווייטער פראַגע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פאַרשידענע מיינונגען. די מערסטע פאַר. קעגן בלויז 4. גערעדט האָבן אַן ערך 20. צווישן די וואָס האָבן גערעדט פאַר זיינען געווען, אַ חוץ פיין און לאַנג, אויך שלעזינגער, פיינבערג, דער ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל; שיפּלאַקאָף, וועמענס נאָמען עס דאַרף אייך זיין באַקאַנט; אַלעקסאַנדער קאהן, וועמען איר קענט אויך; מאַקס זאַריצקי, פּרעזידענט פון דער קעפּמאַכער־יוניאָן, און פיל אַנדערע. אייניקע פון זיי האָבן געהאַלטן זייער וואַרעמע רעדעס פאַר דער באַטייליקונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין נאַציאָנאַלע אידישע ענינים און פאַר העלפן דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דערנאָך אַ רייַ מיטינגען און באַראַטונגען, וואָס האָבן סוף כל סוף געפירט צו דעם, אַז די אומפאָרמעלע קאָנפערענץ האָט כמעט איינשטימיק אָנגענומען דעם באַשלוס פאַר אַ אידישער אַרבעטער־דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל, און אויף דער לעצטער זיצונג פון דער אומפאָרמעלער קאָנפערענץ איז די אויבן־דערמאָנטע קאָמיטע אויסגעקליבן געוואָרן.

עס איז אויך אָנגעצייכנט געוואָרן אַ וועג וויאַזוי די דעלעגאַציע זאָל געוויילט ווערן. דער באַשלוס פון דער אומפאָרמעלער קאָנפערענץ איז געווען, אַז די דעלעגאַציע זאָל דערוויילט ווערן אָפיציעל ביי די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק; אַז צו דער זיצונג, אויף וועלכער די פראַגע וועט פאַרהאַנדלט ווערן, זאָלן איינגעלאַדן ווערן די זעלביקע פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער ניט־פאָרמעלער קאָנפערענץ. יענע פּערזאָנען האָבן צווישן זיך געהאַט פירער פון דער אינטערנעשאָנעל, אַמאַלגאַמייטעד, קעפּמייקערס, פאַריערס, בעקער, אַרבעטער־רינג, סאָציאַ־ליסטישער פאַרבאַנד און נאַטירלעך אויך פון די פּועלי־ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. עס ווערט געפּלאַנט, אַז צו דער זיצונג פון די פאַר־אייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, וואו די פראַגע פון אַ דעלעגאַציע וועט פאַרהאַנדלט ווערן, זאָלן די אַלע ווידעראַמאָל גערופן ווערן, כדי צו געבן עס אַ ברייטערן און מער־פאָרמעלן כאַראַקטער.

קיין ספק ניט, אַז דער וועג, איז אונטער די אומשטענדן, דער בעסטער וויאַזוי די דעלעגאַציע זאָל געוויילט ווערן, און עס ווערט געפּלאַנט, אַז ביז דאַן זאָל אָנגעפירט ווערן אַן אַגיטאַציע אין די פירנדיקע קרייזן אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט פאַר דעם, און נאָך דעם באַשלוס פון די געווערק־שאַפטן, וואָס וועט, ווי ווייט מען קען פאָראויסזען, זיין אַ פּאָזיטיווער, מיט

אַ גאַנץ גרויסער מערהייט, וועט נאַטירלעך אין „פאָרווערטס" אָנגעהויבן ווערן אַ העפטיקע אַגיטאַציע פאַר דעם.

וואָס עס איז נויטיק דערצו פון אייער זייט איז פאָלגנדיקס:

1. די הסתדרות הכללית דאַרף גלייך אַרויסשיקן אַן איינלאַדונג צו די פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, ווי די איינציקע עקזיסטירנדיקע קערפּערשאַפט, וואָס רעפּרעזענטירט די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע, איבערגעבנדיק זיי אין קורצן וואָס די אַרבעטערשאַפט פאַר־מאָגט אין ארץ־ישראל, ציענדיק זייער אויפמערקזאַמקייט צו דער פליכט וואָס די אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע האָט צו דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל און איינלאַדנדיק אַ דעלעגאַציע מיט די אויבן־דערמאָנטע צוועקן.

איך בין זיכער, אַז איר אַליין וועט וויסן וויאַזוי צו פאָרמולירן די איינ־לאַדונג. ווען די איינלאַדונג וועט אָנקומען צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, וועט די עקזעקוטיווע פון די געווערקשאַפטן דאָס אויפנעמען און וועט צוגרייטן אַזאַ מיטינג, ווי איך האָב אייך אויבן געשריבן.

2. שרייבט מיר גלייך, ווען דענקט איר איז די פּאַסנדיקסטע צייט פאַר דער דעלעגאַציע צו קומען קיין ארץ־ישראל.

3. עס איז נויטיק, אַז מען זאָל דערפון דערווייל נאָך אין ארץ־ישראל קיין עפנטלעכן רעש נישט מאַכן. נאָכדעם ווי דער באַשלוס וועט אָנגענומען ווערן דאָ ביי די געווערקשאַפטן, וועל איך אייך דאַן דעפּעשירן.

די קאָמיטע באַשעפטיקט זיך שוין איצט מיט דער פראַגע פון מיטלען פאַר דער דעלעגאַציע. איך וועל אייך האַלטן אינפאָרמירט וועגן אַלע וויכטיקע געשעענישן וואָס וועלן פאָרקומען אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע.

דאַרף איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס איז נויטיק, אַז די איינלאַ־דונג זאָל אַרויסגיין וואָס אַמשנעלסטן? איך בין זיכער, אַז איר וועט אַליין גלייך שענקען דערצו אייער פולע אויפמערקזאַמקייט.

די לעצטע פאַר יאָר האָבן אונז אויסגעלערנט נישט צו זיין זייער אָפּטי־מיסטיש בנוגע דער באַציאונג פון אידישע אַרבעטער־פירער צו אונזערע פראַגן. מיר פירן שוין פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם עטלעכע מאָנאַטן און צוליב דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט מיט זיי, האָב איך זיך אַלץ צוריקגעהאַלטן אייך צו שרייבן וועגן דעם, ביז וואַנען איך האָב נית אַליין געפילט דעם באָדן פעסטער. מיר שיינט אָבער, אַז עס איז נית איבער־טריבן ווען איך זאָל באַהויפּטן, אַז דאָס אייז הויבט זיך אָן צו ברעכן; אַז דער פאַקט פון אַזאַ געזונטער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל הויבט אָן ביסלעכווייז אַריינצודרינגען אין די מוחות פון די פירער פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע, און אַז מיט דער צייט מעג מען דערוואַרטן באַדייטנדיקע רעזולטאַטן.

גלויבט מיר, ליבע חברים, אַז עס פעלט מיר נישט איין צו וועלן אייך טרייסטן מיט פאַרשפּרעכונגען אין דער איצטיקער שווערער צייט, וואָס איר לעבט איבער. אָבער דאָך, פיל איך, אַז אויב נאָר דער איצטיקער קריזיס וועט איבערוואונדן ווערן, שטייען מיר פאַר בעסערע יאָרן און אין אַמעריקע וועט די אידישע אַרבעטערשאַפט ביסלעכווייז אויפגעוועקט ווערן צו איר

גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאַן זיינען די גרענעצן פון מעגלעכקייט זייער און זייער ברייטע.

דערווייל זאָל זיין גענוג.

מיט אַכטונג,

פאַר דער קאָמיטע

ברוך צוקערמאַן

סעקרעטאַר

ג.

דעם 15טן אויגוסט 1923.

ח׳ בן־גוריון,

באַקס 411,

ליבער חבר בן־גוריון:

עס וואונדערט מיר זייער, וואָס ביז היינט האָב איך נאָך ניט דערהאַלטן קיין ענטפער אויף מיין בריוו פון 21טן יוני, אין וועלכן איך האָב אייך גאַנץ ברייט דערקלערט דעם ענין פון אַ ספּעציעלער אידישער אַרבעטער־דעלע־גאַציע קיין ארץ־ישראל. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שוין דערהאַלטן ענטפערס אויף בריוו, וואָס ער האָט אייך געשריבן אַ סך שפּעטער, און איך האָב נאָך אויף יענעם בריוו קיין ענטפער ניט באַקומען.

אינטערעסאַנט איז, אַז פון די קרייזן פון די ניט־פועלי־ציוניסטישע פירער פרעגט מען מיר שוין פאַרוואָס די איינלאַדונג קומט ניט. איך האָב מורא צו טראַכטן וועגן דעם, אַז ווען איר וועט האָבן געקראָגן אָט־דעם בריוו זאָל נאָך די איינלאַדונג ניט האָבן אַרויסגעשיקט געוואָרן. איך האָף דאָך, אַז די טעג וועט די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן דערהאַלטן די איינלאַדונג און אַז איר האָט מיר צוגעשיקט אַ קאָפּיע דערפון.

אייער,

ברוך צוקערמאַן

ד.

דעם 16טן אויגוסט, 1923

בן־גוריון,

ירושלים, פאַלעסטינאַ.

מיין טייערער בן־גוריון:

גראַד נעכטן האָב איך דיר אָפּגעשיקט אַ בריוול, אויסדריקנדיק מיין פאַרוואונדערונג, פאַרוואָס איך האָב פון אייך נאָך קיין תשובה ניט אויף מיין בריוו פון דעם 21טן יוני. היינט פרי האָב איך דערהאַלטן דיין בריוו מיט דער קאָפּיע פון דער איינלאַדונג צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. איך אייל מיך דיר דעריבער מודיע צו זיין, אַז דער בריוו און די איינלאַדונג איז דערהאַלטן געוואָרן און אַז איך פון מיין זייט וועל ניט רוען ביז דער פּלאַן וועט ניט דורכגעפירט ווערן.

איך האָב נאָך דערווייל מיט קיינעם היינט ניט גערעדט וועגן דעם. נאָכ־מיטאָג גיי איך אַרויף צו מאַקס פיין אויסגעפינען, צי די געווערקשאַפטן

האָט שוין דערהאַלטן די איינלאַדונג. איך וועל מיט אים גלייך ריידן וועגן ווייטערדיקע הכנות. דער וועד הפועל פון הסתדרות וועט פון מיר אינפאָרמירט ווערן איבער יעדן נייעם שריט, וואָס וועט געמאַכט ווערן אין דער דירעקציע פון אויספירן דעם פּלאַן. מן־הסתם וועסטו דאָך שוין אַזוי איינאָרדענען, אַז אַלע וויכטיקע פּאַסירונגען בנוגע דער אַרבעטער־דעלעגאַציע זאָל דיר מיטגעטיילט ווערן אַפילו ווען דו וועסט זיין אין מאָסקווע.

אין איין זאַך בין איך ניט זיכער. איך בין ניט זיכער, אַז די דעלעגאַציע וועט קענען אַרויספאָרן אַזוי פרי ווי איר דאַרט דענקט. אַלע פּאַראינטערעסירטע אין דער דעלעגאַציע זיינען גראַד איצט באַשעפטיקט מיט דער פּיפּלס־רעליף פראַגע, וועלכע איז דיר און די איבעריקע חברים גוט באַקאַנט. די קאַנווענשאַן פון פּיפּלס־רעליף וועט פאָרקומען די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער. דאָס וועט אָנהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַראינטערעסירטע זיכער ביז אין מיטן סעפּטעמבער. וועט בלייבן וויניק צייט צוצוגרייטן די גאַנצע אַקציע פאַר דער דעלעגאַציע.

אגב איז נאָך איין פּונקט וויכטיק. בכדי אין דער דעלעגאַציע זאָלן זיין מענטשן פון וואָס גרעסערער באַדייטונג אין דער אידישער אַרבעטער־וועלט, מוז מען אויסקלייבן אַ צייט, ווען דער אַרבעטס־סעזאָן אין די אידישע טריידס אין אַמעריקע איז אין פולן ברען און עס איז ניטאָ קיין געפאַר עס זאָלן אויסברעכן גרויסע סטרייקס. אין אַזאַ צייט וועלן די וויכטיקע אָנפירער קענען אַוועקפאָרן אויף עטלעכע חדשים. פון אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט וואָלט געווען די בעסטע צייט, ווען זיי קענען אַרויספאָרן אַרום פעברואַר. דאָס איז מיין פּערזענלעכע מיינונג. איך וועל זיך מיט זיי דורכריידן און אייך שרייבן.

דערווייל, זיי געזונט.

פאַר אַן אַרבעטנדיקער אידישער ארץ־ישראל,

דייך,

ברוך צוקערמאַן

ה.

דעם 22טן אויגוסט, 1923

מר. ד. בן־גוריון,
הסתדרות הכללית,
ירושלים, פּאַלעסטינאַ.

ליבער חבר בן־גוריון:

אַקאָרשט האָט חבר פיין אָפּגעשיקט אייך פאָלגנדיקע דעפּעשע:

"Geverkshaften received invitation. Decided convene conference representative Jewish Labor Organizations to discuss and act upon invitation. Will communicate developments."

איך וויל אייך איצט דערציילן אַביסל מער איינצלהייטן וואו עס האַלט מיט דער גאַנצער זאַך.

איר געפינט דאָ, אגב, אַ גאַנצן פּעקל אויסשניטן פון ציטונגען פאַר די לעצטע צוויי טעג. די געווערקשאַפטן האָבן דעם בריוו פאַרהאַנדלט מאָנטיק

ביינאַכט, און די אויסצוגן פון צייטונגען זיינען פון דינסטיק און היינט, מיטוואָך. דינסטיק איז דער „טאָג״ געווען די איינציקע צייטונג, וואָס האָט איבערגעגעבן דעם באַריכט, וועלכן איר געפינט דאָ איינגעשלאָסן. היינט זיינען שוין דאָ, אַ חוץ די באַריכטן אין „פאָרווערטס״ און אין „מאָרגען־זשורנאַל״, אויך וויטערדיקע אינטערוויוס פון אַ פאַרטרעטער פון „טאָג״ מיט יוניאָן־פירער און צוויי עדיטאָריעלס — איינער אין „טאָג״, נאַטירלעך, פאַר, און אַ צווייטער אין „פרייהייט״, ווידעראַמאָל, נאַטירלעך, קעגן.

פאַר דעם אַרויסטריט פון דער „פרייהייט״ דאַרף מען זיך זייער וויניק שרעקן. פונקט פאַרקערט, דאָס וועט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, העלפן דער גאַנצער זאַך. דער „פאָרווערטס״ האָט דערווייל איבערגעגעבן דעם באַריכט זייער איינגעהאַלטן און אָן אַ פירוש. אין די אינעוויניקסטע רייען פון „פאָרווערטס״ קומט פאַר אַ גאַנץ העפטיקער קאַמף איבער אָט־דעם ענין. וואָס די רעזולטאַטן וועלן זיין, ווייס איך נישט. אָבער מיר שיינט, אַז די זאַך איז שוין אַזוי אָוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז די וואָס האָבן זיך שוין דערקלערט פאַר, קענען צוריק ניט גיין.

נאַטירלעך וועט דאָס אַזוי גרינג ניט פאַרקומען. פאַראַן עלעמענטן וואָס האָבן שוין דערקלערט אַ קאַמף קעגן דעם אויף לעבן און טויט. דער עיקר ווערט דאָס באַקעמפט פון מענטשן, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרגעסן דעם אַמאָליקן קאַמף וואָס דער „בונד״ האָט געפירט קעגן די פועלי־ציון. צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דערטאַפּט ביי אַן אַפּיקורס׳ישן געפיל. מיר שיינט, אַז ווען עס וואָלט קיין פועלי ציון איצט אויף דער וועלט ניט געווען, וואָלט די פאַרבינדונג מיט דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט געווען פיל גרינגער. די קעגנער האָבן שוין אָנגעהויבן, נאַטירלעך אין דער שטיל, אַ העפטיקן קאַמף, באַנוצנדיק הויפּטזעכלעך דעם אַרגומענט, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ פּאָליטישע מאַכינאַציע פון די פועלי־ציון.

איך דערצייל דאָס אייך כדי איר דאָרטן זאָלט וויסן די לאַגע קלאָר, און ניט ווערן אַנטוישט טאָמער, חלילה, וועט אויך דער פאַרזוך ניט געלינגען. דערמיט מיין איך ניט אויסצודריקן מיין אומגלויבן אין דער מעגלעכקייט דורכצופירן די אַקציע שוין איצט. פאַרקערט, אויף ווי ווייט איך קען אָפּשאַצן די לאַגע, זיינען די אויסזיכטן, טראָץ דעם קאַמף קעגן דעם, זייער פאַרשפּרעכנדיקע. אָבער, איך וואָלט געוואָלט זיך אַליין און אויך אייך וואָרענען קעגן צו־איבערטריבענע דערוואַרטונגען. און אָט דערפאַר רעכן איך, אַז מיר דאַרפן האָבן אין זינען אויך די מעגלעכקייט פון אַ דורכפאַל. די מעגלעכקייט פון אַ דורכפאַל איצט וועט בשום אופן ניט מיינען, אַז דער גאַנצער געדאַנק איז דורכגעפאַלן אויף אייביק. די פראַגע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל וועט שוין ניט לאָזן רוען די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, און פריער־שפּעטער וועט דאָס אומפאַרמיידלעכע מוזן געשען.

אָט־דעם בריוו שרייב איך אייך שוין כמעט ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן. יענע קאָמיטע, אין וועמענס נאָמען איך האָב אייך געשריבן דעם בריוו פון 21טן יוני, האָט איר אַרבעט פאַרענדיקט. די זאַך ליגט איצט אין די הענט פון דער עקזעקוטיווע פון די געווערקשאַפטן. איך וועל אָבער האָבן אַ מעגלעכקייט צו וויסן אַלע דעטאַלן אין דער אַנטוויקלונג פון דער לאַגע און וועל אייך אָוודאי האַלטן כסדר אינפאָרמירט.

פון דעם „פאָרווערטס"־באַריכט וועט איר אַרויסלייענען די צוריקגע־האַלטנקייט, אָבער דער שרייבער פון דעם באַריכט איז אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער דעלעגאַציע און דאָס וואָס איר באַמערקט דאָרטן וועגן דער אומ־זיכערקייט, צי די קאָנפערענץ וועט זיין אַן אַלגעמיינע אָדער בלויז פון יוניאָנס, איז גראָד אַ זייער פריינטלעכער שריט צום גאַנצן געדאַנק פון אַ דעלעגאַציע. עס קען זיין, אַז דאָס וועט זיין דער זיכערסטער אויסוועג — אַז די קאָנפערענץ זאָל גערופן ווערן בלויז פון יוניאָנס, אַזוי אַז די ווירקונג פון די קעגנערישע עלעמענטן זאָל זיך אויף דער קאָנפערענץ ניט שטאַרק אָנזען. די מערסטע פירער פון די יוניאָנס האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער פראַגע.

דערווייל זאָל זיין גענוג. אויב עס וועט זיין נויטיק, וועל איך אייך אַוודאי ווידער שרייבן.

אייער,

ברוך צוקערמאַן

ז.

דעם 5טן סעפּטעמבער, 1923

הסתדרות הכללית,
ירושלים, פּאַלעסטינאַ.

ליבע חברים:

איך ווייס אַפילו ניט צו וועמען איך אַדרעסיר אַט־דעם בריוו, אָבער איך בין זיכער, אַז ער וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די אָפיציעלע פירער פון דער הסתדרות הכללית, און איך קען דעריבער אייך שרייבן גאַנץ אָפן וואו עס האַלט איצט מיט דער געפּלאַנטער דעלעגאַציע.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנץ גרויסע קעגנערשאַפט אין די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די קעגנערשאַפט קומט, נאַטירלעך, פון אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרגעסן דעם קאַמף וואָס דער „בונד" האָט געפירט קעגן ציוניזם, און זיי ציטערן פאַר דעם געדאַנק, טאָמער וועט דאָס אויסגעטייטשט ווערן, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט געענדערט איר שטעלונג צום ציוניזם.

איך בין נעכטן אָנגעקומען צוריק פון דער קאָנווענשאַן פון פּיפּלס־רעליף און האָב נאַטירלעך נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט אויסצופאָרשן די לאַגע און קענען אייך איבערגעבן מיט אַלע דעטאַלן וואו עס האַלט, אָבער דער שווער־פונקט פון דער גאַנצער לאַגע ווערט קאָנצענטרירט אויף מאָרגן אָוונט, ווען עס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן וועגן אַ דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל. וואָס דאָרטן וועט באַ־שלאָסן ווערן וועט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, שפּעטער זיין דער באַשלוס פון דער קומענדיקער קאָנפערענץ, און איך וואָלט געוואָלט, ליבע חברים, אַז איר זאָלט אויך זיין צוגעגרייט צו אַ דורכפאַל, ווייל די כוחות זיינען גאַנץ שאַרף צעטיילט און ווער עס וועט זיגן, ווייסט קיינער נישט.

איך וואָלט דאָך, ניט סתם צו טרייסטן אייך, געוואָלט פאַרזיכערן אייך,

אַז וואָס עס זאָל ניט זיין דער באַשלוס וועגן דער דעלעגאַציע, האָט דער גאַנצער געדאַנק שוין דערוואָרבן אַ גרויסן נצחון דורך דעם פאַקט אַליין, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער אָנפירערשאַפט פון דער אידישער אַרבעטער־שאַפט קעמפט מיט אַלע כוחות פאַר אַן ענגער פאַרבינדונג צווישן איר און דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע. ווען מען פאַרגלייכט די באַציאונג פון אַט־די עלעמענטן ביי יעדער סטאַדיע פון אַרבעט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן לטובת דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, זעט מען ווי די צאָל פון די, וואָס פאַראינטערעסירן זיך, האַלט כסדר אין וואַקסן, און טראָץ דעם, וואָס עס געפינען זיך נאָך עלעמענטן וועלכע דערלאָזן נאָך אַלץ נישט צו אַן ענגער פאַרבינדונג, איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז עס וועט ניט לאַנג נעמען, און אויך די עקשנות פון יענע וועט געבראָכן ווערן.

נאָך אַ זאַך איז זיכער: אַז וואָס דער אויסגאַנג פון דער קאָנפערענץ זאָל ניט זיין בנוגע אַ דעלעגאַציע, וועט אָבער די קאָנפערענץ אָן ספק אַריינטראָגן דעם געדאַנק, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע איז מחויב צו העלפן דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל, פאַרשטאַרקן אירע עקאָנאָמישע און גייסטיקע פּאָזיציעס און דער מאָטיוו אויף ניט שיקן קיין דעלעגאַציע וועט ניט זיין באַזירט אויף אַ קעגנערשאַפט צום גאַנצן געדאַנק, נאָר אויף אַ פּראַקטישער אויסרעכענונג. עס וועט דערקלערט ווערן, אַז די קאָנפערענץ זעט ניט וועלכע פּראַקטישע נוצן אַ דעלעגאַציע קען ברענגען. אָבער אַ מאָראַלישע פאַרפליכטונג אין נאָמען פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט צו העלפן די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל וועט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אָנגענומען ווערן. וואָס דאָס וועט מיינען פּראַקטיש, ווייס איך נישט. עס קען זיין, אַז אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט וועט דערפון ממשות׳דיק גאָרנישט אַרויסקומען. אָבער די באַדייטונג דערפון פאַר דעם ענדלעכן צוזאַמענבונד צווישן די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל איז, נאָך מיין אָפּשאַצונג, אומגעהויער גרויס.

אַמבעסטן וועט איר באַמערקן די ענדערונג אין טאָן, ווען איר וועט איבערלייענען די עדיטאָריעלע נאָטיץ, וואָס איז דערשינען היינטיקע וואָך אין דעם „וועקער״ — דער אָרגאַן פון דעם אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, אייגנטלעך דער יורש פונעם „בונד״, נאָר זיין רעכטער פליגל. זייט זיכער, אַז אין אַמאָליקע יאָרן וואָלט אַזאַ פאָרשלאָג אַרויסגערופן אַזאַ אויסגוס פון גאַל און ביטערניש און זלזולים און וואָס נאָך אין דער וועלט, פונקט אַזעלכע אויסגוסן ווי עס זיינען אונז באַקאַנט פון די ערשטע יאָרן פון דעם קאַמף פאַר דעם אידישן קאָנגרעס. דער טאָן, וואָס ווערט אָנגעשלאָגן אין דעם עדיטאָריעל, איז בכן גאָר אַן אַנדערער און דער טאָן ווערט אָנגעשלאָגן אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין דער פראַגע ביז איצט פאַרנומען די עקסטרעמסטע שטעלונג קעגן דער דעלעגאַציע.

נאַטירלעך, רעכן איך ניט אַריין די לינקע. זיי וועלן אין דער פראַגע ניט האָבן קיין ברעקל דעה. פאַרקערט, וואָס שאַרפער זייער שטעלונג איז קעגן, אַלץ בעסער פאַר דער זאַך. איך שיק אייך דאָ אַ גאַנצע ריי פון אויסשניטן פון צייטונגען. איר קענט דערפון ווידעראַמאָל זען וואָס פאַר אַ גרויסן אינטערעס די אידישע עפנטלעכקייט האָט אַרויסגעוויזן צו אַט־דער פראַגע.

עס זיינען נאָך דערשינענע אַרטיקלען און מעלדונגען אין אַנדערע צייטונגען, וועלכע מיר איז נאָך ניט געלונגען צו קריגן. איך וועל זיי אייך אַלע צושיקן.

איך פאָר מאָרגן פרי אַוועק פון שטאָט און וועל ערשט צוריקקומען מאָנטיק, דעם 17טן. זאָלט איר זיך ניט וואונדערן, וואָס איר וועט ניט קריגן פון מיר מער קיין ידיעות וועגן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דער לאַגע. איך האָב געבעטן מיינעם אַ פריינט, ער זאָל מיר מודיע זיין דעם באַשלוס פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן. אויב דאָרטן וועט דער באַשלוס זיין אַ גינסטיקער, וועל איך אייך טעלעגראַפיש מעלדן, אַפילו ניט־זייענדיק אין ניו־יאָרק. ווען איר וועט האָבן אָט־דעם בריוו דערהאַלטן, וועט איר שוין זיכער האָבן געקראָגן יענע דעפעשע. אויב דער דאָרטיקער באַשלוס וועט זיין ניט קיין גינסטיקער, ווייס איך ניט צי איך וועל אייך קענען פון וועג שרייבן וועגן דעם, ווייל איך וועל דאַן מוזן וואַרטן ביז וואַנען איך וועל באַקאַנט ווערן מיט אַלע איינצלהייטן, וויאַזוי דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן. אויב דער וואָס וועט מיר באַריכטן וועט מיר איבערגעבן אַזעלכע איינצלהייטן, וועל איך אייך גלייך שרייבן וועגן דעם. אויב ניט, וועל איך אייך שרייבן קומענדיק צוריק.

מיט אַכטונג און חבר'שער ליבע,

אייער,

ברוך צוקערמאַן

ז.

ניו־יאָרק, דעם 5טן אָקטאָבער, 1923.

ליבער חבר בן־צבי:

איך שרייב דעם בריוו צו דיר פריוואַט און פאַרלאָז זיך אויף דעם, אַז דו אַליין וועסט שוין וויסן, צי דו דאַרפסט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון בריוו דער גאַנצער עקזעקוטיווע פון דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אָדער ניט.

איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן פון שרייבן אַ לאַנגע צייט איבער דעם ענין פון דער דעלעגאַציע צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס איך האָב דאָ איבער־געלעבט זייער אַ שווערע אַנטוישונג. איצט בין איך אַביסל באַרואיקט און קען דיר איבערגעבן אַלץ, וואָס האָט דאָ פּאַסירט.

אין מיין בריוו פון 5טן סעפּטעמבער האָב איך אייך געשריבן, אַז דער גאַנצער שווער־פּונקט פון דער לאַגע איז קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דער זיצונג וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן. איך האָב אייך אויך געשריבן, אַז איך וועל אַוועקפאָרן אויף אַ קורצער צייט. איך בין געקומען צוריק דעם 18טן סעפּטעמבער און האָב זיך דערוואוסט, אַז די „פאָרווערטס"־אַסס'ן האָט די פראַגע פון אַ דעלעגאַציע פאַרוואָרפן. די אָפּשטימונג איז געווען: איבער 30 קעגן און בלויז 11 פאַר.

איך האָב אייך שוין דאַן געשריבן, אַז אַ מעגלעכקייט פון אַ דורכפאַל איז דאָ, אָבער איך מוז מודה זיין, אַז די אָפּשטימונג זאָל באַווייזן אַזאַ גרויסע קעגנערשאַפט, האָב איך ניט דערוואַרט. און די ערגסטע צרה באַשטייט אין דעם, וואָס אייניקע פון די וואָס זיינען געווען פון אָנפאַנג אָן פאַר, — און

איינער פון זיי איז דער פריינט שלעזינגער, אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, אין וועמענס נאָמען איך האָב אייך גאָר דאָס ערשטע מאָל געשריבן וועגן דעם ענין — האָבן אויך געשטימט קעגן. מיר וואָלט אפשר די זאַך ניט אַזוי וויי געטאָן, ווען די ענדערונג צום שלעכטן וואָלט אַרויסגעקומען צוליב אַ פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט. די ענדערונג צום שלעכטן איז, ליידער, גרעסטנטיילס אַרויסגערופן געוואָרן פון אונזערע אייגענע חברים; און דאָ מוז איך באַרירן אַ וואונד, וואָס טוט נאָך ביז איצט וויי און צוליב וועלכער איך האָב זיך אַליין געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך אייך שרייבן, צי ניט.

איר דערהאַלט דאָך זיכער דעם „אידישער אַרבייטער". דער נומער פון 5טן סעפּטעמבער אַנטהאַלט, ערשטנס, אַן עדיטאָריעל אונטערן נאָמען „זיי קומען", און צווייטנס, ווערט דאָרטן אָפּגעגעבן כמעט אַ גאַנצע זייט צו מיינונגען פון אַרבעטער־פירער איבער דער דעלעגאַציע־פראַגע. אָט־די צוויי פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען האָבן אונז געטאָן זייער גרויס שאָדן. ווי געזאָגט, בין איך שוין איצט אַביסל באַרואיקט, און דאָך, ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם, פיל איך, ווי דאָס גאַנצע בלוט קאָכט אויף. אונזערע חברים, און אויך דער רעדאַקטאָר פון אונזער צייטונג, האָבן גוט געדאַרפט וויסן, אַז פאַר אונז, פאַר די פּועלי־ציון, איז די איינציקע טאַקטיק געווען: זיך אָפּהאַלטן פון פרייד־אויסגעשרייען, ביז וואַנען די זאַך איז געוואָרן אינגאַנצן זיכער. אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַ טאָג פריער איידער דער נומער איז דערשינען, האָט דער צ. ק. אַפילו אָפיציעל באַשלאָסן וועגן דעם אין דעם זין און איך בין פּשוט געווען דערשטוינט צו זען אויף מאָרגן דעם עדיטאָריעל „זיי קומען", וואָס האָט בוכשטעבלעך אַריינגעשפּילט די קעגנער אין די הענט אַריין. די איינציקע טענה זייערע קעגן אַ דעלעגאַציע איז געווען, אַז די דעלעגאַציע איז גאָר ניט אַזוי נויטיק פאַר די אידישע אַרבע־טער אין ארץ־ישראל, ווי זי איז נויטיק פאַר דער פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע. מיר האָבן דעריבער שטענדיק געפילט, אַז מיר דאַרפן דערפון קיין נצחון־זאַך פאַר אונז ניט מאַכן. איז אַרויסגעגאַנגען אונזער רעדאַקטאָר און האָט דוקא גערעדט מיט אַ נצחון־טאָן און נאָך מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז דאָס האָט די, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, אָוועקגעטריבן צו אונזערע קעגנער און האָט די פּאָזיציע פון אונזערע פריינט אין יענע קרייזן פיל אָפּגעשוואַכט.

פיל ערגער ווי דער עדיטאָריעל איז געווען דער אַרטיקל וועגן די מיינונ־גען פון אַרבעטער־פירער. איך ווייס ניט, אויב דיר זיינען באַקאַנט אַמאָליקע סכסוכים, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט אונזער חבר פינסקי, ספּעציעל וועגן דעם, וואָס שלאָסבערג איז ביי אים פיל מער ווי אַ פירער פון אַרבעטער. מיר האָבן אין „צייט" אויך פיל מאָל געליטן דערפון, וואָס שלאָסבערג און די אַמאַלגאַמייטעד זיינען אַלע מאָל געווען כשר און אַלע פירער פון אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען בחזקת טריף. איניקע פון אונז האָבן דערנאָך געדאַרפט אַוועקלייגן פיל אָנגעשטרענגטע אַרבעט, ביז וואַנען אָט־די שטעלונג, וואָס איז נאָך אַלעמען אָפיציעל גענומען געוואָרן אין אונזער אָפיציעלן אָרגאַן, זאָל אַביסל פאַרגעסן ווערן. איז געקומען ווידער־אַמאָל אונזער חבר פינסקי און האָט דערמיט פּשוט געטריבן פיל פון אונזערע פריינט אויף דער זייט פון די קעגנער.

איך וויל ניט פּאַרטיידיקן די שטעלונג פון מענטשן, וואָס האָבן געקענט צוליב אַזאַ מין זאַך ענדערן זייער מיינונג אין אַזאַ וויכטיקער פראַגע, אָבער פאַרשטיין פאַרשטיי איך זיי. עס האָט פּשוט אויפגעריסן אַן אַלטע וואונד און מענטשן פון דעם טיף ווי שלעזינגער, וואָס האָט צוליב דעם ניט געקראָגן קיין גערעכטע באַהאַנדלונג פון אונזער „צייט“, האָט זיך נאַטירלעך דערמאָנט אין זיינע אַמאָליקע קריוודעס. זאָגן האָט ער דאָס קיינעם ניט געזאָגט, אָבער איך פיל פון וואַנען זיין קעגנערשאַפט האָט זיך פלוצלונג גענומען. נאָך מער, איך פּרוביר זיך אַליין שטעלן אין זיין פּאָזיציע, און איך בין ניט זיכער, צי וואָלט איך בעסער געהאַנדלט.

וואָלט ארץ־ישראל פאַר אים און פאַר פיל אַנדערע, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים געווען פאַר דער דעלעגאַציע און געוואָרן נאָכדעם קעגן — וואָלט פאַר זיי ארץ־ישראל געווען דאָס, וואָס פאַר דיר אָדער פאַר מיר, וואָלט דאָס, נאַטירלעך, קיינמאָל ניט געקענט פּאַסירן. אָבער, נאָך אַלעמען, פאַר אים איז ארץ־ישראל ניט מער, דוכט זיך מיר, ווי אַ טרייד־יוניאָן פראַגע. זי שטאַמט הויפּטזעכלעך דערפון, וואָס טוער אין די אידישע יוניאָנס אין אַמע־ריקע פילן אינסטינקטיוו, אַז עס וואָלט אַפילו פאַר דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע גאָרניט געווען אַזאַ גרויסע צרה, ווען אַהער אין אַמעריקע קומען וואָס ווייניקער נייע אַרבעט־זוכנדיקע עלע־מענטן, און ארץ־ישראל זאָל זיין אימשטאַנד אַריינצונעמען וואָס אַ גרעסערע צאָל פון די אידן וואָס מוזן אימיגרירן. אָט פון דעם שטאַנדפּונקט האָבן אייניקע פון זיי זיך אַ קער געטאָן צום ארץ־ישראל געדאַנק. אָט־דער שטאַנד־פּונקט האָט געהאָלפן ביי פיל פון זיי איבערוואונדן איינגעזעסענע קעגנערשאַפט.

איך וויל דעם שטאַנדפּונקט זייערן ניט קריטיקירן. איך האַלט גאָר, אַז דאָס איז זייער אַ געזונטער שטאַנדפּונקט, אָבער דאָס זיינען דאָך ערשטע שריט און ערשטע דערקענטעניש פון אַ פילאָזאָפיע, וועלכע זיי האָבן יאָרן־לאַנג באַקעמפט. נאַטירלעך, זיינען זיי נאָך גאָרניט אַזוי לעבנס־טיף פאַראינטע־רעסירט אין דעם. זיי זיינען געווען גרייט מיטצוגיין. ווען, אָבער, מיר אַליין האָבן אין זיי אויפגעוועקט אַלטע וואונדן און אַלטע קריוודעס קעגן אונז, איז זייער ארץ־ישראל'קייט ניט געווען שטאַרק גענוג גובר צו זיין אַזעלכע רייך־מענטשלעכע געפילן.

מיר האָבן, בכן, צוליב אונזערע אייגענע טאַקטלאָזיקייטן פאַרשפּילט דעם איצטיקן מאָמענט. איך מיין נישט צו זאָגן, אַז ווען ניט די טאַקטלאָזיקייטן, וואָלטן מיר זיכער די זאַך געוואונען, אָבער די אָפּשטימונג וואָלט זיכער געוויזן אַ גרויסע צאָל פאַר, ווייניקסטנס העלפט אויף העלפט, און ווען די כוחות וואָלטן געווען גלייך אויף גלייך, וואָלט עס געפירט דערצו, אַז די „פאָרווערטס“־אַסס'ן זאָל די גאַנצע זאַך ניט באַשטימען, נאָר עס זאָל איבער־געלאָזט ווערן צו די יוניאָנס אַליין צו האַנדלען. דאַן וואָלט די זאַך דורכ־געפירט געוואָרן.

איצט וועלן אַפילו אַ סך יוניאָן־טוער, וואָס זיינען געווען פאַר, ניט וועלן אַריינברענגען די פראַגע אין זייערע יוניאָנס. אייניקע פון זיי האָבן גאַנץ אָפן און ערלעך מיר געזאָגט, אַז זיי קענען איצט דעם קאַמף פאַר אַ דעלע־גאַציע אין זייערע יוניאָנס ניט פירן, „ווייל דאָס וואָלט געהייסן שטעלן זיך אַנטקעגן אַ באַשלוס פון 'פאָרווערטס'“, און זיכער איז דאָס ניט אין דעם

אינטערעס פון דער פירערשאַפט פון די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע זיך איצט איינצוּרייסן מיטן „פאָרווערטס", ספּעציעל ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם שאַרפן קאָנפליקט און דעם דעמאַגאָגישן קאַמף, וואָס די לינקע פירן קעגן דער פירערשאַפט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט.

וואָס איז ווייטער צו טאָן? ווי איך האָב דיר אויבן געשריבן, איז מיין ערשטער געפיל געווען כמעט אַ ברוּיזנדיקער צאָרן, סיי אויף אונזערע אייגענע חברים, וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טאַקטישע פעלערן, סיי אויף די פירער פון די אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אונזערע דערוואַר־טונגען נאָך אַמאָל אָפּגענאַרט. איך האָב זיך אַליין געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס זאָל זיין אונזער ווייטערדיקע טאַקטיק: זאָלן מיר אָנהויבן אַ קאַמף מיט דער פירערשאַפט פון די אידישע אַרבעטער, אָדער מיר זאָלן זיך אונטערגעבן דער לאַגע און נאָך פּרובירן ראַטעווען דאָס וואָס לאָזט זיך.

פאַר מיר אַליין פּריוואַט האָב איך באַשלאָסן אָנצונעמען דעם צווייטן וועג. וואָס דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי וועט טאָן, ווייס איך נישט. עס ווענדט זיך אין דעם ענטפער, וואָס די געווערקשאַפטן וועלן שיקן צו אייך. אַזוי ווי איך, פאַר זיך, בין זיכער, אַז דער ענטפער פון די געווערקשאַפטן וועט זיין אַ ברידערלעכער און וועט אויסדריקן, ערשטנס, אַ געפיל פון באַדויערן וואָס די דעלעגאַציע קען איצט ניט געשיקט ווערן און, צווייטנס, אַן אויסדרוק פון פאַרפליכטונג צו העלפן דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל פאַרשטאַרקן אירע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס, גלויב איך ניט, אַז מיר דאַרפן שרייען „דוקא דעלעגאַציע" און דורך דעם אויפהויבן אַ קאַמף קעגן דער פירערשאַפט.

איך דאַרף דיר ניט דערציילן, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן דאָ געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דער פירערשאַפט פון די אידישע אַרבעט־טער. דער רעזולטאַט פון יענעם קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט דעם באַרימטן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וועגן וועלכן איר האָט אוודאי אַלע ידיעות. איך דאַרף דיר אויך ניט דערציילן, אַז אין יענעם קאַמף האָב איך אַריינגעגעבן יעדן אונץ פון ענערגיע, וואָס איך פאַרמאָג, און צוזאַמען מיט אַנדערע חברים דעם דאָזיקן קאַמף דערפירט צו אַ דעמאָנסטראַטיוון דערפאָלג. איך האָב מיר דעריבער געשטעלט די פראַגע: ערשטנס, האָבן מיר איצט אויסזיכטן ווידעראַמאָל צו באַנייען אַזאַ קאַמף? צווייטנס, אָנגענומען, אַז מיר קענען אים ווידעראַמאָל דערפירן צו אַ דערפאָלג, וועט עס דאַן אויך זיין בלויז אַ דעמאָנסטראַציע, אָדער מיר קענען דערוואַרטן פּראַקטישע רעזולטאַטן?

נאָך אַ לאַנגן נאָכטראַכטן, בין איך געקומען צום שלוס, אַז מיר האָבן ניט קיין כוח זיך צו פאַרמעסטן מיט דער פירערשאַפט פון די אידישע אַרבע־טער אין דער איצטיקער צייט; און ווען אַפילו מיר וואָלטן יאָ געהאַט די כוחות, וואָלט זיך פון דעם נייעם פאַרזוך מער ניט אויסגעלאָזט ווי דאָס, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט פון דעם אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל — אַ שיינע דעמאָנסטראַציע, אָן וועלכע ס'איז פּראַקטישע רעזולטאַטן, און אָט דערפאַר האָב איך פאַר זיך באַשלאָסן אונטערצוּוואַרפן זיך דער לאַגע און אָנשטאָט אַ קאַמף, צוריקציען זיך אויף אַ צווייטער פּאָזיציע.

דו זעסט, מיין ליבער בן־צבי, אַז איך גיב דיר איבער אַלע איינצלהייטן וואָס איך האָב איבערגעפילט און צו וואָס פאַר אַ באַשלוס איך בין געקומען.

מיין ניט, אַז איך האָב ניט גענומען אין באַטראַכט די ניט־זייער־שיינע האַנדלונג — איך מעג זאָגן, די טיפע באַליידיקונג, וואָס די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל האָט דורך דעם געקראָגן. איך ווייס עס זייער גוט, און מער אפשר ווי איך ווייס, פיל איך עס אינסטינקטיוו. אָבער, מיר מוזן דאָך פאַרשטיין אונזער איצטיקע לאַגע.

וואָלטן מיר געווען בלויז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו פּרעדיקן סאָציאַליזם, וואָלט איך מיר געטראַכט אַזויווי עס טראַכט, מן־הסתם, יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער סאָציאַליסט: אַז ער קען זיך ניט באַנור־גענען מיט דעם, וואָס די רייען זיינע זיינען קליין, און אָנפירן אַן אומאויפ־הערלעכע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע ביז וואַנען דער אַרבעטער־קלאַס וועט אָנהויבן באַגרייפן, אַז דער איינציקער וועג פאַר זיין רעטונג איז דער סאָציאַ־ליזם. מיר אָבער מוזן אויך געדענקען, אַז אויסער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, מוזן מיר האָבן פּראַקטישע רעזולטאַטן. אויב ניט, וויל איך ניט ברענגען אויף מיין געדאַנק אַפילו וואָס אונז דערוואַרט. איך ווייס ניט ווי איר דאַרטן. איך פון וויטן פיל מיט יעדן פיבער פון מיין נשמה, אַז אין די קומענדיקע 10 יאָר וועט אַנטשיידן דער גורל פון ארץ־ישראל. איך ווייס ניט, אויב עס וועט אַנטשיידן דער גורל אויף אייביק. וועלכע נייע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פּלאָנטערס עס קענען אַנטשטיין הונדערטער יאָרן שפּעטער, קען איך זיכער ניט פאָראויסזאָגן. אָבער פאַר אונזער דור, פאַרן קומענדיקן דור און אפשר פאַר אַ פּאָר דורות נאָך אונז, וועט דער גורל פון ארץ־ישראל אַנטשיידן ווערן אין די קומענדיקע 10 יאָר. איך קען ניט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן איצט צו טאָן מיט ענגלאַנד, און ענגלאַנד וועט קיין ווייסטע ארץ־ישראל ניט לאָזן אַזויפיל יאָרן, ווי עס האָט געטאָן טערקיי. אויב, בכן, אין די קומענדיקע 10 יאָר וועט ארץ־ישראל ניט פיל מער אידיש ווי זי איז איצט, ציטער איך פאַר דעם אויסגאַנג. און פאַר מיר איז אויך ניט קיין פראַזע דאָס, וואָס מיר האָבן אַלע מאָל גע׳טענה׳ט, אַז אָן דער הילף פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט וועט ארץ־ישראל ניט געבויט ווערן.

איך בין באַוועגט פון נאָך אַ מאָטיוו. ביי זיך אַליין בין איך כמעט ווי זיכער, אַז פריער־שפּעטער וועט דער קאַמף צווישן די אַרבעטער־עלעמענטן און די בירגערלעכע אין ציוניזם זיך מוזן פאַרשאַרפן. איך דאַרף דיר ניט זאָגן, אַז איך בין געווען און בלייב נאָך עד־היום אַן אָנהענגער פון באַטייליקן זיך אין ציוניסטישן קאָנגרעס, אָבער ווייסן ווייס איך, אַז גאָר אין גיכן וועט מוזן קומען צו אַ גט צווישן אונז מיט די בירגערלעכע ציוניסטן; און וואָס שטאַרקער עס וועט ווערן דער אידישער אַרבעטער־עלעמענט אין ארץ־ישראל, אַלץ שנעלער קומט יענער טאָג. מוזן מיר דאָך זוכן פאַרבינדעטע אין די גלות־לענדער אויסער די ציוניסטישע רייען. אונזערע נאַטירלעכע פאַרבינ־דעטע זיינען דעריבער די אידישע אַרבעטער אין אַלע לענדער. איך זע דעריבער זייער קלאָר דעם טאָג, ווען די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל וועלן דאַרפן זיין מער אָנגעוויזן אויף דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף וואָס די אידישע אַרבעטערשאַפט קען זיי געבן, ווי אויף דער מאָראַ־לישער און מאַטעריעלער הילף פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. קענען מיר זיך דעריבער ניט דערלויבן דעם לוקסוס פון אָפּשטופן דעם פּראָצעס פון פאַר־

שטענדיקונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונז און די אידישע אַרבעטער דורך אַ באַנייטן קאַמף מיט זיי.

אין דעם מאָמענט, ווען מיר הויבן אָן אַ קאַמף קעגן דער פּירערשאַפט, שטופּן מיר אונזערע פריינט דאָרט צו אַ נענטערער פאַראייניקונג מיט די קעגנער. זיי וועלן אונז באַטראַכטן, ווי זיי באַטראַכטן די לינקע, און דער קאַמף וועט זיין אויף לעבן און טויט.

איך ווייס, אַז אין דעם גרויסן עולם האָט ארץ־ישראל גרויסע סימפּאַטיעס, אָבער מיר האָבן אַפילו ניט קיין מעגלעכקייט אָט־די סימפּאַטיעס צו וועקן און מיר וועלן פאַרטרונקען ווערן אין דעם אַלגעמיינעם געשריי, וואָס דער „פאָרווערטס" וועט מוזן אַרויסשרייען, אַז אויך מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט די לינקע צו צעברעכן אַלץ, וואָס איז דאָ אויפגעבויט געוואָרן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע.

אַ חוץ דעם, מוז איך מודה זיין, אַז עס וואָלט ניט געווען סתם אַ געשריי פון „פאָרווערטס", נאָר אַז אין דעם וואָלט געווען אַ גרויסער טייל אמת. איר דאַרפט, וועלכע האָבן שוין אויך אַ פאַרמעגן און איר ווייסט וואָס עס הייסט אַ קאַמף קעגן דער פּירערשאַפט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל, וועט מיך פאַרשטיין, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז טאַקע אויך צוליב דעם, כדי ניט צו העלפן די וואָס זוכן צו צעברעכן, אין נאָמען פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, די פּאָזיציעס וואָס די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך דאָ אויפגעבויט, האָב איך זיך אַנטשלאָסן אויף אַ טאַקטיק פון צוריקציען זיך אויף אַ צווייטער פּאָזיציע און ניט אויף אַ קריגס־דערקלערונג.

דאַרף איך דיר נאָך דערצו דערקלערן, אַז מיר אַליין זיינען אַזוי אָפּגע־שוואַכט, אַז מיר וואָלטן בשום־אופן ניט געקענט אַרויסרופן אַפילו קיין באַ־דייטנדיקן טייל פון יענעם אויפשוואונג, וואָס האָט געפירט צו דעם אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל דאַן. נאָך אַלעמען, איז דאָך דאָס דאַן געווען גלייך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, דער לעגיאָן־באַוועגונג און דער גאַנצער אַלגעמיינער שטימונג, וואָס איז דאַן געווען אַזוי גינסטיק פאַר אונז. איצט איז אַ קריגס־דערקלערונג פון אונזער זייט פון אָנפאַנג אָן פאַר'משפט צו אַן אַבסאָלוטן דורכפאַל. ווייל מיר האָבן אין זינען ניט בלויז פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, ווייל מיר מוזן זוכן ממשות'דיקע רעזולטאַטן, האָב איך באַשלאָסן אויסצוקלייבן דעם וועג פון ווייטערדיקער פרידלעכער מיטאַרבעט.

מיין ווייטערדיקער שריט איז צו זאָרגן דערפאַר, אַז דער ענטפער וואָס די געווערקשאַפטן וועלן געבן צו דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל, זאָל זיין וואָס פריינטלעכער און וואָס מער פאַרפליכטנדיק פון זייער זייט פאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

מיין צווייטער שריט איז: פּרובירן אַרויסרופן די איניציאַטיווע פון אייניקע טוער, זיי זאָלן צוזאַמענרופן אַ קאָנפערענץ מיט דעם צוועק אָנצוהויבן דאָ אין אַמעריקע אַן אַקציע פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אייערע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל. מיר קענען זיך איצט באַנוצן דערמיט, וואָס די מערסטע קעגנער פון אַ דעלעגאַציע האָבן זיך אויף די דיסקוסיעס אויך דערקלערט גרייט צו העלפן מאַטעריעל, ווען מען וועט עס נאָר דאַרפן.

איך ווייס, נאַטירלעך, ניט ווי שנעל מיר וועט געלינגען עפּעס אַרויס־

צוברענגען אויף דעם וועג, אָבער איך האָף, אַז איך וועל זיין אימשטאַנד גאָר אין גיכן דיר צו שרייבן מער קאָנקרעט וועגן די אויסזיכטן.

דער בריוו האָט זיך שוין סיי־ווי־סיי פאַרצויגן צו לאַנג און איך מוז ענדיקן, כאָטש איך האָב נאָך פיל אויפן האַרצן אויסצורידן. איך וועל עס מוזן לאָזן פאַר אַ צווייטער געלעגנהייט.

איך שרייב אין דעם גאַנצן בריוו מיטן טאָן „איך", און ניט „מיר", צוליב דעם פשוטן גרונט, וואָס איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ טאַקטיק די פאַרטיי וועט נעמען. פאַראַן אייניקע צווישן אונז וואָס שרייען נאָך נקמה. זיי ווילן פון קיין אַנדער זאַך ניט וויסן, ווי נאָר פון קאַמף. אויב דאָס זאָל זיין דער באַשלוס, וועל איך דעם קאַמף ניט מיטמאַכן. ווייניקסטנס, וועל איך זיך גופא האַלטן רעזערווירט פאַר אַ מעגלעכער פאַרשטענדיקונג מיט די אַרבעטער־פירער. מיט מיר איז אויך מסכים אין דער טאַקטיק חבר עהרענ־רייך. מיר צוויי וועלן גיין האַנט אין האַנט אין דער ווייטערדיקער אַרבעט, וואָס עס זאָל נישט זיין דער אָפיציעלער באַשלוס פון דער פאַרטיי.

אויב דו, חבר בן־צבי, וועסט געפינען פאַר נויטיק איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דעם בריוו צו אַלע חברים פון דער עקזעקוטיווע, האָב איך גאָרנישט קעגן דעם. אויב חבר בן־גוריון איז שוין דאָרטן, וועט ער דאָך זיכער לייענען דעם בריוו, און איר וועט קענען נאָכדעם צוזאַמען זיך מיישב זיין, וואָס איר זאָלט טאָן דאָרטן. עס קען זיין, אַז פאַר דער עקזעקוטיווע פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועט זיין גענוג, ווען זי וועט קריגן אָפיציעל דעם ענטפער פון די געווערקשאַפטן, און זיי דאַרפן שוין ניט וויסן פון אַזעלכע דעטאַלן, ווי איך האָב דיר דאָ איבערגעגעבן. די זאַך לאָז איך איבער איבער אינגאַנצן צו דיר. איך וואָלט דיך נאָר געבעטן, אַז דו זאָלסט געפינען צייט מיר אַרויסצושרייבן אַלע איינצלהייטן פון אייער טאַקטיק, פונקט ווי איך שרייב דיר דאָ פון אונזער טאַקטיק.

האָפנדיק, אַז ווייניקסטנס די חברים, וועמען דו וועסט אָנפאַרטרויען מיט דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, וועלן מסכים זיין, אַז קיין אַנדער וועג איז פאַר מיר ניטאָ, און אַז איך וועל אינגיכן הערן פון אייך, אַז איר האָט איבערוואונדן די אַנטוישונג זייער שנעל, פאַרבלייב איך

דיין,

ב ר ו ך צ ו ק ע ר מ אַ ן

ח.

דעם 5טן נאָוועמבער, 1923.

ליבע חברים, בן־צבי און בן־גוריון:

איך האָב היינט דערהאַלטן די קאָפּיע פון דעם בריוו, וואָס בן־גוריון האָט געשריבן צו חבר פיין. איך האָף, אַז חבר בן־גוריון איז שוין באַקאַנט מיט דעם אינהאַלט פון מיין בריוו צו חבר בן־צבי פון דעם 5טן אָקטאָבער. איך קען נאָך היינט צוגעבן פאָלגנדיקס:

1. אַן אָפיציעלער ענטפער פון די געווערקשאַפטן איז שוין לאַנג אויס־געאַרבעט געוואָרן. איך ווייס ניט, צי האָט איר שוין דעם ענטפער דערהאַלטן. דאָ אין אַמעריקע איז שוין דער ענטפער געווען פאַרעפנטלעכט אין אייניקע

ציטונגען און אויך אין „פאָרווערטס“, וואו חבר פיין האָט אים אַליין פאַר־עפנטלעכט צוזאַמען מיט זיינעם אַ קאָמענטאַר. איך שיק אייך דאָ אַן אויסשניט פון „פאָרווערטס“ און איך זע ניט, וואָס כ׳קען אייך נאָך שרייבן וועגן דעם ענין.

מיר דוכט, אַז דער ענטפער איז אונטער די אומשטענדן זייער אַ גינסטי־קער. איך מיין ניט דערמיט צו זאָגן, אַז איך האָב געענדערט מיין שטעלונג פון דעם בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו חבר בן־צבי דעם 5טן אָקטאָבער, נאָר גראָד ווי אַ פאָרזעצונג פון דעם, וואָס איך האָב דאָרטן געזאָגט. איך האָב דאָן געשריבן, אַז מיין אויפגאַבע וועל איך באַטראַכטן צו זאָרגן אַז דער בריוו פון די געווערקשאַפטן זאָל אויף זיך נעמען וואָס גרעסערע פאַרפליכ־טונגען און אויך נעמען אויף זיך עטוואָס אַן אַקציע. בנוגע דעם שיינט מיר איז עס געלונגען.

בנוגע דער צוגרייטונג פון אַן אַקציע האָב איך שוין אויסגעלייגט אייניקע פּלענער. מאָרגן ענדיקט זיך דער פּאָליטישער קאַמפּיין און איך רעכן, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט שוין די פראַגע פון אַן אַקציע אויפקומען ווידעראַמאָל אויף דעם מיטינג פון די געווערקשאַפטן. אויף דעם געביט זיינען די אויס־זיכטן ניט שלעכט, אָבער איך ציטער שוין פּשוט אייך צו געבן וועלכע ס׳איז אָפּטימיסטישע אָנצוהערענישן און וועל שוין וואַרטן ביז וואַנען איך וועל אייך קענען באַריכטן פאַקטן.

איך וויל נאָך צוגעבן נאָך אַמאָל, אַז די אַקציע איז מיינע אַ פּריוואַטע. אין דער פאַרטיי גייט נאָך אַלץ אַן אַ העפטיקע דיסקוסיע וועגן דעם, צי זאָלן מיר אָנפירן אַ קאַמף אָדער ניט. איך האַלט מיך פון דער גאַנצער דיסקוסיע צוריק צוליב די מאָטיוון וועלכע איך האָב אָנגעגעבן אין דעם לעצטן בריוו. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן פאָלגנדיקס: אויסצואַיבן אַ דרוק אויף דער פאַרטיי, אַז זי זאָל אָננעמען מיין שטעלונג — בין איך גאָרניט אַזוי זיכער, אַז איך בין גערעכט. אינסטינקטיוו פיל איך, אַז פאַר מיר איז קיין אַנדער וועג ניטאָ. עס קען זיין, אַז איך וועל דורכפאַלן. טאָ זאָל דער דורכפאַל זיין באַגרענעצט צו מיין איינצלנער פּערזאָן און ניט צו דער גאַנצער פאַרטיי. וועט מיר, פאַרקערט, געלינגען דורך אַן אָפענער האַנדלונג, ניט בלויז דורך אַ בריוו־אויסטויש, צוזאַמענצובינדן די אָפיציעלע אָרגאַניזירטע אידישע אַר־בעטערשאַפט מיט דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל, וועל איך מיט פאַרגעניגן דעם קרעדיט שטעלן צו דינסט דער פאַרטיי, האָפנדיק, אַז דאָס מאָל וועט ער אויסגענוצט ווערן ניט אַזוי קאַפּלאַז, ווי ער איז אויס־גענוצט געוואָרן לעצטן מאָל.

אייער,

ברוך צוקערמאַן

ט.

דעם 12טן דעצעמבער, 1923.

מר. בן־צבי און בן־גוריון,
ק/א הסתדרות הכללית,
פּאָסט אָפיס באָקס 411,
ירושלים, פּאַלעסטינאַ.

טייערע חברים:

אייערע בריוו פון כ״ט חשון דערהאַלטן. מיך פריידט זייער וואָס איר דריקט אויס אייער צושטימונג צו מיין האַנדלונג. מיך האָט זייער געפריידט דאָס, וואָס חבר לאָקער האָט מיר געשריבן, אַז אויך ער איז מסכים מיט מיין שטעלונג. איך נעם מיך אָבער שרייבן אייך דעם בריוו ניט כדי אויסצודריקן מיין אייגענע פרייד. איך האָב אייך צו באַריכטן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

איך מוז עס מאַכן זייער קורץ, ווייל איך בין איצט מער באַשעפטיקט ווי איך בין ווען עס איז געווען. די פּיפּלס־רעליף־„אָרט״ פון אַמעריקע פאַר־מעסט זיך איצט זייער אויף אַ גרויסן אופן, וואָס נעמט אַוועק פון מיר יעדע איבעריקע מינוט און אויך יעדער אונץ פון ענערגיע. איך גיי, דעריבער, גלייך איבער צום פּונקט.

לעצטן פרייטיק איז סוף כל סוף אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנפערענץ וואָס די געווערקשאַפטן האָבן איינגערופן, וועגן אַ קאָנקרעטער אַרבעט פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. עס זיינען אַנוועזנדיק געווען אַן ערך 80 מענטשן, וואָס האָבן באמת פאַרטראָטן אַלע וויכטיקסטע אידישע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן. — דאָס הייסט, די אַנוועזנדיקע זיינען ניט דירעקט געוויילט געוואָרן פון זייערע קערפּערשאַפטן. די קאָנפערענץ איז ניט געווען קיין אָפיציעלע, ווייל ביי אונז ווערן לעצטנס אָפיציעלע קאָנפערענצן זייער זעלטן גערופן, אָבער פּאַקטיש זיינען אַלע וויכטיקע פירער געווען פאַרטראָטן. די שטימונג איז דאָרטן געווען אַבסאָלוט אַן איינהייטלעכע. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך פאַרפליכטעט צו העלפן אין דער אונטערנעמונג.

דער אָפיציעלער באַשלוס איז דורכצופירן אַ גרויסן קאַמפּיין פאַר 150 טויזנט דאָלאַר. אַ קאָמיטעט איז דערוויילט געוואָרן אויסצואַרבעטן פּלענער, וויאַזוי דער קאַמפּיין זאָל געפירט ווערן. איך וויל אייך דאָ בלויז איבערגעבן די נעמען פון דער קאָמיטע, וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן, און פון וואָסער אָרגאַניזאַציע זיי קומען, כדי איר זאָלט פאַרשטיין, אַז מען קען איצט באמת דערוואַרטן באַדייטנדיקע רעזולטאַטן.

פון די געווערקשאַפטן זיינען אַריין אין דער קאָמיטע: ראובן גוסקין — טשערמאַן פון די געווערקשאַפטן, מ. אייבראַמסאָן — וויצע־טשערמאַן, מאַקס פּיין — סעקרעטאַר, מ. פיינשטיין — געהילפס־סעקרעטאַר, פריילין שאַפּיראָ, מר. סאָלאָוויאָף און מר. מ. גאָלדבערג. פון דער אינטערנעשאָנעל זיינען אַריין: ישראל פיינבערג, מר. סקולמאַן און מר. קאַפּלאָוויץ; די ערשטע צוויי זיינען וויצע־פּרעזידענטן פון דער אינטערנעשאָנעל. פון די קעפּ־מייקערס זיינען אַריין: זאַריצקי, דער פּרעזידענט, און מ. צוקערמאַן, דער סעקרעטאַר־טרעזשורער. פון די אַמאַלגאַמייטעד זיינען אַריין יוסף שלאָסבערג און אב.

מילער, דער איצטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דזשאָינט באָארד פון ניו־יאָרק. פון די פּאָריערס איז אַריין בראַונשטיין, דער סעקרעטאַר פון דזשאָינט־באָאַרד. פון די בעקערס איז אַריין י. גאָלדשטיין — אָן ספק די וויכטיקסטע פּערזאָן וואָס די אָרגאַניזירטע אידישע בעקערס אין אַמעריקע פאַרמאָגן. פון די פענסי לעדער גודס וואָירקערס — אָסיפ וואָלינסקי, וועמענס נאָמען איז אייך גוט באַקאַנט. פון די שריפטזעצער — י. דזשאָזעפּסאָן, דער פּרעזידענט זייערער, און גרושקין, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע. פון די מיט־אַרבעטער פון „פאָרווערטס" זיינען אין דעם קאָמיטעט אַריין: הלל ראָגאָף, מ. פּ. קרעמער און ב. באָטוויניק. פון דער בוטשערס־יוניאָן — י. קאָהן; דער וויס־פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג — י. ראָבערטס; אייב שיפּלאַקאָף, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג, און אַ פּערזאָן וואָס איז אייך אויך אָן ספק גוט באַקאַנט. לעדערמאַן פון די ניט־גודס וואָירקערס יוניאָן. עס זיינען אין דעם קאָמיטעט אַריין פאָלגנדיקע פון אונזערע חברים: דוד פּינסקי, יצחק זאַר, מאיר בראַון, ה. עהרענרייך א. העמלין, ל. סיגעל און איך.

קומענדיקן מאָנטיק, דעם 17טן דעצעמבער, וועט אָפּגעהאַלטן ווערן די אָפיציעלע זיצונג פון דער קאָמיטע. איך וועל אייך אַוודאי לאָזן וויסן דעם רעזולטאַט פון דער זיצונג.

וועגן די אַנדערע פראַגן, וואָס דער חבר בן־צבי באַרירט אין זיין בריוו צו מיר, וועל איך זיך אומקערן אין מיין צווייטן בריוו, קומענדיקע וואָך.

דערווייל, זייט געזונט און האָפּענונגספול. די אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע וועט סוף כל סוף מוזן זיך נעמען אויף דעם איינציק־מעגלעכן וועג בנוגע ארץ־ישראל.

איך בין זיכער, אַז אויך אין אונזער פּאַרטיי וועט די שטימונג אַוועקגיין אין דער ריכטיקער דירעקציע. ניט אַזוי גרינג איז עס צו באַקעמפן פּסיכאָ־לאָגישע פאָראורטיילן. אָבער אויסדויער און ענערגיע וועט אָפּראַמען פון וועג אַלע איבעריקע שטיינער, און וועט באַפרייען אונזער אַזוי־אויך־שווערן וועג פון אומזיסטע צייט־ און ענערגיע־פאַרלוסטן.

אייער,

ברוך צוקערמאַן

די פּראָקלאַמירונג פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין

א.

בײַ דער לעצטער קאָנפערענץ, וועגן וועלכער איך האָב דערציילט אין מײַן לעצטן בריוו צו חבר בן־גוריון, האָבן די אַנטוויקלונגען זיך אָנגעהויבן באַוועגן גאַנץ שנעל.

חבר מאַקס פּיין האָט זיך אָוועקגעלאָזט געווינען די פּאַרשידענע יוניאָנס. ער האָט אויך געמאַכט עטלעכע רייזעס אין אַנדערע שטעט. ער איז געווען אַנטשלאָסן צו געווינען פאַרן קאַמפּיין די פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון די צוויי גרויסע שטעט: שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע. אין שיקאַגאָ איז עס אים אָנגעקומען גאַנץ גרינג. אין פילאַדעלפיע האָט ער זיך געגרייט צו זייער אַ שאַרפן קאַמף. דאָרטן זײַנען געווען קאָנצענטרירט זייער עקסטרעמע אַנטי־ציוניסטן. אים איז עס אָבער געגאַנגען אין אַריבערגעווינען אויך פילאַדעלפיע. ער האָט געוואָלט, אַז די געווערקשאַפטן־סעקרעטאַרן פון אָט־די ביידע שטעט זאָלן אונטערשרייבן, צוזאַמען מיט אים, דעם קאַמפּיין־אויפרוף (דער מחבר פון דעם „אויפרוף" איז געווען דער חבר פּיין. איך בין געווען זײַן רעדאַקטאָר).

ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון פילאַדעלפיע, האָט זײַן פּנים געשטראַלט פון שמחה. ער האָט זיי געוואונען! דערבײַ האָט ער מיר דערציילט דאָס אויסטערלישע מיטל, וואָס ער האָט דערבײַ באַנוצט. ער האָט זיי דערציילט אַזאַ מעשה: „ערגעץ אין ווייטן אַזיע איז דאָ אַ פאָלק פון כינעזער, אָדער אינדיער. זײַנען דאָרטן דאָ אַרבעטער וואָס מאַטערן זיך צו מאַכן אַ לעבן. ווילן זיי זיך אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן. דאַרפן זיי הילף. האָבן זיי זיך געווענדעט צו אונז, מיר זאָלן זיי אין דעם העלפן. בין איך געקומען צו אײַך בעטן, אַז אויך איר זאָלט זיך באַטייליקן אין אָט־דער הילף".

האָבן זיך דערהערט אַ סך שטימען: „אַוודאי דאַרף מען זיי העלפן! זיי זײַנען דאָך אונזערע אַרבעטער־ברידער!" דאַן האָט חבר פּיין זיך צו זיי געווענדעט מיט אַזאַ אַרגומענט:

„און אַז דאָס האָט געטראָפן נישט אין ווייטן אַזיע, נאָר אין פּאַלעסטינע;

און אַז די אַרבעטער זיינען נישט קיין כינעזער און נישט קיין אינדיער, נאָר אידישע אַרבעטער, דאַרפן מיר זיי נישט העלפן?"

און דורכדעם האָט ער געוואונען זיין פּונקט. ווי מען קען זען פון דעם קאַמפּיין־אויפרוף, וואָס איך ברענג באַלד, האָבן ביידע געווערקשאַפטן־סעקרעטאַרן, סיי פון שיקאַגאָ, סיי פון פילאַדעלפיע, גע׳חתמ׳עט דעם אויפרוף.

ב.

איך פּערזענלעך האָב דווקא במשך יענע עטלעכע וואָכן דורכגעלעבט עטלעכע שווערע מאָמענטן. מען האָט דאָך געדאַרפט באַשטימען, וועלכע פּערזענלעכקייטן עס זאָלן געשטעלט ווערן בראש פון קאַמפּיין. האָבן זיך אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פאָרמירט צוויי קעגנזעצלעכע צוגאַנגען. איך — מיט אַ געציילטע צאָל חברים — האָבן געהאַלטן, אַז מיר, פועלי־ציון, דאַרפן זיך נישט שטופּן צו פאַרנעמען שפּיגל־פּלעצער אין קאַמפּיין. מיר האָבן געזאָגט, אַז דער קאַמפּיין דאַרף סיי דורך זיין אויסזען, סיי אין פאַקט, זיין דער קאַמפּיין פון די אידישע טרייד־יוניאָן באַוועגונגען. דעריבער דאַרפן זיי — די טרייד־יוניאָן פירער — פאַרנעמען די שפּיגל־פּלעצער אין קאַמפּיין. די מאַיאָריטעט פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז דווקא מיר אַליין מוזן זיך סיי באַפעסטיקן אין קאַמפּיין, סיי זיך טאַקע אין אים אָנזען דורך אונזערע וויכטיקסטע מענטשן אויף שפּיגל־פּאָזיציעס.

איינער פון דער מאַיאָריטעט איז געווען דער טייערער חבר וועלוול שוואַרץ, וואָס איז דאַן שוין געהאַט צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי דער לעגיאָן איז דעמאָביליזירט געוואָרן. דער דאָזיקער געוואַלטיק־איבערגעגעבענער חבר צו אונזער אידייע און צו דער באַוועגונג האָט געהאַט אַ טבע, אויף אַ גאַנץ־גוטמוטיקן אופן, שאַרף אָריינצוזאָגן חברים, וועלכע האָבן געהאַנדלט נישט ווי ער האָט געדענקט, אַז זיי האָבן געדאַרפט האַנדלען. ער האָט אָט־דעם מעטאָד אָנגעווענדט אפילו קעגן חבר סירקין. אַוודאי האָט ער מיך אויך נישט געשאָנעוועט. ווען איך האָב אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז מיר זאָלן פאָרשלאָגן פאַר פאָרזיצער פון קאַמפּיין דעם חבר מאַקס פיין, איז חבר וועלוול שוואַרץ גלייך אַרויסגעשפּרונגען מיט אַזאַ מענה־לשון:

„אידיאָט!" — האָט ער צו מיר צוגעשריען — „איר אַליין דאַרפט ווערן דער פאָרזיצער פון קאַמפּיין. אונזערע חברים מוזן אָנהויבן ווערן אָנגעזען צווישן די אידישע אַרבעטער, אויב מיר ווילן זיי געווינען פאַר אונזערע אידעאַלן. מיט וואָס איז מאַקס פיין מער מר־בר־רב־אשי פאַר אייך? אַוודאי, אַז מיר באַהאַלטן זיך אונטער די פּאָלעס פון אַנדערע, זעט מען יענע אַרויס,

ווערן זיי פּאָפּולער, באַקומען זיי איינפלוס און מיר בלייבן אַלעמאָל אין אַ ווינקל״.

נאָך שאַרפּער איז ער קעגן מיר אַרויסגעטראָטן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, ווען מיר האָבן דיסקוטירט, ווער עס דאַרף ווערן דער פאַרוואַלטער פון קאַמפּיין. דעם אַמט וואָלט איך דווקא יאָ אָנגענומען, אָבער איך האָב נישט געקענט פאַרלאָזן „פּיפּלס־רעליף״, וואָס האָט דאַן דורכגעמאַכט שווערע צייטן. האָט מען גענומען זוכן קאַנדידאַטן. חברים האָבן פאָרגעשלאָגן די קאַנדידאַטור פון חבר אייזיק העמלין, וועמען איך האָב מיט עטלעכע חדשים פריער באַוואויגן צו פאַרלאָזן באָסטאָן, זיך באַזעצן אין ניו־יאָרק און איבערנעמען דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. חבר העמלין האָט אַזוי געטאָן. איך בין לכתחילה געווען קעגן, טאַקע דערפאַר, וואָס חבר העמלין איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. איך האָב גערעכנט, אַז אויך אָט־די וויכטיקע פּאָזיציע אין קאַמפּיין דאַרף פאַרנעמען אַן אָנגעזעענער פירער פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. סוף־כל־סוף האָב איך איינגעזען, אַז חבר העמלין איז אַ גוטער קאָמפּראָמיס, ווייל דעם חבר העמלין האָבן די מערסטע פירער פון די אידישע טרייד־יוניאָן גוט געקענט — אַ סך פון זיי פלעגן אָפט באַזוכן באָסטאָן אין די אינטערעסן פון „פּיפּלס־רעליף״ און דאָרטן האָבן זיי זיך דערוואוסט פון דער ענערגישער טעטיקייט פון די ברידער אייזיק און איב העמלין. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז די העמלינס זיינען באַליבט אויך ביי די לאָקאַלע באָסטאָנער אידישע טרייד־יוניאָן פירער און אַפילו ביי אַ סך מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. ווען בכן די טרייד־יוניאָן פירער מסכים זיין צו אָט־דער קאַנדידאַטור. די מאַיאָריטעט פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט נוטה געווען אָנצונעמען די העמלין־קאַנדידאַטור. אָבער נישט דער חבר וועלוול שוואַרץ. פאַר אים איז דער חבר העמלין געווען נאָך נישט גענוג „ותיק״ אין אונזער באַוועגונג. האָט ער מיך ווידער באַטיטלט מיטן טיטל, וואָס ער האָט זייער פריי אויסגעטיילט אַלעמען: „אידיאָט!״ און האָט נאָך דערצו צוגעגעבן: „אַ מאָדנער איד דער צוקערמאַן. ער האָט אין באָסטאָן באַגעגנט אַ אינגל, וואָס זינגט שיין אידישע לידלעך, איז שוין! האָט ער אים פריער געמאַכט פאַרן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און איצט איז ער שוין מסכים אים אַוועקצוזעצן אויף אַזאַ וויכטיקער פּאָזיציע אין קאַמפּיין״.

אַזעלכע אומאָנגענעמע קאָנפליקטן זיינען פאָרגעקומען כמעט בנוגע יעדן אַמט, וואָס מען האָט געדאַרפט באַזעצן אין קאַמפּיין. אויך די פראַגע, ווער עס זאָל זיין די ביוראָ פון קאַמפּיין, האָט אַרויסגערופן חילוקי־דעות. די

מאַיאָריטעט פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט געוואָלט, אַז די ביוראָ פון קאַמפּיין זאָל זיין אין ביוראָ פון דער פּאַרטיי. קעגן דעם האָב איך געקעמפט און — נישט אויסגעפירט. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט דער וויכטיקסטער פראַגע, וואָס האָט דאַן געמאַכט אַ מחיצה צווישן מיר און כמעט דעם גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט. מיט מיר זיינען געווען באמת נאָר געציילטע חברים. איז געווען די פראַגע: צו וועמען זאָל געשיקט ווערן דאָס געלט פון קאַמפּיין? פּרטים וועגן דעם וועלן די לייענער געפינען אין דעם בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו חבר בן־גוריון, עטלעכע חדשים נאָכדעם ווי דער קאַמפּיין איז שוין געפירט געוואָרן. אָט־דעם בריוו וועל איך באַלד איבערגעבן (מער וועל איך מיך מיט בריוו נישט באַשעפטיקן. איך האָב אין יענעם יאָר געהאַט געגנוג עניינים מיט בריוו. איר געדענקט מן־הסתם, אַז אויך מיין בריוו־אויסטויש מיט לואי מאַרשאַל איז פאָרגעקומען אין יוני 1923).

נאָך אַלע צוגרייטונגען איז ענדלעך דער קאַמפּיין־אויפרוף פאַרעפנט־לעכט געוואָרן. ס׳איז כדאי אים איבערצוגעבן אינגאַנצן. דער אויפרוף האָט געזאָגט:

ג.

צו די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע בפרט און צו די אידישע פאָלקס־מאַסן בכלל!

ברידער און שוועסטער:

די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע האָבן, דורך אַ בריוו צו די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק, זיך געווענדעט צו די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע מיט דעם פאַרלאַנג צו פאַראינטערעסירן זיך אין זייער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אין פּאַלעס־טינע און העלפן זיי באַפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס.

דער בריוו איז געשיקט געוואָרן צו אונז פון דער פּאַלעסטינער אַלגע־מיינער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אָנגעשלאָסן אין דעם אַמסטערדאַמער טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל און איז דורכדעם אַן אָנער־קענטער טייל פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אין זייער בריוו ווערט דערציילט, אַז די דאָרטיקע אידישע אַרבעטער האָבן שוין אויפגעבויט יוניאָנס, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציע; אַז אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, ווי אויך די וועלכע געהערן אינגאַנצן נישט צו קיין פּאַרטיי, זיינען אָנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע; עס ווערט אין בריוו דערציילט, וויאַזוי די אַרבעטער האָבן דאָרטן אויפגעבויט זייערע קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן און זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון; ווי־אַזוי עס אַרבעטן זייערע אינדוסטריעלע, אַגריקולטורעלע און קולטורעלע

אינסטיטוציעס און וויאַזוי זיי לייגן דאָרט דעם פונדאַמענט פאַר אַ סאָציאַ־ליסטישערווירטשאַפט.

עס ווערט דאָרטן ווייטער דערציילט, וואָס פאַראַ שוועריקייטן די אידישע אַרבעטער האָבן בייצוקומען אויף זייער וועג. זיי בויען זייערע אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיוון ניט האָבנדיק גענוג מאָדערנע געצייג. זיי אַרבעטן אונטער ניט־גוטע סאַניטאַרע באַדינגונגען און האָבן ניט גענוג מעדי־קאַמענטן צו היילן זייערע קראַנקע אַרבעטער. זיי זוכן צו באַשאַפן וואָס מער פּאָזיציעס פאַר נייע אידישע אַרבעט־זוכער, ניט האָבנדיק גענוג מיטלען אויפצוהאַלטן, פאַרגרעסערן און פאַרברייטערן זייערע אינסטיטוציעס. זיי גע־פינען אין זיך דעם כח בייצוקומען אַלע שוועריקייטן אין דער האָפענונג, אַז זיי גרייטן צו אַ לאַנד און מאַכן פּלאַץ פאַר נייע צענדליקער־טויזנטער היימ־לאָזע און ברויטלאָזע אידן. אַט־די האָפענונג פילט אָן זייערע הערצער מיט נייעם מוט. פון אַט־דעם גלויבן שעפּן זיי נייע ענערגיע אין דער גרויסער און שווערער אויפגאַבע, וועלכע זיי האָבן אונטערנומען.

זייער בריוו האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקן אינטערעס אין די אידישע אַרבעטער־קרייזן. און אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק האָט צוזאַמענגערופן פון פירער פון אידישע טרייד־יוניאָנס און אינטערנעשאָנעלס, איז באַשלאָסן געוואָרן צו קומען צו־הילף אונזערע פּאַלעסטינער ברידער.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אַ קאַמפּיין פאַר הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר, וואָס זאָל איבערגעשיקט ווערן צו דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון פּאַלעסטינע. אַ קאָמיטע איז אויסגע־קליבן געוואָרן, אין וועלכער אַלע אידישע אַרבעטער־יוניאָנס זיינען פאַר־טראָטן. אַט־די קאָמיטע וועט אָנפירן דעם קאַמפּיין איבערן גאַנצן לאַנד. און מיר ווענדן זיך צו איך, אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פון אַמע־ריקע, העלפן אונז דערפירן דעם קאַמפּיין צו אַ פולן דערפאָלג.

איבערלאָזנדיק צו יעדן אידישן אַרבעטער זיין גלויבן אָדער ניט־גלויבן אין דעם ציוניסטישן אידעאַל, מוזן מיר אָבער אַלע געדענקען דעם פאַקט, אַז אין פּאַלעסטינע באַפעסטיקט זיך אַ אידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס בויט איר לעבן אויף אַ געזונטן, פּראָדוקטיוון און קאָאָפּעראַטיוון יסוד. מיר מוזן געדענקען, אַז פאַר די לעצטע יאָרן האָט פּאַלעסטינע געראַטעוועט פון מאָראַ־לישער און מאַטעריעלער רואינע צענדליקער־טויזנטער אידן, געבנדיק זיי די מעגלעכקייט, דורך אייגענער מי און אַרבעט, זיך צו דערשלאָגן צו אַן אָנשטענ־דיקער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

איצט, ווען די טויערן פון אַלע איינוואַנדערונגס־לענדער ווערן אַלץ ענגער געשלאָסן; איצט, ווען די שוידערלעכע וועלט־מלחמה, דער אומגליקלעכער שלום און די בלוטיקע פּאָגראָמען האָבן אַרויסגעוואָרפן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס הונדערטער־טויזנטער אידן, ווען די אַרויסגעשטויסענע אידן פון אַלע לענדער, פאַרטריבענע פון אַלע פעלקער, זוכן ערגעץ אַן אָרט וואו זייערע קעפּ אָנצושפּאַרן — איצט איז עס דער הייליקסטער חוב פון יעדן איינעם פון אונז צו העלפן פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדיקע פּאָזיציעס און העלפן בויען נייע פּאָזיציעס פאַר די אַרבעט־זוכנדיקע אידן אין פּאַלעסטינע.

די אידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע בויען אַזעלכע פּאָזיציעס. מיט אַ

זעלטענעם אידעאַליזם און אָפּפערווילִיקייט, צו וועלכע די אידישע אַרבעטער זיינען אַלעמאָל געווען פעאיק, ווען נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן העכערע אידעאַלן, טראָגן די אידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע גופא ציגל נאָך ציגל צו דער הערלעכער געביידע. זיי זיינען גרייט אַליין צו די גרעסטע קרבנות, כדי צו באַשאַפן וואָס מער פּאָזיציעס פאַר נייע אידישע אַרבעט־זוכער. ווען די נייע איינוואַנדערער קומען אין לאַנד, טיילן זיך די אידישע אַרבעטער מיט זיי זייער לעצטן ביסן. פון זייערע מאַגערע פאַרדינסטן גיבן זיי אַליין אָפּ באַדייטנדיקע טיילן צו זייערע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, אַלץ מיט דעם צוועק מעגלעך צו מאַכן אַריינבערענגען אין לאַנד וואָס מער אידישע אַרבעט־כוחות. זיי פאַרלאַנגען פון אונז, מיר זאָלן זיי העלפן אין דער אומגעהויערער אָנשטרענגונג וואָס זיי מאַכן.

און אָט צוליב דעם ווענדן מיר זיך צו אייך מיט אָט־דעם רוף.

מיר רופן אייך, ברידער און שוועסטער, גרינגער צו מאַכן אונזערע ברידער־פּיאָנערן זייער שווערע לאַסט. מיר רופן אייך צו געבן זיי געצייג און מאַשינען. מיר רופן אייך צו העלפן זיי פאַרמערן זייערע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, כדי צו העלפן באַזעצן נייע אידישע אַרבעטער. מיר רופן אייך צו העלפן זיי בויען זייערע יוניאָנס, זייערע אייגענע פּראָדוציר־און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, זייערע אייגענע אַרבעטער־קרעדיט־אַנשטאַלטן און אַנדערע נויטיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. מיר רופן אייך צו העלפן זיי מעגלעך מאַכן אַריינצוברענגען אין לאַנד וואָס אַ גרעסערע צאָל פון יענע צענדליקער־טויזנטער ברידער אונזערע, וואָס זוכן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַרבעט און ברויט און באַגעגענען הונגער און היימלאָזיקייט, האַס און פּאָגראָמען.

און זאָל אונז ניט אַנטמוטיקן דאָס, וואָס די לאַגע אין פּאַלעסטינע איז איצט אַ שווערע. לאָמיר גוט געדענקען, וויפל קרבנות עס האָט אונז געקאָסט אין אַמעריקע ביז אונז איז געלונגען אויפצוהויבן אונזער אַרבעטערשאַפט צו אַ מענטשלעכער עקאָנאָמישער מדרגה. זאָל אונז אויך ניט אָפּהאַלטן דאָס, וואָס אונזער אייגענע לאַגע איז איצט אויך ניט קיין גלענצנדיקע. אין פאַרגלייך מיט יענע, וועלכע דאַרפן אַריינגעבראַכט ווערן אין פּאַלעסטינע, איז אונזער לאַגע אָן אַן ערך אַ בעסערע. און פּונקט ווי די אַרבעטער אין פּאַלעסטינע קוקן ניט אויף זייערע אייגענע שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און טוען אַלץ כדי צו העלפן אַריינברענגען נייע אימיגראַנטן און באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט, אַזוי איז עס אויך אונזער חוב צו העלפן זיי, ניט קוקנדיק אויף אונזער אייגענער שווערער לאַגע.

און מיט דעם גאַנצן פייער פון אונזער האַרצן; מיט דעם פייער וואָס איז געצונדן פון דער שרעקלעכער נויט פון אונזערע מאַסן; מיט דעם ברענענדיקן פאַרלאַנג וואָס גליט אין אונז צו זען אונזערע מאַסן לעבן אין זיכערקייט, און באַשעפטיקט אין פּראָדוקטיווער אַרבעט; מיט דעם גאַנצן ערנסט פון מענטשן, פאַר וועמען דער גורל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט איז געוואָרן דער זין פון זייער עקזיסטענץ, אַפּעלירן מיר צו אייך:

רופט זיך אָפּ, שוועסטער און ברידער! רופט גלייך צוזאַמען קאָנפערענצן פון אַלע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אייערע שטעט. גרינדעט קאָמיטעטן אין יעדער שטאָט. פאַרבינדט זיך מיט אונזער הויפּט־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. און זאָל דער קאַמפּיין איבערן גאַנצן לאַנד געפירט ווערן מיט

דער גרעסטער באַגייסטערונג און מיט דער נויטיקערווירדע, ווי עס פּאַרדינט דער צוועק פון דעם קאַמפּיין און ווי עס פּאַסט פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע.

זאָל קיין איינציקע שטאָט ניט פעלן אין אַט־דעם קאַמפּיין. וואו נאָר עס עקזיסטירט אַ אידישע יוניאָן, אַ ברענטש פון אַרבעטער־רינג, אַ ברענטש פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אַ ברענטש פון אַ אידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, זאָל דער קאַמפּיין געפירט ווערן. לאָמיר באַווייזן, אַז ווען די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע אונטערנעמט אַ קאַמפּיין, פירט זי אים דורך מיט דערפאָלג.

און ווען דער קאַמפּיין וועט זיין פאַראיבער, לאָמיר דורך דעם געלט וואָס מיר וועלן שיקן צו אונזערע ברידער אין פּאַלעסטינע זיי אָנזאָגן, אַז זיי זיינען ניט אַליין אין דער שווערער אַרבעט וועלכע זיי טוען; אַז מיר, די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, שעצן אָפּ די באַדייטונג פון זייער אַרבעט פאַר אַלע אידישע פאָלקסמאַסן, און זיינען גרייט מיטצוהעלפן מיט וויפל עס איז נאָר אין אונזער כח. לאָמיר זיי זאָגן, אַז מיר גיבן זיי ניט קיין נדבות, נאָר צוזאַמען מיט זיי ווילן מיר זיך באַטייליקן אין דער העראָאישער אַרבעט וועלכע זיי פירן אָן, אַריינצובריינגען אין פּאַלעסטינע וואָס אַ גרעסערע צאָל אידן, וועלכע זאָלן דורך אַרבעט און מי באַזאָרגן זייער אייגענע חיונה און דורך דעם העלפן באַפעסטיקן אונזערע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע.

מיט טיפן גלויבן, אַז די אידישע אַרבעטער און די אידישע פאָלקס־מאַסן וועלן ענטפערן אונזער רוף, מיט האַרציקן ברודער־גרוס צו אַלע אונזערע ברידער איבערן לאַנד,

צייכענען מיר,

געווערקשאַפטן $150,000.00 קאַמפּיין קאָמיטעט פאַר די אידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע

מאַקס פּיין, סעקרעטאַר פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו יאָרק — טשערמאַן.

מאַקס צוקערמאַן, סעקרעטאַר־טרעזשורער פון די יונייטעד העט און קעפּ־מאַכערס יוניאָן פון נ. אַמעריקע — טרעזשורער.

מ. אַבראַמסאָן, וויס־פּרעזידענט פאַר־אייניקטע אידישע געווערקשאַפטן.

א. בראונשטיין, דזשענעראַל־מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד פאַריערס יוניאָן.

ב. באַטווייניק.

י. מ. בודיש, רעדאַקטאָר פון „העדגער וואָרקער".

מ. בראַגינסקי, סעקרעטאַר פאַראייניקטע איד. געווערקשאַפטן פון פילאַדעלפיע.

מאיר בראון, פּרעזידענט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

דזש. גאָלדשטיין, נאַציאָנאַלער אָרגאַניזער פון די בעקערס יוניאָן.

ש. גאָלדשטיין, גענעראַל־סעקרעטאַר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

ראובן גוסקין, טשערמאַן פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן.

י. דזשאָזעפּסאָן, פּרעזידענט שריפטזעצער־יוניאָן, לאָקאַל 83.

א. העמלין, גענ. סעק. אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פועלי ציון.

ל. הענאק, סעק. פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון שיקאַגאָ.

ה. וואַנדער, וויס־פּרעזידענט פון אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

אָסיפּ וואָלינסקי, גענ. מענעדזשער פון פענסי לעדער גודס וואָרקערס יוניאָן.

מ. זאַריצקי, פּרעזידענט פון יונייטעד העט און קעפּ־מייקערס יוניאָן פון נאָרד־אַמעריקע.

מאָרים זיסקינד, פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, שיקאַגאָ.

א. ליעסין, רעדאַקטאָר פון „צוקונפט".

ד״ר ז. לאָרבער, טרעזשורער פון קאַמפּיין־קאָמיטעט, שיקאַגאָ.

א. מיללער, סעקרעטאַר־טרעזש. דזשאָינט באָאַרד אַמאַל. קלאָטינג וואָרקערס יוניאָן.

אַב. סקולמאַן, וויס־פּרעזידענט אינטער. לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

דוד פּינסקי.

מ. פיינסטאָון, אַסיס.־סעק. פון פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן.

ישראל פיינבערג, וויס־פּרעז. אינט. לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

סאָל. פּאָליאַקאָוו, מענעדזשער דזשאָינט באָאַרד קלאָוק־מאַכער יוניאָן פון באַל־טימאָר.

ב. צוקערמאַן, גענ. מענעדזשער פּיפּלס־רעליף „אָרט" פון אַמעריקע.

אַלעקסאַנדער קאַהאַן.

מ. קאַופמאַן, פּרעזידענט אינטערנעשאָנעל פאָר וואָרקערס יוניאָן.

פּ. קאָפּלאָוויטש, קאַסירער פון דער אינטערנעשאָנעל יוניאָן באַנק.

הלל ראָגאָף.

י. ראָבערטס, וויס־טשערמאַן פון אַרב. רינג.

אברהם שיפּליאַקאָוו, דירעקטאָר פון פאַראייניקטן אַרב. בילדונגס קאָמיטעט.

יוסף שלאָסבערג, גענ. סעק. אַמאַלגאַמייטעד קלאָטינג וואָרקערס פון אַמעריקע.

ד.

ענדלעך איז אין פעברואַר 1924 דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פּראָקלאַמירט געוואָרן. די וויכטיקסטע רעדע איז געהאַלטן געוואָרן דורך מאַקס פּיין. און די סאַמע־העכסטע מדרגה פון באַגייסטערונג איז דערגרייכט געוואָרן אינעם מאָמענט, ווען חבר פּיין האָט אויסגערופן, אַז „עס איז געקומען די צייט מיר זאָלן אַראָפּנעמען דעם חרם, וואָס איז ביז איצט געלעגן אויף די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל!" איך וועל שפּעטער זאָגן עפּעס וועגן דער געשיכטלעכער באַדייטונג פון אָט־דעם זאַץ. דערווייל איז גענוג צו שליסן אָט־דאָס קאַפּיטל מיט דער אָנווייזונג, אַז אָט־די אידישע אַרבעטס־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז דאַן אויפגעשטעלט געוואָרן, לעבט נאָך און פונקציאָנירט נאָך ביז היינט. דער ערשטער קאַמפּיין האָט אַריינגעבראַכט טאַקע אַזאַ סומע, ווי איך האָב פאָראויסגעזאָגט אין איינעם פון מיינע בריוו צו די חברים בן־צבי און בן־גוריון. אָבער דער קאַמפּיין איז געוואַקסן פון

איבער 50 טויזנט דאָלאַר אין ערשטן יאָר צו יערלעכע זאַמלונגען פון מיליאָנען דאָלאַרן. איך רעכן, אַז אַלע האָפענונגען, וואָס מיר האָבן פאַרבונדן מיטן ערשטן קאַמפּיין, זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן. פּאָליטיש האָט ער אונז געגעבן פיל מער ווי מיר האָבן דערוואַרט. ער האָט פאַר אונז אויסגעבאַנט דעם וועג צו דער אַלגעמיינער גרויסער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. אָבער אָט־די וויטערדיקע אַנטוויקלונגען גייען שוין אַרויס פון דער ראַם, וואָס איך האָב פאַר זיך גענומען: צו דערציילן די פּאַר־געשיכטע פון קאַמפּיין.

צו אָט־דער פּאַר־געשיכטע געהערט זיכער דאָס וואָס איך דערצייל אין דעם גאַנץ־לאַנגן בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו חבר בן־גוריון אין מיטן יוני 1924. אָט־דער בריוו זאָגט:

ה.

ניו־יאָרק, דעם 14טן יוני, 1924.

ליבער חבר בן־גוריון:

איך ווייס ניט וואָס דענקען וועגן מיר די חברים פון דער עקזעקוטיווע פון דער הסתדרות. איך ווייס, אַז איך בין אייך שולדיק אַ דערקלערונג. איך וויל אַזאַ דערקלערונג פּרובירן איצט שרייבן. ווי ווייט דאָס וועט מיר גע־לינגען, ווייסט איין גאָט.

וואָרים איך האָף, אַז איר וועט מיר גלויבן, אַז ניט צוליב פוילקייט האָב איך אייך ביז איצט ניט געשריבן. איך וואָלט געקענט אָנגעבן אַ פּשוטן תירוץ, אַז מיינע קאָפּ־דרייעניש אין פאַרבינדונג מיט דער ליקווידאַציע פון פּיפּלס־רעליף האָבן מיר ניט געלאָזט קיין פרייע צייט. דאָס וואָלט טיילווייז אויך געווען אמת, אָבער ניט אינגאַנצן. אמת, אַז כדי צו שרייבן צו אייך האָב איך געפילט, אַז עס וועט מיר מוזן פאַרנעמען אַ לאַנגע צייט. דאָך וואָלט איך געפונען אַ פּאָר שעה, און וואָלט צו אייך געשריבן, ווען ניט די מורא, אַז איך זאָל דערנאָך ניט דאַרפן חרטה האָבן פאַר אַרויסברענגען די געפילן, וואָס האָבן מיך באַהערשט אין פאַרשידענע צייטן, זינט איך האָב אייך מיינע לעצטע בריוו געשריבן.

וואָלט איך געוואוסט דאָס, וואָס איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז דער חבר העמלין האָט חדשים נאָכאַנאַנד צו אייך גאָרנישט געשריבן וועגן דעם גאַנצן גאַנג פון קאַמפּיין, ווייס איך ניט צי וואָלט איך זיך געקענט איינ־האַלטן און ניט שרייבן אייך. אָבער וועגן דעם האָב איך זיך דערוואוסט ערשט ווען חבר טאָמאַשאָוו איז געקומען אַהער. דאָס האָט נאַטירלעך מיין געמיט־צושטאַנד נאָך מער אויפגערעגט. ווען איך וואָלט אייך דאַן גלייך געשריבן, ווייס איך ניט צי איך וואָלט געהאַט איבער זיך די קאָנטראָל, וואָס מיר דוכט, אַז איך פאַרמאָג איצט, צו דערציילן אייך אַזוי קאַלט ווי מעגלעך, וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים.

אַלגעמיינע ידיעות, בין איך זיכער, האָט איר יאָ געהאַט דורך דעם חבר טאָמאַשאָוו. טאָקע צוליב דעם האָב איך אַלץ געוואַרט פאַר אַ מער פּאַסנדיקער געלעגנהייט, ווען איך זאָל אייך קענען געבן מיין איבערבליק פון דער לאַגע,

ווייל איך האָב געוואוסט, אַז וואָס שייך פּאַקטישע ידיעות, קריגט איר זיי שוין דורך דעם חבר טאַמאַשאָוו.

נאָך אַזאַ לאַנגער הקדמה קען איך איבערגיין צום ענין.

ליידער איז דער ענין אַליין אויך פאַרבונדן מיט אַ לאַנגער הקדמה. איך האָב באַשלאָסן דאָס מאָל אייך צו דערציילן, ניט נאָר דאָס וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין מיר נאָך מיין נשמה פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים, נאָר אויך דאָס, וואָס האָט זיך אַנגעקליבן אין מיר כמעט פאַר די לעצטע צוויי יאָר. איך פאַרזיכער אייך, אַז ביז היינט האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אַפילו מיט וועמען עס איז פון מיינע נאָענטסטע צו ריידן וועגן דעם. אָבער, איך פיל אַ באַדערפעניש צו ווער עס איז דאָס אַרויסצוזאָגן. הויפּטזעכלעך, צוליב דעם, ווייל סוף־כל־סוף וועט דאָך אונזער עפנטלעכקייט דאַרפן וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט. איך דאַרף אייך נישט דערציילן, אַז צווישן מיר און דעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי איז אויסגעבראָכן אַ זייער טיפער סכסוך. איר האָט עס זיכער אַרויסגעלייענט פון די בריוו, וואָס איך האָב אייך גע־שריבן בעת די פראַגע פון דער דעלעגאַציע איז פאַרהאַנדלט געוואָרן, אָבער דער סכסוך הויבט זיך ניט אָן מיט דער דעלעגאַציע־פראַגע. אָנגעהויבן האָט זיך עס כמעט מיט אַ גאַנצן יאָר פריער. די עיקר שטרייט־פּונקטן זיינען געווען וועגן אונזער באַציאונג צו דער הסתדרות.

דער קאָנפליקט אַרום דער הסתדרות איז אויפגעשטאַנען ביי אונז אין פאַרשידענע פאָרמען און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אַמשאַרפסטן איז ער אויפגעשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּיפּלס־רעליף, און דאַן, שפּעטער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געבן אינסטרוקציעס אונזער דעלעגאַט צו דער וועלט־קאָנפערענץ וועגן דעם אופן, וויאַזוי די נייע פאַרוואַלטונג פונעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד זאָל איינגעאָרדנט ווערן.

איך האָב געלייענט די פּראָטאָקאָלן וואָס איר האָט אַמאָל צוגעשיקט צום צ. ק. בנוגע דעם סכסוך וואָס איר האָט דאָרטן געהאַט מיט פאַרטרעטער פונעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, וועגן געלטער פון פּיפּלס־רעליף. איך מוז אייך זאָגן, אַז יעדעס וואָרט וואָס איך האָב דאָרטן געלייענט האָט מיך געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. איך האָב זיך געפילט שרעקלעך זינדיק, וואָס כ׳האָב אַרויס־געוויזן אַזאַ שוואַכקייט וואָס האָט געפירט דערצו, אַז געלט וואָס האָט באַ־לאַנגט צו דער הסתדרות איז געשיקט געוואָרן צום פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד. די ניט־פּועלי־ציוניסטישע עלעמענטן אין פּיפּלס־רעליף האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן דעם גאַנצן סכסוך. בנוגע ארץ־ישראל־פראַגן האָבן זיי געהאַט געגנוג צוטרוי צו מיר און האָבן עס איבערגעלאָזט אינגאַנצן צו מיר; און אונזער דעמאָלטיקער צ. ק. האָט קעגן מיין ווילן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דאָס געלט זאָל געשיקט ווערן צום פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, און איך בין באַגאַנגען די נאַרישקייט צו לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון דעם באַשלוס און צו שיקן אַ טייל פון דעם געלט צום פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד.

ווען איך האָב דערזען, אַז דער דרוק אויפן צ. ק. מצד די פאַרטרעטער פונעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד און פון אונזער אייגענעם וועלט־פאַרבאַנד גייט אָן ווייטער — און אונזער אייגענער צ. ק. האָט געוואָלט דעם זעלביקן דרוק אויסאיבן ווייטער אויף מיר — האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, און איך האָב געמאָלדן דעם צ. ק., אַז איך וועל זיך מער ניט אונטערוואַרפן

אונטער זיינע באַשלוסן, און איך האָב אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט ברענגען צו דער אַדמיניסטראַציע פון פּיפּלס־רעליף די פראַגע, וועל איך מיט מיין גאַנצער קראַפט אַרויסגיין קעגן דעם פאָרשלאַג וואָס זיי האָבן געוואָלט דורכ־פירן, אַז דאָס געלט זאָל ווייטער גיין צום פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד. אַזאַ מין סאָרט „פּאַרראַט" האָט, נאַטירלעך, די מאַיאָריטעט פון צ. ק. ניט געקענט אַראָפּשלינגען. האָט מען געזוכט אויף פאַרשידענע אופנים, מיט גוטן און מיט בייזן, מיך צו באַוועגן צו ענדערן מיין שטעלונג. אָבער וואָס ווייטער זיי האָבן געמאַכט אַזעלכע פאַרזוכן, אַלץ פעסטער בין איך געוואָרן ביי זיך, אַז מיר האָבן קיין רעכט ניט געהאַט צו נעמען געלטער, וואָס ווערן אין יעדעס לאַנד געשיקט צו אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און בנוגע ארץ־ישראל שיקן עס צו אַן אַנשטאַלט, וואָס געהערט ניט צו דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט. און ווען איך האָב די ערשטע סומע געלט צוריק אַוועקגעשיקט צו דער הסתדרות, איז דער קאַמף צווישן מיר מיט די חברים פון איצטיקן צ. ק. נאָך טיפער געוואָרן.

דאַן איז געקומען די צוגרייטונג צו דער 6טער וועלט־קאָנפערענץ און די פראַגע פון ווייטערדיקער פאַרוואַלטונג פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד איז פאַרהאַנדלט געוואָרן ביי אונז. עס זיינען געווען איניקע חברים, ווי צ. ב. די חברים זאַר, עהרענרייך און איך, וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז דער פּאַלעס־טינע אַרבעטער־פאָנד זאָל אינגאַנצן איבערגיין צו דער הסתדרות. איך האָב וועגן דעם געשריבן אַ ספּעציעלן אַרטיקל אין דעם „אידישער אַרבעטער", וועלכן איך בין זיכער, אַז איניקע פון אייך האָבן געלייענט. מיינע אַרגו־מענטן זיינען געווען אַ סך שאַרפערע ווי די וואָס זיינען דערשינען אין דעם אַר־טיקל, אָבער דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר, חבר פּינסקי, האָט עס אַביסל אַרומגעפּוצט. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער געפּלאַנטער קאָמיטעט פאַר דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דיסקוסיע־פּלאַץ, אין בעסטן אופן, און אין אַ קריגערייי־קלוב וועגן העגעמאָניע, אָן דער מעג־לעכקייט עפּעס צו טאָן. אויף איין זיצונג פון צ. ק. איז מיט אַ מאַיאָריטעט אָנגענומען געוואָרן אונזער פאָרשלאַג, אָבער די אַנדערע חברים האָבן עס, נאָך מיין מיינונג, דורך ניט קיין שיינע מעטאָדן, געבראַכט צוריק צו אַ צווייטער זיצונג, און דאָרטן איז די אינסטרוקציע פון צ. ק. צום דעלעגאַט געווען פאַר אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט, אַזוי ווי עס איז באַשאַפן געוואָרן אין קאַרלסבאַד.

איך האָב נאָך עד־היום דעם איינדרוק, אַז אַט־יענער באַשלוס פון אַמע־ריקאַנער צ. ק. איז געווען דער דעציזירנדיקער אין דער גאַנצער זאַך. איך בין אין קאַרלסבאַד ניט געווען. אָבער מיר דוכט זיך, אַז ווען דער אַמערי־קאַנער פאַרטרעטער וואָלט געקומען מיט אַ קלאָרער אינסטרוקציע צו דער קאָנפערענץ, אַז עס דאַרף זיין איין פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, וואָס דאַרף נאַטירלעכערוויז געהערן צו דער פאַראייניקטער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון ארץ־ישראל, וואָלט די קאַרלסבאַדער פאַרזעעניש קיינמאָל ניט געשאַפן גע־וואָרן, ווייל איך באַטראַכט דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין קאַרלסבאַד, פאַר דעם גרעסטן אומזין וואָס איז נאָר מעגלעך. און דאָס ערגסטע איז, וואָס לויט מיין טיפער איבערצייגונג, וועט ער ניט קענען

דורכגעפירט ווערן סיי־ווי־סיי. עס וועט בלויז פירן דערצו, אַז די פירמע „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד" זאָל סוף־כל־סוף באַנקראָטירן.

איך האָב דאָס אייך אַלץ דערציילט, כדי פאַר אייך זאָל קלאָרער ווערן דאָס, וואָס האָט פּאַסירט די לעצטע עטלעכע חדשים. ווען דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער סכסוך זיך ווידער אָנגעהויבן. מיין ליניע איז געווען, אַז מיר, די פּועלי־ציון, זאָלן ווי ווייט מעגלעך אָפיציעל זיין פון וויטן. דאָס הייסט, מיר זאָלן טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך אין אונזערע כוחות צו מאַכן דעם קאַמפּיין פאַר אַ דערפאָלג; אָבער צוליב די אינטערעסן פון קאַמפּיין און צוליב די אינטערעסן פון וויטערדיקער אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט זאָלן די פירנדיקע חברים פון דער פּאַרטיי, וואָס וויניקער פּאַרנעמען פירנדיקע ערטער אין דעם קאַמפּיין. ספּעציעל בין איך געווען שטאַרק קעגן דעם, אַז דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי זאָל אויך ווערן דער דירעקטאָר פון קאַמפּיין, און נאָך מער בין איך געווען קעגן דעם, אַז די ביוראָ פון דער פּאַרטיי זאָל ווערן די ביוראָ פון דעם קאַמפּיין. איך האָב ניט אויסגעפירט, כאָטש איך וואָלט עס געקענט זייער גרינג, ווען איך וואָלט זיך געוואָלט באַנוצן מיט די מעטאָדן מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די חברים, וואָס האָבן געוואָלט דווקא, אַז אַלץ זאָל ליגן אין אונזערע הענט. איך האָב עס געהאַלטן פאַר אונטער מיין ווירדע אַריינ־ברענגען אַזאַ אינערלעכן פּאַרטיי־סכסוך אין דעם קאַמפּיין־קאָמיטעט, און אַזיווי די ניט־פּועלי־ציון מיטגלידער פון דעם קאַמפּיין־קאָמיטעט זיינען, נאָך אַלעמען, ניט געווען אַזוי וויליק צו פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע פּלע־צער אין דעם קאַמפּיין, טייל צוליב דעם ווייל זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט עס זיין אַ דורכפאַל, און טייל צוליב אַנדערע מאָטיוון, איז די גאַנצע אַרבעט פון קאַמפּיין קאָנצענטרירט געוואָרן אין די פּועלי־ציון־הענט און די הויפּט־ביוראָ פון קאַמפּיין, טראָץ דעם וואָס אויף די בלאַנקען איז עס ניט געווען געדרוקט, האָבן אָבער אַלע געוואוסט, אַז זי איז אין דער ביוראָ פון די פּועלי־ציון.

איך ווייס ניט צי עס איז פאַראַן נאָך איינער וואָס ווייסט אַזוי קלאָר ווי איך, אַז דאָס האָט געקאָסט דעם קאַמפּיין זייער פיל. אָבער דאָס איז דאָך שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, און וועגן דעם איז שוין ניט כדאי מער צו דיסקוטירן. אַ וויכטיקערע פראַגע האָט געדאַרפט אַנטשידן ווערן. דאָס איז די פראַגע — צו וועמען דאָס געלט זאָל געשיקט ווערן. איך האָב אין צווישנצייט רעזיגנירט פון צ. ק. ווייל איך האָב ניט געוואָלט זיין געבונדן מיט זיינע באַשלוסן. איך האָב געוואוסט פון דערפאַרונג, וואוהין די איצטיקע מאַיאָריטעט פון צ. ק. פירט, און מיר האָט זיך ניט געוואָלט דורכגיין פון דאָס ניי אַט די אינקוויזיציע, וואָס איך האָב געהאַט בעת די פראַגע פון די געלטער פון פּיפּלס־רעליף איז ביי אונז פאַרהאַנדלט געוואָרן.

לכתחילה האָבן די מיטגלידער פון צ. ק., אונטער דעם דרוק פון חברים פון וועלט־פאַרבאַנד, געוואָלט אַז דאָס געלט זאָל געשיקט ווערן צום פּאַלעס־טינע אַרבעטער־פאָנד. איך האָב זיי דאַן דערקלערט, אַז איך וועל קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן דעם. און טאַקע צוליב דעם, כדי צו זיין אַביסל פרייער אין מיינע האַנדלונגען, האָב איך רעזיגנירט פון צ. ק. איך ווייס אָבער, אַז אין צ. ק. זיינען די פאַרהאַנדלונגען אָנגעגאַנגען כמעט אויף אַלע

זיצונגען. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער סעקרעטאַר פון צ. ק., מיט נאָך אַ חבר, זיינען געקומען צו מיר ווי אַ קאָמיטע אין נאָמען פון צ. ק. צו פאַרהאַנדלען אַ פאָרשלאַג, אַז אַמווייניקסטן אַ טייל פון דאָס געלט זאָל געשיקט ווערן צום פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד; און ווען איך בין געבליבן ביי מיין פעסטן באַשלוס, האָט אַפילו ניט געפעלט אויך די באַשולדיקונג אין פאַרראַט צו דער פּאַרטיי.

דאָס האָט מיך גאַנץ ווייניק אָפּגעשראָקן, און ווען זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דער צ. ק. האָט דערוויילט אַ קאָמיטע צו זען פּיינ׳ען און זיך דורכריידן מיט אים, האָב איך זיי געענטפערט, אַז אויב זיי וועלן ניט שיקן קיין קאָמיטע, וועל איך אויך מיט פּיינ׳ען ניט ריידן; נאָר אויב זיי וועלן שיקן אַ קאָמיטע צו פּיינ׳ען, וועל איך דערקלערן פּיינ׳ען און די איבעריקע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט וועגן וואָס דאָ גייט און זאָל דערנאָך די קאָמיטע וועגן דעם באַשליסן.

איך האָב דאַן פאָרגעשלאָגן דער קאָמיטע, אַז דער קאַמפּיין־קאָמיטעט זאָל טעלעגראַפירן צו דער הסתדרות, אַז „מיר שיקן אייך דאָס געלט אָן אינסטרוקציעס, נאָר אַזוי ווי די פּועלי־ציון האָבן זייער קאַמפּיין פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד ניט געקענט דורכפירן צוליב דעם קאַמפּיין פון די געווערקשאַפטן, ראָטן מיר אייך, אַז איר זאָלט, לויט אייערע מעגלעכקייטן, זען אויך באַזאָרגן די אַנשטאַלטן פון דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד מיט זייערע בודזשעטן". וואָס דער צ. ק. האָט וועגן דעם פאָרשלאַג באַשלאָסן, ווייס איך ניט. ניט־אָפיציעל האָט מען מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אים אָפּגעוואָרפן. מיט מיר האָבן זיי דאַן מער ניט פאַרהאַנדלט, נאָר די קאָמיטע איז אַוועקגעגאַנגען צו פּיינ׳ען.

וואָס די קאָמיטע האָט פאָרגעשלאָגן פּיינ׳ען ווייס איך ניט, נאָר זיי זיינען געווען אַזוי דיפּלאָמאַטיש קלוג אין פאַרלויף פון זייער געשפּרעך מיט אים צו זאָגן, אַז קעגן אַזאַ מין פאָרשלאַג איז אַפילו צוקערמאַן אויך ניט. האָט נאַטירלעך פּיין פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס אַ סכסוך און ער האָט דער קאָמיטע געזאָגט, אַז ער פאַרשפּרעכט זיי גאָרניט, ער מוז זיך וועגן דעם מיישב זיין. ער איז געקומען פרעגן ביי מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס. איך האָב נאַטירלעך געשוינט דעם כבוד פון דער באַוועגונג און האָב אים דערקלערט בלויז די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות איבער דער פראַגע, און ביי אַ זיצונג פון דער אָפּיס־קאָמיטע לעצטע וואָך איז אָנגענומען געוואָרן דער נוסח פון דער טעלעגראַמע וואָס דאַרף צו אייך געשיקט ווערן אין דעם זין ווי איך האָב עס פאָרגעשלאָגן צו די פּועלי־ציון. איר האָט דאָך די טעלעגראַמע זיכער געקראָגן און איר ווייסט איר אינהאַלט. איך האָב בלויז געוואָלט, אַז איר זאָלט דאָרטן וויסן די פאָרגעשיכטע פון דער גאַנצער זאַך.

דער צ. ק. האָט איצט פאַרהאַנדלט וואָס מען זאָל ווייטער טאָן. ווי איך פאַרשטיי, האָט דער צ. ק. געזוכט אַ וועג, וויאַזוי מען זאָל ווייטער אויסנוצן אָן איינפלוס, אַז אַ טייל פונעם געלט זאָל דאָך געשיקט ווערן צום פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, אָבער איך בין זיכער, אַז דאָס וועט מער ניט געלינגען.

איך האָב אייך איבערגעגעבן די פאַקטן אַזוי קאַלט ווי איך האָב נאָר געקענט, אָן פּירושים. אָבער ניט אַזוי גרינג איז עס געווען דורכצומאַכן אָט־די אַלע זייער שאַרפע באַציאונגען מיט די אייגענע חברים.

דאַרף איך אייך דערקלערן, אַז איך וואָלט מיט מיין גאַנצן האַרצן גע־וואונטשן, אַז די אַנשטאַלטן פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פּאָנד, וואָס זיינען לעבנסקעפיק, און די אין וועלכע די אַרבעטערשאַפט נויטיקט זיך, זאָלן עקזיס־טירן? איך וויים, אַז צווישן אייגענע חברים פּרובירט מען דאָ באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז איך בין אַ קעגנער פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פּאָנד. אויף וויפל דאָס גראָבט אונטער מיין אייגענע רעפּוטאַציע ביי חברים, אינטערע־סירט עס מיר גאַנץ ווייניק. אָבער איך וואָלט געוואָלט וויניקסטנס, אַז איר דאַרטן זאָלט פאַרשטיין מיין שטעלונג. איך בין איבערציינט, אַז אויב עס איז נאָר דאָ אַ מעגלעכקייט אין אַמעריקע אין דער צוקונפט עפּעס ממשות־דיקס צו שאַפן פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, קען עס געטאָן ווערן נאָר דאַן, ווען עס וועט גיין אין נאָמען פון דער פאַראייניקטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל. איך בין איבערציינט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען די פאַרשידענע פּאַרטייאישע חשבונות וועלן אַריינגעטראָגן ווערן אין דער אַרבעט, וועט עס שטאַרקן די הענט פון אונזערע קעגנער אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועמענס צאָל און איינפלוס עס איז נאָך גאַנץ גרויס, און אויך דער העראָאישער קאַמפּיין וואָס איז איצט דורכגעפירט געוואָרן וועט ניט איבערלאָזן אָט־יענע רעזולטאַטן, וועלכע ער קען איבער־לאָזן פאַר דער צוקונפט. איך בין נאָך מער איבערציינט, חברים, אַז איר דאַרטן מוזט זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס געלט פון קאַמפּיין, פון וועלכן איר וועט, לויט מיין אָפּשאַצונג, קריגן אַן ערך 50 טויזנט דאָלאַר אין מזומן, זאָל פאַרנוצט ווערן אויף אַזאַ מין אופן. אַז מען זאָל קענען די אַמעריקאַנער אידישע אַרבע־טער וויזן — אָט־דאָס איז מיט דעם געלט אויפגעטאָן געוואָרן. אויב די אַנשטאַלטן פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פּאָנד זיינען לעבנספעאיק און קענען אויסגעברייטערט ווערן, וועט איר, אָן ספק, זאָרגן פאַר זייער אויפהאַלטונג, אָבער די באַשטימונג, צי די אַנשטאַלטן זיינען לעבנספעאיק אָדער ניט, האָט ניט געטאָרט געמאַכט ווערן פון אונז דאָ, נאָר פון דער פאַראייניקטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל דאָרטן. דאָס איז אייגנטלעך דער גאַנצער אונטערשיד צווישן די איבעריקע חברים און מיר.

איך רייד אַלץ וועגן זיך, ווייל איך בין געווען דער, אַזוי צו זאָגן, מער־אויסגעשפּראָכענער אין דער גאַנצער פראַגע, און די אַטאַקעס פון די אַנדערע חברים האָבן זיך קאָנצענטרירט מערסטנס אַנטקעגן מיר צוליב פאַרשידענע אַנדערע סיבות, וועגן וועלכע עס איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו ריידן. אָבער אין פּרינציפּ האָבן אייגנטלעך מיט מיר מסכים געווען נאָך חברים. חבר זאַר איז געווען זייער שטאַרק פאַר דעם, אַז דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פּאָנד זאָל איבערגיין צו דער הסתדרות, און טראָץ דעם, וואָס אין דעם לעצטן סכסוך איז די לאַגע פאַרמירט געוואָרן אַזוי, אַז איך בין געבליבן כמעט דער איינציקער, און וואָס אין דער קאַמיטע צו פאַרהאַנדלען מיט פּיינ׳ען איז אַפילו אויך געווען דער חבר זאַר, פונדעסטוועגן פאַרזיכער איך אייך, אַז וואָס שייך דעם פּרינציפּ פון אַנערקענען די הסתדרות פאַר יענער אַגענטור, וואָס דאַרף זיין די איינציקע פאַר דער אַלוועלטלעכער אידישער אַרבעטער־שאַפט אין אַלע פראַגן וועגן ארץ־ישראל, זיינען אַפילו אין דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי דאָ אַ צאָל חברים, וואָס נעמען אָן אָט־דעם שטאַנדפּונקט.

דער חבר גאָלדשטיין, פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, איז אין דעם פּונקט געשטאַנען שטאָל און אייזן אויפן זעלביקן שטאַנדפּונקט וואָס איך.

אַראָפּריידנדיק פון האַרצן דאָס אומאָנגענעמע, וויל איך זיך דערלויבן צו זאָגן עטלעכע פריילעכערע ווערטער. איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז איר זאָלט באַטראַכטן דאָס וואָס איך גיי זאָגן ווי די מיינונג פון איינעם, וואָס דער וואונטש איז ביי אים דער פאָטער פון געדאַנק. איך בין זיכער, אַז ווען ניט די פיל טעות'ן אונזערע, האָט דער קאַמפּיין געקענט זיין אַ גרעסערער דערפאָלג ווי עס איז געווען. אָבער מיט די טעות'ן און מיט די פאַרזוכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מצד אונזערע קעגנער אויסצונוצן אונזערע טעות'ן, און מיט דעם ניט־פאַרשטעלטן כעס און שנאה, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַצויגן די באַלעבאַטים פון „פאָרווערטס" צו דעם קאַמפּיין, און טראָץ אַלע פאַרזוכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון אָפּצושרעקן יוניאָן־טוער און יוניאָן־פירער, האָט דער קאַמפּיין אַרויסגערופן צווישן די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אַ געוואַלטיקע באַגייסטערונג. ווען מען האָט נאָך אין זינען, אַז אייגנטלעך זיינען אַלע באַוועגונגען אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַ פאַר'חלש'טן צושטאַנד — ווען מען געדענקט, אַז די אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען צעבראָכן און צעשפּאָלטן; אַז דער פּשוטער אידישער אַרבעטער טראַכט זיך וועגן די אַלע וואָס פירן אָן די פאַרשידענע מחלוקות דאָס וואָס היינע האָט געטראַכט וועגן דעם רב און דעם גלח, — מוזן אַפילו קעגנער צוגעבן, אַז ארץ־ישראל האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקן אינטערעס אין גרויסע קרייזן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. גענוג צו דערציילן, אַז ביז איצט האָבן 115 ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג אריינגע־שיקט געלט צום קאַמפּיין, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געוואוסט, אַז די עקזע־קוטיווע פון אַרבעטער־רינג איז קעגן, ווען אַפילו אָפיציעל האָט זי זיך וועגן דעם גאָרניט אַרויסגעזאָגט, און טראָץ דעם העפטיקן קאַמף וואָס די לינקע פירן אָן קעגן קאַמפּיין, און זייער איינפלוס אין אַרבעטער־רינג איז גאַנץ שטאַרק.

באַווייזט דער פאַקט אַליין ווי גרויס די סימפּאַטיעס זיינען פאַר אָן אַרבע־טער־אַקציע פאַר ארץ־ישראל. אין מזומן געלט, האָב איך אייך אויבן געזאָגט, וואָס איך דערוואַרט. אָבער איך האָף, אַז עס וועט זיך אָפּשטעלן פון דעם קאַמפּיין אַ באַשטענדיקער קאָמיטעט, מיט אייניקע באַדייטנדיקע אַרבעטער־טוער, וועלכע וועלן צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ פיל גרעסערער אַקציע. איך ווייס ניט ווען די גרעסערע אַקציע וועט קומען, צי זי וועט קומען איבער־אַ־יאָר אָדער אפשר שפּעטער, אָבער קומען וועט זי. און אויב נאָר די געווערקשאַפטן וועט קענען אָנווייזן, אַז מיט דעם געלט וואָס איר קאַמפּיין האָט געשאַפן איז אין ארץ־ישראל אויפגעטאָן געוואָרן ממשות'דיקס, וועט די אַקציע זיין אַ פיל גרעסערע.

אַז איך שרייב אייך שוין, וואָלט איך אייך געוואָלט בעטן נאָך עטוואָס. איך האָב די טעג געהאַט אַ שמועס מיט אב. גאָלדבערג. ער האָט מיר געגעבן אַ קאָפּיע פון זיינעם אַ מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט צוגעשטעלט דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל. ער זאָגט מיר, אַז קאָפּיעס דערפון האָבן באַקומען די חברים בערל קאַצענעלסאָן, בערל לאָקער און שלמה קאַפּ־לאַנסקי, וועלכע זיינען דאָך אַלע דריי איצט אין ארץ־ישראל. די הסתדרות

האָט דאָך זיכער אַ שטעלונג צו די פאָרשלאָגן. איך וואָלט אייך געבעטן מיר קלאָר מאַכן, וואָס איז די שטעלונג פון דער הסתדרות בנוגע זיינע פאָרשלאָגן.

און נאָך אַ זאַך. די פאַרוואַלטער פון קרן היסוד האָבן ניט איין מאָל מיך שוין איינגעלאַדן, אַז איך זאָל אַריינגיין אין דער ביוראָ פון קרן היסוד פון אַמעריקע. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ פּלאַץ איך וועל דאָרטן פאַרנעמען. מיר שיינט, אַז איך וואָלט געקענט דאָרטן פאַרנעמען אַ פּאָזיציע וואָס זאָל פאַרמאָגן די מעגלעכקייט פון איינפלוס. איך האָב זיך דערווייל דערפון אָפּגע־זאָגט צוליב דעם, וואָס די פּיפּלס־רעליף האָט מיך באַאויפטראַגט אָנצושרייבן די געשיכטע פון פּיפּלס־רעליף, און דאָס וועט ביי מיר נעמען אַ פּאָר חדשים. אָבער איך בין זיכער, אַז אַרום אָקטאָבער, ווען נאָר איך וועל וועלן, וועלן די טירן פון קרן היסוד זיין פאַר מיר אָפן. וואָס דענקט איר וועגן דעם? האָט דאָס אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, און אויך וואָס פאַר אַן אופן וואָלט איך זיך געקענט ניצלעך מאַכן, אויב איך זאָל זיין אין קרן היסוד?

איך בעט דיך, ליבער חבר בן־גוריון, געבן דעם בריוו נאָר צו די חברים, וועלכע דו ווייסט אַז זיי דאַרפן עס לייענען, און פאַרהאַנדלען מיט זיי וועגן די לעצטע צוויי פראַגן.

ביי אַ געלעגנהייט וועל איך אייך ווידער שרייבן.

מיט חבר'שן גרוס,

ברוך צוקערמאַן

ז.

ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען אַן אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען תיכף נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דעם קאַמפּיין. דער באַשלוס צו שיקן דאָס געלט צו דער הסתדרות איז שוין אויך געווען אָנגענומען. האָט דאַן דער חבר אברהם רעוואוצקי, וואָס האָט פאַרטראָטן אין קאַמפּיין די לינקע פועלי־ציון, פאַרטראַכט אַזאַ שפּאַגל־נייעם געדאַנק: מיר, די פירער פון קאַמפּיין, זאָלן געבן אַן אינסטרוקציע צו די פירער פון דער הסתדרות, אַז אונזער געלט קען פאַרנוצט ווערן נאָר פאַר ווירטשאַפטלעכע צוועקן, אָבער נישט פאַר קולטורעלע. חבר רעוואוצקי האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט מיט זיין געדאַנק קומען דירעקט צו חבר מאַקס פיין, וועט ער האָבן בעסערע שאַנסן צו געווינען זיין פונקט, דענקענדיק, אַז חבר פיין איז נישט צופיל פאַראינ־טערעסירט אין די פּרינציפּיעלע שטרייט־פונקטן צווישן די רעכטע און לינקע פועלי־ציון. ער האָט אָבער אַ שטאַרקן טעות געהאַט. חבר פיין האָט אים געהייסן ברענגען זיין פאָרשלאַג צו דער קומענדיקער זיצונג פון דער עקזע־קוטיווע פון קאַמפּיין.

די זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ צימער פון דער גרויסער „היאַס"־געבײַדע. דאָס דאָזיקע צימער איז אָפּט אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־הכנסת. האָט זיך אין צימער געפונען אַן ארון־קודש מיט ספרי־תורות. אויפן ארון־קודש איז געהאַנגען אַ שילד, וואָס האָט מיט קידוש־לבנה־אותיות פּראָקלאַמירט, אַז אָט־דעם ארון־קודש האָט אַרײַנגעגעבן דער גרויסער גביר (מיט אַלע אַנדערע מליצה׳דיקע טיטלען דערצו) המפורסם מר הערי פישל...

איידער די זיצונג האָט זיך געעפנט, האָט חבר פיין מיר דערציילט וועגן דעם געדאַנק, וואָס חבר רעוואוצקי האָט אים געבראַכט. נאָך איידער איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זאָגן אים אַ וואָרט וועגן דעם, זאָגט חבר פיין: „ער מיינט מן־הסתם, אַז איך וועל נישט וויסן אין וואָס עס גייט אים. איך ווייס: ער וויל נישט לשון־קודש אין ארץ־ישראל. ער וויל דאָרטן נאָר אידיש. וועל איך אים באַלד דאָ געבן מײַן ענטפער". ווען די זיצונג האָט זיך געעפנט, האָט ער באַלד געגעבן דאָס וואָרט דעם חבר רעוואוצקי, וועלכער האָט געבראַכט אָפיציעל זײַן פאָרשלאָג צו דער עקזעקוטיווע. דאַן האָט זיך מאַקס פיין אויפגעשטעלט, זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צום ארון־קודש און האָט זיך געווענדעט צום חבר רעוואוצקי:

„גיט נאָר אַ קוק, חבר רעוואוצקי, אויף דעם וואָס איז אָנגעשריבן אויפן ארון־קודש. איר האַלט עפּעס פון אַזעלכע מעטאָדן, ווי אָט־דער הערי פישל באַנוצט? אויב ער גיט נאָר עטלעכע גראָשן, מוז שוין זײַן פאַרשריבן, אני הגבר, איך הערי פישל האָב געגעבן געלט. איר ראָט אונז, אַז צוליב אונזער געלט זאָלן מיר געבן אונזערע חברים אין ארץ־ישראל אינסטרוקציעס. וואָס פאַראַ אינסטרוקציעס? וואָס רעדט איר עפּעס וועגן אונזער געלט? דאָס געלט איז נישט אונזערס. דאָס געלט געהערט צו די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל; און זיי וועלן עס באַנוצן ווי זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק. מיר וועלן קעגן זיי ניט אָנווענדן די מעטאָדן פון ׳פישעליזם׳".

ז.

די אַרבעטן פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָבן גאָר גיך אָנגענומען אײַנגעשטעלטע פאָרמען. וואָס ווײַטער זײַנען צוגעקומען אַלץ מער אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַ סך אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. איך שרײַב דאָ נישט די אויספירלעכע געשיכטע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. אַוודאי דאַרף אַזאַ געשיכטע געשריבן ווערן. אָבער די ווײַטערדיקע געשעענישן פון קאַמפּיין קענען שוין באַזירט ווערן אויף די אַרכיוון פון קאַמפּיין. ווער עס

וועט שרייבן די פולע געשיכטע פון קאַמפּיין, וועט האָבן פון וואַנען צו שעפּן זיינע פאַקטן. איך האָב נאָר געהאַלטן פאַר מיין חוב צו דערציילן וועגן דער פאַר־געשיכטע פון אָט־דעם קאַמפּיין, אין וועלכן — איך האָף, אַז קיינער וועט נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט — מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ באַזונדערע ראָלע, וואָס קיין אַנדער חבר האָט נישט געשפּילט. דאָס האָט מיר אויך געגעבן די מעגלעכקייט צו וויסן, מער ווי אַן אַנדער חבר, וועגן די פּרטים פון אַלע יענע שריט, וואָס האָבן דערפירט צום קאַמפּיין. און דערציילנדיק וועגן דעם האָב איך נאָר געוואָלט גרינגער מאַכן פאַרן שרייבער פון דער פולער געשיכטע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין זיין אַרבעט.

מען קען נאָר צום סוף פון אָט־דעם קאַפּיטל זאָגן, אַז דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט געלעבט מיט דעם גייסט פון דעם גרויסן פאָלקס־מענטש, דעם אויפריכטיקן סאָציאַליסט און פּונקט אַזוי אויפריכטיקן אידן, מאַקס פּיין, אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט. ליידער איז ער זייער שנעל נפטר געוואָרן — דעם 2טן מערץ 1928 — אָבער דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז געבליבן דער וויכטיקסטער מאָנומענט צו זיין זכר, וואָס ער אַליין האָט אַזויפיל ביי־געטראָגן אָט־דעם מאָנומענט אויפצושטעלן. אָבער די נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, האָבן דערנאָך ממשיך געווען די אַנדערע אידישע אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן איבערגענומען זיין ירושה. צווישן זיי זיינען בעיקר געווען די אַנדערע צוויי פון דער „טראָיקע", וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אין פריערדיקע קאַפּיטלען: די חברים אברהם שיפּליאַקאָוו און מאָריס פיינסטאָון עליהם השלום. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אַ סך אַנדערע.

די פּטירה פון מאַקס פּיין איז פאַר מיר פּערזענלעך געווען כמעט אַזאַ פאַרלוסט, ווי די פּטירה, מיט קאַרגע פיר יאָר פריער, פון מיין גרויסן רבי און חבר, נחמן סירקין. וועגן דער פּטירה פון חבר סירקין האָב איך דער־ציילט אין מיין בוך „אויפן וועג", אין דער ספּעציעלער אַרבעט וועגן חבר סירקין. וועגן דער פּטירה פון חבר מאַקס פּיין האָב איך צוגעטראָגן אַ קורצן הספד אין דעם ספּעציעלן בוך, וואָס די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָט אַרויסגעגעבן. אינעם בוך איז געגעבן געוואָרן אַן אָפּשאַצונג פון די פאַרשידענע אַקטיוויטעטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער־פירער. דעם וויכטיקסטן ביישטייער צו אָט־דעם בוך האָט צוגעטראָגן דער באַוואוסטער אידישער סאָציאַליסטישער פירער ברוך וולאַדעק, עליו השלום. אין בוך איז פאַרעפנטלעכט דער הספד וואָס חבר וולאַדעק האָט געהאַלטן ביים אָפענעם קבר פון מאַקס פּיין. חבר וולאַדעק האָט אָנגעהויבן זיין הספד מיט די

פאָלגנדיקע אויפריכטיקע און זייער ריכטיקע ווערטער: „פּערציק יאָר געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, ווערט רעפּרעזענטירט דורך אים, וועמען מיר ברענגען איצט צו קבורה“.

ח.

דערמיט ווערן פאַרענדיקט מיינע זכרונות פון יענע יאָרן. איידער איך האָב עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האָב איך מיך באַטייליקט אין צוויי וועלט־קאָנפערענצן,ביידע אין יאָר 1932. פּרטים וועגן זיי מוז איך איבערלאָזן פאַרן דריטן באַנד זכרונות. דאָ וועל איך נאָר צוגעבן, אַז די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ איז געווען אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דאַנציק. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט געזוכט צוצוגרייטן אַ פּאַראייניקונגס־פּראָגראַם פאַר די רעכטע פּועלי־ציון און די צעירי־ציון. מיין ספּעציעלער ביישטייער אויף אָט־דער קאָנפערענץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב — צוזאַמען מיט מיין גרויסן, פאַרשטאָרבענעם חבר ד״ר יעקב העלמאַן עליו השלום — צוגעגרייט די פאָרמולע פאַר דער שפּראַכן־פראַגע, וואָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע סלעי־המחלוקת צווישן די צוויי גרופּירונגען. די דאָזיקע פאָרמולירונג האָט דאַן געהאָלפן פאַראייניקן די צוויי פּאַרטייען אין פאַרשידענע לענדער, כאָטש די פאַראייניקטע פּאַרטייען האָבן זיך נישט אומעטום געהאַלטן, אין דער שפּראַכן פראַגע, לויט יענער פאָרמולירונג.

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גענף. דאָס איז געווען די ערשטע פון צוגרייטונגס־קאָנפערענצן, וועלכע האָבן דערפירט צו דער גרינדונג פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין יאָר 1936. פון דער ערשטער צוגרייטונגס־קאָנפערענץ האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע אַקטיוויטעטן אין פאַרבינדונג מיטן אידישן וועלט־קאָנגרעס. די דאָזיקע אַקטיוויטעטן וועלן פאַרנעמען אַ חשוב אָרט אין דעם דריטן באַנד זכרונות.

האָבנדיק דאָס פאַרענדיקט, קען איך צוטרעטן ממלא צו זיין צוויי הבטחות וואָס איך האָב געגעבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען: ערשטנס, אַ קוק צו טאָן מיט איצטיקע אויגן אויף דעם עפּיטעט, וועלכן עס האָט אונז צוגעקלעפּט דער באַקאַנטער פּראָפעסאָר הוראַס קאַלען, אַז מיר זיינען „היפּעניטעד זייאָניסטס“ און, צווייטנס, די הבטחה צו זאָגן עפּעס וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דעם זאַץ, וואָס חבר מאַקס פּיין האָט פּראָקלאַמירט ביי דער דערעפענונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וועגן דעם אַראָפּגענומענעם חרם פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

די דאָזיקעביידע פּונקטן זיינען זייער ענג פאַרבונדן איינער מיט דעם אַנדערן. זיי וועט דעריבער געווידמעט ווערן דער קומענדיקער, לעצטער קאַפּיטל. אָבער אויסער אָט־די צוויי פּונקטן, וועל איך מיך באַמיען אין קומענדיקן קאַפּיטל צו דערגרייכן נאָך אַ ציל:

איך האָב אין אייניקע בריוו צו די חברים בן־צבי און בן־גוריון באַנוצט האַרבע ווערטער קעגן אייגענע חברים אין דער אייגענער באַוועגונג. נישט דערציילן וועגן אונזער דעמאָלטיקן אינעווייניקסטן געראַנגל האָב איך נישט געטאָרט. „רעדאַקטירן" מיינע אייגענע בריוו האָב איך אַוודאי נישט געטאָרט. איך ווייס אָבער, אַז די מחלוקת צווישן אונז איז געווען אַ מחלוקת לשם שמים. דער געראַנגל פון מיינע חברים אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד איז געווען פּונקט אַזאַ ריינער און ערלעכער, ווי מיין געראַנגל צו אָנערקענען די ניי־געגרינדעטע „הסתדרות" ווי די איינציקע אינסטאַנץ, צו וועלכער אַלע אונזערע רעזולטאַטן פון אונזערע באַמיאונגען אין צפון־אַמעריקע זאָלן אַריבערגעשיקט ווערן. מען דאַרף נאָך דערביי אין זינען האָבן, אַז אויך צווישן אונזערע וועלט־פירער, סיי אין אייראָפּע און סיי אין ארץ־ישראל, איז דאַן אויך אָנגעגאַנגען אַן ענלעכער געראַנגל. אויב אין מיינע בריוו איז געבליבן אַן איינזייטיקער צוגאַנג צו דער פראַגע, איז עס נישט קיינעמס שולד, נאָר מיינע. איך האָב דאַן אַזוי געפילט. אָבער אין תוך האָבן מיר אַלע דאַן געוואוסט, אַז מיר זיינען איין געאייניקטע, איך מעג אַליין זאָגן, איבערגעגעבענע מחנה פון יענעם גרויסן אידעאַל, וואָס איך באַצייכן דאָ מיטן נאָמען „מיזוג־ציוניזם". גיי איך דעריבער איבער צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם כוח פון אָט־דעם מיזוג־ציוניזם.

דער כוח פון „מיזוג־ציוניזם״

א.

מיט דעם טערמין „מיזוג־ציוניזם״ מיין איך אייגנטלעך דאָס זעלביקע, וואָס דער דערמאָנטער פּראָפעסאָר קאַלען האָט געמיינט מיטן עפּיטעט „היפענייטעד זייאָניסטס״. נאָר דער געערטער פּראָפעסאָר האָט עס אונז צו־געוואָרפן ווי אַ פּגם און איך באַטראַכט עס ווי דעם גרעסטן כבוד פאַר אונזער באַוועגונג. מיינען מיינט עס אַ ציוניזם וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט סתם־ציוניזם, נאָר עס פאַרוועבט ציוניזם מיט נאָך עפּעס. דעם עפּיטעט האָט דער געערטער פּראָפעסאָר צוגעוואָרפן נישט בלויז אונז, נאָר אויך דער מזרחי, ווייל אויך זי פאַרוועבט איר ציוניזם מיט נאָך עפּעס. ווען איך באַנוץ זיך מיטן טערמין „מיזוג־ציוניזם״ מיין איך טאַקע אויך די רעליגיעזע ציוניסטן. מיין באַהויפּטונג איז, אַז דווקא אָט־דער מיזוג — ציוניזם מיט נאָך עפּעס — האָבן סיי דער מזרחי־באַוועגונג, סיי אונז דערמעגלעכט צוצוטראָגן דעם גרעסטן ביישטייער צו דער רעאַליזירונג פון ציוניזם און צו דער דערגרייכונג פון דער אידישער מדינה.

ב.

קוקט מען זיך טיפער אַריין אין די אידיש־געשיכטלעכע געשעענישן פון די לעצטע דורות, זעען מיר, אַז יענע אידן וועלכע האָבן זייערע תשוקות צו דער נאַציאָנאַלער אידישער גאולה פאַרבונדן מיט דער אוניווערסאַלער גאולה פון דעם גאַנצן מין מענטש, האָבן זיך דערהויבן צו פיל־העכערע מדרגות, ווי יענע וועלכע האָבן זיך נאָר באַגרענעצט צו דער נאַציאָנאַלער גאולה. די ערשטע האָבן דורך גרויסע מעשים, דורך פערזענלעכער פאַר־ווירקלעכונג, פיל מער געהאָלפן דערנענטערן די אידיש־נאַציאָנאַלע גאולה.

יענע וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זייער דראַנג צו נאַציאָנאַלער גאולה אויך געזוכט דערגרייכן די אוניווערסאַלע גאולה, דורך פאַרבינדן עס מיט אידישער אמונה, מיט דער פאַרווירקלעכונג פון „ונהרו אליו כל הגוים״, דורך דערפירן צו דער רעאַליזירונג פון דער אידישער נבואה פון אחרית הימים,

אַ סך גרופּן פון אַזעלכע אידן האָבן במשך די לעצטע 200 יאָר זיך אויפֿ־געהויבן און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. צווישן זיי זיינען געווען גרופּן פון פאַרשידענע חסידים און צווישן זיי איז אויך געווען די גרויסע גרופּע תלמידים פון ווילנער גאון. די עליה פון אַזאַ „מיזוג־ציוניזם" איז געשיכטלעך געווען די סאַמע־עלטסטע פון די עליות וואָס זיינען געקומען אין שפּעטערדיקע דורות.

די צווייטע נאָך זיי, געשיכטלעך גענומען, זיינען געווען יענע גרופּן, וועלכע האָבן פאַרוועבט זייער ציוניזם מיט דער גרויסער אידיי פון אוני־ווערסאַלער גאולה דורך סאָציאַליזם. אָנהויבנדיק מיט איבער הונדערט יאָר צוריק דורך משה העס, ציט זיך אָט־דער נוסח פון „מיזוג־ציוניזם" דורך די לעצטע פיר דורות, מיט אַ הפסקה בלויז פון אַ פּאָר צענדליק יאָר וואָס צווישן משה העס און נחמן סירקין. משה העס האָט זיין ציען זיך צו דער אוניווער־סאַלער גאולה טאַקע אויך געדרונגען פון דער אידישער אמונה און דער אידישער נבואה. אין דער סאָציאַליסטישער אידייע האָט ער געזען די רעאַ־ליזירונג פון דער אידישער נבואה. אין דער באַפרייטער אידישער נאַציע, וואָס דאַרף צוריק אויפגעלעבט ווערן אין ארץ־ישראל, האָט ער געזען דעם טרעגער סיי פון זיין אייגענער, נאַציאָנאַלער גאולה, סיי דעם טרעגער פון דער אוניווערסאַלער גאולה. אַזוי איז ער געוואָרן דער אָנזאָגער פון דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן „מיזוג־ציוניזם".

און ווען אויף דער אַרענע פון דער מאָדערנער אידישער געשיכטע האָבן גענומען אויסשפּילן זייערע ראָלעס, דער סתם־ציוניזם און דיביידע פליגלען פון דעם „מיזוג־ציוניזם", האָט מען ערשט דאַן זייער בולט דערזען די גע־וואַלטיקע צוגאָב־פּאָטענצן, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די „מיזוג"־ציוניסטן אין פאַרגלייך מיט די סתם־ציוניסטן.

ג.

איך מיין, אַז עס איז שוין איצט אָנגענומען דורך אַלע אָביעקטיווע באַאָבאַכטער, אַז אין דערגרייכן די מדינה האָבן די הויפּט־ראָלע געשפּילט יענע אויפגעבויטע ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און סאָציאַלע פּאָזיציעס, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די צענדליקער יאָרן, אידער די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. אין יענע בוי־אַרבעטן, קען קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז דעם ערשטן אָרט אין זיי פאַרנעמט דער סאָציאַליסטישער נוסח „מיזוג־ציוניזם"; נאָך אים קומט דער רעליגיעזער נוסח „מיזוג־ציוניזם" און נאָר אויפן דריטן אָרט קומט דער סתם־ציוניזם.

אַ זייער־בולטע באַלייכטונג — און אויך אַ באַשטעטיקונג — צו דעם אויבן־געזאָגטן ווערט געגעבן דורך די פירנדיקע ציוניסטישע פערזענלעכקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זינט זי איז אַנטשטאַנען. וואָס זעען מיר אין סתם־ציוניזם? — אינעם ערשטן דור טרעטן אויף אַזעלכע ריזן ווי ד״ר הערצל און מאַקס נאָרדוי מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע פון מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. אָפּגערוקט בלויז מיט עטלעכע יאָר, דערשיינען אַזעלכע פיגורן ווי ווייצמאַן, סאָקאָלאָוו, אחד־העם, ביאַליק און שמריהו לעווין. אין די פאַראייניקטע שטאַטן טרעטן אויף אַזעלכע פיגורן ווי לואי ליפּסקי, לואיס בראַנדייס, סטיפען ווייז, יהודה לייב מאַגנעס און אויך זייערביישטייער צו דער מאָדערנער אידישער געשיכטע איז זייער גרויס. צוזאַמען מיט זיי זיינען געווען נאָך צענדליקער פערזענלעכקייטן פון אַזאַ, אָדער כמעט אַזאַ, שיעור קומה. דאַן האָט דער שיעור־קומה פון סתם־ציוניסטישער פירערשאַפט גענומען גיין באַרג־אַראָפּ. ביז ווען דער ציוניזם האָט דערגרייכט זיין גרעסטע הצלחה און די אידישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן, איז די מדרגה פון סתם־ציוניסטישער פירערשאַפט דערגאַנגען צו יוסף סאַפּיר און יוסף סערלין.

גאַנץ אַנדערש זעט דאָס בילד אויס ביי די צוויי פליגלען פון „מיזוג־ציוניזם״. אויך אין זייערע אַנטוויקלונגען איז דער גלאַנץ פון ראשונים נישט אַוועקגענומען געוואָרן. אינעם רעליגיעזן פליגל זיינען דערשינען די נעמען פון הרב קוק, הרב ריינעס, הרב מיימון און הרב מאיר בערלין, וואָס וועלן בלייבן מיט זייער באַזונדערן אָרט אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. און אַוודאי זיינען שפּעטער געקומען מענטשן פון נישט אַזאַ שיעור־קומה, אָבער אַזוי באַרג־אַראָפּ ווי ביי די סתם־ציוניסטן איז עס קיינמאָל נישט דערגאַנגען.

נאָך בולטער איז עס אינעם סאָציאַליסטישן פליגל פון די „מיזוג־ציוניסטן״. דער סירקין־דור, וואָס האָט צוריק פונאַנדערגעוויקלט די צוזאַמענגעלייגטע פאַן וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט פון משה העס, האָט פאַרמאָגט אַזעלכע פיגורן ווי אהרן דוד גאָרדאָן, יוסף חיים ברענער, בער באָראָכאָוו, בערל כצנלסון, יעקב לעשטשינסקי און אַ סך אַנדערע. איך מיין, אַז איך בין נישט מגזם ווען איך זאָג, אַז אָט־די מחנה האָט כסדר אַרויסגעגעבן פון זיך פירער פון אַ גאָר אַ הויכן שיעור־קומה. אין דער מחנה איז קיין באַרג־אַראָפּ־פּראָצעס פון פירנדיקע פערזענלעכקייטן כמעט ווי נישט באַמערקט

געוואָרן. און ווען די מדינה איז אויפגעקומען, האָט די מחנה צוגעשטעלט די גרעסטע צאָל פון וויכטיקע מדינה־פירער.

ד.

זיינען דאָס אַלץ צופאַלן? ניין. איך בין איבערגעצייגט, אַז דווקא די מזיגה, אָדער פון אַ גרויסער אַלמענטשלעכער אידייע — אמונה — אָדער דער שטאַרקער דראַנג צו אַלמענטשלעכער גאולה — דאָס הייסט, יענע „עפּעסן" וואָס די „מזיגה־ציוניסטן" האָבן פאַרוועבט מיט זייער ציוניזם — דווקא אָט־די מזיגה האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ היסטאָריש־שעפערישער כוח. און אפשר ליגט אין דעם אויך די דערקלערונג פון דעם פאַקט, וואָס די ערשטע ציוניס־טישע אַרבעטן פון די ביל"וים און פון די ערשטע מחנכים אין ארץ־ישראל, האָבן אין זייערע פאַרמעסטונגען — וואָס קיינער לייקנט, חלילה, נישט זייערע קאָלאָסאַלע געשיכטלעכע פאַרדינסטן — נישט אַרויסגעוויזן די זעלביקע שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס עס האָבן שפּעטער אַרויסגעוויזן די טרעגער פון מזיגה־ציוניזם, וואָס האָט זיך אין דעם וועלטלעכן טייל אָנגעהויבן דורך דער צווייטער עליה און אין רעליגיעזן סעקטאָר מיט הרב קוק זכרונו לברכה. מיר שיינט, אַז אויך אויפן שטח פון חינוך האָט דער „ריינער" ציוניזם, אָן דעם מיזוג, נישט באַוויזן דעם זעלביקן כוח, וואָס די מחנכים מיט אַ מיזוג. ווי געזאָגט, האָבן אַוודאי סיי די ביל"וים, סיי די ערשטע מחנכים אַריינגע־שריבן גלאַנצפולע בלעטער אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. אָבער מיר שיינט, אַז קיינער לייקנט נישט, אַז די פּרשה פון די ביל"וים איז געוואַלטיק דערהויבן געוואָרן דורכדעם, וואָס די צווייטע עליה האָט איבער־גענומען אויף אירע פּלייצעס צו ראַטעווען דעם אָנהויב פון די ביל"וים פון דער סכנה פון איינגאַנצן בלייבן אָן המשך. און דאָס ברענגט מיך צו דער היסטאָרישער באַדייטונג פון יענעם זאַץ פון מאַקס פיין, וועגן דעם אַראָפּ־גענומענעם חרם פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל.

ה.

איך בין מסופק צי מאַקס פיין, אָדער ווער עס איז פון אונז, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, דער שרייבער פון די שורות איינגעשלאָסן, האָבן גאָר דאַן משיג געווען די גאַנצע טיפקייט דערפון. ערשט איצט, ווען די ערשטע יאָרן פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין הויבן שוין אַליין אָן ווערן געשיכטע, ווערט בולט זייער פאַרבינדונג מיט פריערדיקע געשיכטלעכע פּראָצעסן. יענע ערשטע יאָרן הויבן אָן דערשיינען ווי רינגעלעך

אין אַ קייט. די קייט אַליין איז אויך נישט קיין פולשטענדיק־אָפּגעשלאָסענע פאַר־זיך דערשיינונג. נישטאָ גאָר אַזעלכע אַבסאָלוט־אָפּגעשלאָסענע דערשיי־נונגען אין סאָציאַלן לעבן. די קייט, וועגן וועלכער איך וויל דאָ זאָגן עטלעכע ווערטער, איז אַ אַליין אַ טייל פון אַ ברייטערן סאָציאַלן פּראָצעס, וואָס זיין נאָמען איז אידישע געשיכטע, וואָס איז אויך פאַרוועבט מיט די געשיכטעס פון פעלקער און לענדער, צווישן וועלכע אידן האָבן געלעבט. איך פאַרנעם זיך, חלילה, נישט אַזוי ווייט און אַזוי לאַנג צוריק. מיך רייצט בלויז דער אָנהויב פון צוויי שטראָמען אין אידישן לעבן מיט איבער 80 יאָר צוריק. זיי האָבן אַ שטאַרקע שייכות מיטן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. איך האָב אין זינען: דעם „עם־עולם"־שטראָם, וואָס האָט געבוירן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און דעם „ביל"ו"־שטראָם, וואָס האָט צוגעגרייט דעם ערשטן יסוד פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל.

די דאָזיקע צוויי שטראָמען זיינען אויפגעקומען ווי צוויי קעגנערישע ריכטונגען. ביידע זיינען אויפגעשטאַנען אין אידישן לעבן ווי אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישע, סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע דערשיטערונגען אין רוסישן אידנטום. די דערשיטערונגען גופא זיינען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון טיפע פּאָליטישע און סאָציאַלע אויפברויזן אין דער גרויסער רוסישער מדינה, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט די פּאָגראָמען־כוואַליע פון די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. ביידע שטראָמען — נישט וויסנדיק דאָן, וואָס מיר זעען פאַר זיך איצט, אַז יעדע איינע פון זיי פירט דורך אַ וויכטיקע שליחות פון דעם שר האומה — זיינען געבוירן געוואָרן אין אַ סביבה, וואו דער „לא יהיה לך אלהים אחרים" איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער פּסיכיק פון יעדן יחיד. האָט איינער זיך דערטראַכט צו אַ געדאַנק, איז ער געוואָרן פאַר דעם געדאַנק אַ מאָנאָטעאיסט. יעדער אַנדערער געדאַנק איז פאַר אים געווען פשוט עבודה־זרה. דאָס ווערט געזאָגט בלויז כדי פעסטצושטעלן אַ פאַקט און נישט לגנאי צו די טרעגער פון ביידע ריכטונגען. ערשטנס, איז מאָנאָטעאיזם גופא זיכער נישט קיין גנאי. צווייטנס, זיינען זיי נישט געווען די ערשטע און אויך נישט די לעצטע אין דער גרויסער צאָל טראַכטער און זוכער ביי אידן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן, ווער מער, ווער ווייניקער, אין אַזאַ מין פּסיכאָלאָגישן מאָנאָטעאיזם. דעם בולטסטן ביישפּיל האָבן מיר געזען אין דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט אין דער גרויסער מחלוקת צווישן הערצל־נאָרדוי, פון איין זייט, און אחד־העם מיט זיינע תלמידים, פון דער צווייטער זייט. אין היץ פון דער מחלוקת האָבן אַזעלכע גאונים פאַרזען דאָס, וואָס פאַר אונז איז איצט אַזוי קלאָר, אַז אלו ואלו — זיינען געווען —

דברי אלקים חיים. די אידן־נויט, וועלכע הערצל האָט שטאַרק אונטער־געשטראָכן און די אידישקייט־נויט, וואָס אחד־העם האָט אַזוי בולט געמאַכט, האָבן גאָר קיינמאָל נישט געדאַרפט ווערן קיין יסוד פאַר אַ חילוקי־דעות. זיי זיינען עס אָבער יאָ געוואָרן. אין דעם פאַל האָבן אויך אַנדערע סיבות, אויסער דעם פסיכישן מאַנאַטעאיזם, געווירקט (דאָס איז, אגב, אויך אמת אין אַלע ענלעכע פאַלן). אַ רעכט ביסל האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע דער קעגנזייטיקער אומצוטרוי, וואָס האָט געהערשט צווישן דער אחד־העם־סביבה פון פאַרוואָרצלטער, טיפער אידישקייט, מיט דער הערצל־נאָרדוי־סביבה, וועמען די דאָזיקע פאַרוואָרצלטקייט האָט ביז גאָר אַ גרויסער מאָס געפעלט. פונדעסטוועגן האָט דער פון־קינדהייט־איינגעזאַפּטער מאָנאָטעאיזם אויך דאָ געהאַט זיין ווירקונג. פיל טיפער איז די ווירקונג פון פסיכישן מאָנאָטעאיזם געווען אין דער גייסטיקער מחלוקת צווישן „ביל״ו״ און „עם־עולם״. איך האַלט עס נישט פאַר איבערטריבן צו באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע מחלוקת שטעלט מיט זיך פאָר די קווינט־עסענץ פון די לעצטע פיר דורות געשיכטע פון אידישן פאָלק. די נעמען, אונטער וועלכע די קאַמפן האָבן זיך געפירט, זיינען געענדערט געוואָרן. „ביל״ו״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ציוניזם. אינעם טערמין „עם־עולם״ מעג מען איינשליסן אַלע באַוועגונגען ביי אידן אין די לעצטע פיר דורות, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף די פאַרשידענע צו־פרייהייט־זיך־ציענדיקע ריכטונגען אין דער גאַנצער וועלט: ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיזם, פּראָגרעסיוויזם און איבער אַלץ — סאָציאַליזם. דער סאַמע־יאָדער פון דער מחלוקת איז געווען: צי דאַרף דאָס אידישע פאָלק זיינע האָפענונגען אַרויפוואַרפן אויף אַט־די פרייהייט־באַוועגונגען אין דער וועלט, אָדער עס דאַרף זיין פרייהייט באַזירן אויף בויען פאַר זיך אַן אייגן לאַנד — ארץ־ישראל?

וואָס ווייטער אַוועק פון אָנהויב, איז די אַנטוויקלונג פון אַט־דעם אינער־לעכן קאַמף געגאַנגען אַלץ טיפער. זיכער איז דער תהום געוואָרן פיל טיפער, ווי די ערשטע, די מתחילים, האָבן גאָר געאַנט. נייע פאַקטאָרן, אינערלעך־אידישע און אויסערלעך־וועלטלעכע, האָבן זיך צוגעקלעפּט צו יעדן איינעם פון דיביידע ריכטונגען, וואָס האָבן דעם תהום אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. עס איז אוממעגלעך נאָכצוגיין אַט־די אַלע גורמים. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען אַלעמען באַקאַנט: די אידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע, דאָס וויכטיקסטע קינד פון דער „עם־עולם״־באַוועגונג, האָט טאַקע אין האַרצן געטראָגן אַ חרם אויף אַלץ, וואָס האָט געהאַט אויף זיך דעם חותם פון ארץ־ישראל און ארץ־ישראל־אַרבעט, וואָס איז געווען דאָס אויסגעצאָוועטע קינד

פון ביל״ו. און ווען מאַקס פיין האָט דערקלערט, אַז דער חרם ווערט אַראָפּ־געגנומען, איז טאַקע בפּועל־ממש פאָרגעקומען אַזאַ פּראָצעס, אויב נישט לויט אַלטע טראַדיציאָנעלע פאָרמען, זיכער אין האַרצן פון אַ סך אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

צוויי פראַגן בעטן אַן ענטפער: א) וויאַזוי איז די ענדערונג פאָרגעקומען? וויאַזוי האָבן זיך פאַרט משדך געווען די קינדער פון „עם־עולם" מיט די קינדער פון „ביל״ו"? מאַקס פיין האָט טאַקע אַראָפּגענומען דעם חרם — פון וואַנען האָט זיך אָבער געגומען צו אים אָט־די קראַפט? ב) איז טאַקע די מזיגה פון „ביל״ו" און „עם־עולם" געלונגען?

ו.

מאַקס פיין וועט מיר מוחל זיין, ווען איך וועל אָוועקנעמען פון אים דעם כתר פון זיין דער ראשון אויף דעם געביט. אים האָט מקדים געווען מיט אַ צוואַנציק יאָר פריער איינער, וואָס איז געווען נענטער און טיפער פאַרבונדן מיט דער „עם־עולם"־באַוועגונג. אים האָט מקדים געווען איינער פון די אויסטערלישע פיגורן פון „עם־עולם" און איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אינעם אידישן סאָציאַליזם אין אַמעריקע — ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו.

מיט זעכציק יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אַ נייע דערשיטערונג אין רוסישן אידנטום: עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער קישינעווער פּאָגראָם אין 1903. זאָלאָטאַראָוו, דער עם־עולמ׳ניק פאַר עקסעלאַנס, האָט שוין דאַן דורכגעמאַכט אַ רעכט ביסל יאָרן אין אַמעריקע און איז דורכגעגאַנגען פאַר־שידענע געוואַגטע עקספּערימענטן, וואָס „עם־עולם" האָט געמאַכט דאָ אין אַמעריקע. דער קישינעווער פּאָגראָם האָט אים אָבער טיף דערשיטערט. און אין אַ ספּעציעלער בראָשור (אַן אָפּדרוק פון אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „פרייע אַרבעטער־שטימע") האָט ער געדופן צו אַ רעוויזיע פון ציוניזם און ארץ־ישראל. האַנדלט עס זיך נישט אין דעם, צי האָט הלל זאָלאָטאַראָוו שוין דאַן געגנוג טיף משיג געווען דעם ציוניזם (אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, ספּעציעל ווען אויף דער אַרענע פון ארץ־ישראל איז אויפגעטראָטן די אידישע אַרבעטערשאַפט, האָט ער שוין גאָר טיף באַגריפן אַלע פאַזן פון סאָציאַליס־טישן ציוניזם און מיט טיפסטער קדושה געדינט דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם בכל לב ונפש. זע מער וועגן דעם אין ערשטן באַנד זכרונות, זייט 188, און אין דעם באַנד, וואו איך דערצייל וועגן געצייג־קאַמפּיין). איך שרייב דאָ נישט קיין אָפּהאַנדלונג וועגן הלל זאָלאָטאַראָוו. איך וויל בלויז אָנווייזן אויף דעם פאַקט, אַז שוין מיט זעכציק יאָר צוריק האָט זיך ביי אויסטערלישע

עם־עולמ׳ניקעס־יחידים אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון פאַרטראַכטן זיך, צי מוז טאַקע „עם־עולם" זיין און בלייבן אַ פאַרשוואָרענער שונא פון „ביל"ו"?

דער דאָזיקער פּראָצעס איז נישט געבליבן קיין איינזייטיקער. אויך אין ציוניזם — דער דירעקטער יורש פון „ביל"ו" — האָבן זיך גענומען הערן נייע טענער. אמת, אין „ביל"ו" האָט נישט געלעבט אַזאַ טיפע פאַרביסנקייט קעגן די אידייען, וואָס „עם־עולם" האָט רעפּרעזענטירט, ווי אין „עם־עולם" קעגן „ביל"ו". אָבער גלייכגילטיקייט צו זיי איז געווען אַ שאַרפער שטריך פון די מערסטע ביל"וּיים און די ערשטע ציוניסטישע פירער. אַזוי איז עס געווען ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן די באַוועגונג, וואָס זי איז אַליין געוואָרן די מזיגה פון די פּאָזיטיווע תשוקות צום סאָציאַלן צדק און יושר, וואָס עם־עולם האָט אין זיך געטראָגן, מיט דער ביל"ו׳אישער תשוקה צו אידישער פרייהייט, באַזירט אויף אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן אין ארץ־ישראל און נישט זיין אָנגעוויזן בלויז אויפן חסד אַפילו פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. אויף דער ציוניסטישער אַרענע איז דערשינען דער סאָציאַליס־טישער ציוניזם. אין ארץ־ישראל גופא האָט ער זיך נאָך דאַן כמעט ווי נישט באַוויזן, אָבער אין דער אידישער וועלט פון מחשבה האָט ער אַריינגעגאָסן אַ נייעם געדאַנקען־שטראָם: צווישן „ביל"ו" און „עם־עולם" טאָר נישט, ווייל עס קען גאָר נישט זיין, קיין שנאה. די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון ביידע זיינען זיך גאָר היסטאָריש ממלא און נישט פאַרקערט. אָנשטאָט „ביל"ו" אָדער „עם־עולם" האָט די נייע באַוועגונג פּראָקלאַמירט: ביל"ו און עם־עולם. אפשר איז איינע פון די וויכטיקסטע שליחותן, וואָס אָט־די נייע באַוועגונג האָט דורכגעפירט (אויסער, נאַטירלעך, איר הויפּט־שליחות פון געבוירן חלוציות — וואָס איז איר וויכטיקסטער צושטייער צו דער מאָדערנער אידי־שער געשיכטע), באַשטאַנען אין דעם אופן פון אַרויסציען אָט אַזעלכע „אָדער"ן. געווען אַן איינשטעלונג: ציוניזם אָדער סאָציאַליזם — אַרויסגעצויגן דעם „אָדער" און פאַרביטן עס מיט ציוניזם און סאָציאַליזם. „ארץ־ישראל אָדער גלות" פאַרביטן אויף „ארץ־ישראל און גלות". ביז אַ געוויסער מדרגה זיינען ענלעכע „אָדער"ן אַרויסגעצויגן געוואָרן פון לאָזונגען, ווי: אידיש אָדער העברעאיש, קלאַס אָדער פאָלק, יוגנט אָדער אַרבעטער און ענלעכע צעטיי־לונגען, וואָס די פאַרשידענע באַוועגונגען האָבן אַרויסגעבראַכט. בלויז דאַן, ווען איין צד פון די צוויי קעגנגעשטעלטע האָט אין זיך גאָרנישט אַנטהאַלטן קיין פּאָזיטיווס, האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פּראָצעס פון אַרויסציען „אָדער"ן *).

*) דעם געדאַנק פון „אַרויסציען אָדערן", ווי איינע פון די היסטאָרישע שליחותן פון אונזער באַוועגונג, האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט פון אונזער חבר לאַצקי־בערטאָלדי זכרונו לברכה. ב. צ.

אַן איבערברוך האָט די דאָזיקע באַוועגונג אַריינגעבראַכט אין דער מאַנאַטעאיזם-פּסיכיק, וואָס איז צו סאָציאַלע פראַגן אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון יענעם שטח, וואו מאָנאָטעאיזם איז געווען און געבליבן דער שעפערישסטער געדאַנק — פון דער טעאָלאָגיע. דאָס וועזן פון סאָציאַלע באַציאונגען איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז אַנכאַפּן זיך אין איין איינציקן געדאַנק, אין איין איינציקער לאָזונג, צום אויסשלוס פון אַלע אַנדערע געדאַנקען, מוז פירן צו איינגעשטאַנענקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פון מחשבה. הלל זאָלאָטאַראָוו, וואָס איז אַליין געווען אַ טיפער שפירער פון אמתן, וואו נאָר זיי אַנטפּלעקן זיך, דערצו נאָך אַן אַנאַרכיסט, וואָס האָט אים אויסגעהיט פון דאָגמאַטישקייט, וואָס איז דאַן געווען דער סימן-מובהק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע; ער האָט מיט זיינע שאַרפע שפיר-חושים אויפגענומען די נייע ענדערונגען, און אויפגעטרייסלט טיף אין דער נשמה דורך דעם קישינעווער פּאָגראָם, האָט אין אים גענומען ציטיק ווערן דאָס געפיל, אַז די מחיצה, וואָס די „עם-עולם"-גרופּע האָט אויפגעשטעלט צווישן זיך און „ביל"ו", איז אַן אומבאַגרינדעטע. ער איז דעריבער געוואָרן דער ערשטער, וואָס האָט גענומען ברעכן די דאַמבע, וואָס אַ היסטאָרישער טעות האָט אויפגעשטעלט צווישן צוויי געשיכטלעך-וויכטיקע אָנהויבן. עס האָט גענומען צייט ביז אין אים האָט זיך קלאָר אויסגעקריסטאַליזירט זיין נייער געדאַנקען-גאַנג. אויך ביי די שעפער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם האָט גענומען געגוג צייט ביז זייער געדאַנקען-גאַנג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פולשטענדיקער וועלט-אַנשויאונג. עס איז אָבער זיכער, אַז די נייע ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע איינשטעלונג האָט אין דער דערשיינונג זאָלאָטאַראָוו געפונען אַ גרויסע שטיצע אויפן אַמעריקאַניש-אידישן באָדן.

זאָלאָטאַראָוו האָט נישט געהאַט דעם מזל פון מאַקס פיין. פיין איז קומען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען אין ארץ-ישראל האָט שוין פונקציאָנירט די הסתדרות. ווען ער האָט גערופן אַראָפּצונעמען דעם חרם, איז שוין אין ארץ-ישראל געווען אַ אידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס אַ סך האָבן שוין דאָ אין אַמעריקע געוואוסט וועגן איר. דערפאַר האָט פיין באַקומען מאַסן-נאָכפאָלגער. זאָלאָטאַראָוו האָט געקענט ווירקן בלויז אין דער ספערע פון מחשבה, זיינען זיינע נאָכפאָלגער געווען בלויז יחידים. אָבער נאָכפאָלגער האָט אויך זאָלאָטאַראָוו געהאַט. מיט אים האָט בכן אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון פאַרריכטן דעם היסטאָרישן טעות, וואָס האָט געפירט צו דער שנאה צווישן „עם-עולם" און „ביל"ו". דאַן זיינען פאַרזייט געוואָרן אין דער מחנה

יורשים פון דעם „עם־עולם"־געדאַנק די קערנער, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַזוי ברייט צעוואַקסן אין דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.

ז.

געשפּייזט איז דער פּראָצעס געוואָרן נישט בלויז פון אַבסטראַקטע מחשבות. האָט מען אין זינען, אַז „עם־עולם" האָט אין אירע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע געמאַכט פאַרזוכן דאָ אויפצובויען אידישע אַגראַר־קאָלאָניעס אויף ענלעכע יסודות, ווי די, אויף וועלכע די איידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן אָנגעהויבן בויען אונזער אַגראַר־ווירטשאַפט; אַז אַזעלכע פאַר־זוכן האָבן זיך דאָך פריער געדאַרפט אויסקאָכן אין האַרץ און מוח פון יענע, וועלכע זיינען גרייט געווען מיט זייערע אייגענע לעבנס צו מאַכן סאָציאַלע עקספּערימענטן; אַז דער דורכפאַל פון יענע פאַרזוכן האָבן געמוזט איבער־לאָזן זייער טיפע נשמה־וואונדן ביי די, וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט; אַז אַזעלכע נשמה־וואונדן, ווייל זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון טיפע, אינער־לעכע רעגונגען און איבערלעבונגען, קענען אפשר מיט דער צייט קיינמאָל אינגאַנצן נישט אויסגעהיילט ווערן — האָט מען דאָס אַלץ אין זינען, ווערט קלאָר, פאַרוואָס דווקא אין אָט־די קרייזן איז אַרויסגערופן געוואָרן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. וואָס קלאָרער עס זיינען פאַר זיי געוואָרן די יסודות, אויף וועלכע די אידישע אַרבעטער־שאַפט אין ארץ־ישראל בויט איר בנין, אַלץ דינער איז געוואָרן דאָס הייטל פון פאַרגעסנקייט, וואָס איז געווען פאַרצויגן איבער זייערע נשמה־וואונדן. זיי האָבן גענומען שפּירן, אַז דאָס וואָס עס האָט אָנגעפילט זייערע נשמות מיט אַזויפיל יוגנט־חלומות, ווערט ענדלעך רעאַליזירט. און דאָס ווערט געטאָן דווקא דורך די קינדער פונעם אידישן פאָלק, וואָס זיי, די עם־עולמ־ניקעס, האָבן נישט צופעליק אָנגענומען ווי זייער סימבאָל די כאַראַקטעריסטיק פון אָט־דעם פאָלק — זיין אייביקייט („עם־עולם"). אַוודאי איז דער איבער־ברוך־פּראָצעס זיי אָנגעקומען מיט טיפע פסיכישע יסורים. נישט גרינג איז שלום צו מאַכן מיטן פאַקט, אַז דווקא זייערע געשוואָרענע קעגנער, די ביל"ויים, האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך יורשים, וואָס רעאַליזירן די טיפסטע באַגערן פון זייערע נשמות, ווען ביי זיי אַליין, ביי די עם־עולמ'ניקעס, האָבן שוין זיך געהאַלטן אין אויסלעשן די לעצטע פונקען פון די אַמאָליקע פייערן. שווער איז אָבער געווען בלויז צו מאַכן די ערשטע שריט. האָט מען אָבער זיך אַליין גובר געווען און דער ערשטער שריט איז געמאַכט געוואָרן, האָבן זיי דאָך געמוזט דערפילן: דאָס איז דאָך אייגן! דאָס פאַרצויגענע הייטל פון

פאַרגעסונג איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. און לייב־און־לעבן האָבן יענע, וועלכע האָבן אָט־דעם רעוואָלוציאָנערן נשמה־פּראָצעס אַליין דורכגעמאַכט, געשטעלט אין דינסט פון דער נייער אַנטפּלעקונג, וועלכע זיי האָבן אויפגענומען נישט ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך, נאָר ווי דעם אייגענעם, ליכטיקן, אין־דער־יוגנט־אויסגעטרוימטן אידעאַל, וואָס מען האָט שוין באַטראַכט ווי טויט און וועלכער איז גאָר פלוצים אויפגעשטאַנען תחיית־המתים אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל!

אויך דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער אידעאַל זייערער האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערבליען אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל, האָט אויך צוגעגעבן פּאָזיטיווע ווירקונגען. אינעם פּסיכאָלאָגישן שמעלץ־טיגל, וואו עס האָט אָנגעהויבן צעשמאָלצן ווערן דער היסטאָרישער שנאה־טעות צווישן עם־עולם און ביל״ו, איז שוין גאַנץ נאַטירלעך צעשמאָלצן געוואָרן די איינגערעדטע קעגנערשאַפט צו ארץ־ישראל בכלל. איך בין איבערצייגט, אַז דער מאָמענט ארץ־ישראל האָט געהאָלפן פאַרשנעלערן דעם צעשמעלצונגס־פּראָצעס. דער ארץ־ישראל מאָמענט איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן צוציאונגס־מוח. האָבנדיק גוט געקענט אַלע פאַרשטאָרבענע בויער און טוער פון גע־ווערקשאַפטן־קאַמפּיין, קענענדיק אַלע לעבעדיקע — אויף לאַנגע יאָר! — איצטיקע טוער — איך מיין יענע, וואָס זיינען נישט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג געקומען צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין — נעם איך זיך דאָס רעכט עדות צו זאָגן וועגן זיי אַלעמען, אַז ליבשאַפט צו ארץ־ישראל האָט געלעבט טיף אין זייערע הערצער. ווען מען האָט געמוזט צאָלן צינז דעם היסטאָרישן טעות, איז דער וויכטיקסטער אָפּצאָל געווען טאַקע דאָס, וואָס מען האָט זיך געמוזט איינריידן אַן אַנטי־ארץ־ישראל־שטעלונג. איז מען אָבער באַפרייט געוואָרן פון אָט־דעם צינז, האָט מען נאָר געלאָזט דער אייגענער נשמה פרייען ווילן — האָט דאַן אַרויסגעשטראָמט די טיפע ליבע צו ארץ־ישראל, וואָס איז געווען אַזאַ צייט איינגעשפּאַרט מיט אַ דאַמבע פון אַ קעגנערשאַפט־אָנשטעל. אין די צוואַנציק יאָר צווישן הלל זאָלאָטאַראָוו און מאַקס פיין האָט דער דאָזיקער פּראָצעס באַרירט יחידים. יענע צייט האָט אונדז, אויסער זאָלאָטאַראָוון אַליין, געגעבן אַזעלכע מענער ווי די פאַרשטאָרבענע משה קאַץ, ש. עלסבערג, י. קאָפּעלאָוו און אין די מאַקס פיין־יאָרן האָט דער פּראָצעס אַרומגעכאַפּט מאַסן. דער פּראָצעס אַליין איז אָבער געווען דער זעלביקער. מאַקס פיין האָט פון אָט־דעם דאָזיקן פּראָצעס געצויגן זיין קראַפט. מיט אים צוזאַמען — די אברהם שיפּליאַקאָווס, די מאַקס צוקערמאַנס, די דזשייקאָב גאָלדשטיינס, די מאָריס פיינסטאָונס. פון זעלביקן פּראָצעס ציען

קראַפט די גרויסע פּלעיאַדע פון לעבעדיקע אידישע סאָציאַליסטן און טרייד־יוניאָניסטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.

די רשימה פון די לעבעדיקע איז, גאָט צו דאַנקען, אַזוי גרויס, אַז אויס־רעכענען זיי איז נישט נויטיק. נויטיק איז בלויז אָנצואווייזן נאָך אויף איין מאָמענט, וואָס מאַכט נאָך בולטער דאָס אויבן־געזאָגטע. נעמלעך: וואָס נענ־טער אַן אַמעריקאַנער אידישער סאָציאַליסט איז געשטאַנען, אָדער דירעקט צום „עם־עולם", אָדער צו די איינפלוסן, וואָס „עם־עולם" האָט אויסגעאיבט (געקומען זיינען שפּעטער אידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע אשר לא ידעו את... „עם־עולם"!), אַלץ גרעסער זיינען געווען די שאַנסן, ער זאָל צושטיין צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. פּירט מען אַדורך אין געדאַנק די וויכטיקסטע יחידים, וואָס האָבן געבויט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, דערזעט מען גאַנץ דייטלעך די פאַרבינדונג צווישן די איינפלוסן פון „עם־עולם" און פאַראינ־טערעסירטקייט אין דער ארץ־ישראל'דיקער אַרבעטערשאַפט און איר בוי־אַרבעט. און זעט מען אָט־דעם זייער אינטערעסאַנטן געשיכטלעכן פּראָצעס, ווערט קלאָר דער ענטפער צו דער ערשטער פראַגע: דער שידוך צווישן די קינדער פון „עם־עולם" און „ביל"ו" האָט געמוזט קומען, ווייל זייער פריער־דיקע צעשיידונג איז געווען אַ היסטאָרישער טעות. מאַקס פּיין האָט צו־געטראָפן צו אַ פּראָצעס, וואָס איז שוין אָנגעגאַנגען. ער אַליין איז געווען אַ טייל פון אָט־דעם פּראָצעס. ער האָט נאָר אויפגעעפנט אַ ברייטערע מאַסן־טיר. דערצו האָט ער געהאָלפן אויפשטעלן די כלי, וואוהין אָט־די אַלע פאַראינטערעסירטע האָבן געקענט אַריינגיסן זייער ענערגיע — דעם געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין.

ח.

עס בלייבט נאָר צוצוגעבן עטלעכע ווערטער ווי אַן ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע: צי איז די מזיגה פון „ביל"ו" און „עם־עולם" געלונגען? דער עיקר ענטפער אויף דער פראַגע ליגט אין דעם פאַקט אַליין, וואָס די מזיגה איז געמאַכט געוואָרן; וואָס דער היסטאָרישער טעות איז קאָרעגירט געוואָרן. די דערפאָלגן פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין גופא קענען אָנגענומען ווערן ווי צוגאָב־באַווייזן, אַז די מזיגה איז געלונגען. איך וויל אָבער אַרויס־ברענגען גאָר אַן אַנדער פּונקט.

עס זיינען אין דער נישט־סאָציאַליסטיש־אידישער מחנה געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו קאָרעגירן ענלעכע היסטאָרישע טעות'ן. דער באַדייטנדיקסטער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן דורך דער אויפבויאונג פון דער אידישער

אַגעניץ פאַר ארץ־ישראל. נישט אָפּלייקענענדיק די וויכטיקע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע פּאַרצוגן אין דער ארץ־ישראל׳דיקער בוי־אַרבעט, וואָס זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער אידישער אַגעניץ, דורך דער מזיגה פון ציוניסטן און נישט־ציוניסטן אַריינגעבראַכט געוואָרן, קען אָבער קיינער אויך נישט לייקענען, אַז די דאָזיקע מזיגה איז ווייט נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך, ווי די מזיגה פון „ביל״ו״ און „עם־עולם״ אינעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. מיט וואָס דערקלערט זיך דער דאָזיקער אונטערשיד?

עס שיינט מיר, אַז די דערקלערונג ליגט אין פאָלגנדיקס: אַן אידייאישע מזיגה פון צוויי אָדער מער שטרעמונגען קען געלינגען נאָר דאַן, ווען יעדער איינער האָט עטוואָס אידייאיש־פּאָזיטיווס בייצוטראָגן. דער ציוניסטישער צד האָט איןביידע פאַלן געהאַט וואָס צוצוטראָגן. דער נישט־ציוניסטישער צד האָט אין פאַל פון דער אַלגעמיינער אידישער אַגעניץ גאָרנישט פאַרמאָגט אידייאיש־פּאָזיטיווס, וואָס זאָל שטאַרקן די מזיגה. אין פאַל פון „עם־עולם״ איז דער פּאָזיטיווער אידייאישער צושטייער — דער איבערבוי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אויף יסודות פון צדק און יושר, אויף יסודות פון סאָציאַליזם — געווען זייער אַ ממשות׳דיקער. אידייע מיט אידייע, וואָס דורך אַ היסטאָרישן טעות קוקן זיי זיך לכתחילה אָן ווי קעגנער, האָבן — ווען דער היסטאָרישער טעות ווערט קאָרעגירט — וואָס צו געבן זיך קעגנזייטיק. זיי קענען זיך קעגנזייטיק באַפרוכפּערן. דערפון קען ווערן אַ מזיגה של קיימא. אידייע אָבער מיט נישט־אידייע קען קיין מזיגה של קיימא נישט אויפשטעלן! וואָלט דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין מיט זיך פאָרגעשטעלט נאָר אַ פילאַנטראָפּישן הילפס־וואונטש, ווען אַפילו מיט סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַפּוצונג, וואָלט זיך זיין כוח שוין לאַנג אויסגעשעפּט. ער האָט זיכער זיך אָנגעשלאָגן אין פונקט אַזעלכע שטערונג־סיבות, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער אַלגעמיינער אידישער אַגעניץ — מאַרשאַל׳ס טויט, די געשעענישן אין ארץ־ישראל אין יאָר 1929 און אין זעלביקן יאָר די ווירטשאַפטלעכע קראַכן אין אַמעריקע — האָבן צוויי פון זיי, די לעצטע, פונקט אַזוי שטאַרק געטראָפן דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, ווי דער אידישער אַגעניץ. טויט פון פירער האָט דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איבערגעלעבט מער ווי איינמאָל. דאָך גייט דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אַלץ מעלה־מעלה. איך האָב דווקא נישט אין זינען זיין שטייגן אין געלט־זאַמלונגען. איך האָב אין זינען דאָס, וואָס זיינע אינערלעכע גייסטיקע כוחות האַלטן כסדר אין וואַקסן. די הסתדרות האָט אַוודאי אין דעם אַ גרויסן חלק פון השפעה. אָבער פונקט אַזוי האָט דאָך די אַלגעמיינע בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל געדאַרפט

דינען ווי אַ שטאַרקונגס־יסוד פאַר דער אַלגעמיינער אידישער אַגענץ. נאָך אַ פאַקטאָר, אויסער דער הסתדרות, האָט בכן געווירקט. דאָס איז דער כאַראַק־טער פון דער מזיגה, וואָס אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. דאָס זיינען די צוויי קדושות, סיי פון „ביל״ו״ און סיי פון „עם־עולם״, וואָס זיינען אין געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין אַריינגעגאָסן געוואָרן.

אַזוי זעען מיר, ווי אויך דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די אויסעראָרדנטלעכע פּאָטענצן, וואָס דער סאָציאַליס־טישער „מזיגה־ציוניזם״ האָט אין זיך פאַרמאָגט.

איך בין איבערצייגט, אַז די פּאָטענצן וואָס דער סאָציאַליסטישער „מזיגה־ציוניזם״ טראָגט אין זיך, וועלן נאָך אַרויסברענגען וויכטיקע רעזולטאַטן אויך אין דער צוקונפט. די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפט פון דער גאָרער וועלט איז נאָך נישט אַרומגעקליבן אַרום דער גרויסער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל. איך פאַרמעסט זיך נישט אין אָט־דעם באַנד צו באַשעפטיקן זיך מיט דער צוקונפט. אָבער עס האָבן שוין פּאַסירט זאַכן, וואָס ווייזן אָן, אַז דער סאָציאַליסטישער מזיגה־ציוניזם האָט נאָך וויכטיקע פּראָבלעמען פאַר זיך. אין מאָנטרעאָל, צום ביישפּיל, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פאָרגעקומען אַ פאַרזוך פון בונדיסטן, צוריק אויפצושטעלן אַן אַנטי־ציוניסטישן אַרבעטער־פראָנט. אין אַמעריקאַנער ציוניזם איז אויפגעשטאַנען אַ זייער וויכטיקע גרופּע פון ציוניסטן, וואָס שטעלן אויף אַ טעאָריע וועגן אַ ספּעציעלן ציוניזם נוסח אַמעריקע. וועגן אָט־די צוויי דערשיינונגען האָב איך זיך פאַרנומען אין אַן אַרטיקל־סעריע, געשריבן אין יאָר 1955. איצט, אין 1962, שטייען נאָך אָט־די פראַגן אויפן סדר־היום.

אָבער אויספירלעך וועגן דעם מוז איך שוין שרייבן אינעם דריטן באַנד זכרונות. אָבער זיכער איז, אַז אונזער „מיזוג־ציוניזם״ — אונזער ציוניזם מיט נאָך עפּעס! — וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי קאָנסטרוקטיוו און שעפעריש אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, וועט נאָך האָבן זייער אַ סך אויפגאַבן אויך אין די קומענדיקע עפּאָכעס פון דער אידישער און מענטש־לעכער געשיכטע.